STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04218

ARTAPANUS KUMT TSURIK AHEYM

M. Tsanin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרטאַפּאַנוס
קומט צוריק אַהיים

מ. צאנין

אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים

יידישער ראמאן

פארלאג „המנורה" תל-אביב

ARTAPANOS COMES HOME
by **M. TSANIN**

אַלע רעכט געהערן דעם מחבר
כל הזכויות שמורות למחבר

Copyright by M. Tsanin

פארלאג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל

„Hamenora" Publishing House,
24, Zangwill st. Tel-Aviv, Israel

נדפס במדינת ישראל
Printed in Israel

1966 — תשכ"ו

דפוס החברה המאוחדת לפרסומים והדפסה בע"מ

I

ירושלים

אויפן וועג קיין ירושלים, ביי דער קרייצונג תל־אביב—אשקלון, האָבן די סיגנאַל־ליכטער אויסגעשפּילט די סימפאָניע פון דער באַוועגונג: רויט... געל... גרין... אַקצעלערירטע גערוישן פון מאָטאָרן, וואָלקנדלעך פון בענזין־ און דיזעל־רויך... רויט!... דער גרילץ פון טאָרמאָזן איז ווי אַ היסטערישער אויסגעשריי ביים דערזען פריש, גלאַנציק בלוט אויפן טעלער פון דעם סיגנאַלן־זייל. אַנטקעגן שווינדלט די לענטע פון באַפרייטע אויטאָס, וואָס יאָגן איןביידע ריכטונגען. און אין דער שפּאַנונג פון דערוואַרטן דאָס געלע און גרינע ליכט, דערזע איך פאַר דער שויב פון מיין אויטאָ אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, אַן אָפענע און מיט פינגער אויסגעשפּרייט, ווי צו בּרכת כהנים. אַ בליק אין דער זייט, און איך באַמערק קוים אַ פּנים מיט אַן אויסטערלישן שמייכל, פאַרווישט מיט דעם לייכטן נעפּל פון בענזין־רויך. איך האָב, אייגנטלעך, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער מאַן וויל פון מיר און וואָס זיין האַנט פאַר דער שויב באַדייט, נאָר ווען אויפן סיגנאַל־זייל האָט אויפגעבליצט דאָס געלע ליכט, האָב איך אים אַן מיין ווילן אָנגעוויזן אויף דער צווייטער זייט כביש, וואָס אין דער ריכטונג קיין ירושלים, און ביים אויפבליצן פון דעם גרינעם ליכט בין איך שנעל אַרומגעפאָרן דאָס וועג־אינדזעלע און זיך אָפּגעשטעלט אַ פּופציק מעטער ווייטער.

איך האָב געהאַט אַ זעלטן געפיל פון אומרואיקער דערוואַרטונג. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער מאַן איז פאַרשוווּנדן, אָדער אפשר האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן, צוליב דער שווינדלענדיקער לענטע אויטאָס, אַז איך האָב געזען אַ האַנט און אַ פאַרנעפּלטן מענטשלעכן שמייכל. דאָך האָט דער אומרו מיך נישט צו רו געלאָזט און איך האָב דורך דעם שפּיגעלע אַרויסגעקוקט, כדי זיך אַליין צו איבערצייגן, צי דאָס, וואָס איך האָב געזען, איז געווען נישט מער ווי אַן אילוזיע.

ער איז פּלוצים דערשינען פאַר מיין אָפענעם פענצטער און מיט דער אָפענער האַנט, ווי פריער, און מיט דעם זעלבן שמייכל געפרעגט:

„צי פאָרט איר קיין ירושלים?"

איך האָב געעפנט די טיר פון מיין אויטאָ און דעם מאַן אָנגעוויזן אַ פּלאַץ נעבן מיר. ער האָט מיר העפלעך געדאַנקט, זיך אַוועקגעזעצט, פאַרמאַכט די טיר און טיף אָפּגעאָטעמט:

„אַלץ ענדערט זיך דאָ — האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין — נאָר דער קלימאַט און די שפּאַנונג בלייבן די זעלבע".

איך האָב געלאָזט דעם אויטאָ אין גאַנג און פון זיין באַמערקונג געטראַכט, אַז מסתמא איז ער אַ נייער עולה, פאַר וועמען דיווירקלעכקייט שטימט נישט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך פריער פאָרגעשטעלט, און די היצן סטימולירן נאָך מער זיין געררייצטקייט. אָבער דער לייכטער, רואיקער שמייכל, וואָס איז נישט אַראָפּ פון זיין פנים, איז נישט געווען פון א גערייצטן מענטש.

„לאַנג אין לאַנד?״ — האָב איך געפרעגט און אַ קוק געטאָן אין זיין זייט.

„רעלאַטיוו — יאָ״ — האָט ער קורץ געענטפערט.

ערשט איצט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב שוין דאָס פנים פון דעם מאַן ערגעץ־ווו געזען, אָדער אפילו אים פערזענלעך באַקענט.

„דער וועג קיין ירושלים איז איצט אַ שיינער״ — האָב איך אים פּראָוואָצירט, כדי פון זיין שטים צו דערגיין, צי איך האָב זי שוין אַמאָל געהערט.

„אָ, יאָ! — איז ער מיט מיר מסכים — אָבער דער שוואַרצער אַספאַלט מיט די אויפגעמאָלענע ווייסע, אָפּגעהאַקטע ליניעס דערמאָנען מיר אַ לאַנגן, שוואַרצן לויפער, דורכגעשטעפּט מיט ווייסע שטעפּ. און דאָס איז ריכטיק. וואָרום טאָמער וואָלט דער וועג געווען אָפן, אָפּגעדעקט, און ער וואָלט פאַר אַלעמען דערציילט די געשיכטע, וואָס איז איבער אים דורכגעלאָפן...״

ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. זיין שטים האָט מיר גאָרנישט דערמאָנט, אָבער זיין באַמערקונג האָט פלוצים אויפגעריסן אין מיר אַ קוואַל פון אויסטערלישע זכרונות, וואָס זענען עפּעס גאָרנישט געווען פאַרבונדן מיט מיין צייט און מיט מיר פערזענלעך. איך האָב נאָך אַ מאָל אַ קוק געטון אויף דעם מאַן: ער איז אַן אייראָפּעישער ייד. דאָס איז זיכער. דאָך, ביי אַלע מיינע קענטענישן צו אידענטיפיצירן אַן אייראָפּעישן ייד לויט זיין פיזיאָגנאָמיע און אַקצענט מיט דעם לאַנד פון זיין אָפּשטאַם, בין איך אין דעם פאַל געבליבן אין ספק.

„אַ יעקע?״ — האָב איך געפּרוווט טרעפן.

„וואָס פאַלט אייך איין? — האָט ער געלייקנט — מיין נאָמען איז אַרטאַפּאַנוס.״

„אַרטאַפּאַנוס... אַרטאַפּאַנוס... איך וואָלט געווען זיכער, אַז איר זענט אַ ליטוואַק, ווען אייער נאָמען זאָל זיין אַרטאַפּאַנאַס, אָבער אויך אייער טיפּ איז נישט פון אַ ליטווישן ייד. גיכער זענט איר אַ פּוילישער ייד, אָדער גאָר פון בעל־שמס מקומות.״

דער מאַן האָט נישט געענטפערט, ווי עס וואָלט געגאַנגען אין אַ רעטעניש און ער וויל נישט שטערן מיין אינטעלעקטועלע אָנשטרענגונג אַליין צו דערגיין די לייזונג. איך דאַרף נאָר אַ ביסל אָנשטרענגען מיין זכרון, איינשטעלן אַ ביסל אָרדענונג אין תקופות און סיטואַציעס און מיר וועלן זיך אַריינפאַלן אין די אָרעמס, ווי אַלטע באַקאַנטע...

פלוצים האָט מיר אויפגעבליצט אין זכרון:

„אַרטאַפּאַנוס?! אַרטאַפּאַנוס! צי האָט איר נישט געהאַט אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים אַ קאָלעגע מיטן נאָמען אייפּאָלעמוס? אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך

נישט, זענט איר אַ היסטאָריקער און צוזאַמען מיט אייער חבר האָט איר פאַרהעלעניזירט די געשיכטע פון ישראל. מאַך איך נישט קיין טעות?״

איך האָב זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דעם, צי דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז געווען געמיינט ערנסט, אָדער אין וויץ. איך בין אָבער איבערראַשט געוואָרן פון דעם ענטפער:

„איר זענט שוין באַלד אויף אַ דרך — האָט דער מאַן געזאָגט אַ צופרידענער — אַרטאַפּאַנוס, וועלכן א י ר מיינט, איז דער, נאָך וועלכן מיין פאָטער האָט מיר אַ נאָמען געגעבן. ער האָט געלעבט מיט קאַרגע הונדערט יאָר איידער איך בין געבוירן געוואָרן. אונדזער קרובהשאַפט באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס מיין פאָטער האָט יענעם אַרטאַפּאַנוס פאַרערט דערפאַר, וואָס ער האָט ב אַ אַ ר ב ע ט די געשיכטע פון ישראל, בעת מיין שטאַם האָט ג ע מ אַ כ ט געשיכטע.״

איך האָב אַקצעלערירט דעם גאַז פון מיין אויטאָ, פעסטער גענומען דאָס רעדל אין מיינע הענט, כדי צו דערפילן, צי דאָס וואָס איך הער — הער איך אין דערווירקלעכקייט, אָדער דאָס וואָס עס געשעט מיט מיר — געשעט אין חלום. מיט דעם געשטייגערטן האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך דערפילט, אַז איך געפין זיך אויף דער שוועל פון ביידע: עס איז סיי ווירקלעכקייט און סיי חלום; אָט טרייב איך דעם אויטאָ מיט דעם אַספאַלטירטן וועג קיין ירושלים און אָט זע איך פאַר זיך דעם אַלטן וועג, וואָס פירט פון דעם פאַרגריכישטן יפו צו ירושלים. נאָר דער וועג איז אַ ביסל אָפּגעווייכט פון דעם אַלטן טראַקט. דער אַלטער וועג, דורך לאַטרון, איז אָפּגעשניטן, ווי מיט אַ מעסער, און דער נייער וועג איז געבויט אין די טעג פון מלחמה פאַר מדינת ישראל...

„באַלד, ס׳איז דאָך אַן אַבסורד — האָב איך אויסגערופן און געפּרוּווט זיך אַליין קאָנטראָלירן — אויב איר זענט געבוירן אַ הונדערט יאָר נאָך דעם היסטאָריקער אַרטאַפּאַנוס פון אַלעקסאַנדריע, זענט איר דאָך אַלט צוויי טויזנט יאָר!״

„אפילו מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט מער״ — האָט דער מאַן געזאָגט רואיק, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. און ווען ער האָט באַמערקט מיין צעטומלטקייט, האָט ער ווייטער געזאָגט:

„זייט נישט איבערראַשט. אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט נאָך דעם אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, וועל איך בקרוב אַלט זיין צוויי טויזנט פערציק יאָר מיט אַ צולאָג פון אַ פינף הונדערט יאָר געשיכטלעכן זכרון... קוקט נישט אַזוי אויף מיר, ווי עס וואָלט גערעדט צו אייך אַ מאַן, וואָס איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען... אויך איר זענט, אייגנטלעך, אַזוי אַלט ווי איך און אפשר אפילו עלטער, נאָר איר האָט דאָס אַלץ צעלייגט אויף באַזונדערע דורות... געבוירן — געשטאָרבן, געבוירן — געשטאָרבן. אפשר, כדי אויך די שווערע לאַסט צו טראָגן מיט אָפּרוען. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו לעבן כסדר, אָן איבעררייס, און טראָגן די משא אָן איבעררייס, ביז דער קרייז וועט זיך פאַרמאַכן... ווען?... ווען?...״

„איר זענט אַהערגעקומען פון פוילן?״ — האָב איך געפרעגט, נאָר כדי ווידער זיך צו קאָנטראָלירן.

„איך ווייס? — האָט ער יידישלעך געענטפערט — ס׳האָט זיך אַלץ אַזוי אויסגעמישט, אַז כדי נישט אַריינצולאָזן זיך אין געאָגראַפישע חקירות און כדי צו זיין עקזאַקט, וואָלט אפשר בעסער געווען צו זאָגן, אַז איך בין אַ וועלט־רייזנדער, וואָס איז אַ מידער צוריקגעקומען אַהיים, צו געפינען מנוחה און... זי נישט געפונען. איך בין געגליכן צו אַ מענטש, וואָס גלייבט, אַז ווען ער וועט כאַפּן זיין אייגענעם שאָטן, וועט ער האָבן דערגרייכט זיין גליקזעליקייט, אָבער וואָס שנעלער און ווייטער ער לויפט נאָך דעם שאָטן, אַלץ שנעלער און ווייטער לויפט זיין שאָטן פאָרויס און ער קען אים קיינמאָל נישט כאַפּן...״

אַרטאַפּאַנוס האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ ווייכן טאָן, ווי ער וואָלט זיך באַהערשט אין קרעכצן פון טיפן ווייטיק. ער האָט זיינע ווערטער נישט פאַרענדיקט. ער האָט צוגעלענט די אויגן און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן. עס איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל. אפילו דער מאָטאָר פון מיין אויטאָ האָט איצט געאַרבעט אָן גערויש, לויפנדיק באַרג־אַראָפּ איבערן גלאַטן אַספאַלט. איך האָב דערפילט אין מיינע גלידער אַ לייכטן פיבער, און אַנטקעגן מיין אויטאָ האָבן זיך פון די ירושלימער בערג אָנגעהויבן אַרויסהייבן אויסטערלישע בילדער, ווי אין אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. איך האָב שוין געוווּסט, אַז דאָס וואָס איך זע פאַר מיין פענצטער איז פאַרבונדן מיט דעם מאַן, וואָס זיצט איצט נעבן מיר. איך האָב באַמערקט אויף זיין פנים לייכטע קראַמפּן אין דעם זעלבן ריטם, ווי דער פיבער אין מיינע גלידער. די אויסטערלישע בילדער אַנטקעגן מיין פענצטער האָבן זיך געוויקלט נענטער און נענטער, איינגעהילט אין דעם בלויען נעפל, וואָס הילט־איין די בערג פון ירושלים...

קאַפּיטל איינס

עס איז געווען אין אַ שפּעט־זומערדיקן טאָג פון יאָר איין און זעכציק פאַר אונדזער צייט־רעכענונג אין רוים. די פּאַראַד־גאַסן פון פּאַלאַטין און קאַפּיטאָל זענען געווען אויסגעפולט מיט אַ פאַרביקן און טומלדיקן פּלעבס. די גרויע מאַסיווע בנינים לענג־אויס די ברייטע, שטיין־געפלאַסטערטע וויאַס זענען געווען דעקאָרירט מיט פאַרביקע טעפּיכער פון דער ווייטער עקזאָטישער וועלט, וואָס אויף יענער זייט ים־הגדול. נעבן דעם טעמפּל פון קאַפּיטאָלישן יופּיטער האָבן טייערע דמשקער געוועבדער, געפאַרבט מיט איידעלע פּאַסטעל־פאַרבן אין די פאַרבערייען פון צור, איבערדעקט אַ ריזיקע טריבונע, ווי אַ חופּה, אויף צו באַשאָטענען דעם חשובן רוימישן אַדל און זייערע אויסגעבשמימטע ווייבער און טעכטער.

רוים איז אין יענע יאָרן געווען איבערזעטיקט מיט פּאַראַדן און דאַנק־טעג צו די געטער פאַר דער הצלחה פון איר שווערד. דאָך האָט אין יענעם שפּעט־זומערדיקן טאָג אויף די היגלען פון פּאַלאַטין און קאַפּיטאָל געהערשט אַ באַזונדער יום־טובדיקייט און אויך נייגער. רוים איז אַרויס אויף די גאַסן אָפּגעבן כבוד דעם לעגענדאַרן בעל־נצחון, דעם קאָנסול און טריאומוויר און, דער עיקר — יאָ, דער עיקר — דעם באַזיגער פון יהודה און פון דעם אויסטערלישן פאָלק, וואָס גלייבט אין אַן איינציקן, אומזעבאַרן גאָט אין הימל. און דער העלדישער פעלדמאַרשאַל גנעאוס פּאָמפּייאוס מאַגנוס האָט אין זיין רייטוואָגן געבראַכט נישט בלויז זיין רום און זיין ווילד מענעריש לעבן, וועגן וועלכן די רוימישע אַדעליקע פרויען האָבן זיך געסודעט. הינטער צעווינטלטע פעכערס האָבן די פרויען אויף דער טריבונע זיך געסודעט פון אויער צו אויער וועגן די רייכטימער, וואָס פּאָמפּייאוס ברענגט מיט זיך און — וועמען ער ברענגט מיט זיך.

אין דער פאָדערשטער ריי פון דער טריבונע, אין סאַמע צענטער, איז נעבן אַ פאָרנעמער עלטערער מאַטראָנע געזעסן אַ יונג מיידל אין די ערשטע צוואַנציקער. דאָס זענען געווען די פרוי און די טאָכטער, קלאַודיאַ, פון דעם זיגער וואָס האָט באַלד געדאַרפט אַדורכמאַרשירן דעם טריאומף־טויער. זענען אַלעמענס אויגן געווען געווענדט אַהין, צום ריזיקן טויער, וואָס אויף צו באַצירן אים האָבן קוים געסטייעט די בלומען אין רוים. און ווען עס איז אָנגעלאָפן דער רייטער־העראַלד מיט דעם סטאַנדאַרד פון פּאָמפּייאוסעס שטאַב און אויסגעשאַלט דאָס אָנקומען פון דעם זיגער, האָט דער אומצייליקער פּלעבס, ווי די אַדעליקע אויף דער טריבונע, איינגעהאַלטן דעם אָטעם. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז דאָס

קלאַפּן פון די געוואונדער איבער דער טריבונע האָט געגעבן דעם אָפּהילך פון אַ ווייטן גאַלאָפּ פון פערד. און פלוצים, פון דער ווייט, וואָס דאָס אויג האָט קוים געקענט זען, איז אַנגעלאָפן אַן אָפּטיילונג פון טויזנט רייטער אין פּאַנצערס און זיי זענען אַדורך דעם טריאומף־טויער אין אַזאַ קאָמפּאַקטקייט, אַז אפילו ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט, האָט זיך געדאַכט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ ריזיקע חיה. און פונקט אַזוי קאָמפּאַקט און מאַסנהאַפטיק האָבן מאַרשירט פּיילן־וואַרפער אין קורצע, ווייסע העמדלעך, מיט פאַרשנורעוועטע פיס און רויטע בענדער אויף די שטערנס.

אַ הונדערט טריט ווייטער פון די פּיילן־וואַרפער האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפמאַרש פון באַזונדערע אָפּטיילונגען, צו צוואַנציק רייען, אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע — עגיפּטער, אדומער, נעגער, סיריער, אַראַבער און גריכן, ווי דער פעלדמאַרשאַל וואָלט פאַרויסגעשיקט פאַרשטייער פון די אונטערייאָכטע פעלקער, וואָס הגם זיי ליגן ביי זיינע פיס, דינען זיי אים אין געהאָרכזאַמקייט. יעדע אָפּטיילונג אין אירע נאַציאָנאַלע קאַמפּס־קליידער, מיט איר באַזונדער כלי־זין — אויף קעמלען, פערד און מויל־אייזלען. און נאָך זיי, אין דער מיט פון אַ וואַלד פון סטאַנדאַרדן און שפּיזן, צווישן גלאַנץ און בליאַסק פון לעגיאָנערן אין ברוסט־פּאַנצערס און צעפינקלטע אָפּיצירן אויף הייסע פערד — ער, פּאָמפּייאוס.

ווי אַ בלאָק געשייערטער קופּער זעט ער אויס אין דעם רייטוואָגן, געשפּאַנט אין דער ברייט מיט זעקס ווייסע פערד. זיין ברוסט איז אַרומגענומען מיט אַ לייכטן פּאַנצער, דער קאָפּ באַקראַנצט מיט אַ מירטן־קראַנץ, און פון דעם, ווי אַזוי ער צוימט מיט די פעסטע זון־אָפּגעברענטע אָרעמס די צעשוימטע פערד, דאַכט זיך, אַז דורך די לייצעס פלייצט פון אים דער כוח צו די פערד און פון די הייסע פערד ריזלט צוריק צו אים זייער בלוט.

ווי דער רוימישער גאָט פון מלחמה האָט ער אויסגעזען, און אַ ציטער פון ערפורכט איז אַריבער איבער די לייבער פון די צוקוקער. הינטער דעם רייטוואָגן פון דעם פעלדמאַרשאַל — דריי בלאָקן רייטוועגנער, און יעדע אָפּטיילונג איז געשפּאַנט מיט פערד פון אַן אַנדער און איינהייטלעכער פאַרב: פון אָנהייב שוואַרצע פערד — שוואַרצע, ווי דער פּעך אויף דער אויבערפלאַך פון ים־המלח, דערנאָך געלע פערד, ווי די פאַרב פון צעגליטע זאַמדן אין דער מדבר, און צום סוף — ווייסע פערד, ווי דער ווייסער זייד פון דמשק. און איבער די רייט־וועגענער — אויפגעשפּיזטע סטאַנדאַרדן פון רוימישן שטאָלץ און נצחון.

ווען פּאָמפּייאוס איז פאַרבייגעפאָרן די טריבונע איז אַ שנייי פון בלומען־פּליטערלעך אַראָפּ איבער זיין קאָפּ. אַ כאָר פון פרויען־שטימען האָט אויפגעריסן די פּייערלעכע לופט מיט אויסרופן:

„וויוואַט, ליבקינד פון די געטער! וויוואַט, פּאָמפּייאוס מאַגנוס! וויוואַט, רוימס זיגער!"

דער טריאומוויר האָט נאָך העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די זון האָט אַ בליאַסק געטון אין זיין ברוסט־פּאַנצער און ער האָט געשענקט דער טריבונע זיין

פאַרפירערישן שמייכל, וואָס האָט אַזוי תמיד פאַרכישופט די פרויען פון רוים. פּאָמפּייאוס האָט שפּילעוודיק באַפרייט איין האַנט פון די לייצעס, אויפגעכאַפּט אַ האַנטפול בלומען־פּליטערלעך און מיט אַ פּעכט־באַוועגונג זיי געוואָרפן אין דער ריכטונג צו זיין פרוי און זיין טאָכטער. קלאַודיאַ האָט צעשפּרייט אירע נאַקעטע אָרעמס, ווי צוויי אַלעבאַסטער־צווייגן, ווי זי וואָלט וועלן אַרומנעמען איר פאָטער און נאָך מער...

קלאַודיאַ האָט שוין געוווּסט, אַז דער פאָטער קומט נישט צוריק אַליין. צוזאַמען מיט רייכטימער פון די פּאַלאַצן און טעמפּלען פון די באַזיגטע לענדער ברענגט ער אויך געפאַנגענע הערשער. און צווישן די געפאַנגענע הערשער געפינען זיך אויך יהודייער; יהודייער, פון דעם פאָלק, וואָס גלייבט אין איין גאָט...

נישט ווינציקער ווי זי האָט באַגערט צו זען איר זיגערישן פאָטער, האָבן אירע אויגן אויסגעקוקט די מחנה געפאַנגענע. זי האָט זיך נישט אָוועקגעזעצט צוריק, ווען דער רייטוואָגן פון איר פאָטער האָט זיך דערווייטערט; זי האָט מיט די אויגן געזוכט ווייטער, ווייטער. און איר האַרץ האָט געפלאַטערט פון אומגעדולד. הינטער צוויי רייען ברוין־הויטיקע פּעכטער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ דער געפאַנגענער מלך פון יהודה, אַריסטובול.

אַריסטובול איז געווען אָנגעטון אין זיין קעניגלעכן טראַכט, אויף חוזק צו מאַכן פון אים, און די שייד פון זיין שווערד איז ליידיק — דער סימבאָל פון אַ קעמפערס געפאַלנקייט. פון זיין רעכטער זייט איז געגאַנגען זיין זון, אַנטיגונוס, הויך און שלאַנק, ווי אַ הירש; פון זיין לינקער זייט — אַרטאַפּאַנוס. ער, נישט ווי דער געפאַנגענער מלך, איז געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַ שטאָלצער און מיט אַ פריי פּנים. הינטער זיי — צוויי יונגע פרויען — די טעכטער פון אַריסטובול — מידע און פאַרשעמטע. און ווייטער, אין אָפּגעטראָגענע מיליטערישע טראַכטן, איז געגאַנגען אַ גרופּע קאָמאַנדירן פון אַריסטובולס אַמאָליקן חייל, און יידן, יידן...

וואָס מער זיי האָבן זיך דערנענטערט צום טריאומף־טויער, אַלץ מער האָט אַרטאַפּאַנוס נישט אויפגעהערט רעדן צום מלך:

„הייב אויף דעם קאָפּ, אַריסטובול, געדענק אין דיין אַלעקסאַנדער, וואָס איז שוין זיכער צוריק אין ירושלים!"

דער אַמביציעזער אַריסטובול, פאַרוווּנדעט אין זיין קעניגלעכן שטאָלץ, האָט אפילו נישט געטראַכט, אַז נאָך דעם לאַנגן וועג, וואָס די געפאַנגענע האָבן דורכגעמאַכט, וועט ער, דער זון פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, געצוווּנגען ווערן צו גיין אין טריאומף־צוג פון פּאָמפּייאוס. אָבער דער יונגער אַנטיגונוס, וואָס איז געווען זיכער, אַז אויך אים וועט לסוף געלינגען צו אַנטלויפן פון געפאַנגענשאַפט, ווי זיין ברודער איז אַנטלאָפן, האָט די ווערטער פון אַרטאַפּאַנוס אָנגענומען, ווי זיי וואָלטן געזאָגט געוואָרן צו אים. האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הייך.

פלוצים,ביים פאַרבייגיין די טריבונע, האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן אַזוי, אַז ביי דער טריבונע האָט מען געקענט הערן:

„קלאַודיאַ!"

כאָטש זיין גוף איז געווען אין שווייס פון לאַנגן אויסמאַטערנדיקן גאַנג, האָט ער דערפילט ווי אַנגסטן זענען אים אַרויסגעטרעטן. ער האָט זיין פּנים פאַרשטייפט, נאָך מער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָבער נישט קוקן צו קלאַודיאַן איז געווען איבער זיינע כּוחות. ער האָט דורשטיק געזוכט איר בליק און איר געפונען, ווייל אויך זי האָט אים געזוכט און געפונען. ער האָט באַמערקט ווי איר האַנט האָט אַ ציטער געטון, זיך אויפצוהייבן, און געבליבן ביי איר ברוסט אין אַ פויסט. זי האָט בלויז געשמייכלט צו אים מיט אַ פאַרלוירענעם בענקשאַפט־לעכן שמייכל. טרערן זענען אים אַנגעלאָפן אין די אויגן און פאַרנעפּלט איר געשטאַלט. ער איז פאַרביי און זי פאַרלוירן. האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזען, אַז אויך זי קוקט אין זיין ריכטונג מיט דעם זעלבן פאַרלוירענעם שמייכל און פאַרבענקטן בליק.

„איז דאָס געווען קלאַודיאַ?" — האָט אַריסטובול געפרעגט.

„ווי גאָט איז מיר ליב — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט מיט א קורצן אָטעם — איך האָב זי דערקענט נאָך איידער איך בין פאַרבייגעגאַנגען. זי איז די זעלבע, זי האָט זיך גאָרנישט געענדערט. גאָרנישט געענדערט."

„ווער איז עס קלאַודיאַ?" — האָט געפרעגט די עלטערע טאָכטער פון אַריסטובול.

„זי איז די טאָכטער פון פּאָמפּייאוס" — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אויף הינטן.

„אַ צויג" — האָט דאָס מיידל גיפטיק געזאָגט.

אַרטאַפּאַנוס האָט די באַמערקונג אַראָפּגעשלונגען ווי אַ שטיין. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן אויף אַ רגע, אויף אַן אויגנבליק, ווי ער וואָלט כאָטש אויף אַט דער רגע צוריקגעקערט אין דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער די זעלנערישע טריט פאַר אים און די טריט פון די געפאַנגענע מלכים און פּרינצן און זייערע סוויטעס הינטער אים האָבן אים געהאַלטן אין דער ווירקלעכקייט — ער איז דער געפאַנגענער פון דעם פאָטער פון זיין אַנומלטיקער געליבטער פרוי...

בעת דער פאַראַד־צוג איז אָנגעקומען צום סענאַט־בנין האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. אויף די טרעפּ מיט די מעכטיקע טונקל־גרויע זיילן האָבן דעם זיגער אָפּגעוואַרט די סענאַטאָרן, הויכע מיליטערלייט און רעגירונגס־מענער. פּאָמפּייאוס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין רייטוואָגן און מיט פעסטע, מיליטערישע טריט געגאַנגען אין דער ריכטונג צו די טרעפּ, בעת אַנטקעגן אים האָט זיך מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט דערנענטערט יוליוס צעזאַר. ביידע מענער האָבן זיך באַגריסט ווי אַלטע גוטע פריינט, וואָס האָבן זיך ענדלעך ווידער באַגעגנט. אָ, דעמאָלט זענען זיי נאָך געווען פריינט, אָט די צוויי מענער. זיי

האָבן זיך אָנגענומען בײַ די הענט און אונטער ווײוואַט־אויסרופן פון די סענאַטאָרן זענען בײדע אַרויפגעשטיגן אויף די טרעפּ.

ביים פאַרביימאַרש פון די געפאַנגענע האָט איצט פאָמפּייאוס געקענט אָנווייזן אויף יעדן איינעם פון די געפאַנגענע מלכים און פּרינצן, איבער וואָס פאַר אַ לאַנד ער האָט רעגירט און וואָס פאַר אַ גרויסער פּיינט פון רוים ער איז געווען. און אויך איצט האָט אַרטאַפּאַנוס געמונטערט אַריסטובולן, ער זאָל אויפהייבן דעם קאָפּ. זאָלן די רוימישע הערשער נישט מיינען, אַז מיטן באַזיגן דעם גוף פון יהודה האָבן זײ אויך באַזיגט די נשמה פון דעם מלך.

„זאָל ער דיך נישט זען, דער אכזר, אַ געשלאָגענעם!" — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן מיט פאַדערונג.

אַריסטובול איז געבליבן אין זיין עקשנות. ער האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן, דאָך האָט ער געקוקט פון אַ זייט אויף די צוויי מענער, בוזעם־פריינט דעמאָלט, וואָס אין אַ שפּעטערדיקער אינטריגע פון איינעם קעגן צווייטן, האָט ער, אַריסטובול, געפונען דעם טויט. אַריסטובול האָט זיין גורל נישט געאַנט, ווי ער האָט פריער נישט געאַנט דעם גורל פון יהודה. אָבער דער דורכדרינגלעכער אַרטאַפּאַנוס האָט, באַרירנדיק הינטנאַרום דעם אָרעם פון אַנטיגונוס, געזאָגט צו אים, אַז סײַ דער מלך און סײַ זיינע טעכטער זאָלן הערן:

„דו ביסט יונג און דו דאַרפסט געדענקען: ביי אָט די צוויי רוימישע וועלף וועט דאָס שעפעלע יהודה נישט קענען עטעמען."

אַרטאַפּאַנוס האָט געאַנט זיין גורל, ווי ער האָט פריער געאַנט דעם גורל פון יהודה.

קאפיטל צוויי

אַרטאַפּאַנוס, ווי דער מלך, וועלכן ער האָט געדינט, איז געווען פון דער חשמונאים־משפחה, און ווי די גאַנצע חשמונאים־משפחה אין יענער צייט, האָט אויך ער באַקומען אַ שטרענגע העלעניסטישע דערציאונג. זיין פאָטער, אליעזר־עפּידעס, מיליטערישער ראַטגעבער פון מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, האָט אים ווי אַ קינד נאָך אָפּגעריסן פון דער מוטער און אים אַרויסגעשיקט אין דעם פּאַר־גריכישטן יריחו, ער זאָל באַקומען זיין דערציאונג אין אַן אומגעשטערטער העלעניסטישער אַטמאָספער.

צווישן דער אַריסטאָקראַטיע פון די פּרושים אין ירושלים האָט מען געשמועסט, אַז צוליב דעם, וואָס אליעזר־עפּידעס האָט זיין קינד אַוועקגעשיקט צו דערציען אים אויף די גריכישע גימנאַזיאָנען, איז די מוטער פון אַרטאַפּאַנוס יונג אַוועק פון דער וועלט. וואָרום זי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דעם פרומען בבל, וווּ יידן האָבן נישט געוווּסט פון קיין מלחמות און שנאה צווישן זיך, און זי האָט געחלומט איר איינציקן זון אַוועקשיקן אין יענעם לאַנד, צו איר רייכער פאַמיליע, ער זאָל זיך אָנזאַפּן מיט ליבשאַפט צו יידן און מיט נישט געשטערטער גאָטפאָרכטיקייט.

אין ירושלים האָט קיין סוף נישט גענומען צו די אייביקע מרידות און שנאה צווישן יידן. וואָס מער אַלעקסאַנדער־יאַנאַי האָט אויסגעברייטערט די גרענעצן פון יהודה, אַלץ מער האָט זיך פאַרטיפט די אַסימילאַציע אין הויף און אַלץ גרעסער איז געוואָרן די שנאה צווישן די צדוקישע הערשער און די פּרושים. און ווי אַלעקסאַנדער־יאַנאַי האָט געהאַסט די פּרושים אין יהודה, אַזוי האָט ער נישט ווינציקער געהאַסט די יידן אין גלות, וואָס אויסער וואָס זיי שיקן געלט פאַרן בית־המקדש און פאַר דער מלוכה, שיקן זיי אויך געלט צו די פּרושים אין ירושלים אויף אויפצוהאַלטן פרומקייט.

אַרטאַפּאַנוס איז אַלט געווען זעקס יאָר, ווען זיין פאָטער האָט אים אָפּגעריסן פון דער היים, פון דער השפעה פון זיין מוטער און אים אַוועקגעפירט קיין יריחו. לאַנג האָט דאָס סענטימענטאַלע קינד זיך געפילט אין יריחו ווי אַ יתום. ער האָט געבענקט צו זיין מוטער. ער האָט געבענקט צו די אָוונטן, אין וועלכע זיין מוטער פלעגט אים דערציילן מעשיות וועגן איר אַלטער היים, וואָס האָט פון דער ווייטנס אויסגעזען אַזוי אינגאַנצן שיין און אַזוי שלווהדיק. אָבער שנעל האָבן זיינע לערער, סירישע גריכן, אויסגעוואָרצלט פון אים די געפילמעסיקייט

פון זיין מוטער און אים אָנגעלאָדן מיט ספּאַרטאַנישקייט. דאָס איז זיי נישט שווער אָנגעקומען. פיזיש איז אַרטאַפּאַנוס ווי געבוירן געוואָרן פאַרן גימנאַזיאָן — מיט שטאַרקע, שלאַנקע ביינער און פלינק, ווי דער ווינט.

צו צען יאָר האָט אַרטאַפּאַנוס געצוימט ווילדע פערד און איז געווען דער ערשטער אין שנעלן לויפן; זיינע פיילן האָבן געטראָפן אין ציל, ווי אַ בליק. אליעזר־עפּידעס, וואָס פלעגט קומען אים באַזוכן צווישן איין פעלד־צוג און צווייטן, אין וועלכע ער פלעגט באַגלייטן דעם מלך, האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון דער אומדערשראָקנקייט און אויסגעאיבטקייט פון זיין זון. דער יונג איז געווען ווי געגאָסן פון בראָנדז, אָבער זיינע גלידער זענען געווען בויגזאַם, ווי די גלידער פון אַ פּאַנטערע.

„צען טויזנט אַזעלכע ווי אַרטאַפּאַנוס און יהודה וועט זיין אַ גרויס מלכות" — פלעגט אליעזר־עפּידעס שאַצן זיין זון פאַר אַלעקסאַנדער־יאַנאַי. אָבער ווען דער פאָטער איז איינמאָל געקומען און געזאָגט, אַז ער וויל אים מיטנעמען אין דער מלחמה מיט דעם סירישן פירשט דעמעטריוס, ביי שכם, האָט דער יונגער אַרטאַפּאַנוס אָפּגעזאָגט. אין זיין געדעכעניש איז געבליבן דאָס געשפּרעך צווישן אים און זיין פאָטער.

אליעזר־עפּידעס האָט זיין זון דערציילט, אַז די פּרושים האָבן אויפגעשטעלט אַ מורדים־באַוועגונג קעגן דעם מלך אַלעקסאַנדער, און אין זייער פאַרראַט קעגן יהודה האָבן די פאַנאַטיקער זיך געוואָנדן צום סירישן פירשט פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעסעס שטאַם, ער זאָל זיי העלפן צעשמעטערן די הערשאַפט פון דעם מלך פון די חשמונאים. אַרטאַפּאַנוס האָט געפרעגט דעם פאָטער:

„מיט וואָס פאַר אַן אַרמיי גייט אַרויס אונדזער מלך אין מלחמה?"

עפּידעס, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער פראַגע, האָט געענטפערט:

„דער מלך גייט אַרויס מיט אַ שטאַרק חייל. צוליב דער גרויסער צאָל מורדים האָט דער מלך געדונגען געקליבענע גריכישע קעמפער, כדי מיט איין מאָל אַ סוף צו מאַכן צו דער מרידה."

„דאָס מיינט, פאָטער, אַז אויך דעמעטריוסעס חייל איז פון גריכן און יידן" — האָט אַרטאַפּאַנוס געמאַכט דעם אויספיר.

„ריכטיק — האָט דער פאָטער באַשטעטיקט — דעמעטריוס איז געקומען מיט זיין אַרמיי און צו אים זענען צוגעשטאַנען די יידישע מורדים."

„וועל איך אין אַזאַ מלחמה זיך נישט באַטייליקן — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט — איך וועל נישט קעמפן קעגן גריכן, וואָס האָבן מיר געגעבן זייער גייסט, און איך וועל נישט קעמפן קעגן יידן, ווייל אויך איך בין באַשניטן!"

אליעזר־עפּידעס איז דערשיטערט געוואָרן פון דעם ענטפער, און ער איז אַוועק, ווי ער איז געקומען. בעת דער מלך, וואָס האָט געדאַרפט זיינע אייגענע

אַנפירער פאַר דעם געדונגענעם גריכישן חייל, האָט געהערט וועגן דעם שמועס, האָט ער געזאָגט צו זיין פריינט:

„פון דיינע צען טויזנט אַרטאַפאַנוסעס פאַר יהודה האָסטו מיר אפילו דעם איינציקן נישט געבראַכט."

עפּידעס האָט זיך דעמאָלט דערפילט, ווי ער וואָלט מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעליפערט זיין איינציקן זון צו פרעמדע געטער. וואָרום אַרטאַפאַנוס האָט געליטן פון זיין באַשניטנקייט. ווען ער פלעגט זיך דאַרפן גיין באָדן צוזאַמען מיט זיינע גריכישע חברים, האָט ער מיט צאָרן געטראַכט וועגן זיינע עלטערן. ער טיילט זיך מיט גאַרנישט אויס פון זיינע חברים. פאַרקערט, ער לויפט בעסער פון זיי, רייט בעסער פון זיי און שיסט בעסער פון זיי. אין זיין גריכיש איז נישטאָ קיין סימן פון פרעמדקייט. אָבער אין זיין גוף האָבן זיינע עלטערן אויף אייביק איינגעשניטן אַ צייכן פון אַ פרעמדן. פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבן דאָס די עלטערן געטון? ער זאָל זיך דערפון שעמען פאַר די, וואָס לערנען אים און פאַר די, מיט וועלכע ער לערנט? ער איז אַ העלענער מיט אַ שאַנד־צייכן...

עס האָט אויסגעזען, אַז אַרטאַפאַנוס וועט קיינמאָל נישט צוריקקומען צו זיין שטאַם, הגם אייביק וועט ער טראָגן דעם צער פון באַשניטנקייט. איז געשען איינמאָל אַ פאַל: די גריכישע שטעט אין יהודה האָבן איינגעאָרדנט אַ וועטלויף אין סקיטאָפּאָליס, וואָס איז בית־שאן. יריחו האָט געשיקט אַרטאַפאַנוסן, וואָס זיין פלינקייט איז געווען באַרימט אויף די גימנאַזיאָנען אין לאַנד. ער איז דעמאָלט אַלט געווען קוים זיבעצן יאָר. ווי דער שטייגער, האָבן די לויפער געדאַרפט דערשיינען אויף דעם סטאַדיאָן נאַקעט. און ווי אין דעם שטייגער פון יידישע אַנטיילנעמער אין וועטלויפן, האָט אַרטאַפאַנוס פאַרקלעפּט דעם צייכן פון זיין באַשניטנקייט. בעת ער איז דערשינען אויפן סטאַדיאָן האָט ער אויסגעזען ווי דער גאָט אַפּאָלאָ. זיינע צעגלאַנצטע בראָנדזענע גלידער האָבן געפיבערט מיט הייס בלוט. אין זיין הויט האָט זיך געשפּיגלט די זון. דער עולם האָט געשטורעמט מיט אויסרופן פון באַוווּנדערונג: „אַרטאַפאַנוס! אַרטאַפאַנוס!" ווער קען זיך פאַרגלייכן אין פלינקייט און אַפּאָלאָנישער שיינקייט צו אַרטאַפאַנוסן? אויך דאָס מאָל וועט אַ מירטן־קראַנץ באַצירן דעם קאָפּ פון אַרטאַפאַנוסן!

דער וועטלויף האָט זיך אָנגעהויבן: צען יונגע מיט שלאַנקע גופים, ווי פון הירשן, לויפן אַרום דעם רינג פון סטאַדיאָן. אַלעמענס אויגן זענען געוואָנדן צו אַרטאַפאַנוסן. שאַרפע היסטערישע געשרייען פון פרויען העצן דעם לויפער: „אַרטאַפאַנוס! אַרטאַפאַנוס!" און ער — ווי ער וואָלט געשוועבט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט די ערד מיט די פיס נישט באַטרעטן. אָט איז ער מיט אַ קאָפּ פאַרויס, און באַלד איז ער פאַרויס מיט דריי און מיט פיר גופים. ביים צווייטן אומקרייז זענען שוין אַלע איבעריקע לויפער ווייט הינטער אים. די לעצטע האָבן נאָך דעם צווייטן אומקרייז נישט פאַרענדיקט און ער איז שוין ווייט אין דריטן. ער פילט נישט מער די ערד אונטער זיך, די הענט און די פיס זענען פליגל און די התלהבות

פון דעם עולם איז די לופט, אויף וועלכער ער שוועבט, מיט דער ברוסט פאָרויס, דעם קאָפּ אין דער הייך און אין די אויערן דער שטורעם: „אַרטאַפּאַנוס! אַרטאַ־פּאַנוס!" אָבער אָט פילט ער ווי זיין צייכן פון באַשניטנקייט האָט זיך אויפגע־קלעפּט, ער איז פאַרלוירן. דער טראַקט אַנטקעגן אים ווערט פאַרווישט. עס שוועבט שוין נישט מער דער העלענער אַרטאַפּאַנוס, נאָר עס לויפט דער באַשניטענער יהודייער. אין די הילכיקע געשרייען „אַרטאַפּאַנוס!" דאַכט זיך אים, אַז ער הערט די היסטערישע געשרייען פון פרויען: „באַשניטענער!"

קיינער האָט נישט באַמערקט. ער איז פאָרויסגעלאָפן אַ האַלבן סטאַדיאַן און געקומען דער ערשטער און געוואָרט אויף די אַנדערע. די טריבונע איז צעיובלט, די הוראַ־געשרייען צערייסן די לופט, פרויען פעכערן מיט זייערע טיכער: „אַרטאַפּאַנוס! אַרטאַפּאַנוס!" ער שטייט אויסגעדרייט, אָטעמט שווער און באַמיט זיך קיינער זאָל נישט באַמערקן, וואָס איז געשען מיט זיין יידישן צייכן. ער דרייט זיך, ווי ער וואָלט באַקומען קראַמפּן. ער האָט נישט מער קיין מוט אפילו אויפצוהייבן די האַנט און צו ענטפערן אויף די יובל־געשרייען. עס לויפן אַרויף די לעצטע לויפער, ער זעט זיי נישט. זיינע אויגן זענען פאַרנעפּלט. ער פילט ווי עמעצער נעמט אים אָן ביי דער האַנט. מסתמא אַנצוטון אים דעם זיגער־קראַנץ. אָבער איינער פון די לעצט־געקומענע באַמערקט זיין צייכן פון באַשניטנקייט, ווייזט אָן אויף זיין יידישן גליד און צעשרייט זיך: „ער איז אַ באַשניטענער! ער איז אַ באַשניטענער! צעקאַלעטשעטער העלענער!"

און ווי אַ כוואַליע, וואָס שטויסט זיך אָן אין אַ פעלדזענעם בּרעג און שלאָגט צוריק מיט שוימיקער ווילדעניש, אַזוי האָט זיך דער ענטוזיאַזם פאַרן זיגער אַנגעשלאָגן אין דעם יידישן לייב פון אַרטאַפּאַנוס און זיך צעשוימט אין ווילדע קוויטשערייען:

„באַשניטענער! צעטרייבערטער העלענער!"

אונטער די בייטשן פון חרפה איז אַרטאַפּאַנוס אַראָפּ פון סטאַדיאַן. דער נצחון־קראַנץ איז געבליבן נישט אָנגעטון אויף זיין קאָפּ. ער האָט אים געטראָגן אין דער האַנט, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ שטיין, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין זיין יידישן לייב. דער זיגער איז געווען דער באַזיגטער, דער צעבראָכענער.

דאָס איז געשען אין דער צייט, ווען דער מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי האָט געליטן אַ מפלה פון דעם אַראַבישן קעניג אַרעטאַס, ביי חדידה, אויפן וועג קיין ירושלים. די מלכים האָבן צווישן זיך געשלאָסן שלום, אָבער דאָס איז געווען אַ שלום אויס צוואַנג. און ירושלים איז געווען נידערגעשלאָגן. אין אָט דעם ירושלים איז צוריקגעקומען דער יונגער אַרטאַפּאַנוס מיט זיין פּערזענלעכער דערשלאָגנקייט.

„מיר האָבן ביידע פאַרשפּילט מלחמות — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט צו זיין פאָטער — דו אויפן שלאַכטפעלד ביי חדידה און איך אויפן סטאַדיאַן אין סקיטאָפּאָליס."

„דאָך האָבן מיר געשלאָסן שלום״ — האָט אליעזר־עפּידעס געמאַכט זיך, אַז ער פאַרשטייט נישט דעם זונס רמז.

„איך וועל אַזאַ שלום קיינמאָל נישט שליסן!״ — האָט דער זון געזאָגט מיט יוגנטלעכער זיכערקייט.

„אָ, מיין זון! — האָט דער פאָטער אויסגערופן — איך האָב געמיינט, אַז איך דערציִ אַ צדוקי, און איך האָב דערצויגן אַ פּרושי.״

„אויב צדוקי מיינט קאַפּיטולאַציע און קאַפּיטולאַציע ווערט פאַרביטן אויף ,שלום׳, בין איך נישט קיין צדוקי״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט.

דער פאָטער האָט דעם זון אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע:

„דו רעדסט ווי אַ העלענער און נישט ווי אַ פּרושי.״

„גלויבסטו, פאָטער, אַז דער גימנאַזיאָן אין יריחו איז שטאַרקער פון דעם בלוט פון מתתיהו בן־יוחנן?״ — האָט דער זון אים אַרויסגעפאָדערט.

אליעזר־עפּידעס האָט באַהאַלטן דעם אומווילן פון די העלעניזירטע חשמונאים צו דעם, וואָס האָט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון אַ העליניסט, בעת ער האָט זיך געקליבן ברענגען אַ קרבן אויף אַ געצנדינערישן מזבח אין מודיעין. די הערשערישע חשמונאים האָבן דאָס געוואָלט אויסמעקן פון זייער זכרון. אָבער דווקא דער העלעניזירטער זון, אַרטאַפּאַנוס, האָט אים דאָס דערמאָנט. כדי צו מאַכן אַ סוף און נישט מער רייצן דעם זון אין זיין דערשלאָגנקייט, האָט דער פאָטער צוגעגעבן:

„אין אַלע פון אונדז ווירקט דאָס בלוט פון מתתיהו. און ווער נאָך, אַזוי ווי מיר, האָבן אויסגעברייטערט דאָס לאַנד, פונאַנדערגערוקט זיינע גרענעצן? אָבער מיר קענען נישט בלייבן שטיין ביים פאַנאַטישן דאַרפסמאַן, וואָס האָט געוואָלט די אָרדענונג פון הימל פאַרוואַנדלען אין אַ שטייגער אויף דער ערד, ווי עס ווילן די פּרושים.״

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך באַרואיקט. דעם פאָטערס ווערטער האָבן געהאַט אַ טעם. יאָרן נאָך יאָרן האָט ער אויפן גריכישן גימנאַזיאָן אין יריחו איינגעזאַפּט די תורה: גיב די געטער קטורת זיי זאָלן קענען רואיק שלאָפן, כדי די מענטשן זאָלן קענען פריי וואַך זיין. אַרטאַפּאַנוס האָט נישט צו אָפט געטראַכט וועגן דעם, אָבער ווען מען זאָל אים פרעגן, וואָלט ער נישט געלייקנט, אַז ער גלייבט אין דעם איינציקן גאָט אין הימל און אין די געבאָטן פון זיין תורה, ווי אין דער נאַציאָנאַלער מיטאָלאָגיע. אָבער נישט מער ווי מיטאָלאָגיע! פאַרוואָס־זשע זאָל אַ ייד מוזן באַגלייט ווערן פון גאָט סיי ווען ער גייט אין מלחמה, סיי ווען ער ווילט זיך מיט זיינע חברים און אפילו ווען ער גייט צו אַ פרוי? מיט דעם אַלעם האָט ער מסכים געווען מיט זיין פאָטער, ווי מיט אַלע פון זיין סביבה. דאָך האָט ער געפרעגט זיין פאָטער:

„וואָס פאַר אַ זין ליגט אין אויסברייטערן די מלוכה, ווען אין די נייע גרענעצן קומען אַריין נישט יידן, נאָר געצנדינער?״

„מיר וועלן די געצנדינער דערנענטערן צו זיך, ווי מיר האָבן עס געטון מיט די אדומער״ — האָט עפּידעס געזאָגט.

„דערנענטערן — האָט סאַרקאַסטיש רעאַגירט אַרטאַפּאַנוס — דערנענטערן זיי, זיי זאָלן אין אונדזער מלוכה חוזקן פון אונדז, אָפּלאַכן פון אונדזער באַשני־טנקייט, אַז מיר זאָלן זיך דאַרפן שעמען. ניין, פּאָטער, נישט זיי זענען ביי אונדז, נאָר מיר זענען דורך זיי געפאַנגען!...״

פון אַרטאַפּאַנוסעס באַמערקונג האָט דער פּאָטער פאַרשטאַנען, ווי טיף זיין זון איז פאַרווונדעט געוואָרן אויפן סטאַדיאָן אין בית־שאָן. עפּעס נישט צו באַגרייפן, האָט ער געטראַכט. געהאַלטן אים ווייט פון ירושלים, געגעבן אים אַ ריין־העלעניסטישע דערציאונג, אָבער ווי נאָר ער איז באַליידיקט געוואָרן ווי אַ ייד, רייסן זיך אַרויס פון זיין געמיט טענער פון דער מוזיק פון די פרושים, וואָס ער, אַרטאַפּאַנוס, האָט אפילו נישט געקענט. זאָגן דאָך די פרושים דאָס זעלבע, אַז אַלעקסאַנדער־יאַנאַי ברייטערט אויס די גרענעצן, כדי צו האָבן וואָס מער העלעניסטן, ווען אפילו פרעמדע, כדי אָפּצושוואַכן די השפעה פון די פרושים.

אליעזר־עפּידעס האָט מורא געהאַט פאַר אַזעלכע געדאַנקען ביי זיין זון. די באַוועגונג פון די פרושים האָט זיך געהאַלטן אין שטאַרקן. זייער איינפלוס איז אפילו אַריינגעדרונגען אין קעניגלעכן הויף און עס איז מער קיין סוד נישט געווען, אַז די קעניגין שלומציון־אַלעקסאַנדראַ איז מיט זיי. עפּידעס האָט אפילו געהאַלטן, אַז דער קעניגינס ווידערשטאַנד צום שטייגער פון איר מאַן איז צוליב אירע פערזענלעכעליידן: דער מלך איז אַריינגעטון אין מלחמות און די מערהייט טעג פונעם יאָר פאַרברענגט ער אין לאַגערן. זעלטן איז ער אין דער היים, אָבער אויך דעמאָלט איז ער נישט מיט איר. יאַנאַי האָט איר געגעבן צוויי זין, אָבער נישט קיין ליבשאַפט. זי איז געווען פונקט אַזוי איינזאַם, ווען ער איז געווען ווייט פון דער היים, אין מלחמות, ווי זי איז געווען איינזאַם און פאַרצאַרנט, ווען ער איז געווען אין פּאַלאַץ אין ירושלים. ווי אָפט פלעגט זי טראַכטן, אַז ער האָט צוריקגעקערט קיין ירושלים, כדי צו זען וואָס עס מאַכן זיינע באַליבטע פערד, איידער צו פרעגן איר, וואָס זי מאַכט.

זי איז געווען אַ יונגע פרוי, אַלעקסאַנדראַ, פול מיט לעבנס־חכמה און פּאָליטישן פאַרנונפט, אָבער אַ פרוי מיט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט און אַ סך ווייבלעכער פילבאַרקייט. האָט זיך איר תמיד אויסגעדאַכט — ניין, זי איז געווען זיכער אין דעם — אַז יאַנאַי האָט זי נישט ליב און ער האָט מיט איר חתונה געהאַט בלויז דערפאַר, ווייל זיין ברודער, איר ערשטער מאַן, יהודה־אַריסטובול, איז געשטאָרבן, נישט האָבנדיק מיט איר קיין קינדער. און אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט זי נישט ליב, פאַרברענגט ער די גרעסטע צייט פון יאָר אין מלחמה־לאַגערן?

כדי צו ראַטעווען איר ווייבלעכע זעלבסטווירדע, פלעגט זי אַזעלכע געדאַנקען פאַרטרייבן און ווידער אָנהייבן גלייבן, אַז זיין העלעניסטישע דערציאונג שטויסט אים צו קריגערישקייט און מלחמה־בראַוורע. און דערפאַר זענען אפשר גערעכט די פרושים, וואָס ווילן אַ שטאַרקע יידישקייט, איידער אַ גרעסערע מלוכה. אַזוי

צי אַזוי. אַלעקסאַנדראַ איז געווען פאַרביטערט און צעררייצט און זיך געדן אונטערגעגעבן דער השפעה פון די פרושים.

אליעזר־עפּידעס האָט מורא געהאַט, אַז ווען זיין זון וועט אַריינקומען אין הויף, ביי זיין דערשלאָגנקייט נאָך דעם פאַל אין בית־שאן, וועט ער אַרונטערפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער קעניגין. ליידנדיקע מענטשן ווערן זיך שנעלער פריינט ווי גליקלעכע. און ווער ווייסט, צי ביי זיין יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט און שלאַג־פאַרטיקייט, וועט אַרטאַפּאַנוס לסוף נישט אַוועק מיט די קעגנער. דאָס וואָס ער האָט פאַרמיטן זיין גלותדיקע מוטער זאָל אין אים דערציען, וועט ער איצט באַקומען ביי דער ליידנדיקער קעניגין. עפּידעס האָט דעריבער צוגערעדט זיין זון ער זאָל אַריינטרעטן אין דער קעניגלעכער אַרמיי און גיין צוזאַמען מיט אים אין עבר־הירדן, וווּ מלך אַלעקסאַנדער קלייבט זיך באַלאַגערן די פעסטונג ראַגאַבאַ אין דער סביבה פון דעקאַפּאָליס.

אָן אומעטיקע און דערשלאָגענע שטאָט איז אין יענער צייט געווען ירושלים. עס האָט זיך פון איר אָפּגעטון יעדע פרייד. דער הויף איז געווען פול מיט אינטריגעס און די געזעלשאַפט איז געווען צעריסן אין אַ ווילדער שנאה. איינער האָט פיינט געהאַט דעם צווייטן און מורא געהאַט פאַרן צווייטן. אַ טייל פון די רייכע, פון דער פרושים־אַריסטאָקראַטיע, איז אַוועק צוזאַמען מיט די פאַמיליעס קיין מצרים אויף איבערצולעבן אין גלות די שווערע צייט אין יהודה. דאַקעגן איז די צדוקישע יוגנט געווען אַריינגעטון אין אַמטלעכע קאַריערעס און אין אַ לייכט, זאָרגלאָז לעבן. די יידן אין בבל, אין מצרים און אין סיריע, און אפילו אין ווייטן רוים, און אפילו אין די גלות־לענדער, ווו זיי זענען בלויז אַ מנין געווען, האָבן מיט ציטערניש און ערפורכט געשיקט זייערע דראַכמעס און טאַלאַנטן פאַר דעם ווויל און שטאַרקייט פון יהודה. מיט יעדער דראַכמע איז מיטגעקומען אַ ברכה, מיט יעדער טאַלאַנט — אַ טרער פון בענקשאַפט. אָבער די צדוקישע מאַכט אין יהודה האָט געחוזקט פון די צעבענקטע יידן אין גלות און די דראַכמעס און טאַלאַנטן צעזייט און צעשפּרייט אויף בויען פּאַלאַצן, צו האָדעווען לויף־פערד, צו קליידן זייערע טעכטער און ווייבער אין דעם זייד פון דמשק, אין די סאַנדאַלן פון קאַפּאַדאָקיע און אויף פעטע סעודות.

דעם ספּאַרטיוון אַרטאַפּאַנוס איז געווען דערווידער דער שטייגער פון לייכטזין און פּוסטקייט און ער האָט נישט געפונען קיין שום זין צו לעבן אין ירושלים. האָט ער גערן אָנגענומען די עצה פון זיין פאָטער. ער איז אַוועק מיט אַלעקסאַנדערס חייל אויף יענער זייט ירדן און אָנטיילגענומען אין דער באַלאַ־גערונג פון דער פיינטלעכער פעסטונג. ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן דערפילט דעם ציטער און שפּאַנונג פון מלחמה, האַזאַרד פון בייגאַכטיקע אויספאַלן, דעם רויש פון בלוט אין קאַמף, ווען זיג מיינט יענעמס טויט און — געווינען דאָס אייגענע לעבן. ער איז געווען זיכער, אַז ענדלעך האָט ער געפונען זיין אָרט. ער איז געבוירן געוואָרן אַ זעלנער און אין מלחמה וועט ער אָפּגעבן זיין לעבן.

אין די פאַרטאָגיקע גאַלאָפּן מיט דעם קעניג לענג־אויס דעם ירדן־ברעג, כדי אַנצוגעמען אימפּעט, האָט ער זיך צוריק דערפילט ווי ער וואָלט געווען אין יריחו.

אַרטאַפּאַנוס האָט אָבער נישט געוווסט, אַז דער מלך האָט אים אויסדערוויילט פאַר די פאַרטאָגיקע גאַלאָפּן, ווייל ער, אַלעקסאַנדער, האָט געפילט, אַז די כוחות גייען אים אויס און אין פאַרמעסט מיט אַ יונגן, קרעפטיקן גוף, האָט ער זיך אַליין געוואָלט קרעפטיקן, איבערברעכן זיין שוואַכקייט.

אָבער אין איינעם אַ פאַרטאָג, ווען אַרטאַפּאַנוס איז צוגעקומען מיט צוויי פערד, איינעם פאַר זיך און איינעם פאַרן מלך, אַרויסצופאָרן אויף די אָפּפרישונגס־גאַלאָפּן, האָבן אים די וועכטער פון קעניגלעכן געצעלט איבערגעגעבן, אַז דער מלך האָט ביינאַכט באַקומען אַ שווערן מאַלאַריע־אָנפאַל. אַלעקסאַנדער־יאַנאַי האָט געפילט, אַז די לעצטע כוחות גייען אים אויס, אַז פון אַלע זיינע זיגרייכע מלחמות ווערט ער איצט אַליין באַזיגט.

דער מלך האָט געהייסן אַריינרופן זיינע נאָענטסטע פאַרטרויאונגס־קאָמאַנדירן און ער האָט זיי באַפוילן, זיי זאָלן גלייך שיקן אַ שליח קיין ירושלים, אַז די קעניגין און זיינע צוויי זין, הורקנוס און אַריסטובול, זאָלן קומען צו אים, איידער ער גיט אָוועק צום באַשעפער זיין נשמה. דער גורל איז געפאַלן אויף דעם פלינקסטן רייטער אין דער מחנה — אַרטאַפּאַנוס.

ווי אַ שטורעם האָט זיך אַרטאַפּאַנוס געטראָגן איבער די בערג צו ירושלים. ער האָט געגומען מיט זיך צוויי פערד, וואָס ער האָט פון צייט צו צייט געביטן און זיך געטראָגן אַרויף אָן איבעררייס.ביידע פערד זענען שוין געווען מיד, ביידע זענען שוין געלאָפן זיך שטרויכלענדיק אין די פעלדזן און מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ. אָבער ער, אַרטאַפּאַנוס, האָט קיין מידקייט נישט געפילט.

ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים דעם זעלבן טאָג פאַר זון־פאַרגאַנג. די פערד זענען געווען באַדעקט מיט ווייסער שוים און זייער פעל האָט געציטערט פון איבערשפּאַנטקייט. און ער אַליין, הגם ער האָט קוים געקענט באַטרעטן די ערד, האָט געבעטן, אַז ער וויל גלייך רעדן מיט דער קעניגין.

זיין שליחות האָט אַלעקסאַנדראַן נישט איבערראַשט. ווען זי האָט אים דערזען מיט די האָר צוגעקלעפּט צום שטערן און נאָך איידער ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט זי געפרעגט מיט אַזאַ קאַלטער רואיקייט:

„צי לעבט נאָך דער מלך, אָדער דו ברענגסט מיר די טרויעריקע בשורה וועגן זיין טויט?"

אַרטאַפּאַנוסן האָט פאַרקלאַפּט דער אָטעם. ער האָט אויף אַ ווײלע פאַרקוועטשט די אויגן, דער קאָפּ־שווינדל זאָל פאַרבייַ, און ער האָט געפרעגט:

„צי איז עמעצער געקומען פריער פון מיר?"

„ניין, מיין זון — האָט אַלעקסאַנדראַ געענטפערט מיט דער זעלבער רואיקייט — אינדערפרי האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז מיטן מלך איז עפּעס געשען. צי לעבט ער נאָך, אָדער..."

„דער מלך לעבט, נאָר ער איז שטערבלעך קראַנק. ער האָט באַפוילן דורך

מיר, אַז איר, מיין קעניגין, און אייערע צוויי זין זאָלן נישט פאַרזוימען צו קומען צו אים, ווי מעגלעך שנעלער.״

„שוין איצט?״ — האָט אַלעקסאַנדראַ געפרעגט מיט אַ בלאַסן שמייכל און מיט אַ פאַרשלאָסענעם בליק, ווי זי אַליין וואָלט געווען קראַנק.

„אפילו שוין איצט!״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט ריטערלעך.

די קעניגין האָט אים אַ גלעט געטון איבער די פאַרשוויצטע האָר:

„דו זעסט אויס, ווי דו וואָלסט געריטן זעקס טעג; די מידקייט ליגט אויף דיינע ליפּן. גיי און רו זיך אויס, מיין זון. צו גלייך מיטן אויפגאַנג פון דער זון וועלן מיר אַראָפּנידערן צום ירדן.״

די ערד האָט אים געצויגן, ער זאָל אַוועקליייגן אויף איר זיין מידן גוף, דאָך האָט ער געזאָגט:

„ווען די קעניגין איז גרייט, בין איך גרייט שוין איצט צו זיין איר באַגלייטער. צי וועט מאָרגן נישט זיין צו שפּעט?״

שלומציון־אַלעקסאַנדראַ האָט אויפגעהויבן אירע אויגן אין דער הייך און געזאָגט מיט דעם זעלבן רואיקן טאָן:

„אַלץ איז ביים באַשעפער אין די הענט און זיין ווילן דאַרף אַ שטערבלעכער זיך נישט קעגנשטעלן. מיר וועלן אַראָפּנידערן מיטן זון־אויפגאַנג.״

אַלעקסאַנדראַ האָט באַפוילן דער דינערשאַפט געבן דעם שליח אַ געלעגער. אָבער ווען די דינערשאַפט האָט אים אויפגעוועקט, האָט ער זיך געפונען נעבן געלעגער און געדאַכט האָט זיך אים, אַז אַט ערשט, נאָר־וואָס, האָט ער גערעדט מיט דער קעניגין. אַ בלויער שטיק הימל האָט אַריינגעקוקט דורך דער וואַנט־עפענונג. פון הינטער די מואב־בערג איז אויפגעגאַנגען אַ ראָזער, נייער טאָג, ווי דאָס לייב פון אַ ניי־געבוירן קינד.

נאָך איידער די זון איז אַרויס פון הינטער די בערג איז די קעניגין אַרויסגע־פאָרן פון חשמונאים־פּאַלאַץ אין באַגלייטונג פון דריי יונגע רייטער — אַרטאַפּאַנוס און די צוויי פּרינצן, הורקנוס און אַריסטובול.

דאָס איז געווען די ערשטע באַקאַנטשאַפט צווישן אַרטאַפּאַנוסן און די פּרינצן. ווי שטאָטישע, אָן זייערע ספּאַרטאַנישע נסיונות, האָבן די פּרינצן אים אָנגעדייט אויף זיינע נישט געפּוצטע פערד. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז אויף אָט די פערד האָט ער דורכגעמאַכט אין איין טאָג אַ רייזע, וואָס דאַרף דויערן צוויי טעג. ער האָט זיי וועגן דעם נישט דערציילט. ער האָט בלויז באַמערקט קורץ:

„אַ פערד, ווי אַ קעמפער, שאַצט מען נישט לויט זיין אויסערלעכן גלאַנץ, נאָר לויט זיינע לייסטונגען.״

„אַ זייער שיינער פאַרגלייך״ — האָט הורקנוס געזאָגט, בעת אַריסטובול האָט זיך אָן שום סיבה דערפילט געטראָפן.

דער וועג אַראָפּ־צו, מיט די באַרג־שפּועים, איז געווען אַ שווערער. דער רייטוואָגן פון דער קעניגין האָט זיך געטרייסלט איבער די שטיינער, דאָ זיך

אַראָפּגעגליטשט און דאָ זיך געדרייט אויף אַ זייט. אַלעקסאַנדראַ איז שנעל פאַרמאַטערט געוואָרן און געהייסן זיך אָפּשטעלן אין שאָטן פון באַרג־וואַלד. דער וואָגן איז געווען צו לייכט פאַר דעם וועג, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט בלויז פאַר רייטפערד און מוילאייזלען. דעמאָלט האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגעריכט זיין צווייט פערד און געזאָגט אויף אַ קול, אַז עס זאָל דערגיין צו די אויערן פון די פרינצן:

„צוליב דער נאַכט זענען מיינע פערד געבליבן נישט געפּוצט, וועט דער בעסטער פון זיי זיין גליקלעך צו טראָגן אויף זיין זאָטל מיין קעניגין. מיט דעם רייטוואָגן וועלן מיר אפילו ביז צום ירדן נישט אָנקומען."

„די פרוי, וואָס וועט דיך האָבן פאַר אַ מאַן, וועט זיין אַ גליקלעכע" — האָט אַלעקסאַנדראַ באַמערקט.

אַרטאַפּאַנוס האָט מיט זיינע פעסטע הענט אויפגעהויבן די קעניגין ביי די לענדן און, ווי זי וואָלט גאָר קיין וואָג נישט געהאַט, אַוועקגעזעצט זי אויפן זאָטל פון דעם פערד, אויף וועלכן ער איז ביז איצט געריטן.

ביז זיי זענען אַראָפּ צום ירדן־ברעג, האָט שוין אַרטאַפּאַנוס געהאַט געוווּנען די פריינטשאַפט פון דער קעניגין. זי האָט באַוווּנדערט זיין ריטערלעכקייט און דינסט־גרייטקייט. ער איז געריטן האַרט נעבן איר און זי געהיטן, ווי אַ זון היט זיין מוטער. אָבער נישט אַזוי אירע צוויי זין, וואָס האָבן געהאַט דאָס באַוווּסטזיין פון זייער שטאַנד...

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט די קעניגין געפרעגט אַרטאַפּאַנוסן:

„קען דיך דיין מוטער?"

אַרטאַפּאַנוס האָט געענטפערט:

„ווען מיין מוטער זאָל לעבן, וואָלט זי מסתמא מיך נישט געקענט. מיין פאָטער האָט מיך יונג אַוועקגעשיקט פון דער היים און איך האָב מער מיין מוטער נישט געזען."

„פון וואָס פאַר אַ משפחה ביסטו, מיין זון?" — האָט זי געפרעגט.

„איך בין דער זון פון אליעזר־עפּידעס. מיין נאָמען איז אַרטאַפּאַנוס."

אַלעקסאַנדראַ איז איבערראַשט געוואָרן:

„דו ביסט דער זון פון עפּידעס און איך קען דיך נישט? איר הערט, מיינע זין? — האָט זי זיך געוואָנדן צו הורקנוס און אַריסטובול — אונדזער באַגלייטער איז דער זון פון עפּידעס."

אַלעקסאַנדראַ האָט נישט געהאַט גערן אליעזר־עפּידעסן, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס פעלד־לעבן און מלחמות. אָבער איצט האָט עס מער נישט געהאַט קיין השפּעה אויף איר באַציאונג צו אַרטאַפּאַנוסן. זי האָט געקענט זיין מוטער און זי האָט געוווּסט, אַז זי איז פרי אַוועק פון דער וועלט צוליב דעם, וואָס מען האָט פון איר אַוועקגעריסן איר איינציקן זון און אים אָפּגעפרעמדט פון איר. אָ, זי אַליין ווייסט, וויפל צער אַ מוטער קען ליידן צוליב קינדער און ווי אַנדערש קינדער קענען זיין פון זייערע עלטערן. זי אַליין האָט וועגן אירע אייגענע קינדער

תמיד געטראַכט מיט זאָרג. זיי האָבן זיך דערצויגן נעבן איר, זייער פאָטער האָט זיך ווינציק געקימערט וועגן זיי. ווי ער האָט קיין צייט נישט געהאַט פאַר איר, אַזוי האָט ער אויך קיין צייט נישט געהאַט פאַר זיי. ער האָט איינמאָל געוואָלט זיינע צוויי זין זאָלן אים באַגלייטן אין אַ פעלד־צוג, אָבער אפילו דער אומגע־צוימטער און ווילדער אַריסטובול האָט בעסער געוואָלט בלייבן אין ירושלים. וויפל זי האָט זיי אויסגעהיטן, האָט זי דאָך נישט געקענט פאַרהיטן, זיי זאָלן נישט אַרונטערפאַלן אונטער דער השפעה פון די אינטריגעס צווישן די לייט, וואָס זענען אַריינגעקומען אין הויף. זי האָט געוווסט, אַז דער ייִנגערער, אַריסטובול, איז אַ היציקער און לייכטזיניקער. ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער קריגערישקייט און אַוואַנטוריזם. דאָך עפּעס, וועגן וועלכן זי ווייסט נישט, האָלט אים אָפּ פון באַגלייטן דעם פאָטער אין פעלד־לעבן. און דער עלטערער, הורקנוס? וועגן אים האָט זי געטראַכט, אַז ער האָט אפשר געדאַרפט געבוירן ווערן אַ פרוי. ער איז תמיד גרייט אָנצונעמען פאַר דעם גערעכטן דעם, וואָס איבערצייגט אים דער לעצטער. זי וואָלט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער וויל נישט באַגלייטן דעם פאָטער אין מלחמה, ווען ער זאָל זיין צוגעבונדן צו איר. אָבער אויך צו איר איז ער נישט ווי אַ זון. אויך אים האָלט עפּעס אין ירושלים, וועגן וועלכן זי ווייסט נישט.

אַלעקסאַנדראַ און אירע זין זענען אָנגעקומען אין לאַגער פון מלך אין אַ שעה, ווען אַלעקסאַנדער־יאַנאַי איז צוריקגעקומען צום באַוווסטזיין, נאָך צוויי טעג אין הינערפלעט פון פיבער. זיין גוף איז שוין געווען פאַרברענט, אָבער זיין שכל איז געווען קלאָר, ווי דעמאָלט, ווען ער פלעגט אַרויסגעבן באַפעלן פאַר אַ שלאַכט. אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע נאָענטסטע אָפיצירן האָט ער באַשטימט, אַז זי, שלומציון־אַלעקסאַנדראַ, זאָל זיין רעגענטין און הערשן איבער אַלע שטחים פון יהודה לויט איר איינזען און באַשטימונגען, בעת זיינע זין זאָלן בלייבן אין פעלד, כדי דורכצוגיין מלחמה־נסיונות אויף צו קענען פאַרטיידיקן די מלוכה, ווי ער האָט אויסגעברייטערט אירע גרענעצן.

אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, אַ געברענטער אין די פלאַמען פון מלחמות, איז פאַרברענט געוואָרן פון פיבער ביי דער באַלאַגערונג קעגן זיין שונא. אליעזר־עפּידעס האָט איבערגענומען די אָנפירערשאַפט איבער דער באַלאַגערונג און האָט נעבן זיך פאַרהאַלטן די פּרינצן, לויט דעם לעצטן ווילן פון דעם מלך. און כדי דער באַלאַגערטער שונא זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז דער מלך פון יהודה לעבט נישט מער, איז אַלעקסאַנדראַ באַלד צוריק אַוועק קיין ירושלים אין דער באַגלייטונג פון אַרטאַפאַנוסן, און דער שטורעם קעגן דער אַראַבישער פעסטונג איז געוואָרן שטאַרקער.

אויף צוריקוועגס, אין איר צעבראָכנקייט, האָט די קעניגין נאָך מער ליב באַקומען אַרטאַפאַנוסן מיט דער ליבע פון אַ מוטער, נאָר מיט מער צוטרוי צו אים ווי צו אירע לייבלעכע קינדער. עס האָט אימאַגנירט פון אים זיין איינגעבוירענע נשמה־ווייכקייט צוזאַמען מיט דער שטילקייט פון זיין געמיט, וואָס איז געקומען מיט דעם איבערברוך אין זיין העלעניסטישער דערציאונג.

אין איר איינזאַמקייט ביז איצט, איז אַלעקסאַנדראַ באַלד נאָכן טויט פון דעם מלך געוואָרן נאָך מער איינזאַם. יאַנאַי האָט איר אַזוי ווייניק געגעבן און אַזוי שטאַרק ווײ געטון. אָבער ערשט איצט האָט זי איינגעזען, אַז מיט זיין עצם זיין איר מאַן האָט ער דאָך אויסגעפילט איר גאַנצע וועלט און בלויז איין ווינקל איז געבליבן פוסט. איצט איז איר גאַנצע וועלט געוואָרן פוסט. אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד האָט זי געדאַרפט האָבן עמעצן, אויף וועמען זי זאָל זיך קענען, ווען אפילו בלויז אילוזאָריש, אָנלענען.

אַרטאַפּאַנוס איז געווען נישט דערפאַרן און גאָר פון אַן אַנדער וועלט ווי די, וואָס אין הויף. אָבער ער האָט געהאַט יונג לעבן אין זיך, ריטערלעכקייט און ערלעכקייט — אָט די פרישקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך זעלטן אָנגעטראָפן. און אויך אַרטאַפּאַנוס האָט אין דער קעניגין דערפילט, אַז איר געמיט איז אים נאָענט. זיין מוטער איז אַזוי אכזריותדיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין ייִנגלש לעבן און ערשט אין דער סביבה פון דער קעניגין האָט ער דערפילט דאָס וואָס אים האָט געפעלט. אָבער ער האָט נישט געוווּסט פריער, וואָס דאָס איז אַזעלכעס — די צערטלעכקייט פון אַ מאַמעס בליק.

נאָך דעם ווי דאָס יידישע חיל האָט מיט שטורעם איינגענומען די פעסטונג ראַגאַבאַ, האָט אַלעקסאַנדראַ פאַראָרדנט ברענגען דעם גוף פון דעם געשטאָרבענעם מלך קיין ירושלים.

קיינער פון די זקנים האָט נישט געדענקט, און אויך די קעניגלעכע סופרים האָבן עס נישט געהאַט אין זייערע כראָניקעס, אַז וועלכער עס איז כהן גדול אָדער מלך, סיידן שלמה, זאָל האָבן געהאַט אַזאַ לוויה, ווי אַלעקסאַנדראַ האָט איינגעאָרדנט פאַר יאַנאַי. די איינוווינער פון ירושלים האָבן נאָך קיינמאָל ביז דעמאָלט נישט איבערגעלעבט אַזאַ פייערלעכע דערהויבנקייט. דער טרויער איז פאַרזונקען געוואָרן אין שטאַטלעכן פראַכט. און קיינער פון די לעבעדיקע האָט נישט געדענקט אַזאַ צייט, ווען די הערצער פון דעם גאַנצן פאָלק זאָלן קלאַפּן אין איין און דעם זעלבן ריטם. אָבער דאָס איז געווען די לוויה נישט בלויז פון דעם מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי.

צוזאַמען מיט דעם גוף פון איר מאַן האָט אַלעקסאַנדראַ געבראַכט צו קבורה אויך זיין גאַנצן שטייגער — זיין קריגערישקייט און זיינע אומדערמידלעכע באַמיאונגען צו העלעניזירן די מלוכה. אָפּט האָט זי געטראַכט וועגן דעם, אַז איר מאַן איז געטריבן געוואָרן דורך דער אַמביציע, אַז די נישט־יידישע וועלט זאָל אים באַצייכענען מיט דעם זעלבן טיטל, מיט וועלכן זי האָט באַצייכנט זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער אַריסטובול: פילהעלען — פריינט פון די גריכן און זייער קולטור. און דערפאַר פלעגט ער מער פאַרברענגען אין די גריכישע שטעט, ווי אין די יידישע שטעט אין יהודה. מלך און כהן־גדול ביי יידן איז ער סיווי. דאָס איז אים געקומען בירושה און לויט זיינע רעכט אין פאָלק, אָבער דעם נאָמען, אַז ער איז אַ מלך איבער אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער — דאָס האָט ער געדאַרפט אויספעכטן און דערגרייכן.

האָט אַלעקסאַנדראַ מיט אומדערמידלעכן פלייס צעטרייסלט דעם אָנגעבלאָזענעם צדוקישן שטייגער און דעם סנאָבישן העלעניזם, וואָס האָבן דאָס לאַנד אַריינגעטריבן אין צושטאַנד פון אייביקע מרידות, אומצופרידנקייט און אפילו פאַרטריבן יידן פון לאַנד. עס האָט איר תמיד וויי געטון דער סאַרקאַזם, וואָס פלעגט דערגיין צו אירע אויערן, אַז אַ פולער און שטאָלצער ייד קען מען זיין אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים און אין בבל, אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין פלאַץ אין דער וועלט, וווּ אַ העלענער פילט זיך אַזוי גוט, ווי אין דער סביבה פון יידן אין ירושלים. ערשט דאָ, אין ירושלים, וווּ יידן ווילן אַזוי שטאַרק זיין העלענער, פילט זיך אַ נישט־ייד דערהויבן. און ווייל די מלוכה איז ביז איצט געפירט געוואָרן דורך העלעניסטישע סנאָבן מיט ביטול צום פאָלק, האָט אַלעקסאַנדראַ איבערגענומען דעם רודער פון דער מלוכה אין אירע אייגענע הענט. צוליב דעם וואָס אַ פרוי האָט נישט געטאָרט פאַרנעמען דעם אַמט פון כהן־גדול, האָט זי די מאַכט איבערן בית־המקדש איבערגעגעבן צו איר עלטערן זון הורקנוס.

צו דער עבודה אין בית־המקדש דאַרף מען נישט האָבן קיין פאָליטישע חכמה און קיין שטאַרקן כאַראַקטער — צוויי אייגנשאַפטן, וואָס הורקנוס האָט נישט פאַרמאָגט. זי האָט פונאַנדערגעלאָזט דעם קעניגלעכן ראָט פון די צדוקים און אויף זייער פלאַץ באַשטימט פרושים. דער שטאַנד פון פרושים, וואָס איז ביז איצט געוועזן אונטערדריקט, און אַ סך פון די פרושים זענען אַנטלאָפן פון לאַנד, האָט אָפּגעטעמט פרייער. ענדלעך איז געשען די צעטיילונג צווישן דער וועלטלעכער און גייסטיקער מאַכט, פאַר וואָס דאָס פאָלק האָט באַצאָלט מיט אַזוי פיל צער און בלוט.

שווער איז געווען דער רעגענטין דורכצופירן די ענדערונגען. דורך דעם לאַנגן הערשן פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי איז די מלוכה־אַדמיניסטראַציע געווען באַזעצט דורך פאַרשטייער פון דער צדוקישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט קנאָפּ געזאָרגט פאַרן פאָלק. צוליב די קאָסטבאַרע מלחמות האָט דאָס פאָלק געקרעכצט אונטער דעם עול פון שווערע שטייערן, אָבער אפילו מיט דער ברייטהאַרציקער שטיצע פון די יידן אין מצרים און אין בבל, איז נישט געווען גענוג אָנצוזעטיקן דאָס רייכע לעבן פון די הערשער. בעת פינף פרסאָ ווייטער פון ירושלים און אין גליל האָט דאָס פאָלק געלעבט אין אָרעמקייט און קיין ברויט צו דער זעט נישט געהאַט, און קיין קיטל אויפן לייב נישט געהאַט, האָט דער הערשערישער קלאַס אין ירושלים געפּראַוועט רייכע סעודות און זיך געקליידט אין מלבושים פון דמשקער זייד. און אפילו זייערע סאַנדאַלן פלעגן זיי מאַכן פון לעדער, געבראַכטע פון צור. צי פּאַסט עס דען צו טראָגן אַ מאַנטל פון גלילער וואָל? אָדער סאַנדאַלן פון לעדער פון היימישע גאַרבער?

צוזאַמען מיט די שליחים, וואָס פלעגן ברענגען קיין ירושלים די שטיצע פון יידן אין דער וועלט פאַר יהודה, פלעגן קומען צירונגס־סוחרים פון קאַפּאַדאָקיע אויף צו זעטיקן די קאַפּריזן פון די ירושלימער אַריסטאָקראַטישע ווייבער, צו טראָגן צירונג, ווי מען טראָגט אין דער וועלט...

קאַפּיטל דריי

די ענדערונגען האָט אַלעקסאַנדראַ דורכגעפירט מיט פּאָליטישער חכמה און מיט דעם אויסרייד, אַז איצט, ווען עס איז מער נישטאָ די שטאַרקע האַנט פון דעם מלך, מוז מען באַרואיקן דאָס פּאָלק און ברענגען אָרדענונג אין לאַנד. ווייל די פאַרביטערונג פון פּאָלק קענען אויסנוצן די שונאים פון יהודה. און כדי אָפּצושטעלן די מרידות און די אומצופרידנקייט, דאַרף מען בייטן די מענטשן אין מלוכה־אַפּאַראַט אויף אַנדערע און אויף ייִנגערע. וואָרום די אויגן פון יהודה דאַרפן אויך ווייטער זיין געווענדט צו שלום אין דער מלוכה און צו שלום מיט די שכנותדיקע מלכים, סיידן עמעצער פון זיי וועט באַדראָען דאָס לאַנד. פאַר די עקשנותדיקע צדוקים אַרום הויף האָט זי, ווי אַ מוסטער, אַרויסגעשטעלט אַרטאַפּאַנוסן, וואָס הגם ער האָט באַקומען דערציאונג ווי אַ העלענער, האָט ער נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אויך אַ ייִד...

דער רעגענטינס אויפמערקזאַמקייט צו אַרטאַפּאַנוסן האָט אַלאַרמירטביידע פּרינצן, סיי הורקנוסן און סיי אַריסטובולן. דער כאַראַקטערלאָזער און ווייכער הורקנוס האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון זיינעם אַ חבר, אַנטיפּאַטער, פון אדומישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָט זיך דערצויגן אין הויף. און ווי שוואַך און אָן ווילן עס איז געווען הורקנוס, אַזוי אַמביציעז און ציל־באַוווּסט איז געווען זיין חבר. האָט אַנטיפּאַטער אין אַרטאַפּאַנוסן געזען פאַר זיך אַן אויפגייענדיקן קאָנקורענט, צו די צילן, צו וועלכע ער אַליין האָט געשטרעבט. איז געווען געווען, אַז ער זאָל איין מאָל וואָרענען הורקנוסן קעגן דעם „פרעמדן", וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין האַרץ פון דער רעגענטין, אַז הורקנוס זאָל קוקן אויף אַרטאַפּאַנוסן מיט פאַרדאַכט. אַריסטובול, ווידער, האָט געהאַט די אַמביציעס פון זיין פאָטער. ער איז געווען אַוואַנטוריסטיש, מלחמה־גייציק און אימפּולסיוו. און ער האָט נישט געטראַכט אַנדערש, ווי צו ווערן מלך, הגם דער טיטל האָט געקומט זיין עלטערן ברודער. איז ער געווען אייפערזיכטיק, וואָס זיין מוטער האָט אַזוי שטאַרק דערנענטערט צו זיך דעם זון פון אליעזר־עפּידעס.

איין מאָל, דאָס איז געווען נישט לאַנג נאָך דעם ווי אַלעקסאַנדראַ האָט באַשטימט הורקנוסן ווי דעם כהן־גדול, האָט די רעגענטין איינגעאָרדנט אַ באַל אויף צו דערנענטערן די יוגנט פון די פּרושים מיט דער יוגנט פון די צדוקים. עמעצער פון דער צדוקישער יוגנט, וואָס האָט געזען גייע פּנימער און ער האָט

געפילט, אַז דער באַל איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר דעם נייעם שטייגער אין הויף, האָט רעציטירט טיילן פון האָמערס „איליאַס" און „אָדיסייע". דערמיט איז ער אויסן געווען צו מאַניפעסטירן דעם קולט פון העלעניזם. די רעגענטין האָט דרך אגב געפרעגט:

„צי האָבן נישט די יידן עפּעס אייגנס, וואָס זאָל זיין אַזוי שיין ווי „איליאַס" און „אָדיסייע" און וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו רעציטירן אין הויף פון דעם כהן־גדול?"

אַ יונגערמאַן, אין אַ ווייס־זיידענער טוניק און פאַרקעמט ווי אַ גריכישער אַטלעט, האָט געענטפערט אויפן פלאַץ:

„זיכער האָבן מיר, גנעדיקע קעניגין, אָבער נאָכן רעציטירן דעם עפּאָס וועגן יציאת מצרים וועל איך דאַרפן גיין אין בית־המקדש שלאַכטן אַ קרבן און פאַרשמוצן דעם ווייסן געוואַנד פון מיין מלבוש."

די העלעניסטן האָבן געלאַכט און די קעניגין האָט סאַרקאַסטיש באַמערקט:

„צי האָט דיך אַמאָל עמיצער געצוווּנגען צו אַזאַ זאַך? אויב יאָ, זאָג מיר און איך וועל אים באַשטראָפן מיט שמיץ."

„דאָך זענען ביי די פּרושים די פּאָעמעס פון די יידישע שריפטן — מאָטיוון פאַר קולט און גאָט־דינסט און נישט פאַר שיינקייט, ווי די פּאָעמעס ביי די גריכן — האָט דער זעלבער יונגערמאַן געזאָגט און מאַניפעסטירט זיין העלענאָ־פילישקייט — פאַרוואָס זאָלן מיר זיין אַנדערש ווי אַלע פעלקער?"

אַרטאַפּאַנוס איז אויפגעשפּרונגען:

„מיר זענען אַנדערש! יעדעס פאָלק איז אַנדערש און מיט דער אַנדערשקייט טיילט זיך עס אויס."

דער יונגערמאַן אין ווייס־זיידענעם טוניק האָט געפונען דעם געהעריקן מאָמענט צו דערציילן וואָס ער ווייסט:

„מיר זענען אַנדערש נאָר דערפאַר, ווייל אויפן אַכטן טאָג נאָכן געבורט זאָרגן דערפאַר אונדזערע טאַטעס."

„און דו, צי מיינסטו, אַז דיין טוניק און די ספּאַרטאַנישע פריזור זענען גענוג אויף צו זיין אַ גריך?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

„איך בין נישט קיין גריך, איך בין אַ יהודייער פון גריכישער קולטור!" — איז געווען דער ענטפער.

אַ יונגערמאַן פון פּרושים־לאַגער, נאָך גאָר אַ יונגינקער, איז אַריינגעפאַלן אין ווערטער־אויסטויש:

„דאָס איז אַ קולטור פון געצנדינסט און קריגערישקייט. אפילו זייערע געטער פירן צווישן זיך מלחמות."

„מלחמה איז אין בלוט פון דעם מאַן און נאָר די פּרושים ווערן פאַרוועלקט ביים איינטייטשן מיטאָלאָגישע פּאָעמעס פאַרן טאָג־טעגלעכן נוצן אויף צו באַשווערן דאָס פרייע לעבן פון דעם מענטש" — האָט געזאָגט דער יונגער צדוקי.

„ריכטיק! — האָט אויסגערופן דער פּרושי — ווייל מיר זענען נישט קיין

פאָלק פון שטיינער און אָבעליסקן; מיר זענען אַ פאָלק פון אַ לעבעדיקן גאָט און אונדזערע נביאים זענען לעבעדיקע.״

„נעמסטו ווירקלעך ערנסט די שיינע פּאַטעטישע רעטאָריק פון ישעיהו וועגן פאַרוואַנדלען שווערדן אין אַקעראײַזנס און וועגן אייביקן שלום צווישן מענטשן — האָט דער יונגער צדוקי געחוזקט — אויב יאָ, זאָל אונדז דער ייִדישער גאָט היטן, אַזעלכע ווי דו זאָלן זײַן די רעגירער פון יהודה.״

דער פּרושי האָט אויסגערופן מיט פּאַטאָס:

„און דאָך איז אונדזער לעבן רואיק און גוט, ווען איבער אונדז שטייט אַ מלך פון שלום, און דאָס לאַנד פרעסט זיך אַליין אויף, ווען דער הערשער איז אַ העלעניסט.״

דאָס איז שוין געווען צו פיל. אַריסטובול, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אָן אַ זײַט און זיך בלויז צוגעהערט צום שמועס, האָט אין די ווערטער פון דעם יונגן פּרושי געפילט אַ רמז אויף זײַן פאַרשטאָרבענעם פאָטער, דעם מלך. ער איז צוגעגאַנגען נענטער און געפרעגט דעם פּרושי:

„צי דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט מיינסטו אויף אַן אמת?!״

„דאָס איז דער אמת!״ — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט.

אַריסטובול האָט מיט רוגזה אָפּגעטרעטן אַ טריט צוריק און אויפגעהויבן די הענט מיט געביילטע פויסטן, אָנצוגרייפן. אין דעם מאָמענט האָט זיך דער פלינקער אַרטאַפּאַנוס אַ לאָז געטון און אַרײַן צווישן אַריסטובול און דעם פּרושי. דעם קלאַפּ האָט באַקומען אַרטאַפּאַנוס. ער האָט דעם קלאַפּ אויפגענומען קאַלט און באַהערשט. אפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט. ערשט ווען אַריסטובול איז אַוועק פון פּלאַץ, איז אויך אַרטאַפּאַנוס אַוועק פון דעם פּרושי. אָבער אָפּטרעטנדיק האָט ער געהערט ווי עמעצער פון די צדוקים האָט געזאָגט בייסיק:

„סקיטאָפּאָליס!״

ווי אַ טיגער צו זײַן קרבן, האָט זיך אַרטאַפּאַנוס אויסגעדרייט און אַ מעכטיקן זעץ דערלאַנגט אונטער דער ברוסט פון דעם, וואָס האָט די באַמערקונג געמאַכט. דער קרבן האָט זיך געוואַקלט הינטערווײַלעכץ אַ פּאָר טריט און געפאַלן אויף אַנדערע, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג.

„אין סקיטאָפּאָליס האָב איך דאָס געלערנט״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט שטיל, אָפּגעווישט די האַנט, מיט וועלכער ער האָט געגעבן דעם זעץ און איז אַוועקגעגאַנגען. די רעגענטין איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ בייז פּנים, ווי זי וואָלט געהאַט בדעה אים צו מאַכן אַ פאָרוואָרף. דאָך האָט זי אים מילד אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אַרויסגעפירט.

אַריסטובול האָט אים באַגלייט מיט צאָרנדיקע בליקן.

און נאָך איין ייִדישער קנייטש האָט זיך אָפּגעזעצט אין דער נשמה פון אַרטאַפּאַנוס.

דעם צופעליקן און אומפאַרדינטן קלאַפּ, וואָס אַריסטובול האָט געגעבן אַרטאַפּאַנוסן און דאָס וואָס דער גוט־אויסגימנאַסטיקירטער העלעניסט האָט זיך

פֿאַרהאַלטן באַהערשט און קאַלטבלוטיק, האָט באַלד דעם פּרינץ אַרויפֿגעפֿירט אויף דער מחשבה, אַז אַזאַ יונגן ריטער דאַרף ער האָבן נעבן זיך, בפרט וואָס זײַן פֿאָטער, עפּידעס, איז געווען אַזאַ איבערגעגעבענער פּרײַנט פֿון דעם מלך. ער וואָלט אפֿשר נישט געקומען אויף אָט דער מחשבה, ווען ער זאָל נישט האָבן געזען ווי זײַן קלוגע מוטער האָט אַרטאַפּאַנוסן אָנגענומען בײַ דער האַנט און אים אַרויסגעפֿירט. אויב אַזאַ איז איר באַציאונג צו אַרטאַפּאַנוסן, איז דאָס אַ סימן, אַז ער, אַריסטובול, דאַרף אים האָבן אויף זײַן זײַט. אָבער ווי היציק און אַוואַנטוריסטיש אַריסטובול איז געווען, האָט אים געפֿעלט די אוממיטלבאַרקייט און דער מוט צוצוגיין צו אַרטאַפּאַנוסן און אים איבערבעטן פֿאַר דעם נישט־ווילנדיקן קלאַפּ, וואָס ער האָט אים געגעבן. עס איז געווען אין זײַן נאַטור, צו גיין דורך הינטערוועגן, און דאָס זעלבע מיטל האָט ער אויך אָנגעוואָנדן אויף צו געווינען אַרטאַפּאַנוסן.

מרים־אַפּאָלינאַ, אַ פֿאַרײדישטע אדומערין, איז געווען די ווײַבלעכע בלום פֿון דער זאַרגלאָזער אַריסטאָקראַטישער צדוקישער יוגנט אין ירושלים. איר גוף, בויגזאַם ווי דער גוף פֿון אַ יונגער פּאַנטערע, האָט עמאַנירט דעם ריח פֿון שטאַרקן ווײַן, וואָס מאַכט שיכור, נאָך אײדער מען טרינקט אים. אירע טונקל־גרינע אויגן, אײַנגעפּאַסט אינעם אויסגעצײכנטן לײַדנשאַפֿטלעכן פּנים, ווי זי וואָלט תמיד געווען נאָך אַ ליבע־נאַכט, האָבן אײביק געגליט מיט גלוסט, און מיט הייסן גלוסט האָבן גערופֿן אירע דיקלעכע מילגרוים־רויטע ליפּן.

זי איז אין געהיים געווען די געליבטע פֿון אַריסטובולן.

מרים־אַפּאָלינאַ האָט אין אירע חלומות מער ליב געהאַט יענעם טייל פֿון די קעניגלעכע אוצרות, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין דער פֿעסטונג אַלעקסאַנדריאָן, ווי זי האָט אויף דער וואָר ליב געהאַט אַריסטובולן. אָבער מרים־אַפּאָלינאַ האָט געהערט צו די פֿרויען, וועלכע, מער ווי זיי האָבן ליב, גייען זיי אויס געליבט צו ווערן. האָט זי אירע ליבע־באַציאונגען מיט אַריסטובול געזען נאָר אין פֿאַרבינדונג מיט זײַנע אַמביציעס, צו זײַן דער מלך פֿון יהודה, און איר ליבשאַפֿט געטײלט מיט אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט פֿאַרברענען אירע נעכט. כדי צו פֿאַרשטעלן איר שייכות צו אַריסטובול, איז זי צום באַל אין פּאַלאַץ פֿון די חשמונאים געקומען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ שאָטנדיקן יונגנמאַן, וואָס האָט געקענט אַרײַנקומען אין קעניגלעכן הויף נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער איז געווען אַ זון פֿון אַ רײַכן ײַיד־סוחר אין יפֿו, אַ צושטעלער פֿון שטאָפֿן פֿאַר דער קעניגלעכער משפּחה. מרים־אַפּאָלינאַ האָט דעם יונגנמאַן געקענט אַוועקבלאָזן, צעטרעטן, אָדער פּשוט הייסן אים אַרויסוואַרפֿן. ער איז פֿאַר איר געווען גאָרנישט.

אַריסטובול האָט אויסגענוצט אַ געלעגנהייט צו באַפֿוילן מרימען, זי זאָל געווינען די פֿרײַנטשאַפֿט פֿון אַרטאַפּאַנוסן נאָך דעם זעלבן אָוונט.

„גאָט טוט זײַנע חסדים צו מענטשן דורך זייערע פֿרײַנט" — האָט מרים־אַפּאָלינאַ געטראַכט, אָבער אויפֿן קול געזאָגט, ווײַזנדיק אירע צווײ שורות ווײַסע

צײַן צווישן די גלוסטיקע ליפּן: „איז ער נישט געפּערלעך? ער איז זיכער געפּערלעך."

„זע ער זאָל נישט זײַן געפּערלעך" — האָט אַריסטובול קורץ געענטפערט.

זי איז איר געליבטן געווען דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס ער אַליין שיקט זי צו אַרטאַפּאַנוסן, ווארום זי איז אויסגעגאַנגען צו דערנענטערן זיך צו דעם יונגן ריטער, נאָך דעם ווי זי האָט בײַגעוווינט, מיט וואָס פאַר אַ פלינקייט און מעגלעכער קראַפט ער האָט מיט אײן קלאַפּ צעריבן אַ צדוקישן העלד. אין דער אַנוועזנהייט פון אַריסטובול און בעיקר צוליב זײַן אומגעלומפּערטן אַנפאַל אויף אַרטאַפּאַנוסן האָט זי זיך אפילו נישט דערלויבט אַ שמייכל צו טון צו אים, בעת די רעגענטין האָט אים בײַ דער האַנט אַרויסגעפירט אין גאָרטן.

באַוואָפנט מיט דער שליחות פון אַריסטובולן, איז מרים־אַפּאַלינאַ אַרויס אין גאָרטן אין דער באַגלייטונג פון דעם זון פונעם זייד־סוחר. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך געפונען אין דער געזעלשאַפט פון עטלעכע יונגע מענער. דערזען די יונגע פרוי, האָט זיך דער קרייז פון די מענער צעעפנט, ווי עס צעעפנט זיך אַ בלום־בעכער בײַם אויפגיין פון דער זון. עמעצער האָט געזאָגט פּאַטעטיש:

„זעסט, אַפּאַלינאַ, די לבנה איבער אונדזערע קעפּ האָט געמיינט, אַז זי באַלייכט דעם גאָרטן, אָבער רעכט ליכטיק איז געוואָרן, ווען דו ביסט אויפגעגאַנגען."

אַפּאַלינאַ האָט איגנאָרירט דעם קאָמפּלימענט און זיך גלייך געוואָנדן צו אַרטאַפּאַנוסן:

„ווען גאָט זאָל מיר געבן דעם טאַלאַנט צו זינגען שירה, וואָלט איך הײַנט פאַר דײַן ריטערלעכקייט געהאַט אַ סך שבחים."

„יעדעס וואָרט פון דײַן מויל איז פאַר מיר אַ שבח" — איז איר אַרטאַפּאַנוס נישט געבליבן שולדיק.

„אָבער איך שעם זיך אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע מענער צו זאָגן שבחים אַ מאַן" — האָט זי ווייבלעך אַ וואָרקע געטון.

„איך וועל זײַן גליקלעך דאָס צו הערן ביחידות" — האָט זיך אַרטאַפּאַנוס פאַרנייגט און געמאַכט אַ טריט פאָרויס.

אַפּאַלינאַ האָט אָנגענומען די אײַנלאַדונג און אַוועק מיט אים אין דער ריכטונג צו דער צעדער־אַלייע. אַרטאַפּאַנוס האָט באַמערקט, אַז עמעצער גייט זיי נאָך פוסטריט און ער האָט סתם אַ זאָג געטון:

„צי זענען דרײַ ביחידות?"

אַפּאַלינאַ האָט זיך אויסגעדרייט און געזאָגט צו דעם זון פונעם זייד־סוחר:

„קענסטו אונדז ווײַזן, מײַן ליבער, ווי אַזוי עס בלאָזט אַוועק אַ צפון־ווינט?"

דער יונגערמאַן איז מיט שטורעם נעלם געוואָרן.

אַרטאַפּאַנוס האָט קלינגענדיק געלאַכט, ווי אַ ייִנגל:

„אָ, ווי איך וואָלט נישט וועלן זײַן דײַן צפון־ווינט."

זי האָט אַ פּליסטער געטון:

„אַזאַ מאַן ווי דו איז אַ מזרח־ווינט. אָבער ווי דו שלאָגסט טרעפלעך און שטאַרק. צי אָטעמסט נאָך דער אָרעמער, אָדער ער האָט שוין אויסגעהויכט די נשמה? ס'איז אַ מורא צו באַקומען פון דיר אַ קלאַפּ."

זי האָט זיך איינגעשרומפּן, ווי זי וואָלט גאָר שטאַרק מורא געהאַט און זיך צוגעטוליעט צו אים מיט איר ווייכן גוף. אַרטאַפּאַנוס האָט ליידנשאַפטלעך אַ ציטער געטון.

ביז יענעם אָוונט האָט אַרטאַפּאַנוס געקענט ווינציק פּרויען. און קיין איינע פון די, וואָס ער האָט געקענט, איז נישט געווען פון אַפּאַלינאַס ראַסע. איז ער פאַרשיכורט געוואָרן פון דעם שטאַרקן ווייַן־ריח, וואָס האָט עמאַנירט פון איר לייב, ווען זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים. ער האָט זי אַרומגענומען מיט זיינע מוסקולירטע אָרעמס מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי האָט אַ קרעכץ געטון:

„איך האָב קוים כוח צו זיין איינע און דו צעברעכסט מיך אויף צוויי."

זי האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון זיינע אָרעמס און זיך אַרומגעקוקט.

„דער צפון־ווינט איז אַוועק און איז מער נישטאָ" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפליסטערט.

„אין קעניגלעכן גאָרטן בלאָזן תמיד ווינטן און יעדער ווינט האָט צוויי אויגן, און יעדע פּרוי האָט בלויז איין נאָמען — אַ גוטן אָדער אַ שלעכטן" — האָט זי אים אַריינגערעדט אין פּנים און פון אירע ליפּן האָט געשלאָגן אַ גלוסטיקע היץ.

„איך וועל דיך אָוועקנעמען פון דאַנען, ווייב!" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט אין פיבער און ער איז צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע.

די אדומערין האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך און שטיל געפליסטערט:

„מיר מאַכן ליידנשאַפטלעך די מרגלים אין זייערע באַהעלטענישן... נישט דאָ... רכילות זאָגן, אַז דו ביסט דער געליבטער פון דער קעניגין, איז עס אמת?"

„פון ווּעמען האָסטו דאָס געהערט?!" — איז ער מיט איין מאָל ניכטער געוואָרן — איך וועל דעם רכילות־טרייבער צעשיינדן די הויט."

„באַרואיק זיך, יינגל — האָט זי אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיין ברוסט — דאָס האָסטו מיט דיין גליען מיר אויסגעזאָגט אַלע דיינע סודות."

ער האָט זיך באַרואיקט און האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס האָט ער זי פעסט אַנגענומען ביי די אָרעמס:

„און דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט!"

זי האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און אים איינגערוימט:

„אין דער צעדער־אַלייע קען מען זאָגן נאָר דאָס, וואָס מען וויל, אַז אַלע זאָלן וועגן דעם וויסן. אָבער אין דעם רויזן־גאָרטן פון דער קליינער מרים קען מען אפילו שרייען און קיינער זאָל נישט הערן."

דעם צווייטן אָוונט איז אַרטאַפּאַנוס געווען אין רויזן־גאָרטן פון מרים־אַפּאַלינאַ.

אַפאָלינאַ איז געווען די טאָכטער פון אַן אדומישן פריסטער, וואָס נאָך איידער דאָס חייל פון אַן אַראַבישן מלך האָט נאָך אַ שלאַכט אויסגערויבט דעם טעמפל, האָט ער אַליין פאַרנומען די אוצרות און איז אַנטלאָפן אין דעם זיכערן ירושלים צוזאַמען מיט זיין איינציקער טאָכטער.

אין אדום און אין מואב איז געווען באַוווסט, אַז פונקט ווי די צדוקים אין יהודה פאַראייגענען זיך דעם העלעניסטישן שטייגער, כדי צו זיין מיט פעלקער גליַיך, אַזוי זעען זיי גערן פרעמדע, וואָס קענען זיי העלפן, צו ווערן ווי אַנדערע פעלקער. האָט דער אדומער פריסטער זיך באַזעצט אין ירושלים און אויף דעם מערבדיקן אָפּהאַנג פון דער שטאָט אויפגעבויט פאַר זיך אַ פאַלאַץ און אים ארומגענומען מיט אַ טאַראַסירטן רויזן־גאָרטן — דעם שענסטן אין ירושלים.

די קילע קאַמערן פון דעם פאַלאַץ און די פאַרשאָטנטע אַלטאַנעס אין דעם רויזן־גאָרטן זענען געוואָרן דער טרעף־פונקט פון דער צדוקישער אַריסטאָקראַ־טישער יוגנט, וואָס איז געלאָקט געוואָרן פון דער דעמאָלט יונגינקער מרים־אַפאָלינאַ נישט וויניקער ווי פון דעם פרעמדן שטייגער פון דעם געוועזענעם אדומער פריסטער.

מיט זיין דורכגעטריבענער חכמה און זעלטענער גאַסטפריינטלעכקייט האָט דער אדומער געוווסט אויסצונוצן די שוואַכקייט פון דער צדוקישער אַריסטאָ־קראַטיע און אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך דורך איר דערנענטערט צום קעניגלעכן הויף, האָט ער אָנגעהויבן צו שפינען אייגע פון יענע אינטריגעס, וואָס מיט יאָרן שפעטער האָט אַן אַנדער אדומער, אַנטיפאַטער, מיט ענלעכע אינטריגעס איבערגענומען די מאַכט איבער יהודה.

צו די אויערן פון די פרושים איז דערגאַנגען, אַז די מלכה שלומציון־אַלעקסאַנדראַ איז ווייט נישט גליקלעך, וואָס דער געוועזענער אדומישער פריסטער באַגלייט דעם מלך יאַנאַי אין מלחמה־קאַמפּאַניעס און האָט אויף אים אַן איינפלוס. געזאָלט האָט עס הייסן, אַז אַלעקסאַנדער־יאַנאַי נוצט אויס דעם פריסטער אויף אויפצוהאַלטן די מאָראַל פון די געדונגענע זעלנער — אדומער און מואבן — אין קעניגלעכן חייל. אָבער אַלעקסאַנדראַ האָט מיט איר ווייבלעכער אינטואיציע געפילט, אַז דער אדומער רודערט מער צו זיינע אייגענע צילן ווי צו די צילן פון דער מלוכה.

בעת פאַרצויגענע מלחמה־קאַמפּאַניעס פלעגט דער אדומער אָפט קומען קיין ירושלים צו זען זיין איינציקע טאָכטער. ביי דער געלעגנהייט פלעגט ער פאַרבעטן צו זיך אין פאַלאַץ הויף־לייט, אָנגעזעענע מיטגלידער פון סנהדרין און צדוקישע אַריסטאָקראַטן. ער האָט נישט געקאַרגט קיין וויין און תענוגים פאַר זיינע געסט. די פאַרשאָטנטע אַלטאַנעס, צעוואָרפענע איבער די טעראַסן פון דעם רויזן־גאָרטן, זענען געוואָרן צו אויסגעבענקטע פלעצער פאַר יענע פון זיינע געסט, וואָס האָבן גערן אַריינגענומען אין זייער העלעניזם אויך די פאַרגעניגנס, וואָס דער גריכישער גאָט פון וויין און פרוכפערדיקייט איז געווען זייער שיצער.

איין מאָל, ווען דער אדומער איז צוריקגעפאָרן פון א באַקכאַנטישער סעודה אין זיין פּאַלאַץ צום קעניגלעכן מלחמה־לאַגער אין עבר־הירדן, איז ער דעם טייך מער נישט אַריבער. ביים אָראָפּשטייגן פון יריחו צום ירדן־טאָל האָט אַ צילעוודיקע פייל, אַרויסגעשיקט פון אַ הייל, אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן.

מרים־אַפּאַלינאַ האָט לאַנג נישט געטרויערט נאָך איר פאָטער; אפשר אויך צוליב דעם, וואָס בעת די באַקכאַנטישע פאַרוויילונגען, וואָס איר פאָטער פלעגט איינאָרדענען פאַר זיינע יידישע פריינט, האָט זי זיך נישט געטאָרט באַווייזן — נישט אין טרקלין און נישט אין רויזן־גאָרטן. דאָס זענען געווען אירע טרויעריקסטע טעג און נעכט. זי פלעגט דעמאָלט וויינען פון בייגער און קנאה. זי איז שוין דעמאָלט געווען אין פולער רייפקייט, אָבער איר פאָטער האָט זי נאָך אַלץ באַטראַכט ווי אַ נאַיוו מיידל.

נאָכן טויט פון איר פאָטער איז זי שנעל געטרייסט געוואָרן דורך די גליקזעליקייטן פון לעבן און דורך די הייסע חסדים פון דעם יונגן אַריסטובול.

אין יענעם אָוונט, ווען אַרטאַפּאַנוס איז צום ערשטן מאָל געקומען צו מרים־אַפּאַלינאַ, האָט ער אויסגעפונען, אַז גערעכט זענען די פּרושים, וואָס טענהן, אַז עס איז פאַראַן אַ גן־עדן. און אָן ספק איז דער גן־עדן אין רויזן־גאָרטן פון אַפּאַלינאַן. די ריחות פון פריש־געשניטענעם גראָז, אויסגעמישט מיט דעם דופט פון די פאַרטויעטע רויזן, צוזאַמען מיט דעם שטאַרקן ריח פון דעם מיידלס גוף, האָבן אים געגעבן דאָס געפיל פון אַזאַ לייכטקייט, אַז ווען זי זאָל אים נישט צושמידן צו איר געלעגער, וואָלט ער זיך מסתמא אויפגעהויבן אין דער לופט און אַרומגעשוועבט איבער דעם גליקלעכן ווינקעלע אין ירושלים.

„איך וואָלט זיך איצט אויפגעהויבן און אַרומפלאַטערנדיק וואָלט איך אַראָפּגעקוקט צו דיר" — האָט ער אין ווערטער אויסגעדריקט זיינע געפילן.

„ציִ איז דיר אַזוי שלעכט נעבן מיר, וואָס דו ווילסט אַוועקשוועבן?" — האָט זי אים פאַראַוואַצירט.

ער האָט זי אַרומגענומען און איר אַריינגערעדט אין מויל מיט היץ:

„דאָס האָסטו מיר געגעבן דאָס געפיל, אַז איך האָב פליגל צו שוועבן און דיך פאַנגען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. פאַרוואָס האָב איך פריער נישט געוווסט וועגן דיר?"

מרים־אַפּאַלינאַ האָט געפונען די געלעגנהייט אויסצופירן איר שליחות. האַלב ערנסט און האַלב אין חוזק האָט זי געזאָגט:

„האָסט נישט געקענט וויסן וועגן מיר פריער, ווייל דו פאַרברענגסט דיינע טעג און נעכט אין דער גוזעלשאַפט פון אַן אַלטער פרוי און איר צעקראַכענעם זון, וואָס איז שטענדיק פאַרקאַטערט פון אַרומגיין באָרוועס אויף די שטיינערנע דילן פון בית־המקדש."

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אָפּגעטרייסלט:

„איך האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט, אַז דאָס איז שקר. עמעצער האָט דיר איינגערעדט, אַז איך האָב אַ באַציאונג צו דער מלכה ווי צו אַ פרוי. איך געהער

נישט צו דעם מין יונגע מענער, וואָס זיי רייצט די האַרבסטקייט פון אַ פרוי. די חכמה פון דער קעניגין איז גרעסער ווי פון צען מענער און מיט איר מילדקייט דערמאָנט זי מיר מיין מוטער, וואָס איך טראָג אין מיין דמיון, ווי די צאַרטסטע מאַמע אויף דער גאַנצער וועלט. און וואָס שייך הורקנוס, דאַרפסטו וויסן, אויב דיר זענען נישט פרעמד די אינטריגעס אין הויף, אַז אַנטיפּאַטער האַלט דעם כהן־גדול ווי זיינעם אַ פּערזענלעכן אוצר. וועסטו זען, אַז אויב די קעניגין וועט נכשל ווערן אין איר מאַכט, וועט נישט הורקנוס ווערן דער הערשער איבער יהודה, נאָר אַנטיפּאַטער וועט דאָס זיין. אָט דערפאַר האָב איך זיך געשטעלט נעבן דער מלכה. זי האָט ליב יהודה און דאָס פאָלק אין יהודה. און איר חלום איז רו און שלום. זאָל איך איר נישט געבן מיין דינסט?"

אַפּאָלינאַ האָט זיך צוגעטוליעט צו אים ווי אַ קאַץ:

„פון דיינע קלאָרע, צאַרטע אויגן קוקט אַרויס גוטסקייט. אָבער די קעניגין איז עס נישט ווערט. זי איז אַן אַלטע פרוי, וואָס גיט איבער די מאַכט צו די פאַנאַטיקער. און די בעסטע פון פאָלק, די צדוקים און די מיליטער־לייט, דערווייטערט זי. נישט אַנדערש, נאָר אַריסטובול וועט מוזן זיין מלך פון יהודה! ער וועט זיין מלך. איך זאָג עס דיר."

„מעגלעך" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, כדי אָפּצוהאַקן דעם שמועס.

„נישט מעגלעך, נאָר זיכער! — האָט אַפּאָלינאַ אויסגערופן קאַפּריז — אַלע זענען אין דעם זיכער. און דיר שטייט אָן צו זיין אין דינסט פון דעם מלך. צו וואָס זאָלסטו זיין אין דינסט פון דעם קטורת־ברענער און זיין אַלטער מאַמע?"

דער קטורת־ברענער! אַרטאַפּאַנוס האָט זיך הילכיק צעלאַכט. ווי בילדעריש די קליינע אדומערין באַצייכנט מענטשן. איר טרעפלעכקייט האָט אים געוויילט, ווי עס ווײַלט דער טרעפלעכער שפּרונג פון אַ קעצל צווישן טייערע גלעזערנע כלים אָן צו מאַכן אַ שאָדן. ער האָט אָבער אַליין נישט געפילט ווי גרינטלעך די ווערטער פון דער קליינער אדומערין צעשטערן אין אים דעם כבוד פאַר דער רעגענטין און איר זון הורקנוס, דעם כהן־גדול.

מיט דעם קוואַל פון תענוגים, וואָס ער האָט געפונען ביי דער אדומערין, און מיט דער שלווה, וואָס זי האָט אים געשענקט, האָט זי אים נאָך נישט דערנענטערט צו אַריסטובולן. ס'האָט געשיינט, אַז אויך זי האָט פאַרגעסן אין דער שליחות. זיי האָבן ביידע פאַרגעסן אין דער צייט. זייערע טעג און זייערע נעכט זענען געווען אין דעם זעלבן כישוף־ליכט, דערווייטערט פון אַלע וועלטן און גאָרנישט מער האָבן זיי געדאַרפט. זי האָט אים אַרומגעוועבט מיט זיסן חלום און ער האָט איר געגעבן וואָס זי האָט געזוכט — זי איז געליבט געוואָרן מיט די פלאַמען פון דער ערשטמאָליקייט פון אַ מאַן.

אין אָט די טעג האָט אליעזר־עפּידעס געשיקט קיין ירושלים אַ שליח, ער זאָל אויסגעפינען זיין זון און אים אָנזאָגן, ער זאָל קומען צו אים אין דער פעסטונג און צושטיין צום חייל פון יהודה. דריי טעג האָט דער שליח געזוכט אַרטאַפּאַנוסן און ערשט אויפן פערטן טאָג אים געפונען אין רויזן־גאָרטן פון דער

אדומערין. אַרטאַפּאַנוס האָט מיט דרך־ארץ אויסגעהערט די ווערטער, וואָס זענען אים איבערגעגעבן געוואָרן אין נאָמען פון זיין פאָטער. ער האָט דעם שליח נאָך אַ מאָל איבערגעבעטן פאַר זיין טירחה און נישט געזאָגט, נישט יאָ און נישט ניין. ער מוז גוט דורכטראַכטן. זיין ערשט מאָל אויספאָלגן דעם פאָטער, ער זאָל צושטיין צום חייל פון קעניג, איז געווען נישט מזלדיק. דער מלך איז געשטאָרבן...

באַלד ווי דער שליח איז אַוועק האָט זיך מרים־אַפּאַלינאַ דערמאָנט, אַז זי האָט אויסצופירן די שליחות פון אַריסטובול, אויב נישט ווי אַ געליבטע פון דעם פּרינץ, איז כאָטשבי אויס דאַנקבאַרקייט דערפאַר, וואָס דורך אים האָט זי געפונען אַרטאַפּאַנוסן.

„ס'איז נישט פאַר דיר איצט אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי — האָט די אדומערין געהאָלפן אים אָננעמען אַ באַשלוס — די אַלטע פּרוי האָט דאָס חייל אַוועקגעשיקט ווייט פון ירושלים, כדי עס זאָל איר זיין לייכטער איבערצוגעבן די גאַנצע מאַכט די פּרושים. איצט וויל זי אויך דיך פאַרשיקן."

עס איז געווען נישט ריכטיק, אַז די קעניגין האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם. אָבער אין זיין פאַרשיכורטקייט מיט דער אדומערין האָט געווירקט יעדעס וואָרט פון איר און צוגעהאָלפן נאָך מער אָפּצוהאַלטן אים פון הערשערישן הויף.

די שליחות פון עפּידעס, אַרטאַפּאַנוס זאָל קומען צו אים אין דער פעסטונג און אַריינטרעטן אין דער אַרמיי, איז נישט געווען פאַרבונדן מיט דער זאָרג פון אַ פאָטער פאַר דער צוקונפט פון זיין זון. אַרטאַפּאַנוס איז שוין אויך נישט געווען אין דער עלטער, אַז דער פאָטער זאָל האָבן אויף אים אַן אויסשליסלעכע השפעה. גאָר עפּעס אַנדערש האָט באַוויגן עפּידעסן: אין יהודה האָבן געצייטיקט נייע אויפטרייסלונגען.

שלומציון־אַלעקסאַנדראַ, אין איר זאָרג פאַר רו און שלום, סיי מיט אירע שכנים און סיי צווישן יידן אין לאַנד גופא, האָט וואָס אַ מאָל מער אויסגעברייטערט דעם תחום צווישן דער ציווילער מאַכט און דער אַרמיי. אַן אַרמיי איז אַ בייטש, וואָס דאַרף זיין גרייט צו באַשטראָפן יעדן, וואָס וויל אָנגרייפן די מלוכה; דאַרף די בייטש שטיין אין אַ ווינקל און זיך נישט מישן אין ציווילן לעבן פון לאַנד. האָט די רעגענטין אַרויסגעשיקט דאָס חייל און זיינע קאָמאַנדירן אין די גרענעץ־פעסטונגען. די ציווילע מאַכט און דעם סנהדרין האָט זי איבערגעגעבן צו דער העגעמאָניע פון די פּרושים. ווייל זי האָט געוווסט, אַז צווישן די פּרושים אין דער ציווילער מאַכט און די צדוקישע קאָמאַנדירן אין דער אַרמיי וועט תמיד הערשן אַ פיינטשאַפט און זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט קענען צוזאַמענרעדן.

אַלעקסאַנדראַ איז אפילו געווען געניייגט נאָכצוקומען די עצות פון אירע פּרושים־פריינט אינגאַנצן צו באַזייטיקן די קאָמאַנדירן, וואָס האָבן געדינט אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, ווייל — האָבן זיי געזאָגט — די צדוקישע קאָמאַנדירן זענען צוגעוווינט צו מלחמה און זיי וועלן מער נישט זיצן אין די פעסטונגען מיט די שווערדן אין די שיידן. אָבער אַלעקסאַנדראַ האָט שוין געהאַט אויסגעהערט די דראָאונג, אַז אויב זי וועט באַזייטיקן די צדוקישע קאָמאַנדירן פון דער אַרמיי,

וועלן זיי זיך אָנדינגען אין חייל פון די שכנותדיקע מלכים. און אין איר חכמה האָט די רעגענטין פאַרשטאַנען, אַז אפילו ווען די צדוקישע קאָמאַנדירן זענען גוטע פּאַטריאָטן און זיי האָבן געהאָלפן אויסברייטערן די גרענעצן פון יהודה, קענען זיי אין אַ פרעמדן חייל ווערן אַ געפאַר. — „אויף דעם פערד רייט דער, וואָס גיט אים צו פרעסן." האָט זי די קאָמאַנדירן פאַרהאַלטן און זיי פונאַנדער־געשיקט אין די גרענעץ־גאַרניזאָנען און פעסטונגען. פאַר דער רו אין לאַנד האָט זי אויך נישט באַזייטיקט אַלע צדוקים פון דער ציווילער פירערשאַפט, נאָר אָפּגערוקט אָן אַ זייט בלויז די, וואָס זי האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען געפערלעך.

דערווייטערט פון ירושלים און באַזייטיקט פון מאַכט־השפּעה, האָבן די קאָמאַנדירן פון חייל נישט געקענט זיצן לאַנג רואיק. ביים לעבן פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי זענען זיי תמיד געווען אין מלחמה־באַוועגונג, געלעבט אין קעמפערישן אימפּעט און מיט דער האַנט אויף דער שווערד. שטענדיק האָט ערגעץ־ווו געלויערט אַ שונא און אפילו ווען אַזעלכער איז נישט געווען, האָבן זיי אים צוגעטראַכט און אים געררייצט, זיי זאָלן זיין זיכער, אַז ער איז אַ שונא... דאָס איז די נאַטור פון מיליטער־לייט. אַנדערש פאַרלירט זייער שטאַנד יעדן זין און זיי פילן זיך איבעריק. ביי זייער גאַנצער מענלעכקייט זענען מיליטער־לייט ענלעך צו פרויען: זיי וועלקן, ווען זיי ווערן נישט באַוווּנדערט.

איין מאָל איז אַלעקסאַנדראַ געוואָרנט געוואָרן, אַז נאָענט צו דער צפון־גרענעץ קומט פאַר אַ קאַמף צווישן סיריער און אַראַבער. אירע ראַטגעבער האָבן איר געעצהט זי זאָל קאָנצענטרירן אַ גרויסן חייל אויף דער צפון־גרענעץ, ווייל וועלכע פון די קעמפנדיקע מחנות אויף יענער זייט גרענעץ עס וועט אָפּהאַלטן אַ זיג, וועט זי זיך נישט אָפּהאַלטן אַריבערצוגיין די גרענעץ פון יהודה. אָבער די פאָרזיכטיקע רעגענטין האָט מורא געהאַט איבערצוגעבן די אָנפירערשאַפט איבער דער פאַרזיכערונגס־קאַמפּאַניע צו איינעם פון די אַלטע קאָמאַנדירן. אויסגערוט און אויסגעדורשט נאָך קאַמף, קען אַן אַלטער צדוקישער קאָמאַנדיר אַריבערשיקן די אַרמיי אויף יענער זייט גרענעץ און זי פאַרפּלאָנטערן אין אַן אומנייטיקער מלחמה. האָט זי דעריבער די אָנפירערשאַפט איבער דעם חייל איבערגעגעבן איר יינגערן זון, אַריסטובול. אַן אייגענער זון, אפילו ווען ער איז היציק און אַוואַנטוריסטיש, וועט זיין מוטער נישט פאַרראַטן.

אַלעקסאַנדראַ האָט געמאַכט אַ טעות. דאָס וואָס זי האָט געוואָלט אויסמיידן, איז געשען דורך איר אייגענעם זון. אַריסטובול איז נישט געבליבן ביי דער גרענעץ, אָפּצוּוואַרטן אויף דעם אויסגאַנג פון קאַמף צווישן די אַראַבער און סיריער, נאָר ער האָט דאָס חייל גלייך צעטיילט אויף צוויי מחנות און זיי באַפוילן אָנצוגרייפן סיי די אַראַבער און סיי די סיריער. אַזוי אַרום איז די אַרמיי אָנגאַזשירט געוואָרן אָן אַ מעגלעכקייט צוריקצוציען זיך. און דאָס איז געשען גראָד אין די טעג פון סכנה פון אַן אַנדער זייט:

דער מעכטיק־געוואָרענער אַרמענישער קעניג טיגראַנעס, וואָס האָט שוין געהאַט באַזעצט אַ גרויסן טייל פון מזרח־ און דרום־סיריע און עס האָט אויסגעזען,

אַז מיט דעם זענען שוין געזעטיקט זיינע דעראָבערישע גלוסטן, האָט פּלוצים אַ לאָז געטון זיין אַרמיי לענג־אויס דעם ים־ברעג און באַלאַגערט די פעסטונג פּטאָלעמאַיס. אַלעקסאַנדראַ האָט באַפוילן אַריסטובולן, ער זאָל אַ העלפט פון זיין חיל אַנטקעגנשיקן דער נייער געפאַר, אָבער אַריסטובול האָט געענטפערט, אַז ער קען אפילו קיין צען קעמפער נישט אַרויסציען, ווייל די סיריער און אַראַבער, מיט וועלכע ער איז אַריין אין אַ מלחמה, זענען אין דער צאָל גרעסער ווי זיין גאַנץ חייל.

די רעגענטין איז דערשיטערט געוואָרן: אין צפון איז איר אַרמיי אַנגאַזשירט מיט צווי פּילצאָליקע פיינט אין אַ לייכטזיניקער מלחמה, בעת פאַר דער אַנקלאַ־פּנדיקער סכנה ביי דער פעסטונג פּטאָלעמאַיס האָט זי נישט קיין הונדערט קעמפער. דער ים־ברעג ליגט הפקר פאַר דעם אַרמענישן דעראָבערער. האָט זי אייליק אַוועקגעשיקט אַ דעלעגאַציע צום מלך טיגראַנעס און מיטגעשיקט פאַר אים קאָסטבאַרע מתנות, וואָס זאָלן זעטיקן זיין צינדז־לוסט. אַ גאַנצער קאַראַוואַן קעמלען האָט געפירט די מתנות, צוזאַמענגעקליבענע פון קעניגלעכן שאַץ.

טיגראַנעס האָט אויפגענומען די דעלעגאַציע פון דער קעניגין פון יהודה אין זיין פאַרביקן געצעלט. ער איז געווען צופרידן פון זיין נצחון. נאָך איידער ער האָט דורכגעבראָכן די פעסטונג ווערט אים דערלאַנגט דער נצחון און דער צינדז. אַ פאָלק, וואָס ברענגט דעם צינדז נאָך איידער דאָס לאַנד איז דעראָבערט, איז אַ שוואַך פאָלק. דער מאָנאַרך האָט מיט איין אויער אויסגעהערט די פאַרזי־כערונגען פון דער דעלעגאַציע פון יהודה, אַז די קעניגין אַלעקסאַנדראַ איז גליקלעך צו טיילן די שלום־לעכצונגען פון דעם מעכטיקן און זיגרייכן הערשער פון אַרמעניע און זיינע סירישע פּראָווינצן. טיגראַנעס האָט פאַרלייגט זיינע דינע ליפּן אין אַ צופרידענעם שמייכל, ווי צווי גיפטיקע שלענגלעך וואָלטן זיך צעלייגט אויף זיין פּנים, און זיינע גרויסע נוס־ברוינע אויגן האָבן געשלונגען דעם גלאַנץ פון די גאָלדענע און זילבערנע חפצים, וואָס די יידן האָבן אַוועקגע־לייגט פאַר זיינע פיס.

די שליחים האָבן אין זיין פאַרנומענעם בליק געוואָלט געפינען אַן ענטפער אויף זייערע שלום־פאַרשלאַגן, זיי האָבן אָבער נישט געקענט אַדורכדרינגען, נישט זיין בליק און נישט דעם פאַנצער פון זיין שמייכל.

„זאָגט אייער קעניגין, אַז אירע מתנות געפעלן מיר" — האָט טיגראַנעס ענדלעך געעפנט זיין מויל, ווען דער לעצטער גאָלדענער חפץ איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף דעם באַרג מתנות.

„וואָס נאָך זאָלן מיר איבערגעבן אונדזער קעניגין אין דיין נאָמען, מעכטיקער מלך?" — האָט דער ראש פון די שליחים געפרעגט.

„זאָגט איר אין מיין נאָמען, אַז דער מלך פון אַרמעניע איז פול מיט חסד און ער שאַצט אָפּ מתנות לויט זייער ווערט און שיינקייט" — האָט טיגראַנעס געענטפערט.

„מיר פאַרשטייען, גנעדיקער מלך, אַז דו נעמסט אָן די אויסגעשטרעקטע

האַנט פון שלום פון אונדזער קעניגין" — האָט דער ראש פון די שליחים געוואָלט זיין זיכער.

דאָס איז שוין געווען צו פיל. טיגראַנעס איז געוואָרן אומרואיק און ער האָט קוים אָפּגעלעגט זיינע דינע ליפּן:

„ווען מיר זאָגן, אַז דער מלך פון אַרמעניע איז פול מיט חסד, מיינען מיר אַלץ."

פאַראומערט זענען געוואָרן די געמיטער פון די שליחים. זיי האָבן אין די לעצטע ווערטער געפילט סכנה און זיי האָבן מורא געהאַט צו דערצערנען דעם מלך. האָבן זיי געקוקט אויף אים און געוואַרט ער זאָל זיי באַפרייען, ווי אין דער זעלבער צייט איז אין געצעלט אַריין אַ מאַן מיט אַ גלאַט־ראַזירטן צעגלאַנצטן קאָפּ, אָנגעטון אין אַ מירטן־פאַרביקן מאַנטל. נישט אַראָפּלאָזנדיק די האַנט פון דעם הענטל פון דער סערפּ־פאָרמיקער שווערד, איז דער מאַן, אַן צערעמאָניעס, צוגעגאַנגען צום מלך און אים איינגערוימט אַ סוד. אַ געניט אויג האָט געקענט זען, אַז אונטער דער זון־פאַרברענטער הויט פון דעם מלך צעגיסט זיך אַ בלייכקייט. אָבער די שליחים פון יהודה זענען געווען אָנגעשראָקן און זיי האָבן גאָרנישט געזען און גאָרנישט געאַנט. דער מאַן מיט דעם גלאַט־ראַזירטן קאָפּ האָט אַ פּאַטש געטון אין די הענט און אין געצעלט זענען אַריין צוויי מיליטער־לייט אין טונקל־ברוינע פאַרשטויבטע קליידער, מיט בויגנס אַריבערגעוואָרפן איבער די ברוסטן. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן עטלעכע טריט ווייטער, כדי צו פאַלן אויף די קני פאַר זייער האַר, אָבער טיגראַנעס האָט אומגעדולדיק געפאָכעט מיט די הענט אין דער ריכטונג פון זיין ברוסט. איינער פון די צוויי מיליטער־לייט האָט פון בוזעם אַרויסגענומען אַ פאַרזיגלטן פּאַרמעט און דערלאַנגט דעם מלך.

דער מאָנאַרך האָט לאַנג געקוקט אויף דעם צעעפנטן פּאַרמעט און ער האָט געלעקט זיינע ליפּן, וואָס זענען אין צווישנצייט טרוקן געוואָרן פון היץ. צום סוף האָט ער זיך אויפגעשטעלט און ווי ער וואָלט פּלוצים דערזען די יידישע שליחים, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

„צי האָב איך אייך נישט אַלץ געזאָגט, וואָס איר וואַרט נאָך?"

„נישט אַלץ האָבן מיר קלאָר פאַרשטאַנען" — האָבן די שליחים געוואַגט צו זאָגן.

„וואָס מיר האָבן געהאַט אייך צו זאָגן האָבן מיר געזאָגט: אַז מיר נעמען אָן די האַנט פון שלום פון דער קעניגין פון יהודה און מיר זענען צופרידן פון די מתנות, וואָס זי האָט אונדז געשיקט. כדי אייער קעניגין זאָל זען וואָס מיר מיינען אונטער חסד, וועלן מיר אָפּשטעלן די באַלאַגערונג פון דער פעסטונג."

די שליחים האָבן זיך פאַרן מלך פאַרנייגט מיט די שטערנס צו דער ערד און אַרויס פון געצעלט הינטערוויילעכץ. זיי זענען געווען זיכער, אַז איידער זיי וועלן אָנקומען צוריק קיין ירושלים וועט טיגראַנעס שוין זיין אויפן וועג צו די ברעג־שטעט פון יהודה. נישט געוווסט האָבן זיי, אַז אין דעם פּאַרמעט, וואָס די צוויי שליחים האָבן געבראַכט דעם מלך, איז געווען אַ שלעכטע בשורה

פאַר אים: דער רוימישער פעלדמאַרשאַל לוקולוס האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס טיגראַנעס איז געווען פאַרנומען מיט באַהערשן שטיקער סיריע, און ער איז מיט זיין לעגיאָן אַריינגעדרונגען קיין אַרמעניע. טיגראַנעס האָט געמוזט אַראָפנעמען די באַלאַגערונג פון פטאָלעמאַיס און איילן מיט זיין חייל אין זיין מלוכה. די סכנה פאַר יהודה איז ווידער אַריבער, אָבער בלויז די אויסערלעכע סכנה.

אויפגעפרישט אין קעמפערישע וואָנטורעס מיט די אַראַבער און סיריער, האָבן די צדוקישע קאָמאַנדירן באַשלאָסן מורד צו זיין קעגן דער רעגענטין און צוריק איינפירן דעם מיליטערישן רעזשים, וואָס האָט געהערשט פאַר די צייטן פון אַלעקסאַנדער יאַנאַי. עס איז נישט אין כבוד פון מיליטערישע קאָמאַנדירן צו לאָזן זיך פירן פון אַ פרוי און פון אירע פרושים־ראַטגעבער, וואָס פירן איין צוריק דעם אַלטן שטייגער און האָבן באַזייטיקט דאָס מיליטער פון האָבן אַ דעה אין דער מלוכה־פירונג.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג אַגאַבאַ, דער צדוקי גאַלעסטאָס, צוזאַמענגערופן אויף אַ געהיימער אסיפה די קאָמענדאַנטן פון די גאַרניזאָנען אין עבר־הירדן. ער האָט זיי פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, צו מאַכן אַן איבערקערעניש און פאַרכאַפּן די מאַכט. אויפן טראָן וועט אַוועקגעזעצט ווערן אַריסטובול, וואָס האָט געירשנט די קעמפערישע אייגנשאַפטן און די העלעניסטישע איינשטעלונג פון זיין פאָטער. כדי די מלוכה־איבערקערעניש זאָל זיין אַ שנעלע און זיגערישע, דאַרפן צו דער קאָנספּיראַציע צוגעצויגן ווערן די הויף־לייט, וואָס קלאַמערן זיך ביים קלייד פון דער רעגענטין, אָבער זענען נישט קיין פרושים. גאַלעסטאָס האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם אדומער אַנטיפאַטער, וואָס אונטער זיין איינפלוס האָט זיך געפונען דער כהן־גדול הורקנוס.

אַנטיפאַטער איז געווען אַ דורכגעטריבענער און אין זיך פאַרבאָרגענער מאַן. ער האָט געהאַט פאַר זיך איין ציל: ווערן דער מאַכט־באַזיצער פון יהודה. ער האָט די מאַכט־אַמביציעס געירשנט פון זיין פאָטער, אַנטיפאַס, וואָס האָט זיך איינגעקויפט צוטרוי ביי אַלעקסאַנדער־יאַנאַי און איז דורך אים באַשטימט געוואָרן ווי דער גובערנאַטאָר פון אדום. גלייכצייטיק איז אַנטיפאַס געווען אַן איבערגעגעבענער פריינט פון די אַראַבער. אַזוי אויך זיין זון, אַנטיפאַטער: ער האָט געוווּנען דעם פולן פאַרטרויען פון דער רעגענטין און געווען דער פאַרטרויאונגס־מאַן פון הורקנוס. ער האָט אָבער אויך אָנגעהאַלטן פריינדשאַפט־באַציאונגען מיט דעם אַראַבישן מלך אַרעטאַס. הורקנוס האָט אין דעם נישט געזען קיין שום בייז, ווארום אַנטיפאַטער האָט אים תמיד פאַרזיכערט, אַז אין פאַל פון נויט וועט די אַראַבישע אַרמיי תמיד העלפן אים, הורקנוסן.

„אַנטיפאַטער האָט זיך אַזוי אַסימילירט צווישן אונדז — פלעגט הורקנוס וועגן

אים זאָגן — אַז ער וואָלט שוין אַליין געקענט אָפּריכטן די עבודה אין בית־המקדש, ווען ער זאָל זיין אַ כהן."

און די רעגענטין האָט מסכים געווען, אַז אַנטיפּאַטער איז מער ייד און ער פאַרשטייט מער דעם אייגנאַרט פון יהודה, ווי עס פאַרשטייען עס די העלעניזירטע צדוקים...

דער אדומער האָט אין האַרץ געחוזקט פון ביידע. נישט אין דער עבודה אין בית־המקדש גייט אים און נישט אין דעם אייגנאַרט פון יהודה. ער וויל די הערשאַפט איבער דער מלוכה. די קעניגין איז אַלט און קראַנק. זי וועט לאַנג נישט לעבן. און הורקנוס איז ווייך, ווי טייג, ער וועט אים צעקנייטשן און מאַכן מיט אים וואָס ער וויל.

די צדוקישע קאָמאַנדירן האָבן געמאַכט אַ פאַטאַלן טעות דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז אויב אַנטיפּאַטער איז פון אדומישן אָפּשטאַם און איז העלעניזירט, ווי זיי, וועט ער זיי העלפן אונטערגראָבן די מאַכט פון דער רעגענטין און פון הורקנוס, פון אינעווייניק, פון הויף. ער, אַנטיפּאַטער, וועט נאָר דאַרפן איינשלעפערן די אויפמערקזאַמקייט פון דער מוטער און פון זון, זיי באַרואיקן, אַז די מאַכט אין יהודה איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי זיכער, ווי דאָס מאָל.

גלייך ווי אַנטיפּאַטער איז געוואָרן אַ שותף צו דער קאָנספּיראַציע פון אויפשטאַנד, האָט ער דערפילט די נאָענטקייט צו זיין אייגענעם ציל. ער האָט דער רעגענטין און הורקנוסן פאַרטרויט דעם סוד, אַז עס איז צוגעגרייט געוואָרן קעגן זיי אַ מרידה. אַלעקסאַנדראַ איז דערשיטערט געוואָרן. זי האָט נישט געהאַט קיין באַוואָפנטן כוח, וואָס זאָל פעאיק זיין קעגנצושטעלן זיך די אומטרייע גאַרניזאָנען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די מורדים־קאָמאַנדירן. אירע ראַטגעבער פון דער פרושים־מחנה האָבן איר נישט געקענט העלפן. אויך זיי זענען געווען דערשיטערט. דעמאָלט האָט אַנטיפּאַטער פאַרגעלייגט אַלעקסאַנדראַן זיין פּלאַן: אַזוי ווי ער איז געווען ווייטזיכטיק בנוגע דער אומטריישאַפט פון די צדוקישע קאָמאַנדירן, האָט ער אונטערגעהאַלטן די פריינדשאַפט מיט דעם אַראַבישן מלך אַרעטאַס. און איצט האָט געשלאָגן די שעה, ער זאָל פאַרלייגן אַרעטאַסן צו פאַרדינגען זיין אַרמיי צו דער קעניגין פון יהודה.

די פאַרצווייפלטע קעניגין האָט אויף דעם מסכים געווען. אומבאַמערקט פאַר אַריסטובולס מענטשן אין הויף פון די חשמונאים האָט זיך אַנטיפּאַטער אַרויסגעמאַכט פון ירושלים און איז אַוועק צום אַראַבישן מלך, כדי צו דינגען זיין אַרמיי. ער האָט דאָרט לאַנג נישט געדאַרפט ווייַלן, וואָרום אַרעטאַס האָט געוווּסט, אַז אויסער דעם וואָס ער וועט באַלד באַקומען זיין באַלוינונג פון אַלעקסאַנדראַס אוצר, וועט אים אַנטיפּאַטער גוט באַלוינען שפּעטער, ווען ער אַליין וועט באַשטימען דעם גורל פון יהודה.

אָט די געשעענישן זענען זיך צונויפגעפאַלן מיט דער שליחות פון אליעזר־עפידעסן צו זיין זון, ער זאָל קומען צו אים אין דער פעסטונג און אַריינטרעטן אין דער אַרמיי.

בעת עפידעס האָט באַקומען דעם אָפּזאָג־ענטפער, האָט זיך אין דער פעסטונג געפונען אַריסטובול. דער אַלטער מיליטער־מאַן, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג פאַרבראַכט אין שלאַכטן, האָט זיך געקלאָגט פאַרן פרינץ, אַז די היינטיקע יוגנט פון די צדוקישע פּאַטערס האָבן מער נישט דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט ביים לעבן פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי. דער יוגנט ציט נישט מער צו די שלאַכט־פעלדער און באַלאַגערונגען, וואָס מאַכן הייס די בלוטן און גיבן דעם לעבן אַ זין. ער, אליעזר־עפידעס, האָט זיין זון געגעבן אַ גוטע העלעניסטישע דערציאונג, געאיבט אים אויף די גימנאַזיאַנען, אָבער ביי דער ערשטער, נישט־וויכטיקער שטרויכלונג מיט נישט־יידן, איז ער געוואָרן אַ שטיק פּרושי. אַן אומזין בלויז האָט אים פאַרטריבן אין די אָרעמס פון דער קעניגין. ער וויל נישט אַוועק פון ירושלים.

אַריסטובול האָט געפלאַקערט פון אייפערזוכט. ער האָט געוווּסט, אַז די אָרעמס, אין וועלכע אַרטאַפּאַנוס איז אַריינגעפאַלן, זענען נישט אַזוי די אָרעמס פון זיין מוטער, ווי די אָרעמס פון זיין, אַריסטובולס, געליבטער. די מויד האָט אין אַרטאַפּאַנוסן געדאַרפט געפינען אַ פריינד פאַר אים, האָט זי אים צוגענומען ווי אַ פריינד פאַר זיך אַליין. ווי היציק אַריסטובול איז געווען, האָט ער דאָך באַהאַלטן זיין אייפערזוכט און געזאָגט צו דעם אַלטן עפידעס:

„דיין זון איז אַן אויסטערלישער מענטש. צוליב זיין אייגענער שולד האָט ער באַקומען פון מיר אַ קלאַפּ.״

„אַ, דאָס מוז זיין די סיבה, ווען און פאַר וואָס האָט ער באַקומען אַ קלאַפּ?״ — איז עפידעס ערשט איצט געוואויר געוואָרן וועגן דעם צוזאַמענשטויס צווישן אַריסטובול און אַרטאַפּאַנוסן.

„ער האָט מיט זיין גוף פאַרשטעלט אַ פּרושי, וואָס האָט געזאָלט באַקומען אַ קלאַפּ, און ער אַליין האָט געכאַפּט דעם קלאַפּ — האָט אַריסטובול דערציילט — ער האָט שווער באַליידיקט דעם אָנדענק פון מיין פאָטער.״

„אַרטאַפּאַנוס?!״ — האָט עפידוס אויסגערופן מיט פאַרווונדערונג.

„ניין, ניין. דאָס האָט דער פּרושי באַליידיקט דעם אָנדענק פון מיין פאָטער און אַרטאַפּאַנוס האָט אים מיט זיין גוף געשיצט״ — האָט אַריסטובול באַמערקט, און דער אַלטער עפידעס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„דאָס איז וואָס איך זאָג: מיין זון האָט באַקומען אַ גריכישע דערציאונג און איז דאָך אויסגעוואַקסן אַ פּרושי. דאָס בלוט פון זיין גלותדיקער מאַמען האָט, זעט אויס, איבערגעוווּיגן מיין בלוט.״

אַריסטובול האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויסגערופן אַ גערייצטער:

„נישט די פילאָסאָפיע פון די פּרושים האָט געפאַנגען דיין זון, נאָר ער האָט געמאַכט אַ נחשונישן שפרונג פון דעם גימנאַזיאָן אין יריחו, ביז אין בעט־אַריין פון אַ יפיפיה אין ירושלים!״

אליעזר־עפידעס האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיק מענעריש געלעכטער:

„דאָס איז דאָך אַ סך ווייניקער געפערלעך ווי די תורה פון די פּרושים. איז זי לכל הפחות ווערט מיין זון?״

אַריסטובול האָט אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. ער האָט זיך באַהערשט. די צייט איז געווען צו ערנסט און זיינע מחשבות זענען געווען צו פיל אָנגעלאָדן מיט מיליטערישע און מאַכט־פּלענער, און יונגע פריינד האָט ער געהאַט נישט צו פיל. האָט ער מוותר געווען איצט אויף זיין מענלעכער אַמביציע. ער האָט דאָך אַליין געשיקט מרים־אַפּאָלינאַ! זי זאָל פאַנגען אַרטאַפּאַנוסן. האָט זי זיך פאַרפלאָנטערט אין בעט.

מיט אַ צוויי טעג שפּעטער, אין אַ קילן נאָכמיטאָג, ווען אַרטאַפּאַנוס איז געקומען באַזוכן זיין פריינדין, האָט ער אין רויזן־גאָרטן געטראָפן צוויי אומגע־ריכטע געסט: זיין פאָטער און אַריסטובולן. דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרלוירן און קוים אויסבאַהאַלטן זיין פאַרלעגנהייט. ער האָט אפילו נישט באַגריסט אַריסטובולן און זיין פאָטער האָט ער באַגעגנט אָן איבעריקער פרייד.

מרים־אַפּאָלינאַ האָט זיך צעשפּילט:

„זעסט, אַרטאַפּאַנוס, איך האָב געוווּסט, אַז עס וועט זיין פאַר דיר אַן אַנגענעמע איבערראַשונג, צו באַגעגענען פּלוצים דיין פאָטער און דעם פּרינץ אַריסטובול. איז עס נישט געווען קיין גוטער איינפאַל צו מאַכן דיר אַזאַ סיורפּריז?"

אַרטאַפּאַנוסן איז נישט געבליבן מער, ווי מודה זיין, אַז דאָס איז דאָס קלוגסטע, וואָס אַפּאָלינאַ האָט געקענט איינפאַלן, נאָך דעם ווי די צוויי מענער זענען נישט לאַנג צוריקגעקומען פון שלאַכט אין צפון פון לאַנד.

„דאָס הייסט גרויסמוטיקייט!" — האָט אַריסטובול אויסגערופן און אַרטאַפּאַנוס האָט אים צוריקגעצאָלט:

„נישט אַזוי פיל גרויסמוטיקייט, ווי אָנערקענונג פון העלדישקייט. העלדישקייט ליגט נישט אויף די גאַסן פון ירושלים."

„האָסט עס גוט געזאָגט, מיין זון — האָט זיך אָפּגערופן עליעזר־עפּידעס — פאַרוואָס־זשע ווילסטו נישט אַריינטרעטן אין דער אַרמיי?"

„פּשוט, פאָטער, עס פעלן מיר די אייגנשאַפטן צו זיין אַ העלד" -- האָט דער זון געענטפערט.

„דו האָסט אָבער אייגנשאַפטן פון אַ קעמפער!" — האָט עפּידעס אויסגערופן.

„איך מיין, אַז מיט אייגנשאַפטן, ווי מיט תאוות, דאַרף מען נישט איבער־טרייבן, אויב מען וויל נישט ווערן זייער שקלאַף" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט צוריקגעהאַלטן.

אַריסטובול האָט אויף אים אַ מילדן קוק געטון:

„איך וויל פאַרשטיין פון דעם, אַז ווען נייטיק, וועלן מיר קענען רעכענען אויף דיין הילף."

„ווען נ י י ט י ק — יאָ" — האָט אַרטאַפּאַנוס אַקצענטירט. ער האָט באַמערקט דעם טריאומף־שמייכל אויפן פּנים פון מרים־אַפּאָלינאַ. אַריסטובול האָט אויפגע־הויבן זיין קריגל וויין און אַ לאַנגן זופּ געטון.

אַפּאָלינאַ האָט איצט אַליין באַדינט אירע געסט.

ביים אַריינקומען האָט אַריסטובול אַריינגענומען איר פּנים אין דעם בעכער

פון זיינע לאַנגע און צאַרטע פינגער און איר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס וואָלט געווען ריכטיק פרעמדע אויגן זאָלן נישט זען דאָ אים און עפּידעסן און אויך נישט אונטערהערן, וואָס עס ווערט גערעדט. זי האָט דעריבער אַליין צוגעגרייט דעם ווײַן אין קריגלעך און אָוועקגעשטעלט בלויז צוויי, כדי, ווען אַרטאַפּאַנוס וועט אַרײַנקומען זאָל ער נישט מיינען, אַז דער צוזאַמענטרעף איז געווען פון פאָרויס צוגעגרייט.

ערשט איצט, ווען די אַטמאָספער איז געוואָרן אַ פרייע, האָט אַפּאָלינאַ אַרײַנגעבראַכט אַ ווײַן־קריגל פאַר אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט גענומען דאָס קריגל איןביידע הענט און לאַנג געטרונקען.

ער איז נישט געווען געוווינט צו טרינקען אַ סך ווײַן און פון דער פלוצימער באַרוישונג האָט ער געזאָגט מיט פרייליעכקייט:

„איך האָב געהערט, אַז די אַראַבער אין צפון זענען געשלאָגן געוואָרן."

אליעזר־עפּידעס האָט אָנגעוויזן אויף אַריסטובולן:

„פרינץ אַריסטובול האָט צוריקגעגעבן דעם כבוד דער יאַנאַי־שווערד."

„און וואָס איז געשען ביי דער פעסטונג פטאָלעמאַיס? אין הויף איז מען געווען גאָר שטאַרק באַזאָרגט" — האָט אַרטאַפּאַנוס פּראָוואָצירט.

אַריסטובול איז אויפגעשפּרונגען:

„ווייטיק און חרפּה איז דאָרט געווען! אַ נייער שטייגער אין יהודה — געבן שוחד דעם שונא, אַנשטאָט אים צו דערשלאָגן."

אַרטאַפּאַנוס איז שוין געווען באַרוישט פון ווײַן און זיך ווייטער גערייצט:

„די קעניגין האָט אַליין נישט געקענט אַרויספאָרן, כדי אָפּצושלאָגן די באַלאַגערונג מצד דעם אַרמענישן מלך. אויסער דעם איז זי ביי דער דעה, אַז שוחד איז ביליקער פון בלוט, צעשטערונג און צינדזן."

עפּידעס האָט אַ שפּיל געטון אויפן ספּאָרט־גייסט פון זיין זון:

„עס איז דאָס זעלבע, ווי איבערקויפן די וועט־לויפער אויפן סטאַדיאָן, כדי אָפּצוהאַלטן אַ זיג אָן אַנשטרענגונג."

„נאָך ערגער! — האָט אַריסטובול אויסגערופן — דער מלך טיגראַנעס האָט געמוזט אַנטלויפן פון פטאָלעמאַיס, איידער לוקולוס וואָלט פאַר אים פאַרמאַכט די טויערן פון זיין לאַנד. ווען נישט דער רוימער וואָלט טיגראַנעס צוגענומען דעם שוחד און ער וואָלט די שליחים פון מיין ברודער געצוווּנגען זיי זאָלן אים ווייזן דעם וועג קיין יפו."

דער אַלטער עפּידעס האָט זיך האַרציק צעלאַכט:

„מיינסטו נישט, מיין־זון, אַז דער פרינץ איז גערעכט?"

„וואָרשיינלעך וואָלט אַזוי געווען — האָט אַרטאַפּאַנוס מסכים געווען — אָבער וואָס שייך מיר, זע איך נישט קיין שום שלעכטס אין דעם, וואָס די קעניגין וויל פאַר יעדן פּרייז אויפהאַלטן דעם שלום אין לאַנד. דאָס פאָלק וויל שלום און עס איז צופרידן מיט דער הערשאַפט פון דער קעניגין."

אַריסטובול האָט זיך געפילט געטראָפן. מסתמא ווייסט שוין אַרטאַפּאַנוס

וועגן זיינע פלענער און ער שטויסט זיך אָן, צוליב וואָס ער איז געקומען איצט קיין ירושלים. דאָך, צוליב פאָרזיכטיקייט און כדי נישט אָנצוגרייפן אַרטאַפּאַנוסן, האָט אַריסטובול געזאָגט מיט איבערטריבענער לאַנגזאַמקייט:

„יעדער פון אונדז וויל שלום. אָבער די אַרמיי ווערט פעט און פויל פון זיצן ליידיק אין די גאַרניזאָנען. קאָמאַנדירן ווערן פאַרביטערט פון טאַטלאָזיקייט. צי זאָלן זיי זיך אָנדינגען צו די אַראַבישע אָדער סירישע מלכים, און אין פאַל פון מלחמה מיט יהודה זאָלן זיי קעמפן קעגן זייער אייגן לאַנד? אָדער אפשר זאָלן די קאָמאַנדירן ווערן גאַרבער און פאַרבער און די זעלנער — איסיים? איז דאָס אין גייסט פון די חשמונאים?!"

„אין גייסט פון וועלכע חשמונאים? — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט — די ערשטע חשמונאים האָבן געפירט מלחמה פאַר אויפהאַלטן דאָס פאָלק און די מלוכה אין גלויבן פון זייער אייגענעם גאָט און אייגענעם שטייגער. דאַקעגן, זענען מיר העלעניסטן. אויסער דעם אונטערשייד, וואָס מיר גלייבן אין איין גאָט און די גריכן אין אַ סך געטער, אונטערשיידן מיר זיך מיט גאָרנישט פון די גריכן און סירער. מיר רעדן גריכיש, מיר קליידן זיך גריכיש, אַלע אונדזערע מנהגים זענען גריכישע און דער גייסט..."

„ריכטיק — איז אים אַריסטובול אַריינגעפאַלן אין די רייד — דאָס איז, וואָס מיר ווילן! מיר לעבן נישט מער דאָס וואָנדער־לעבן פון אברהם, יצחק און יעקב. און מיר ווילן נישט לעבן אין דעם אָפּגעשטאַנענעם שטייגער פון די פרושים, אָדער איסיים, וואָס פאַר זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט די צייט. און אויך דער גלות בבל, אָדער דער גלות אַלעקסאַנדריע וועלן אונדז נישט אָנוואָרפן זייער אָפּגעשטאַנענעם שטייגער, נאָר דערפאַר, ווייל זיי שיקן אונדז גאָלדענע מטבעות. די גאַנצע וועלט האָט אָנגענומען דעם העלענישן שטייגער, די גאַנצע וועלט רעדט גריכיש און טראָגט גריכישע קליידער — וועלן מיר זיין ווי אַלע פעלקער. יוחנן הורקנוס איז געווען אַ קלוגער רעגירער. ער האָט פאַרויסגעזען די נייע צייטן, בעת ער האָט געזאָגט צו די אַרומיקע פעלקער: קומט און זייט יהודייער... — ער האָט מיט אַ שמייכל, פול מיט חן און באַוווּנדערונג, אַ קוק געטון אויף מרים־אַפּאָלינאַ און אויף איר אָנגעוויזן — ווען נישט די חכמה פון יוחנן הורקנוס וואָלטן מיר היינט נישט געהאַט אין ירושלים אַזאַ שיינע און זיסע יונגפרוי, ווי עס איז אַפּאָלינאַ. ביסטו נישט מסכים מיט מיר?"

„מסכים! מסכים! — האָט אַרטאַפּאַנוס אויפגעהויבן די האַנט און זיך פאַרנייגט פאַר אַפּאָלינאַן — זי איז דאָס שענסטע מיידל אין ירושלים!"

אַפּאָלינאַ איז רויט געוואָרן פון גליק און זיך צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער:

„אַ שאָד, די טעכטער פון ירושלים הערן דאָס נישט."

„זיי וועלן דאָס הערן! — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן — איך וועל זיי דאָס אַליין זאָגן... ביי וואָס האָבן מיר געהאַלטן? ריכטיק. איך פרעג: וואָס אונטערשיידט אונדז פון גריכן, סירער און עגיפּטער, אויב מיר אַלע האָבן דעם

זעלבן שטייגער, לעבן מיט דער גריכישער פילאָסאָפיע, אייגענען זיך אפילו צו די באַגריפן פון זייערע רעליגיעזע גלויבונגען. מיט וואָס זענען מיר יהודייער און וואָס כאַראַקטעריזירט אונדז?״

„געננוי ווי עס רעדן די פּרושים! — האָט אויסגערופן עפידעס — נישט אַנדערש נאָר זיי האָבן אים אָפּגעטון אַ כישוף. זיי מישן זייער ווײַן מיט כישוף־קרייטעכצער.״

אַריסטובול איז אים געקומען צו הילף:

„ווען איך זאָל נישט האָבן געוווּסט, אַז דו, מײַן ליבער אַרטאַפּאַנוס, האָסט באַקומען דײַן דערציאונג אויף דעם גימנאַזיאָן אין יריחו, וואָלט איך געגלייבט, אַז דו ביסט דערצויגן געוואָרן אין די לערן־הייזער פון די פּרושים. אַ יהודייער איז דער, וואָס אָנערקענט די מיטאָסן פון תנ״ך, האַלט, אַז עס איז פאַראַן בלויז איין גאָט און זײַן לאַנד איז יהודה.״

אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זײַן ווײַן־צעגליטן שטערן און צוגעלעגט די אויגן:

„עפּעס איז דאָ נישט קלאָר. אינגאַנצן נישט קלאָר. עס קען זײַן, אַז ווי מיר לערנען די גריכישע טראַגעדיעס און די עפּאָסן און מיר קוויקן זיך מיט זייער שיינקייט, וועט קומען אַ גריך און לערנען דעם תנ״ך און אויך אים וועלן געפעלן די שיינקייטן פון אונדזערע עפּאָסן. און עס קען זײַן, אַז ווי סאָקראַטעס האָט איינגעזען די נאַרישקייט פון גלויבן אין אַ סך געטער און לסוף געגלייבט, ווי מיר, אין איין גאָט, וועט אויך דער גריך, וואָס וועט געפינען שיינקייטן אין אונדזערע תנ״ך־עפּאָסן, אָנהייבן גלייבן אין איין גאָט. אָט דער גריך וועט לעבן אין יריחו אָדער סקיטאָפּאָליס — צי וועט ער זײַן אַ יהודייער?!״

„יאָ! — האָט אויסגערופן אַריסטובול — פאַר מיר וועט ער זײַן מער יהודייער ווי שמעון בן־שטח.״

„און אונדזער באַזונדערקייט?!״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

„אונדזער באַזונדערקייט פון אַנדערע פעלקער איז אונדזער מלוכה — יהודה.״

אַרטאַפּאַנוס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זײַן פּנים האָט זיך אָנגעפילט מיט בלוי בלוט. אין דער קעגנוואַרט פון מרים־אַפּאַלינאַ האָט ער נישט געקענט דערמאָנען דעם פאַל, וואָס איז מיט אים געשען אויפן סטאַדיאָן אין בית־שאן. ער האָט אַ טרויעריקן קוק געטון אויף זײַן פאָטער, ווי ער וואָלט ביי אים געזוכט הילף. עפידעס האָט אויפגעכאַפּט דעם בליק פון זײַן זון און אויפגעהויבן דאָס ווײַן־קריגל צו זײַנע ליפּן, ווי ער וואָלט וועלן באַהאַלטן, אַז ער האָט אויפגעכאַפּט די מחשבה פון זײַן זון. אַרטאַפּאַנוס האָט געטראַכט, צי זענען ריכטיק די ווערטער פון אַריסטובול? אויב זיי זענען ריכטיק, קען דאָך נישט זײַן, אַז בלויז צוליב דער באַשטיטנקייט זענען יידן אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. וואָס איז דאָס די אַנדערשקייט?

„דאָך זענען מיר אַנדערש, אויב מיר האָבן תמיד געפירט מלחמות צוליב אונדזער אַנדערשקייט!" — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן אויפן קול.

צוהערנדיק די ווערטער פון זיין זון, האָט אליעזר־עפּידעס פּלוצים דערפילט ווי אַרום אַרטאַפּאַנוסן וואָלט זיך באַוויגן דער גייסט פון זיין מוטער. דאָס רעדט זי אַרויס פון זיין מויל, זי, די טאָכטער פון גלות בבל. דאָס האָט זי אים אָנגעשטעקט מיט איר גלותדיק בלוט. ער האָט זיך איצט געמאַכט פאַרוווּרפן, הלמאי ער האָט זיין אייניציקן זון נישט אַוועקגענומען פון איר, ווען ער איז נאָך געווען אַ זויג־קינד. אַרטאַפּאַנוס וואָלט נישט געזויגן איר ברוסט און ער וואָלט נישט אייַנגעזאַפּט אין זיך איר פאַנאַטישקייט. ענדלעך האָט עס אַרויסגערעדט פון אים:

„אַ פּרושי רעדט אַרויס פון דיר, אַרטאַפּאַנוס. צי גלייבן די גריכן אין זייערע לעגענדעס? צי מאַכן די גריכן פון האָמערן און אייסכילאָסן רעליגיעזע נביאים? זיי זענען ווייט אַוועק פון די אַלע נאַרישקייטן און איינרעדענישן, נאָר די פּרושים פאַרדרייען יעדעס וואָרט פון תנ"ך און מאַכן אוממעגלעך אונדזער לעבן. איבעריקנס, ווי איך זע, זענען דיינע לערער אין יריחו נישט געווען פון די פּלייסיקסטע."

אליעזר־עפּידעס האָט די ווערטער געזאָגט מיט היץ און איבערצייגונג, ווי ער וואָלט זיי וועלן ווי פּיילן אַרייַנשיסן אין דעם זכרון פון זיין זון. אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט מער נישט אויפגענומען. די גרויסע מענגע ווייַן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, האָט צעטומלט זיינע חושים און ער האָט מער נישט געקענט צונויפנעמען זיינע מחשבות. דער נאָכמיטאָג איז אַוועק אַזוי אומגעריכט אַנדערש ווי ער האָט זיך געגרייט צו אים. ער האָט זיך געגרייט צו זיין אַליין מיט מרים־אַפּאָלינאַ און אירע אומענדלעכע חסדים. און דאָ האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט זיין פאָטער און מיט אַריסטובולן, און זייערע ווערטער האָבן אים אויפגעשאָקלט צו גייסטיקער אָנשטרענגונג. ווען ער זאָל פריער וויסן וועגן דעם צוזאַמענטרעף און אַז ביידע וועלן אים אָנגרייפן, וואָלט ער זיך צוגעגרייט. ער וואָלט געהאַט דעם ענטפער און וואָלט נישט געבליבן אַזוי צעטומלט, ווי ער איז.

דער ירושלימער אָוונט איז שנעל צוגעפאַלן. די זון, ווי אַ באַלם פון פלאַמען, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער די בערג און אַנטרונען. אויף דרום האָט זיך דער דינער סערפּ פון דער לבנה איינגעשניטן אין דעם זוים פון די בערג, וואָס בלויז אַ פאַרנעפּלטער ראָזער שטרייף האָט זיי אָפּגעטיילט פון הימל. שטערן, ווי קליינע לעמפּעלעך, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און געבליבן הענגען אין דער לופטן. די פּנימער פון עפּידעס, אַריסטובול און פון אַפּאָלינאַן האָבן זיך פאַררוישט צוזאַמען מיט די פאַרבן פון די רויזן־בייטן. אַרטאַפּאַנוס האָט געקוקט אויף די שאָטן־געשטאַלטן, ווי פּלוצים האָט ער דערהערט דאָס קול פון זיין פאָטער:

„ביי דער געלעגנהייט, אַרטי מיין זון, מיינסטו נישט צו קומען צו מיר אין דער פעסטונג, כדי צו פּרוּוון, ווי עס האַלט מיט דיינע מוסקולן?"

„ווירקלעך — האָט אַריסטובול אונטערגעכאַפּט — איך בין זיכער, אַז בלויז צוליב דעם וואָס אַרטאַפּאַנוס פירט אַ שטאָטיש לעבן, האָט ער זיך מיט מיר נישט

פאַרמאָסטן, ווען איך האָב אים אַנומלט צופעליק געגעבן אַ קלאַפּ. טאַקע צופעליק, אָבער אַ קעמפער ענטפערט. טראָגסטו נאָך אַ האַרץ קעגן מיר, אַרטאַפּאַנוס?"

אַרטאַפּאַנוס האָט שיכורלעך געענטפערט:

„ווער עס איז זיכער מיט זיינע מוסקולן, דער ווייסט אויך, ווען נישט צוריקצוגעבן. איבעריקנס, האָבן די פויסטן פון פרינץ נישט געמיינט מיך."

„דאָס איז ריכטיק — האָט דער שאָטן־אַריסטובול זיך באַוויזן — פונדעסט־וועגן דאַרפסטו אָננעמען דעם פאָטערס איינלאַדונג. וועסט דאָרט געפינען מיינע אַ גוטע פּאָר פערד; דאָס בעסטע צווישן זיי, לויט דיין אויסוואַל, איז פון מיר אַ מתנה פאַר דיינעטוועגן."

„אַ דאַנק, פרינץ אַריסטובול, בלויז צוליב דעם וועל איך קומען אין דער פעסטונג, אַזוי שנעל, ווי עס וועט מיר מעגלעך זיין."

עס איז געווען מרים־אַפּאָלינאַס נצחון פאַר אַריסטובולן. דער שאָטן פון דער אדומערין האָט זיך אויפגעהויבן. אין אירע קאָנטורן האָט אַפּאָלינאַ אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע פון אַ גריכישער געטין.

קאפיטל פיר

דערמיט וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט זיך איבערגעבעטן מיט אַריסטובולן האָט ער נישט געענדערט זיין באַציאונג צו דער רעגענטין. ער האָט די קעניגין פאַרערט, ווי אַ גוטער זון פאַרערט זיין מוטער, און ער איז גרייט פאַר איר צו שטרעקן דאָס לעבן. אויסער דעם געפיל פון אַ זון האָט ער טיף רחמנות געהאַט אויף איר. זי איז געווען איינזאַם און געהערשט אין אַן אַטמאָספער פון אינטריגעס, אפילו פון אירע סאַמע נאָענטסטע. זי האָט געוווסט, אַז אַריסטובול, איר ייִנגערער זון, וואַרט אויף איר סוף. נישט האָבנדיק געדולד צו דערוואַרטן זיך אויף איר טויט, קאָנספּירירט ער באַצייטנס צו מאַכן אַן איבערקערעניש און זיך דערקלערן פאַר מלך. און אויב הורקנוס האַלט זיך נאָך נעבן איר, איז דאָס נישט דערפאַר, ווייל ער איז איר אַ פריינד, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז שוואַך, פחדנותדיק און האָט מורא צו בלייבן אויג־אויף־אויג מיט זיין ייִנגערן אַוואַנטוריסטישן ברודער. און אַנטיפּאַטער — די קעניגין האָט אים געהאַסט. אין יעדן וואָרט פון אים האָט זי געפילט פאַלשקייט און אינטריגע. זי האָט געמוזט אים אָנפאַרטרויען אויפגאַבן און געוווסט, אַז בלויז טיילווייז וועט ער זיי אויספירן פאַר איר און נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי וועלן שטאַרקן זיינע אינטריגעס. אָבער הורקנוס איז צוגעבונדן צו אים ווי אַן אייביקער קנעכט, וואָס האָט מורא צו מאַכן אַ טריט אָן זיין האַר.

וואָס לענגער אַרטאַפּאַנוס האָט געלעבט אין דער אַטמאָספער פון דעם חשמונאים־פּאַלאַץ, אַלץ מער האָט ער דורכגעזען די אינטריגעס און קאָנספּיראַ־ציעס פון די הויף־לייט און די מאַכט־באַזיצער. דער תהום פון שנאה צווישן די אויפגעריכטע פּרושים און די פאַרבליבענע צדוקים האָט נישט געשטערט, אַז אויך יעדע מחנה זאָל אין זיך גופא זיין צעפרעסן פון אינטריגעס און אַמביציעס. צוויי צדוקים האָט פאַרבונדן די בשותפותדיקע שנאה צו די פּרושים, אָבער די זעלבע צוויי האָבן זיך נאָך מער פיינט געהאַט. און אַלע צוזאַמען האָבן געציילט די יאָרן פון אַלעקסאַנדראַן.

פון אָנהייב האָבן די פּרושים געזען אין דער קעניגין אַן אויסלייזערין פון דער העלעניסטישער עבודה־זרה, אָבער אַזוי שנעל ווי זיי האָבן באַזעצט די מאַכט־פּאָזיציעס און זיך פאַרפעסטיקט אויף זיי, האָבן זיי איינגעזען, אַז סוף־כל־סוף איז זי דאָס ווייב פון דעם פאַרשטאָרבענעם „טראַקיער“, וואָס האָט אָפּגעהאַקט די קעפּ פון געפאַנגענע פון זיין אייגן פאָלק און מבזה געווען דאָס הייליקטום פון

פאָלק. אויב זי האָט פריער זיך געפריינדעט מיט פרושים און זיי שפּעטער צוגעלאָזט צו דער מאַכט, איז דאָס זיכער געווען בלויז אויס נקמה פאַר איר פאַרביטערונג און איינזאַמקייט ביים לעבן פון איר מאַן, וואָס האָט זיינע יאָרן פאַרבראַכט אין מלחמה און אין גרענעץ־צוזאַמענשטויסן. און זי האָט נקמה גענומען אין די צדוקישע קאָמאַנדירן, הלמאי זיי האָבן איר מאַן געשטויסן צו מלחמות און אַוואַנטורעס, עס זאָל אים נישט בלייבן קיין צייט אויף צו זיין אַ מאַן צו איר, אַלעקסאַנדראַן.

אַזוי האָבן לסוף געזען די פרושים די פרוי, וועלכער זיי האָבן געדאַרפט דאַנקבאַר זיין פאַר איבערגעבן צו זיי די מאַכט איבערן פאָלק, דעם סנהדרין און די שטייער־איינמאַנונגען.

נאָך מער איז אַלעקסאַנדראַ געווען פאַרהאַסט ביי די צדוקים. אין די יאָרן פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַיס הערשאַפט איז דער העלעניזם נאָך מער אַריינגעדרונגען אין זייערע הייזער און דער פרעמדער שטייגער איז געוואָרן דער היימישער שטייגער. מיטן באַהערשן נייע שטחים פאַר דער מלוכה, האָבן זיך געמערט די פרעמדע פעלקערשאַפטן, העלעניסטישע געצנדינער, וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם מנהג פון באַקכאַנטישע סעודות און ספּאָרט־פאַרמעסטונגען. אין די רייכע פּאַלאַצן פון די צדוקישע מאַכטהאָבער איז דאָס דערשיינען פון אַ גריך אָדער אַ סיריער געווען אַ טיפע איבערלעבונג. אַ צדוקישע פרוי, וואָס האָט זיך געקאָנט באַרימען, אַז ביי איר אויף דער וויין־סעודה זענען געווען אַנוועזנד גריכן פון סקיטאָפּאָליס — האָט אַרויסגערופן צו זיך קנאה פון די אַריסטאָקראַטישע פריינדינס אירע, וואָס האָבן צו אַזאַ כבוד נישט זוכה געווען. און די יוגנט פון די צדוקים האָט נאָכגעמאַכט די זיטן פון די פרעמדע, געשעמט זיך צו רעדן די שפּראַך פון פאָלק און ליבערשט גערעדט אַ פעלערהאַפטן גריכיש, איידער צו רעדן מיט דעם לשון פון המון. די פרעמדע האָבן אַריינגעבראַכט אין די צדוקישע פּאַלאַצן קליינגעבנדיקע נעמען פון גריכישע פילאָסאָפן און טראַגעדיע־שרייבער: סאָפאָקלעס, אייריפּידעס, סאָקראַטעס, אַריסטיפּאַס, אַריסטאָטעלעס און פּלאַטאָ, וואָס די צדוקישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך געלערנט זיי צו געדענקען, אויף צו קאָנען זיי דורכוואָרפן אין שיינע געשפּרעכן מיט פרעמדע און אויך מיט אייגענע. וואָס מער נעמען פון גריכישע פילאָסאָפן און טראַגעדיע־פּאַרפאַסער, האָט אַ העלעניסט געדענקט, אַלץ חשובער איז ער געווען און אַלץ מער האָט ער זיך דערנענטערט צו דער גרויסער וועלט.

ביי דער הערשאַפט פון אַלעקסאַנדראַן, ווען די פרושים זענען געקומען צו דער מאַכט, האָט זיך דער צדוקישער שטייגער אַ טרייסל געטון, אָבער נישט אויף אַזוי פיל, ער זאָל אומפאַלן. דאָס לעבן אין ירושלים איז געוואָרן רואיקער, געזעצטער, און דער המון האָט מער נישט אַרויפגעקוקט צו די צדוקישע פּאַלאַצן, ווי צו אויסטערלישע וועלטן. און די העלעניסטן האָבן געבענקט צו די אַלטע גוטע צייטן, ווען מען איז געווען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך.

האָבן די העלעניסטן געזען אין דער קעניגין אַ שלעכטע, פאַרביסענע פרוי,

וואָס ציט צוריק יהודה צו די אַלטע, פאַנאַטישע צייטן. און זיי האָבן געהאָפט, אַז נאָך איר טויט וועלן די אַלטע גוטע צייטן צוריקקומען.

אָבער ווען אין איינעם אַ טאָג איז פון דעם חשמונאים־פּאַלאַץ אַרויס די בשורה, אַז שלומציון־אַלעקסאַנדראַ איז געפאַלן צו בעט אין אַ שווערער שלאַפקייט, איז די בשורה, ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגל אַרומגעפלויגן איבער יהודה און אַנגעטריבן אַן אומעט און אומרו. אַפילו די וואָס האָבן אויסגעקוקט איר סוף, זענען דערשיטערט געוואָרן. בלויז אין די ווייטע גאַרניזאָנען, דאָרט ווו עס איז צוגעגרייט געוואָרן די מרידה קעגן דער קעניגין, האָט די בשורה וועגן איר קראַנקייט נאָך מער געשטאַרקט די קאַמפּס־גרייטקייט.

דער כהן־גדול הורקנוס איז אַריינגעפאַלן אין בהלה און אין פחד, און ער האָט זיך געשטעלט ביי איר געלעגער אַזאַ דערשלאָגענער, אַז ס׳האָט אים געשיינט, טאָמער גייט ער אַוועק פון זיין קראַנקער מוטער אַפילו אויף אַ ווייל — זענען אַלע זיינע האָפענונגען פאַרלוירן.

כל־זמן זיין מוטער איז געווען געזונט האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף איר פּאָליטישער חכמה. זי וועט זיך שוין אַן עצה געבן מיט די שונאים. איצט אָבער, ווען אַנטיפּאַטער, זיין שטיצזייל, איז ווייט פון ירושלים און אויך די קעניגין איז קראַנק — וואָס וועט געשען מיט אים? ווי וועט ער זיך אַן עצה געבן? ער איז געבליבן אָן אַן אַרמיי און אַנטיפּאַטער זוימט זיך ביי דעם אַראַבישן מלך. טאָמער וויל נישט אַרעטאַס פאַרדינגען זיין אַרמיי?

הורקנוס האָט אַפילו מורא געהאַט צוזאַמענצורופן דעם קעניגלעכן ראַט. ער ווייסט נישט, ווער פון די ראַטגעבער איז אַ שונא און ווער אַ פריינט. זיי טראַכטן בלויז וועגן זיך. און אַנטיפּאַטער איז ווייט. אוי, ווי ווייט ער איז.

אין זיין פאַרצווייפלונג האָט הורקנוס געלאָזט רופן צו זיך אַרטאַפּאַנוסן. די קעניגין האָט אים ליב און האָט אין אים פאַרטרויען, וועט ער אויך האָבן צו אים צוטרוי. די קעניגין איז תמיד אויפגעלייגט, ווען זי רעדט מיט אַרטאַפּאַנוסן. עס שלאָגט פון אים, זאָגט זי, ערלעכקייט און מוט. אין דער שעה פון אומבאַ־האָלפנקייט, ווען ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די ערד אַנטלויפט אים פון אונטער די פיס, האָט הורקנוס געמוזט האָבן נעבן זיך אַזאַ יונגן און מוטיקן מענטש, ווי אַרטאַפּאַנוס.

גלייך ווי ער איז אַריבער די שוועל, האָט אים דער דערשלאָגענער הורקנוס געזאָגט:

„די קעניגין איז קראַנק און אַנטיפּאַטער איז נישטאָ.״

„מיט אייך איז דאָס פאָלק, קעניג!״ — האָט אַרטאַפּאַנוס זיך פאַרנייגט.

דאָס אָנרופן אים קעניג האָט הורקנוסן דערהויבן אין זיינע אייגענע אויגן. דער יונגער מענטש איז אַוודאי גערעכט: דאָס פאָלק באַטראַכט אים ווי דעם מלך אין דער מינוט ווי די קעניגין איז געפאַלן צו בעט. ווען נישט, וואָלט דאָך אַרטאַפּאַנוס נישט אָנגערופן אים קעניג. הורקנוס האָט געהייסן זיין גוטן בשורה־ברענגער אַוועקזעצן זיך נעבן אים אויף די קישנס, און ער האָט געזאָגט:

„מײַן אומרואיקער ברודער פֿאַרטראַגט נישט די שלווה פֿון פֿאָלק און ער איז פֿול מיט מזימות. איך ווייס, אַז ער איז אפשר נישט אַזוי שולדיק, ווי עס זענען שולדיק די סטראַטעגן אין די פֿעסטונגען. זיי זאָרגן מער, זייערע שווערדן זאָלן נישט זשאַווערן אין די שיידן, איידער זיי נעמען זיך איבער מיטן וווילזײַן פֿון פֿאָלק. מײַן פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער פֿלעגט תמיד אַהיימקומען מיט בשורות, אַז ער האָט פֿאַרגרעסערט אונדזער מלוכה מיט נאָך אַ שטאָט, אָבער איך געדענק נישט ער זאָל האָבן ווען עס איז געקומען מיט דער בשורה, אַז זײַן פֿאָלק איז געוואָרן צופֿרידענער.״

אַז אַרטאַפּאַנוס האָט געשוויגן, האָט הורקנוס ווייטער געזאָגט, ווי צו זיך אַליין: „אויב פֿאַרגרעסערן דאָס לאַנד און פֿאַרמערן די פֿרעמדע און דאָס פֿרעמדע אין דער מלוכה, קאָן דאָך זײַן, אַז נאָך אַלע נצחונות וועלן די יידן זײַן די באַזיגטע?״

אַרטאַפּאַנוס האָט ווייטער געשוויגן. מער ווי פּחד האָט ער נישט געפֿילט אין די ווערטער פֿון דעם כהן גדול. און ער האָט געוווּסט, אַז דער פּחד איז אַ באַרעכטיקטער. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אויב די בשורה וועגן דער קעניגינס שלאַפֿקייט איז שוין דערגאַנגען צו אַריסטובולן אין איינעם פֿון די פֿעסטונגען פֿון יענער זייט ירדן, מאַרשירט שוין איצט זײַן חייל קיין ירושלים.

אַרטאַפּאַנוס האָט וועגן דעם געטראַכט מיט אַ געוויסער גלײַכגילטיקייט. ער האָט דאָך געהערט צו דעם צעטומלטן יונגן דור אין יהודה. נאָך אַלע צווייפֿלען איז ער געוווען אַ העלעניסט, און די צווייפֿלען האָלטן בלויז זײַן געמיט אומרואיק, זיי נייטן אים צו טראַכטן. ער וויל זיך נישט מיטקאָכן אין דעם הייסן קעסל פֿון די אינערלעכע קאַמפֿן און אינטריגעס און ער אַנטלויפֿט גערן צו די חסדים פֿון מרים־אַפּאָלינאַ. דאָך, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהערט די טענות פֿון הורקנוס, האָט ער געפֿרעגט:

„וואָס קאָן איך טון פֿאַר מײַן קעניג?״

הורקנוס האָט געענטפֿערט:

„דײַן פֿאָטער איז אונטער דער השפּעה פֿון אַריסטובולן. און איך ווייס, אַז דײַן פֿאָטער צוזאַמען מיט גאַלעסטאַסן גרייטן צו אַן אויפֿשטאַנד קעגן דער קעניגין. דיר וועט לײַכט זײַן אַרײַנצוקומען אין דער פֿעסטונג, וווּ עס שאַלטעט גאַלעסטאַס און וווּ עס איז דער צענטער פֿון דער מרידה. פֿאַר אַהין און ברענג מיר אַ צייכן, ווי עס האַלט, כדי צו פֿאַרמײַדן דעם אויפֿשטאַנד און די ליידן פֿון פֿאָלק. זיי ווייסן, אַרטאַפּאַנוס: דער געדאַנק, אַז דער מלוכה דראָט נישט קיין סכנה פֿון אַן אינערלעכער מלחמה, קאָן העלפֿן מײַן מוטער געזונט ווערן. וואָרום דערדריקט איז די קעניגין מער פֿון דעם, וואָס איז דערגאַנגען צו אירע אויערן, ווי פֿון דעם, וואָס עס ליידט איר גוף״.

אַרטאַפּאַנוס איז גערירט געוואָרן פֿון די לעצטע ווערטער. די געפֿילן און די יידישע סענטימענטאַליטעט, וואָס די גריכישע לערער האָבן אַ מאָל געדאַרפֿט אויסוואָרצלען פֿון אים און זיי פֿאַרטרעטן מיט שטאַרקע מוסקולן — האָבן

פֿאַרפּלייצט דאָס געמיט פֿון אַרטאַפּאַנוסן און ער האָט צוגעזאָגט נאָך דעם זעלבן טאָג אַרויסצולאָזן זיך אין דער שליחות.

איידער ער האָט זיך געזעגנט איז ער אַריין צוזאַמען מיט הורקנוסן אין דער קאַמער פֿון דער קראַנקער קעניגין. אויף דעם גרויסן, ווייכן און פֿאַרביקן געלעגער איז געלעגן אַן אַלטע, קליינע פֿרוי, אַ סך אַ קלענערע ווי ער האָט זי געזען אַ געזונטע. פֿון דעם פֿענצטער, הויך איבערן בעט, האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטויביקער זייל פֿון דער זון און געפֿאַלן באַלכסון אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט. פֿון דעם ליכט־רעפֿלעקס צום געלעגער פֿון דער קראַנקער האָבן אירע האָר און איר פּנים געהאַט דעם זעלבן קאָליר — בלאַלעך־ווייס. אַרום די מויל־ווינקלען האָבן זיך איינגעשניטן טיפֿע קנייטשן, נישט פֿון אַלטקייט, נאָר פֿון פֿאַרדרענגטע ליידן, וואָס געפּיינען נישט קיין אויסלאָזונג. זי האָט געהאַט די אויגן נישט אינגאַנצן געשלאָסן. צווישן די לעדלעך האָבן זיך געזען צוויי שמאָלע גלאַנציקע שטרייפֿן פֿון די שוואַרצאַפּלען און ווייסלען. אָבער זי האָט נישט רעאַגירט אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער בלענדנדיקער שיין. ערשט ווען אַרטאַפּאַנוס האָט זיך דערנעענטערט צו איר בעט און באַרירט איר צאַרטע, טויט־בלייכע האַנט, האָט זי לייכט באַוועגט מיט די פֿינגער. ער האָט געזאָגט, פֿליסטערנדיק:

„אַרטאַפּאַנוס, אַרטאַפּאַנוס שטייט נעבן אייער געלעגער, קעניגין."

זי האָט די אויגן נישט געעפֿנט, אירע פֿינגער האָבן זיך נאָך ווייניקער באַוויגן ווי ביים ערשטן אָנריר, בלויז אויף אירע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן פֿון אַ שמייכל, פֿונעם שמייכל איז געוואָרן עפּעס פֿון אַ גרימאַסע, און פֿון די צוויי שמאָלע טונקעלע שטרייפֿן צווישן די לעדלעך האָבן זיך אַרויסגעקייקלט צוויי טרערן און אין שמאָלע ריטשקעלעך אַראָפּגעפֿלאָסן אין די קנייטשן אַרום מויל.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַ קוש געטון די טויט־בלייכע האַנט פֿון דער קעניגין. ער איז אַוועק, פֿאַרבייגנדיק זיך טיף פֿאַר הורקנוסן, כּדי אויסצובאַהאַלטן זיין פּנים, וואָס איז אויך געווען באַדעקט מיט צוויי טרערן...

אַרטאַפּאַנוס איז נישט אַוועק דעם זעלבן טאָג, ווי ער האָט צוגעזאָגט הורקנוסן. ער איז געווען דערשיטערט פֿון דער איבערלעבונג ביים בעט פֿון דער קראַנקער. צי איז זיין אייגענע מוטער נישט אויסגעגאַנגען, אַזוי ווי עס גייט אויס די קעניגין? צי איז אויך זיין מוטער נישט געווען אַזוי איינזאַם אין איר גסיסה, ווי עס איז איינזאַם אין איר אויסגאַנג די קעניגין? אָבער זיין מוטער איז דאָך געקומען פֿון גלות. זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס יידן קאָנען לעבן ווי אַ געאייניקט פֿאָלק צווישן פֿרעמדע און פֿאַרוואָס קאָנען יידן אין זייער אייגענער מלוכה נישט לעבן געאייניקט און אין שלום? האָט זי נישט געהאַט קיין פֿריינט אין יהודה, און אַפֿילו איר אייגענער מאַן האָט נישט פֿאַרשטאַנען איר געמיט. דאָך איז שלומציון־אַלעקסאַנדראַ געווען יהודייאיש אין יעדן געוועב פֿון איר לייב און נשמה, זי איז געווען די פֿרוי פֿון צוויי מלכים,

אַליין געפירט יהודה ניין יאָר, איר הויף איז פול געווען מיט ראַטגעבער, הויכע באַאַמטע, שופטים און מנהיגים. פון דעסטוועגן איז זי אַזוי אַליין, אַזוי איינזאַם און אַזוי אומגליקלעך...

אַרטאַפּאַנוס האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסן פון ירושלים. אין טומל פון די פאַרבייגייער און אין גערויש אויף די מאַרקן האָט ער געוואָלט פאַרשטויסן פון זיך די מחשבות, וואָס האָבן אים נישט געגעבן קיין מנוחה. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין און זיך נאָכגעיאָגט. איז ער אַוועק צו מרים־אַפּאַלינאַ און געבעטן ביי איר אַ קריגל וויין. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אויסזען, ווי ער וואָלט קראַנק געווען. דאָס ערשטע מאָל האָט זי אים געזען אַזאַ צעטרייסלטן.

„איז דיר עפּעס געשען וואָס האָט דיך צעבראָכן?" — האָט זי אים געפרעגט מיט אַ מילדער, באַרואיקנדיקער שטים.

„גיב מיר וויין און פרעג נישט; איך קאָן זיך אַליין נישט ענטפערן".

„דערצייל און עס וועט דיר לייכטער ווערן", — האָט זי אים געבעטן.

„נאָר וויין קאָן פאַרטרייבן פון מיר דאָס געשפּענסט. גיב מיר וויין!" — האָט ער שוין דאָס מאָל געזאָגט מיט אַ שאַרפן אומגעדולדיקן טאָן.

אַפּאַלינאַ האָט געבראַכט אַ קריגל שטאַרקן וויין און ער האָט עס מיט איין מאָל אויסגעטרונקען.

„גיב מיר נאָך — האָט ער געבעטן, — דער וויין וועט פאַרלעשן די שריפה פון מיינע מחשבות".

זי האָט געבראַכט אַ צווייט קריגל וויין, ער האָט עס ביי איר צוגענומען און אַרויס דערמיט אין גאָרטן. אין דער נאָענטסטער אַלטאַנע האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף די גראָז־קישנס און מיט צוגעלענטע אויגן אויסגעליידיקט דעם וויין פונעם קריגל און געשוויגן.

אַפּאַלינאַ איז אים נאָכגעגאַנגען, אַוועקגעזעצט זיך נעבן זיין געלעגער און געפּרוווט פון זיין לענגלעך מענעריש פּנים אַרויסלייענען זיין צער. זיין פּנים איז געווען פאַרשלאָסן און פאַרהעמערט. האָט זי זיך איינגעקוקט אין די דינע אָדערלעך אויף זיין שלייף, אין דער שאַרף־געצייכנטער קין, און אַזוי געזעסן שעהן לאַנג. זי האָט נישט געוווּסט, צי ער שלאָפט, צי ער איז וואַך, צי ער איז שיכור, אָדער ניכטער — עס איז איר גוט געווען צו זיין נעבן אים.

ווען עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, דער טוי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און ס'איז קיל געוואָרן, האָט זי געבראַכט דעקן, זיך אַוועקגעלייגט נעבן אים. די וואַרעמקייט און דער ריח פון זיין מענלעכן גוף האָט איר איינגעוויגט פונקט אין אַזאַ שכרות. ווי דער וויין האָט אים איינגעוויגט. אָבער ווען די פייגל האָבן מיט זייער צוויטשעריי איר אויפגעוועקט מיטן אויפגאַנג פון דער זון — איז דאָס געלעגער נעבן איר געווען ליידיק. אַרטאַפּאַנוס איז נישט געווען און דאָס אָרט, וווּ ער איז פריער געלעגן, איז געווען קאַלט.

אין יענער שעה האָט שוין אַרטאַפּאַנוס אַראָפּגעריטן מיט די בערג־שיפּועים פון ירושלים אין דער ריכטונג צום ים המלח. ווי אַ צעגליטער פּערל־מושל האָט

דער ים אָפּגעשלאָגן דאָס יונגע זון־ליכט אין די אויגן פון דעם רייטער. די שיפּועים, איבער וועלכע ער האָט געריטן — צעגרינט, און צווישן דעם גרינעם פון מעך און גראָזן, שטיקער ראָזע און קופּער־רויטע פעלדזן, — האָבן אים געגעבן דאָס געפיל, אַז גאָט אַליין האָט פאַר אים אויסגעשפּרייט אַ ריזיקן טעפּיך. ער האָט אונטער זיך געפילט דעם צעהיצטן גוף פון דעם פערד. הגם ער איז אַוועק אין דער פערד־שטאַל פון הויף, ווען עס איז נאָך געווען שטאָק פינצטער, האָט ער מיט דער געניטקייט פון אַ גוטן קענער אויסגעקליבן פאַר זיך אַ פערד. און ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט: עס איז געווען אַ שלאַנק, אַראַביש פערד און אויך אַזוי פאַרביק, ווי דער פּייזאַזש אין זון־אויפגאַנג — קופּער־ברוינלעך מיט ווייסע פלעקן, ווי מען וואָלט אויף זיין פעל אַרויפגעגאָסן מילך. די שלאַנקע פיס פון דעם פערד האָבן געטרעטן אויפן באָדן מיט אַזאַ ריטם, ווי עס וואָלט געגאַנגען צום טאַקט פון מוזיק, ווי עס וואָלט אַליין געהאַט דאָס באַוווּסטזיין פון זיין אייגענער פערדישער חשיבות. אויך אַרטאַפּאַנוס גופא איז געווען אויסגעלייטערט. קיין סימן איז נישט געבליבן פון דער פאַרוואָלקנטקייט און שטורעם פון נעכטן. גלייך ווי ער איז אַרויס פון די טויערן פון ירושלים, איז ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ קלעם. די זאַפטיקע פרישקייט פון דער מאָרגן־לופט, אויסגעמישט מיט דעם ריח פון פערדישן שווייס און דעם ריטם פון דעם פערד אונטער אים, האָבן אויסגעדעמפט פון זיין זכרון די שווערע מחשבות, דעם ווייען און דעם צער. ער האָט ווי געפילט דעם ריזל פון זיין אייגן בלוט אין זיינע אָדערן.

ער, אַרטאַפּאַנוס, איז דאָס ערשטע מאָל אין אַ שליחות, פון וועלכער עס דאַרף זיך אויסשפּילן דער גורל פון מלכים און פון זיין אייגן לאַנד! עפּעס נישט געוויינטלעכס איז אין דעם, וואָס קורץ נאָך דעם ווי ער איז איינגעלאַדן געוואָרן פון אַריסטובולן צו קומען צו אים אין דער פעסטונג אויסצוווילן פאַר זיך אַ פערד, ווערט ער געשיקט פון הורקנוס אין דער זעלבער פעסטונג אויס מורא פאַר אַן אויפשטאַנד. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך נישט געאיילט. אָפּט ווייסט נישט אַ מענטש פאַרוואָס ער איז אומגליקלעך, ווי ער ווייסט נישט אַן אַנדערש מאָל, פאַרוואָס ער איז גליקלעך. איצט איז אים גוט און ער וואָלט וועלן די ריטמישע וויבראַציע פון פערדס גוף אונטער אים זאָל דויערן אייביק, אייביק. ער האָט געהאַט דאָס זעלטענע געפיל פון פולער גליקזעליקייט, ווען דער הימל און די ערד, די זון און אַפילו דאָס קלענסטע באַשעפעניש, וואָס לויפט פאַרביי זיין וועג — איז צו זיינע פיס. אַלץ, אַלץ האָט ער איצט געהאַט אין זיך און ער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין פון דער אויסטערלישקייט, אַז עס קאָן זיין אַזוי גוט...

צו האַלבן טאָג איז ער אָנגעקומען אין עמק עכור, וווּ ער האָט זיך פאַרהאַלטן אָנצוטרינקען ביי אַ קוואַל זיין פערד. ער האָט דאָ באַגעגנט אַ רייזנדן, וואָס האָט גאָר שטאַרק געסאָפּעט ביים פאַררייכטן אַ צעריסענעם רימען פון דעם זאָטל אויף זיין פערד און זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. אין זיין צעזונגענער פרייד האָט אַרטאַפּאַנוסן אויך געוויילט די צופעליקע באַגעגעניש. גאָט טוט היינט מיט אים חסד.

דער רייזנדער, אַ קליינער, דיקער פּאַרשוין מיט אַזוי פיל אומגעלומפּערטע קיילעכדיקייטן, ווי ער וואָלט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון באַלמס, איז געווען אַ שאַרזש־קאָנטראַסט צו זיין הויך און אָפּגעמאָגערט פערד, ווי עס וואָלט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון ברעטער.

„מיין נאָמען איז מנשה בן־יצחק — האָט דער פּאַרשוין איבערגעריסן דאָס פּאָרען זיך ביים רימען און האָט מיט אַ פּאָלע אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין פּנים, — איך בין אַ סוחר פון געווירצן. פון ירושלים בין איך. אויך איר גייט קיין אַרכעלאַיס? איך גיי קיין אַרכעלאַיס. איך וואָלט שוין דאָרט געדאַרפט זיין. נאָר היינטיקע צייטן זענען די שוסטערס נישט קיין שוסטערס און רימערס זענען נישט קיין רימערס. ערשט ערב סוכות... באַלד... טאַקע אין חודש אלול געקויפט אַ נייעם זאָטל און שוין רייסן זיך די רימענס. נישט אויסגעגאַרבט. וואָס איז דאָס וווּנדער? דער וועבער וועבט נישט, דער שוסטער נייט נישט, דער גאַרבער גאַרבט נישט, דער פאַרבער פאַרבט נישט, נאָר אַלע קאָכן זיך אין דער מחלוקת פון דער מלוכה. קוים אַ פּאָר יאָר געהאַט מנוחה און שוין ווידער קאָכט ווייניק וואַסער אין אַ גרויסן קעסל. וואָס אָנבאַלאַנגט מיר, האַלט איך פון ווייבער נאָר אין בעט. אָבער וואָס אַרט מיך, אַז איבער יהודה הערשט אַ ווייב? אייך אַרט עס? מיך נישט. דער עיקר — ביי יענע האָבן מיר זיך אָנגעטרונקען מיט בלוט און ביים ווייב טרינקען מיר וויין. זענט איר נישט ביי דער זעלבער דעה? איך יאָ. מעגט איר זיין ווי רייך, נאָר טאָמער האָט איר נישט קיין שלום־בית, זענט איר אָרעם, ווי אַן איסי אין דער מדבר. נאָר אַז איר האָט שלום־בית אַרט אייך אַפילו נישט, אויב אַ זאַק מיט געווירצן ווערט אַ מאָל פאַרשימלט. איך ווייס דאָס. איך בין אַ סוחר פון געווירצן. איר זענט נישט מסכים מיט מיר? ס'אַרט מיר נישט טאָמער זענט איר מיט מיר נישט מסכים. איך האָב מיין דעה. דער עיקר, עס זאָל ווייטער זיין שלום. איר פילט? איר פילט? — האָט דער פּאַרשוין געשמעקט אין דער לופט — מיר דאַכט, אַז עס רוקן זיך אָן שווערע צייטן. פאָר איך קיין אַרכעלאַיס אָפּנעמען די חובות. אין אַן אומרואיקער צייט איז נישט גוט צו האָבן חובות. דאָ לעבט דער מלווה און דאָ איז ער מער נישטאָ. גייט מאָנט ביים קבר. הערט, איר מעגט הערן: אַנומלט האָבן איינגעטראָפן צו מיר יוונים פון דמשק. זיי פירן געווירצן קיין רוים. יאָ מלחמה, נישט מלחמה — זיי האַנדלען מיט געווירצן. איך אויך אַזוי. יעדער האָט זיך זיין אומנות: דער כהן שעכט קרבנות, דער קריגער פירט מלחמות און דער סוחר האַנדלט. אַזוי האָט גאָט באַשאַפן די וועלט און דער מענטש וועט זי נישט איבערמאַכן. זענט איר נישט ביי דער זעלבער דעה? האָבן מיר די יוונים פון דמשק דערציילט, אַז די רוימער זענען פאַרקראָכן פון יענער־זייט ים־הגדול אַזש ביז סיריע. וועט ער אַוודאי ווען קריכן ווייטער. צי ווייסט איר, וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָלק די רוימער? איך נישט. נאָר מורא האָב איך פאַר זיי. איך האָב מורא פאַר אַלע געצנדינער. ווי קאָן מען טראָגן אין איין האַרץ אַ סך געטער? אַפילו איין גאָט אין האַרץ האָבן אויך נישט אַלע. האָב איך מורא פאַר די רוימער? אַוודאי האָב איך מורא. און איר האָט נישט מורא? איך זע, אַז אויך איר האָט

מורא. איז וואָס זשע איז מיט דעם פאַרשאָלטענעם רימען פון זאָטל? איך האָב שוין פון לאַנג געדאַרפט זיין אין אַרכעלאַיס. אפשר וואָלט איר מיר געהאָלפן מיט דעם פאַרשאָלטענעם רימען?"

אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט זיך געוויילט פון די ביין מאָס רייד פון דעם אויסטערלישן פאַרשוין און ביז איצט מיט קיין וואָרט זיך נישט אָפּגערופן האָט פלוצים געפרעגט:

„וואָס טוט איר אין דער געגנט אין אַזאַ צייט?"

„איך האָב אייך דערציילט און איר האָט געטראַכט וועגן ווינטערדיקן רעגן. איר קלייבט זיך קיין אַרכעלאַיס און איך קלייב זיך קיין אַרכעלאַיס. מסתמא האָט איר דאָרט אָפּצונעמען חובות, ווי איך" — האָט דער סוחר געענטפערט.

„וואָרט איר נישט דאָ אויף עמעצן? אָדער אפשר האָט איר אַליין צעריסן דעם רימען, כדי זיך דאָ צו פאַרהאַלטן?" — האָט אַרטאַפּאַנוס ווייטער געפרעגט מיט פאַרדאַכט.

דער סוחר האָט זיך אויפגערעגט:

„אַז מען זאָגט אַ מענטש דעם אמת, מיינט ער אַז מען זאָגט אים אַ ליגנט. פונקט אַזוי ווי מיט די יוונים. אַז איך וויל זיי זאָלן מיר גלייבן, זאָג איך זיי שטענדיק אַ ליגנט".

„און אַזוי האָט איר אויך פאַר מיר צוגעטראַכט אַ ליגנט, אַז איר קלייבט זיך קיין אַרכעלאַיס, בעת אין דער אמתן וואַרט איר דאָ אויף עמעצן. אויף וועמען וואַרט איר?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס. ער איז צוגעגאַנגען און באַטראַכט די עקן פון די אַראָפּהענגענדיקע רימענס. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז איינער פון די רימענס איז בכיון צעריסן געוואָרן דורך דעם פאַרשוין, ער זאָל זיך דאָ קאָנען לאַנג פאַרהאַלטן. דאָך האָט ער זיך גענומען אים צו פאַרריכטן. דאָס אומגעלומפּערט הויכע און מאָגערע פערד האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און אַרטאַפּאַנוס האָט דערזען, אַז די אויגן פון דעם פערד זענען שטאַרק ענלעך צו די אויגן פון דעם פאַרשוין. ער האָט זיך צעלאַכט און דער סוחר האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט אַראָפּ פון זינען. וואָס עפּעס לאַכט ער פלוצים, דער פרעמדער.

אַרטאַפּאַנוס האָט פון גאַרטל אַרויסגענומען זיין קורצן סערפּאַרטיקן קינזשאַל און געזאָגט צום סוחר:

„גיט מיר אייער סאַנדאַל־בענדל!"

דער פאַרשוין האָט אַ קוק געטון אויפן שפּיץ פון קינזשאַל, ווי ער וואָלט געוועגן געצילט צו אים, און די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן לויפן:

„איר וועט מיר צונעמען דאָס סאַנדאַל־בענדל וועל איך נישט קאָנען גיין," — האָט ער זיך געווערט, ווי אַרטאַפּאַנוס וואָלט אים וועלן באַרויבן.

„אויב איר קלייבט זיך קיין אַרכעלאַיס, ווי איר זאָגט, וועט איר אַהין נישט גיין, נאָר רייטן."

דער סוחר האָט זיך אַנטדעקעריש צעלאַכט:

„ווי גאָט איז מיר ליב, דאָס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן."

אַרטאַפּאַנוס האָט מיטן לעדערן סאַנדאַל־בענדל דורכגעפלאָכטן דעם זאָטל־רימען דורך די לעכער, וואָס ער האָט אויסגעבויערט מיטן קינזשאַל־שפּיץ און איינגעשנורעוועט דאָס פערד.

„די זשיראַפּע איז גרייט", — האָט ער חוזקדיק געזאָגט.

דער סוחר האָט נישט פאַרשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט, צו זען אַ זשיראַפּע, און ער האָט זיך ווידער צעלאַכט:

„איר מיינט מסתמא מיין פערד".

אַרטאַפּאַנוס איז לייכט אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל פון זיין פערד און זיך אויסגעדרייט צו זען, ווי אַזוי דער סוחר וועט דאָס מאַכן, אָבער אַנשטאָט אַרויפצוקלעטערן אויפן זאָטל, האָט ער דאָס פערד געפירט נאָך זיך.

„ווער גייט אויף וועמען רייטן?" — האָט אַרטאַפּאַנוס פריילעך אַ געשריי געטון.

דער סוחר איז נישט נתפעל געוואָרן און געענטפערט:

„אויף מיין זשיראַפּע, ווי איר רופט אים, קאָן איך אַרויף נאָר מיט אַ לייטער, אָדער פון אַ פעלדז".

האָט אַרטאַפּאַנוס געריטן פאָרויס און אים איז נאָכגעגאַנגען דער סוחר און געשלעפּט נאָך זיך זיין אומגעלומפּערט פערד. ערשט נאָענט צום שיידוועג האָט ער געפונען אַ פעלדז און פון אים אַרויפגעקראָכן אויפן זאָטל.

„אַז מען האָט גוטע המצאות איז דאָס לעבן נישט אַזוי שווער", — האָט ער זיך אַליין געזאָגט אַ שבח און זיך אויסגעגלייכט מיט אַרטאַפּאַנוסן.

„זעט, זעט — האָט ער זיך פּלוצים געכאַפּט, — מיר רעדן שוין אַזוי לאַנג וועגן דעם און וועגן יענעם און איך האָב אייך נישט געפרעגט ווי עס איז אייער נאָמען."

„צו וואָס דאַרפט איר וויסן מיין נאָמען? — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט מיט אַ טאָן פון חוזק — ציַ האָט איר דען אַ שיינע טאָכטער מיר צו געבן פאַר אַ ווייב?"

„ווי איר וואָלט געוועזן דערביי — האָט דער פאַרשוין געענטפערט — איך האָב אַ טאָכטער אַ יפהפיה, אַ יפת תואר, אַ שחורה ונאוה, אַ יפה כלבנה, אַ תפארת עין, א... אַ..."

„איר מוזט פאַרקויפן אַ סך בשמים" — האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעריסן זיין התפעלות.

„דאָס איז מיין אומנות — האָט דער סוחר געענטפערט — אַפילו די בעסטע סחורה מוזט איר אַליין רימען אַזוי לאַנג, ביז דער קונה וועט דערזען אירע מעלות."

„איך האָב עפּעס פון אייך געלערנט!" — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן, אַ קלאַפּ געטון דאָס פערד אין די זייטן און אַוועק איבערן שיידוועג אין דער ריכטונג צו יריחו. צוזאַמען מיט דעם ווינט אין די אויערן איז אים אַנגעלאָפן די שטים פון סוחר:

„פאַרוואָס האָט איר באַלד נישט געזאָגט, אַז איר קלייבט זיך נישט קיין אַרכעלאַיס?! הע, יונגערמאַן!!!"

אַרטאַפּאַנוס איז געטראָגן געוואָרן דורך זיין פערד מיט דער לייכטקייט פון אַ הירש. פון די קלעפּ פון די פערדישע פיס האָט די ערד אָפּגעהילכט, ווי זי וואָלט אין די אָפּגרונטן געווען ליידיק. ערשט ווען ער איז אַרויף אויף אַ סערפּענטינע־וועג, באַרג־אַרויף, האָט ער זיך פאַרהאַלטן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און זיך אויסגעדרייט צו זען דעם דורכגעמאַכטן וועג.

אונטן אין טאָל, ביים שיידוועג, האָט ער באַמערקט דעם טונקעלן פּונקט פון דעם סוחר אויף זיין פערד. ער האָט נישט געריטן קיין אַרכעלאַיס. אַרטאַ־פּאַנוס האָט אַ קלאַפּ געטון זיין פערד אין קאַרק און זיך געווענדעט צו אים:

„ווי געפעלט דיר דער מרגל פאַר נאַראָנים? אַנטיפּאַטער האָט זיי צעשטעלט אויף די וועגן און ער גלייבט, אַז קיינער ווייסט דאָס נישט."

דאָס גוטע געמיט האָט אַרטאַפּאַנוסן נישט פאַרלאָזן ביז ער איז אַרויף קיין יריחו. דאָ, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט, איז די שטיפערישקייט אַנטלאָפן פון אים. אויסער אַלעמען האָט ער אויך דערפילט די מידקייט פון וועג — אַ גאַנצן טאָג אויפן רוקן פון פערד אונטער אַ הייסער זון. אויך זיין פערד איז געווען מיד. אַרום זיין מויל איז געווען אויפגעלאָפן אַ ווייסע שוים און ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אַרטאַפּאַנוס איז אַראָפּ פון זאָטל און דאָס פערד געפירט נאָך זיך. די געמאַרקן פון יריחו זענען געווען פול מיט מענטשן, וואָס זענען אַרויס פון די אַנגעהיצטע הייזער, און מיט צעפילדערטע קינדער. די קינדער, צערווישטע און צעפלויגענע, ווי פייגל פאַרנאַכט איידער זיי פאַרקלייבן זיך אין די נעסטן, זענען אים נאָכגעלאָפן אויף אַ גלעט צו טון דאָס שיינע פערד. אַרטאַפּאַנוס האָט זיי נישט געשטערט. זייער צעשפּילטקייט און פרייקייט האָט אים גערירט. ער האָט אַזאַ פרייע קינדהייט נישט געהאַט, ער האָט נישט געקאָנט אַרומלויפן פריי אין די גאַסן און זיך אויספּילדערן, אויסנאַרען זיך אין שטויב. פון דער ווייטנס האָט ער געזען די בנינים, אין וועלכע ער האָט געלעבט און געלערנט אין ספּאַרטאַנישער דיסציפּלין. אָבער אויך די בנינים האָבן אים גערירט, ווי עס רירט אַ הויז, וווּ מען האָט פאַרבראַכט די קינדהייט, אַפילו ווען די קינדהייט איז געווען אַן אומעטיקע און אָרעמע. „איך בין מיד — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — ווער איך סענטימענטאַל ווי אַ יונג מיידל. צום טייוול מיט די סענטימענטן!"

ער איז אַריין אין אַ גריכיש איינפאָרהויז און איבערגעגעבן זיין פערד צו דער דינערשאַפט, זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אים און אים געבן אַ פּלאַץ אויף אויסצורוען זיך. אַליין איז ער געווען טויט־הונגעריק. ער האָט פאַרגעסן, אַז אין דעם טאָג האָט ער אין זיין מויל קיין שפּייז נישט גענומען, נאָר בלויז זיך אָנגעטרונקען ביים קוואַל. האָט ער געהייסן דערלאַנגען אים אַ פערטל אויבערשטן געבראָטענעם שעפּס און אַ קריגל וויין. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט דאָס אַלץ פאַרצוקן. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט גענומען עטלעכע ביס פון דעם

געשמאַקן ווייכן פלייש און פּאַרטרונקען מיט ווײַן, האָט ער עס געהאַט געננג. האָט ער גענומען דאָס שטיק פלייש און עס אַרויסגעטראָגן פאַר דער טיר, ווו ער האָט עס געוואָרפן פאַר די בעטלער. עטלעכע בעטלער האָבן דאָס שטיק פלייש געכאַפּט גלייכצייטיק און יעדער האָט אָנגעהויבן רייסן צו זיך. צוויי האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט די הענט און זיך מיט די ציין אײַנגעביסן אין פלייש, ווי חיות. ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער סצענע ווי צו אַ ספּאָרט־פּאַרמעסט, ביז איינעם פון די בעטלער איז געלונגען אָפּצורייסן אַ שטיק און אַנטלויפן דערמיט, ווי אַ הונט אַנטלויפט מיט אַ גוטן ביין. „דעם ספּאָרט האָט מען אויף דעם גימנאַזיאָן אין יריחו נישט געלערנט" — האָט ער געטראַכט און איז צוריק אַוועק צו זיין ווײַן.

קאפיטל פינף

אויף צו מאָרגנס פאַר האַלבן טאָג איז אַרטאַפּאַנוס אָנגעקומען אין דער פעסטונג אַגאַבאַ. שוין בעת ער איז אַריינגעריטן אין טויער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער אומאָרדענונג און טומל, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר מיליטער ערב אַריינגעמען די מענטשן אין די צוואַנגען פון דיסציפּלין. דאָס אַרומלויפן פון אָנגעגורטע זעלנער האָט אָנגעזאָגט, אַז עפּעס גייט געשען. אויך אַריסטובול איז געווען אָנגעגורט אין אַ גלאַנציקן ברוסט־פּאַנצער מיט גרויסע קני־שיצער. זיין אָפּגעברענט און פאַרשוויצט פּנים האָט געוויזן געררייצטקייט. די נאָז־פליגלען זענען ביי אים געווען אויפגעשטעלט, ווי ביי אַ פערד וואָס איז געהעצט. דערזען אַרטאַפּאַנוסן, האָט ער אַרויפגעווישט די האָר וואָס זענען אים געלעגן אויפן שטערן און געזאָגט:

„גוט דיך צו זען דאָ, אַ שווערן וועג געהאַט?"

„דער וועג איז געווען ווונדערבאַר" — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט און זיך פּלוצים דערמאָנט אין דעם געווירצן־סוחר, וואָס ער האָט נעכטן באַגעגנט. אַריסטאָבול האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן:

„איך בין זיכער, אַז דו ביסט געקומען, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער קאַמפּאַניע."

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער ווייסט נישט אין וואָס פאַר אַ קאַמפּאַניע עס גייט.

„אגב, וועסט זיך אויסקלייבן אַ שקאַפּע; עטלעכע שטייען פאַר דיר צום אויסוואַל. האָב איך עס דיר צוגעזאָגט, אָדער ניין?"

דער פּרינץ האָט באַמערקט, אַז אַרטאַפּאַנוס איז פון עפּעס צעטראָגן און ווי ער וואָלט געווען זיכער, אַז ער ווייסט וועגן אַלץ, האָט ער געזאָגט צו אים מיט אָפּגעהאַקטע קורצע זאַצן:

„אָט דאָס איז עס. געוווּסט, אַז ער וועט פאַרראַטן, מיין ברודער. דער שד אַנטיפּאַטער גייט אויף יהודה! מיט אַראַבער גייט ער. געזען דיין פאָטער?"

אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגענוצט די פראַגע, כדי צו גיין זען זיין פאָטער און אין צווישנצייט קאָנען פאַרשטיין, צו וואָס פאַר אַ קאַמפּאַניע דאָס חייל גרייט זיך. אָבער איידער ער איז אַרויס פון געצעלט האָט ער געזאָגט צו אַריסטובולן מיט אַ פאַרבלאָזער שטים:

„די קעניגין האַלט ביים שטאַרבן.‟

„ס'איז צו מיר נעכטן דערגאַנגען — האָט דער פּרינץ געזאָגט — שיינט מיר, אַז הורקנוס האָט דאָס באַהאַלטן און פריער געלאָזט וועגן דעם וויסן אַנטיפּאַטערן. גאַלאָפּירט ער שוין מיט זיינע אַראַבער.‟

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט רעאַגירט. ער איז אַוועק צו זיין פּאַטער. אויך אים האָט ער געטראָפן אין שלאַכט־גרייטקייט. פּאָר זיין געצעלט זענען געשטאַנען צוויי פערד, איינער אָנגעזאָטלט צו רייטן און דער צווייטער צו טראָגן די אויסריכטונג און פּאַשע. אליעזר־עפּידעס האָט אויפגענומען דעם זון מיט אָפענע אַרעמס:

„גאָט אַליין האָט צוגעאיילט דיין קומען! נישט געווען זיכער, אַז דו וועסט איצט פאַרלאָזן ירושלים‟.

„איך בין געקומען, פּאָטער, ווייל...‟

„ווייל דו האָסט געהערט, אַז הורקנוס האָט פאַררעטן יהודה‟, — האָט דער פּאָטער אים איבערגעריסן.

„וועגן דעם האָב איך נישט געהערט, — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט רואיק, — וואָס איז דען געשען?‟

„עס געשעט שוין ניין יאָר! — האָט עפּידעס אויסגערופן — דאָס ווייב האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון די פּחדנים יהודה בן־טבאי און שמעון בן־שטח און געהאַקט קעפּ און צו זיי איבערגעגעבן די געזעצן פון לאַנד.‟

„פּאָטער, די קעניגין גוססט,‟ — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט שטיל.

„דאָס ווייס איך, — האָט עפּידעס געזאָגט אומגעדולדיק, — דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס זי טוט פּאַר יהודה במשך פון די ניין יאָר.‟

„פּאָטער!‟ — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן מיט רוגזה.

אליעזר־עפּידעס האָט געזאָגט באַרואיקנדיק:

„איך ווייס, דו ביסט צוגעבונדן צו דעם אַלטן ווייב און דו האָסט אויף איר רחמנות, ווען זי גייט שטאַרבן. אָבער, מיין זון, ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי פאַרביסן און אכזריותדיק זי האָט געהערשט און וואָס פאַר אַ קוואַל פון פאַלשקייט עס האָט זיך באַהאַלטן הינטער אירע מילדע אויגן! דו ביסט צו יונג צו קענען מענטשן. זי האָט געהאַקט קעפּ מיט אַ תפילה אויף די ליפּן.‟

„זי איז אַן אומגליקלעכע פרוי,‟ — האָט אַרטאַפּאַנוס באַמערקט.

„אָ, מיין זון, טאָמער וועסטו נעמען פרויען אַזוי ווי זיי מאַכן זייערע אויסערלעכע אָנשטעלן, וועסטו קיינמאָל נישט וויסן, ווער זיי זענען. אַ מאַן קעמפט פּנים־אל־פּנים; אַ ווייב שיט אַריין גיפט אין דיין וויין און דערלאַנגט דיר דאָס קריגל נאָך אַ קוש.‟

„וועט מיר געגעבן ווערן צו רעדן מיט דיר רואיק?‟ — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט אַן אויפגערעגטער.

כדי נישט צו דערצערנען מער זיין זון, בעת ער וויל ער זאָל אַרויספאָרן צוזאַמען מיט אים אויף דער קאַמפּאַניע, האָט עפּידעס געענדערט די טעמע:

„דער טיפּש און פּחדן הורקנוס האָט זיך געלאָזט צורעדן פון אַנטיפּאַטער צו דינגען דאָס חייל פון אַרעטאַס, כדי אויף די אַקסלען פון די אַראַבער צו ווערן מלך פון יהודה.״

„דאָס איז די קאַמפּאַניע?״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

עפּידעס האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

„מיר פאָרן אויף אַ שפּאַציר.״

„כדי צו צעטרייבן די סקאָרפּיאָנען אין די פעלדער?״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געמאַכט אַ וויץ.

עפּידעס האָט געענטפערט פאַרביסן:

„יהודה האָט איצט איין סקאָרפּיאָן: די מאַכט פון הורקנוס־אַנטיפּאַטער און זייער סנהדרין.״ — ער האָט אויסגעקרימט די ליפּן אין אַ גרימאַסע פון עקל.

עפּידעס האָט דעם זון געהייסן צווואַרטן און אַליין איז ער אַרויס פון זיין געצעלט.

דאָס געמיט פון אַרטאַפּאַנוס איז איצט געווען צעריסן. ער איז אין שליחות פון הורקנוס, אָבער דאָ האָט ער געהערט, אַז דער כהן־גדול גייט זיך באַנוצן מיט אַ פרעמד חייל קעגן אייגענע, כדי צו ווערן מלך. פרעמדע וועלן אַנטשיידן אין יהודה! דאַרף ער, אַרטאַפּאַנוס, צולייגן אַ האַנט דערצו? און אפשר איז זיין פאָטער אומגערעכט? הורקנוס איז דער בכור, ער דאַרף זיין מלך פון יהודה, נאָר אַנטיפּאַטער, דער האַלב־פרעמדער, איז אין דער מיט און ער דינגט אַראַבער צו קעמפן קעגן יידן. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אַרומגעקוקט אין געצעלט. אויסער דעם וויכן געלעגער מיט אַ פּאָר קישנס ביי די זייטן און אין צווייטן ווינקל אַן אַלטער זאָטל מיט אַ שווערד, איז דאָ גאָרנישט מער געווען. די גרעסטע צייט פון זיין לעבן פאַרברענגט ער אין אַזעלכע פעלד־באַדינגונגען, בעת ער האָט זיינע גיטער און אַ רייך הויז אין ירושלים. וואָס צווינגט דעם מאַן, וואָס האָט שוין מער גרויע האָר ווי שוואַרצע, צו קעמפן היינט אַזוי פאַרביסן, ווי ער האָט געקעמפט אין זיין יוגנט? ער האָט זיך דערמאָנט אַ שפּריכוואָרט: „מאַכט און ווייב זענען שטאַרקער פון טויזנט קעמלען״. אַרטאַפּאַנוס האָט ווייניק געקענט זיין פאָטער, אָבער עס האָט אים געשיינט, אַז אין זיין גאַנץ לעבן האָט ער ביידע נישט געהאַט — נישט קיין מאַכט און נישט קיין פרויען. ער איז פאַרביסן, פאַרביסן, נישט ווויסנדיק אייגנטלעך, פאַרוואָס און פאַרוואָס.

אַ זעלנער איז אַריין אין געצעלט און געמאָלדן אַרטאַפּאַנוסן, אַז זיין פאָטער וואַרט אויף אים אין פערד־שטאַל. אַרטאַפּאַנוס איז געגאַנגען מיטן שליח. זיי האָבן דורכגעשניטן דעם גרויסן פּלאַץ, וואָס איז פול געווען מיט חייל און טומל. ביי דער פערד־שטאַל האָט ער געטראָפן נישט בלויז זיין פאָטער, נאָר אויך אַריסטובולן. דער פּרינץ האָט געוואָלט אַליין זיין דערביי, צו זען די מבינות פון זיין יונגן פריינד. אַרטאַפּאַנוס איז אַריין אין דער שטאַל, פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע פערד, זיי אָנגעכאַפּט ביי די גזשיוועס, דעם אַ גלעט און דעם אַ קיצל

געטון און זיין אויסוואַל איז געפאַלן אויף אַ פעך־שוואַרץ פערד מיט גליאיקע אויגן.

„האָסט גוט אויסגעוויילט — האָט אַריסטובול צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — ער איז קליגער פון אַ פּרושי און פלינק ווי אַן אָדלער. און אין שלאַכט איז ער דיר ווי אַ צווייטע שווערד.‟

באַלד דערנאָך האָט אַריסטובול באַפוילן פאַרמירן זיך צום אַרויסמאַרש. פון דעם פעסטונג־טורעם האָט דער שומר אַראָפּגעשאַלט פון אַ האָרן דעם אַלאַרם־סיגנאַל. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן לויפן פוסגייער, קעמלען, מויל־אייזלען און פערד. אַלץ האָט זיך געשטופּט צום זאַמל־פּלאַץ, און ווי אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט אָנגעפירט מיט דעם געווירבל פון מענטשן און חיות, האָבן זיך אויסגעפאָרמירט באַזונדערע רייען און קאָלאָנעס. פאָרויס פון יעדער קאָלאָנע די אָפיצירן. אין צענטער פון פּלאַץ האָבן אַריינגעריטן: אַריסטובול אין באַגלייטונג פון גאַלעסטאַסן, הינטער זיי אליעזר־עפּידעס און אַרטאַפּאַנוס און עטלעכע רייען הויכע אָפיצירן. בעת אַלע אַנדערע זענען געבליבן אין צענטער, האָבן אַריסטובול און גאַלעסטאַס געמאַכט קרייזן אין פראָנט און אין די רוקנס פון די אָפּטיילונגען, גאַלאָפּירט צווישן די רייען און צום סוף ווידער אַריינגעריטן אין צענטער. אַרויסרוקנדיק זיך אין פראָנט, האָט אַריסטובול אויפגעהויבן די האַנט און עס איז געוואָרן אַזאַ שטילקייט, אַז מען האָט געקאָנט הערן דאָס זשומען פון בינען:

„זעלנער פון יהודה — האָט אַריסטובול אויסגערופן — אונדזער לאַנד איז פאַרראַטן געוואָרן דורך זיינע פאַלשע פריינט. ביי דער מאַכט זענען אַוועק־געשטעלט געוואָרן נישט בלויז אַזעלכע, וואָס האָבן געשטערט מיין אומשטערבלעכן פאָטער אלעקסאַנדער־יאַנאַי גרויס צו מאַכן יהודה, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן מיט אַלע מיטלען געקעמפט קעגן דעם גרעסטן פון די מלכים. די פאַרדינסטפולע מנהיגים פון אונדזער חייל, וואָס האָבן ביי דער זייט פון דעם מלך אויסגעקעמפט די גרויסקייט פון אונדזער לאַנד, זענען פאַרשטויסן געוואָרן און זייער כבוד איז דערנידעריקט געוואָרן. און איצט האָבן די פאַלשע פריינט זיך פאַרוואַנדלט אין אָפענע שונאים. זיי האָבן געדונגען דאָס אַראַבישע חייל פון דעם אַכזריותדיקן מלך אַרעטאַס, כדי צו שלאָגן אונדזער חייל און פאַראומרייניקן ירושלים. און וואָס נאָך ערגער: פאַר דער הילף, די אַראַבער זאָלן אייך שלאָגן, האָבן די בוגדים צוגעזאָגט דעם אַראַבישן מלך אים אָפּצוגעבן שטעט און פעסטונגען, פאַר וועלכע אייערע פאָטערס האָבן באַצאָלט מיט זייער בלוט! קיין איין שפּאַן פון אונדזער מלוכה וועלן מיר נישט לאָזן אָפּרייסן, וואָרום טאָמער זאָלן מיר דאָס יאָ טון, וועלן מיר זיין נישט קיין קלענערע שונאים פון יהודה, ווי עס זענען די פאַררעטער. און אפשר נאָך מער, ווייל יענע טראַכטן נישט וואָס עס וועט געשען מיט אייערע פרויען, קינדער, אייזלען און פעלדער. און מיר ווייסן יאָ, אַז טאָמער זאָלן די אַראַבער פאַרנעמען אונדזער לאַנד, וועלן זיי אייערע פרויען פאַרשלעפּן מיט זיך, זיי וועלן אייערע קינדער

פאַרקויפן ווי שקלאַפן, זיי וועלן אייערע אייזלען פאַרטרייבן אין דער מדבר און זיי וועלן פאַרוויסטן אייערע פעלדער. ווילט איר עס זאָל אַזוי געשען?!" — האָט אַריסטובול אויסגערופן מיט היץ.

„זאָל גאָט שטראָפן דעם וואָס וויל דאָס!!!" — האָט דאָס חייל אויסגערופן אין כאָר.

„אויב אַזוי, זעלנער פון יהודה, גייען מיר איצט אַרויס אין פעלד, כדי אָנצוזיאָגן די פרעמדע און זיי דערשלאָגן ביז איינעם, איידער זיי באַטרעטן די ערד פון אונדזער לאַנד. און אויב זייער בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן אויף אונדזער ערד, וועט עס דער ירדן אָפּשווענקען, אַז קיין צייכן פון זיי זאָל נישט בלייבן אין יהודה!"

ביים פאַרענדיקן רעדן האָט אַריסטובול אַ צי געטון זיין פערד און ס'האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, בעת עס האָט באַוויגן מיט די פאָדערשטע אין דער לופטן, ווי עס וואָלט מיט די פיס געפאָכעט צום חייל.

גאַלעסטאַס האָט געגעבן אַ צייכן צום שומר אויפן טורעם און ער האָט אויסגעשאַלט דעם סיגנאַל פון אַרויסמאַרש. ווי אַ שווערער, געדיכטער שטורעם־וואָלקן באַוועגט זיך פאַמעלעך און דראָענדיק, אַזוי האָבן די אָפּטיילונגען אין קאָמפּאַקטע קאָלאָנעס אַרויסמאַרשירט פון פעסטונג־טויער. און ווי דער גוס פון אַ שטורעם־וואָלקן, אַזוי האָבן זיך די קאָלאָנעס אַראָפּגעלאָזט פון דעם פעסטונג־באַרג.

אַרטאַפּאַנוס איז געווען אויפגערודערט. אַלץ וואָס איז געשען מיט אים, איז געשען אָן דעם אָנטייל פון זיין ווילן. ער איז מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דעם שטראָם. ער איז אַריינגעווירבלט געוואָרן אין הויפּישן קאַמף, ווי דער גורל אַליין וואָלט מיט אים באַוויגן. ערשט ווען דאָס חייל האָט שוין געהאַט אַראָפּ אין טאָל, האָט ער זיך אויסגעניכטערט און באַגריפן, וואָס עס איז געשען: ער האָט געריטן האַרט נעבן אַריסטובול צו אַ קאַמפּאַניע קעגן הורקנוסן. ער האָט געריטן אויף אַ פערד, וואָס עס האָט אים געשענקט אַריסטובול, און דאָס צווייטע פערד, אויף וועלכן עס איז אויפגעלאָדן די פּאַשע, איז דאָס זעלבע מיט וועלכן ער איז געקומען אַהער אין שליחות פון הורקנוס און איז פון דער שטאַל פון הורקנוס.

בעת ער האָט געטראַכט וועגן דעם אַלעמען האָט אים אַריסטובול פּלוצים געפרעגט:

„וואָס איז דיין מיינונג וועגן דעם פערד, וואָס דו רייטסט אויף אים?"

„איך האָב בעסער נישט געקאָנט אויסוויילן," — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט.

„אויך דיין לאַסט־פערד איז נישט פון אַ גלילער שטאַל — האָט אַריסטובול באַמערקט — מיין פאָטער האָט געבראַכט די ראַסע מיט דעם שלל פון זיינע לעצטע דעראָבערונגען ביי די אַראַבער."

אַרטאַפּאַנוס איז רויט געוואָרן פון פאַרלעגנהייט. זיכער דערקענט אַריסטובול, אַז דאָס פערד קומט פון דער הויפּישער שטאַל און ער דייט אים אָן אויף דעם,

אַז ער איז נאָך נאָענט צו הורקנוס. צי מיינט ער, אַז אַרטאַפּאַנוס איז געקומען אַהער ווי אַ מרגל פון הויף? אַריסטובול האָט אַזוי נישט געטראַכט. פאַרקערט, ער איז געווען דורכגענומען מיט דעם געפיל פון באַפרידיקונג, אַז אויך מיטן צוציען דעם זון פון עפּידעס צו זיך האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון.

כדי צו באַפרייען זיך פון דער פאַרלעגנהייט האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם טאָן:

„די געשיכטע מיט דעם פערד איז פאַרבונדן מיט דעם אינצידענט, וואָס איך האָב געהאַט מיט אייך, פּרינץ. דאָס האָט מיר די קעניגין געגעבן דאָס פערד ווי אַ מתנה פאַר מיין באהערשטקייט דעמאָלט, בעת דעם באַל אין הויף.״

ער איז געווען צופרידן מיט דער צוגעטראַכטער מעשה. אויב די קעניגין האַלט ביים שטאַרבן, וועט דער אויסרייד בלייבן ווי אַן אמת.

אַריסטובול האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, ווי עס האָט אונטערגעריטן גאַלעסטאַס אַ פאַרשוויצטער און רויטער:

„איך האָב באַקומען איצט ידיעות, אַז פון די אַרויפשטייגן פון ים־המלח ביז דוך אויף צפון און בית־לחם וואַנדערן אויף די וועגן מרגלים.״

ווידער איז אַרטאַפּאַנוסן געקומען אויפן געדאַנק דער געווירצן־סוחר ביים קוואַל.

אַריסטובול האָט באַמערקט גלייכגילטיק:

„מיר וועלן זיי מאָרגן פאַרניכטן.״

פּלוצים האָט ער אויסגעקערעוועט דאָס פערד און אַ קוק געטאָן אויף צוריק. אויך אַרטאַפּאַנוס האָט געמאַכט דעם זעלבן מאַנעווער און ער איז דערשטוינט געוואָרן, בעת ער האָט געזען, אַז פון דער גרויסער מחנה חייל זענען הינטער זיי געבליבן בלויז דריי אָפּטיילונגען. ערשט פון אַריסטובולס באַמערקונג, אַז דער רעכטער פליגל איילט צו פיל פאָרויס, האָט ער באַמערקט ווי דאָס חייל האָט זיך צעשפּרייט אויף אַ ריזיקן שטח. גאַלעסטאַס האָט געזאָגט רואיק:

„זיי זענען אַרויס פריער. איצט זענען זיי אונדזער גרופּירונג און זיי וועלן זיך פאַרהאַלטן ביים ירדן.״

„שיק צו זיי אַ פלינקן רייטער — האָט אַריסטובול באַמערקט — איך וויל נישט קיין איבערראַשונגען, אויב די וועגן זענען באַשטעלט מיט מרגלים.״

אַריסטובול האָט פאַרזשמורעט די אויגן, כדי אין דער בלענדנדיקער זון צו זען די ווייטסטע פּונקטן אויפן האָריזאָנט. ער האָט זיך געוואָנדן צו אַרטאַפּאַנוסן:

„צי זעען נישט אויס די קאָלאָנעס ווי שוואַרמס פון בינען?״

אויך אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געזוכט און אַנטפּלעקט אויפן האָריזאָנט און אין די בערג־פאַלדן טונקעלע שוואַרמס.

„מעג איך פרעגן דעם באַדייט?״ — איז אַרטאַפּאַנוס געווען נייגעריק, ווייל אין די צוואָרפענע אָפּטיילונגען אויף דעם ריזיקן שטח האָט ער נישט געזען קיין צייכן פון אַ צוגרייטונג צו אַ שלאַכט.

„אויף צו פאַרזיכערן די ירושה פון מיין פאָטער — האָט אַריסטובול אים

געענטפערט. — די אַראַבער זענען זיך נוהג צו צעשניידן דעם שטח אויף שטיקער און אָנפּאַלן פון אַלע זייטן. כּדי אָפּצוהאַלטן פאַרשטאַרקונגען, באַלאַגערן זיי פעסטונגען אין קליינע אָפּטיילונגען און בינדן אַזוי אַרום דאָס חייל אויף דער צייט, וואָס איז זיי נייטיק. כּדי נישט צו ווערן איבערראַשט געפינט זיך איצט אונדזער גאַנץ חייל אויסער די פעסטונגען. אונדז וועט אַנטיפּאַטער נישט איבערראַשן. ער איז אַן אינערלעכער שונא און קעגן אים מיט זיין געדונגען אַראַבישן חייל מוז מען אָנווענדן אַן אַנדער טאַקטיק, ווי קעגן אַן אויסערלעכן שונא."

„קומט שוין אַנטיפּאַטער מיט דעם אַראַבישן חייל?" — האָט זיך אַרטאַפּאַנוס געוווּנדערט.

„אין די טעג דאַרף מען אויף אַלץ זיין גרייט! — האָט אַריסטובול געזאָגט פאַרביסן — יעדע איבערראַשונג אין אַזעלכע טעג איז אַ האַלב געוווּנענע שלאַכט."

אַרטאַפּאַנוס האָט נאָך קיינמאָל נישט אָנטיילגענומען אין מלחמה. ער האָט דעריבער באַוווּנדערט אַריסטובולן, וואָס רעדט וועגן מעגלעכע שלאַכטן מיט אַזאַ רואיקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ ספּאָרט־פאַרמעסט. און ווירקלעך, דער מאַרש איז געווען אַ רואיקער, אַריסטובול האָט זיין יונגן פריינט דערציילט וועגן פרויען, געשמועסט וועגן פערד און אַלץ איז געווען אַזוי ווייט־ווייט פון מלחמה.

אַ שטיק פאַר זון־פאַרגאַנג זענען זיי אָנגעקומען צום ירדן־ברעג און דעם טייך נישט אַריבער. די זעלנער האָבן אָנגעשפּאַנט געצעלטן, אַנדערע האָבן אויף פלעקער אויפגעצויגן פעלן און אָפּגעלאָדן פון די קעמלען שפּייז, נאָך אַנדערע האָבן געפירט די בעלי־חיים צום טייך זיי אָנטרינקען. דערנאָך איז די שפּייז געטיילט געוואָרן פון די אויפגעצויגענע פעלן און די זעלנער זענען פאַרשווּנדן הינטער די געצעלטן.

אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל, האָט אַריסטובול אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּאַנצער, די אונטערשטע קליידער און אַ נאַקעטער געלאָפן צום טייך זיך באָדן. ער האָט גערופן די אָפיצירן זיי זאָלן נאָכטון זיין ביישפּיל, אָבער זייער ווייניק האָבן עס געטון. זיי זענען געווען מיד. אַרטאַפּאַנוס, כּדי אַריסטובול זאָל נישט טראַכטן וועגן אים, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם ספּאָרט־גייסט, האָט אויך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער און לויפנדיק אַריינגעשפּרונגען אין טייך. נישט געקוקט אויף דעם הייסן טאָג איז דאָס וואַסער געווען קאַלט. עס האָט תענוגדיק געשניטן דאָס לייב. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקן און געלאָזט זיך אַוועקטראָגן מיטן שטראָם און באַלד צוריקגעשווּומען, שניידנדיק מיט כּוח דעם ווידערשטאַנד פון קעגנשטראָם. באַלד זענען ביידע, ער און אַריסטובול, אַרויס פון וואַסער און זיך געלאָזט לויפן מיט ריטמישע שפּרונגען לענג־אויס דעם ברעג.

„אין ירושלים באַקומט מען פאַרשטייפטע גלידער — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט לויפנדיק — און מען ווערט דאָרט שנעל אַלט."

„נאָך דעם ווי מען ווערט דאָרט אַלט, לעבט מען דאָרט שפּעטער לאַנג —

האָט אַריסטובול צוגעגעבן — און די אַלטע זיצן דאָרט אויף זייערע דעראָבערונגען, ווי הינער זיצן אויף אייער. מען קאָן זיי אַפּילו נישט אַראָפּיאָגן. און די יוגנט שרייט, אַז די אַלטע לאָזן זיי נישט צו צו גאָרנישט, ביז זיי שטאַרבן."

„דאָך, די זקנים זענען אויך אַ מאָל יונג געווען — האָט אים געענטפערט אַרטאַפּאַנוס — און אויך זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף זייערע זקנים."

„איך וועל דאָס אַנדערש מאַכן!" — האָט אַריסטובול אויסגערופן.

זיי האָבן צוריקגעקערט צו דער מחנה און נאַקעטערהייט אַראָפּגעגעסן שפּייז פון די אויפגעצויגענע פעלן, און ערשט דערנאָך אַרויפגעצויגן אויף זיך די קליידער.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן הינטער די בערג פון ירושלים. די זעלנער זענען שוין געווען אונטער די געצעלטן און עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט דאָס פּאַרסקען פון די פערד אויף דער צווייטער זייט מחנה. אויך אַריסטובול איז אַריין אין זיין געצעלט צו רוען, אָבער נישט אַרטאַפּאַנוס.

ער איז געווען אויפגערודערט פון דער איבערלעבונג. שוין יאָרן ווי זיינע מוסקולן, וואָס זענען געווען געוווינט צו שטענדיקער באַוועגונג, האָבן גערוט און געדרעמלט. דער מאַרש פאַרויס פונעם חייל, דער קאַלטער שטראָם פון ירדן און דאָס לויפן נאַקעטערהייט איבערן ברעג, האָבן צוריקגעבראַכט פאַרלאָפענע יאָרן, אָנגעפילטע מיט יוגנט און זאָרגלאָזיקייט. אַט דאָס געפיל פון יוגנט, וואָס איז פאַרלאָפן צוזאַמען מיט דעם אומרו פון די לעצטע וואָכן, האָבן אים צעטרייסלט. און הגם מיד פון וועג, און דער לאַגער איז שוין געשלאָפן, איז ער נישט אַריין אין זיין געצעלט.

אַ ליל־שמורים איז די נאַכט געווען פאַר אַרטאַפּאַנוסן. עס האָט געבלאָזן אַ לייכטער דרום־מזרחדיקער ווינט. איז אַרטאַפּאַנוס שעהן לאַנג געלעגן אויף דעם גראָז נעבן זיין געצעלט, מיטן פּנים צום הימל, און זיך איינגעקוקט אין די שטערן. אויך די שטערן זענען אַזוי אומרואיק, ווי עס איז אומרואיק זיין געמיט. עס דאַכט זיך אים, אַז די שטערן פלאַטערן אַזוי, ווייל זיי גרייטן זיך איבער־שפּרינגען פון אָרט צו אָרט, נאָר צום סוף וואַגן זיי נישט. בלויז פון צייט צו צייט רייסט זיך אָפּ אַ שטערן, ער לויפט ווי אַ שטראַל און ווערט פאַרפאַלן אין חשיכות, ער דערגרייכט נישט מער צום הימל. ער איז מסתמא אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און ער וויינט פון בענקשאַפט צום הימל, צוריק צו זיין פריערדיקער ליכטיקייט. און די אַלע מענגעס שטערן, וואָס ער האָט געפרוווט ציילן און נישט געקאָנט זיי דערציילן, פלאַטערן און פלאַטערן, אויך זיי ווילן זיך אָפּרייסן פון זייערע נעסטן, אָבער זיי זענען נישט זיכער, אַז אין זייער שוועבן וועלן זיי צוריקקערן צום הימל. די גאַנצע וועלט איז פול מיט אומרו, אַלץ פלאַטערט, אַלץ רייסט זיך צו נסיון, צו דעם אומבאַקאַנטן. אַזוי אויפן הימל און אַזוי אויף דער ערד. אַט שלאָפט אַרום אים דער לאַגער. ער הערט דאָס כראָפּען פון די מידע שלאָפנדיקע זעלנער. זיי זענען אָפּגעריסן פון זייערע היימען, פון זייערע פעלדער און פון זייערע פרויען. אַ טאָג זענען זיי געגאַנגען צו דעם אומבאַקאַנטן, און

מאָרגן וועלן זיי דאָס זעלבע טון, כדי אַנטקעגנצוגיין דעם נסיון. וואָס זוכן די שטערן אויפן הימל און וואָס זוכן די מענטשן אויף דער ערד? שוין יאָרן ווי ער, אַרטאַפּאַנוס, פֿילט זיין אייגענע שלווה, ווי אַ יוצא דופן, אין אַן אויסטערלישער געשפּאַנטקייט אין זיין היימלאַנד. פֿאַרוואָס איז ער אַנומלט ביינאַכט אַנטלאָפֿן פֿון דעם וואַרעמען געלעגער פֿון אַפּאָלינען? ער האָט זיך אַפֿילו מיט איר נישט געזעגנט. ער האָט אַפֿילו איר מילד, קינדיש שלאָפֿנדיק פּנים נישט געזען. ווי אַ גנב האָט ער זיך אַרויסגעמאַכט פֿון דער אַלטאַנע און אַנטלאָפֿן אין דער נאַכט־פֿינצטערניש. און אָט ליגט ער דאָ איצט צווישן כראָפּענדיקע זעלנער און פֿאַרסקענדיקע פֿערד און ער הערט דעם לייכטן שאָרך פֿון שאַקאַלן, וואָס דערנענטערן זיך אויף צו כאַפּן דעם אָפּפֿאַל פֿון שפּייז ביי די אויפֿגעצויגענע פֿעלן. אַלץ, אַלץ איז אומרואיק. וואָס פֿאַר אַ כוח איז דער, וואָס האָט פֿאַרשאָלטן די וועלט צו אומרו? וואָס איז עס פֿאַר אַ כוח, וואָס שטויסט איין פֿאָלק זאָל מאָרדן דאָס צווייטע? וואָס איז עס פֿאַר אַ כוח, וואָס מאַכט, אַז אין איין פֿאָלק זאָלן קעגנערישע מחנות זיין צו זיך ווי פֿרעמדע און זיך שעכטן, ווי פֿרעמדע, אָדער זיך האַסן נאָך מער ווי פֿרעמדע האַסן זיך? און וואָס איז עס פֿאַר אַ כוח, אַז צוויי ברידער זאָלן גרייטן קעגן זיך מלחמות?

איצט, ליגנדיק אויפֿן פֿעלד מיטן פּנים צו די צאַפּלענדיקע און אומרואיקע שטערן, דערמאָנט ער זיך: ווען ער איז געווען אַ יונגער תּלמיד ביי די גריכישע לערער אין יריחו, האָבן די נישט־יידן מיט חוזק דערציילט ווי אַזוי דער קעניג אַלעקסאַנדער־יאַנאַי האָט אויסגעמאָרדעט אַכט הונדערט יידישע מורדים, וואָס ער האָט געפֿאַנגען אין דער שטאָט בעמעסעליס. ער האָט די געפֿאַנגענע — מענער, פֿרויען און קינדער — געבראַכט צו פֿירן אויפֿן גרויסן פּלאַץ צופֿוסנס דעם בית־המקדש. צוויי טעג האָט ער געהאַלטן די געפֿאַנגענע אונטער דער גליענדיקער זון, אָן שפּייז און אָן וואַסער. דערנאָך האָט ער באַפֿוילן זיינע געדונגענע פֿרעמדע זעלנער אויסמאָרדן די פֿרויען און די קינדער אין די אויגן פֿון זייערע מענער און פֿאָטערס און שפּעטער האָבן די זעלנער אָפּגעהאַקט די קעפּ פֿון די מענער. די נישט־יידן האָבן געשפּאָט: דער יידישער מלך נעמט־איין לייכט פֿרעמדע שטעט און פֿעסטונגען, ווייל מלכים און פֿירשטן ווילן נישט אויסבלוטיקן זייער חייל, וואָרום זיי ווייסן, אַז נאָך אַלע זייערע נצחונות איבער פֿרעמדע וועלן די יהודייער זיך שפּעטער אַליין אויסהרגענען און מען וועט ביי זיי אָפּנעמען נישט בלויז די פֿאַרנומענע שטעט, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד זייערס. דעמאָלט, אַלס יינגל, האָט אַרטאַפּאַנוס נישט געוואָלט גלייבן, וואָס די גריכן דערציילן. זיי האָבן זיכער צוגעטראַכט אַ בלבול וועגן דעם מלך און וועגן דעם פֿאָלק יהודייער. שפּעטער, ווען אַרטאַפּאַנוס איז שוין געווען נאָענט צום הויף פֿון אַלעקסאַנדראַ, האָבן די ריכטער־פּרושים פֿאַרמשפּט צום טויט דעם פֿריינט פֿון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, דעם אַלטן צדוקי דיאָגענעס און זיינע נאָענטסטע חברים. שמעון בן־שטח און דער סופֿר יהודה בן־טבאי, וואָס זענען געהאַט אַנטלאָפֿן קיין מצרים אין די צייטן פֿון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי און צוריקגעקערט קיין יהודה ווען אַלעקסאַנדראַ איז

געוואָרן רעגענטין, זענען געקומען אין הויף דאַנקען דער קעניגין פאַר די קעפּ פון דיאָגענעס און זיינע חברים. און אַ גרויסער המון איז געקומען אויפן הויפּט־פּלאַץ, צו זען ווי מען קעפּט די פאַרמשפּטע. פאַר די פּרושים איז אָט דער טאָג געווען אַ יום־טוב, און כדי צו מערן די שנאה קעגן די צדוקים און דעם פאַרשטאָרבענעם העלעניזירטן מלך, האָבן זיי זייערע קינדער דערציילט אַזאַ מעשה: איין מאָל, אין יום־טוב סוכות, איז דער מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי געקומען אין בית־המקדש אָפּריכטן די עבודה, וואָרום ער איז אויך געווען כהן־גדול. אויפן פּלאַץ אַרום מזבח זענען געווען פאַרזאַמלט טויזנטער יהודייער פון אַלע עקן לאַנד. דער מלך, וואָס האָט געחוזקט פון די פאָלקס־מנהגים, האָט דאָס וואַסער, אַנשטאָט אויפן מזבח, אויסגעגאָסן אויף דער ערד. די אַרומיקע כהנים זענען דערשיטערט געוואָרן פון דעם, ווי אַזוי דער מלך איז מבזה די אמונה־געפילן פון דעם פאָלק און אַזוי אויך דער המון. עמעצער פון המון האָט אויסגערופן צום מלך: „ממזר, דו ביסט געבוירן פון אַ געפאַנגענער און איצט ביסטו געקומען אונדז באַליידיקן?" דעמאָלט האָט דער המון אָנגעהויבן באַוואַרפן דעם מלך מיט די אתרוגים, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך. דער דערצאָרנטער מלך האָט אונטער דער שוץ פון זיין חייל פאַרלאָזט דאָס אָרט פון דעם מזבח און דאַן האָט ער געגעבן אַ באַפעל: „טויטן אַלע, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער שטים און פויסט קעגן דעם מלך פון יהודה!" דאָס חייל האָט זיך מיט שווערדן געלאָזט אויף דעם אומבאַשיצטן המון און נישט איבערגעקליבן צווישן מאַן און פרוי, צווישן קינד און זקן. און ווייל דער אַרויסגאַנג איז געווען אָפּגעשלאָסן און ווו צו באַהאַלטן זיך איז נישט געווען — זענען טויזנטער גלויביקע געפאַלן פון דער שווערד און דאָס בלוט אויפן הויף פון בית־המקדש האָט געגרייכט ביז צו די קנעכל...

פאַרוואָס האָט זיך אַרטאַפאַנוס דערמאָנט אין דעם אַלעמען, בעת ער איז געלעגן אויפן פעלד? ער האָט דאָס אַליין נישט באַגריפן. אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געפילט צוליב עפּעס שולדיק? ער איז געלעגן אין לאַגער פון אריסטובולס חייל, בעת געקומען איז ער אין שליחות פון הורקנוס. אָבער דאָס זעלבע געפיל וואָלט ער דאָך געהאַט, ווען עס זאָל זיין פאַרקערט, ווען ער זאָל זיך האָבן געפונען אין חייל פון הורקנוס. האָט ער זיך אָפּגעקליבן איינעם פון די גליענדיקע שטערן און געפרעגט, שעפּטשענדיק: „זאָג מיר, שטערן, צי איז אמת וואָס די גריכן האָבן פאַרויסגעזען, אַז די יהודייער וועלן זיך אַליין אויסהרגענען און פרעמדע וועלן פאַרנעמען זייער לאַנד?" דער שטערן האָט ווייטער געפינקלט מיט זיין קאַלט, גרין ליכט און נישט געענטפערט. האָט ער אויסגעזוכט אַ צווייטן גליענדיקן שטערן און אים געפרעגט דאָס זעלבע. און אויך דער שטערן האָט געשוויגן. האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ דריטן שטערן. און ווען זיין בליק איז געפאַלן אויף איינעם, האָט זיך דער שטערן אָפּגעריסן און, ווי אַ שטראַל, אין אַ בויגן אַראָפּגעפאַלן אין דער נאַכט.

ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל אים ענטפערן. ער האָט זיך דערמאָנט: אַזאַ

שווייגן האָט ער שוין אַמאָל געהערט. דאָס איז געווען, ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן און ער איז געקומען צו רייטן אַהיים. האָט ער געפרעגט די מענטשן ביים אַריינגאַנג אין זיין היים: „צי איז ריכטיק, אַז מיין מוטער איז געשטאָרבן?״ האָבן די מענטשן געקוקט אויף אים שטאַר, מיט פינקלענדיקן אומעט אין זייערע אויגן און אַנדערע האָבן אָפּגעקערט די קעפּ. עס איז געווען אמת. תמיד, ווען דער ענטפער איז אַ שווייגנדיקער, דערציילט ער דעם אמת. אַ קאַלטער שוויס האָט באַגאָסן אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט זיך איבערגעקערט מיטן פנים צו דער ערד און ער האָט געקרעכצט. אין דער מלחמה צווישן די פרושים און די צדוקים וועט זיין היימלאַנד אומקומען. „גאָט פון ישראל, באַשיץ מיין היימלאַנד פון דעם שלעכטס,״ — האָט ער געפליסטערט.

אין יענער נאַכט איז די קעניגין אַלעקסאַנדראַ געשטאָרבן.

ערשט האַרט פאַרטאָג איז אַרטאַפּאַנוס אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף, ווי עס האָט אים פּלוצים אַרויסגעריסן פון אַ קאָשמאַר־חלום אַ גאַלאָפּ פון פערדישע פיס איבערן פאַרהאַרטעוועטן באָדן. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַלץ וואָס ער זעט איז אַ המשך פון דעם קאָשמאַר־חלום. עס האָט נאָר־וואָס געגרויט אויף טאָג און שוין זענען די געצעלטן געווען צענומען. די פערד און זעלנער זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אין צענטער פון פלאַץ. אַנדערע זענען געלאָפן אַהין און אַהער, ווי אָן אַ ציל. שטאָפּעטן האָבן גאַלאָפּירט לענג־אויס דעם ברעג. אין זיין צוקאָפּנס איז שוין נישט געווען זיין געצעלט. ער האָט באַמערקט אַ זעלנער מיט זיינע אויסגעריכטעטע פערד אויף דעם פּלאַץ, וווּ עס איז פריער געשטאַנען זיין געצעלט און ער האָט אויפגעשפרונגען. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן באַנעמען די ווירקלעכקייט און האָט געפרעגט דעם דינער:

„וואָס אַזעלכעס איז געשען?!״

דער דינער האָט גלייכגילטיק געענטפערט:

„די קעניגין איז געשטאָרבן. אונדזער מלך האָט דערקלערט מלחמה דעם כהן־גדול הורקנוס.״

„צי ביסטו אַראָפּ פון זינען, אָדער דו רעדסט סתם פון חלום?!״ — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגעשריגן און שוין געווען אין גאַנצן וואַך.

„ניין, מיין האַר, איך זאָג, וואָס איך האָב געהערט. מיר גייען איינעמען ירושלים.״

„צו אַלע שדים! ווען איז דאָס אַלץ געשען? איך בין נישט געשלאָפן... אָדער... וווּ איז דער פּרינץ?... האָסטו געזען מיין פאָטער?״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט צעטומלט.

ער האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער, נאָר אַרויף אויפן פערד און זיך געלאָזט איבערן לאַגער. ער האָט דעם פאָטער געפונען צווישן דער גרופּע אָפיצירן, וואָס אַרום אַריסטובולן. עס איז נאָך געווען אַזוי טונקל, אַז בלויז פון די סילועטן האָט ער דערקענט, ווער עס איז ווער. ער איז אַראָפּ פון פערד און געהערט אַריסטובולס שטים. פון די איינצלנע ווערטער, וואָס זענען דערגאַנגען

צו זיינע אויערן, האָט ער באַגריפן, אַז זיין דינער האָט געזאָגט דעם אמת. אַריסטובול האָט אַרויסגעגעבן סטראַטעגישע אָנווייזונגען פאַרן מאַרש קיין ירושלים. אַרטאַפּאַנוס האָט געוואַרט און בעת אַריסטובול האָט פאַרענדיקט זיינע באַפעלן, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פאָטער:

„איז אמת, אַז די קעניגין איז געשטאָרבן?"

אָנשטאָט צו ענטפערן אויף דער פראַגע האָט עפּידעס געפרעגט:

„ווו ביסטו געווען, וואָס איך האָב דיך נישט געפונען?"

„איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט" — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט.

„אויך איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן — האָט עפּידעס געזאָגט — איך בין געווען אין וועג פון נעכטיקן אַרויסמאַרש ביז מיט נישט לאַנג צוריק. מיר מאַרשירן קיין ירושלים."

„איז ריכטיק, אַז די קעניגין איז געשטאָרבן?" — האָט אַרטאַפּאַנוס ווידער געפרעגט.

„עס איז ריכטיק. אונדזער חייל מוז זיין אין ירושלים ביז מאָרגן האַלבן טאָג."

„וואָס וועט איצט געשען?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געוואָלט וויסן און דער פאָטער האָט אים געענטפערט:

„אַריסטובול וועט ווערן מלך און אַלץ וועט זיין ווי מיר האָבן צוגעגרייט."

אַ האָרן־שאַל האָט גערופן צו פאַרמירן זיך. אַלע זענען אַרויף אויף די פערד. די פוסגייער האָבן זיך פאַרמירט באַזונדער. אין דרויסן איז געוואָרן העלער און אַרטאַפּאַנוס האָט באַמערקט, אַז איצט איז דאָס חייל פילצאָליקער ווי עס איז געווען אַפילו ביים נעכטיקן אַרויסמאַרש פון דער פעסטונג. דער גאַנצער טאָל איז געווען באַדעקט מיט זעלנער. איצט, ביים אַרויסמאַרש, זענען אין דער פאָדערשטער ריי פון אַ מעכטיקער קאָלאָנע רייטער געריטן, אויסער אַריסטובולן און גאַלעסטאָס, אויך עפּידעס און ביי דער זייט אַרטאַפּאַנוס. וואָס אַ מאָל מער האָט זיך די קאָלאָנע אויסגעשפּרייט, אַז ס'איז שוין שווער געווען צו זען די לעצטע.

בעת דאָס חייל איז אַריבער דעם ירדן, איז די בלייכע זון אַרויס פון מאָרגן־נעפּל. דאָס געמיט פון אַרטאַפּאַנוסן איז געוואָרן לייכטער. ער האָט דערפילט אין די פּלייצעס די ערשטע וואַרעמקייט פון דער זון. ער איז ווידער צוגעשטאַנען צו זיין פאָטער:

„וואָס גייט געשען?" — האָט ער געפרעגט, און דער פאָטער האָט געענטפערט האַפּערדיק:

„נאָך אַ טאָג און דו וועסט זיך איבערצייגן, וואָס עס מיינט דער גייסט פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי. די גאַנצע מזרחדיקע זייט פון ירדן איז אין אונדזערע הענט. זייט נעכטן אינדערפרי האָבן אונדזערע חיילות באַזעצט צוויי און צוואַנציק שטעט. פון דעם איצטיקן מאַרש וועלן מיר אויסטיילן אָפּטיילונגען צו פאַרנעמען

ווייטערדיקע שטחים און אַז דער גאַנצער שטח וועט זיין אונטער אונדזער שווערד, וועט שמעון בן־שטח מער נישט זיין דער הערשער איבער יהודה. און דו — וואָס ביסטו אַזוי נידערגעשלאָגן? אָפּגעווויינט זיך פון פעלד־לעבן?"

„קיין מאָל נישט געווען צוגעוווינט" — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט.

עפּידעס האָט געזאָגט נישט אָן ביטול:

„היינטיקע יוגנט. איך, אַן אַלטער מאַן, בין פון נעכטן, ווען מיר האָבן אַרויסמאַרשירט פון דער פעסטונג, ביז איצט, נישט אַראָפּ פון זאָטל. און דאָס בלוט איז הייס, כאָטש די גלידער זענען מיד."

„דאָס בלוט פון די חשמונאים," — האָט אַרטאַפּאַנוס געמאַכט דעם פאָטער אַ קאָמפּלימענט.

„דאָס זעלבע בלוט פליסט אין דיינע אָדערן. מען דאַרף נאָר וויסן פאַר וואָס מען קעמפט" — האָט עפּידעס געזאָגט מיט שטאָלץ.

„איך וואָלט דאָס וועלן וויסן, פאָטער."

„כדי אויפצולעבן די ירושה פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי," — האָט ער באַקומען דעם ענטפער.

„און דעמאָלט?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל. דער הימל איז געווען בלוי און הויך. עס זענען נישט געווען קיין שטערן, צו פרעגן ביי זיי...

בעת זיי זענען אָנגעקומען קיין יריחו האָט שוין די שטאָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער מיליטערישער לאַגער. ערשט איצט האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרשטאַנען זיין פאָטערס נעלם ווערן און זיין אָפּוועזנהייט פון נעכטן ביז דעם באַגינען. קיין יריחו האָבן פון אַלע אַריסטובול־טרייע גאַרניזאָנען געשטראָמט מיליטער־קאָלאָנעס. שפּעטער זענען אויך פון הינטער די אדום־בערג אָנגעקומען אָפּטיילונגען פון געדוונגענע שבטים־קעמפער. דאָ האָבן זיך די אָפּטיילונגען געדאַרפט איבער־פאָרמירן אין קאַמפּס־אָרדענונג און זיך אָפּרוען פון וועג.

די קרעמער פון יריחו האָבן שוין לאַנג, לאַנג נישט געדענקט אַזאַ טאָג: די מערק זענען אויסגעקויפט געוואָרן, די ברונעמער זענען אויסגעליידיקט געוואָרן פון וואַסער, דאָס ברויט פון די בעקערייען איז אויפגעפרעסן געוואָרן ביז צום לעצטן ביסן. די וויין־הענדלער האָבן אויסגעליידיקט זייערע פעסער.

די זעלנער פון די מדבר־שבטים האָבן אין די קראָמען און ביי גאַסן־הענדלער אויסגעקויפט אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט קויפן — פון אַ בייטשל קרעלן און זילבער־בראַסלעטן, ביז סאַנדאַלן און געווענדער פאַר געצעלטן. דאָס איינציקע, וואָס איז נאָך געבליבן אין יריחו, איז דער אָנבאָט פון זונות.

די פריילעכע זעלנער האָבן זיך געגרייט אויפן מאַרק אין צענטער פון שטאָט צו פאַרלייגן פייערן אויף צו בראָטן שעפּסן, ווי עס האָט איבער דער שטאָט גאַלאָפּירט אַ רייטער און פון אַ האָרן געשאַלט דעם סיגנאַל פון אַלאַרם. ווי אַ זאמד־שטורעם לויפט אָן פון דער מדבר און רייסט דעכער און טירן און טראָגט אַוועק אַלץ וואָס ער טרעפט אויף זיין וועג, אַזוי האָט דער אַלאַרם אויפגעהויבן

די זעלנער און פון אַלע זייטן געטראָגן זיי אין געלאָף צום סטאַדיאָן, ווו דאָס חייל האָט געלאַנדעט. עס זענען נאָכגעלאָפן קרעמער, וואָס האָבן נישט באַקומען באַצאָלט פאַר זייער סחורה; עס זענען נאָכגעלאָפן קצבים, וואָס האָבן געשאָכטן שעפסן און איצט זענען זיי געבליבן מיט די טויטע שאָף; עס זענען נאָכגעלאָפן ווייַן־הענדלער, וואָס זעלנער האָבן אַוועקגעוואָרפן די ווייַן־קריגלעך און נישט באַצאָלט פאַרן ווייַן, און מיט קללות זענען נאָכגעלאָפן זונות, וואָס זעלנער זענען אַנטלאָפן פון זיי און נישט באַצאָלט פאַר דער ליבשאַפט. אַלץ איז געלאָפן אַהין, אַהין צום סטאַדיאָן.

יריחו האָט נישט געוווסט, וואָס עס איז פּלוצים צושטאַנדגעקומען. דאָס חייל האָט געדאַרפט דאָ רוען צוויי טעג און איצט לויפט עס ווי פון אַ שריפה. נישט געוווסט האָט יריחו, אַז שטאַפעטן זענען אָנגעקומען אין לאַגער און געבראַכט די בשורה, אַז די חיילות פון הורקנוס זענען אַראָפּ פון די בערג פון ירושלים און אַז בראש פון די חיילות שטייט אַנטיפּאַטער.

אַריסטובול איז אויפגעקאָכט געוואָרן פון צאָרן. ער האָט פאַרגעסן, אַז דאָס האָט ער דערקלערט מלחמה זיין ברודער, און ער האָט אויסגעשריגן:

„מיין ברודער גייט פירן קעגן מיר מלחמה מיט דער שווערד פון אַ פרעמדן ?! בלאָזט אין די האָרנס!"

און ווי אַ שטורעם וואָלט זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעטראָגן די זעלנער פון די מערק און געסלעך, פון די קראָמען און זונה־הייזער, אַזוי האָט זיך ווי אַ שטורעם אַרויסגעלאָזט פון יריחו דאָס חייל פון אַריסטובול. די פערד האָבן געריסן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, די שוץ־אָפּטיילונגען האָבן געטריבן די קעמלען, די פּוסגייער זענען געלאָפן, ווי דער צאָרן פון אַריסטובול וואָלט זיי אַלע אָנגעשטעקט.

ערשט ווען דאָס חייל איז אַרויס אויפן פליין פון עמק עכור, האָט אַריסטובול באַפוילן זיך אָפּשטעלן, כדי די באַזונדערע אָפּטיילונגען זאָלן פאַרנעמען זייערע פּלעצער אין קאַמפּס־פאָרמאַציע. אָבער איידער די קאָלאָנעס האָבן באַוויזן איבערצוגיין אויף זייערע פלעצער, האָבן די אויסקוקער באַמערקט אויף די שפּועים פון די ירושלימער בערג די ערשטע גרופּן רייטער פון דעם הורקנוס־חייל. אַריסטובול האָט זיך באַהערשט. ער האָט צוזאַמענגערופן די קאָמאַנדירן און געזאָגט צו זיי:

„גוט וואָס מיר זענען אַריין אין עמק, כדי דער פיינט זאָל זען אונדזער צאָלרייכקייט. אָבער אין שלאַכט וועלן מיר היינט נישט אַרויס. איידער מיר וועלן זיך צוזאַמענטרעפן מיטן פיינט וועט די זון זיך אָנהייבן זעצן און עס דראָט די סכנה מיר זאָלן זיך אויסבלוטיקן אַזוי, אַז אַפילו ביי אַ נצחון וועלן מיר האָבן פאַרלוירן ירושלים. מיר וועלן דעריבער בלייבן איבער נאַכט אויף דעם פּלאַץ, אויף וועלכן מיר געפינען זיך. און ווען דער אָוונט וועט אָנקומען וועלן מיר אַרויסשיקן אַ שוץ־אָפּטיילונג אויף אַ מרחק פון צוויי פרסא, כדי דער פיינט זאָל אונדז נישט איבערראַשן."

ווען עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט האָט די מחנה נישט באַקומען קיין רו, נאָר זי איז אויסגעשפּרייט געוואָרן אויף אַ ברייטן פראָנט, כּדי אַרומצורינגלען די כּוחות פֿון הורקנוס, אַ טייל אין דער ריכטונג פֿון אַלעקסאַנדריון, אויף צפֿון, און אין צענטער האָט אַריסטובול איבערגעלאָזט גענוג רייטער אויף צו שטורעמען דעם שונא אין עטלעכע כוואַליעס. קיינער פֿון די קאָמאַנדירן האָט אין דער נאַכט נישט אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם פּאַנצער און פֿון קיין איין פֿערד איז נישט אַראָפּגענומען געוואָרן דער זאָטל. אַזוי אויך איז אַריסטובול געבליבן אין זיין פּאַנצער און זיין פֿערד נאָענט פֿון אים. ער האָט געוווּסט דעם שטייגער פֿון די אַראַבער, אַז זיי קאָנען אויך איבערפֿאַלן ביינאַכט.

מיטן אויפֿגיין פֿון טאָג האָט מען געזען ווי דאָס חיל פֿון הורקנוס לאַגערט עטוואָס העכער פֿונעם טאָל. עס איז געווען פֿאַנאַנדערגעשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח אין דער ברייט און אין דער טיף. קוקנדיק פֿון צפֿון, אַראָפּ צום טאָל, האָט אַנטיפּאַטער געזען דאָס גאַנצע חיל פֿון אַריסטובולן און ער האָט געשפּאָט פֿון דער קליינער צאָל קעמפֿער. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס ער האָט נעכטן פֿאַרנאַכט באַקומען די מעלדונג, אַז אַריסטובול גייט מיט אַ גרויס חיל. אויך דאָס וואָס די כּוחות פֿון אַריסטובול האָבן זיך פֿאַרהאַלטן צופֿוסנס פֿון די יריחור־בערג האָבן אים געמאַכט גלייבן, אַז דער פּרינץ האָט פֿאַר זיך צוגעגרייט אַן אַנטרינונגס־וועג אין פֿאַל פֿון אַ מפּלה. ווען דאָס זאָל אַזוי נישט זיין, וואָלט ער גרופּירט זיין גאַנץ חיל אין קאַמפּס־פֿאָרמאַציעס אין דער מיט פֿונעם טאָל. פֿאַר אַנטיפּאַטער איז געבליבן נישט מער ווי אויפֿהייבן זיין חיל און גיין נעמען דעם צוגעגרייטן נצחון. האָט ער זיך אויפֿגעהויבן מיט זיינע חיילות און אַראָפּ אין טאָל. און גלייך ווי זיי האָבן דערגרייכט דעם טאָל, האָבן זיי זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ. נאָר זע: די כּוחות פֿון אַריסטובולן רירן זיך נישט פֿון אָרט, זיי גאַלאָפּירן נישט אַנטקעגן. די מחנה איז אומבאַוועגלעך, ווי זי וואָלט נישט באַשטאַנען פֿון לעבעדיקע קעמפֿער, נאָר ווי זי וואָלט געווען אַ טויטער פֿעלדז.

„דער פּחדן וויל מען זאָל אים דערלאַנגען די קרוין — האָט אַנטיפּאַטער אויסגעשריגן צו די אָפֿיצירן נעבן אים — מיר וועלן אים געבן די קרוין!"

כּדי צו מאַכן אַן איינדרוק אויף אַריסטובולן, האָט אַנטיפּאַטער מאַנעווורירט, אַז די קאַלאָנעס הינטער אים זאָלן זיך אויסשפּרייטן אין אַ פֿעכער און שפּעטער צוריק זיך איינציען, ווען מען וועט דערגרייכן דעם מרחק פֿון אַ פֿייַלן־שאָס. אָבער נאָך איידער אַנטיפּאַטער האָט דערפֿירט זיין חיל צום מרחק פֿון אַ פֿיילן־שאָס, האָט זיך פֿון אַנטקעגן אויפֿגעהויבן אַ וואָלקנשטויב, ווי די ערד וואָלט פּלוצים אויפֿגעריסן, און דער וואָלקן האָט זיך אין געדיכטע קנוילן געטראָגן אַנטקעגן, געמישט מיט פֿערד און מענטש און געשריי. אַריסטובול האָט גאַלאָפּירט דער ערשטער. ניין, נישט ער האָט גאַלאָפּירט, נאָר ער איז ווי געפֿלויגן, ווי ער און זיין פֿערד וואָלטן געווען איין פֿליענדיקער גוף. הינטער אים האָט זיך געשאַפֿן אַ ברייטער דרייעק, און ער, ווי דער שאַרפֿער שפּיץ פֿון דעם דרייעק, מיט דער אויסגעשטרעקטער שווערד, האָט זיך מיט אַ געבריל אַריינגעריסן אין

דער מאַסע פון קעגנערישן חייל מיט אַזאַ אימפעט, אַז ער האָט זיך פּלוצים געפונען אין רוקן פון פיינט.

אָבער באַלד איז ער אַרויף אויף דער צווייטער כוואַליע. ער האָט אויסגע־קערעוועט דאָס פערד אויף צוריק און געלאָזט זיך אויפן רוקן פון דער ערשטער כוואַליע, וואָס איז שוין געווען אין קאַמף מיט זיין חייל. זיין שווערד האָט געפאָכטן מיט אַ לייכטקייט, ווי איבער זאַנגען, און ער האָט געזוכט אַנטיפּאַטערן. ער מוז געפינען אַנטיפּאַטערן. אָבער אין דעם געווירבל פון צעפאָכעטע שווערדן, אויפגעפלאַנצטע אייזן־שטאַנגען און צעווילדעוועטע פערד האָט מען מער קיין מענטשלעכע פּנימער נישט געזען. אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט זיך געפונען אין דער צווייטער כוואַליע רייטער, האָט געזען סיי אַנטיפּאַטערן און סיי דעם צעשטורעמטן אַריסטובול, וואָס יעדער קלאַפּ פון זיין שווערד האָט געטראָפן אין ציל. אַרטאַ־פּאַנוס האָט אַ לאָז געטאָן זיין פערד אין דער ריכטונג פון אַנטיפּאַטער און מיט אַ העפטיקן געפעכט אין די זייטן געמאַכט פּאַר זיך אַ וועג. אַריסטובול האָט אים באַמערקט, אָבער ער איז געווען פאַרנומען מיט עטלעכע אַנגרייפער גלייכצייטיק. אין די הינטערשטע רייען פון אַנטיפּאַטערס כוחות איז אויסגעבראָכן אַ טומל. פון צוויי זייטן האָבן זיך באַוויזן די אַרעם־מחנות, וואָס אַריסטובול האָט זיי ביינאַכט אַרויסגעשיקט, כדי אַריינצונעמען דעם פיינט אין אַ צוואַנג. אַ מוראדיקער ברום איז אַדורך צווישן אַנטיפּאַטערס חייל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוריקצוציען. אַנטיפּאַטער, דערזעענדיק די צוויי מחנות, וואָס דערנענטערן זיך פון די זייטן אין גאַלאָפּ, האָט זיך אויסגעדרייט, אַדורכגעשניטן זיינע אייגענע רייען און אָנגעהויבן אַנטלויפן. אַרטאַפּאַנוס האָט אים נאָכגעיאָגט. דערווייל האָט זיך אַריסטובול באַפרייט פון זיינע אַנגרייפער און זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ צו דערגרייכן אַרטאַפּאַנוסן. עס איז אָבער געווען צו שפּעט. אַרטאַפּאַנוסן האָבן פאַרשטעלט עטלעכע רייטער און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט זיי אין אַ געפעכט. און איידער אַריסטובול איז אָנגעלאָפן, איז אַרטאַפּאַנוס ווי אויפגעשפּרונגען אויף זיין זאָטל, זיך איבערקערט און אַראָפּגעפאַלן פון זיין פערד. גלייך נאָך דעם האָט זיך זיין פערד אויפגעהויבן אויף די הינטערשטע פיס, אַ משונהדיקן דריי זיך געטון און געפאַלן, ווי אונטערגעשניטן. אַריסטובול האָט אַ שפּרונג געטון קעגן די פעכטער און באַוויזן איינעם אַראָפּצופעכטן פון זיין פערד, ווי די אַנדערע זענען נעלם געוואָרן.

ווי אַ טייך וואָס גיסט זיך אויס אין אַ פאַרפלייצונג, האָט זיך די מחנה פון אַנטיפּאַטערן אַרויסגעגאָסן פון דעם באַוועגלעכן רינג, וואָס האָט זיך דערנענטערט, כדי אינגאַנצן זיך צו פאַרמאַכן, און אַנטלאָפן הינטער זייער הויפּט־קאָמאַנדיר. די צוויי פליגלען זענען אָנגעלאָפן מיט שטורעם און אויסגעשרייען און געשניטן דעם פיינט, ווי זאַנגען. אַ טייל פון אַנטיפּאַטערס אַרמיי איז געבליבן פאַרמאַכט. דערזען זיך אַרומגערינגלט, האָבן אַ סך געוואָרפן דאָס געווער און מיט אויפגע־הויבענע הענט געשריגן:

„זאָל לעבן דער מלך אַריסטובול! מיר קעמפן נישט מער! מיר ווילן דעם מלך אַריסטובול!"

די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן לעשן, דער געקלאַנג פון אייזן איז שטילער געוואָרן; די קרעכצן און הילפס־רופן זענען העכער געוואָרן. טויטע און גוססדיקע מענטשן און פערד זענען געווען צעוואָרפן איבערן פעלד אין משונהדיקע פּאָזיציעס. ווייט אַרויסגערוקט איז אַריסטובול געשטאַנען איינגעבויגן איבער אַרטאַפּאַנוסן און געפּרוווט אים אַרויסשלעפּן פון אונטער זיין טויטן פערד, וואָס האָט פּאַלנדיק אים צוגעדריקט אַ פוס. אַרטאַפּאַנוס איז געווען פאַרוווּנדעט אין אָרעם און ער האָט מיט דער צווייטער, פרייער האַנט צוגעדריקט דעם אָרעם, כדי נישט אָפּצוגיין פון בלוט. איצט, ווען די שלאַכט האָט זיך אויסגעלאָשן, זענען אָנגעלאָפן עפּידעס מיט עטלעכע קעמפער צו הילף דעם פאַרוווּנדעטן אַרטאַפּאַנוס. מיט שטאַנגען האָבן זיי אונטערגעהויבן דאָס טויטע פערד און אָפּגעשלעפּט דעם פאַרוווּנדעטן. ווי אַ געניטער רופא האָט עפּידעס מיט זיין קינזשאַל אויפגעשניטן די קליידער אַרום דעם אָרעם פון זיין זון, פון בוזעם אַרויסגענומען אַ שטיק געוואַנד, אָנגעשמירט מיט צעריבענע קרייטעכצער, די וווּנד פאַרדעקט און מיטן געוואַנד פעסט אונטערגעבונדן דעם אָרעם.

דער פאָטער האָט אויפגעהויבן זיינע האָר, וואָס זענען מיט שווייס געווען צוגעקלעפּט צום שטערן און געפרעגט:

„טוט דיר שטאַרק וויי? וועסט באַלד זיך אָנטרינקען מיט ווייַן און עס וועט דיר בעסער ווערן."

„נישט געפערלעך — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט מיט אַן אָפּגעשוואַכט קול — אַ קריגל וויין וואָלט איך אויסגעטרונקען."

אַריסטובול האָט אים אַרייַנגעקוקט אין די אויגן:

„די ערשטע וווּנד אין קאַמף איז אַ גוטער סימן. דאָס איז אַ קרבן פאַרן נצחון."

ער האָט באַפוילן די זעלנער אַוועקצוטראָגן אַרטאַפּאַנוסן און אויסבעטן פאַר אים אַ געלעגער אויפן רוקן פון זיין לאַסטפערד.

איצט האָבן זעלנער געקליבן די פאַרוווּנדעטע אויפן פעלד, דערשטאָכן די פערד, וואָס האָבן זיך געמאַטערט אין גסיסה, אַנדערע האָבן צוזאַמענגעקליבן די געפאַנגענע און נאָך אַנדערע האָבן צונויפגענומען דאָס געווער, וואָס זעלנער האָבן אַוועקגעוואָרפן. איבער דעם פעלד האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער ריח פון בלוט און פון פערדישן שווייס.

אין דער זעלבער צייט האָט גאַלעסטאַס, וואָס האָט געהאַט איין אויג אַ שוואַרץ־אויפגעלאָפנס, געהייסן אַוועקפירן אָן אַ זייט די געפאַנגענע, און זיצנדיק אויף זיין פערד, געזאָגט צו זיי אַזוי:

„אַנטיפּאַטער האָט אייך אַרויסגעפירט, כדי צו שלאָגן דעם מלך פון יהודה, אַ סך פון אייך זענען געקומען פון דער פרעמד, כדי צו שלאָגן אונדזער חייל. קוקט אויפן פעלד און זעט, וויפל פון אייך עס זענען געפאַלן און וויפל עס

ראַנגלען זיך מיטן טויט. דאָס אַלץ האָט גורם געווען דער אומזיניקער איבערפאַל פון דעם, וועמענס רוף איר האָט געהערט. ווי איבערפאַלענע, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, קאָנען מיר מערן די טויטע פון די אַלע, וואָס זענען נישט געפאַלן פון אונדזער שווערד. אַנטיפּאַטער האָט אייך געפירט צו אַ זיכערן טויט און איר קאָנט פון אונדז געטויט ווערן. אָבער כדי צו ווייזן אייך דעם חסד פון אונדזער מלך אַריסטובול, וועלן מיר די געפאַנגענע נישט טויטן און אויך נישט פּאַרוואַנדלען אין שקלאַפן, בתנאי, אַז זיי וועלן איינזען דאָס שלעכטס פון די פּאַררעטער און איבערגיין אין אונדזער חייל, וואָס וועט מיט דער הילף פון גאָט באַשטראָפן די פּאַררעטער פון יהודה."

די מחנה געפאַנגענע האָט אויסגעשריגן אין כאָר:

„זאָל גאָט העלפן דעם מלך אַריסטובול, דעם מלך פון יהודה! מיר וועלן באַשטראָפן די פּאַררעטער! לאָזט אונדז באַשטראָפן די פּאַררעטער!"

אַריסטובול האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. דער וועג קיין ירושלים איז געווען פריי. אָבער נאָר דער וועג. און הגם דער פאַרלוסט אין פאַרוווּנדעטע און טויטע איז אויך אויף אַריסטובולס זייט געווען אַ גרויסער, איז אָבער זיין חייל איצט געווען צאַלרייכער מיט די, וואָס זענען איבערגעגאַנגען צו אים פון דעם קעגנערישן חייל. דאָך האָט ער געוווּסט, אַז הורקנוס און אַנטיפּאַטער וועלן נישט לייכט אים אָפּגעבן ירושלים. דעריבער האָט ער זיך נישט געאיילט.

קאפיטל זעקס

די זיגערישע פייערן, וואָס אַנטיפּאַטער האָט געזאָלט אָנצינדן נאָכן נצחון, כדי זייער אָפּשיין זאָל געזען ווערן אין ירושלים, זענען נישט אָנגעצונדן געוואָרן. ביז האַלבער נאַכט האָבן די שומרים אויף די טורעמס פון דער ירושלימער מויער געזוכט אַ צייכן פון פייער און דער צייכן איז נישט געקומען. הורקנוס האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן און אין זיין האַרץ איז פאַרלאָשן געוואָרן די האָפענונג אויף אַ שנעלער אַנטשיידונג. און אַז דער צעקלאַפּטער אַנטיפּאַטער האָט זיך דערשלעפּט קיין ירושלים מיט קליינע רעשטלעך פון דער געדונגענער אַרמיי, איז הורקנוס אַריין אין גרימצאָרן:

„צי האָט אונדז גאָט פון ישראל פאַרלאָזט, אָדער פּרווט ער אונדז אויס?" — און כדי וועגן דעם זיך צו דערוויסן, האָט ער אָנגענומען די עצה פון זיינע ראַטגעבער, צו פאַרשפּאַרן זיך אין דער פעסטונג ביים בית־המקדש און מיטנעמען אַהין ערובניקעס. האָט ער אַריינגעטריבן אין דער פעסטונג די פרוי און די קינדער פון אַריסטובולן און די פון דער צדוקישער אַריסטאָקראַטיע אין ירושלים, וואָס ער האָט געוווסט, אַז אין פאַל פון אַריסטובולס נצחון וועלן זיי איבערנעמען די מאַכט איבער יהודה.

אָבער הורקנוס איז געבליבן כמעט אָן באַוואָפנטע כוחות. די בשורה, אַז אַריסטובול האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און אַז ער מאַרשירט מיט זיין חייל אויף ירושלים, האָט אַנטמוטיקט דעם ירושלימער גאַרניזאָן. נעכטן איז נאָך דער ירושלימער המון געווען פול מיט צאָרן קעגן אַריסטובולן, וואָס מיטן טויט פון דער קעניגין האָט ער דערקלערט מלחמה זיין עלטערן ברודער, דעם כהן־גדול, אָבער איצט איז שוין דער המון געווען אויף אַריסטובולס זייט און איבערדערציילט מעשות וועגן זיין גבורה, הגם קיינער האָט נאָך די מעשות פון דער גבורה נישט געבראַכט אין דער הויפּט־שטאָט. אויף די מנהיגים פון די פּרושים איז אָנגעלאָפן אַ פחד: דער העלעניזירטער אַריסטובול וועט זיך איצט אָפּרעכענען מיט זיי, ווי זיין פאָטער אַלעקסאַנדער האָט זיך אַמאָל מיט זיי אָפּגערעכנט. און אויך זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין בית־המקדש און מיטגענומען אַהין זייערע ווייבער און קינדער.

אַריסטובול האָט זיך געריכט אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד אין ירושלים. זיכער האָט אַנטיפּאַטער ווידער צונויפגענומען אַ שטאַרקן כוח און ער וועט אים אָפּוואַרטן ערגעץ־ווו ביי די טויערן פון ירושלים. ער האָט דעריבער אויסגערעכנט,

אַז וואָס לענגער ער וועט לאָזן הורקנוסן וואַרטן אויף זיין אַנקום, אַלץ אומרואיקער און אומזיכערער וועט ער ווערן. האָט אַריסטובול גוט אויסגערעכנט זיין חייל און אַרויפגעשטיגן קיין ירושלים לאַנגזאַם, די מענטשן און די פערד זאָלן אָנקומען קאַמפּסלוסטיק.

אַרטאַפּאַנוס איז געווען צווישן זיי.

הגם אַלע פאַרוואונדעטע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין יריחו, האָט אַרטאַפּאַנוס נישט געוואָלט מיט זיי מיטגיין. אַ טאָג מיט אַ נאַכט איז ער געלעגן אין שוואַכקייט און די גאַנצע צייט געשלאָפן פון דער גרויסער מענגע וויין, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען. ביים מאַרש קיין ירושלים האָט ער שוין אַליין געקאָנט רייטן אויף זיין פערד, כאָטש די וווּנד האָט אים שנעל מיד געמאַכט. ביי דער מינדסטער באַוועגונג מיט דעם פאַרוואונדעטן אָרעם האָט זיך דער ווייטיק אויפסניי צעברענט. אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די ווייטיקן פילט ער נישט פון דער וווּנד, נאָר פון דעם, וואָס ער מוז רייטן מיט די לעצטע. „אַ שוואַנגערדיק ווייב מאַכן זיי פון מיר,״ — האָט ער געברומט צו זיך אַליין. אויפן קול האָט ער זיך נישט געקלאָגט. אָבער זיין באַליידיקטער שטאָלץ, צו זיין פאַרוואונדעט און רייטן מיט די לעצטע, איז באַפרידיקט געוואָרן דערמיט, וואָס ביים אַריינמאַרש קיין ירושלים איז בכלל נישט געווען מיט וועמען זיך אַריינצולאָזן אין קאַמף. אַפילו די שומרים זענען פאַרשוווּנדן פון די מויער־טורעמס, כדי נישט צו רייצן די זיגער.

די שטאָט־טויערן זענען געווען אָפן און דער המון האָט אויפגענומען אַריסטובולן מיט פרייד־געשרייען, ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט געצאָרנט קעגן אים. און די טויערן פון דעם חשמונאים־פּאַלאַץ זענען געשטאַנען צעעפנטע, גרייטע אויפצונעמען דעם נייעם מלך. קיין צייכן פון ווידערשטאַנד.

דער אופן און ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט אויפגענומען אַריסטובולן האָט דערשלאָגן הורקנוסן. ער האָט נישט באַגריפן, ווי אַזוי עס איז געשען, וואָס נעכטן־אייערנעכטן איז דאָס פאָלק גרייט געווען מיט זיינע גופים צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר זיין ברודער, און איצט זענען אַלע גרייט מיט שמחה אים צו דינען. צי האָט אַריסטובול געבראַכט מיט זיך אַ כישוף, מיט וועלכן ער האָט באַצויבערט דאָס פאָלק?

הורקנוס האָט געקענט דעם שטייגער אין זיין משפחה: ער האָט געוווּסט, אַז זיין פעטער, דער קעניג אַריסטובול, דער ערשטער מאַן פון זיין מוטער, האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון צו טויטן זיין ברודער אַנטיגונוס, וואָס ער האָט אים אַפילו אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. פאַרוואָס זשע זאָל זיין אייגענער ברודער זיך אָפּהאַלטן פון צו טויטן אים, הורקנוסן, בפרט, ווען ער האָסט אים? האָט הורקנוס געהאַט שלאָפלאָזע נעכט. ער האָט מורא געהאַט פאַר יעדן, וואָס האָט זיך צו אים דערנענטערט, פאַר זיין אייגענעם שאָטן אַפילו. און געוווּנדערט האָט ער זיך, וואָס אַריסטובול באַלאַגערט נישט די פעסטונג. זיכער האָט ער שוין עפּעס אָפּגעמאַכט מיט אַ סך פון די, וואָס געפינען זיך אין דער פעסטונג. אַממערסטן האָט ער מורא געהאַט פאַר אַריסטובולס צוויי יונגע זין, אַלעקסאַנדער און

אַנטיגונוס. ער האָט געהייסן מען זאָל זיי גוט היטן. און ער האָט זיך אַליין געהיטן און געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף זיינע ראַטגעבער, וואָס ער האָט מורא געהאַט זיי אויסצוהערן, טאָמער רעדן זיי אים צו צו עפּעס, וואָס קאָן זיין פאַר אים געפערלעך.

כדי צו פאַרמינערן די שונאים פון אינעווייניק, אין זיין סביבה, האָט ער באַפוילן צו באַפרייען אַריסטובולס פרוי און קינדער.

אין איינעם אַ טאָג האָט אין די טויערן פון דער פעסטונג אָנגעקלאַפּט אַרטאַפאַנוס:

„זייט מודיע דעם כהן־גדול, אַז אַרטאַפאַנוס, דער זון פון אליעזר־עפּידעס, וויל רעדן צו אים."

נאָך אַ שטיקל צייט וואַרטן האָבן זיך די טויערן געעפנט און אַ וואַך־אָפיציר האָט אים אָוועקגעפירט אין קאַמער פון כהן־גדול.

ער האָט געפונען הורקנוסן אַ דערדריקטן און אויסגעמאַטערטן. אויף זיינע שלייפן האָט ער באַמערקט גראָע האָר, וואָס ער האָט עס נישט געזען ביי דער לעצטער באַגעגעניש מיט אים. אין דער ערשטער רגע האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז הורקנוס דערקענט אים נישט.

„איך קום שפּעט פון דער אייליקער שליחות — האָט אַרטאַפאַנוס געזאָגט און שנעל, ווי ער וואָלט וועלן אָפּוואַרפן פון זיך אַן עקלדיקע זאַך, צוגעגעבן אַ שקר — די שומרים אין אַגאַבאַ האָבן מיך אָנגענומען פאַר אַ מרגל און מיך פאַרוווּנדעט."

ער האָט אָפּגעדעקט זיין מלבוש און געוויזן זיין באַנדאַזשירטן אָרעם. הורקנוס האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פאַרבונדענעם אָרעם און זיין בליק איז געוואָרן לעבעדיקער.

„די וווּנד איז געוועזן אַ טיפע און האָט מיך פאַרשאַפט אַ סך ווייטיק — האָט אַרטאַפאַנוס ווייטער געזאָגט — דעריבער האָב איך נישט געקאָנט צוריקקומען צו דער ריכטיקער צייט."

„צו שפּעט, צו שפּעט — האָט הורקנוס געמורמלט — די קעניגין איז מער נישטאָ און די מלוכה איז ווידער אין קלעם פון מלחמה צווישן ברידער. צו שפּעט געקומען."

„אַריסטובול..." — האָט אַרטאַפאַנוס ווייטער געוואָלט ממשיך זיין, אָבער הורקנוס האָט אים איבערגעריסן מיט אַ היסטעריש געשריי:

„דערמאָן מיר נישט דעם נאָמען אַריסטובול! ער גייט אויף מיין לעבן, ווי מיין פעטער אַריסטובול איז געגאַנגען און דערגאַנגען צום לעבן פון זיין ברודער."

„גנעדיקער און געאַכטער כהן־גדול — האָט אַרטאַפאַנוס זיך טיף פאַרבויגן — באַוויליקט מיך אויסצוהערן. אין דער צייט ווען איך בין געוועזן פאַרהאַלטן אין דער פעסטונג, האָב איך פיל מאָל גערעדט מיט דעם פרינץ, אייער ברודער. און אויך נעכטן, ווען איך בין באַפרייט געוואָרן, האָב איך גערעדט מיט אים. ער טראָגט נישט אויף אייך קיין האַרץ, האָט ער מיר געזאָגט, אַנישט וואָלט ער

נישט דערציילט, אַז זיין זון אַלעקסאַנדער וויל פּאַר אַ ווייב אייער טאָכטער אַלעקסאַנדראַ און ער איז מסכּים דערצו.״

הורקנוס האָט אַריינגעקוקט אין די אויגן פון דעם יונגן מענטש און געזאָגט מיט סאַרקאַזם:

„אויף אַזוי פיל טראָגט ער נישט קיין האַרץ אויף מיר און ער שטייט נישט אָן אויף מיין לעבן, אַז פון גרויס ליבשאַפט האָט ער מיר דערקלערט מלחמה?״

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך נישט פאַרלוירן און געזאָגט מיט היץ:

„וואָס איך האָב געהערט איז דאָס, אַז מען האָט אייער ברודער צוגעטראָגן אַ נישט ריכטיקע בשורה, אַז עמעצער האָט אייך, גנעדיקער כּהן־גדול, פאַרראַטן און מיט דעם חייל פון דעם מלך אַרעטאַס האָבן די פאַררעטער געוואָלט איבער־נעמען די מאַכט אין יהודה. האָט דער פּרינץ דערקלערט מלחמה נישט אייך, נאָר די פאַררעטער, און נאָך האָב איך געהערט, אַז צוליב דעם וואָס די רוימער באַזעצן די לענדערייען פון ים־הגדול, וויל אייער ברודער נאָר איין זאַך: שטאַרקן דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, עס זאָל זיך קאָנען קעגנשטעלן די שונאים פון יהודה.״

„וואָס זשע וויל ער פון מיר? — איז הורקנוס געוואָרן אומגעדולדיק — צי זאָל איך אַרויפגיין אויף אַ טורעם און זיך אַראָפּשליידערן, כּדי ער זאָל קאָנען איבערנעמען די מאַכט?!״

ס׳האָט זיך געעפנט די טיר און אין דער קאַמער איז אַריין אַנטיפּאַטער. ווי תּמיד, איז ער אויך איצט געגאַנגען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ פון אַ הערשער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַנעבן פון אַרטאַפּאַנוסן און אויף אים שאַרף אַ קוק געטאָן. ער האָט געפרעגט מיט איינגעהאַלטענעם צאָרן:

„ברענגט דער יונגער מענטש, וואָס האָט געקעמפט קעגן אונדז, גוטע בשורות?״

„קעגן וועמען און ווען האָב איך געקעמפט, מיין האַר?!״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט אַרויספאָדערנדיק.

„קעגן אונדז, אין עמק עכור!״ — האָט אַנטיפּאַטער אויסגערופן.

„דאָס איז שקר, מיין האַר — האָט אַרטאַפּאַנוס געגרימט — אַפילו ווען איך זאָל זיין פעאיק צו קעמפן, וואָלט איך דאָס נישט געקאָנט טון, ווייל, ווי מען דערציילט, זענט איר אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד און מורא געהאַט אַריינצוגיין אין קאַמף, בפרט, ווען איך בין געגאַנגען אין שליחות פון כּהן־גדול און די שומרים אין אַגאַבאַ האָבן מיך אָנגענומען פאַר אַ מרגל און מיך פאַרוווּנדעט און געשלאָגן.״

הורקנוס האָט געקוקט אַ מאָל אויף דעם און אַ מאָל אויף יענעם און געזאָגט אומזיכער:

„איך האָב אים געשיקט קיין אַגאַבאַ... עס וואָלט געוועזן לעכערלעך אַרטאַ־פּאַנוס זאָל האָבן געקעמפט קעגן אונדז, בעת ער איז מיט אונדז... איבעריקנס, מיין ברודער וויל פאַרשטאַרקן די בענדער פון דער משפּחה, מיין אַלעקסאַנדראַ זאָל ווערן דאָס ווייב פון זיין זון אַלעקסאַנדער. געפעלט עס דיר, אַנטיפּאַטער?״

אַנטיפּאַטער האָט זיך אויפגעקאָכט:

„ווער טראַכט דאָ צו דעם שפּאָט קעגן מיין קעניג?!״

„די נייעס האָט געבראַכט אַרטאַפּאַנוס, דער זון פון אליעזר־עפּידעס," — האָט געזאָגט אין זעלבן אומזיכערן טאָן הורקנוס.

אַנטיפּאַטער איז צוריקגעטרעטן הינטערווײלעכץ:

„אליעזר־עפּידעס... אליעזר־עפּידעס... אליעזר־עפּידעס..." — האָט ער געברומט, ווי ער וואָלט אין צווישן געזוכט אַ שאַרפע באַצייכענונג און נישט געקאָנט געפינען.

אַרטאַפּאַנוס האָט געמאַכט אַ שנעלע באַוועגונג און אַנטיפּאַטער האָט זיך אינסטינקטיוו נאָך מער צוריקגעצויגן. עפּעס שטורעמדיקס איז געווען אין דער האַלטונג פון די ביידע מענער, איינער אַנטקעגן צווייטן.

אַרטאַפּאַנוס האָט דראָענדיק געזאָגט:

„אויסער אַלעמען איז אליעזר־עפּידעס מיין פאָטער! געדענקט איר דאָס, מיין האַר, אָדער איר האָט עס פאַרגעסן?"

הורקנוס איז שנעל אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ און זיך געשטעלט צווישן ביידע. אָט די ראָל צווישן די צוויי צעצאָרנטע און אויפגעשטורעמטע מענטשן האָט דעם דערשלאָגענעם כהן־גדול געקרעפטיקט. ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט אין דער הייך, ווי צו דער עבודה, און געזאָגט זייער פייערלעך:

„כיבוד אב איז אַ גרויסע מצווה. אויסער דעם דאַרפן די ציין פון די קינדער נישט ווערן אייליק צוליב דעם, וואָס די עלטערן האָבן געגעסן נישט־רײפע פּרוכטן. ווי עס האָט געזאָגט דער נביא ירמיהו: „בימים ההם לא יאמרו עוד אבות אכלו בוסר ושני בנים תקהינה".

הורקנוס איז געווען באַ[illegible]דיקט, וואָס ער האָט געקאָנט ווייזן זיין געלערנטקייט. אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט נאָך מער אויפגעצאָרנט. אין דער באַמערקונג פון דעם כהן־גדול האָט ער געפילט אַ באַליידיקונג פאַר זיין פאָטער. דאָך, כדי נישט צו האָבן ביידע קעגן זיך, האָט ער געזאָגט פאַרביסן:

„לויט די געזעצן פון יהודה מעג אַ זון הרגענען יעדן, וואָס באַליידיקט דעם כבוד פון זיין פאָטער."

ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קינזשאַל, וואָס אין זיין גאַרטל. אַנטיפּאַטער איז געבליבן שטיין אויפן פּלאַץ. הורקנוס האָט געקוקט אויף ביידע און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער זעט אַ בילד פון צוויי אָנגעברוגזטע הענער, וואָס שטייען אַנטקעגן זיך און ביידע האָבן מורא אָנצוגרייפן, און ווי צוויי הענער, וואָס שטייען לאַנג אַנטקעגן זיך און קאָנען זיך נישט אַנטשליסן אָנצוגרייפן, לאָזן זיי אַראָפּ די פליגל און פּרוּוון אַנטרינען פון איינאַנדער, אַזוי זענען אַנטי־פּאַטער און אַרטאַפּאַנוס געווען גרייט צום קאַמף און לסוף, ווייל קיינער פון זיי האָט נישט געוואַגט דאָס צו טאָן אין דער אָנוועזנהייט פון הורקנוס, האָט די קאַמפּס־שפּאַנונג נאָכגעלאָזט. לסוף האָט זיך אַרטאַפּאַנוס געוואַנדן צו הורקנוסן:

„צי וועט דער כהן־גדול באַווילקן מיך אויסצוהערן?"

„יאָ, מיין זון, איך וועל דיך אויסהערן."

אַנטיפּאַטער האָט פאַרשטאַנען דעם רמז, אַז הורקנוס וויל בלייבן אַליין מיט

דעם זון פון דעם פֿאַרהאַסטן עפּידעס און ער איז אַרויס פֿון דער קאַמער, נישט אַ קוק־טוענדיק אַפֿילו אין דער זייט פֿון אַרטאַפּאַנוס.

„וואָס פֿאַר אַן אָנשטעל פֿון שטאָלץ עס מאַכט דער פּחדן,‟ — האָט אַרטאַפּאַנוס געטראַכט מיט פֿאַראַכטונג, נאָכקוקנדיק אַנטיפּאַטערן ווי ער מעסט זיינע טריט און הייבט אויף די אַקסלען, כדי אויסצוזען העכער ווי ער איז געווען.

„איז וואָס, אַלזאָ, וויל מיין ברודער פֿון מיר?‟ — האָט הורקנוס געפֿרעגט, ווען זיי זענען ווידער געבליבן אַליין.

„איך קאָן אייך נאָר נאָכזאָגן די ווערטער פֿון פּרינץ אַריסטובול: „די רוימער זיצן אין דמשק. די אַרמיי דאַרף געשטאַרקט ווערן נישט ווייניקער ווי דער גייסט פֿון פֿאָלק. וואָס עס געהער צו דער אַרמיי און צו דער מאַכט איבערן לאַנד דאַרף אָנגעהערן צו איינעם און וואָס עס געהער צום גייסט פֿון פֿאָלק דאַרף געהערן צו אַן אַנדערן. אַריסטובול האַלט דעריבער, אַז די מאַכט איבער יהודה דאַרף געטיילט ווערן.‟

אַרטאַפּאַנוס האָט די ווערטער געזאָגט שטיל, זאַכלעך און אָן דעם מינדסטן צייכן פֿון ליידנשאַפֿט. אָבער דווקא די רואיק־אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָבן הורקנוסן אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים. ער איז אויפֿגעשפּרונגען:

„קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט! אונדזער פֿאָטער איז געווען מלך און כּהן־גדול און איך בין דער בכור. בין איך דער געזעצלעכער מלך און כּהן־גדול. דאָס פֿאָלק וועט אַנדערש נישט וועלן.‟

מיט דער זעלבער רואיקייט ווי פֿריער האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט:

„גנעדיקער כּהן־גדול, איך בין נישט מער ווי אַ שליח און אפשר נאָך ווייניקער פֿון דעם, און איך האָב ווייניק נסיון אין ענינים פֿון מאַכט, אָבער איך ווייס, אַז דערמיט וואָס עס געשעט צווישן אייך און אייער ברודער און וואָס עס געשעט צווישן אַנדערע פּרעטענדענטן צו דער מאַכט אין אַנדערע מלוכות און אין אַלע צייטן, האָט דאָס פֿאָלק גאָרנישט וואָס צו זאָגן. דאָס פֿאָלק לאָזט זיך באַהערשן פֿון זיגער און עס זאָגט, אַז דער וואָס הערשט איז באַשטימט פֿונעם גורל... אַזוי איז עס געווען, אַזוי איז עס און אַזוי וועט עס זיין אין אַלע צייטן ביז צום סוף פֿון דער וועלט.‟

הורקנוס האָט אַ פֿאַרשנדיקן קוק געטאָן אויף אַרטאַפּאַנוסן און געזאָגט אַ ביסל זשעניִרט:

„דאָס איז אמת, אָבער מיט יעדן קעמפֿער גייט מיט גאָט, דאָך האָט גאָט ליב דעם, וואָס זיגט און ער פֿאַרלאָזט דעם באַזיגטן, דעריבער איז אויך דאָס פֿאָלק מיט דעם זיגער. דעריבער טו איך תּפֿילה, גאָט זאָל מיך נישט פֿאַרלאָזן... — הורקנוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס ער אַליין האָט געזאָגט, באַקוקט זיינע נעגל און ווייטער צוגעגעבן — איבעריקנס, אַריסטובול קאָן נישט זיין כּהן־גדול. ער איז צו דעם נישט דערצויגן געוואָרן. ער קען נישט די עבֿודה.‟

אַרטאַפּאַנוס איז געריִרט געוואָרן פון דער באַיוויטעט פון הורקנוסן און ער האָט געזאָגט, אַקצענטירנדיק זיינע ווערטער:

„איך בין געווען אין דינסט פון דער קעניגין און איך האָב פאַרערט איר קלוגשאַפט און בין גרייט געווען צו זיין איר קנעכט אין איר איינזאַמקייט. האָב איך אין איר געזען דאָס אָפּבילד פון יהודה, בין איך געווען גאַנץ. איצט, ווען די קעניגין איז מער נישטאָ, בין איך מער נישט גאַנץ. ווי מיין פאָטערלאַנד איז צעריסן און צעשפּאָלטן, אַזוי בין איך צעריסן און צעשפּאָלטן. מיט דעם ווייטיק אין מיינע אינגעווייידן זאָג איך אייך אויפריכטיק, וואָס איך האָב געהערט: אַריסטובול וויל נישט זיין כהן־גדול. ער וויל איר זאָלט ווייטער האַלטן די מאַכט איבערן בית־המקדש.״

„און ער זאָל זיין מלך — איז אים הורקנוס אַריינגעפאַלן אין די רייד מיט אַ געשריי — ער וויל זיין מלך פון יהודה! ער וועט דאָס קיין מאָל נישט ווערן! נישט פאַר מיין לעבן. דאָס מעגסטו אים איבערגעבן. און זאָל ער באַלאַגערן די פעסטונג, אַזוי לאַנג ווי דאָס פאָלק וועט נישט אויפשטיין קעגן אים.״

„איך וועל אייער וואָרט איבערגעבן אַריסטובולן אַזוי שנעל ווי מעגלעך — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט שטיל — אָבער אויף וויפל איך האָב געזען און אויף וויפל מיין אומדערפאַרענער פאַרשטאַנד קאָן אָפּשאַצן, וועט דאָס פאָלק נישט אויפשטיין, ווייל דאָס פאָלק האָט אים אויפגענומען ווי אַ זיגער, און איר האָט אַליין געזאָגט, אַז גאָט האָט ליב דעם, וואָס זיגט און ער פאַרלאָזט דעם באַזיגטן.״

„איך בין נישט באַזיגט! — האָט היסטעריש געשריגן הורקנוס — גאָט האָט מיך נישט פאַרלאָזט און ער איז מיט מיר און דאָס פאָלק איז מיט מיר!״

„איך וועל דאָס איבערגעבן צו אַריסטובולן,״ — האָט אַרטאַפּאַנוס זיך פאַרנייגט אָוועקצוגיין.

הורקנוס האָט אומגעדולדיק אַ פאָכע געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אים וועלן פאַרהאַלטן, און געזאָגט מיט גאַר אַן אַנדער טאָן ווי ביז איצט:

„מעג איך וויסן וועמענס שליח דו ביסט, אייגנטלעך?״

אָן צו פאַרטראַכטן זיך האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט:

„איך בין דער שליח פון מיין לאַנד יהודה. איצט, ווען די קעניגין איז מער נישטאָ און מיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט שרעק.״

הורקנוס האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

„פון דעסטוועגן זעגען די טירן פון מיין הויף תמיד אָפן פאַר דיר, יונגער, קלוגער פריינט.״

הגם הורקנוס האָט פאַרבעטן אַרטאַפּאַנוסן ער זאָל אים באַזוכן, איז ער מער צו אים נישט געקומען. עס איז אים אויך געווען דערווידער שפּעטער צו באַגעגענען זיך מיט אַריסטובול, נאָך דעם ווי ער האָט אים איבערגעגעבן וואָס ער האָט געהערט פון דעם כהן־גדול. דאָס כסדרדיקע באַלאַגערן די פעסטונג נעבן בית־המקדש, וווּ עס האָבן זיך פאַרשפּאַרט הורקנוס צוזאַמען מיט די עצה־געבער

זיינע, האָט צעטרייסלט די אינערלעכע וועלט פון דעם יונגן מענטש. זיין געמיט איז נאָך געווען געגוג בתוליש און ער איז נאָך געווען אין דעם עלטער, ווען דער מענטש איז נאָך נישט פאַרדאָרבן פון נסיונות, ער זאָל קאָנען שלום־מאַכן מיט דעם קאַמף צווישן די צוויי ברידער, ווי ער האָט אים געזען.

ירושלים האָט פאַרלוירן די רו און שלווה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דורך די ניין יאָר הערשאַפט פון שלומציון־אַלעקסאַנדראַ. אַריסטובולס פלינקייט, מיט וועלכער ער האָט באַזעצט ירושלים און באַלאַגערט די פעסטונג, האָט די צדוקים געגעבן דאָס געפיל, אַז זיי זענען די הערשער און זיי האָבן עס געוואָלט זיין נאָך איידער אַריסטובול איז געוואָרן מלך. זענען זיי איבערפאַלן די פרושים אין די גאַסן פון ירושלים. די פרושים, ווידער, וואָס האָבן געזען, אַז דאָס פאָלק איז פאַרכאַפּט פון דער העלדישקייט פון אַריסטובולן און אַז דאָס איז דער אָנהייב פונעם סוף פון זייער הערשאַפט, האָבן פון גרויס פאַרצווייפלונג אַרויסגערופן צוזאַמענשטויסן מיט די צדוקים. דאָס לעבן און דאָס פאַרמעגן אין ירושלים איז מער נישט געווען זיכער. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן הפקר־יונגען, וואָס האָבן די געשלעגן אויפגעבלאָזן און אַליין אַרויסגערופן צוזאַמענשטויסן, כדי אין געדרענג אַרויסצוציען פון עמעצנס גאַרטל דאָס געלט־זעקעלע, אָדער צו רויבן סחורות ביי די סוחרים און מאַרק־שטייער. די ירושלימער חנעוודיקע טעכטער, וואָס פלעגן אין די טעג פון שלווה באַצירן די גאַסן, אויסגעפוצטע, געזאַלבטע מיט ריחות פון פאַרשיכורנדיקע בלומען — זיי זענען מער נישט אַרויס פון די הייזער. פאַראומערט איז אין יענע טעג געווען ירושלים און זי האָט אויסגעזען מער ווי די געמאַרקן הינטער אַ מיליטערישן לאַגער, ווו הענדלער און זונות פאַרצוקערן זייער אָנבאָט, איידער די הייליקע שטאָט פון בית־המקדש.

פלעגט אַרטאַפּאַנוס פאַרברענגען זיינע טעג און זיינע נעכט אין דער גאָלדענער נעסט פון מרים־אַפּאָלינאַ. דאָ האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אַפּאָלינאַ איז געווען פונקט אַזוי זיס און רייצנדיק ווי פריער. זי האָט נאָר איצט געהאַט מער צייט צו פאַרברענגען אין די זאַלב־בעדער און צערטלען איר ווייבלעכקייט. איר רויזן־גאָרטן איז נאָך מער געפלעגט געווען ווי פריער, ווייל זי האָט נישט דערלויבט איר דינערשאַפט צו גיין אין דער אומרואיקער שטאָט. אויך איר געמיט איז געווען רואיקער, ווייל זי האָט געוווסט, אַז אַזוי לאַנג ווי עס דויערט די באַלאַגערונג וועט אַריסטובול נישט קומען צו איר, אויב ער וועט איבערהויפּט קומען צו איר, ווען ער וועט ווערן מלך. ווייל דעמאָלט וועט ער אין יעדן גאַרניזאָן האָבן זיין קעפּסווייב. עס האָט איר גאָרנישט געפעלט צו זיין גליקלעך, ווען זי זאָל נישט האָבן געזען, אַז עפּעס אַ טיפע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין אַרטאַפּאַנוסן. די זאָרגלאָזיקייט איז אַנטלאָפן פון זיין יונג לעבן און עפּעס אַן אומגעזעענע לאַסט האָט געהויערט אויף אים. אין זיינע אויגן האָט זיך באַזעצט אומעט, ווי ער וואָלט געטרויערט אויף עמעצן, וואָס ער קאָן נישט אָנרופן זיין נאָמען. מיט איר ווייבלעכער אינטואיציע — און די אינטואיציע פון אַ ליבנדיקער פרוי איז הונדערט מאָל פילבאַרער — האָט זי געוווסט, וואָס אַזעלכעס עס לאַסטעט

אויף דעם געמיט פון איר געליבטן, אָבער ווי אַן אונטערטעניקע פרוי האָט זי נישט גערעדט וועגן דעם, נישט געוואָגט זיך אַריינרייסן אין זיינע ליידן.

איין מאָל, אין אַ מאַנדל־זיסן ירושלימער פאַרנאַכט, ווען די זון, אַ צעגליטער גינגאָלדענער דיסק, האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּגליטשן הינטער די בערג צו דער שפלה, און אַ מילד ווינטל האָט געבראַכט דעם ריח פון געלאָשענע בערג, האָט מרים־אַפּאָלינאַ צאַרט אַ וואָרקע געטאָן:

„ווען איך זאָל וויסן, אַז עס וועט העלפן, וואָלט איך איצט תפילה געטאָן צו גאָט, ער זאָל אָפּשטעלן די צייט און עס זאָל אייביק זיין אַזוי ווי איצט...״

אין דעם זעלבן שטילן טאָן האָט אַרטאַפּאַנוס אונטערגעכאַפּט און ווייטער געצויגן, ווי זי וואָלט דאָס געזאָגט:

„...די צדוקים זאָלן שעכטן די פרושים און די פרושים זאָלן שעכטן די צדוקים, און קעניגלעכע ברידער זאָלן זיך באַלאַגערן קעגנזייטיק און איינער זאָל וואַרט, אויף דעם צווייטנס אומקום... אַ, ווי שיין.״

מרים איז געוואָרן ערנסט פון זיין סאַרקאַזם און געפרעגט:

„איז דיר שלעכט? צי בין איך נישט גענוג גוט צו דיר?״

אַרטאַפּאַנוס האָט זי גענומען אויף זיין שויס, איינגעטוליעט זיין פנים אין איר נאַקעטן אַקסל און ווי ער וואָלט דערציילט אַ מעשהלע, האָט ער שטיל געפּליסטערט:

„דער ווייַן באַהאַלט שטענדיק זיינע חסדים, און אויב ער ענדערט זיין טעם, איז נאָר צום גוטן. ער טרייסט דעם ליידנדיקן, ער מאַכט האָפערדיקער דעם פאַר־ליבטן, אָבער ער נעמט נישט צו די ליידן און ער פאַרבייט נישט די ליבשאַפט.״

„בין איך נישט מער ווי ווייַן פאַר דיר?״ — האָט זי אים אַריינגערעדט אין מויל.

„ביסט מער פון ווייַן, נאָר מיין ווייַ איז צו גרויס.״ — האָט ער געענטפערט.

דעמאָלט האָט זי אויפגעהויבן זיין קאָפּ, צו קאָנען אַריינקוקן אין זיינע אויגן און אים געפרעגט:

„זאָג מיר, וואָס פאַר אַ פאָלק זענען עס די יהודייער, וואָס קאָנען נישט געניסן, ווען זיי איז גוט. ווען זיי איז גוט, שלאָגן זיי זיך צווישן זיך עס זאָל זיי זיין שלעכט, און ווען עס באַפאַלט זיי אַן אויסערלעכער שונא ווערן זיי ווי אַ פעלדז און גייען צוזאַמען אָפּשלאָגן דעם שונא. ווי זיי וואָלטן געוווען אייפער־זיכטיק אויף דעם, וואָס אַ פרעמדער פאַרגינט זיי נישט זיי זאָלן זיך שלאָגן צווישן זיך. איך קען שוין אַזוי לאַנג די יהודייער און איך פאַרשטיי זיי נישט.״

אַרטאַפּאַנוס האָט איר אַריינגעלאַכט אין פנים:

„איך וועל גיין צו הורקנוס און אַריסטובול און זיי פאַרלייגן זיי זאָלן אויפגעבן זייער מלחמה איבער דער קרוין פון מלכות יהודה, נאָר זיי זאָלן ליבערשט דיך מאַכן פאַר דער קעניגין — אַזוי קלוג ביסטו, מרים. מיר וואָלטן ערשט דעמאָלט געוווען אַ פאָלק, ווען מיר זאָלן פאַרשטיין וועגן זיך דאָס, וואָס דו פאַרשטייסט וועגן אונדז.״

„פרויען זענען קליגער פון מענער,״ — האָט אים אַפּאָלינאַ פאַרמאַכט דאָס מויל מיט אירע ליפּן.

„מממממ... מממממ... — האָט ער געפּרוּווט רעדן אין קוש — פרויען זענען זאַכלעכער און יידן זענען ווי קינדער: זיי בויען און צעשטערן, אָבער זיי ווערן שטאַרק אויפגעבראַכט, ווען פרעמדע קומען און ווילן צעשטערן, דאָס וואָס זיי אַליין ווילן צעשטערן.״

„זייט איך קען די יהודייער פירן זיי מלחמה מיט זיך אַליין — האָט מרים געזאָגט מיט פאָרוואורף — ווען איך זאָל זיין אַ פרעמדער קעניג, וואָלט איך קיין מאָל מיט די יהודייער נישט געפירט מלחמה. איך וואָלט געדולדיק געזעסן און געוואַרט, ביז די יהודייער וועלן זיך אַליין פאַרניכטן.״

„זאָג עס נישט! — האָט אַרטאַפּאַנוס פּלוצים אויסגערופן מיט אויפרעגונג — איך האָב דאָס אַ מאָל געהערט פון גריכן. איך וויל דאָס נישט הערן!״

„אָבער דאָס איז ריכטיק און דערפאַר ווילסטו דאָס נישט הערן!״ — האָט אויך זי אַ געשריי געטאָן.

„אונדזער גאָט וויל דאָס נישט, דעריבער שיצט ער אונדז דורך צורעדן אויסערלעכע שונאים צו איבערפאַלן אונדז. אַזוי אַרום ווערן די יידן ווידער געאייניקט. אַזוי איז געווען פון די עלטסטע צייטן אָן. אַלץ וואָס יידן באַווייזן צו טאָן איז נאָר דאָס, וואָס זיי שאַפן נאָך אַ גרויס אומגליק. שפּעטער הייבן זיי ווידער אָן צו פירן מלחמה צווישן זיך און צעשטערן זיך. אַזוי כסדר, כסדר, כסדר.״

„איך ווייס, אַז דו ליידסט פון דעם. צי מיינסטו, אַז איך זע נישט וואָס עס קלעמט דיך? עס איז גאָר אויסטערליש, אַז ווען יהודייער ווילן זיך אָפּרוען פון זייער אייגן לאַנד און לעבן בשלווה, פאַרלאָזן זיי דאָס לאַנד און פאָרן קיין בבל, אָדער קיין מצרים. לאָמיר אַוועקפאָרן קיין אַלעקסאַנדריע, ביז אַריסטובול וועט דורכקומען מיט הורקנוס און די פּרושים מיט די צדוקים וועלן שליסן צווישן זיך שלום.״

ער האָט גענומען איר קאָפּ אין זיינע הענט און איר געזאָגט, ווי מען זאָגט צו אַ קינד:

„אויב מיר זאָלן אַוועקפאָרן קיין אַלעקסאַנדריע און וואַרטן ביז עס זאָל געשען דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט, וועלן מיר מער קיין יהודה קיין מאָל נישט צוריקקומען.״

די ירושלימער נאַכט איז געוואָרן געדיכט און אין דער געדיכטעניש האָבן גרילן מוזיצירט אָן אומענדלעכע בענקשאַפט צו עפּעס, וואָס קאָן קיין מאָל נישט זיין...

און דער שטיין פון אַרטאַפּאַנוסעס האַרץ איז נישט אַראָפּגעפאַלן, אַפילו דעמאָלט, ווען די קעניגלעכע ברידער האָבן געשלאָסן צווישן זיך אַ שלום.

כמעט דריי חדשים האָט אַריסטובולס אַרמיי באַלאַגערט די פעסטונג, ביז הורקנוס איז אויסגעפייניקט און אויסגעמאַטערט געוואָרן און זיך אָפּגעזאָגט צו זיין קעניג פון יהודה. און אָפּגעזאָגט האָט ער זיך נישט כדי צו רעזיגנירן — און

ער האָט קיין מאָל נישט רעזיגנירט — נאָר ווייל ער האָט געהאַט קאָשמאַרע שלאָפּלאָזע נעכט, נעכט פון טויט־פּחד, אַז אָט רייסט זיך אַריין אין דער פעסטונג אַריסטובול און ער ברענגט אים אום. אָ, וואָס פאַר אַ גרויס גליק איז עס, צו קאָנען זיך אויסשלאָפן אין רואיקע נעכט, אין אַ טיפן שלאָף, נישט אויפרייסן זיך אין מיטן דער נאַכט פון אַ קאָשמאַר, באַדעקט מיט קאַלטן שווייס. און ווי אַ קאָשמאַר איז געשטאַנען איבער אים אַנטיפּאַטער און מיט אַ כוח פון אַ שלעכטן באַצווינגענדיקן גייסט אים געהאַלטן אין שפּאַנונג: נישט אונטערגעבן זיך! ביי דעם לייכטזיניקן אַריסטובול וועט פלאַצן דאָס געדולד, דאָס פאָלק וועט אויפשטיין קעגן פאַרוואַנדלען ירושלים אין אַן אַראַבישן לאַגער און דער אַכזר וועט רעזיגנירן. דערווייל דאַרף ער, הורקנוס, פאָלגן די רופאים און נעמען זייערע קרייטעכצער אויף צו געניסן פון אַ טיפן שלאָף. אָבער הורקנוס האָט נישט געוואָלט הערן פון די רופאים און זייערע קרייטעכצער. ער קאָן זיך טאַקע נישט באַגיין אָן אַנטיפּאַטערן; דער האַלב־ייד איז זיין איינציקע שטיצע, דאָך וועט ער אים וועגן די קרייטעכצער נישט פאָלגן. אויב ער קאָן נישט שלאָפן קיין נאָרמאַלן שלאָף, וועט ער נישט נעמען קיין קרייטעכצער אויף אַ טיפן שלאָף. אַזאַ טיפער שלאָף קאָן זיין אַן אייביקער שלאָף.

ביז הורקנוס האָט זיך איינגעבראָכן און זיך אָפּגעזאָגט פון צו זיין מלך. און כדי ער זאָל זיין זיכער, איינגאַנצן זיכער, אַז זיין ברודער וועט מער נישט אָנשטיין אויף זיין לעבן, איז ער מסכים געווען צו געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב צו אַלעקסאַנדערן, אַריסטובולס זון. ערשט נאָך דעם האָט ער זיך דערמאָנט דעם באַזוך פון אַרטאַפּאַנוסן אין דער פעסטונג. דער יונגער מענטש האָט דעמאָלט געזאָגט אמת און זיינע ווערטער זענען געווען ווערטער פון חכמה. ווען ער זאָל זיך דעמאָלט בעסער האָבן צוגעהערט צו זיינע רייד, וואָלט ער פאַרשפּאָרט דריי חדשים פיין פאַר זיך און פאַר ירושלים. פאַרוואָס האָט אים אַנטיפּאַטער געהעצט קעגן אַרטאַפּאַנוסן? פאַרוואָס האָט אַנטיפּאַטער געזען אין אים בלויז פאַלשקייט? נאָר באַפרייען זיך פון אַנטיפּאַטער האָט הורקנוס נישט געוואָלט און נישט געהאַט קיין כוח.

קאפּיטל זיבן

אין דעם טאָג פון אַראָפּנעמען די באַלאַגערונג פון ירושלים, ווען די אַרמיי איז אַוועקגענומען געוואָרן פון די גאַסן און הורקנוס האָט צוריקגעקערט אין פּאַלאַץ, איז געווען אַ פאָלקס־יום־טוב. אַריסטובול איז אויסגערופן געוואָרן אַלס מלך פון יהודה. אויף די מערק זענען אָנגעצונדן געוואָרן שייטערס און יונגטלעכע האָבן געטאַנצט אַרום די פייערן. געיובלט האָט דער המון, ווי דאָס ערשטע מאָל וואָלט אין יהודה אויסגערופן געוואָרן אַ מלך, און ווי עס וואָלט מקוים געוואָרן די האָפענונג פון פאָלק צו האָבן נאָר אַזאַ מלך, ווי אַריסטטובול. די טעכטער פון ירושלים, אויסגעבענקטע באַוווּנדערט צו ווערן אויף זייערע שפּאַצירן, זענען ווידער אַרויס אין די גאַסן אין זייערע יום־טובדיקע קליידער און פאַנאַנדער־געטראָגן די פאַרשיכורנדיקע ריחות פון זייערע זאַלבן.

אין די הייזער האָבן עלטערע געפּראַוועט סעודות. דאָס פאָלק איז געווען אויסגעדורשט נאָך שלווה און פרייד.

אָט די פרייד האָט אַרטאַפּאַנוס נישט געקאָנט טיילן. ער האָט צו מאָל געטראַכט, אַז ער איז קראַנק, אויב די פרייד דערגייט נישט צו אים. און אויך מרים־אַפּאָלינאַ האָט אים געקוקט אין די אויגן און געזוכט, צי איז איר געליבטער נישט באַנומען פון אַ קראַנקשאַפט. האָט ער אויסגעפּרוווט זיין גוף אין פרימאָרגן־געיעגן מיט דער לופט. ער האָט גאַלאָפּירט מיט זיין פערד איבער די בערג־רוקנס. ער האָט געפּרוווט אויסרייסןביימער מיט פאַרלייגטע שטריק. און זיין גוף איז געווען ווי איין קרעפּטיקער מוסקל פון מירמלשטיין און בלוט. אַפילו די חתונה פון אַלעקסאַנדראַ בת הורקנוס און אַלעקסאַנדער בן אַריסטטובול, די חתונה, אויף וועלכער אַרטאַפּאַנוס איז געווען איינער פון די אונטערפירער פון דעם יונגן פּרינץ און אין וועלכער דאָס פאָלק האָט געזען אַ צייכן פאַר אייביקן שלום אין יהודה — האָט זיין אומרו נישט געשטילט. ער איז געווען פול מיט פּחדים פאַר דעם מאָרגן.

באַלד נאָך דעם ווי אַריסטטובול איז געוואָרן מלך, האָט ער אַריינגערופן צו זיך זיין יונגן פריינט אַרטאַפּאַנוס און אים פאַרגעלייגט צו ווערן מיליטערישער נציב איבער צען שטעט אויף דער מזרחדיקער זייט פון ירדן. די אַלטע קאָמאַנדירן, ווי גאַלעסטאַס און אליעזר־עפּידעס, האָט דער מלך געדאַרפט האָבן אין ירושלים. די צדוקישע אַריסטאָקראַטיע האָט געדאַרפט איבערנעמען די מאַכט פון די הענט פון די פּרושים, און די פּרושים זענען נישט געווען גרייט צו פאַרלאָזן זייערע

פּאָזיציעס. אויף צו מאַכן זיי גערהאַרכזאַמער האָט דער מיליטערישער גאַרניזאָן אין ירושלים געדאַרפט זיין דער שטאַרקסטער אין לאַנד, און די קאָמאַנדירן — דערפאַרענע, איבערגעגעבענע, פון דער אַלטער אַלעקסאַנדערשער גוואַרדיע. אַריסטובול האָט זיך געגרייט איינצופירן אין לאַנד דעם זעלבן מיליטערישן רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין די צייטן פון זיין פאָטער. און אַרטאַפּאַנוס האָט געפילט, אַז דאָס פאָלק וועט קרעכצן אונטער אַזאַ רעזשים. דאָס לאַנד וועט אפשר אויסגעברייטערט ווערן, ווי אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, אָבער דאָס פאָלק וועט אָפּגעשוואַכט ווערן מיטן פאַרפעסטיקן דעם פרעמדן שטייגער. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד צו ווערן מיליטערישער נציב אין יענער זייט ירדן, און כדי דער מלך זאָל נישט האָבן קיין חשד, אַז ער איז אים נישט טריי, האָט ער געזאָגט צו אים אַזוי:

„איך האָב וויינציק נסיון און איך פיל נישט קיין אינערלעכן כוח פון אַ מיליטערמאַן, צו הערשן איבער אַנדערע. אַ הערשער קאָן זיין נאָר דער, וואָס קאָן הערשן איבער זיך. אַנדערש ווערט ער אַן אַכזר און נישט קיין הערשער. איז ווי קאָן איך ווערן אַן אַכזר איבער מיינע אייגענע ברידער, ווען איך קאָן נישט זיין קיין אַכזר איבער פרעמדע?"

אין זיין היציקייט האָט אים דער מלך אָנגערופן „פּרושי":

„זענען טאַקע די יאָרן, וואָס דו האָסט פאַרבראַכט אויפן גימנאַזיאָן אין דער אַטמאָספער פון איידעלן העלעניזם אַריבער איבער דיר בלויז ווי אַ ווינט? — האָט ער געפרעגט — אָדער דו האָסט נאָך אַלץ מיטלייד מיט מיין ברודער, וואָס האָט זיך דאָך פון גוטן ווילן אָפּגעזאָגט פון זיינע איינרעדענישן?"

אַרטאַפּאַנוס האָט אים געענטפערט:

„אויסקלעטערן אַ פּאַס וויין דויערט לאַנגע יאָרן; אויסגיסן דעם וויין קאָן מען מיט איין מאָל. מיין העלעניזם איז אויסגעגאָסן געוואָרן מיט איין מאָל. איך האָב קיין אַנדער דערציאונג נישט באַקומען, אָבער אינעווייניק אין האַרץ האָס איך די פרעמדקייט. איך האָס די פרעמדקייט נישט דערפאַר, ווייל איך האָס פרעמדע. איך האָס נישט קיין פרעמדע. איך האָב פאַר זיי נישט ווייניקער רעספּעקט, ווי פאַר אייגענע. אָבער איך האָס די פרעמדקייט, ווייל איך וויל זי זאָל מיך אַליין נישט מאַכן פרעמד צו זיך. מיין מלך, איך בין געבוירן געוואָרן אַ ייד און אין מיין אייגן לאַנד. פאַרוואָס זאָל איך אַוועקוואַרפן מיינע אייגענע מנהגים און שטייגער און אָננעמען פרעמדע מנהגים? און פאַרוואָס זאָלן אַנדערע, אַפילו ווען זיי לעבן אין יהודה, בלייבן ווי זיי זענען און נישט אָננעמען דעם יידישן שטייגער? מיר האָבן אונדזער אייגענעם גאָט און מיר טיילן זיך דערמיט אויס פון די געצנדינערישע פעלקער. און איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווי מיין לערער, דער גריך קסענאָס, האָט אויף אַ לעקציע וועגן דער גריכישער פילאָסאָפיע דערציילט, אַז דער גרעסטער פון זיינע פילאָסאָפן, איינער מיטן נאָמען סאָקראַטעס, איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך אויסטרינקען אַ בעכער גיפט, ווייל ער האָט זיך קעגנגעשטעלט געצנדינעריי און געלערנט וועגן דער עקזיסטענץ פון

איין גאָט, ווי מיר. נעמען נישט איבער די געצנדינער פון אונדז דאָס גוטע, נאָר באַשטראָפן אַפילו די, וואָס ווילן איבערנעמען פון אונדז אונדזער גלויבן. אָבער מיר, מיר ווילן יאָ איבערנעמען פון געצנדינער זייער שטייגער און זייערע מנהגים. יעדער דאַרף זיין דאָס וואָס ער איז, און נישט זיין דאָס וואָס אַנדערע זענען. בין איך נישט גערעכט, מלך?"

„ווירקלעך, ווירקלעך, איך זע וואָס אַ מאָל מער, אַז דו ביסט נישט קיין מיליטערמאַן, נאָר אַ פילאָסאָף — האָט אַריסטובול געזאָגט — אָבער דיין פילאָסאָפיע איז אַ פאַלשע, יונגער פריינט מיינער. דיין פילאָסאָפיע פרעדיקט צוריקגע־שטאַנענקייט, אַזוי ווי עס פרעדיקן די פרושים. ווי עס איז נישט גוט, ווען עמעצער טיילט זיך אויס פון דער געזעלשאַפט און שליסט זיך אָפ פון איר, אַזוי איז אויך נישט גוט, ווען אַ פאָלק טיילט זיך אויס פון אַנדערע פעלקער און שליסט זיך אָפ אַליין. מיר דאַרפן זיין ווי אַלע פעלקער, וועלן דעמאָלט די אַנדערע פעלקער נישט האָבן וועגן אונדז קיין פאַלשע פאָרשטעלונג, ווי זיי האָבן."

אַרטאַפאַנוס האָט זיך יוגנטלעך אַנגעצונדן און פאַרגעסן, אַז איצט רעדט ער מיט דעם מלך פון יהודה. ער האָט דעריבער ליידנשאַפטלעך אויסגערופן:

„ניין, ניין. מיר דאַרפן נישט ווערן אַנדערש ווי מיר זענען נאָר דערפאַר, ווייל פרעמדע האָבן וועגן אונדז אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. און מיר דאַרפן נישט לעבן אַליין אין אייגענער פאַרביטערונג און מרידות, כדי מיר זאָלן געפעלן אַנדערע. אַ שטאָלץ פאָלק, ווי די גריכן, רופט אַרויס דרך־ארץ צו זיך נאָר מיט זיין אַנדערשקייט, און אַ פאָלק, וואָס גיט־אויף זיין אַנדערשקייט און מאַכט־נאָך פרעמדע, ווי אַ פאַפוגיי, רופט אַרויס צו זיך חוזק און ביטול. צי וועט עמעצער האָבן דרך־ארץ פאַר אַ פאַפוגיי באשר זי רעדט־נאָך, וואָס זי הערט? איך בין נישט און קען נישט זיין קיין פרושי, נישט פון מיין דערציאונג און נישט פון מיין טעמפעראַמענט. אָבער איך מיין, אַז די פרושים זענען אַזוי פאַרביסן נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילן דערמיט אונטערשטרייכן זייער באַגער צו זיין אַנדערש פון אונדז, העלעניסטן. צי זעסטו נישט, גנעדיקער מלך, ווי אַזוי צוליב דער מלחמה צווישן אונדז און די פרושים שטאַרקט זיך וואָס אַ מאָל מער די באַוועגונג פון די איסיים? זיי לאָזן איבער זייערע פרויען און זייערע קינדער און גייען אַוועק אין דער מדבר. סיי מיר און סיי די פרושים ווערן זיי נמאס. ווייל נמאס זענען זיי געוואָרן די אייביקע מלחמות און מרידות אין פאָלק. ווילן זיי ליבערשט לעבן ווי נזירים און אין אָרעמקייט, נאָר אויף צו דערהאַלטן זייער גוף, אַבי צו זיין ווייט פון אונדז און די פרושים. און דערפאַר לייקענען זיי אין אַן ערדישן מלך און בענקען נאָך אַ מלך המשיח. זיי ווילן בעסעו׳ לעבן אין אַ שיינעם באַגער, איידער אין אַ פאַלשער ווירקלעכקייט. נאָר קיין גוטס פאַרן פאָלק קומט אויך פון דעם נישט אַרויס. ווי די מרידות צווישן די צדוקים און די פרושים מאַכן חרוב דאָס פאָלק, אַזוי מאַכן אויך די איסיים חרוב דאָס פאָלק, צוליב זייער נזירות און צוליב דעם וואָס זיי מערן נישט די גיטער און פאַרלאָזן זייערע פעלדער. איך האָב אַ סך געטראַכט וועגן דעם אין אָט די טעג."

אַריסטובול האָט געזאָגט וואָס עס איז אים געלעגן אויפֿן האַרצן:

„מיין יונגער פריינט, ווען איך קען דיין פֿאָטער, קען איך אויך דיך! די באַליידיקונג, וויאַזוי דו האָסט אַמאָל געליטן פון די גריכן אין בית־שאן האָט דיך צעטומלט און דו האָסט פֿאַרלוירן דעם וועג!"

„נישט איך האָב פֿאַרלוירן דעם וועג, נאָר איך האָב אים געפֿונען — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן — די באַליידיקונג, און איך בין מודה, אַז זי האָט מיך שווער פֿאַרוואונדעט, האָט מיר באַוויזן קלאָר, וואָס די פֿרעמדע טראַכטן וועגן אונדז. זיי ווילן, מיר זאָלן אינגאַנצן ווערן ווי זיי און ווערן אויס יידן. ווי נאָר זיי געפֿינען אויס, אַז מיר פֿאַרשטעלן זיך בלויז, באַליידיקן זיי אונדז, ווי זיי באַליידיקן נישט די פּרושים."

„ריכטיק! — האָט דער מלך געזאָגט — דאָס באַווייזט נאָר, אַז מיר דאַרפֿן ווערן אינגאַנצן ווי אַלע פֿעלקער."

„אויפגעבן זיך?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפֿרעגט.

„לגמרי נישט. דערמיט וואָס מיר זענען אַ באַזונדער מלוכה, זענען מיר אויך אַ באַזונדער פֿאָלק" — האָט אַריסטובול פֿאַרענטפֿערט.

„און אין פֿאַל, ווען אַ גרויסער, פֿרעמדער כוח זאָל פֿאַרנעמען אונדזער לאַנד, וועלן מיר דעמאָלט אונטערגיין ווי אַ פֿאָלק" — האָט אַרטאַפּאַנוס געמאַכט דעם אויספֿיר.

אַריסטובול האָט מיט שטאָלץ געזאָגט:

„אויף דעם האָט געענטפֿערט מיין פֿאָטער: מיר דאַרפֿן זיין מיליטעריש שטאַרק, פֿאַרנעמען וואָס מער לענדערייען, אויסברייטערן די גרענעצן און די פֿרעמדע פֿאַראייגענען, מאַכן זיי פֿאַר יהודייער. אין לאַנד דאַרף הערשן דער גייסט פון מלחמה און נישט דער גייסט פון דעם סופֿר יהודה בן־טבאי."

„דעמאָלט וועלן מיר האָבן נישט איינעם, נאָר אַ סך אַנטיפּאַטערס און זיי וועלן מאַכן אַ סוף צו אונדז" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, ווי אין טראַנס.

צווישן דעם מלך אַריסטובול און אַרטאַפּאַנוסן איז געשטאַנען אַ געדאַנקלעכע מויער, נישט איבערצובריקן.

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געזאָגט אַלץ וואָס ער טראַכט און פֿאַרוואָס ער זאָגט זיך אָפּ צו ווערן נציב. ער האָט געוווסט, אַז דעם היציקן אַריסטובול דאַרף מען נאָר אָנווייזן אויף אַ קרבן און ער וועט אים אָנגרייפֿן מיט זיין ברענענדיקן טעמפּעראַמענט. און אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געוואָלט זיין קיין גורם אַרויסצורופֿן נייע מהומות אין דער מלוכה. אַנטיפּאַטער האָט נישט געקענט לאַנג פֿאַרטראָגן צו זיין דערווייטערט פון דער מאַכט. מיט דעם וואָס דער מלך האָט איבערגענומען די גאַנצע מאַכט פֿאַר זיך און די מאַכט־פּאָזיציעס איבערגעגעבן צו זיינע לייט, איז אַרום הורקנוס געוואָרן ליידיק. און ער וואָלט זיך באַגנוגנט מיט זיינע גייסטיקע פֿונקציעס אין און אַרום בית־המקדש, ווען אַנטיפּאַטער זאָל נישט פֿילן, אַז אויב ער וועט עפּעס נישט טאָן, וועט ער, אַנטיפּאַטער, פֿאַרוועלקט ווערן און ער וועט קיינמאָל נישט מער קומען צו דער מאַכט. צי אויף דעם האָט ער

אָוועקגעגעבן אַזוי פיל פלייס און מחשבה, ער זאָל אין דער לעצטער מינוט רעזיגנירן, ווי עס האָט רעזיגנירט דער פחדן און מוטלאָזער מענטש, — ווי ער האָט געטראַכט וועגן הורקנוסן? איז ווי נאָר הורקנוס האָט זיך באַרואיקט אין זיינע פחדים, האָט ער, אַנטיפּאַטער, אָנגעהויבן פּלאַנירן נייע אינטריגעס. די צייט האָט געאיילט. דער מלך האָט שוין באַזעצט די מערהייט גאַרניזאָנען אין לאַנד מיט זיינע מענטשן: אין סנהדרין האָט ער אַוועקגעזעצט ווי שופטים העלעניסטן־צדוקים, די איינמאָנונג פון שטייערן האָט ער איבערגעגעבן צו איינעם פון זיינע עצה־געבער. עס וועט שוין באַלד נישט זיין אין וואָס אָנצוהאַלטן זיך, כדי נישט אַלץ צו פאַרלירן אויף תמיד.

אַנטיפּאַטער האָט געהאַט אַ שאַרף געווער אין זיינע הענט, אָבער אָנווענדן עס צו פרי וואָלט געקענט גורם זיין צו פאַרלירן דאָס געווער; און טאָמער צו שפּעט — וועט עס מער נישט טרעפן אין ציל. דאָס איז געווען דער קראַנקהאַפטער פחד פון הורקנוסן פאַר זיין לעבן. האָט אַנטיפּאַטער זייער פאָרזיכטיק אָנגעהויבן אָנווענדן דאָס געווער. ער האָט, צום ערשטן, וואָס מער גערעדט וועגן אַריסטובול, כדי אין הורקנוסן אַרויסצורופן קנאה. דערנאָך האָט ער אים אָנגעהויבן באַריכטן וועגן דעם, ווי אַזוי דער מלך רעכנט זיך אָפּ מיט די פריינט פון דער פאַרשטאָר־בענער קעניגין און פון כהן־גדול. אַז הורקנוס האָט דאָס פאַרדייעט און אַנטיפּאַטער האָט געזען, אַז עס ווירקט, האָט ער אים איינמאָל כלומרשט פילאָסאָפיש אַ זאָג געטאָן:

„אַריסטובול וועט נישט פילן, אַז ער האָט פאַרפעסטיקט זיין מאַכט, אַזוי לאַנג ווי עס וועט לעבן אפילו בלויז איין־און־איינציקער פון זיינע קעגנער."

און ער האָט אויף אַ שטיקל צייט געלאָזט הורקנוסן, ער זאָל די זאַך איבער־טראַכטן. און דערנאָך האָט אַנטיפּאַטער דערציילט „זכרונות" וועגן אַלעקסאַנדער־יאַנאַי:

„געדענקסט, מיין מלך (און אַנטיפּאַטער האָט הורקנוסן גערופן נישט אַנדערש ווי מלך, כדי צו וועקן אין אים דעם זכרון, אַז ער דאַרף זיין מלך), ווי אַזוי דיין פאָטער איז זיך נישט גערעכט באַגאַנגען מיט די געפאַנגענע פון בעמעסעליס, וואָס ער האָט געהייסן אומברענגען אויפן פּלאַץ קעגן דעם בית־המקדש? און די שחיטה אין בית־המקדש גופא! קעגן אייגן פאָלק און אין דער הייליקייט פון פאָלק — דאָס איז צו אכזריותדיק. בין איך נישט גערעכט, מיין מלך?"

„ביסט גערעכט, אַנטיפּאַטער. מיין פאָטער איז געווען אַן אכזריותדיקער מענטש. וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן — זייער אכזריותדיק."

אַנטיפּאַטער האָט נישט פאַרזוימט די געלעגנהייט און אַ זאָג געטון מיט אויפרעגונג:

„אויסטערליש, ווי אַריסטובול האָט דעם זעלבן כאַראַקטער! ווי נאָר ער וועט זיך פילן זיכער און ער וועט האָבן רעכט באַהערשט די מלוכה, וועט ער טאָן דאָס זעלבע. דער אונטערשייד איז בלויז, וואָס דיין פאָטער האָט נישט

געהאַט ווער עס זאָל מאָנען די מאַכט פון מלך, האָט ער געהאַנדלט אכזריותדיק קעגן פאָלק. אָבער נישט אַזוי אַריסטובול.״

און אַז אַנטיפּאַטער האָט באַמערקט ווי צווישן הורקנוסעס ברעמען גייט אויף אַ רויטקייט, ווי אַ צייכן פון אומרו און בהלה, האָט ער שנעל צוגעוואָרפן:

„אַריסטובול זעט אין דיר, מיין מלך, דעם רעכטלעכן יורש צו זיין דער מלך איבער יהודה און דאָס גיט אים נישט קיין רו. ער האָט מורא פאַר דיר!״

אָט אַזוי איז געלונגען אַנטיפּאַטערן איבערצוּוועקן אין הורקנוסן די חשדים און די שרעקן, אַז זיין ברודער, דער מלך, לאַ־די וואָס ער האָט ביי אים צוגענומען די בכורה און אומגעזעצלעך זיך אַליין אויסגערופן פאַר דעם מלך פון יהודה, וועט ער אים טויטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקקערן די קאָשמאַרע נעכט, און אין די נעכט — די ספקות, צי ער האָט געהאַנדלט גוט דערמיט, וואָס ער האָט מוותר געווען אויף דער קרוין.

אין דער זעלבער צייט האָט אַנטיפּאַטער געוועבט די קעמערלעך פון אַ געהיימער באַוועגונג פון די, וואָס אַריסטובול האָט באַזייטיקט פון דער מאַכט און זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער רעכטלעכער יורש פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי און שלומציון־אַלעקסאַנדראַ איז בלויז הורקנוס. וואָרום אויב גאָט האָט אים באַשאַפן ווי דעם בכור, איז עס אַ צייכן, אַז דער הימל אַליין האָט אויסגערופן הורקנוס זאָל זיין דער מלך איבער יהודה. האָט זיך אַריסטובול געשטעלט קעגן דעם בפירושן ווילן פון גאָט! אָט דאָס איז ער, אַריסטובול, אַן אכזר, וואָס קעמפט מיט דער שווערד נישט בלויז קעגן זיין אייגן פאָלק, נאָר אויך קעגן דעם גאָט פון פאָלק ישראל. צי וועט יהודה לאָזן אויף זיך אויפצווינגען פון אַן אייגענעם, דאָס וואָס זי האָט נישט געלאָזט אויף זיך אויפצווינגען פון פרעמדע?

מיט אַ סך געדולד און מיט זיסן גיפט אונטער זיין גומען האָט אַנטיפּאַטער צוגעגרייט סיי דעם כהן־גדול און סיי די פיינט פון אַריסטובול אָנצוהייבן אַ הייליקע מרידה קעגן דעם מלך־אוזורפּאַטאָר און פאַר רעכט־טאָן דעם ווילן פון גאָט. אָבער דער כהן־גדול האָט נישט געהאַט קיין חייל און אין דער געהיימער באַוועגונג איז, ווידער, נישט געווען אַזאַ צאָל מענטשן, וואָס זייער כוח זאָל קאָנען ביישטיין די אַרמיי פון דעם מלך. טראַכטנדיק וועגן די זעלנער, ווי וועגן דעם וויכטיקסטן און ווערטפולסטן טייל פון פאָלק, האָט אַריסטובול נישט געקאַרגט קיין געלט אויף צו געבן זיי אַ גוטן לוין, גוטע שפּייז, גענוג ווייַן און בגדים. אַזוי אויך האָט ער מיט אַן אָפענער האַנט באַלוינט די באַאַמטע אין דער מדינה, וואָרום געזאָגט האָט ער, אַז אפילו דאָס ווילדסטע פערד וועט נישט אַראָפּוואַרפן פון זיין רוקן דעם ערגסטן רייטער, אויב דאָס פערד איז איבערגע־פרעסן... די מלוכה־אוצרות, באַהאַלטן אין דריי פעסטונגען, האָבן איצט אינגאַנצן געהערט צו אים. אפילו פאַר דעם אויסהאַלט פון הורקנוסן און זיין הויף האָט געצאָלט אַריסטובול.

אָבער דער מאַכטגיריקער אַנטיפּאַטער האָט אויך אויף דעם געפונען אַן עצה.

ער האָט נאָר געדאַרפט הורקנוס זאָל דערפירט ווערן צו אַזאַ צושטאַנד, אַז ער זאָל נישט קאָנען שלאָפן בײַנאַכט און מורא באַקומען פאַר דעם מינדסטן שאָרך, טאָמער גייען די מענטשן פון זיין ברודער אים דערמאָרדן. און אַז ער האָט דאָס דערגרייכט, האָט ער אָנגעהויבן אים וואָרענען, ער זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט די שפּייזן, וואָס ווערן אים דערלאַנגט, וואָרום די מענטשן פון אַריסטובול וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אים צו פאַרגיפטן. הורקנוס האָט שוין נישט געזען קיין שום זין אין מורא האָבן און אין אָפּריכטן די עבודה. האָט ער אַליין אָנגעהויבן צואיילן אַנטיפּאַטערן, ער זאָל געפינען אַן עצה, ווי צו מאַכן, אַז דער ווילן פון גאָט, דער בכור זאָל פאַרנעמען דעם טראָן, זאָל אויסגעפירט ווערן. און אַנטיפּאַטער איז נאָכגעקומען דעם באַגער פון זיין האַר...

דאָס איז געשען אין אַ שטורעמדיקער נאַכט אין ירושלים: ווילדע, פייפנדיקע ווינטן האָבן אָנגעיאָגט שוואַרצע, אָנגעלאָדענע וואָלקנס. אין די קעסלען פון די שטורעם־וואָלקנס האָבן זיך צעפויקט און צעקאָלערט צאָרנדיקע דונערס, וואָס האָבן אויפגעריסן מיט שאַרפע, פייערדיקע בליצן. און אַז די וואָלקנס זענען דורכגעריסן געוואָרן מיט די בליצן, האָבן זיי אויסגעגאָסן ימים וואַסער. דער שטורעם־ווינט האָט די ימים וואַסער אויפגעכאַפּט, צוריק אויפגעהויבן אין דער הייך און מיט דעם גאַנצן כוח פון זייער שווערקייט האָבן זיי אַראָפּגעפּלייצט אויף דער ערד, מיט אַזאַ געקלאַפּעריי, אַז ס'האָט זיך געדאַכט: די דונערן און בליצן קומען פון דעם אינגעווייד פון די בערג און אַז פון זיי פּלייצט אויך אַרויס אַ ים, צו ברענגען אַ מבול אויף ירושלים. דער שטורעם האָט אַריינגענומען אין זיינע פאַלעס מענגעס וואַסער, אויסגעמישט מיט בליצן, און זיי אַריינגעשליידערט אין די וואַך־טורעמס, אַריינגעפּלייצט זיי אין די נישעס פון די טויערן און פאַרטריבן פון דאָרט די וועכטער, זיי פאַריאָגט מיט פּחד און יאוש.

אַנטיפּאַטער האָט אין דעם שטורעם און מבול געזען אַ צייכן פון גאָט, אַז איצט איז די צייט אַרויסצובאַקומען זיך פון פּאַלאַץ און פאַרלאָזן די שטאָט, אָן דעם, עמעצער זאָל זיי באַמערקן. ווען אפילו הינט זענען געלעגן פאַרשטעקט אין זייערע נאָרעס און זיך געטרייסלט פון פּחד, זענען פיר שוואַרצע שאָטנס פון מענטשן און פיר שוואַרצע שאָטנס פון פערד אַרויס דורך אַ זייטיקן טויער פון פּאַלאַץ אין דער ריכטונג צו עקרון.

דער שטורעם האָט מיט וואַסער־פּלייצן געשטויסן צוריק און זיי, איינגעבויגענע צו דער ערד, האָבן געשלעפּט נאָך זיך די צעשראָקענע פערד, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין. ביי יעדן אויפבליץ און דונער האָבן די פערד זיך געריסן אויף צוריק, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס און געזוכט צו באַפרייען זיך פון די מענטשן. וואָס ווייטער־אַראָפּ אַלץ מער איז דער ליימיקער באָדן געוואָרן גליטשיק, וואָס האָט נאָך מער באַשווערט דאָס רוקן זיך פאָרויס. און כאָטש אַן אייזיקע קעלט האָט געשלאָגן פון שטורעם, זענען די לייבער פון די מענטשן, דורכגעווייקטע ביז דעם געוועב פון זייערע נשמות, געווען צעהיצט פון שווייס. אָט אַזוי האָבן זיי טראָט נאָך טראָט זיך געריקט פאָרויס, ביז זיי זענען אַראָפּ

נידעריקער אין טאָל, געעפנט דעם שטאָט־טויער, וואָס איז צוליבן שטורעם נישט געווען באַוואַכט, און אַרויס פון ירושלים.

איצט האָט זיי דער שטורעם געשטויסן פאָרויס, געשמיסן אין די רוקנס, און דאָס גיין איז געוואָרן נאָך שווערער, ווייל דער באָדן האָט זיך געגליטשט אונטער די פיס. אינעם שיין פון בליצן האָט די ערד אויסגעזען ווי צעשמאָלצענער פעך, וואָס אָט־אָט און ער וועט איינשלינגען די מענטשן צוזאַמען מיט די פערד.

„צי איז עס נישט אַ שטראָף פון גאָט?" — האָט מיט יאוש געטראַכט הורקנוס, און ווי אויף צו באַקומען אַן ענטפער אויף זיין מחשבה, איז אַ פערד אַרויף אויף אַ פעלדז, זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן. ער האָט מיטגעשלעפט איינעם פון די צוויי משרתים. אַנטיפּאַטער און דער צווייטער משרת זענען געגאַנגען העלפן אויפשטעלן דאָס פערד. אָבער דאָס בעל־חי איז געווען מיד און צעשראָקן און רעזיגנירט. עס האָט נישט געוואָלט אויפשטיין. זאָל מען עס דאָ איבערלאָזן און זאָל עס רואיק אויסגיין, איידער שלעפן זיך אין די שרעקן פון שטורעם.

אַנטיפּאַטער האָט געשאָלטן מיט וויסטע קללות, ווי די קללות פון שטורעם וואָלטן נישט גענוג געווען. ערשט נאָך שטאַרקע קלעפּ האָט דאָס פערד אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ בלאָז געטון מיט אַ וואָלקן היץ און זיך געשטעלט אויף די פיס. אָבער גיין ווייטער האָט עס נישט געוואָלט.

„שיק אָפּ די נבלה צו אַלע שדים!" — האָט הורקנוס געוואָלט איבערשרייען דעם שטורעם.

אַנטיפּאַטער האָט אים געענטפערט מיט אַ נאָך העכער געשריי:

„אויב עס לאָמט נישט, וועט עס אונדז צו נוץ קומען!" — און צום משרת, וואָס זיין פערד האָט זיך אויסגעגליטשט, האָט ער געשריגן: — „אָדער דו, אָדער דיין פערד איז אַ פּגר! איינעם פון אייך ביידן דאַרף מען באַגראָבן!"

ערשט נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט, דער רעגן האָט אויפגעהערט און אַ וואָלקן, באַזוימט מיט לבנה־ליכט, האָט העלער געמאַכט די נאַכט. זיי האָבן זיך געפונען נישט ווייטער ווי אַן אַנדערטהאַלבן פּרסא פון ירושלים. און הגם אַלע זענען געווען אויסגעמאַטערט פונעם שטורעם, מער ווי רייטער ווערן מיד פון אַ גאַנץ־נאַכטיקער רייזע, האָבן זיי איצט אָנגעהויבן גיין שנעלער. רייטן האָבן זיי איצט נישט געטאָרט, כדי זייערע צעהיצטע לייבער זאָלן זיך אויף די זאָטלען נישט אָפּקילן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דער וועג, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַ ישוב. דאָ האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אויסצוטריקענען זייערע קליידער, אַליין זיך אָפּרוען און אויך געבן רו פאַר זייערע פערד.

עס איז געווען אַן אָפּגעלעגענער ישוב פון איסיים, וואָס האָבן געקענט אַרויסווייזן מער הכנסת־אורחים פאַר די פערד איידער פאַר די מענטשן, וואָרום אָרעם זענען זיי געווען און מער ווי אַ ביסל ציגן־מילך און קליינע פלעצלעך האָבן זיי נישט געקענט פאַרלייגן זייערע אומגעריכטע געסט. אין גאַנצן דאַרף האָט

זיך אפילו נישט געפונען קיין ביסל טרוקענע דערנער אויף צו קענען מאַכן אַ שייטער און אויסטריקענען די קליידער פון די געסט. דער בייַנאַכטיקער שלאַקס־רעגן האָט צעווייקט די ליימענע הייזלעך און איבערגעלאָזט אין דאָרף אומעט און חורבן. און דער אומעט איז געווען נאָך גרעסער דערמיט, וואָס אין גאַנצן ישוב איז נישט געווען קיין איינציקע פרוי אפילו און קיין איינציק קינד. די איסיים־איינוווינער האָבן אפילו נישט געפרעגט די געסט, ווער זיי זענען און פון וואַנען זיי קומען און וווהין עס פירט זייער וועג. אָבער הורקנוסן איז איינגעפאַלן צו פרעגן אויף אַ סוחר, ביי וועלכן זיי וואָלטן געקענט קויפן קליידער. האָבן זיך די איסיים געוווּנדערט אויף די אויסטערלישע געסט, וואָס ווייסן נישט, אַז ביי זיי אין דאָרף זענען נישט פאַראַן קיין קרעמער און קיין סוחרים.

„זענט איר פרעמדע, וואָס איר ווייסט דאָס נישט, אַז איסיים איז פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט מסחר? — האָט איינער געפרעגט — קרעמערייַ איז פאַר די צדוקים און פּרושים. זיי האַנדלען מיט אַלץ: מיט סאַנדאַלן, מיט ברויט, מיט תחתונים, מיט דעם לאַנד, מיט זנות און אפילו מיט גאָט.״

אַנטיפּאַטער האָט געגעבן אַ צייכן הורקנוסן, ער זאָל זיך נישט אַרייַנלאָזן מיט זיי אין שמועסן, ווייל נישט ווייניקער ווי זיי האַסן קרעמער, האַסן זיי אַלע שטאָטישע. און הגם הורקנוס האָט מער נישט געפרעגט, האָבן די איסיים נישט אויפגעהערט צוצורעדן די געסט, אַז אויך זיי דאַרפן איינזען, אַז דער שטייגער פון יהודה איז אַ זינדיקער און אַז ביז משיח וועט קומען טאָר זיך אַ מאַן אפילו נישט צורירן צו אַ פרוי. הורקנוס האָט זיך נישט געקענט אייַנהאַלטן און געפרעגט אַן אויפגערעגטער:

„און אויב משיח וועט זיך פאַרזאַמען, וועלן אַלע יהודייער ווערן זקנים, אַז זיי וועלן שוין מער נישט קענען ברענגען נייַע דורות אויף דער וועלט און דאָס לאַנד וועט חרוב ווערן.״

„משיח וועט זיך נישט פאַרזאַמען — איז אַן אַלטער איסי געווען זיכער — און אויב אפילו אין יהודה זאָל נישט בלייַבן מער קיין איין יונגע פרוי אויף אויפצושטעלן אַן אומזינדיקן דור, וועט גאָט ווידער באַשאַפן דעם מענטש אין ריינקייט, ווי ער האָט דאָס שוין איין מאָל געטון. אָבער דאָס, נאָר ווען משיח וועט קומען. און וואָס שייך חרוב מאַכן יהודה, מאַכט זי קיינער נישט אַזוי חרוב ווי די יהודייער גופא. זיי זענען אַלע זינדיק און זיי פאַרדאַרבן די נשמות פון די מענטשן.״

אַנטיפּאַטער איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט מורא געהאַט, אַז הורקנוס וועט זיך נישט קאָנען באַהערשן און לסוף זיך אויסגעבן פאַר די איסיים און זיי אָנהייבן שטראָפן. איז אַזוי שנעל ווי זייערע קליידער און די זאָטלען האָבן זיך אויסגעטריקנט, האָבן זיי פאַרלאָזט דעם ישוב, הגם ס׳איז שוין געווען קרוב צו זון־פאַרגאַנג.

דער וועג, מיט וועלכן אַנטיפּאַטער האָט געפירט דעם כהן־גדול, איז געווען אַ גורלדיקער פאַר יהודה און פאַר דעם פאָלק וואָס אין יהודה. ער האָט זיך

אַנגעהויבן אונטערן סימן פון שטורעם, און שטורעם האָט אים באַגלייט ביז צום סאַמע סוף. אויף דעם וועג, וואָס האָט געדויערט פיר טעג, זענען געפאַלן צוויי פערד, איינער פון אַנטיפּאַטער און איינער פון אַ משרת, און דער צווייטער משרת איז קראַנק געוואָרן און זיי האָבן אים איבערגעלאָזט אַ גוססדיקן אין בית־צור.

דער אָבערגלויבערישער הורקנוס האָט אין דעם טויט פון די פערד און אין דער קראַנקהייט פון דעם משרת געזען אַ שלעכטן צייכן: גאָט האָט אַראָפּגעשיקט דעם שטורעם, כדי זיי צו פאַרהאַלטן, און איצט האָט ער געגעבן נאָך אַ צייכן — זיי זאָלן פון וועג צוריקקערן. דער מענטש דאַרף נישט גיין קעגן דעם ווילן פון גאָט, וואָרום גאָט וועט צאָרנען דערפאַר. אָבער אַנטיפּאַטער האָט דווקא אין דעם דאָזיקן וועג געזען דעם לעצטן שאַנס צו באַפרידיקן זיין מאַכט־גיריקייט. טאָמער זאָלן זיי איצט צוריקקערן פון וועג, איז זיין גאַנצע מי פון האַלטן זיך נעבן הורקנוסן פאַרלוירן אויף תמיד. ער האָט דעריבער איינגערעדט אין הורקנוסן אַזוי:

„גאָט גיט נישט קיין צייכנס דורך פערד, נאָר דורך מענטשן. און מיר טאָרן גאָרנישט טראַכטן, אַז ס'איז אַנדערש, ווייל דערמיט וואָלטן מיר פאַרשוועכט די הייליקייט פון גאָט. נאָר דאָס וואָס דו, מיין מלך, האָסט געזאָגט וועגן דעם, איז נישט מער ווי מחשבות, דורך וועלכע גאָט וויל אויספרווון דעם מענטש, ווי אַזוי דער מענטש טראַכט וועגן אים. און טאַקע צוליב דעם דאַרפן מיר אַזעלכע מחשבות פאַרטרייבן פון זיך און דערמיט לויבן די אַלמעכטיקייט פון דעם באַשעפער. און וואָס שייך דעם משרת, איז ער קראַנק געוואָרן צוליב דעם שטורעם, און אויב מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אַ גוססדיקן, איז דאָס נאָך נישט קיין סימן, אַז ער וועט שטאַרבן. און אויך דערמיט האָט אונדז גאָט געוואָלט אויספּרווון, צי צוליב אַ משרת וועלן מיר אויפגעבן דעם וועג, וואָס פירט צו גערעכטיקייט, אַז דו, מיין מלך, זאָלסט הערשן איבער יהודה. וואָרום דער ווילן פון גאָט איז דער, אַז דו זאָלסט זיין מלך, ווייל אַנדערש — פאַרוואָס האָט ער דיך באַשאַפן ווי דעם בכור? צי דאַרפן מיר נישט אַלץ טון, אַז די באַשטימונגען פון גאָט זאָלן אויסגעפירט ווערן, ווי די באַשטימונגען פון אַ מלך פאַר זיין פאָלק?"

הורקנוס האָט אַן איבעריק מאָל געמוזט צוגעבן, אַז אַנטיפּאַטער איז גערעכט און אַז ער איז קלוג ווי אַ גאַנצער סנהדרין.

האָט אַנטיפּאַטער געקויפט אַ פערד פאַרן געבליבענעם משרת, דעם פערד פון דעם משרת האָט ער גענומען פאַר זיך, און זיי האָבן זיך ווייטער געלאָזט אין דעם לאַנגן וועג אויף דרום.

צום סוף פון פינפטן טאָג זענען זיי אָנגעקומען קיין פּעטראַ, אין הויף פון דעם אַראַבישן מלך אַרעטאָס.

זיי זענען געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון מינער דערנערונג, נאָך מער ווי די פערד, אויף וועלכע זיי האָבן געריטן. דער נאַבאַטייער מלך האָט אויפגענומען זיינע געסט מיט ווייכע געלעגערס, מיט וויין און געהייסן פאַר זיי צוגרייטן

קעפּס־ווייבער. פון דעם געפּאַלענעם אויסזען פון זיין פריינט אַנטיפּאַטער און פון דעם פריסטער פון יהודה האָט אַרעטאַס פאַרשטאַנען, אַז נישט צוליב נחת קומען זיי צו אים. און אויב זיי זענען אויף אַן אמת אין אַ צרה, דאַרף מען זיי לאָזן וואָס מער לעבן אין זייער קלעם, כדי זיי זאָלן ווערן ווייך און זיי זאָלן אים צאָלן אַ גוטן פּרייז פאַר דעם, וואָס זיי ווילן פון אים. האָט ער געלאָזט זיינע געסט זיך אויסרוען און געוואַרט ביז זיי וועלן אָנהייבן רעדן. און פון דעם וואָס זיי האָבן געטרונקען אַ סך ווייַן און נישט געגעסן פון די קעפּס־ווייבער האָט דער מלך פאַרשטאַנען, אַז גרויס איז די צרה פון זיינע געסט.

ערשט אויפן דריטן טאָג נאָך זייער קומען, ווען זייערע פּנימער האָבן צוריקבאַקומען פאַרב און די אויגן — דעם מענטשלעכן גלאַנץ, האָט אַרעטאַס געמאַכט פאַר זיי אַ סעודה מיט טענץ פון די שענסטע יונגפרויען פון פּעטראַ. ערשט דעמאָלט האָט ער געפרעגט זיינע געסט, וואָס עס האָט זיי געבראַכט צו אים, און אויב נייטיק, וועט ער זיינע פריינט אָפּגעבן אַ העלפט פון זיין מלוכה...

האָט אַנטיפּאַטער געדאַנקט פאַר דער לייטזעליקייט און געזאָגט, אַז נישט נעמען זענען זיי געקומען, נאָר פאַרקערט:

„דער כהן־גדול פון דעם העכסטן הייליקייט פון יהודה און דער ערשט־געבוירענער פון דעם מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי און דער מלכה אַלעקסאַנדראַ און איך, זיין קנעכט, זענען געקומען דיר אָפּצאָלן אַ גרויסן חוב. אַנומלט האָסטו געהאָלפן, גרויסער מלך, פאַרשטעלן דעם וועג מיט דיין חייל פאַר דעם מורד אַריסטובול, און הגם דער מורד האָט מיט אכזריות דורכגעריסן דעם וועג קיין ירושלים און אומגעזעצלעך פאַרכאַפּט די מאַכט, דאָך וואָלט אָן דיין הילף די אומגעזעצלעכקייט געבליבן אויף אייביק. און דערפאַר איז מיין האַר און איך, זיין קנעכט, געקומען אָפּצאָלן דיר דעם חוב.“

אַרעטאַס האָט גרויסמוטיק באַמערקט:

„גוטע שכנהשאַפט איז אַ גענוגנדיקע באַלוינונג פאַר מיר. צי הערשט נישט אַריסטובול איבער יהודה?“

„דאָס איז, וואָס האָט מיין האַר געבראַכט צו דיר, מלך פון דעם שטאַרקסטן חייל אין דער וועלט — האָט אַנטיפּאַטער מיט הכנעה זיך פאַרבויגן — טאַקע ווייל מיין האַר וויל גוטע שכנהשאַפט מיט דיר, חסדימדיקער מלך, און דאָס איז אוממעגלעך, אַזוי לאַנג ווי אַריסטובול וועט הערשן ווי דער אומגעזעצלעכער מלך פון יהודה, ווילן מיר הערן דיין וואָרט, וואָס איז פול מיט חכמה, ווי אַ טייטל איז פול מיט זיסקייט.“

„די מאַכט איבער יהודה געהערט צו מיר — האָט צוגעגעבן הורקנוס — און דו ווייסט, גרויסער מלך, אַז אַזוי לאַנג ווי איבער יהודה האָט געהערשט מיין מוטער, די מלכה אַלעקסאַנדראַ, זענען קיין מלחמות נישט געווען. און איך וועל גיין אין אירע דרכים, ווי נאָר גאָט וועט טאָן גערעכטיקייט צו זיינע אייגענע געזעצן און איך וועל ווערן מלך איבער יהודה.“

„מיט וואָס קען איך דיר העלפן, עס זאָל זיין אַזוי ווי דו ווילסט?" — האָט אַרעטאַס געפרעגט.

„דו, גרויסער מלך, ביסט מעכטיק. מיט דיין חייל קענסטו צעברעכן די אומגעזעצלעכע מאַכט פון מיין פאַררעטערישן ברודער, וואָס האָט קעגן דעם ווילן פון מיין פאָלק זיך אַליין אויסגערופן מלך."

אַנטיפאַטער איז געווען פראַקטישער און גלייך צוגעטראָטן צום עצם פון זייער קומען:

„איצט איז אונדז נייטיק אַ שטאַרקער חייל אויף צו באַזעצן וואָס שנעלער ירושלים, וואָרום דאָס פאָלק קערט זיך אָפּ פון אים, פון דעם מורד אַריסטובול. פינף טויזנט זעלנער מיט צען טויזנט רוקנס וועלן אים צעברעכן."

אַרעטאַס האָט אַריינגעשטעקט די גראָבע פינגער פון ביידע הענט אין זיין גילדערנעם גאַרטל און געזאָגט, ווי ער וואָלט געטראַכט אויפן קול:

„אַריסטובול האָט איצט אַן אויסגערוטע אַרמיי און גוטע קאָמאַנדירן און אַליין איז ער קאַמפּסלוסטיק, ווי טויזנט שלעכטע גייסטער. אויף איבערצוברעכן אים דאָס געניק דאַרף מען האָבן אַ כוח פון פופצן ביז צוואַנציק טויזנט קעמפער, דרייסיק טויזנט פערד און קעמלען. איך האָב איצט גוטע פיילן־שיסער און בעסערע שווערדן־פעכטער ווי איך האָב ווען עס איז געהאַט."

„זאָל מיר דער גרויסער מלך דערלויבן מיין וואָרט — האָט אַנטיפּאַטער אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויף דער ברוסט — אויף צו טויטן צען וועלף דאַרף מען נישט קיין הונדערט פיילן. פון דרום־זייט האַלט אַריסטובול בלויז צוויי גאַרניזאָנען, אין בית־צור און אין הורקניה. אויב מיר וועלן אויסמיידן בית־צור און גיין דורך נטופה, וועלן מיר לייכט איינגעמען ירושלים דורך דער מערב־זייט."

אַרעטאַס האָט אויפגעהויבן די האַנט און אויסגעשטרעקט צוויי פינגער:

„אַ פעלער קאָן מאַכן אפילו אַ חכם, אָבער ווער עס וויל נישט די וועלט זאָל וועגן אים זאָגן, אַז ער איז אַ נאַר, טאָר דעם זעלבן פעלער נישט מאַכן צוויי מאָל. דער וועג דורך נטופה קיין ירושלים איז דאָפּלט לאַנג. און ציען אַ גרויס חייל דורך אַ לאַנגן וועג איז פאַרבונדן מיט דאָפּלט פאַרזאָרגונג פאַר די מענטשן און פאַר די בעלי־חי. אויב אָבער מיר זאָלן גיין מיט אַ קליינעם חייל, וועט אַריסטובול אונדז איבערראַשן און אומברענגען. מיין חייל איז געקליבן און איז אויף אָפּצוהאַלטן נצחונות און נישט אויף פעט צו מאַכן די ערד מיט זיין בלוט. האָבן נישט די שאַקאַלן אין יהודה געהאַט אַ פעטע סעודה פון מיינע מענטשן אַנומלט?"

„איך וועל פאַר אַלץ באַצאָלן! — האָט זיך הורקנוס געאיילט — איך וועל אויסהאַלטן דיין אַרמיי מיט דער גאַנצער פאַרזאָרגונג."

„איך האָב פולע שפייכלער — האָט אַרעטאַס מיט ביידע הענט שווער באַוויגן, ווי איבער אַ געדיכטן סטויג — און גיין דאַרף מען דורך מכוור און בית־רמתה."

נישט פרעגנדיק ביי זיינע געסט, צי זיי האָבן נאָך וואָס צו זאָגן, אָדער צי זיי ווילן דאָס, האָט אַרטעאַס אַ פּאַטש געטון מיט די הענט:

„מיינע אָנגעלייגטע געסט ווילן זען נישט בלויז מיינע גוטע קעמפער, נאָר אויך די גוטע טענצערינס פון מיין הויף!"

דריי יונגע פרויען האָבן ווי אַריינגעשוועבט פון אונטער אַ שווערן רויטן געוואַנד און צוגעווירבלט פאַר זייער מלך און די געסט. זייערע גופים זענען ענלעך געווען צו געשמאַלצענעם טונקעלן קופּער, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעקילט. דורך דעם דינעם געוועב פון זייערע הויזן האָבן אַרויסגעגלוסט שענקלען, ווי אויסגעהאַקט אין מירלמלשטיין און אָנגעהויכט מיט חסדים. פון די זילבער־רינגען אויף זייערע ברוסטן האָבן אַרויסגעקוקט בלוט־רויטע ברוסטן־וואָרצלען, ווי קנאָספּן פון טייערע געווירץ־שטענגלעך. און בעת זיי האָבן אין ווייכע און צערטלענדיקע באַוועגונגען פאַרבייגעחלומט פאַר די געסט, האָבן זיי אויסגעשפּרייט אַן אומגעזעענעם וואָלקן פון ריחות, וואָס האָבן פאַרשיכורט מער ווי ווייַן. זיי האָבן נישט געקוקט אויף די מענער, נאָר צניעותדיק געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט זייערע וויעס, און זייערע ליפּן אין דעם זעלבן בלוט־רויט, וואָס זייערע ברוסטן־וואָרצלען, האָבן לייכט געציטערט און זייערע ציין האָבן שעמערירט מיט דעם אָפּגלאַנץ פון העלע פּערל. אַלע דריי זענען געווען ווי פון איין פאָרם געגאָסן — פון דער זעלבער הייך און פון דער זעלבער שלאַנקייט, ווי דריי יונגע פּאַלמעס ביים קוואַל פון אַן אָאַזע. און ווי דריי יונגע פּאַלמעס, וואָס באַוועגן זיך אין דעם זעלבן ריטם פון אַ מילדן ווינט, אַזוי האָבן זיך די דריי מיידל־גופים געוויגט און זיך געצויגן אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. און זייערע אָרעמס האָבן זיך באַוויגן, ווי זיי וואָלטן געזוכט און נישט געקענט געפינען.

דער מלך אַרטעאַס האָט מיט אַ גלוסטיקן שמייכל געקוקט אויף זיינע געסט דורך די שפּעלטלעך פון זיינע צוגעלענטע אויגן און געזען די צעפּיבערטע אויגן פון הורקנוס און אַנטיפּאַטער. און ווי צו רייצן זיך מיט זיי, האָט ער ווידער אַ פּאַטש געטון אין די הענט און די טענצערינס זענען פאַרשוווּנדן מיט דער זעלבער שוועבונג, ווי זיי זענען אַריין, און זיינע געסט האָבן דאָס קוים באַמערקט. וואָרום געבליבן זיצן זענען זיי, ווי פאַרכישופטע, אין דעם נישט־געזעענעם וואָלקן פון די זאַלבן־ריחות, בעת פאַר זייערע אויגן האָבן נאָך געשוועבט די גלוסטנדיקע גופים פון די טענצערינס, וואָס זענען מער נישט געווען.

הורקנוס האָט געהאַט אַן אויסטערליש געפיל פון פולער שלווה און געמיט־רו. און ווען ער האָט דאָס באַגריפן, האָט ער זיך דערשראָקן: אין זיין אייגן לאַנד האָט ער, זייט ער איז דערוואַקסן געוואָרן, נישט געהאַט אַזאַ געפיל. תמיד האָט אים עפּעס געקוועלט, באַאומרואיקט, און אפילו אָנגעטריבן אויף אים אַ בהלה. בפרט האָט ער געלעבט אין צושטאַנד פון כסדרדיקער פּאַניק זייט די קעניגין איז געשטאָרבן. פּחד אין די טעג און נאָך גרעסערער פּחד אין די נעכט. און ווו דו גייסט — גייט דיר נאָך די שרעק און די אומזיכערקייט. און דאָ, אין דער פרעמד, אין דעם באַרג־פּאַלאַץ פון דעם אַראַבישן קעניג, האָט ער געפונען די שלווה,

וואָס ער האָט נישט געקאָנט האָבן אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ אין ירושלים. און ווי שטאַרק עס איז געווען זיין ווילן צו זיין מלך, און ווי שטאַרק עס איז געווען זיין אומגעדולד, וואָס איז געהעצט געוואָרן פון זיין פריינט אַנטיפּאַטער, אַזוי האָט ער באַגערט זיין וויזיט ביי אַרעטאַסן זאָל דויערן וואָס לענגער. דער דורכגעטריי־בענער אַרעטאַס האָט נישט געוווּסט אין וואָס פאַר אַ געמיט־פיין עס לעבט זיין גאַסט, דער הויפּט־פּריסטער פון יהודה, אין זיין אייגן לאַנד. אָבער זיין שאַרף אויג האָט יאָ באַמערקט, ווי אויף דעם פנים פון הורקנוס האָט זיך אָפּגעזעצט צופרידענע שטילקייט. און ער האָט געהאַט זיין חשבון צו פאַרהאַלטן די געסט וואָס לענגער. סיי ווי איז איצט אין יהודה רעגן־צייט. נישט אַזוי שנעל איז ער גרייט אַרויסצולאָזן זיין מדבר־חייל אויף די צעווייקטע וועגן פון יהודה. און וואָס לענגער זיינע געסט וועלן זיצן ביי אים און געניסן פון די גליקזעליקייטן, וואָס ער שטעלט זיי צו לרוב, אַלץ אַ בעסערן פּרייז וועלן זיי געבן.

און זיי האָבן געגעבן. דורך די לאַנגע מילד־וואַרעמע טעג האָט ער מיט ווייַן פון טייטלען און מיט די שאַרפע בשמים־ריחות פון די קופּער־פאַרביקע טענצעריננס און זינגעריננס אַרויסגעקנעטן פון הורקנוס נאָך אַ שטאָט פון יהודה און נאָך אַ שטאָט. אַרעטאַס איז געווען אַזוי מילד און רואיק, ווי עס איז אין יענעם יאָר־זמן געווען די לופט פון פּעטראַ. און צווישן איין מדבר־פאַרבענקט ליד פון אַ זינגערין און אַ צווייט ליד, האָט ער גערעדט צום האַרץ פון הורקנוס, אַז זיין פאָטער, דער העלדישער און שלאַגפאַרטיקער אַלעקסאַנדער, האָט ביי די אַראַבער צוגענומען אַ סך שטעט. און די געטער פון צדק און אמת וועלן זיך אוודאי פרייען ווען ער, הורקנוס, וועט אים צוריקגעבן צען שטעט מזרחדיק פון ירדן און דערפאַר וועט ער אים העלפן צוריקבאַקומען די גאַנצע מלוכה פון דעם אכזר און מורד אַריסטובול. און אַזוי איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז ווען אַרעטאַס וועט פירן זיין חייל אויף ירושלים און ער וועט גיין אַהין פון דער מזרח־ און צפון־זייט פון ים־המלח, וועט ער אויפן וועג איבערלאָזן קליינע גאַרניזאָנען אין אַ טייל פון די צוגעזאָגטע שטעט, וואָס וועלן דאַרפן געהערן צו אים נאָך דעם נצחון איבער אַריסטובול.

בעת הורקנוס און אַנטיפּאַטער זענען געזעסן ביים אַראַבישן מלך, איז קיין ירושלים צוריקגעקומען דער משרת, וואָס איז אַ גוססדיקער איבערגעלאָזט געוואָרן אין בית־צור אויף הפקר. ווי נאָר דער קריזיס פון דער קראַנקהייט איז אַריבער, האָט ער זיך ווי עס איז דערשלעפּט אין דער הויפּט־שטאָט און אויס נקמה פאַר לאָזן אים אַליין אין אַ שווערן צושטאַנד האָט ער אין הויף דערציילט, ווי אַזוי דער כהן־גדול און אַנטיפּאַטער זענען אין דער שטורעמדיקער נאַכט אַרויס פון ירושלים און זיך געלאָזט אויף דרום פון לאַנד. אַריסטובול האָט פאַרשטאַנען, אַז ווידער האָט זיך זיין ברודער געווענדט נאָך הילף צו דעם אַראַבישן מלך, נאָר דאָס מאָל איז ער אַליין געגאַנגען צו אים קיין פּעטראַ.

אַריסטובול האָט אַלאַרמירט זיינע גאַרניזאָנען צו שטעלן די אָפּטיילונגען אין קאַמפּס־גרייטקייט; אין ירושלים האָט ער געלאָזט אויסרופן דעם פאַראַט

פון זיין ברודער. ער גופא איז אָבער נישט אַלאַרמירט געוואָרן. אויב אַנומלט האָט ער צעקלאַפּט דאָס חייל פון הורקנוס צוזאַמען מיט דעם חייל פון אַרעטאַסן, וועט ער איצט קיין לעבעדיק נפש נישט איבערלאָזן פון די אַראַבישע קעמפּער. ווען אפילו עס זאָל אים אויסקומען צו יאָגן דעם לעצטן אַראַבישן זעלנער ביז פּעטראַ, וועט ער אים יאָגן און דערשלאָגן. אָבער ווי יעדער הערשער ווערט ביי זיך זעלבסטזיכער און איז איבערצייגט, אַז אויב ער האָט די מאַכט, האָט ער אויך די חכמה, בפרט נאָך, אַז ער איז געקומען צו דער מאַכט ווי אַ בעל־נצחון, איז אויך אַריסטובול געווען זעלבסטזיכער, אַז דאָס מאָל וועט ער צעברעכן דעם רוקן פון אַרעטאַסן און אפילו ביי אים צונעמען נייע שטחים.

אַריסטובול האָט זיך ביטער טועה געווען. אַ, ווי ביטער!

ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן ווערבירן נייע כוחות פאַר זיין חייל, האָט זיך דאָס מזל פון אים אָפּגעטון. ער האָט נישט געפונען ביים פאָלק דעם רחמנות, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסרופן. און ווען זייַנע מענטשן האָבן אויף די מערק פון די שטעט דערציילט וועגן דער בגידה פון דעם כהן־גדול הורקנוס, איז דער המון געבליבן קאַלט און אפילו נישט געגלייבט.

אין ירושלים האָבן די פרושים פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דערמיט וואָס אַריסטובול ווערט נישט מיד צו דערציילן, אַז דער כהן־גדול גייט פאַרראַטן יהודה, גרייט ער אַליין צו אַ נייע מזימה, כדי נאָך מער צו אונטערדריקן דאָס פאָלק.

„ער גייט אין די דרכים פון זיין פאָטער — האָט דאָס פאָלק גערעדט — ער הערט נישט אויף צו שרעקן מיט מלחמות און הערט נישט אויף אַרויסצורופן צוזאַמענשטויסן מיט די שכנים, נאָר כדי עס זאָל אים זיין לייכטער אַרויסצורייסן פון דעם אָרעמען פויער דעם לעצטן ביסן ברויט פון מויל פאַר שטייערן און הערשן איבער אים ביד חזקה.“

און עס איז געשען מיט אַריסטובולן פונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס עס איז געשען מיט אים אַנומלט, נאָכן טויט פון דער קעניגין אַלעקסאַנדראַ.

אַלע טיילן פון זיין חייל האָט אַריסטובול צוזאַמענגענומען און אַרויס מיט זיי קעגן דער אַראַבישער מחנה, וואָס איז געפירט געוואָרן פון אַנטיפּאַטער און אַראַבישע קאָמאַנדירן. ער האָט אַרויסמאַרשירט פון ירושלים, ווי ער וואָלט אַרויס אויף אַ טריאומף־מאַרש. ער דאַרף זיך נאָר באַגעגענען מיט די אַראַבער און ער וועט אויפהייבן דעם נצחון און אים צוריקברענגען אין דער הויפּט־שטאָט. אָבער ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אויף די בערג־הויכקייטן און אַראָפּגעקוקט צום טאָל, נישט ווייט פון דעם אָרט, וווּ דער ירדן גיסט זיך אַריין אין ים־המלח, האָט ער די לאַנדשאַפט נישט דערקענט.

דער גאַנצער שטח צווישן בית־רמתה און פּפירון האָט אויסגעזען, ווי אַ געדיכטער היישעריקן־שוואַרם וואָלט זיך איבער אים באַזעצט. אַריסטובולס חייל, וואָס איז אַזוי אויך איצט געגאַנגען אָן קעמפעריש בלוט, האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם בילד אין טאָל. און גאַרנישט איז אַזוי אָנשטעקנדיק ווי פּחד. דער מלך, פאָרויס פון זיין מחנה, איז שוין איצט נישט געווען אַזוי זיכער, אַז פון דעם

שוואַרם פון אַרעטאַסעס קעמפּער וועט ער לייכט אַרויס מיט אַ נצחון. איז אויף וויפל עס איז געפאַלן זיין מוט, אויף אַזוי פיל איז ער צערייצט געוואָרן. אַט אַזוי, הייסט עס, האָט זיין ברודער הורקנוס פון „גוטן ווילן" רעזיגנירט פון זיין בכורשאַפט צו זיין מלך. ער איז מורד אין אים מיט דער הילף פון אַט דעם שוואַרם אַראַבישע קעמפער!

אין זיין צערייצטקייט איז אַריסטובול גרייט געווען צו לאָזן זיך גלייך אין קאַמף, אַפילו ווען דאָס זאָל זיין זעלבסטמאָרד. ער טאָר נישט ווייזן זיין חייל, אַז ער, דער זון פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, שרעקט זיך פאַר אַ גרעסערן כוח ווי ער אַליין פאַרמאָגט.

גאַלעסטאַס און אליעזר־עפּידעס האָבן אין אַ קורצער באַראַטונג געעצהט דעם מלך נישט אַרויסגיין אין קאַמף:

„אונדזער חייל וועט פאַרשלונגען ווערן אין דעם ים אַראַבער און אויסגע־שפּיגן ווערן אין בלוט — האָט עפּידעס געזאָגט — וואָס עס איז געבליבן פאַר אונדז איז: אויסבאַהאַלטן זיך אין די באַוואַלדיקטע באַרג־שפּאַלטן און איבערפאַלן דעם שונא אין רוקן, ווען ער וועט אַרויפשטייגן קיין ירושלים."

גאָרנישט האָט אַזוי געקאָנט אַרויסברענגען אַריסטובולן פון גלייכגעוויכט, ווי די עצה זיך אויסצובאַהאַלטן. דאָס איז פּחדנות און ער וועט נישט האַנדלען ווי אַ פּחדן! ער וועט נישט ווייזן זיין שוואַכקייט! ער איז שוין אָבער סיי־ווי געווען שוואַך. ווי אַ קאָמאַנדיר האָט ער שוין געפּילט, אַז די שטימונג ביי זיינע קעמפער איז אַזאַ, ווי זיי וואָלטן נישט געגאַנגען צום קאַמף, נאָר פון דעם קאַמף. אָבער פאַרשטעקן זיך אין די בערג־שפּאַלטן? ניין, דאָס קיין מאָל נישט!

עס איז מעגלעך, אַז ווען עס זאָל אים געגעבן ווערן צייט, וואָלט אַריסטובול אַראָפּגעפאַלן פון דער צערייצטקייט און ער וואָלט אָנגענומען די עצה פון זיינע קאָמאַנדירן. אָבער ווי אויף נאָך מער צו פאַרווונדן זיין אַמביציע, האָט זיך דאָס ריזיקע חייל פון אַרעטאַסן אָנגעהויבן פאַרמירן אין אַ געדיכטן האַלב־בויגן מיט דעם רוקן צום ירדן און מיט דעם רעכטן פליגל אין דער ריכטונג פון יריחו. די מאַסע פון דעם פיינטלעכן כוח איז געווען אַזאַ טיפע און געדיכטע, אַז ס'האָט אַפילו נישט געקאָנט זיין קיין רייד, אַריסטובולס גאַנצע אַרמיי זאָל זיך קאָנען דורכרייסן. האָט אַריסטובול אַפילו נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער פאַרדעכ־טיקטער באַוועגונג צווישן זיין אייגענעם חייל. און ער האָט אַ רוף געטון, צו לאָזן זיך אין גאַלאָפּ אַנטקעגן דעם שונא:

„צעשפּאַלטן דעם שונא, אין געדיכטע קאָלאָנעס!" — האָט ער אויסגערופן אַן יעדן זין פון צילבאַוווסטקייט און זיך אַליין געלאָזט אין גאַלאָפּ מיט אַן אויסגעצויגענער שווערד.

דער באַפעל איז געווען אַ פאַטאַלער, אַ זעלבסטמערדערישער. זיין חייל אין די פלאַנקן האָט נישט געפאָלגט דעם רוף צו פאַרמירן זיך אין געדיכטע קאַמפּס־קאָלאָנעס, נאָר פאַרקערט, זיך אָנגעהויבן צו צעשפּרייטן אויף די זייטן.

ווי פון אונטער דער ערד איז נעבן אַריסטובולן אויסגעוואַקסן אליעזר־עפּידעס און גערופן צום מלך:

„צוריק! צוריק! זיי וועלן דיך דערהרגענען! אונדזערע קעמפער לויפן אַריבער צום שונא!"

אַריסטובול האָט מיט דער פלאַכער זייט פון זיין שווערד אַ קלאַפּ געטון זיין פערד אין האַלדז און געמאַכט אַ שאַרפן אויסבויג אויף צוריק. ער איז געלאָפן אין סערפּענטינעס באַרג־אַרויף, בעת דורך אַנדערע שטעגלעך זענען אין ענלעכע סערפּענטינעס נאָכגעקומען די קאָמאַנדירן און רעשטלעך פון זיין חייל. ער איז געלאָפן צוריק, אַ צעקלאַפּטער אָן קאַמף, אָן דעם ער זאָל זיך האָבן אָנגעטראָפן אויג־אויף־אויג מיטן שונא. די מערהייט פון זיין חייל האָט זיך צעשאָטן ברייט איבערן פליין אויף אַריבערצוגיין צום שונא.

דער אַראַבישער מלך, וואָס האָט זיך פון אונטן צוגעקוקט צום בהלהדיקן אַנטלויפן פון אַריסטובולס צעפּאַלענעם חייל, האָט געלויכטן פון דעם לייכטן נצחון. ער האָט קיין איין קעמפער און קיין איין פערד נישט פאַרלוירן. און לויט זיין אָפּמאַך מיט הורקנוסן זיצן שוין זיינע כוחות אין צען שטעט פון יהודה. מיט וועלכן כוח וועט אים הורקנוס פאַרווערן אָפּצונעמען אַלע צוואַנציק שטעט וואָס אַלעקסאַנדער־יאַנאַי האָט צוגענומען פון אים? נישטאָ אַזאַ כוח אין יהודה! איז ריכטיק, וואָס מען זאָגט וועגן די יהודייער, אַז פון פירן מלחמות צווישן זיך בלייבט זיי נישט קיין כוח בייצושטיין פרעמדע, און זייערע נצחונות פאַלן אַליין אַרויס פון זייערע הענט. אַרעטאַס האָט דאָס איצט אַליין געזען. און ער האָט גוט באַהאַלטן זיין נקמה־פרייד.

און כדי פון דער נקמה־פרייד, צו זען די מלוכה פון די יהודייער אין די קראַמפן און ווייען פון אירע אייגענע קאַמפן, צו געניסן ביסלעכווייז, ווי מען געניסט פון אַ גוטן געטראַנק, האָט זיך אַרעטאַס נישט געאיילט אַרויפצושטייגן קיין ירושלים. אַנטיפּאַטער איז געווען צודרינגלעך און אומגעדולדיק: נאָכיאָגן אַריסטובולן און אים דערשלאָגן ביי די טויערן פון ירושלים, אַז הורקנוס זאָל איבער זיין גוף אַריינמאַרשירן ווי דער מלך פון יהודה. האָט אַרעטאַס צוגעלענט די אויגן און באַלעקנדיק זיינע פּעטע, תאווהדיקע ליפּן געזאָגט רואיק:

„אייל זיך נישט אָפּצורייסן די פּרוכט פון בוים פריצייטיק. די לעצטע טעג פון איר רייפונג גיבן דער פּרוכט איר טעם."

אַנטיפּאַטער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין. ווערליק אים האָט מען אַריסטובולן געדאַרפט אָפּרייסן פון יהודה וואָס שנעלער און אַזוי ווי ער איז איצט — צעשלאָגן, אָן אַ קאַמף. אָבער נישט אַנטיפּאַטער און נישט הורקנוס האָבן געהאַט צו זאָגן איבער דער אַראַבישער אַרמיי, נאָר אַרעטאַס האָט געדאַרפט געבן דעם באַפעל. און ער, ער האָט געוואָלט טרינקען דאָס בלוט פון יהודה טראָפּנווייז. און ער האָט געוווסט, אַז וואָס לענגער ער וועט לאָזן אַריסטובולן

וואַרטן אויף זיין אָנקומען קיין ירושלים, אַלץ מער שלאָפלאָזע נעכט וועט האָבן דער מלך פון יהודה און אַלץ שוואַכער וועט ער ווערן.

אַריסטובולס שנעלער צוריקקום קיין ירושלים מיט ווייניקער ווי אַ העלפט פון זיין חייל, בעת דער גרעסערער טייל איז אַריבער צו הורקנוס — און אין ירושלים האָט עס געהייסן, אַז הורקנוס, און נישט דער אַראַבישער מלך, גייט מיט אַ גרויסער אַרמיי — האָט אויפגעטרייסלט די הויפט־שטאָט און דערנידעריקט זיין פּרעסטיזש אין די אויגן פון פאָלק. איבער נאַכט האָבן זיך געמערט די אָנהענ־גער פון צדק, וואָס האָבן אין אַריסטובולס מפּלה געזען אַ צייכן פון גאָט, אַז ער אַליין האָט באַשטימט פאַר אַ קעניג פון יהודה דעם בכור פון אַלעקסאַנדער־יאַנאַי און שלומציון־אַלעקסאַנדראַ. די פּרושים האָבן אין דער מפּלה געזען די הילף פון גאָט קעגן דער מאַכט פון די צדוקים. און די צדוקים האָבן זיך פאַרלוירן. דער המון האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיי ווי אויף שלעכטסבערענגער.

אָ, ווי צעבערעכלעך עס איז די קרוין פון מאַכט, מער ווי עס איז צעברעכלעך דער ליים פון אַ טאָפּ. נאָך נעכטן האָט דער נאָמען פון אַריסטובול אַרויסגערופן ביי וועמען פאַרערונג און ביי וועמען פחד. איצט האָט מען גערעדט וועגן אים אויף די מערק פון ירושלים ווי וועגן אַן אַנטלאָפענעם פון שלאַכטפעלד. פאַרגעסן האָט ירושלים, אַז ער איז אַ זון פון דעם קעמפערישן אַלעקסאַנדער־יאַנאַי און אַז אַנומלט האָט ער אויף שטיקער צעריסן די אַרמיי פון הורקנוסן און פון דעם אַראַבישן מלך און אַז ער האָט דעם כהן־גדול במשך פון דריי חדשים באַלאַגערט אין דער פעסטונג ביים בית־המקדש. דער המון האָט ליידנשאַפטן, אָבער נישט קיין זכרון. האָט ירושלים נאָר געקאָנט דערציילן די גוזמאות, אַז פון דעם מלכס חייל זענען אַריבער צו הורקנוסן זעכציק, זיבעציק און אַפילו הונדערט טויזנט קעמפער.

וואָס לענגער אַרעטאַס האָט זיך געזוימט אַרויסצושיקן זיין חייל קיין ירושלים, אַלץ אומרואיקער און דערשלאָגענער איז געוואָרן דער מלך פון יהודה. אויף וואָס וואַרט דער מדבר־מלך? מיט זיין ריזיקער אַרמיי, מיט דעם הייסעריקן־שוואַרם האָט ער אים געקאָנט צעטראָגן. פאַרוואָס זשע איילט ער זיך נישט? וואָס אַזעלכעס גרייט ער צו צוזאַמען מיט זיין פאַררעטערישן ברודער הורקנוס? קיינער האָט אַריסטובולן נישט געקאָנט ענטפערן אויף דעם, וואָס אים האָט געפייניקט. וואָרום סטראַטעגיש איז עס געווען אַן אומזין פון אַרעטאַסן נישט נאָכצויאָגן די רעשטלעך פון אַריסטובולס חייל און זיי אומברענגען נאָך איידער זיי וואָלטן דערגרייכט די טויערן פון דער הויפט־שטאָט. איז אַריסטובול געפּרוווט געוואָרן מיט דעם זעלבן, מיט וועלכן הורקנוס איז געפּרוווט געוואָרן גלייך נאָך דעם טויט פון דער קעניגין — מיט פחד און מוטלאָזיקייט. און ווי זיין ברודער אַנומלט, אַזוי האָט ער איצט פאַראַרדנט, אַז ווער עס וויל זיך שיצן פון די אַראַבישע האָרדעס און פון די באַנדעס פון הורקנוסן, זאָל זיך

אויסבאַהאַלטן אין בית־המקדש און אין דער פעסטונג, וואָס וועלן נישט איבער־געגעבן ווערן אין די הענט פון די פאַררעטער און שונאים פון יהודה.

די צדוקישע אַריסטאָקראַטיע האָט מיט אַ קורצן אָטעם געוואַרט אויף דעם רוף. און אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען, אַזוי שנעל האָבן זיי געאײַלט זיך צו שיצן. וואָרום געוווּסט האָבן די צדוקים, אַז ווען די אַראַבישע אַרמײ וועט אַרײַן קיין ירושלים, וועלן זיך ביידע, אַרעטאַס און אַנטיפּאַטער, אָפּרעכענען מיט זיי מיט באַזונדערע חשבונות: אַרעטאַס דערפֿאַר, ווײַל דער צדוקישער מלך יאַנאַי האָט ביי אים צוגענומען צוואַנציק שטעט, און אַנטיפּאַטער דערפֿאַר, ווײַל די צדוקים האָבן אים געשטערט צו ווערן דער מאַכטהאָבער פון יהודה אונטער דער אַפּוטרופּסות פון הורקנוסן. האָבן די רייכע און הערשערישע צדוקים געאײַלט צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס און מיט אַלץ וואָס זיי האָבן געקאָנט מיטנעמען מיט זיך, אויסצובאַהאַלטן זיך פון נקמה. דער המון האָט זיי באַגלייט מיט שפּאָט און חוזק אויפן וועג צום בית־המקדש:

„פון וועמען וועט איר דאָרט אַרויסקוועטשן שטײַערן, פון די באָרוועסע כהנים, אָדער פון די קרבנות אויפן מזבח?"

„נעכטן האָבן זיי געשלעפּט נאָך זיך אונדזערע אײזלען, היינט שלעפּן זיי נאָך זיך זייערע טעכטער!" — און וואָס העכער דער המון האָט געחוזקט, אַלץ מער האָבן געאײַלט די צדוקים צו די טויערן פון בית־המקדש.

קאַפּיטל אכט

אין אָט דעם טאָג איז פֿאָרגעקומען נאָך איין איבערברוך אין דער נשמה פֿון אַרטאַפּאַנוס. דאָס מאָל האָט ער נישט געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער קאַמפּאַניע פֿון אַריסטובולן, צו באַגעגענען דאָס חיל פֿון אַרעטאַס, הגם ער האָט געהאַסט דעם מדבר־מלך נישט ווינציקער ווי דעם אדומער אַנטיפּאַטערן. עס איז אים נישט געווען צום האַרצן דער וועג פֿון אַריסטובולן, וואָס געפֿינט זיך אונטערן איינפֿלוס פֿון גאַלעסטאַס און די רייכע צדוקישע מנהיגים אין ירושלים. און זיי ווייסן נאָר צוויי זאַכן: צונעמען די לעצטע דייזשע ווייץ פֿון דעם פּויער פּאַר שטייערן און פֿירן מלחמה, בעת דאָס פֿאָלק לעכצט נאָך אַ רואיק און אַרבעטזאַם לעבן. און הורקנוס? ער איז ווי ליים אין די הענט פֿון דעם מאַכט־גיריקן און פֿאַלשן אַנטיפּאַטער. נישטאָ אַזאַ אומגליק, וואָס ער איז נישט גרייט צו ברענגען אויף יהודה, אַבי נאָר צו זעטיקן זיין מאַכט־תאווה. און ער, אַרטאַפּאַנוס, איז געווען צו יונג און ער האָט געהאַט צו ווייניק אָנזען, צו קאָנען האָבן וועלכע עס איז השפּעה אויף איינעם פֿון די ברידער. ער האָט אויך נישט געהערט צו קיין איינער פֿון די מלחמה־פֿירנדיקע פּאַרטייען — נישט צו די צדוקים און נישט צו די פּרושים. אָבער ווען ער האָט געזען דעם ערבֿ־חורבן פֿון ירושלים, דעם גלוסט פֿון דעם צעהפקרטן המון אויפֿצונעמען „דאָס חיל פֿון הורקנוס," דעם צער אין די אויגן פֿון די ירושלימער טעכטער, וואָס זענען געגאַנגען זיך אויסבאַהאַלטן אין בית־המקדש קעגן די ווילדקייטן פֿון די מדבר־זעלנער און אייגענע גאַסן־יונגען — איז זיין האַרץ צעקלעמט געוואָרן, ווי דאָס האַרץ פֿון אַן אָבל.

איז ער אַוועק אין חשמונאים־פּאַלאַץ און זיך געשטעלט פֿאַרן מלך אַריסטובול:

„איצט, ווען אונדזער לאַנד איז באַדראָט פֿון דער מדבר־ווילדעניש און פֿון אַנטיפּאַטערס מזימות, האָב איך גאָרנישט מער אין מיין לעבן, ווי צו שיצן אונדזער לאַנד פֿון אומקום — האָט ער געזאָגט — דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז אונדזער מלוכה גייט חרובֿ ווערן. איך זע פֿאַר דאָס אומגליק אַ סך קלאָרער, ווי איך זע אַ חלום. דעריבער גיי איך פֿון היינט אָן מיט דיר, מיין מלך, ווייל קעגן דיר און קעגן יהודה גייט אַ ריזיקער, פֿאַרניכטנדיקער פֿרעמדער כוח. באַפֿעל, מלך, און יעדער באַפֿעל דיינער וועט זיין פֿאַר מיר ווי אַ געבאָט פֿון הימל."

דער דערשלאָגענער אַריסטובול איז געווען גערירט פֿון אַרטאַפּאַנוסעס

ווערטער און ער האָט נישט אויסבאַהאַלטן פאַר אים זיין טרערן־דורכגענומענע שטים:

„איך האָב תמיד געוווּסט, אַז דו ביסט דער ערלעכסטער מאַן אין יהודה און אַ פּאַטריאָט, וואָס וויל נישט באַצאָלט ווערן פאַר דער ליבשאַפט פון זיין היים — האָט אַריסטובול אַרויסגעלייגט זיינע בײדע הענט אויף די אַקסלען פון אַרטאַפּאַנוס — אָבער איצט זע איך אין דיר עפּעס נאָך מער, וואָס איך קאָן נישט אויסדריקן אין ווערטער, נאָר איך פיל עס, ווי ליב עס איז מיר גאָט. קום מיט מיר אויפן הר־הבית. וועסט זיין מיט אונדז אין אונדזער קלעם. איך זע נישט קיין שנעלן זיג איבערן שונא, און עס קאָן זיין, אַז אַ סך פון אונדז וועלן דאָרט געפינען זייער קבר. דעריבער וועלן אונדז נייטיק זיין יונגע מענטשן, וואָס זאָלן געדענקען דאָס שלעכטס, וואָס ווערט געטאָן צו אונדז, כדי זיי זאָלן אין דער צייט, וואָס וועט קומען, זיך קאָנען נוקם זיין פאַרן בלוט און פאַר די טרערן פון יהודה.״

אַרטאַפּאַנוס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געטון אַ נדר, האָט ער געזאָגט:

„פון איצט אָן, מיין מלך, געהערן מיין גאַנץ לעבן און אַלע מיינע מחשבות בלויז צו מיין פאָלק.״

אַרטאַפּאַנוס האָט געאײלט צום דרום־טייל פון דער שטאָט, צום פּאַלאַץ פון מרים־אַפּאָלינאַ, כדי מיטצונעמען זיין ליבשאַפט אין דער פעסטונג. פאַר איר איז די בשורה געקומען אומגעריכט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאַרף זי פאַרלאָזן איר היים, אויב אַריסטובול פירט מלחמה מיט הורקנוס.

„עס בינדט מיך איצט גאָרנישט מיט בײדע, און פרויען פירן נישט קיין מלחמות. פאַרוואָס זשע זאָל איך פאַרלאָזן מיין שיינעם רויזנגאָרטן און אַוועק אין דער פעסטונג?״ — האָט זי געפרעגט.

אַרטאַפּאַנוס האָט פעסט גענומען אירע אָרעמס אין זיינע הענט און לייכט אַ טרייסל געטאָן איר קערפּער, ווי דורך דעם וואָלט איר באַוווּסטזיין געדאַרפט ווערן וואַך:

„ווען מיר וועלן אָפּראַטעווען דאָס לאַנד פון פרעמדע — האָט ער אַרייַנגערעדט אין איר — וועט גאַנץ יהודה זיין אונדזער רויזן־גאָרטן, נאָר טאָמער וועט אונדזער לאַנד ווערן פאַרקנעכט, וועט אויך דיין רויזן־גאָרטן זיין פאַרפרעמדט.״

„פאַרוואָס?!״ — האָט זי אויסגעשריגן.

אויך זיין ענטפער איז געווען אַ געשריי. און אויסגעשריגן האָט ער בלויז איין וואָרט: „מרים!״ און אַפּאָלינאַ איז אַוועק מיט אים. ווען זיי האָבן דערגרייכט דעם טויער פון דער אַלטער מויער, האָט עמעצער פון המון אויסגערופן:

„אָ, וויפל פאַר חיות גייען עס אין דער תיבה פאַר זייער מבול?!״

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויסגעדרייט און געפרעגט:

„ווער האָט דאָס געזאָגט?״

אַראַגאַנט האָט זיך אַרויסגעשטופּט פון המון אַ מאַן מיט אַ רויטער באָרד און מיט רויטע אויגן־ווייסלען און געענטפערט מיט אַ פראַגע אויף דער פראַגע:
„נו, איז וואָס, אויב איך האָב דאָס געזאָגט?"

ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווי אַרטאַפּאַנוס האָט אים מיט אַ פויסט אַזאַ קלאַפּ־געטאָן אונטער די ציין, אַז מיט זיין פאַלן הינטערווייַלעכץ האָט ער גורם געווען אויף אַנדערע זאָלן פאַלן. עס איז געוואָרן מסוכן שטיל, אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגענומען אַפּאַלינאַן ביים אָרעם און אַוועק אַזוי רויִק, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

דער מאַן פון המון האָט אין שטייגער פון דעם פשוטן פאָלק אויסגעדריקט דעם ווערן פון דערווירקלעכקייט. און אויב אַרטאַפּאַנוס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן, איז דאָס געווען צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געפילט פּערזענלעך באַליידיקט, אָבער דער מאַן פון המון האָט געזאָגט דעם אמת. ווייל אין יענע טעג האָבן די טויערן פון בית־המקדש און פון דער פעסטונג אויף אַן אמת אויסגעזען ווי די טויערן פון נחס תיבה, ווי דאָס ווערט באַשריבן. נישט בלויז מענער און פרויען, יונגעלייט און יונגפרויען האָבן אַריינגעשטראָמט אין די טויערן, נאָר אויך אייזלען מיט אָנגעלאָדענע רוקנס, שעפּסן און פי, ווי אָט וואָלט געדאַרפט אָנקומען אַ מבול, און די וואָס שטראָמען דורך די טויערן ווילן אָפּראַטעווען זיך און זייער מין. אָפּראַטעווען פון וועמען?

פון דער צווייטער זייט טויער איז געבליבן דאָס פאָלק אין אַ שיכּרות־שטימונג פון דערלעבטער נקמה, אָן אַ קעגנשטאַנד פון נקמה. וואָרום אויסער וואָס עס איז דעם המון געגעבן געוואָרן אַ געלעגנהייט צו שפּאָטן און חוזק, האָט ער, דער המון, נישט געוווּסט, אַז דאָס וואָס גרייט זיך איז אויך קעגן אים; אַז אויב עס וועט קומען אַ מבול, וועט ער פאַרשווענקען נישט בלויז די וואָס שטראָמען אַריין אין די טויערן, נאָר אויך די וואָס בלייבן אויסער די טויערן. און ווי דער המון, אַזוי האָבן אויך די מנהיגים פון פאָלק נישט געאַנט, אַז זיי טרייבן יהודה צו אַ חורבן. אויך זיי, וואָס האָבן נישט געזען ווייטער פון זייערע מאַכט־פּאָזיציעס, האָבן נישט געוווּסט, אַז אין אָט די טעג פירן זיי די מלחמה פון יהודהס שונאים.

אָנגעקומען פון דער מזרח־זייט, האָט זיך דאָס חייל פון די אַראַבער און פון די אָנהענגער פון הורקנוסן איבערפאָרמירט ביים אַריינגאַנג אין קדרון־טאָל. אַ שטאַרקע אָפּטיילונג פון פעכטער און פיילן־שליידערער איז אַרויף מיט דעם וועג צום אַלעקסאַנדער־קבר, כדי צו באַזעצן די צפונדיקע זייט פון הר־הבית און די נייע שטאָט. דער הויפּט־כוח, אָנגעפירט פון אַנטיפּאַטער, איז אַוועק מיטן קדרון־טאָל, ווו ביים שילוח־טייך איז אַ מעכטיקע אָפּטיילונג רייטער און פוסגייער אַרויף צו דער אונטערשטאָט עקרה. ביים שער האשפּה האָבן הורקנוס און אַנטיפּאַטער געביטן זייערע פערד אויף אויסגערוטע. די געביטענע פערד זענען געווען געפּאַנצערט מיט געהאַרטעוועטן לעדער, אינקרוסטירט מיט גאָלד־נעגל און מיט גאָלד־פּראַנדזן, וואָס האָבן געגרייכט ביז צו די קנעכל פון די פערד.

הורקנוס און אַנטיפּאַטער אַליין האָבן אָנגעטאָן אויסגעשייערטע פּאַנצערס אויף די ברוסטן מיט שוץ־פּאַנצערס אויף די פיס, איבער די קני, און מיט אַ געקליבענעם חייל פון צען טויזנט, באַוואָפנט מיט אייזן־שטאַנגען און מיט בלאַנקענדיקע שילדן, זענען זיי אַריין אין דער שטאָט.

די אָליגאַרכיע פון די פּרושים און דער פרייד־צעווילדעוועטער המון האָט דעם כהן־גדול, בראש פון דעם אויסגעפּוצטן חייל, אויפגענומען מיט אַזאַ געבריל פון שמחה, ווי ער וואָלט געקומען אויסלייזן דאָס פאָלק פון פרעמדער קנעכטשאַפט. ביים אַריינגאַנג צו דער הויפּט־גאַס, וואָס האָט דורכגעשניטן די אויבערשטע שטאָט, איז אַ טייל פון דעם חייל אָוועק ווייטער אויף מזרח, כדי ארומצורינגלען די שטאָט און אַריינקומען דורך דער מזרחדיקער זייט פון דער ברייטער מויער. הורקנוס און אַנטיפּאַטער זענען ווייטער געריטן אין פולן גלאַנץ און בליאַסק מיט דער הויפּט־גאַס און דאָס פאָלק האָט געיובלט: זעט ווי די זון שלאָגט זיך אָפּ אין זייערע ברוסטן־פּאַנצערס, ווי אין די פּאַנצערס פון גאָט־געזאַלבטע! אָט רייט אונדזער מלך, דער מלך פון יהודה!

און שיכורע פון נצחון האָבן הורקנוס און אַנטיפּאַטער אַריינגעריטן אין פּאַלאַץ פון די חשמונאים, באַגלייטע פון פרעמדע קעמפער.

פון איינעם פון די פּאַרנטיקסטע טורעמס פון דער מויער אַרום דעם הר־הבית האָט זיך אַרטאַפּאַנוס צוגעקוקט צו דעם בילד, ווי פון אַלע זייטן ווערט די הויפּטשטאָט פון יהודה אָנגעלאַגערט מיט פרעמדן חייל. ער האָט געזען דאָס היסטערישע פאָכען מיט די הענט פון דעם המון, און צו זיינע אויערן איז דערגאַנגען דער געבריל פון פרייד. ס'איז יום־טוב אין יהודה! אַ זיג האָט אָפּגעהאַלטן יהודה! צוזאַמען מיט דעם פרייד־געבריל פון המון האָבן אין זיינע אויערן אויפגעקלונגען די ווערטער, וואָס ער האָט אַ מאָל געהערט, אַז די שונאים פון יהודה דאַרפן האָבן בלויז איין געווער — געדולד, ביז די יהודייער וועלן זיך אַליין אומברענגען מיט זייערע אינערלעכע רייסענישן פאַר מאַכט. אָט איצט זעט ער דאָס מיט זיינע אייגענע אויגן. צי ווען דער מדבר־קעניג אַרעטאַס זאָל פּרווון אַליין דערגרייכן דאָס, וואָס ער האָט איצט דערגרייכט מיט דער הילף פון די יהודייער — צי וואָלט ער עס דערגרייכט?! צי וואָלט ער דערלעבט אַזאַ נקמה, ווי ער דערלעבט איצט, ווען דער המון נעמט אויף זיין חייל אין ירושלים מיט אַזאַ פרייד? צי וואָלט אים געלונגען צו פאַראומרייניקן ירושלים, ווי זיין חייל פאַראומרייניקט איצט די הייליקע שטאָט?!

פון צאָרן האָבן די גערערעם געגרימט אין אַרטאַפּאַנוסן און די אוממעכטיקייט האָט אים אַראָפּגעפירט פון זינען. איינער אַליין וואָלט ער זיך געוואָרפן קעגן אָט דעם פרעמדן חייל. קיין מאָל פאַר דעם האָט ער נישט באַגריפן דעם זין פון פיינטשאַפט, ווי ער האָט עס באַגריפן דאָס מאָל. פון אוממעכטיקייט און צער האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן און ער האָט געזען ירושלים אין נעפּל. נאָך דעם געבריל פון פרייד, וואָס איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן, האָט ער

נישט געקאָנט פאַרטויבן. אָבער אויך אַוועקגיין פון דעם פלאַץ האָט ער נישט געקאָנט. ער איז ווי צוגעוואָקסן געוואָרן צו דער מויער. שוהן לאַנג איז ער געשטאַנען ווי אַ געליימטער און איינגעזאַפּט אין זיך דאָס בילד פון געפאַלנקייט. און ער האָט געוויינט, ווי עס וויינט אַ ווייב, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט מרים־אַפּאָלינאַ אים צוגערעדט זיי זאָלן ביידע אַראָפּנידערן קיין מצרים אויף דער צייט פון די אומרועו אין יהודה. זי איז קלוג, אַפּאָלינאַ. זי, די אדומעריו, האָט פריער דערקענט דאָס יידישע פאָלק, ווי ער — דער יהודייער — האָט עס דערקענט. ווען ער זאָל האָבן געפאָלגט אירע ווערטער, וואָלט ער איצט נישט געזען די שאַנד פון זיין היימלאַנד, די שאַנד פון זיין פאָלק פאַר די אויגן פון פרעמדע אין האַרץ פון ירושלים.

אָבער דאָס וואָס עס האָט געזען אַרטאַפּאַנוס, האָבן נישט געזען די פּאַרטיי־לאַגערן פון ביידע חשמונאים־ברידער. אין דעם שגעון פון קאַמף פאַר מאַכט זענען זייערע אויגן פאַרבלענדעט געוואָרן און זייערע אויערן זענען טויב געוואָרן. ביידע לאַגערן האָבן זיך געזען ווי די צערטל־קינדער פון דעם גאָט פון ישראל און אַז אַלע זייערע דרכים זענען געשיצט פון גאָט. נישט דעם און נישט יענעם איז אַפילו געקומען אויפן רעיון, אַז מיט זייערע מלחמות און מרידות קעגנאַנאַנדער פירן זיי די מלחמה פון די געצנדינערישע שונאים, וואָס וואַרטן אויף דער צעשטערונג פון יהודה און דעם פאָלק ישראל.

און אין די כראָניקעס וועגן דעם, ווי אַזוי דער כהן־גדול הורקנוס, דער זון פון דעם חשמונאים־מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, האָט באַלאַגערט זיין ברודער אַריסטובול, וואָס האָט זיך געשיצט אין בית־המקדש — איז אַזוי פאַרשריבן געוואָרן:

און אין דעם טאָג פון פורים, בעת די יידן טוען פייערן דעם נצחון איבער המן הרשע, וואָס האָט געוואָלט פאַרטיליקן עם ישראל, האָבן יידן אין הייליקן ירושלים געלעכצט צו פאַרטיליקן איינאַנדער. די באַלאַגערטע אויפן הר־הבית האָבן געלעכצט און געבעטן אויפן אומקום פון די באַלאַגערער, און די באַלאַגערער האָבן געבעטן און מתפלל געווען אויפן טויט פון די באַלאַגערטע. די שטאָט איז געווען צעטיילט אויף צוויי מחנות שונאים, וואָס האָבן זיך פיינט געהאַט מער ווי עס האָבן זיך פיינט פרעמדע. גאָטפאַרכטיקע יידן, וואָס האָבן געזען, אַז עס נעמט נישט קיין סוף צו דער מלחמה צווישן די צוויי חשמונאים־ברידער און זייערע פאַרטייען, און אַז עס דערנענטערט זיך דער יום־טוב פסח און זיי וועלן נישט קאָנען אַריינקומען אין בית־המקדש אין די טעג פון יום־טוב — האָבן זיי אָנגעלאָדן זייערע קעמלען און אייזלען און צוזאַמען מיט זייערע משפחות אַראָפּ־געגנידערט קיין מצרים. וואָרום אין גלות מצרים האָבן יידן אויפגעבויט אַ הייליקייט לויטן געשטאַלט פון בית־המקדש אין ירושלים און זיי האָבן נישט געוווסט פון קיין מרידות אין זייער מחנה. און הגם אַ גלות איז געווען מצרים, האָבן די יידן געלעבט דאָרט אין שלווה און אין אחדות און געמערט זייערע רייכטימער. איז גרויס

געוועז די בראַך, אויב יידן פון ירושלים האָבן געמוזט אַראָפּנידערן קיין מצרים, כדי דאָרט צו געפינען מנוחה פאַר דעם הייליקן יום־טוב פּסח. אין דעם לאַנד, ווו זיי זענען אַ מאָל געווען קנעכט, האָבן זיי איצט געזוכט רו און די רו האָבן זיי געפונען. און אַז די יורדים פון ירושלים זענען אָנגעקומען אין דעם לאַנד, ווו יידן זענען אַ מאָל געווען קנעכט, האָבן די דאָרטיקע יידן געפרעגט אַזוי צו זאָגן:

„וואָס טוט זיך דאָרט אין לאַנד יהודה? מיר זענען פאַר יהודה מנדב גאָלד און ווייץ, כדי אויפצוהאַלטן און צו בויען די יידישע מלוכה, אָבער די פּאַרטייען אין ירושלים נוצן אויס אונדזער הילף אויף צו פירן מאַכט־מלחמות צווישן זיך און כדי צו שפּאַלטן דאָס פאָלק און חרוב מאַכן דאָס לאַנד."

און כדי נישט מצער זיין די יידן אין מצרים און נישט צו רעדן שלעכטס אויף יהודה, האָבן די יורדים געשוויגן און מיט צעקלעמטע הערצער געגרייט זיך אויפצונעמען דעם יום־טוב פּסח.

און אַז ס'איז געקומען דער הייליקער פּסח אין ירושלים, איז דער האַס צווישן די מחנות פון אַריסטובול און הורקנוס געווען אַזוי גרויס, אַז די באַלאַגערער האָבן זיך געפרייט, וואָס דער מלך און די פאַרבליבענע כהנים אין בית־המקדש האָבן נישט קיין פי פאַר יום־טוב־קרבנות. און די באַלאַגערטע האָבן זיך געפרייט, וואָס אין זייערע הענט געפינט זיך דער בית־המקדש און דער מזבח. זענען כהנים דערשינען אויף די פאָדערשטע טורעמס פון דער מויער, וואָס אַרום הר־הבית און גערופן צו די באַלאַגערער:

„כהן־גדול הורקנוס בן שלומציון, דער מזבח וואַרט אויף קרבנות פון פּסח, און נישט קיין גרויספי און נישט קיין קליינפי איז אונדז געבליבן מקיים צו זיין די עבודה פון קרבן פּסח. הונגער נישט אויס אונדזער נפש, ווי דו הונגערסט אויס אונדזער גוף!"

איז דער רוף פון די כהנים דערגאַנגען צו די אויערן פון הורקנוס און זיין האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן. זענען צום כהן־גדול געקומען די פרומע לייט און אים געטאָן זאָגן:

„הונגערן זאָלסטו אויסהונגערן זייער גוף, אָבער הונגער נישט אויס זייער נפש, וואָס איז דער נפש פון ישראל."

איז געקומען דער גייציקער אַנטיפּאַטער און אַזוי געזאָגט צו הורקנוס:

„אויב שוין יאָ ליפערן צו די כהנים אין בית־המקדש פי, זאָל דער וואָס איז אָנגעשטאַנען אויף דיין לעבן און באַרויבט דיינע רעכט, און דיך פאַרשעמט אין די אויגן פון דיין פאָלק — צאָלן פאַר יעדן לאַם און פאַר יעדן שעפּס צו טויזנט דראַכמעס, אַז ווי אָרעם ער איז אין ברויט, אַזוי זאָל ער אויך ווערן אָרעם אין גאָלד."

האָט הורקנוס אויסגעהערט די עצה און געלאָזט אויסרופן צו די כהנים וואָס אויף דער מויער, אַז ווי באַלד אַריסטובול וועט אין אַ קויש אַראָפּלאָזן פון דער מויער טויזנט דראַכמעס, אַזוי וועט מיט דעם זעלבן קויש אַרויפגעשיקט ווערן אַ לאַם, אָדער אַ שעפּס און זאָל געפּראַוועט ווערן די עבודה פון קרבנות. און

וויפל קוישן גאָלד עס וועט אַראָפּגעלאָזט ווערן פון דער מויער, אַזוי פיל לעמער אָדער שעפּסן וועלן מיט די קוישן צוריק אַרויפגיין. אָבער אַז אַנטיפּאַטער האָט געזען, אַז אַ סך קוישן גאָלד ווערן יעדן טאָג אַראָפּגעלאָזט און אַזוי פיל שעפּסן ווערן יעדן טאָג געליפערט אַרויף צו דער מויער, איז ער געקומען צו הורקנוס און געזאָגט אַזוי:

„דיין ברודער, וואָס איז אָנגעשטאַנען אויף דיינע רעכט און אויף דיין לעבן, איז נאָך מער דורכגעטריבן און פאַלש ווי איך האָב געמיינט. אונטערן אויסרייד פון קרבנות באַקומט ער אַרויף שעפּסן און לעמער אויף שפּייז און נישט פאַר דער עבודה. אויב מיר וועלן אים אויסהונגערן וועט ער שנעלער אויפגעבן זיין עקשנות און זיך אונטערגעבן דיין מאַכט. דעריבער זאָלסטו באַפעלן מער קיין שעפּסן אים נישט צו ליפערן און זאָל דער הונגער אים אַרויסטרייבן פון בית־המקדש און פון דער פעסטונג."

האָט הורקנוס געזען, אַז זיין עצה־געבער איז גערעכט און ער האָט באַפוילן אַזוי צו טאָן. און כדי צו דערשלאָגן די באַלאַגערטע און זיך נוקם זיין אין די כהנים, וואָס זענען געבליבן מיט אַריסטובולן אין בית־המקדש, האָט אַנטיפּאַטער מיט דעם לעצטן קויש, מיט וועלכן עס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן גאָלד, אַרויפגעשיקט אָנשטאָט אַ לאַם — אַ יונגן חזיר. און אַז די כהנים אויף דער מויער האָבן געזען, אַז אָנשטאָט אַ לאַם איז צו זיי אַרויפגעשיקט געוואָרן אַ חזיר אויף מטמא צו זיין דעם בית־המקדש, האָבן זיי זיך צעוויינט און זייער יללה איז זיך צעגאַנגען איבערן הר־הבית און איבער גאַנץ ירושלים, און דאָס געוויין פון די פרומע לייט און זייערע טרערן פון צאָרן און צער האָבן געבראַכט אַ מוראדיקן שטורעם־ווינט איבערן גאַנצן לאַנד און דערנאָך איז פון הימל אַראָפּ אַ האָגל, וואָס האָט אויסגע־וואָרצלט און צעהאַקט דאָס ברויט אויף די פעלדער, אויסגעריסן די פרוכטביימער און אַראָפּגעהאַקט די פּירות פון די צווייגן, אַז נאָר גאָר רייכע האָבן געקאָנט צאָלן די טייערע פרייזן פאַר שפּייז.

האָט דעם לאַנד יהודה געדראָט אַ הונגער. און ווי באַלד די סכנה האָט באַדראָט סיי די באַלאַגערטע און סיי די באַלאַגערער, און די מחנה פון הורקנוס האָט נישט געוואַגט צו גיין שטורעמען דעם בית־המקדש, אום צו צווינגען די מחנה פון אַריסטובול זיך אונטערצוגעבן — האָט מען אין פּאַלאַץ פון די חשמונאים געטראַכט וועגן מופתים. איז געקומען איינער און געזאָגט אַזוי:

„פאַראַן אין לאַנד א מאַן, וואָס זיין נאָמען איז אָניאַס. אַמאָל איז ער געווען אַ מאַן פון גרויסן איינפלוס און רייכקייט. אָבער אויס יסורים צוליב דער אייביקער שנאה צווישן יידן און שטענדיקע מרידות צווישן זיינע ברידער, האָט ער זיך אויסגעטאָן פון וועלטלעכע תענוגים, איבערגעלאָזט זיין רייכקייט, זיין היים און זיין ווייב און איז אַוועק לעבן צווישן די איסיים אין זייער אָרעמקייט. און אַ נדר האָט זיך דער מאַן געטאָן, אַז ביז דער גאָט פון ישראל וועט זיך נישט דערבאַרעמען איבער זיין פאָלק און עס ווידער צוזאַמענפירן אין אחדות, וועט ער לעבן אין נזירות און נישט נהנה זיין פון תענוגים. אַנומלט, ווען אין לאַנד האָט געהערשט

טריקעניש און דאָס ברויט אויף די פעלדער איז נישט אויפגעגאַנגען און די פּירות אויף דיביימער האָבן געגוססט פון דורשט, איז מען געגאַנגען און אויפגעזוכט דעם מאַן און מען האָט געזאָגט צו אים:

„חוני — אַזאַ איז געווען דער יידישער נאָמען פון אָניאַס — זיי מתפּלל עס זאָל אַראָפּפאַלן אַ רעגן.״

האָט ער געזאָגט:

„דער רעגן האַלט זיך אויף צוליב די זינד, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן גאָט. נאָר פאַרוואָס זאָלן די אומשולדיקע ליידן צוליב די שולדיקע? גייט אַרויס און נעמט אַריין די פּסח־אויוונס, זיי זאָלן נישט קאַליע ווערן.״

און ער האָט מתפּלל געווען. און קיין רעגן איז נישט געקומען. האָט ער גענומען און האָט אָנגעצייכנט אַרום זיך אַ קרייז און ער איז געשטאַנען אין אים און ער האָט געזאָגט:

„רבונו־של־עולם! דיינע קינדער האָבן זיך צו מיר געוואָנדן, ווארום איך בין אַ בן־בית ביי דיר. דערום שווער איך ביי דיין הייליקן נאָמען, אַז איך וועל זיך פון דעם אָרט נישט רירן, ביז דו וועסט זיך נישט דערבאַרעמען איבער דיינע קינדער.״

האָבן אָנגעהויבן צו טריפן טראָפּנס. דערויף האָט חוני געזאָגט:

„נישט אום דעם האָב איך דיך געבעטן, נייערט אויף רעגנס פאַר די ברונעמער, וואַסער־גריבער און היילן.״

האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצונידערן שלאַקסרעגנס. האָט ער ווידער געזאָגט:

„נישט אום דעם האָב איך דיך געבעטן, נייערט אויף רעגנס פון רצון, ברכה און זעליקייט.״ זענען אַראָפּ מעסיקע רעגנס אַזוי לאַנג, ביז דאָס פאָלק איז אַרויס פון ירושלים צום הר־הבית צוליב די רעגנס, און געזאָגט צו חוני:

„ווי דו האָסט געבעטן די רעגנס אַראָפּנידערן, אַזוי טו בעטן זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן.״

האָט ער צו זיי געזאָגט:

„גייט אַרויס און זעט, אויב דער אבן הטועים איז שוין ווייך געוואָרן.״

דערויף האָט שמעון בן־שטח געלאָזט אים זאָגן:

„ווען דו זאָלסט נישט זיין חוני, וואָלט איך דיר אין חרם אַריינגעלייגט. אָבער וואָס קאָן איך טאָן, ווען דו פאַרזינדיקסט זיך פאַר גאָט און דאָך קומט ער נאָך דיין תּפילה, ווי אַ זון פאַרשולדיקט זיך פאַר זיין פאָטער און ער גיט אים נאָך זיין ווילן? און וועגן דיר זאָגט דאָס, וואָס עס איז געשריבן: פרייען מעגן זיך דיין פאָטער און דיין מוטער און אַנטציקן זיך דיין געבערערין.״

דערום האָט איינער פון די ראַטגעבער פון הורקנוס געזאָגט, אַז מען דאַרף אויפזוכן חוני המעגל, וואָס איז אַן אייגענער ביי גאָט, ברענגען אים צו פירן קיין ירושלים, כדי ער זאָל פאַרשעלטן די מחנה פון אַריסטובול, און דער גאָט פון ישראל וועט אויסהערן זיין תּפילה.

האָט הורקנוס אַרויסגעשיקט רייטער זיי זאָלן זוכן און אויסגעפינען דעם

הייליקן מאַן און אים ברענגען וואָס שנעלער קיין ירושלים. האָבן די רייטער דורכגעזוכט דאָס לאַנד און געפונען חונין אין אַ הייל און דעם זקן געבראַכט קיין ירושלים. איז צו דעם מאַן געזאָגט געוואָרן אַזוי:

„פאַרשעלט די שונאים, וואָס האָבן זיך פאַרשפאַרט אויפן הר־הבית און מאַך, אַז גאָט זאָל צוויילן זייער תפלה."

האָט זיך חוני אָוועקגעשטעלט אין מיטן לאַגער, וואָס אַנטקעגן הר־הבית, אויפגעהויבן זיינע געדיכטע ברעמען צום הימל, אויסגעשטרעקט זיינע אויסגעדאַרטע הענט צום אַלמעכטיקן און מתפלל געווען, ווי אַ זון בעט רחמים ביי זיין פאָטער:

„רבונו־של־עולם, האַר פון אַלע באַשעפענישן, די וואָס שטייען אַרום מיר זענען אַלע קינדער פון דיין פאָלק, און די וועלכע זיי באַלאַגערן זענען דיינע כהנים. טו איך צו דיר תפילה, גאָט דער איינציקער אין הימל, דערפיל נישט דאָס, וואָסביידע מחנות ווינטשן איינע דער אַנדערער."

זענען די זעלבער אַרום דעם זקן אויפגעבראַכט געוואָרן אויף אים, הלמאי ער האָט נישט פאַרשאָלטן דעם מלך פון יהודה און די מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרשפאַרט אויפן הר־הבית, און זיי זענען צערייצט געוואָרן ווי ווילדע חיות, און אין זייער ווילדקייט האָבן זיי דעם הייליקן מאַן פאַרשטיינט און אים דורכגעשטאָכן מיט שפּיזן, און אין שאָטן פון בית־המקדש האָט ער צוריקגעגעבן זיין נשמה צו גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט.

און גאָט האָט געצאָרנט קעגן זיין פאָלק.

קאפיטל ניין

עמיליוס סקאָורוס, דער לעגאַט פון דעם זיגרייכן און מעכטיקן פעלדמאַרשאַל פּאָמפּייאוס, האָט אין דמשק באַקומען ידיעות, אַז דאָס שכנותדיקע יהודה געפינט זיך אין בירגער־קריג. און געהערט האָט ער ווייטער, אַז אויף דער זייט פון איינעם פון די קעמפנדיקע צוויי ברידער, פּרעטענדענטן צום קעניגלעכן טראָן, האָט זיך געשטעלט אַרעטאַס, דער מלך פון די דערוואַקסטע אַראַבער. סקאָורוס האָט געקאָנט זיין צופרידן דערמיט, וואָס דאָס שכנותדיקע לאַנד יהודה שוואַכט זיך אַליין אָפּ, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרונט צו זיין באַאומרואיקט דערפון, וואָס אַרעטאַס איז געקומען צו הילף איינעם פון די צוויי פּרעטענדענטן נישט אויס גוטהאַרציקייט, נאָר אויף אָפּצורייסן שטיקער פון יהודה דעמאָלט, ווען דאָס לאַנד וועט שוין זיין אויסגעבלוטיקט. און פּאָמפּייאוס, וואָס איז שוין כמעט פאַרטיק געווען מיט סיריע, האָט אַ ווייטערדיקן חשבון געהאַט, אָפּצורייניקן דעם וועג קיין מצרים. און די בריק צווישן סיריע און מצרים איז יהודה. האָט זיך דאָרט איינגעגראָבן דער נאַבאַטייער מלך. און געהערט האָט ער, עמיליוס סקאָורוס, אַז אַרעטאַס, דער נאַבאַטייער מלך, איז דורכגעטריבן און פאַלש, ווי אַ שלאַנג; אַז אַנומלט האָבן זיך זיינע שבטים אַריינגעריסן קיין סיריע און דורכגעפירט שחיטות, כדי ליידיק צו מאַכן די שטחים, וואָס ער האָט געוואָלט באַהערשן. אָן צו פאַרלירן צייט האָט זיך סקאָורוס, בראש פון אַ לעגיאָן, אַוועקגעלאָזט אין דעם לאַנד פון די יהודייער. מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ איז קיין ירושלים דערגאַנגען די בשורה, אַז דער רוימישער אָדלער איז אַריבער די גרענעץ פון יהודה און ער מאַרשירט צו דער הויפּטשטאָט.

אַריסטובול האָט נישט געקענט די רוימער און אַזוי אויך האָט ער נישט געקענט דעם געלטגייציקן און פאַרדאָרבענעם סקאָורוס. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז אויב עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ מענטש, וואָס שטייט־ביי דעם נסיון פון דעם גלאַנץ פון גאָלד, איז דאָס נישט אַ דעראָבערער. האָט אַריסטובול אין דער מיט פון דער נאַכט אַרויסגעשיקט דורך דעם שאָף־טויער צען שליחים מיט אַ זעקל מיט פיר הונדערט טאַלאַנטן, זיי זאָלן איילן קיין סקיטאָפּאָליס, וואָס איז בית־שאָן, דאָרט אָפּוואַרטן דעם רוימישן לעגאַט און זאָלן די טאַלאַנטן אים איבערצייגן, אַז אַריסטובול איז ווערט רוים זאָל אים שטיצן ווי דעם מלך פון יהודה.

ווי נאָר צו הורקנוס איז דערגאַנגען וועגן דער פלינקייט פון זיין ברודער, האָט אויך ער אַרויסגעשיקט שליחים קיין סקיטאָפּאָליס.

די שליחים פון אַריסטובול זענען אָנגעקומען פריער. אין סקיטאָפּאָליס האָט שוין געלאַגערט דער לעגיאָן פון סקאַורוס. אין צענטער פון לאַגער איז געווען אויפגעשלאָגן דער פּראַכטפולער ווייסער געצעלט פון דעם לעגאַט און ביים אַריינגאַנג האָט זיך אויפגעהויבן דער רוימישער אָדלער מיט די שאַרפע נעגל. ווען סקאַורוסן איז געמאָלדן געוואָרן, אַז שליחים פון דעם מלך אַריסטובול ווילן זיך שטעלן פאַר אים, האָט ער געאַנט, אַז באַלד וועט ער זען פאַר זיך באַרבאַרן, ווי זיי זענען אָפט געשילדערט געוואָרן און ווי ער האָט זיי געזען אין סירישע פּראָווינצן. ער האָט אָבער קוים באַהאַלטן זיין איבערראַשונג, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך צען יונגע אַטענער, גלאַט־ראַזירטע, מיט נידעריק־געשוירענע האָר און אין ווייסע בלאַנקענדיקע קיטלען באַזוימטע מיט פאַרביקן זייד. בעת די שליחים האָבן אים באַגריסט מיט דעם אַטענער קלינגענדיקן פּאַטאָס, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט פאַרהערט, ווען אים איז געמאָלדן געוואָרן וועגן שליחים פון דעם יהודייער קעניג. נישט אַנדערש, נאָר גריכן שטייען איצט פאַר אים.

„זענט איר יהודייער, שליחים פון דעם קעניג אַריסטובול ?" — האָט סקאַורוס איבערגעפרעגט.

„מיר זענען יהודייער און אונדזער קעניג אַריסטובול האָט אונדז אַנטקעגנ־געשיקט דיין גנעדיקייט, און אין צייכן פון פאַרערונג פאַר דיר, רוימישער לעגאַט, האָט ער מיטגעשיקט אַ מתנה פון פיר הונדערט טאַלאַנטן."

דערהערט „טאַלאַנטן", האָט זיך סקאַורוס אויפגעריסן פון זיין פּלאַץ און מיט אָפענע הענט אַנטקעגנגעגאַנגען, כדי וואָס שנעלער אַריינצובאַקומען אין זיינע הענט דעם פאַרביקן זאַק מיט גאָלד.

סקאַורוס איז געווען באַרימט ווי אַ זולל ושובע. איז ווי ער האָט אַריינבאַקומען אין זיינע הענט דעם זאַק מיט גאָלד, האָט ער אים באַטאַפּט מיט זיינע דיקע פינגער, ווי עס וואָלט געווען אַ שטיק פעט געבראָטן פלייש, און ער האָט אַרויסגערוקט פאָרויס די אונטערשטע זינלעכע פייכטע ליפּ.

„וואָס קען איך טון פאַר אייער מלך — האָט ער געפרעגט און נאָך אַלץ געטאַפּט דעם זאַק — איך האָב געהערט, אַז ער איז אין נויט. ווי האָט איר, אַן אַלט פאָלק, געקענט אַריינלאָזן אין אייער לאַנד דעם מלך פון די ווילדע נאַבאַטייער אַראַבער ? ער איז געקומען אייך שיצן, אָבער פאַרצוקן וועט ער אייך."

סקאַורוס האָט געלאַכט פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט און אַ וויש געטון איין פעטע ליפּ איבער דער צווייטער :

„וואַרשיינלעך ווערט אַן אַלט פאָלק נאַריש, ווי אַן אַלט ווייב, און גייט אַליין אַנטקעגן דעם גאָט פון טויט."

די שליחים האָבן געוואָרט דער רוימער זאָל זיך אויסרעדן און אויסלאַכן, און שפּעטער האָט ער אַליין איבערגעחזרט זיין פראַגע :

„אַלזאָ, וואָס קען איך טון פאַר אייער מלך ?"

דער שליח, וואָס האָט פריער געהאַלטן דאָס זעקל מיט גאָלד, האָט געזאָגט :

„די בקשה פון אונדזער מלך אַריסטובול איז: דו זאָלסט אים באַפרייען פון די אַראַבער, וואָס צוזאַמען מיט די אינערלעכע פיינט באַלאַגערט ער אונדזער נאַציאָנאַל הייליקטום שוין כמעט אַ יאָר צייט און דאָס פרעמדע חייל צעפרעסט אונדזער לאַנד, ווי אַ היישעריק."

„ווער האָט גערופן דעם נאַבאַטייער מלך, אויב נישט אייער קעניג?" — האָט סקאַורוס אַרויסגעוויזן, אַז ער קלייבט זיך נישט פונאַנדער, וואָס עס קומט פאָר אין יהודה.

„דאָס האָט דעם מלכס ברודער, הורקנוס, דער הויפּט־פּריסטער פון אונדזער נאַציאָנאַל הייליקטום, גערופן צו הילף דעם נאַבאַטייער — האָבן די שליחים אים אויפגעקלערט — אונדזער הויפּט־פּריסטער וויל אויך זיין מלך. און ער וויל, אַז אַרעטאַס זאָל אים העלפן דערין."

סקאַורוס האָט זיך ווילד צעלאַכט און אַלע גלידער האָבן זיך אים געטרייסלט פון געלעכטער:

„וואָס פאַר אַ מנהגים אין יהודה?! אויב אַרעטאַס וועט שלאָגן אייער קעניג איז נישט דערויף אַן אַנדערער זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ, נאָר ער אַליין וועט באַהערשן אייער לאַנד."

„דאָס ווייסט אונדזער מלך און דעריבער האָט ער אונדז אייליק געשיקט צו דיר, זיגרייכער רוימישער קאָמאַנדיר, דו זאָלסט באַוויליקן דיין הילף, צו פאַר־טרייבן די פרעמדע הערשער פון יהודה."

„דאָס זעט מיר אויס ריכטיק — האָט סקאַורוס פאַרזיכטיק געזאָגט — אַלנפאַלס, פאַרזיכערט אייער מלך, אַז רוים איז אויף זיין זייט, אויב ער איז אַ שונא פון דעם מדבר־קעניג אַרעטאַס."

„מעגן מיר איבערגעבן אונדזער מלך, אַז דיין גענאַד, דער לעגאַט פון דמשק און זיגרייכער קאָמאַנדיר סקאַורוס וועט שיצן זיינע רעכט?"

דער רוימער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„איר מעגט אים איבערגעבן, אַז מיר באַטראַכטן אים ווי אַ פריינט פון רוים."

ווי נאָר די שליחים פון אַריסטובול זענען אַרויס פון געצעלט, האָט שוין ביים אַריינגאַנג געוואַרט די דעלעגאַציע פון הורקנוס. אין קעגנזאַץ צו די שליחים פון אַריסטובול, האָט דער כהן־גדול געשיקט הדרת־פּנימדיקע שליחים פון דער ירושלימער פּרושים־אַריסטאָקראַטיע, מיט לאַנגע גוט־געפלעגטע בערד און אין יוסטע קיטלען ביז צו די קנעכל. זיי האָבן זיך לאַנג געבייגט פאַרן לעגאַט, ביז דעם פּראַקטישן און מתנות־גייציקן רוימער איז געוואָרן לעסטיק און ער האָט געפרעגט:

„וואָס ברענגט אייך צו מיר, אויב איר האָט זיך מטריח געווען אַזאַ לאַנגן וועג?"

עס איז אַרויסגעטראָטן אפרים בן־שיחי, אַן אַנגעזעענער זייד־סוחר, וואָס זיינע האַנדלס־באַציאונגען דערגרייכן ביז רוים און מאַוריטאַניע, און ער האָט געזאָגט אין גריכיש:

„עס האָט אונדז געשיקט צו דיין גרויסן גענאַד דער כהן־גדול פון ירושלים, הורקנוס, דער זון פון דעם מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי און דער קעניגין אַלעקסאַנדראַ־שלומציון, מיט דער בקשה צו שטיצן זיינע רעכט צו זײַן קעניג איבער יהודה. לויט דעם אַלטן דין פון ישראל געהערן די רעכט פון ירושה צום בכור. און הורקנוס איז דער בכור, בעת אַריסטובול האָט מיט כיטרעקייט און אכזריות אים באַרויבט פון זיינע רעכט."

סקאַורוס האָט אַרויסגעשטעקט די אונטערשטע ליפּ און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען:

„אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז אייער הויפּט־פּריסטער דער, וואָס האָט גערופן דעם נאַבאַטייער מלך אַרעטאַס צו הילף ער זאָל שלאָגן דעם קעניג אַריסטובול. איז דאָס נישט אמת?"

דער רוימער האָט געקוקט אויף די שליחים און געוואַרט עמעצער פון זיי זאָל פון זיין קיטל אַרויסציען אַ זעקעלע. דאָס איז נישט געשען. אפרים בן־שיחי האָט זיך נאָר פאַרבייגט און געענטפערט:

„מיר זענען געקומען בעטן דיין גענאַד און נישט כדי אין עפּעס צו לייקענען וואָס איז אמת. אונדזער הויפּט־פּריסטער האָט גערופן אַרעטאַס צו הילף, ווייל אויך אַריסטובול באַדינט זיך מיט געדונגענעם חייל. אַזוי שנעל ווי הורקנוס וועט ווערן מלך, וועט ער פאַרטרייבן פון דער מלוכה די פרעמדע קעמפער."

סקאַורוס האָט נישט אויסבאַהאַלטן זײַן אומגעדולד און ווייטער געפרעגט מיט אַ גערייצטן טאָן:

„וואָס פאַר אַ פּרייז צאָלט אייער פּריסטער צו אַרעטאַסן פאַר דער הילף צו באַלאַגערן דעם הערשער פון יהודה?!"

„אונדזער הויפּט־פּריסטער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט ווערן מלך וועט ער אים צוריקגעבן צען שטעט, וואָס דער מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי האָט געהאַט אָפּגענומען ביי די אַראַבער."

סקאַורוס האָט זיך פאַרקרימט:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ קומענדיקער מלך, וואָס נאָך איידער ער איז דער הערשער איבער דער מלוכה, צאָלט ער מיט לאַנד־טעריטאָריע, אָנשטאָט מיט געלט? צי איז אייער פּריסטער פון דעם טיפּ מענטשן, וואָס האַלטן, אַז דאָס וואָס מען דעראָבערט מיט בלוט איז אַ מטבע פאַר האַנדל? מלך אַריסטובול האָט מיר געשיקט מיט זיינע שליחים נישט קיין טעריטאָריע, נאָר פיר הונדערט טאַלאַנטן. דאָס באַווייזט, אַז ער איז אַ בראַוועך מאַן. ער שעצט זיין טעריטאָריע און ווייסט, ווי אויסצודריקן פריינטשאַפט."

די שליחים זענען דערשלאָגן געוואָרן פון דער דערקלערונג. אפרים בן־שיחי האָט אויסגעטוישט אַ פּאָר ווערטער מיט די אַנדערע שליחים און געזאָגט צום לעגאַט:

„גנעדיקער פאַרשטייער פון מעכטיקן רוים! אונדזער גלויבן, דער גלויבן אין גאָט פון ישראל, הייסט אונדז שיצן די גאַנצקייט פון דער פאָלקס־נשמה און

אָפּהיטן זײַנע געזעצן. און אַריסטובול האָט פאַרגוואַלדיקט די געזעצן פון גאָט דערמיט, וואָס ער האָט זיך דערקלערט ווי דער מלך פון יהודה, אָנשטאָט זײַן עלטערן ברודער. מיר פאַרזיכערן דיר, גנעדיקער לעגאַט, אַז אויב דו וועסט שיצן אונדזער הויפּט־פּריסטער צו ווערן מלך, ווי דאָס קומט אים לויט אונדזערע געזעצן, וועט ער דיר אַנטקעגנטראָגן אַ רײַכע מתנה פון פיר הונדערט טאַלאַנטן."

ביי סקאַורוסן האָט געפלאַצט דאָס געדולד. די לײַט זענען געקומען מיט ליידיקע הענט און זיי רעגן אים אויף. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט מיט אַן אַרויסגעשטרעקטן פינגער און געפרעגט אַ בייזער:

„איז דאָס אַלץ?"

אפרים בן־שיחי האָט זיך טיף פאַרנייגט: „דאָס איז אַלץ, וואָס מיר האָבן דיר געוואָלט מודיע זײַן און בעטן, מעכטיקער זיגער. צי קענען מיר זאָגן אונדזער פּריסטער, אַז דו וועסט אים שטיצן אין זײַנע רעכט?"

אָן צו פאַרטראַכטן זיך האָט סקאַורוס געענטפערט:

„גיט איבער אײַער פּריסטער, אַז איך וועל מאַכן אָרדענונג אין יהודה!"

עמיליוס סקאַורוס האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז געקומען מאַכן אָרדענונג. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ישראל און פון יהודה האָט אַ רוימישער לעגיאָן באַטרעטן די ערד פון ירושלים. דער לעגיאָן איז אַרײַן אין שטאָט אין זײַן גאַנצן פאַרבלענדנדיקן גלאַנץ, ווי אויף פּאַראַדן, אין געשייערטע פּאַנצערס און אויסגעשפּיגלטע שילדן, מיט שטאָלענע אָדלערס אויף אויפגעפלאַנצטע שפּיזן — דער סימבאָל פון רוימס מאַכט.

אָן אומרו האָט באַהערשט ירושלים. צום ערשטן מאָל האָט דאָס פאָלק געזען אַזאַ געפּאַנצערטע קראַפט, מיט רײַטוועגענער, געשלעפּטע דורך דריי און פינף פערד אין אַ ריי, מיט שטויס־געווער, וואָס איז ביז איצט נישט געזען געוואָרן, מיט פּיאָנערן־אָפּטיילונגען אויסגעשטאָט מיט בוי־מכשירים און גראָב־מאַשינען, וואָס אַזעלכע האָט דאָס חייל פון יהודה קיינמאָל נישט געהאַט.

הורקנוס האָט אויפגענומען דעם לעגאָט אויפן פּלאַץ פאַרן חשמונאים־פּאַלאַץ. ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם רוימער בראש פון די לײַט, וואָס זענען געווען שליחים צו סקאַורוסן און ביי זײַן רעכטער זײַט איז געגאַנגען אַנטיפּאַטער, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ גריכישן טראַכט. הורקנוס האָט געפּרוווט צו זײַן פּאַטריאַרכאַל אין זײַנע בגדים פון כהן־גדול, כדי צו קאָנען רעדן צום רוימער, ווי אַ פאָטער רעדט צו אַ זון. דאָס איז געווען דער אײַנפאַל פון אַנטיפּאַטערן. אָבער סקאַורוס, וואָס איז אַרײַנגעפאָרן אויף אַ באַגילדעטן רײַטוואָגן מיט הייסע פערד, און איז געווען אָנגעטון אין זײַן פולן צעגלאַנצטן מיליטערישן טראַכט, האָט הורקנוסן אַזוי דערדריקט מיט זײַן פאַרריסענער דערשיינונג, אַז דעם כהן־גדול זענען שוואַך געוואָרן די הענט און ער האָט זיי נישט געקענט אויפהייבן, כדי צו בענטשן דעם גאַסט, ווי ער האָט געהאַט בדעה דאָס צו טון. ער האָט קוים געקענט געפינען די ווערטער צו באַגריסן אים אין דער הייליקער שטאָט און אים פאַרבעטן ער זאָל האָבן זײַן רעזידענץ אין פּאַלאַץ. סקאַורוס האָט די אײַנלאַדונג

אַנגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט, אַז עס וואָלט געקענט זיין אַנדערש, און נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָפט גלייך צו זען דעם מלך. הורקנוס האָט זיך פאַרלוירן און אַנגעהויבן שטאַמלען:

„אַריסטובול... אַריסטובול איז באַלאַגערט... ער... ער... האָט פאַרכאַפּט דאָס הייליקטום פון פאָלק און זיך דאָרט באַזעצט. צי וועט ער אַרויסקומען פון דאָרט ווען דאָס פאָלק איז פיינטלעך צו אים?"

סקאַורוס האָט אַ שאָקל געטון מיט זיינע געפּאַנצערטע אַקסלען און געזאָגט מיט אַ געהעצטער שטים:

„צי איז נישט אַריסטובול דער לעגאַלער מלך פון יהודה? אַזוי לאַנג ווי ער איז דאָס, וועט אָפּגעהיט ווערן זיין פּרעסטיזש און זיין פּערזענלעכע זיכערקייט צוזאַמען מיט דער פּערזענלעכער זיכערקייט פון די, וואָס ווען אים באַגלייטן צו מיר! און איר — האָט ער זיך געווענדן צו אַנטיפּאַטערן — צי זענט איר דער פאָרשטייער פון דעם נאַבאַטייער מלך — און נישט לאַנדיק אים קומען צום וואָרט האָט ער געזאָגט באַפעלעריש: — זאָגט אייער קעניג, אַז ער זאָל זיין אויף אַזוי פיל פאַרנונפטיק און אַוועקנעמען זיין חייל פון דער באַלאַגערונג. רוים וועט נישט דולדן אומגערעכטיקייט!"

זיינע ווערטער האָבן געקלונגען באַפעלעריש און צאָרנדיק. הורקנוס האָט מער נישט געקאָנט איינהאַלטן זיין קינסטלעכע מאַיעסטעטישקייט און זיך איינגעשרומפּן. אַנטיפּאַטער איז בלייך געוואָרן און ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין מוט אויפצוקלערן דעם רוימער, אַז ער איז נישט קיין פאָרשטייער פון דעם אַראַבישן מלך. די ווערטער פון דעם רוימער זענען געווען האַרטע, שלאָגנדיקע און נישט אָפּצופרעגן זיי. און כדי נאָך מער צו ווייזן זיין מאַכט, איז סקאַורוס אַריין אין פּאַלאַץ מיט זיין גאַנצער סוויטע און אָן איבערצופרעגן אַ וואָרט, איז אויך פאַר זיין סוויטע צוגעגרייט געוואָרן אַ פּלאַץ אין פּאַלאַץ.

נאָך דעם קורצן ווערטער־אויסטויש האָט שוין הורקנוס אפילו נישט צוזאַמענגערופן קיין באַראַטונג מיט זיינע יועצים, נאָר באַפוילן אַנטיפּאַטערן אַראָפּ־נעמען די באַלאַגערונג פון הר־הבית און אַרויסציען דאָס חייל פון ירושלים. אָבער דאָס איז געווען נישט לייכט.

במשך פון דעם קנאַפּן יאָר, וואָס די באַלאַגערונג האָט געדויערט, איז זי געוואָרן דער שטייגער פון ירושלים. אין אַ לאַגער איז געווען פאַרוואַנדלט די הויפּטשטאָט און לעבן לאַגער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן קרעמלעך פון שפּייז, פון וויין, און הענדלער פון געווענדער און בשמים האָבן זיך דאָ צעלייגט און אפילו געלט־סוחרים האָבן דאָ אויפגעשטעלט זייערע בענק. בעת סקאַורוס איז אַריין אין דער שטאָט האָט דער שטח אַרום דעם הר־הבית אויסגעזען מער ווי אַ מאַרק פון הענדלער, איידער פון אַ מיליטערישן לאַגער. איבער צענדליקער און צענדליקער שייטערס האָבן זיך געבראָטן שעפּסן און שטיקער פלייש פון פי. די רויכן פון די שייטערס און די ריחות האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין געדיכטן וואָלקן און זיך געטראָגן אַ מאָל אין איין ריכטונג און אַ מאָל אין דער צווייטער.

אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע פון המון זענען הונגעריקע אַרומגעגאַנגען צווישן די צעלייגטע זעלנער און געבעטן אַ שטיקל פלייש, אַ ביין, אַ פּרוכט, אַ לעצט ביסל ווייַן. פּרויען מיט גרויסע קרוגן אויף די קעפּ זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די ליגנדיקע זעלנער און מיט מאָנאָטאָנע שטימען גערימט דעם טייטל־ווייַן, וואָס אין די קרוגן אויף זייערע קעפּ און אויסגערעכנט די מעלות פון ווייַן — זיס ווי קאַנדל, דערקוויקנדיק ווי קוואַל־וואַסער, שטאַרק ווי צען קעמפער און דערפרייט דאָס האַרץ ווי אַ געליבטע... שוסטער האָבן, זיצנדיק אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך, פאַרריכט סאַנדאַלן און די זעלנער האָבן פון לאַנגווייל זיך געדונגען איבער יעדער פּרוטה. דאָ, נעבן די באַלאַגערער, איז אויך געלעגן דאָס גאַנצע אָרעמקייט פון ירושלים, וואָס האָט זיך געשפּייזט פון די ברעקלעך, וואָס די זעלנער האָבן איבערגעלאָזט אָדער אַוועקגעוואָרפן. און פּלוצים האָבן פון אַלע פיר זייטן זיך צעבלאָזן שופרות, גערופן די זעלנער אַראָפּצוגיין פון די פּאָסטנס, אויפהייבן זיך פון די געצעלטן און זיך איינזאַמלען. צווישן די באַלאַגערער און די קרעמער איז אויפגעגאַנגען אַ טומל. זעלנער זענען געלאָפן צו זייער געווער, קרעמער זענען געלאָפן אָפּנעמען חובות. און אַלץ איז געשען אין אַזאַ פאַרבליפנ־דיקער שנעלקייט, ווי עס וואָלט געלאָפן אין חלום:

דאָס באַלאַגערונגס־מיליטער איז אַראָפּגעקעמט געוואָרן פון די שפּועים פון הר־הבית און אין פרייע קאָלאָנעס געפלאָסן דורך דער הויפּט־גאַס אויף דרום, כדי זיך אַרויסצוגיסן פון די טויערן פון ירושלים. בעת דאָס געדונגענע אַראַבישע חייל און די זעלנער פון הורקנוסן זענען אין האַלבער אומאָרדענונג פאַרבייגע־גאַנגען דעם פּלאַץ אַנטקעגן דעם חשמונאים־פּאַלאַץ, האָבן זיי זיך צוזאַמענגע־טראָפן מיט דעם רוימישן לעגיאָן, וואָס האָט געלאַגערט אויפן פּלאַץ.

די פּייערלעך־אויסגעפּוצטע לעגיאָנערן האָבן מיט פאַרריסנקייט און חוזק געקוקט אויף דעם מאַרשירנדיקן חייל. ווען עס זאָל נישט טראָגן מיט זיך כלי־זין, וואָלט מען עס געקענט אָננעמען פאַר קאָלאָנעס געפאַנגענע — די בגדים אַראָפּ־הענגענדיקע, שמוציקע און פאַרנאַכלעסיקטע, מיט צעשויבערטע האָר און איבער־וואַקסענע בערד. צווישן די קאָלאָנעס זעלנער זענען געטריבן געוואָרן מיזערע שעפּסן־סטאַדעס און אויסגעדאַרטע קי. אייזלען האָבן אויף זייערע רוקנס געשלעפּט האַלב־ליידיקע וואַסער־פּעלן און קוישן מיט רעשטלעך פון פּראָוויאַנט.

אויף די אויסגעליידיקטע פּלעצער אַרום הר־הבית זענען איבערגעבליבן די פאַרווירטע הענדלער, בעל־מלאכות, בעטלער און סתם אָרעמעלייט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ טייל פון די בערג מיסט, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך דער באַלאַגערונגס־אַרמיי. אַ וויסטע עלנטקייט האָט זיך געטראָגן פון דעם פּלאַץ, און שטיל איז דאָ געוואָרן, ווי אויף אַ בית־הקברות.

ירושלים האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די שנעלע ענדערונגען, דער אַריינמאַרש פון די רוימער און דאָס אייליקע אַרויספירן פון דער שטאָט די באַלאַגערונגס־אַרמיי האָט צעטומלט און באַאומרואיקט, אַז אפילו דער המון האָט זיך צוריקגעצויגן אין די פאַרשטאָטישע געסלעך און דאָרט געוואַרט, וואָס עס

וועט ווייטער געשען. און עפּעס מוז דאָך געשען, וואָרום נישט אומזיסט איז געקומען די אויסטערלישע פרעמדע אַרמיי, וואָס פירט מיט זיך ביז איצט נישט־געזעענע מלחמה־מכשירים און סטאַנדאַרדן מיט בראָנדזענע אָפּבילדונגען פון אָדלער.

ביז שפּעט אין אָוונט זענען די ירושלימער געזעסן פאַר די טירן פון זייערע הייזער אין די שמאָלע געסלעך און געפּרוווט טרעפן, ווער עס זענען די זעלנער וואָס האָבן אַריינמאַרשירט אין שטאָט און פאַרוואָס האָבן זיי געלאַגערט אויפן פּלאַץ פאַרן חשמונאים־פּאַלאַץ. די זקנים האָבן געפּרוווט אויסגעפינען, אַז דאָס זענען יוונים, די אייניקלעך פון די, וואָס זענען שוין אַמאָל באַפאַלן דאָס לאַנד און עס באַצווונגען און געבראַכט פרעמדע געטער, ביז די יהודייער זענען אויפגעשטאַנען און זיי פאַרטריבן. און די בראָנדזענע אָדלערס, וואָס זיי טראָגן מיט זיך זענען מסתמא זייערע אָפּגעטער. פאַרוואָס זשע האָט מען זיי אַריינגעלאָזט קיין ירושלים? מענטשן, וואָס זענען געווען דער־ביי, האָבן אַליין געזען ווי דער כהן־גדול האָט זיך פאַרנייגט פאַר דעם הויפּט פון דעם צעגלאַנצטן חייל און מיט ערפורכט אים, צוזאַמען מיט זיינע לייט, אַריינגעפירט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. און אפשר זענען זיי גאָר פריינט, וואָס זענען געקומען איינשטעלן שלום אין יהודה? די זקנים זענען נישט געווען זיכער אין דעם. זיי זענען אפילו געווען שטאַרק אומרואיק, ווייל די סופרים און חכמים דערציילן, אַז פון קדמונים אָן זענען געצנדינער שונאים פון פאָלק ישראל און דער גאָט פון ישראל פּרוווט אויס זיין פאָלק אין מלחמה מיט די געצנדינער...

קינדער, וואָס זענען צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע געבליבן פאַר די טירן פון די הייזער און זיך איינגעהערט אין די רייד פון די זקנים, זענען לסוף מיט אומרואיקע געמיטער איינגעשלאָפן אויף די שויסן פון זייערע טאַטעס און געחלומט אומעטיקע חלומות.

דער אומרו פון פאָלק און די אומעטיקע חלומות פון די קינדער זענען געווען באַרעכטיקט. געצנדינער קענען נישט זיין קיין פריינט פון דעם פאָלק ישראל און זיין איינציקן גאָט.

גלייך ווי עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן די באַלאַגערונג פון הר־הבית, איז דער מלך אַריסטובול געקומען צוזאַמען מיט זיין סוויטע אין חשמונאים־פּאַלאַץ צו טרעפן זיך מיט סקאַורוסן. דער רוימער איז געווען צוגעלאָזן און אפילו דער שטאַרקער ווייַן, וואָס ער האָט געטרונקען אין גרויסע מענגעס, האָט אים נישט געשטערט צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ האַרציקן פריינט און ער האָט גלייך געפונען אין אַריסטובולן אַ גוטן באָדן אויף צו שפּייזן אילוזיעס. און דער מלך האָט באמת נושא־חן געווען אין די אויגן פון דעם לעגאַט, וואָס האָט געזען אין דעם יהודייער הערשער אַ מיליטערמאַן, אַ העלעניזירטן רעגירער און דעריבער — האָט ער געטראַכט — קען ער זיין אַ געהאָרכזאַם געצייג פאַר רוים.

אויף אַריסטובולן איז נישט געווען צו מערקן די איבערלעבונגען בעת דער לאַנגער באַלאַגערונג. זיין בראַוורער טאָן און די פרייקייט פון זיין האַלטן זיך

זענען איצט געווען נאָך מער געשטאַרקט דורך דער פּלוצים־געקומענער באַפרײַאונג. הגם צוויי אַנדערע טיפּן און מענטאַליטעטן, האָט זייער מיליטערישקייט געפונען איין לשון. זיי האָבן מער גערעדט וועגן פּרויען און וועגן ווײַן, ווי וועגן מאַכט. דאָך האָט קיינער פון זיי נישט פאַרגעסן, לשם וואָס איינער דאַרף דעם צווייטן. צום סוף, ווען ביידע זענען שוין געווען שיכורלעך פון ווײַן, האָט סקאַורוס געזאָגט וויציק:

„דער נאַבאַטייער דאַרף צוריקקומען קיין פּעטראַ אויף קוליעס" — און ער האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון געלעכטער פון זיין אייגענער באַצייכענונג.

אַריסטובול האָט מיטגעלאַכט און געזאָגט:

„איך וועל דאָס באַווייזן!"

„אָבער דאָס דאַרף געשען וואָס שנעלער. דער וועג קיין פּעטראַ אויף קוליעס איז אַ לאַנגער" — האָט שוין סקאַורוס געזאָגט ערנסט.

אַריסטובול האָט אין דעם געזען, אַז דער רוימישער לעגאַט איז אינגאַנצן אויף זיין זייט. ער האָט ענדלעך אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער זיין ברודער.

אַריסטובול האָט שנעל אויפגעריכטעט זיין חייל. אַלע יונגע מענער, וואָס זענען געווען צוזאַמען מיט אים באַלאַגערט אין דער פעסטונג, זענען איצט אַריינגעטרעטן אין זיין אַרמיי. ווי נאָר עס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען די בשורה, אַז די רוימער זענען געקומען אַזש פון יענער זייט ים־הגדול צו שטיצן אַריסטובול ווי דעם מלך פון יהודה, זענען טויזנטער קעמפער פון הורקנוס חייל אַריבער מיטן געווער צו אַריסטובולן. דעמאָלט האָט סקאַורוס געשיקט אַ שליח צום נאַבאַטייער קעניג און אים באַפוילן, אַז אַזוי ווי דאָס זיגרייכע רוים קען נישט דולדן קיין אומרעכט אין קיין שום פּלאַץ אין דער וועלט, און אַזוי ווי ער, דער מלך אַרעטאַס, איז באַגאַנגען אַן אומרעכט קעגן דעם מלך פון יהודה דערמיט, וואָס ווי אַ פרעמדער האָט ער געהאָלפן באַלאַגערן דעם לעגאַלן מלך אַריסטובול אין זיין אייגענער מלוכה, דעריבער דאַרף די נאַבאַטייער אַרמיי גלייך פאַרלאָזן די טעריטאָריע פון יהודה, סיידן ער וועט זיך דערקלערן ווי אַ פיינטלעכע אַרמיי קעגן רוים און דאָן...

אַריסטובול האָט געהאַט גענוג צייט צוצוגרייטן זיין חייל. די שמידערייען אין ירושלים האָבן גאַנצע טעג געשמידט קאַמף־שטאַנגען, פיילן און שווערדן און פאַנצערס. קאַראַוואַנען קעמלען האָבן פון יפו אַרויפגעבראַכט לאַדונגען פון אייזן, בראָנדז און קופּער. אַריסטובולס פאַרטרויאונגס־מענער האָבן פון די פעסטונגען באַהעלטענישן אַרויפגעבראַכט קיין ירושלים גאָלד, און אַלץ איז אַוועק פאַר צוגרייטן אַ שטאַרקע און קאַמפּסלוסטיקע אַרמיי.

אַנגענומען דעם באַפעל פון סקאַורוס צו פאַרלאָזן יהודה, האָט זיך אַרעטאַס נישט געאײַלט אין מאַרש. זיין חייל האָט זיך באַוויגן פּאַמעלעך. ער האָט נאָך אַלץ געהאַט האָפענונג, אַז דער אָפּמאַך מיט הורקנוסן, אים אָפּצוגעבן צען שטעט

וועט אויסגעפירט ווערן, כל־זמן זיין אַרמיי געפינט זיך אין די גרענעצן פון יהודה. אפשר וועט דורך דער צייט דער רוימער אַוועק פון יהודה און אַלץ וועט זיך אָנהייבן פונסניי?

אַזוי שנעל ווי די רייכע פרושים האָבן איינגעזען, אַז דער רוימער שיצט אַריסטובולן, האָבן זיי אויפגעהערט צו לייען געלט הורקנוסן און דער כהן־גדול האָט מער נישט געהאַט קיין מיטלען צו ליפערן געווג שפּייז פאַר דעם געדונגענעם חייל אויף זיין צוריקוועגס.

דאָס וואָס דער אַראַבישער מלך האָט געטראַכט, אַז עס קען זיין זיין מזל, איז געווען דאָס מזל פון אַריסטובולן. דער פאַמעלעכער מאַרש פון די פרעמדע האָט אים צוגעדינט. ער האָט זיך דורך דער צייט געקענט צוגרייטן. און ווען ער איז געווען גרייט האָט ער נאָך צוגעוואַרט, ביז דאָס חייל פון אַרעטאַס וועט זיך געפינען אין טאָל פון ירדן נעבן ים־המלח. דעמאָלט איז אַריסטובול אַרויס מיט זיין אַרמיי.

אויסגעדורשט נאָך נקמה פאַר די ליידן צוליב דער באַלאַגערונג, און געטריבן דורך דער אַמביציע צו ווייזן דעם רוימער, אַז ער האָט גוט פאַרשטאַנען זיין ווונטש: „דער נאַבאַטייער זאָל צוריקקערן קיין פעטראַ אויף קוליעס", האָט זיך אַריסטובול געטראָגן מיט זיין אַרמיי איבער די בערג־שיפּועים ווי אַ ווירבער. דאָס אַראַבישע חייל, ווי זיינע באַגלייטער פון הורקנוסן, האָבן זיך נישט געריכט, אַז זיי וועט אויסקומען אויפן וועג צו קעמפן. דאָס חייל איז דעריבער נישט געווען געשיצט פון הינטן. דאָס באַוואָפענונג איז געווען באַפעסטיקט צו די רוקנס פון די פערד און קעמלען און דער מאַרש איז געווען אַ נישט געאָרדנטער. ווי נאָר דער שוואַרם פון מענטשן און שלעפּ־חיות האָבן זיך געפונען אין ענגן בעקן ביי דער שטאָט פּאַפּירון, איז אַריסטובול אויף אים אַרויפגעפאַלן אין רוקן און זיך אכזריותדיק אָפּגערעכנט פאַר דעם פּיין פון זיין באַלאַגערט און פאַר דער באַליידיקונג.

שעהן האָט געדויערט די שחיטה, אין וועלכער מענטש איז נישט אונטערשיידט געוואָרן פון פערד, און פערד פון קעמל, און קעמל פון אייזל. אַלץ וואָס האָט געלעבט איז פאַרשניטן געוואָרן, נאָך איידער עמעצער האָט באַוויזן אַראָפּצונעמען זיין געווער פון דעם פערדס רוקן. ווי אַ פעלד פון צינאָבער האָט אויסגעזען די ערד, רויט פון בלוט. און רויט איז געוואָרן דער ירדן־איינגוס אין ים־המלח. פון דער פילטויזנט־קעפּיקער אַרמיי האָבן בלויז רעשטלעך, די וואָס זענען געגאַנגען פאָרויס און געהאַט צייט צו אַנטלויפן, זיך אָפּגעראַטעוועט אין סטעפּ. די אַרמיי פון אַרעטאַס איז געבליבן אין בערג פּגרים.

במשך פון לאַנגע וואָכן האָבן סטאַדעס שאַקאַלן און היענעס נישט געקענט אויפפרעסן אַזאַ גרויסע צאָל פּגרים. און אַנדערע סטאַדעס פון רויב־חיות און רויב־פייגל האָבן געוואַנדערט פון דרומדיקן סטעפּ צו דער גרויסער סעודה ביי די ברעגעס פון ים־המלח.

אַריסטובול איז צוריקגעקומען קיין ירושלים ווי דער זיגער און ער האָט

געקענט מעלדן דעם רוימישן לעגאַט, אַז ער האָט אויסגעפירט זיין ווונטש: „דער נאַבאַטייער איז אַוועק צוריק קיין פּעטראַ אויף קוליעס״...

סקאַורוס איז געווען צופרידן פון זיך. ער האָט זיך נישט טועה געווען אין אויסוויילן אַריסטובולן ווי זיין געצייג. דער יהודייער מלך איז בראַוו און אימ־פולסיוו — אַ פלאַם, וואָס ווען נייטיק וועט ער אים פאַרלעשן. אָבער איצט, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרניכטעט די נאַבאַטייער אַרמיי, האָט ער גערן אָנגעטון דעם כבוד דעם זיגער, צו זיין אויף דער קעניגלעכער סעודה. און הגם אַריסטובול האָט די סעודה איינגעאָרדנט לכבוד זיין אייגענעם נצחון, האָט ער פאַרזיכערט סקאַורוסן, אַז די סעודה איז לכבוד זיין רוימישן פריינט.

די ירושלימער צדוקישע אַריסטאָקראַטיע האָט נישט געדענקט, עס זאָל ווען עס איז אין חשמונאים־פּאַלאַץ האָבן פאַרגעקומען אַזאַ סעודה ווי די, וואָס אַריסטובול האָט געגעבן. פון סקיטאָפּאָליס און פון יריחו האָט מען געבראַכט די טייערסטע ווייַנען פון טרויבן און טייטלען. פון ירדן־טאָל זענען אַרויפגעבראַכט געוואָרן די פעטסטע שאָף, פון מזרח־צור איז געבראַכט געוואָרן אַ קאַראַוואַן פון די איידלסטע פרוכטן. און פון בשן זענען געבראַכט געוואָרן קרוגן מיט שמעקעדיקן האָניק אויף צו טונקען אין אים עפּל און פייגן. און אַריסטובול האָט נישט פאַרגעסן צו דערגיין ביים רוימער, וואָס פאַר אַ ריחות פון זאַלבן עס פילן אָן זיינע נאַזלעכער מיט גליק. און אַז ער האָט געהערט, אַז דער ריח פון נאַדל־ביימער דערמאָנען אים זיינע גליקלעכע קינדער־יאָרן, האָט פייל אויסן בויגן געאיילט קיין צידון אַ שליח און ער האָט געבראַכט זאַלבן פון קטורת, וואָס האָבן אין טאָג און אין אָוונט פון דער סעודה אָנגעפילט די זאַלן פון פּאַלאַץ מיט די ריחות פון נאַדל־וועלדער.

סקאַורוס איז געווען אויסער זיך פון דער שיינקייט פון די ירושלימער טעכטער. וואָס ער האָט געזוכט אויף זיין לאַנגן וועג איבער דער גאַנצער וועלט, פון רוים איבער לענדער און פעלקער, האָט ער ענדלעך געפונען אין ירושלים. די טעכטער פון ירושלים זענען מילד און שלאַנק, ווי די אינדן, וואָס פיטערן זיך מיט גרינער פאַשע. און זיי שמעקן מיט נאַדל־וואַלד, און זייער אָטעם האָט דעם ריח פון זיסע מאַנדלען. און זייערע ליפּן זענען ווי זאַפטיקע בלומען־קנאָספּן.

נאָך די טריבע חדשים פון דער באַלאַגערונג, איז די סעודה אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אַ יום־טובדיקע געלעגנהייט פאַר די ירושלימער צדוקישע ווייבער און טעכטער, צו ווייזן זייערע קליידער און צירונג, זיך איבערצוזאָגן אין רייכקייט און אין די אויסגעזוכטע זאַלבן־ריחות. און דער יום־טוב איז געווען אַ גרעסערער דערמיט, וואָס די סעודה איז געגעבן געוואָרן לכבוד דעם רוימער לעגאַט. און ער אַליין, דער פרעמדער, איז אָנוועזנד אויף דער סעודה, מען וועט זיך באַווייזן אין זיין מחיצה, מען וועט קענען זיין צו אים נאָענט, רעדן מיט אים און אים וועלן געפעלן.

אָבער נישט ווייניקער ווי עס איז געווען פאַרשיכורט מיט דער סעודה די צדוקישע אַריסטאָקראַטיע, איז אויך געווען בגילופין סקאַורוס. אַליין אַ פּרעסער און תענוגים־זוכער, האָט ער פונדעסטוועגן נאָך נישט בייגעוווינט אַזאַ רייכע סעודה, ווי די וואָס ביים מלך אַריסטובול. און אַזעלכע צירונג־באַהאַנגענע פרויען האָט ער נאָך נישט באַגעגנט, ווי די אויף דער סעודה אין הויף פון די חשמונאים. סקאַורוס האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פון וואָס ער ווערט אַזוי שיכור. ער איז קיינמאָל נישט איבערגעטרונקען און קיינמאָל נישט איבערגעפרעסן. ווי נאָר דער מאָגן און דער קאָפּ ווערן אים שווער, גייט ער אַוועק אין אַ זייט, שטופּט אַריין צוויי פינגער אין שלונג און מאַכט ווידער דעם מאָגן ניכטער. דערנאָך שווענקט ער אויס דאָס מויל און ער איז ווידער גרייט אַרייַנ־צוגיסן אין זיך אַ קריגל ווייַן און אַרייַנפרעסן אַ שאָפּישע ריפּ. דאָס מאָל אַרבעט נישט דער שטייגער. ער איז שיכורלעך, די חושים זענען אים פאַרטשאַדעט מיט די ריחות פון זאַלבן און פון די גלוסטנדיקע בליקן פון אַזוי פיל יונגע פרויען מיט צעגליטע ליפּן און צעפלאַמטע אויגן. ער וואָלט זיי אַלע דאָ צוזאַמענגענומען אַרום זיך אויף די ווייכע קישנס און ער וואָלט זיי אַרומגעלייגט אַרום זיין פעטן, ריזיקן גוף. אָבער די גלידער זענען אים פויל, דער קאָפּ איז באַרוישט און ער ווייסט נישט וואָס מיט אים געשעט, אַז ער קען נישט שמייכלען מער ווי צו איינער, וואָס אויף איר איז פריער געפאַלן זיין בליק. מסתמא איז זי אים אַרייַנ־געפאַלן אין בלוט און אים פאַרשיכורט, אַז אפילו ווען ער מאַכט זיך ווידער ניכטער מיט צוויי פינגער אין שלונג, איז ער דאָך שיכור. און זי איז מרים־אַפּאָלינאַ. לויט דעם ריטם, ווי זי באַוועגט מיט די לענדן, שלאָגן זיינע שלייפן. ווען איר בליק טרעפט זיך צונויף מיט זיין בליק, שלאָגט אים דאָס בלוט אין מוח אַריין. האָט ער אַרויסגערוקט זיין אונטערשטע פעטע און פייכטע ליפּ, זי געווישט אין דער אויבערשטער ליפּ און אַפּאָלינען געלאָקט צו זיך, ביז ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און איר אָנגעוויזן אַ פּלאַץ אויף די קישנס נעבן זיך.

אַפּאָלינאַ האָט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון. דער צויבער פון פרעמד־קייט, דאָס וואָס דער מאַן קומט פון ווייטע לענדער נאָך מלחמות און נצחונות און, בעיקר, דאָס וואָס ער האָט אויסגעוויילט נאָר איר און נישט קיין אַנדערער פון די פר־יען פאַר זיין לייטזעליקייט, האָט איר געצויגן צו זיינע קישנס.

און אָט זענען שוין די אויגן פון אַ סך יונגע פרויען געווענדעט צו איר. זיי האָבן באַמערקט ווי סקאַורוס שמייכלט צו דער אדומערין און די געדערעם האָבן זיך אין זיי איבערגעדרייט פון קנאה. און זי אַליין איז אויסגעדורשט נאָך באַוווּנדערונג פון אַנדערע מענער, ווייל זינט אַרטאַפּאַנוס איז איר געליבטער ווערט זי געליימט דורך זיין אייפערזוכט. זיין בליק איז געוואָרן ווי דער שאַרף פון אַ מעסער, וואָס האַלט איר אין סכנה, ווען אין דער סביבה איז פאַראַן אַ יונגער מאַן. אָבער איצט קען זי נישט ביישטיין דעם נסיון. דער פרעמדער רייץ פון דעם רוימער, די קנאה־בליקן פון די פרויען און איר אייגענע אייטלקייט שלעפּן זי צו אים, אויף זיינע קישנס.

און ווי נאָר זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים, האָט זיך סקאַורוס איינגעפּרעסן מיט זיינע פינגער אין די רונדיקייטן פון איר לייב. אַפּאָלינאַ האָט אים אָנגעצונדן און ער האָט געפלאַקערט. ער האָט אויפגעהויבן זיין קריגל ווייַן און אַ גאָס געטאָן אויף דעם אייל־לעמפל אין זיין צוקאָפּנס אויף צו פאַרלעשן דעם אַזוי אויך שוואַכן ליכט־פלאַם. אַרטאַפּאַנוס האָט דאָס באַמערקט מער מיטן אינסטינקט ווי מיטן בליק, ווייל אויך ער האָט שוין געהאַט אַ ווייַן־נעפּל אין מוח. און ווי נאָר ער האָט באַגריפן וואָס עס געשעט, האָט ער אויפגעהויבן זיין ווייַן־קריגל און מיטן גאַנצן כוח אַראָפּגעלאָזט עס אויפן שטיינערנעם דיל. דער קלאַפּ פון די שאַרבנס אין שטיין, זיין געבריל פון ווייטיק און דאָס וואָס דער צעשפּריצטער ווייַן האָט פאַרפלעקט די קליידער פון די אַרומיקע, האָט דערשיטערט דעם מלך אַריסטובול. ער האָט אַ געשריי געטאָן צו די דינער:

„פירט אַרויס דעם שיכורן אַרטאַפּאַנוס!"

פעסטע הענט האָבן באַצוווּנגען דעם צעברילטן מאַן און אים אַרויסגעשלעפּט אין גאָרטן.

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט אויפגעהערט זיין ברילעניש:

„ירושלימער ווייבער וועלן האָבן צייט צו ליגן אין די אָרעמס פון די רוימער, ווען זיי וועלן זיין אין זייער געפאַנגענשאַפט! פאַרטרייבט דעם רוימישן חזיר! פאַרטרייבט אים, כדי זיין פּגר זאָל נישט באַגראָבן ווערן אין ירושלים!"

אַריסטובול איז געווען דערצאָרנט און ער האָט באַפוילן דעם שיכורן אַרויספירן אויך פון גאָרטן, פאַרמאַכן אים אין אַ קאַמער, ער זאָל מיט זיין ווילדקייט נישט ברענגען אַן אומגליק אויף יהודה.

אויפצומאָרגנס, נאָך דעם ווי סקאַורוס איז מיט זיין לעגיאָן אַרויס פון דער הויפּטשטאָט אויף זיין צוריקוועגס קיין דמשק, האָט אַריסטובול געהייסן באַפרייען אַרטאַפּאַנוסן און אים אָנזאָגן ער זאָל קומען צו אים.

ער איז געקומען צום מלך אַ קראַנקער, אויסגעבלייכט און פאַרלאָשן.

„דאַרפסט מיר דאַנקבאַר זיין פאַר דעם וואָס דו לעבסט נאָך — האָט אים אַריסטובול געזאָגט — איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן נעכטן אין אָוונט דיך נישט צו דערשטעכן אויפן אָרט. שיכורט זיך אָן אַ מאַן צו דער מאָס, ער זאָל מיט ווילדע אויסברוכן באַדראָען דעם נצחון, וואָס מיר האָבן דעראָבערט מיט בלוט?"

אַ פינצטערער האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט:

„וואָלסט בעסער געטון, מלך, ווען דו זאָלסט מיך האָבן נעכטן דערשטאָכן. דער טויט וואָלט געווען אַ חסד פאַר מיר, איידער צו פילן דאָס וואָס איך פיל. דיין נצחון, מלך, איז ענלעך צו דעם, ווי אַפּאָלינאַ איז באַשלאָפן געוואָרן פון דעם רוימישן חזיר."

„ביסט קראַנק, אַרטאַפּאַנוס" — האָט דער מלך רעאַגירט.

טראָפּנס שווייס האָבן אַרויסגעזעצט אויף אַרטאַפּאַנוסעס שטערן און ער האָט געזאָגט ווי אַ באַנומענער:

„איך בין קראַנק. דאָס איז אמת. איך בין קראַנק פון זען. דער רוימער האָט זיך באַנומען נישט ווי אַ גאַסט און נישט ווי אַ פריינד, נאָר ווי אַ באַהערשער: ער האָט באַהערשט אַפּאָלינאַן, ווי ער האָט באַהערשט ירושלים. און ער האָט באַהערשט ירושלים!"

אַריסטובול האָט געחוזקט:

„די רעדסט פון פיבער און פון קנאה. דער רוימער איז געקומען ווי אַ געקויפטער פריינד. פאַר זיין הילף האָב איך אים באַצאָלט פיר הונדערט טאַלאַנטן. ער איז געקומען, מיך געהאָלפן און אַוועק."

אַרטאַפאַנוס האָט נערוועז און אומגעדולדיק געטרייסלט מיטן קאָפּ:

„ניין, ניין, מיין מלך. דורך דער צייט פון דער באַלאַגערונג האָב איך זיך צוגעבונדן צו דיר מער ווי איך בין ווען עס איז געווען צוגעבונדן צו מיין פאָטער. איך האָב מיין לעבן פאַרבונדן מיטן גורל פון יהודה אונטער דיין הערשאַפט. ווי איך בין געווען מיט דיר אין די טעג פון נויט, אַזוי וועל איך אויך ווייטער בלייבן נעבן דיר. איך וועל דיך נישט פאַרראַטן. דו קאָנסט מיך איצט דערשטעכן, דו קאָנסט הייסן מיך צוריק אַריינזעצן אין דער פינצטערער און פייכטער קאַמער, ווי דו האָסט עס נעכטן געטון. מיין באַציאונג צו דיר וועל איך דערפאַר נישט ענדערן. אָבער איך קען נישט טיילן דיין גלויבן, אַז דער רוימער איז אונדזער פריינד. ער איז אונדזער שונא! איך זע עס אַזוי קלאָר: ער האָט דיר, מלך, געהאָלפן פאַרטרייבן די באַלאַגערונגס־אַרמיי פון אַרעטאַס נישט פאַר דיין נצחון וועגן, נאָר אויף צוצוגרייטן דעם נצחון פון רוים איבער יהודה. און דו האָסט געשלאָגן דאָס חייל פון דעם נאַבאַטייער מלך נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך און בעיקר פאַר רוים. איך טאַפּ דאָס אָן מיט די פינגער. איך פיל דעם ביטערן טעם אויף מיין גומען. ווי דו האָסט געדאַרפט די מפלה פון די אַראַבער, כדי צו זיין אַ פרייער מלך איבער יהודה, אַזוי האָט סקאַורוס געדאַרפט זייער מפלה, ווייל ער אַליין וויל באַהערשן יהודה, ווי רוים באַהערשט אַלע לענדערייען ביים ברעג פון גרויסן ים. איך זע דאָס אַלץ מיט אַזאַ שטאַרק ליכט, אַז איך בין נאָענט בלינד צו ווערן פון זען און אַראָפּגיין פון זינען."

אַרטאַפאַנוס האָט גערעדט מיט היץ און באַנומענקייט, און אַריסטובולן האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויף זיין יונגן פריינט. ער האָט אים געפּרוווט באַרואיקן:

„דיר טוט ווייִ וואָס אַפּאָלינאַ איז באַשלאָפן געוואָרן דורך דעם רוימער. דאָס איז אַ נאַטירלעך געפיל ביי אַ מאַן. אָבער צוליב אַ ווייב, אַ זונה, זאָלסטו נישט טראַכטן וועגן יהודה ווי וועגן אַ זונה, וואָס וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון אַ פרעמדן. באַרואיק זיך און דו וועסט זען אונדזער נצחון, ווי אַ נצחון פון אמת און נישט ווי אַ פאַרבלענדונג פאַר פרעמדע. פון אַן אַנדערן וואָלט איך נישט פאַרטראָגן די ווערטער, וואָס דו האָסט געלאָזט פאַלן. אָבער איך שעץ דיין ערלעכקייט און דיין געטריישאַפט צו יהודה און צו מיר. דערפאַר האָב איך דיך אויך נעכטן נישט דערשטאָכן, ווען דו האָסט געהאַנדלט ווי אַ לייכטזיניקע פרוי. נאָר דאָס זאָג איך דיר, אַרטאַפאַנוס: הונדערט, ווי דו, צו מיין הילף, און קיינער

וועט אונדז נישט קענען באַזיגן. און ווי אַ צייכן פון צוטרוי, כדי דו זאָלסט וויסן וואָס איך טראַכט וועגן דיר און ווי נייטיק דו ביסט מיר, באַשטים איך דיך ווי אַ קאָמאַנדיר איבער טויזנט. איצט גיי, שלאָף אויס דעם וויין און דיין קנאה.״

אַרטאַפּאַנוס איז נישט געגאַנגען אויסשלאָפן זיין קנאה און דעם וויין. ער האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן פון ירושלים, אין די שמאָלע געסלעך פון המון, צווישן די הענדלער, און ער האָט קיין אָרט נישט געפונען, ווי עס קען נישט געפינען קיין אָרט אַן אבל. זיינע אינגעווייידן האָבן געקלעמט אין אים און קיין אַנטרינונג האָט ער נישט געפונען פון די ווייטיקן. אין אַן אַנדער פאַל וואָלט ער איצט אַוועק צו מרים־אַפּאָלינאַ, אָבער איצט איז זי געווען אַזוי ווייטיקלעך ווייט פון אים און ווי זי וואָלט אַוועק פון אים מיט אַ לאַנגער צייט צוריק. ער איז געווען פאַרוווּנדעט פון איר, דאָך האָט ער דעם ווייטיק געפילט, ווי ער וואָלט געקומען פון אַן אַנדער גורם און נישט פון איר, וואָס איז איצט דערווייטערט פון אים אין אַן אַנדער וועלט. אפילו איר געשטאַלט איז פאַרווישט געוואָרן פון אים, גלייך ווי דאָס וואָס איז געווען וואָלט געשען מיט אַ גאַר־גאַר לאַנגער צייט צוריק. איז ער געווען היימלאָז, אַרטאַפּאַנוס. אפילו זיין פאָטערס הויז איז אים פרעמד געווען און ווייט. און ווי די רייכע גאַסן פון ירושלים זענען אים לעסטיק, אַזוי זענען אים דערווידער געווען די געסלעך פון המון, זייער עלנד, די ריחות פון די געקאָכטע ביליקע שפייזן, אויסגעמישט מיט דעם רויך פון געברענטע דערנער־צווייגלעך. אַלץ איז אים לעסטיק געווען און דערווידער, און ווו צו אַנטרינען איז נישטאָ. דאָס מאָל האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַזוי פיל יונגע, קראַפטפולע מענער פאַרלאָזן זייערע ווייבער, זייערע שטאָטישע אייטעלע תענוגים, זייערע היימען און גייען אַוועק אין די דערפער פון די איסיים, כדי צו לעבן אין אויסגעוויילטער אָרעמקייט און נזירות. דאָרט, אין די מדבר־דערפער, ווייט פון די טראַקטן, איז נישטאָ קיין שנאה צווישן אייגענע ברידער, קיין פאַרראַט, קיין מאַכט־גייציקייט, קיין אינטריגעס; דאָס טיילן זיך מיטן אָרעמען ברויט און מיטן געלעגער, איז דער אויסדרוק פון אַ גלויבן אין עפּעס גאָר ליכטיקס, וואָס דאַרף קומען אַמאָל, אַמאָל; וואָס וועט אפשר נישט קומען, אָבער אפילו בלויז דער חלום וועגן דעם גרויסן גליק גיט לייטזעליקייט. האָט זיך דאָך ער, אַרטאַפּאַנוס, צוגעקוקט, אַז ווי נאָר דער איסי, חוני המעגל, האָט פאַרלאָזט זיין דאָרף און זיין גליקזעליקייט און איז אַרויף קיין ירושלים, כדי צו טיילן זיין ליבשאַפט מיטן פאָלק, מיט אייגענע ברידער, איז ער צום טויט דערשלאָגן געוואָרן פון שנאה. דערפאַר וואָס ער האָט מתפלל געווען פאַר שלום צווישן ברידער, דערפאַר וואָס ער האָט געבעטן ביי גאָט פון ישראל ער זאָל נישט דערפילן די שלעכטס־ווונטשן פון איין טייל פאָלק קעגן צווייטן, איז ער פאַרשטיינערט און צעשטאָכן געוואָרן. אָ, אַנטלויפן, אַנטלויפן אַהין, ווו דער הימל איז אַן אומענדלעך פאַטערלאַנד און ווו די ערד איז אַ שפּייזקאַמער און צו גלייך אַ געלעגער פאַר אַ גענעזנדיקן שלאָף.

אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געהערט צו די, וואָס קענען אַנטלויפן פון זיך און פון זייער פאָלק. ער האָט ליב די ערד, ער האָט ליב זיין לאַנד און זיין

פאָלק. און ער האָט ליב די ליידנשאַפטן, וואָס באַאומרואיקן מיט נסיונות. אָבער ווו נעמט מען דעם כוח צו איבערצייגן אַנדערע אין דעם וואָס ער זעט, זיי זאָלן באַגרייפן וואָס ער פילט? צו וועמען ער זאָל נישט רעדן — צו דעם מלך, צו זיין פאָטער, צו זיינע פריינט — איז ווי ער וואָלט גערעדט אויף אַ לשון, וואָס איז פרעמד פאַר זיי. „אַ מאַן דאַרף קענען פאַרגעסן. אָבער ער, אַרטאַפּאַנוס, קען נישט פאַרגעסן די באַליידיקונג, וואָס געצנדינער האָבן געחוזקט פון זיין אָפּגעדעקטער יידישקייט, און דערפאַר איז ער פול מיט פאַרדאַכטן און אומצוטרוי אַפילו צו אייגענע." אַרטאַפּאַנוס האָט זיך געוועוּרט: נישט דאָס איז דער אמת. דער אמת איז, אַז די באַליידיקונג האָט אים צוריקגעבראַכט צו זיין פאָלק; דער אמת איז, אַז ער זעט נישט קיין זין אין דעם, אַז אַ ייד זאָל וועלן זיין אַ נישט־ייד, אַן אַנדערער ווי ער איז. פאַרוואָס ווילן יידן אַנטלויפן פון זיך אַליין? פאַרוואָס וויל נישט אַ גריך זיין אַ רוימער? פאַרוואָס וויל נישט אַן אַראַבער ווערן אַ כרותי? פאַרוואָס וויל נישט אַ רוימער ווערן אַ מצרי, נאָר אַ ייד וויל זיין דאָס וואָס אַן אַנדערער איז און נישט דאָס וואָס ער איז אַליין? אויף דעם האָבן אים תמיד זיינע פריינט געזאָגט, אַז ער איז אַ פּרושי און געחוזקט פון אים, אַז ער האָט געזויגן די בריסטן פון שמעון בן־שטח. אַ קליין פאָלק טאָר זיך נישט אָפּזונדערן און דאַרף זיין ווי אַלע פעלקער. אויף דעם פלעגט אַרטאַפּאַנוס ענטפערן מיט היץ: „ווען מיר דעמאָלט פאַרשווינדן צווישן פעלקער! פאַרוואָס זאָלן מיר פאַרשווינדן צווישן אַנדערע? נאָר מיאוסע פרויען פאַרבן זייערע באַקן און זייערע אויגן, כדי זיי זאָלן פאַרלירן זייער אייגן פּנים און ווערן ענלעך צו אַנדערע. צי האָט נישט אונדזער פאָלק קיין אייגענע שיינקייט, נאָר מוז זיך פאַרבן אויף אַ פרעמד געשטאַלט? איך פיל, אַז אַ פאָלק וואָס וועט אויפגעבן זיין געשטאַלט וועט שפּעטער אויך אויפגעבן זיין לאַנד."

ער איז געבליבן נישט פאַרשטאַנען.

אין זיינע בלאָנקענישן איבער די ירושלימער גאַסן און מערק האָט ער געפּרוווט זיך אַליין באַרואיקן: אפשר זע איך פאַלש? אפשר זע איך פון פיבער? און אפשר איז גערעכט מיין פאָטער דערמיט, וואָס ער זאָגט, אַז מיין מוטער פון גלות האָט אין מיר אַריינגעהויכט אַ נישט־ריכטיקע פילבאַרקייט און נייגונג, ווי ביי די פּרושים, צו טראַכטן וואָס עס וועט זיין שפּעטער און דערנאָך? אָט גייען פאַרביי מענטשן מיט צעשמייכלטע פּנימער, צעטומלטע יונגעלייט, האָפער־דיקע יונגפרויען, וואָס שפּרייטן אויס אַרום זיך אומגעזעענע נעצן פון רייצנדיקע זאַלבן. זיי געניסן ווידער פון דעם שלום און שלווה אין יהודה. נאָר ער אַליין איז נאָך ווייטער באַלאַגערט. איז אפשר דאַרף אַ שטערבלעכער לעבן בלויז מיטן טאָג? גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און ער לעבט אייביק, זאָל ער טראָגן די זאָרג פאַר זיין פאָלק. דער איינצלנער מענטש איז נישט מחויב. גאָט האָט אים נישט געפרעגט, צי ער זאָל אים יאָ אָדער נישט באַשאַפן. דער איינצלנער מענטש איז אַ קאַפּריז פון גאָט — אָט לאָזט ער אים לעבן און אָט קערט ער אים צוריק צו

דעם וואָס ער איז געווען — גאָרנישט. פֿאַרוואָס זשע זאָל דער איינצלנער מענטש נעמען אויף זיך מער ווי ער איז?

אַרטאַפֿאַנוס האָט זיך ביסלעכווייז באַרואיקט. ער וועט פּרוּוון, ווי אַנדערע — גיין מיטן שטראָם, לעבן מיטן טאָג, ווי עס לעבט אַ זעלנער, נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד — נישט דער סביבה און נישט זיינע ליידנשאַפֿטן. האָט דאָך מלך אַריסטובול אים פֿאַרגעלייגט איבערצונעמען די אָנפֿירונג איבער טויזנט קעמפֿער; ווערן פֿאַר אים דערמיט צעעפֿנט אַלע טויערן צו תענוגים — פֿרויען, מאַכט, קאַמף־פֿאַרמעסטונגען, געיעגן און פֿעטע סעודות.

אין יהודה האָט זיך געשטעלט אַ צייט פֿאַר געגנוס. נאָך דער באַלאַגערונג האָט דאָס פֿאָלק אָפּגעעטעמט פֿרייער. דער אָנזען פֿון דעם מלך אַריסטובול איז געשטאַרקט געוואָרן. געוואָרנט און אָנגעשראָקן פֿון סקאָורוסעס אינטערווענץ, זענען הורקנוס און אַנטיפּאַטער געווען צוריקגעהאַלטן. האָט אַריסטובול איינגע־טיילט די ציווילע אַמטן צווישן זיינע אָנהענגער און אַליין האָט ער געזען, אַז די מוסקולן פֿון זיין אַרמיי זאָלן נישט פֿאַרשטייפֿט ווערן. ער האָט ליב געהאַט מלחמה, אָבער בעיקר מיט אַזעלכע, וואָס ער האָט פֿון פֿאָרויס געוווּסט, אַז ער וועט זיי באַזיגן. די שבטים מזרחדיק פֿון גלעד און עמון זענען געווען אומרואיק. פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגן זיי אַריבערגיין די גרענעץ פֿון יהודה אויף צו רויבן שפּייז און פֿאַשע. פֿלעגט זיך אַריסטובול אַרויסלאָזן מיט שטאַרקע אָפּטיילונגען אין די גרענעץ־געביטן און אָנרייצן אַ מאָל דעם און אַ מאָל יענעם שבט אַרויסצוגיין אין קאַמף. ער פֿלעגט תמיד אַרויס אין קאַמף דער ערשטער און אַראָפּ פֿון פֿעלד דער לעצטער. אין אַט אַזעלכע קאַמפֿן פֿלעגט ער נישט נאָכיאָגן דעם קעגנער, אויב ער איז אַנטלאָפֿן פֿון אים. מיט פּחדנים האָט ער נישט געקעמפֿט. זיינע בלוטן האָבן זיך צעוואָרעמט, ווען ער האָט געהאַט קעגן זיך אַ געניטן קעמפֿער. אַזעלכן פֿלעגט ער רייצן, העצן אים, ער זאָל זיין בראַוו. נאָך אַזעלכע קליינע מלחמות פֿלעגט ער צוריקמאַרשירן אין איינעם פֿון די גרענעץ־פֿעסטונגען און איינאָרדענען פֿריילעכע סעודות.

אין אַט די קאַמפֿן האָט אַרטאַפֿאַנוס אָנטיילגענומען ביי דער זייט פֿון דעם מלך און ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פֿון אַריסטובולן אין פֿלינקייט, אין דער פֿעכטקונסט און אין עסן. איין מאָל, בעת אַ סעודה אין דיון, האָט זיך דער מלך פֿאַרוועט מיט אַרטאַפֿאַנוסן, ווער עס וועט אויפֿעסן מער. געזיגט האָט אַרטאַפֿאַנוס — ער האָט אויפֿגעגעסן אַ געבראָטענעם שעפּס. אַריסטובול האָט דאָס נישט באַוויזן. עס האָט אים געפֿעלט געדולד צו עסן פֿאַמעלעך, האָט ער זיך שנעל אָנגעשטאָפּט מיט אַ האַלבן שעפּס. איז ער געוואָרן שלעפֿעריק, אויפֿן שטערן זענען אים אַרויסגעטרעטן גרויסע טראָפּנס שווייס און עס האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם. אַרטאַפֿאַנוס האָט געגעסן לאַנגזאַם, איבערקלייבעריש, אויסגעוויילט די פֿלייש־טיילן און די פֿעטע שטיקער איבערגעלאָזט אויף צום סוף. ווען ער האָט

שוין געהאַט געענדיקט דעם שעפּס, אַ שטיק צייט נאָך דעם ווי אַריסטובול האָט רעזיגנירט, און זיך געוואָלט נעמען אויפּצועסן אויך די שטיקער פעטס, האָט אים אַריסטובול אַ קלאַפּ געטון איבער דער האַנט: „גענוג!” דער מלך איז געווען גרויסמוטיק און אים צוגעזאָגט אַ לאַנד־שטח אין אבל. אויף דעם האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, אַז אבלות האָט ער אייגענע. דער מלך האָט אים אַרומגענומען און האַלב אין חוזק און האַלב ערנסט באַמערקט:

„געדענק וואָס עס זאָגט דיר אַ מער דערפאַרענער פון דיר: אָפט איז דאָס פּטור ווערן פון אַ געליבטער מער דערפרייענדיק ווי דאָס דעראָבערן זי.”

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט רעאַגירט. ער האָט דאָך געוווּסט, אַז מרים־אַפּאָלינאַ איז אַ מאָל געווען די געליבטע פון אַריסטובולן, און ער האָט מער נישט געוואָלט רעדן וועגן איר. זי איז געבליבן פאַרנעפּלט אין זיין דמיון און ער האָט זי פון די נעפּלען נישט געוואָלט אַרויסוויקלען. ער האָט געוואָלט פאַרגעסן, פאַרגעסן. בעת די קליינע, ספּאָראַדישע מלחמות פלעגט ער אין די פאַרביימאַרשירנדיקע שטעט אויסקוקן די שיינע טעכטער און די שענסטע פון זיי פאַרגעדענקען אויף זיין צוריקוועגס פון פעלד. און די טעכטער האָבן ליב געהאַט דעם קאָמאַנדיר מיטן לענגלעך מענערישן, אָפּגעברענטן פּנים, וואָס זיין שמייכל איז געווען ווי דער שמייכל פון אַ שעמעוודיק קינד.

אַריסטובול האָט אויפריכטיק ליב באַקומען אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט געפונען אין אים אַ גוטן מיליטערמאַן, אַן איבערגעגעבענעם קאָמפּאַן אין מלחמה און אַ מאַן פון סוד.

די אָפיציעלע ראַטגעבער פון דעם מלך זענען געווען די אַלטע קאָמאַנדירן און צדוקישע אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן ביי יעדער געלעגנהייט גערעדט וועגן שטייערן און האַנדל. צו דעם האָט אַריסטובול נישט געהאַט קיין געדולד. אים האָבן פאַרכאַפּט נאָר מיליטערישע ענינים און מלחמה. ער האָט געוואָלט דעם רום וואָס עס ברענגט נצחון אויפן פעלד, און נישט די קללות און די פאַרביטערונג, וואָס עס ברענגען נאָך זיך די שטייערן.

בעת איינעם אַ שמועס האָט אַרטאַפּאַנוס צוריקגעקערט צו זיין פאַרדאַכט וועגן די סיבות, פאַרוואָס סקאַורוס האָט געהאָלפן אַריסטובולן בעת דער באַלאַ־גערונג. ווי פריער, איז אויך דאָס מאָל פאַר דעם מלך אַלץ געווען פּשוט: דער לעגאַט פון רוים האָט זיך געוואָלט באַרימען פאַר דער מעטראָפּאָליע, אַז די שכנים אַרום דעם באַזעצטן סיריע פאַרהאַלטן זיך רואיק. אויסער דעם האָט ער באַקומען אַ הויכן פּרייז — פיר הונדערט טאַלאַנטן פון פאַרויס און ווערטפולע מתנות ביים פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דער רוימישער אָדלער איז נישט ערגער פון יעדן רויב־באַשעפעניש: ווען ער פרעסט זיך אָן ווערט ער אומשעדלעך. אַרטאַפּאַנוס האָט וועגן דעם געהאַט זיין דורכגעטראַכטע מיינונג פון פריער. נאָר פריער האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג אין עקזאַלטאַציע, ווי אַ וויזיע, בעת איצט שאַצט ער דאָס אָפּ קאַלט: די רוימער ווערן נישט זאַט. זיי האַלטן ביים פאַרנעמען די גאַנצע ירושה פון די סעלייקידן. און יהודה איז אַמאָל געווען באַזעצט פון די

סעלייקידן. צי איז סקאַורוס נישט געקומען אויסשפּירן דאָס לאַנד, אויסשפּירן די וועגן, כדי לייכטער איבערצופאַלן און צו באַזעצן דאָס לאַנד?

„צי איז מעגלעך — האָט ער אויסגעפירט — אַז ווען די רוימער זיצן אין סיריע, זאָלן זיי נישט וועלן זיצן אין מצרים? און יהודה איז צווישן סיריע און מצרים, ווי אַ בריק איבער אַ טייך. אויף אָנצוקומען צום צווייטן ברעג מוז מען אַריבערגיין די בריק."

אין זעלבן טאָן האָט אַריסטובול באַמערקט, ווי דאָס וואָלט געזאָגט אַרטאַפּאַנוס:

„און דער טייך פליסט אונטער דער בריק."

„הלוואי!" — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן.

אַריסטובול דער ענטוזיאַסט האָט זיך טועה געווען. זיין ווונטש איז נישט מקוים געוואָרן. די הילף פון סקאַורוס איז נישט געווען פאַר דעם מלך פון יהודה, נאָר פאַר דעם רוימישן אָדלער.

קאפיטל צען

דער פעלדמאַרשאַל גנעאוס פּאָמפּייאוס מאַגנוס האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט זיינע מלחמותביים איינעמען סיריע. אויף די ברעגעס פון ים־הגדול און אויפן ים גופא האָט ער שוין געהאַט אויסגעראָטן די ים־רויבער און זיכער־געמאַכט די וועגן פאַר די רוימישע האַנדלס־שיפן. זיינע לעגיאָנען האָבן גערוט. אַליין האָט ער זיך באַזעצט אין דער פאַרביקער און פריילעכער שטאָט דמשק. און דעמאָלט האָט ער געלאָזט צו וויסן געבן די מלכים פון די ראַנדלענדער — פון מעזאָפּאָ־טאַמיע, תדמור, אַרמעניע און יהודה — אַז ער, פּאָמפּייאוס, האָט באַשטימט די שטאָט דמשק ווי זיין רעזידענץ. די מלכים האָבן פאַרשטאַנען דעם רמז און געאיילט מיט מתנות פאַר דעם רוימישן זיגער, ווי אַ סגולה פאַר פריינטשאַפט און שלום.

אַריסטובול, אַנגעלערנט מיט דעם נסיון, אַז מיט גאָלד קען מען פאַרגיסן סכנות, האָט אייליק גערופן צו זיך די בעסטע פון די ירושלימער גאָלדשמידן און זיי באַפוילן זיי זאָלן גיסן אַ ריזיקן גאָלדענעם וויינשטאָק, וואָס זיין ריין גאָלד זאָל ווערט זיין פינף הונדערט טאַלאַנטן. מיט אָט דעם געשאַנק, איז אַריסטובול געווען זיכער, וועט פּאָמפּייאוס אויף שטענדיק באַפעסטיקן זיין קעניגלעכע מאַכט איבער יהודה. אויף איבערצוגעבן די מתנה האָט ער אויסגעוויילט עטלעכע צענדליק שליחים און בראש פון זיי געשטעלט זיין ליבלינג — אַרטאַפּאַנוסן.

אויך דאָס מאָל האָט אַריסטובול אויסגעוויילט ווי דעלעגאַטן יונגע העלעני־זירטע מענער, וואָס ווען זיי זענען אויפגענומען געוואָרן דורך פּאָמפּייאוסן, האָט דער רוימישער פעלדמאַרשאַל נישט געוווסט וואָס פריער צו באַוווּנדערן — די גרויסאַרטיקע מתנה, אָדער די קרעפטיקע און עלעגאַנטע שליחים. פּאָמפּייאוס האָט דאָס נישט אויסבאַהאַלטן און נאָך דער באַגריסונג פון אַרטאַפּאַנוסן אין נאָמען פון דעם מלך פון יהודה, האָט ער געזאָגט צו די אַרומיקע פון זיין סוויטע:

„עס איז פאַר מיר אַ פריידיקע איבערראַשונג, וואָס די יהודייער זענען פון אַזאַ געקליבענער ראַסע און אַז זיי האָבן אַזאַ גוטן געשמאַק פאַר גאָלדשמידעריי. קיינער האָט מיר וועגן דעם פריער נישט דערציילט. זענען אויך אייערע פרויען אַזוי שיין?" — האָט ער זיך געווענדעט צו אַרטאַפּאַנוסן.

„פאַר אונדז, יהודייער, זענען אונדזערע פרויען די שענסטע" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט.

פּאָמפּייאוס האָט מיט אַ שמייכל באַמערקט:

„און אויך פּאַטריאָטן זענען די יהודייער!״
„מיר זענען עס״ — האָט אַרטאַפּאַנוס באַשטעטיקט.
אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּאָמפּייאוס איז גוט באַהאַוונט אין דעם וואָס עס געשעט אין יהודה. ער איז געוואָרן ערנסט און אַ קנייטש געטון דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען:
„דער רוימישער סענאַט האָט אַמאָל, אויף דער ביטע פון אייערע אבות, באַשטעטיקט די אויטאָנאָמיע פון יהודה דערמיט, אַז איבער דעם פּאָלק וועט שטיין דער הויפּט־פּריסטער פון אייער טעמפּל. פאַרוואָס איז די דאָזיקע באַשטימונג געענדערט געוואָרן און איצט ווילן צוויי ברידער זיין מלכים און קיין איינער פון זיי וויל נישט זיין הויפּט־פּריסטער? די באַשטימונגען פון רוימישן סענאַט זענען נישט אויף דעם, אַז עמיצער זאָל זיי ענדערן!״
אַרטאַפּאַנוס האָט זיך נישט פאַרלוירן און געענטפערט, ווי ער וואָלט געווען צוגעגרייט צו הערן וואָס ער האָט געהערט:
„גנעדיקער פעלדמאַרשאַל און זיגער, נישט מיין מלך האָט געענדערט די באַשטימונגען פון דעם רוימישן סענאַט. דער שטייגער פון אונדזערע אבות איז געווען אַ טעאָקראַטישער, ער האָט זיך נישט געענדערט פון גאַר אַלטע צייטן. דעמאָלט איז די זאָרג פאַר דער נשמה און פאַר דעם גלויבן געווען גרעסער ווי די זאָרג פאַרן לאַנד און פאַרן גוף. אין די געענדערטע באַדינגונגען אין דער וועלט האָבן אויך מיר זיך געענדערט און די מאַכט פון דעם הויפּט־פּריסטער איז פאַר די פאַרגייער פון מיין מלך נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ וועלטלעכער מדינה, וואָס וויל זיך מיט גאָרנישט אויסטיילן פון אַנדערע לענדער.״
פּאָמפּייאוס האָט פון אונטער די ברעמען אַ קוק געטון אויף אַרטאַפּאַנוסן און געזאָגט מיט באַהערשטער שטרענגקייט:
„קיינער וואָלט דאָס שענער נישט געזאָגט, ווי דו, יונגער פריינט, אָבער... רוים איז אַ גרויסע און שטאַרקע מדינה און איבער רוים הערשט אַ סענאַט און נישט קיין מלך. צווייטנס, צי מוז זיך די זאָרג פאַרן לאַנד און פאַרן גוף אויסדריקן אין אומאויפהערלעכע מלחמות?״
אַרטאַפּאַנוס האָט פלינק צוריקגעוואָרפן דעם דיסק:
„מיר וואָלטן נישט ווערט געווען צו רופן זיך פּאָלק, ווען מיר זאָלן נישט אָפּשלאָגן די איבערפאַלן פון שונאים. און דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס מיר דאַרפן אַ מלך און פאַרוואָס אונדזער זאָרג פאַרן גוף איז נישט ווייניקער ווי די זאָרג פאַרן גייסט.״
פּאָמפּייאוס, דער מאַן פון מלחמה, האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס וואָס פון זיך פאַרטרייבן:
„די זאָרג פאַרן גוף קען זיך אויסדריקן אין ספּאָרט־פאַרמעסטונגען אויף סטאַדיאָנען און אין צירק און נישט דווקא אין מלחמה.״
„אונדזערע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען פאַרהאַרטעווען אונדז אויף דער צייט פון נויט אין מלחמה״ — איז אים אַרטאַפּאַנוס נישט געבליבן שולדיק.

„צי זענען צווישן אייך פאַראַן אויסגעאיבטע ספּאָרטלער?" — האָט דער רוימער פלוצים געענדערט די ריכטונג פון שמועס.

„יאָ, זיגער — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט — אויך איך בין אַ געניטער אין אַלע ספּאָרטן."

„אויך אין רייטן?" — האָט פּאָמפּייאוס געפרעגט.

אַרטאַפּאַנוס האָט געמאַכט אַ באַוועגונג פון באַשיידנקייט און געענטפערט:

„אויך אין רייטן, פעכטן און לויפן."

„אָ, ווי ווייניק איך האָב געוווּסט וועגן די יהודייער" — האָט פּאָמפּייאוס געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געווען איבערראַשט.

אין די טעג, ווען אין דמשק האָבן געוויילט די דעלעגאַציעס פון די מלכים פון די אַרומיקע לענדער, האָט פּאָמפּייאוס זיי אָפּגעדאַנקט פאַר די מתנות מיט אַ פערד־געיעג אויף דעם ריזיקן דמשקער פּאָליגאָן. דאָס האָט אויך געדאַרפט זיין אַ דעמאָנסטראַציע פון די מעגלעכקייטן פון די געקליבענע שלאַג־אָפּטיילונגען פון זיין לעגיאָן: אַן אָנדייט פאַר די מלכים, אַז די רוימער זענען נישט נאָר שטאַרקע, נאָר אויך פלינקע קעמפער.

בייצוזיין דעם פאַרמעסט אין פערד־געיעג זענען אויך געקומען די לעגאַטן פון די קלענערע באַזעצטע פּראָווינצן און די אָרטיקע אָליגאַרכיע. נאָענט צו דער לאָזשע פון פּאָמפּייאוסן זענען אַוועקגעזעצט געוואָרן די אָנפירער פון די באַזונדערע דעלעגאַציעס. אַרטאַפּאַנוסן איז געגעבן געוואָרן אַ פּלאַץ אין דער ערשטער ריי הינטער דער לאָזשע פון דעם פעלדמאַרשאַל, און האַרט נעבן אים האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ יונגער רוימער, דער לעגאַט פון קאַפּדאָקיע. אין דער לאָזשע פון פּאָמפּייאוסן איז געזעסן אַ יונגע פרוי אין אַ העל־בלויער טוניק. אירע האָר, מיט דעם אָפּגלאַנץ פון טונקעלן קופּער, זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ באַנד פון דער זעלבער פאַרב וואָס די טוניק. פון דעם אָפּגעדעקטן נאַקן האָט זיך אויפגעהויבן איר האַלדז, ווי אַ צאַרטער אַלעבאַסטער־זייל. הגם איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט אויף פּאַרויס, צום פּאָליגאָן, האָט אין איין מאָמענט איר קערפּער אַ ציטער געטון און נישט ווילנדיק האָט זי אויסגע־דרייט דעם קאָפּ. דאָס איז אפשר געקומען פון אַרטאַפּאַנוסעס אינטענסיוון בליק אויף איר לויטערן נאַקן. אויף אַ רגע האָט ער געזען איר פּראָפיל, וואָס איז געווען אַזוי דין און איידל, ווי אויסציליזירט אין מאַרמאָר. אויף אַן אויגנבליק איז פאַר אים אויפגעשווומען דאָס געשטאַלט פון מרים־אַפּאַלינאַ, ווען ער האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל, און דאָס בילד איז באַלד פאַרשוווּנדן. נישט אַנבענדיק, אַז זיין פראַגע וועט דערגריין צו אירע אויערן, האָט זיך אַרטאַפּאַנוס איינגעבויגן צו זיין שכן און געפרעגט, צי ער קען אים זאָגן, ווער עס איז די יונגע פרוי אין דער לאָזשע פון דעם פעלדמאַרשאַל. דער קאַפּדאָקיער לעגאַט האָט געענטפערט אַזוי, אַז די יונגע פרוי זאָל יאָ הערן וואָס ער זאָגט:

„דאָס איז די שענסטע פרוי אין רוים, קלאַודיאַ, די טאָכטער פון אונדזער פעלדמאַרשאַל."

דאָס מיידל האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ שמייכל און זיך אָנגעטראָפֿן מיט אַרטאַפּאַנוסעס בליק. ער איז איבערראַשט געוואָרן פון דער ליכטיקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון איר פּנים, ווי עס וואָלט פון אינעווייניק באַלויכטן געווען. ער איז רויט געוואָרן פון פאַרלעגנהייט. און דווקא דערפֿאַר, ווייל זי האָט געזען, אַז ער איז צעטומלט פון איר געשטאַלט, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ זעלבסטזיכערן און רייצנדיקן בליק. אפילו ווען זי האָט שוין געהאַט צוריק אויסגעדרייט איר שיינעם קאָפּ און עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז דער יונגערמאַן אינטערעסירט איר נישט מער, איז איר גוף שוין מער נישט געווען אַזוי רואיק, ווי פריער, איידער זי האָט אים באַמערקט. זי האָט מיט די הענט אויף הינטן צורעכטגעמאַכט דעם באַנד פון אירע האָר און ער האָט באַמערקט, אַז אויך אירע דינע פינגער זענען אַזוי צעהעלט, ווי זיי וואָלטן געווען באַלויכטן פון אינעווייניק. פון איצט אָן זענען זיינע בליקן געווען געווענדט מער צום נאַקן פון דער יונגער פרוי ווי צום פּאַליגאַן. אָבער ווען פּאַר דער לאָזשע פון פּאָמפּייאוסן זענען דערשינען די רייטער אויף פֿערד, האָט ער ווי פאַרגעסן אין דער פרוי.

ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די שיינע אומרואיקע חיות מיט קליינע קורצע קעפּ און שלאַנקע פיס, און אַזעלכע הייסע, ווי די ערד וואָלט אונטער זיי געברענט.

„רוימישע צוכט?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט זיין שכן.

„רוימישע צוכט, אָבער די ראַסע קומט פון דאַלמאַטיע" — האָט דער שכן געענטפערט.

„דאַלמאַטיע... דאַלמאַטיע... ווו ליגט עס דאַלמאַטיע?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט, ווייל ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט דעם נאָמען.

„ביים אַדריאַטישן ים" — האָט דער רוימער געענטפערט מיט אומגעדולד.

און אַרטאַפּאַנוס האָט ווידער געהערט אַ נאָמען פון אַ ים, וואָס איז אים אומבאַקאַנט. ער וואָלט זיכער ווייטער געפרעגט, ווען נישט דאָס, וואָס פּאָמפּייאוס האָט דערווייל געגעבן אַ צייכן, דאָס געיעג זאָל זיך אָנהייבן. די פֿערד האָבן זיך אַ ריס געטון פון פּלאַץ, ווי זיי וואָלטן צוזאַמען אַרויסגעשאָסן געוואָרן פון אַ קאַטאַפּולט. פון אָנהייב זענען אַלע געלאָפן גלייך אין איין ריי, אָבער וואָס ווייטער האָבן זיך אָנגעהויבן איינציקע פֿערד אַרויסרייסן פאָרויס און באַלד האָבן די הינטערשטעליקע דעריאָגט און אַריבערגעיאָגט דעם ערשטן. אַרטאַפּאַנוס איז געוואָרן אומרואיק, ווי ער אַליין וואָלט געווען איינער פון די רייטער. ער האָט געקלאַפּט איין פויסט אין דער צווייטער, ווי דאָס וואָלט געקענט העלפן דעם וואָס איז שוין געווען מיט צען קעפּ פאָרויס און זיך דאַך געלאָזט איבעריאָגן. פון אומרו האָט ער נישט געקענט בלייבן זיצן אויף זיין פּלאַץ. ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך ווידער אַוועקגעזעצט. און ווען די פֿערד זענען ביים ערשטן אומקרייז דערלאָפן צו דער טריבונע, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויסגעשריגן:

„פלינקער, פלינקער, נישט נאָכלאָזן דעם אימפּעט!"

קלאַודיאַ האָט זיך אומגעקוקט. דער יונגער, שלאַנקער מאַן אין דעם ווייסן קיטל האָט אינגאַנצן געזידט פון עמאָציע און התלהבות. דאָס פּנים איז אים געווען

צעגליט און די אויגן — צעפיבערט. קלאַודיאַ האָט עפּעס איינגערוימט איר פֿאָטער און פּאָמפּייאוס האָט זיך אומגעקוקט. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פֿאַרשעמט און געפּרווט זיך באַהערשן, אָבער דאָס איז געווען איבער זיינע כוחות. ער איז איינגאַנצן געווען אויפֿן פֿאַליגאָן.

ביים דריטן אומקרייז איז דער ערשטער דערלאָפֿן אַ פֿערד, וואָס איז געווען ביים צווייטן אומקרייז פֿון די לעצטע. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט אויסגערופֿן:

„שלעכט! שלעכט! שלעכט!"

קלאַודיאַ האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און געפֿרעגט אַרויסרופֿעריש:

„וואָלט איר עס געמאַכט בעסער?"

„זיכער וואָלט איך עס געמאַכט בעסער!" — האָט ער אויסגערופֿן און ערשט איצט באַמערקט פֿון וועמען עס איז געקומען די פֿראַגע.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פֿאַרלוירענער.

זיין דרייסטער ענטפֿער האָט אים געשטעלט פֿאַר אַ נסיון: ער האָט געזאָגט צום קאַפּאַדאָקיער דעלעגאַט, זיין שכן:

„איך האָב צער, וואָס איך האָב זיך באַרימט פֿאַר דער טאָכטער פֿון פֿעלד־מאַרשאַל, אַז איך וואָלט זיך נישט געלאָזט דיסטאַנסירן, בעת איך קען איר דאָס נישט באַווייזן."

„זאָגט איר דאָס אַליין — האָט דער רוימער אים געעצהט — מעגלעך אַז זי וועט אייך גלייבן."

„איך בין אַ שליח פֿון יהודה און איך קען נישט די רוימישע מנהגים" — האָט זיך אַרטאַפּאַנוס פֿאַרענטפֿערט.

„בעט אַ דערלויבעניש ביים פֿעלדמאַרשאַל און איר וועט קענען רעדן צו זיין טאָכטער."

אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגעפֿאָלגט די עצה. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, איבער־געבעטן דעם פֿעלדמאַרשאַל און אים דערציילט זיין צער. פּאָמפּייאוס האָט מיט פֿאָטערלעכן פֿאַרוווּרף אַ קוק געטון אויף זיין טאָכטער, אָבער דאָס מיידל האָט מיט זעלבסטזיכערקייט איבערגעחזרט:

„כל זמן מען באַווייזט נישט אַליין, אַז מען קען בעסער, באַרימט מען זיך נישט."

אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויפֿן האַרצן און זיך עלעגאַנט פֿאַרנייגט:

„ווי קאָן איך אייך דאָס באַווייזן, גנעדיקע טאָכטער פֿון דעם גרעסטן פֿון די זיגער?"

זי איז געווען געשמייכלט און אים געענטפֿערט מיט גענאָד:

„איר דאַרפֿט זיך פֿאַרמעסטן און איך וועל דאָס זען."

„איך וועל עס טאָן פֿאַר אייער כבוד וועגן, אויב דאָס וועט מיר געגעבן ווערן" — האָט ער געזאָגט נישט אָן שטאָלץ.

אַרטאַפּאַנוס האָט אויף קיין רגע נישט געגלייבט, אַז דאָס וועט אים געגעבן ווערן. ער איז אפילו געווען צופרידן, וואָס ער וועט נישט דאַרפן שטיין פאַר אַזאַ נסיון, ווי מוזן זיגן. מסתמא וועט די רוימישע טאָכטער פאַרשטיין זיינע ווערטער ווי אַ באַרימערייַ פון אַ יונגן מאַן פאַר אַ פרוי, וואָס זי געפעלט אים. און ווען אפילו אַזוי, קאָן עס אים נאָר העלפן צו פאַרשטאַרקן זיין איינדרוק ביי פּאָמפּייאוסן. אָבער אויפצומאַרגנס איז געקומען צו אים דער אַדיוטאַנט פון דעם פעלדמאַרשאַל און אים געמאָלדן, אַז אויב ער באַשטייט, קאָן ער זיך פאַרמעסטן מיט דעם זיגער פון געיעג און אין אַזאַ פאַל קאָן ער אין לאַגער פון לעגיאָן אויסוויילן פאַר זיך איינעם פון די פערד, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם נעכטיקן געיעג.

אַרטאַפּאַנוס האָט געוואָגט. ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. ער האָט אויסגעוויילט אַ פערד, וואָס האָט בעתן געיעג געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, און געבעטן דריי טעג אויף איבונגען. אויפן פערטן טאָג נאָך מיטאָג האָבן זיך אויפן פּאָליגאָן פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל רוימישע אָפיצירן און די שליחים פון יהודה. צוזאַמען מיט אַרטאַפּאַנוסן זענען פון דער שטאָל אַרויסגעריטן נאָך דריי רייטער און צווישן זיי דער זיגער פון אַנומלטיקן פאַרמעסט. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. פאַרוואָס דריי, בעת ס׳איז געווען אָפּגערעדט, אַז ער וועט זיך פאַרמעסטן בלויז מיטן זיגער? צי האָט דאָ פּאָמפּייאוס אַליין פאַרטראַכט אַן אינטריגע, אָדער דאָס איז אַ קאַפּריז פון זיין טאָכטער?

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין גאַלאָפּ אויספּרוּוון דאָס פערד, צי עס לויפט ווי נעכטן און אייערנעכטן און צוריקגעריטן צו דער טריבונע אַ צופרידענער. דאָס פערד האָט אים געהאָרכזאַם געטראָגן. ביים גאַלאָפּ אויף צוריק האָט ער באַמערקט ווי אויפן פעלד איז אַרויף קלאַודיאַ. דאָס מאָל איז זי געווען אָנגעטון אין אַ העל־וויאָלעטע טוניק און פון אויבן אַ העל־גרויען איבערוואורף. אירע האָר זענען געווען גלאַט פאַרקעמט און אונטערגעבונדן מיט אַ גאָלד־באַנד.

„דאָס האָט זי זיך אָנגעטאָן פאַר מיר" — האָט אַרטאַפּאַנוס געטראַכט און געווען זיכער אין דעם.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, זיך דערנענטערט און נישט פאַרנייגנדיק זיך, נאָר בלויז מיט דער האַנט אויפן האַרץ, געזאָגט צו איר מיט אַ ווייכער, גערירטער שטים:

„גנעדיקע קלאַודיאַ, אויב איך מעג אייך אָנרופן ביים נאָמען. איך בין איצט מער נישט אַזוי זיכער אין זיג, ווי איך בין עס געווען אַנומלט, אין צושטאַנד פון ענטוזיאַזם. צי וועט איר נישט זיין בייז אויף מיר, ווען איך וועל ליידן אַ מפּלה?"

„איר מוזט זיגן!" — האָט זי געזאָגט ערנסט, בעת איר פּנים איז געווען צעלויכטן פון אַ שמייכל.

מיט באַוווּנדערונג האָט ער איר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן און געזאָגט שטיל:

„אויב איך וועל זיגן, וועט דאָס זיין נאָר אַ דאַנק אייך און נישט אַ דאַנק

מיינע מעגלעכקייטן — ער האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט און ווייטער געזאָגט: — פילט איר ווי דאָס בלוט זידט אין מיינע אָדערן?"

זי האָט אָנגענומען זיין האַנט און ער האָט פון פאַרלוירנקייט אויפגעציטערט. די הויט פון איר האַנט איז געווען אַזוי ווייס אויסגעאײדלט און זי האָט זיך פאַרלוירן אין זיין מענלעכער אָפּגעברענטער האַנט. זי האָט געזאָגט נאָך שטילער: „איך פיל."

ער האָט געוואַרט ביז זי וועט אַרויסנעמען איר האַנט פון זיינער און ער האָט שטיל געבעטן עס זאָל דויערן וואָס לענגער.

איינער פון די אָפיצירן האָט אַ רוף געטאָן צו דער שפּרונג־ליניע, און ביידע, אַרטאַפּאַנוס און קלאַודיאַ, ווי מען וואָלט זיי געכאַפּט ביי אַ פאַרברעך, האָבן שנעל באַפרייט זייערע הענט.

קלאַודיאַ איז אַוועק צו דער לאָזשע און אַרטאַפּאַנוס איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד. ער האָט זיך געשטעלט מיט זיין פערד לינקס פונעם זיגער און די עקן האָבן פאַרנומען נאָך צוויי רייטער. ער האָט אַ קוק געטאָן צו קלאַודיאַן און געכאַפּט איר בליק. פריש בלוט האָט ער דערפילט אין זיך. זיין ספּאָרטלעך־קעמפערישער לוסט האָט זיך צעפלאַקערט: דאָס מאָל מוז ער זיגן, סיידן זיין פערד וועט צעברעכן די פיס. ער האָט איינגעצויגן דאָס ציימל, ווי מען שפּאַנט אָן אַ בויגן פאַרן אַרויסלאָזן די פייל און געוואַרט אויפן צייכן. ער האָט נאָך געכאַפּט אַ בליק צו קלאַודיאַן. זי קוקט אויף אים! אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט דער אָפיציר געגעבן דעם צייכן.

אין דעם ערשטן שפּרונג האָט ער פאַרשפּעטיקט אויף אַ קאַפּ, אָבער ער האָט אין דער ריכטיקער צייט נאָכגעלאָזט דאָס ציימל, זיך אויפגעהויבן אין זאָטל, אָנגעבויגן דעם קאָפּ פּאַראַלעל צום פערדס האַלדז און באַלד זיך אויסגעגלייכט מיט די אַנדערע דריי. זיין פערד איז ווי געשווומען. דעם באַריר פון דעם פערדס פיס אָן דער ערד האָט ער אָפּגעפילט אין אַ גלייכמעסיקן ריטם. ער האָט נישט געדאַרפט העצן זיין פערד. פון צייט צו צייט בלויז האָט ער לייכט אַ קלאַפּ געטאָן אין פערדס דיכעס עס זאָל דערפילן די קאָנטראָל. ער האָט אויך קאַלטבלוטיק קאָנטראָלירט זיינע מיטלויפער. זיי האָבן געהעצט זייערע פערד, געהאַקט זיי איבער די ריפּן, זיי זאָלן זיך אַרויסרייסן פאָרויס.

„פלי! פלי!" — האָט ער צו זיך אַליין געשריגן און האָט ווייטער געשוועבט אין דעם זעלבן ריטם.

שוין נאָכן ערשטן אומקרייז האָט ער באַמערקט, אַז די פערד פון זיינע מיטרייטער זענען צעהעצט און זיי האָבן דערגרייכט זייער מעגלעכע שנעלקייט. אָבער ער האָט זיך נישט אַרויסגעריסן פאָרויס. זיין פערד איז געלאָפן מיט דעם זעלבן אימפּעט. ביים צווייטן מאָל אַריבערשפּרינגען די ליניע האָט ער שוין געהאַט צוויי פערד הינטער זיך, בעת דאָס דריטע לויפט פּאַראַלעל מיט זיינס. אָבער דער שכן האָט אומברחמנותדיק געשמיסן זיין פערד. „זיין פערד איז מיד" — האָט ער אָפּגעשאַצט און אָנגעהאַלטן אין דער זעלבער ליניע ביז אַ העלפט

פון פּאַליגאָן. ערשט דאָ האָט ער זײַן פערד אַ קלאַפּ געטאָן מיט די קנעכל אין די ריפּן און שוין מער נישט געלאָזט עס זאָל אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ווי דאָס פערד וואָלט פאַרשטאַנען, וואָס דער רײַטער וויל פון אים, האָט זיך עס אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און איז אַוועק ווי אַ ווינטער. דער רײַטער נעבן אים איז פאַרשוווּנדן און ער האָט זיך צעשריגן, ווי ער וואָלט געלאָפן אַנטקעגן אַ שונא אין אַן אַטאַקע. אונטער אים האָט זיך די ערד געצויגן ווי אַ גלײַכער פּאַס און ער אַליין האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי דאָס פערד שוועבט, שוועבט און די מעטע טוט אַ בליץ פאַר זײַנע אויגן.

ער האָט דאָס פערד לאַנגזאַם געצוימט, און דאַך, ווען עס האָט זיך פאַרהאַלטן, האָט זיך עס אויפגעהויבן אויף די הינטערשטע פיס. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און מיט אַ קורצן ריטמישן גאַלאָפּ זיך פאַרהאַלטן פאַר דער טריבונע. מיט אַ פלינקן מאַנעוור, וואָס ער האָט געלערנט אין שלאַכט, האָט זיך דאָס פערד ווידער אויפגעהויבן אויף די הינטערשטע פיס פונקט אַנטקעגן דעם פּלאַץ, וווּ עס איז געזעסן קלאַודיאַ.

ער איז געווען שיכור פון זיג. און בעת ער איז אַראָפּ פונעם פערד און געגאַנגען אין דער ריכטונג צו קלאַודיאַן, האָבן אים די פיס קוים געטראָגן, ווי ער וואָלט געווען אָנגעטרונקען מיט ווײַן. דאָס האָט אים צוגעגעבן נאָך מער רייץ.

קלאַודיאַ האָט געפּאַכעט צו אים מיט דער האַנט:

„זיכער וואָלט איך עס געמאַכט בעסער!" — האָט זי נאָכגעזאָגט זײַנע ווערטער, וואָס זי האָט געהערט פון אים אַנומלט.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר אַ ביסל פאַרזשענירט און גלײַכצײַטיק ייִנגליש־שטיפעריש און נאָכגעזאָגט:

„זיכער!"

קלאַודיאַ האָט אויפגעהויבן צו אים אַ ליכטיק צעשמייכלט געזיכט און אַ פליסטער־געטאָן אינטים:

„אייך קומט אַ באַלוינונג."

פון צעטומלטקייט האָט ער נישט געענוי דערהערט אירע ווערטער. האָט ער זיך אָנגעבויגן צו איר און דערפילט דעם שטאַרקן ריח פון איידעלן זאַלב, וואָס האָט געדעמפט פון אירע האָר.

„אייך קומט אַ באַלוינונג" — האָט זי שטיל איבערגעחזרט. און ער, אַ גליקלעך צעטראָגענער:

„אייער לײַטזעליקער בליק איז פאַר מיר די גרעסטע באַלוינונג."

זי האָט זיך פלוצים אויפגעשטעלט פון פּלאַץ און מיט איר ליכטיקן פנים אַרײַנגעשעפּטשעט אין אים:

„איך שפּאַציר אין קעניגלעכן גאָרטן."

אַרטאַפּאַנוס האָט דורכגענישטערט זײַן גאַנץ לעבן און געוואָלט געפינען נאָך אַזאַ שלווהדיקן טאָג און ער האָט נישט געקענט געפינען. אַלץ אַרום האָט געלויכטן

מיט אַזאַ דין, צאַרט ליכט און אין אים האָט יעדעס טײלכל פון זײן גוף געזונגען. ער וואָלט יעדן פאַרבײגײענדיקן אַרומגענומען און געטאַנצט מיט אים, און ער וואָלט אים דערצײלט, ווי זיס עס קאָן זײן דאָס לעבן און וויפל חנען עס קאָן האָבן יעדע רגע.

די שליחים, מיט וועלכע ער איז געקומען, האָבן זיך געאײלט אָוועקצופאָרן צוריק קײן ירושלים. דאָרט זענען זײ גאָענט צום קעניגלעכן הויף און יעדער טאָג איז פול מיט אינהאַלט און דאָ, אין דמשק, איז זײ אַלץ פרעמד און ווײט און קײנער קען זײ נישט. האָט אַרטאַפּאַנוס זײ נישט פאַרשטאַנען. צי זענען זײ בלינד? צי זעען זײ נישט, אַז אין דמשק איז יעדער אויגנבליק אַ צעזונגענער פויגל, וואָס צוויטשערט דיר אַרײַן אין דער נשמה די צאַרטסטע בענקשאַפטן? נאָר דערצײל אַ בלינדן, ווי עס שפּילט אַ זון־שטראַל אויף דעם טראָפּן וואַסער, אויף דער ליפּ פון אַ ליליע. ער האָט לסוף די שליחים אַהײמגעשיקט און דורך זײ געלאָזט וויסן דעם מלך, אַז דערווײל בלײַבט ער אין דמשק אויף אַ געוויסער צײט און אַז זײן פאַרבלײַבן איז גוט פאַר יהודה. אויב אָבער דעם מלך איז דאָס דערווידער און ער איז אים נײטיק אין ירושלים, קומט ער ווי אַ פײל אויסן בויגן.

מיט אַ ספּעציעלן רײַטער האָט אַריסטובול אים באַפוילן ער זאָל בלײַבן אין דמשק, ווײל ער אַלײן גרײט זיך צו קומען און רעדן מיט פּאָמפּײאוסן.

דער שטערן פון אַרטאַפּאַנוסן האָט זיך צעלויכטן. קלאַודיאַ האָט אין אים געזען אַ לעגענדאַרן העלד פון אַ מלוכה, וואָס זי האָט איר נאָמען געהערט צום ערשטן מאָל. און צום ערשטן מאָל האָט זי געהערט וועגן אַ פאָלק יהודייער, וואָס גלײבט אין אײן אײנציקן גאָט. און אָט דער גאָט זיצט אין הימל און זײנע גלײביקע זעען אים קײן מאָל נישט, קײן מאָל נישט... די יהודייער בעטן צו דעם אומגעזעענעם גאָט און ער הערט אויס זײער געבעט. און יעדער אײנציקער יהודייער קען בעטן צו זײן גאָט אפילו בײ זיך אין שטוב. און דער גאָט הערט אַלע מיט אײן מאָל און ער העלפט זײ. און ער, אַרטאַפּאַנוס, איז אַ זון פון אָט דעם אויסטערלישן פאָלק; ער גלײבט אין דעם אײנציקן גאָט און — ער באַזיגט געקליבענע רוימישע רײַטער...

קלאַודיאַ איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן אַרויסגעפאָרן פון רוים, און דאָס אויך צוליב דעם, וואָס איר פאָטער, וועמען זי האָט פאַרגעטערט, איז שוין יאָרן נישט געווען אין דער הײם.

פּאָמפּײאוס פלעגט תמיד באַפעלן, אַז ער וועט צוריקקערן קײן רוים אַזוי שנעל ווי ער וועט פאַרענדיקן אײננעמען גאַנץ סיריע. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט באַזעצט סיריע, האָט ער פון סענאַט באַקומען פולמאַכטן אָפּצורײניקן די ים־געביטן פון פּיראַטן, כדי די שיפן, וואָס שווימען צווישן רוים און די בײ־פאַרנומענע לענדערײען זאָלן נישט באַרויבט ווערן. דעמאָלט האָט פּאָמפּײאוס צו וויסן געגעבן זײן טאָכטער קלאַודיאַ, זי זאָל זיך לאָזן אין לאַנגן וועג צו אים קײן דמשק.

די נייע וועלט, וואָס האָט זיך פאַר איר געעפנט, איז געווען פול מיט צויבער און סודות. און דאָ, אין דמשק, איז די גאַנצע וועלט געווען אין איין שטאָט: דאָ זענען געווען שלאַנגען־באַשווערער פון אינדיע; מענטשן מיט קרומע אויגן און געלער הויט האָבן אויף די מערק באַוויזן קונצן מיט דרעסירטע הענער און אפילו מיט דרעסירטע פליי; אויסטערלישע כישוף־מאַכער, וואָס האָבן איינגעשלעפּערט צו צען מענטשן מיט איין מאָל, און אַזעלכע וואָס האָבן זייערע לייבער דורכגע־שטאָכן מיט מעסערס און האָבן אפילו נישט געבלוטיקט. נעבן די געווענדער פון זייד און וואָל, וואָס זייערע פאַרבן זענען שענער פון די שענסטע חלומות, האָט מען דאָ פאַרקויפט ליבע־וואַסערלעך און רייץ־זאַלבן און קמיעות אויף גליק, ווי דאָס גליק דאָס אַלץ צו זען וואָלט געווען ווייניק...

אין דער צויבער־וועלט האָט קלאַודיאַ געפונען אַ לעגענדאַרן מאַן, וואָס ער איז געווען ווי אויסגעטעסעט אין מירמלשטיין און מיט חן פון אַ גאָט; זיין שמייכל, ווי דער שמייכל פון אַ קינד, און אין פערד־געיעגן אַן אומבאַזיגבאַרער — דער יהודייער אַרטאַפּאַנוס. אָבער אויך פאַר אַרטאַפּאַנוסן איז קלאַודיאַ געווען פול מיט כישוף־רייץ, ווייבלעך ווי אַ קוואַל־נימפע, הייס ווי אַ יונג געיעג־פערד, פרעמד־ווייט, ווי פון אַן אַנדער נישטערדישער וועלט און איינגעהילט אין דעם רום פון איר זיגרייכן פאָטער.

זענען די צוויי יונגע צוגעפאַלן צו אייַנאַנדער, ווי זיי וואָלטן זייט וועלט־באַשאַף זיך אַרומגעזוכט און ענדלעך זיך געפונען. זיי האָבן ביי זיך אַליין געגנבעט זייערע שעהן. און אפילו ווען זיי זענען געווען צוזאַמען האָבן זיי געבענקט צו זיך. אין די טעג, בעת קלאַודיאַ האָט שפּאַצירט איבער די גאַסן און מערק פון דמשק, איז זי תמיד געווען אין באַגלייטונג פון אַ מאַטראָנע, און שעהנווייז האָבן די צוויי יונגע נישט געקאָנט אויסרעדן צווישן זיך אַ נאָענט וואָרט. אינעם פּאַלאַץ־גאָרטן זענען זיי קיינמאָל נישט געווען זיכער, צי פון ערגעץ־ווו קוקט זיי נישט נאָך אַ פרעמד אויג. פלעגט זיך קלאַודיאַ ביינאַכט אַרויסשלייכן דורך אַ זייטיקן טויער פון פּאַלאַץ־גאָרטן, און די צוויי מענטשן האָבן זיך פאַרברענט אין ליבשאַפט. ביידע האָבן געהאַט דאָס זעלבע אויסטערלישע געפיל, אַז דער פלאַם פון ליבשאַפט ברענט אויס שנעל די נאַכט, ווי אַ גרויסער פלאַם ברענט שנעל אויס דעם אייל אין אַ לאָמפּ. וואָרום אָט זענען זיי זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס און אָט פינקלט שוין דער מאָרגנשטערן. און ווען ער באַגלייט זי צום גאָרטן־אַריינגאַנג, איז ווי ער וואָלט זי באַגלייט צום לעצטן מאָל.

ביידע האָבן געעאַנט, אַז יעדע נאַכט קאָן זיין די לעצטע נאַכט. וואָרום קלאַודיאַ האָט געוויינט פאַר אים, אַז איר פאָטער גרייט זיך אָפּשיקן זי צוריק קיין רוים. ער וועט נישט פאַרבלייבן אין דמשק. עס וואַרטן אויף אים נייע מלחמה־קאַמפּאַניעס אין די לענדערייען פון באַרבאַרן, וואָס באַדראָען די דעראָבערונגען פון רוים און ליפערן ים־רויבער. אַרטאַפּאַנוס האָט געפילט, וואָס פאַר אַ סכנות עס באַדייטן די ווערטער, וואָס זענען פאַר קלאַודיאַן אומשולדיקע. אָבער איצט איז צו די

זאָרגן פאַר זיין לאַנד צוגעקומען דאָס בייז פון צעשיידן זיך מיט איר, מיט איר, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין לייב.

אין איינעם אַ טאָג זענען קיין דמשק אָנגעקומען אַריסטובול מיט זיין סוויטע. ער האָט אויך געבראַכט מיט זיך זיינע צוויי זין, אַלעקסאַנדער און אַנטיגאָנוס. און מיטגעבראַכט האָט ער זיינע זין נישט אַזוי אויף צו איבן זיי אין לעבן פון דער מלוכה, ווי בעיקר אויף צו ווייזן פּאָמפּייאוסן, אַז ער שטיצט זיין מאַכט פון סטאַבילקייט אויף נאָכקום. אין זייערע פוסטריט זענען געקומען הורקנוס און אַנטיפּאַטער און אויך מיט אַ גרויסער סוויטע. און באַזונדער איז געקומען אַ מחנה פון צוויי הונדערט יידן, צוזאַמענגענומען פון אַלע עקן יהודה, אויף צו רעדן אין נאָמען פון פאָלק. ווי אַלע דריי מחנות זענען געווען צעטיילט אין דעם ציל, פאַר וועלכן זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דמשק, אַזוי זענען די דריי באַזונדערע צדדים געווען אַ צייכן פאַר פּאָמפּייאוסן, אַז יהודה גייט אים אַריינפאַלן אין די הענט, ווי אַ צייטיקע פרוכט, וואָס קאָן זיך מער נישט האַלטן אויף דער צווייג.

ביי זייער ערשטן צוזאַמענטרעף האָט דער מלך געזאָגט צו אַרטאַפּאַנוסן:

„עס איז דערגאַנגען צו מיר, אַז דו האַלטסט־אָפּ נצחונות אין דמשק, אָבער אויסזען זעסטו אויס ווי אַ שלעכטע בשורה.“

„עס גייט אויף אונדז דאָס, וואָס איך האָב געפילט, אַז עס וועט קומען — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט — פּאָמפּייאוס האָט נאָך זיינע זיגן נישט פאַרענדיקט. ער טראַכט נישט וועגן אַ שנעלן צוריקקערן קיין רוים.“

„איז וואָס איז דאָס פאַר אַ סימן? — האָט אַריסטובול געפרעגט — יעדער זיגער האָט ליב דעם פלאַץ פון זיין נצחון. איך האָב געמיינט, אַז אין דער פריילעכער שטאָט דמשק האָסטו זיך באַפרייט פון דיין קאָשמאַרער נביאות. און איצט זע איך, אַז אפילו דערפאַלגן מאַכן דיך נישט האַפערדיקער.“

„מיין מלך! — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט אַ געדריקטער שטים — דאָס וואָס איך האָב דיר געזאָגט, איז נישט פון דמיון. קלאַודיאַ האָט מיר דאָס דערציילט.“

„ווער איז קלאַודיאַ? — האָט זיך אַריסטובול געוווּנדערט — צי איז אין דער סביבה פון יעדן הערשער פאַראַן אַ מרים־אַפּאַלינאַ?!“

אַרטאַפּאַנוסן איז דאָס בלוט אָנגעלאָפן אין פּנים אַריין און אינסטינקטיוו האָט ער אָנגעכאַפּט דאָס הענטל פון קינזשאַל אין זיין גאַרטל. אָבער ווי זיין בליק האָט אויפגעבליצט, אַזוי איז ער אויך פאַרנעפּלט געוואָרן און די האַנט האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט פון קינזשאַל.

„מיין מלך האָט מיר איצט דעם נאָמען נישט געדאַרפט דערמאָנען — האָט ער געזאָגט מיט פאַרדרוס — איך האָב גאָרנישט געטאָן אַזעלכעס, פאַרוואָס דו זאָלסט מיך דאַרפן שטראָפן און דו האָסט מיך באַשטראָפט אַזוי שטרענג, אַז דער טויט וואָלט מיר איצט ליבער געווען.“

דער מלך האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף די אַקסלען פון אַרטאַפּאַנוסן און ער האָט אים אַריינגעשמייכלט אין פנים:

„גאָרנישט פון דעם איז געווען מיין כוונה. איך ווייס, אַז מיט דיין דערשיינען פאַר פּאַמפּייאוסן האָסטו פאַרשאַפט כבוד ירושלים און געשטאַרקט דעם אָנזען פון יהודה. מיר רעדן ווי מענער. און ווען צוויי מענער רעדן, דאַרף נישט קיין שום פרוי זיין די פּלעווע אין אויג פון זייער פריינטשאַפט."

„מיין מלך, קלאַודיאַ איז נישט נאָר אַ פרוי; זי איז אַ נס. אויב גאָט פירט דעם מענטש אויף זיינע וועגן, האָט ער מיך געפירט צו קלאַודיאַ. דאָס איז די טאָכטער פון פּאַמפּייאוס. און דורך דעם דאָזיקן נס פאַר מיר, איז מיר געגעבן געוואָרן דער צייכן, וואָס עס דערוואַרט אונדזער לאַנד. איך האָב דיר געזאָגט אַלץ, און מער האָב איך נישט וואָס דיר צו זאָגן..."

און זיי זענען אַוועק צו פּאַמפּייאוס. דער רוימישער פעלדמאַרשאַל האָט אויפגענומען אַריסטובולן אַזוי ווי ער וואָלט אים שוין געקענט פון לאַנג און ווידער האָבן זיך באַגעגנט צוויי אַלטע פריינט. און ווידער האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצודריקן זיין באַוואונדערונג פאַר די מענער פון יהודה. אַריסטובול האָט זיך געהאַלטן ווירדיק און נישט באַהאַלטן זיין שטאָלץ, וואָס פון ביידע זייטן פון אים שטייען זיינע צוויי זין, די עדות פון זיין אומפאַרגענגלעכקייט. ער האָט געזאָגט:

„דו פרעגסט מיך, גנעדיקער פעלדמאַרשאַל און זיגער, פאַרוואָס אין יהודה איז געשטעלט געוואָרן בראש פון פאָלק און לאַנד אַ מלך? מיר קאָנען מער נישט זיין אַ טעאָקראַטיש לאַנד. צי איז דען אַרום יהודה איין לאַנד יאָ טעאָקראַטיש? מיין פאָטער, דער מלך אַלעקסאַנדער־יאַנאַי, האָט אין זיין מלוכה איינגעשטעלט פּונקט אַזאַ סדר, ווי עס האָט אין זיין צייט געהערשט אין אַלע אַרומיקע לענדער. ער האָט געוואָלט זיין פאָלק זאָל זיך נישט אונטערשיידן פון אַלע פעלקער אַרום, סיי אין שטייגער, סיי אין דער שפּראַך און סיי אין די מנהגים. איך, זיין זון, וויל פאַרפעסטיקן, וואָס מיין פאָטער האָט איינגעשטעלט און וואָס ער האָט איבערגענומען פון דעם פריערדיקן מלך. און אויב איך האָב איבערגענומען די מאַכט פון מיין ברודער דעם בכור, איז דאָס נישט דערפאַר וואָס איך זאָל כלומרשט זיין מאַכט־גייציק, ווי דאָס טראַכטן אויס די שונאים, נאָר דערפאַר, ווייל מיין ברודער איז נישט באַשענקט געוואָרן פון גאָט מיט די פעאיקייטן צו רעגירן. און כדי דאָך צו שוינען זיינע רעכט אַלס בכור, איז ער דער הויפּט־פּריסטער פון אונדזער הייליקסט הייליקייט, הגם לויט דעם איינגעשטעלטן מנהג אין יהודה איז דער מלך אויך הויפּט־פּריסטער."

פּאַמפּייאוס האָט דאָס אַלץ געוווּסט פון פריער און ער האָט נישט געלייגט קיין איבעריקן אַכט אויף די רייד פון אַריסטובול. אָבער ווי נאָר ער האָט געענדיקט, האָט דער רוימער אַ פרעג געטון ציניש:

„צי איז עס ריכטיק, אַז מען האָט אייער פאָטער אָנגערופן מיטן נאָמען ,טראַקיער'?"

„איך וועל דאָס נישט לייקענען — האָט אַריסטובול געקוקט אים גלייך אין די אויגן — עס איז אָבער אויך אמת, אַז וואָס מער אַ שונא איז מאַכטלאָז, אַלץ מער שענדלעכע געמען טראַכט ער צו פּאַר זיין קעגנער."

„דאָס איז ריכטיק — האָט פּאָמפּייאוס צוגעשטימט — אָבער דעם נאָמען ‚טראַקיער' האָבן אייער פּאָטער געגעבן נישט אויסערלעכע שונאים, נאָר יהודייער, וואָס אייער פּאָטער זאָל האָבן קעגן זיי געהאַנדלט, ווי מען האַנדלט קעגן אויסער־לעכע שונאים."

„מיין פּאָטער איז געווען האַרב נאָר קעגן אַזעלכע יהודייער, וואָס האָבן געמאַכט אינערלעכע אויפשטאַנדן און געהעצט דאָס פֿאָלק אויפצושטיין קעגן דעם מלך. צי קען מען זיך מיט אַזעלכע לייט באַגיין אַנדערש, ווי זיי האַרב באַשטראָפן?"

„דאָס איז ריכטיק — האָט פּאָמפּייאוס אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ — נאָר צו מיר איז דערגאַנגען, אַז אייער פּאָטער איז אַרויסגעטרעטן קעגן די געזעצן פון אייער גאָט, קעגן די געזעצן, וואָס האַלטן אָרדענונג צווישן אייך, און רוים איז פּאַר דעם עס זאָל הערשן אָרדענונג! אָרדענונג און נאָך אַ מאָל אָרדענונג!"

אַריסטובול האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט העכער, מיט מאַיעסטעט־טישער ווירדע:

„שוין דאָס אַליין וואָס דיר, גרויסער זיגער, זענען צוגעטראָגן געוואָרן אַזעלכע פֿאַלשקייטן, באַווייזט, אַז די אינערלעכע פּיינט פון יהודה זענען אַזעלכע פֿאַרביסענע, אַז זיי שטעלן זיך נישט אָפּ אפילו אויף צו פֿאַרמיאוסן אין דיינע אויגן אַן איבערגעגעבענעם פריינט פון רוים."

„איך בין זיכער, אַז דו, הערשער פון יהודה, ביסט עס" — האָט פּאָמפּייאוס אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אָבער ווען אַריסטובול האָט געפרעגט, צי קען ער זיין זיכער אויך אויף ווייטער מיט דער פריינטלעכער אונטערשטיצונג פון רוים, האָט דער פעלדמאַרשאַל געענטפערט דיפּלאָמאַטיש:

„פון אַלע צייטן האָב איך ליב פֿאַרנונפט אין מאַכט; אין דיר געפין איך אַ פֿאַרנונפטיקן הערשער."

נאָך דער אודיענץ ביים רוימער איז שוין אַריסטובול נישט געווען אַזוי האָפֿערדיק, ווי ער איז עס געווען דעמאָלט, ווען אַרטאַפּאַנוס האָט אים איבער־געגעבן, וואָס ער טראַכט וועגן די פּלענער פון פּאָמפּייאוס. ער איז אַוועק מיט אַ שלעכט געפיל, אַז דער רוימער איז זיין באַהאַלטענער שונא און דערויבער דער שונא פון יהודה. פּאָמפּייאוס האָט אים אפילו נישט אָנגערופן מלך, נאָר הערשער. אין האַרץ פון אַריסטובול האָט זיך אַריינגעריסן פֿאַרדאַכט און פּחד. אָבער אַרטאַפּאַנוסן האָט ער וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט.

נישט ווייניקער ווי פּאָמפּייאוס האָט געהאַט זיין פּלאַן צו באַהערשן יהודה, האָבן אים צו דעם דערמוטיקט די יהודייער גופא, ער זאָל זיין פּלאַן אויספירן וואָס שנעלער.

הורקנוס איז געקומען צו אים מיט אַ גרויסער סוויטע פון אַלטע בכבודיקע לייט, געקליידעטע רייך און פֿאַרביק. די לאַנגע גרויסע בערד פון די חשובע לייט

און די יוסטע יהודייאישע קיטלען מיט דיקע גאַרטלען האָבן געדאַרפט ביים רוימער אַרויסרופן דרך־ארץ. אָבער די ווערטער פון הורקנוסן האָבן דערנידעריקט, סיי אים אַליין און סיי זיינע באַגלייטער. וואָרפנדיק פון צייט צו צייט אַ בליק צו אַנטיפּאַטערן, ווי ער וואָלט זיך אַליין נישט געטרויט, האָט ער זיין ברודער פאַרגעשטעלט ווי אַ לייכטזיניקן אכזר, וואָס האָט מיט כוח ביי אים צוגענומען די מאַכט און פירט איבערפאַל־מלחמות אויף די שכנותדיקע גרענעצן.

„ווען דעם איז דערגאַנגען צו מיר!" — האָט פּאָמפּייאוס אויסגערופן און באַלד האָט אַנטיפּאַטער אַריינגעוואָרפן:

„מיין מלך דאַרף אויך צוגעבן, וואָס עס איז איבעריקנס אַלעמען באַקאַנט, אַז דער אוזורפּאַטאָר אַריסטובול דינגט ווי זעלבער — ים־רויבער, וואָס ראַטעווען זיך אַזוי אַרום אַרויס פון אַ פאַרדינטער שטראָף."

הורקנוס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אַ באַשטעטיקונג.

פּאָמפּייאוס איז דערצאָרנט געוואָרן פון די ווערטער. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט אומגעבראַכט אַלע ים־רויבער אין סיריע, און אָט הערט ער, אַז זיי אַנטלויפן קיין יהודה און דינגען זיך אָן אין אַריסטובולס אַרמיי. הורקנוס האָט געוווּסט, אַז אַנטיפּאַטער האָט געזאָגט אַ שקר, כדי דעם רוימער אויפצורייצן קעגן זיין ברודער, אָבער ער איז געווען צו שוואַך עס אָפּצולייקענען, ווען זיין פריינט זאָגט דאָס פאַר זיין טובה־וועגן.

„און אַריסטובול טרעט מיט די פיס נישט נאָר אונדזערע געזעצן, וואָס לויט זיי איז מיין הערשער דער מלך פון יהודה, נאָר ער צעטרעט אַלע אונדזערע אַלטע געזעצן, וואָס זענען אונדז געגעבן געוואָרן פון אונדזער גאָט — האָט אַנטיפּאַטער ווייטער געהעצט דעם רוימער — דערפאַר איז אונדזער לאַנד געוואָרן אַ קאַמפּס־פּלאַץ, ווו אייגענע ברידער שעכטן זיך אויס. נאָר דו, רוימישער האַר פון מאַכט און אָרדענונג, קען צוימען דעם אכזר, און דורך פאַרזיכערן די מאַכט פון מיין האַר הורקנוס, ווי דעם מלך פון יהודה, איינשטעלן אָרדענונג אין אונדזער לאַנד."

מיט איין מאָל האָט פּאָמפּייאוס איבערגעריסן דאָס געשפּרעך און אומגעדולדיק זיך אויפגעשטעלט:

„איך קאָן אייך גאָרנישט צוזאָגן איצט."

הורקנוס און אַנטיפּאַטער צוזאַמען מיט די חשובע לייט זענען אַוועק דער־שלאָגענע. און זיי זענען געווען נאָך מער דערשלאָגן, ווען זיי האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז פּאָמפּייאוס האָט מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען די צוויי הונדערט יהודייער, וואָס זענען געקומען צום רוימער נישט אין נאָמען פון דעם מלך און נישט אין נאָמען פון דעם כהן־גדול, נאָר אין נאָמען פון די ערלעכע לייט אין יהודה, וואָס זענען מיד פון די אייביקע מרידות און מלחמות סיי מיט די שכנותדיקע פעלקער און שבטים און סיי צווישן די פּאַרטייען:

„הער אויס אונדזער ווייגעשריי, גרויסער האַר — האָבן די זקנים געקלאָגט — זייט דער זיידע פון די איצטיקע חשמונאים־ברידער האָט אָפּגעשאַפט די אויבערהערשאַפט פון דעם כהן־גדול און זיך אויסגערופן פאַר מלך, ווייסט נישט

דאָס לאַנד פון רו און שלום. דאָס איז די שטראָף פון גאָט, ווייל פריער גאָט און שפּעטער דער רוימישער סענאַט האָבן געוואָלט, אַז איבער יהודה זאָל שטיין אַ כהן־גדול. דערום זענען מיר געקומען צו דיר, הערשער און רומרייכער זיגער, דו זאָלסט אונדז באַפרייען פון יעדן מלך און איבער אונדז אַוועקשטעלן אַ כהן־גדול, כדי די געזעצן פון אונדזערע אבות זאָלן האָבן אַ האַפט און אין אונדזער לאַנד זאָל הערשן שלום."

פּאָמפּייאוס איז געווען צופרידן. ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דעם ערשטן זקן און אים געקלאַפּט אין פּלייצע:

„פּאַרט אַהיים אין אייער לאַנד. איך וועל ביי אייך איינשטעלן אָרדענונג לויט די געזעצן."

„ווען וועט עס געשען? — האָבן די זקנים געפרעגט — צי וועט דאָס נאָך געשען ביי אונדזער לעבן?"

„אַ סך פריער!" — האָט ער אויסגערופן אַ צופרידענער.

קלאַודיאַ האָט אמת געזאָגט. דעם וואָס מען האָט ליב ווי דאָס אייגענע לעבן, גאַרט מען נישט. איר פאָטער וועט נאָך לאַנג פאַרבלייבן אין דער עקזאָטישער וועלט. און ער וועט אויך זיין אין יהודה. אָ, ווי זי וואָלט געוואָלט זיין אין דעם לאַנד פון דעם, וואָס איר נשמה גייט אויס נאָך אים, וואָס זי בענקט צו אים, ווען ער איז מיט איר און זי איז קראַנק, ווען זי זעט אים נישט. אָבער זי איז אַ פרוי און איר פאָטער האָט אַזוי אויך אַרויסגעוויזן צו איר חסדים, וואָס ער האָט זי געבראַכט קיין דמשק און זי האָט געפונען דעם וואָס זי האָט געזוכט. און איצט וועט זי מוזן צוריקקערן קיין רוים, צוריקקערן, ווי צעשניטן אויף צוויי שטיקער, בעת איין שטיק וועט זיך דערווייטערן און דער צווייטער וועט בלייבן ערגעץ דאָ נישט ווייט...

און נאָך מער ווי קלאַודיאַ האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעלעבט טעג פון פאַר־צווייפלונג. ער האָט איצט צוויי ליבשאַפטן — זיין לאַנד און קלאַודיאַ. און ער פילט, אַז ביידע גייט ער פאַרלירן און אַז אָן ביידע האָט דאָס לעבן נישט מער קיין זין. ער האָט נאָך געהאַלטן קלאַודיאַן אין זיינע אָרעמס און נישט געגלייבט, אַז דאָס איז וואָר. אָט וועט ער זיך אויפכאַפּן פון חלום און זי וועט מער נישט זיין. און דעמאָלט וועט ער צוריקקערן קיין ירושלים, און אויך דאָס וועט זיין נישט מער ווי אַ חלום.

ער האָט די קלעמעניש נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן און דערציילט אַריסטובולן, וואָס אים פאַרבינדט מיט דער טאָכטער פון פּאָמפּייאוס.

אַריסטובול האָט אויפגעלויכטן און געהאַט טענות צו אַרטאַפּאַנוסן, פאַרוואָס ער האָט אים וועגן דעם פריער נישט דערציילט. אין זיין לייכטזיניקייט האָט אַריסטובול באַלד פאַרבונדן האָפענונגען מיט דעם, וואָס זיין יונגער פריינט האָט אים דערציילט. דורך דער פאַרליבטער פרוי קאָן מען דאָך צו נישט מאַכן אַלע

מזימות פון פּאָמפּייאוסן! דער פּאָטער האָט זי ליב און זי האָט ליב אַרטאַפּאַנוסן — ס׳איז דאָך אַלץ אַזוי פּשוט. זאָל אים נאָר אַרטאַפּאַנוס ווייזן זיין ליבשאַפט און ער, אַריסטובול, וועט דערווייל טראַכטן ווי אַזוי דאָס צו מאַכן.

ביידע, דער מלך און אַרטאַפּאַנוס, זענען אַוועק אין קעניגלעכן פּאַרק, ווו קלאַודיאַ שפּאַצירט. ווען אַריסטובול האָט דערזען די יונגע פרוי אין איר צעבליטקייט, ווי עס קאָן נאָר זיין צעבליט אַ פרוי אין ליבשאַפט, האָט ער זי אָפּגעשאַצט אויף זיין שטייגער:

„פאַר אַזאַ פרוי איז ווערט צו פירן צען מלחמות.״

און באַלד האָט ער זי איינגעלאַדן, זי זאָל קומען קיין ירושלים. ער וועט פאַר איר שיקן דעם שענסטן רייטוואָגן און טויזנט זעלנער וועלן זי באַגלייטן אויף איר וועג. דאָס וועלן זיין די טויזנט זעלנער איבער וועלכע ער, אַרטאַפּאַנוס, איז דער קאָמאַנדיר.

אין אַרטאַפּאַנוסן האָבן זיך איבערגעדרייט די געדערעם פון אייפערזוכט און פּחד: אין ירושלים וועט דער מלך צונעמען זיין געליבטע און איר פאָטער וועט צונעמען ירושלים.

נישט אַריסטובול און נישט קלאַודיאַ האָבן פאַרשטאַנען דעם פּלוצימען אויסברוך פון אַרטאַפּאַנוסן, וואָס האָט שנעל געזאָגט:

„קלאַודיאַ קאָן נישט פאָרן קיין ירושלים; זי איילט צוריק קיין רוים. אמת, קלאַודיאַ?״

דאָס איז געווען דער אמת און גאָרנישט האָט געקאָנט ענדערן דעם אמת. אָבער אין דער רגע האָט אַרטאַפּאַנוס געזען אַלץ פאַר מעגלעך. אַריסטובול האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז נישט גאַסטפריינטלעך, און אין זיין פאַרלוירנקייט האָט אַרטאַפּאַנוס נישט געפונען קיין ווערטער, ווי אַזוי דאָס אָפּצולייקענען. אַריסטובול, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין העמונגען, האָט ווידער געזאָגט צו קלאַודיאַן:

„איר דאַרפט זען מיין שיינע הויפטשטאָט. די געמאַרקן פון ירושלים וועלן נאָך שענער ווערן, ווען איר וועט זיי באַטרעטן; אין מיין לאַנד וועט איר געפינען קוואַלן, ווו פרויען באָדן זיך כדי צו ווערן שיין.״

צערייצט האָט אַרטאַפּאַנוס זיך אָפּגערופן:

„גאָט האָט קלאַודיאַן באַשאַפן ווי די שענסטע פרוי אין דער וועלט און קיין שום פון זיינע קוואַלן האָבן נישט מער וואָס איר צוצוגעבן.״

קלאַודיאַ איז רויט געוואָרן, און אַריסטובול האָט נישט געפונען דאָס וואָרט, וואָס זאָל זיין שטאַרקער פון דעם, וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט געזאָגט...

ביינאַכט, ווען קלאַודיאַ איז אַרויס פון דעם זייטיקן טויער פון דעם קעניגלעכן פּאַרק, האָט איר אַרטאַפּאַנוס באַגעגנט, ווי זי וואָלט זיך צוריק אָפּגעפונען, נאָך דעם ווי ער האָט זי שוין לאַנג געהאַט פאַרלוירן. עס האָט קיין סוף נישט גענומען צו זיינע צערטלעכקייטן און זי האָט זיך געטוליעט צו אים ווי זי וואָלט זיך וועלן צונויפקנעטן מיט זיין גוף אויף אייביק:

„פּאַרוואָס ווילסטו נישט איך זאָל זיין אין ירושלים?" — האָט זי אים געפרעגט פליסטערנדיק. און ער האָט איר איינגערוימט אין אויער:

„איך וויל דיך האָבן בלויז פאַר זיך אַליין. אפילו אויף ירושלים בין איך אייפערזיכטיק."

„נישט אויף ירושלים ביסטו אייפערזיכטיק, נאָר אויף דיין מלך" — האָט זי זיך צאַרט גערייצט מיט אים.

„ביי גאָט אין הימל, דערמאָן מיר נישט" — האָט ער אויסגערופן און מיט זיינע ליפּן פאַרזיגלט אירע ליפּן.

עס איז געווען אי אייפערזוכט, אי אַזאַ מעכטיק געפיל, אַז זיין גורל מיט קלאַודיאַן איז צונויפגעפלאָכטן מיט דעם גורל פון זיין לאַנד. ווי לאַנג ער האַלט זי אין זיינע אָרעמס און ער פילט דעם ריזל פון איר בלוט, אַזוי לאַנג איז זיין היימלאַנד פריי; אין דעם טאָג, ווען ער וועט פאַרלירן קלאַודיאַן, זי וועט אַוועק, וועט דער רוימישער אָדלער אָנפליען אויף ירושלים, און דאַן... דאַן?...

אַריסטובול, ווי שנעל ער האָט זיך אָנגעצונדן מיט אילוזיעס, אַזוי שנעל האָט ער זיך פאַרלאָשן. זיין וועג צוריק קיין ירושלים איז געווען אַ וועג פון פּיין. און וואָס מער ער האָט זיך דערנעענטערט צו זיין הויפּטשטאָט, אַלץ אינטענסיווער האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי צו שיצן זיין לאַנד.

די אַראַבישע אַרמיי האָט ער אַליין פאַרניכטעט און אין דעם מלך אַרעטאַס זיך געקויפט אַן אייביקן שונא. דער נאַבאַטייער מלך זאָל אים פאַרדינגען זיין אַרמיי — אויף דעם קאָן ער נישט רעכענען. מיט זיין אייגענער אַרמיי קאָן ער באַזיגן יעדן שבט איבער די גרענעצן פון יהודה, אָבער קעגן די רוימישע לעגיאָנען איז זי צו שוואַך, צו שוואַך. און אין לאַנד גופא האָט ער איצט קעגן זיך צוויי פיינט — זיין ברודער מיט די פּרושים, און די פּאַרטיי פון די אַנטוישטע. און אויך די איסיים זענען שונאים. און די יונגע צדוקים פון זיין אייגענער פּאַרטיי טראַכטן וועגן תענוגים און וועגן מאַכט. כל־זמן די צייט איז רואיק און זייערע פּאָטערס זענען ביי דער מאַכט, ווילן זיי געניסן און זיך באַרייכערן. אָ, ער האָט שוין לאַנג געטראַכט וועגן דעם, אַז ווען ער זאָל האָבן הונדערט אַזעלכע בראַווע יונגעלייט ווי עס איז בראַוו אַרטאַפּאַנוס, וואָלט ער געווען זיכער אין יעדן נצחון. און אפילו דער איינציקער האָט זיך אויף פאַרהאַלטן אין דמשק. אָ, עס איז גאָר מעגלעך, אַז דאָס וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פאַרליבט אין קלאַודיאַן איז גאָר אַ מזימה פון פּאָמפּייאוסן, אָפּצופרעמדן אים פון ירושלים און פון אים, אַריסטובולן. די רוימער זענען דורכגעטריבן אין זייערע איינפאַלן און אויף צו באַזיגן די וואָס זיי ווילן באַזיגן, שטעלן זיי זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום אינטריגעס.

האָט ער געלאָזט וויסן אַרטאַפּאַנוסן ער זאָל צוריקקומען אַהיים. ער דאַרף האָבן זיין דערפאַרונג מיט די רוימישע אָפיצירן אין דמשק. איצט וועט ער אים גלייבן אַלץ, וואָס ער וועט אים זאָגן, ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער, אַרטאַפּאַנוס, איז באַשאָנקען מיט חכמה און פאַרגעפיל. און זיכער האָט ער אין דמשק אויסגעפונען צו וואָס און אויף ווען עס גרייט זיך דער רוימער. זאָל ער

אַלץ מקריב זיין און קומען קיין ירושלים. אויף דעם האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט דעם מלך, אַז זיין פֿאַרהאַלטן זיך אין דמשק איז מער ווערט ווי דער כוח פון צען טויזנט זעלנער. און צו זיך אַליין האָט ער געזאָגט: „ווי לאַנג איך בין מיט קלאַודיאַן, דראָט נישט מיין לאַנד קיין סכנה.״ און ער איז געבליבן אין דמשק און יעדע נאַכט געבעטן ביי איר, זי זאָל כישוף טאָן צו איר פאָטער, זי זאָל דאָ בלייבן אויף שטענדיק, אויף אייביק. און זי האָט געפרעגט ביי אים:

„וואָס פאַר אַ כישוף זאָל איך טון? וואָרום איך גיי אויס. אין דעם טאָג ווען מיין פאָטער וועט מיך צוריקשיקן קיין רוים, וועל איך שטאַרבן.״

און ער האָט איר נישט געקאָנט זאָגן, וואָס פאַר אַ כישוף זי זאָל טאָן צו איר פאָטער.

אָבער באַלד האָט פּאָמפּייאוס באַשלאָסן צוריקשיקן זיין טאָכטער קיין רוים. דער באַשלוס איז פאַר איר געקומען ווי אַ מיליטערישער באַפעל, פּלוצים, הגם זי האָט געוווסט, אַז דאָס וועט געשען.

אין יענער נאַכט, די לעצטע נאַכט פון זייער זיין צוזאַמען, האָט קלאַודיאַ געוויינט אין די אָרעמס פון אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט נישט געקענט זי באַרואיקן, ווייל אויך פאַר זיך אַליין האָט ער קיין טרייסט נישט געקענט געפינען. ער האָט אויסגעקושט אירע טרערן און פרישע טרערן זענען אָנגעפלאָסן אין אירע אויגן.

„פאַרוואָס האָבן מיך די געטער פאַרשאָלטן איך זאָל דיך אויסגעפינען און מוזן צוריק פאַרלירן?״ — האָט זי געפרעגט און ער האָט איר בלויז געקענט ענטפערן, אַז דער גאָט אין הימל באַשטימט דעם גורל פון מענטשן אויף דער ערד און קיינער קען דעם גורל נישט אָפּרופן.

„בעט ביי אים. האָסט מיר געזאָגט, אַז דיין גאָט הערט זיך צו צו די תפילות פון יעדן מענטשן באַזונדער. האָסטו מיר דאָס נישט געזאָגט? בעט ביי אים, וואָרום ער איז פרעמד צו מיר און ער וועט מיין געבעט זיכער נישט הערן.״

און זי האָט געוויינט.

זיי האָבן זיך געזעגנט ביים ליכט פון דעם מאָרגנשטערן און זיי האָבן זיך צעשיידט מיט אַזאַ ווייטיק, ווי זייערע לייבער וואָלטן צעשניטן געוואָרן אויף דער העלפט. ווי אַן אבל האָט אַרטאַפּאַנוס צוריקגעקערט אַהיים, ווו צום צער פון צעשיידונג האָט אויף אים געוואַרט דער צער פון זיין היים.

אין זיין דערשלאָגנקייט האָט ער אָפּגעגעבן דעם מלך אַ באַריכט און אים אַזוי געזאָגט:

„ווייס, מיין מלך, אַז פּאָמפּייאוס האַלט דיך פאַר דעם איינציקן כוח, וואָס וועט זיך קעגנשטעלן זיינע לעגיאָנען זאָלן באַזעצן יהודה. ביסטו דעריבער אויך דער איינציקער צו פאַראייניקן דאָס פאָלק, אָפּשטעלן די מרידות. עס וואָלט געווען גלייך דו זאָלסט רופן די פירער פון די פרושים און די זקנים וואָס זענען געווען אין דמשק, און זיי דערציילן, וואָס עס דערוואַרט אונדזער לאַנד און אונדזער פאָלק אין צעריסנקייט. טאָמער וועלן מיר זיין אייניק און קענען איינ־

זאַמלען אַ חייל פון גאַנצן לאַנד, וועלן מיר צעברעכן דעם רוקן פון די רוימישע לעגיאָנען. איך ווייס עס, אַז פּאָמפּייאוס קלייבט זיך צו ערשטן צו פאַרניכטן די נאַבאַטייער און ערשט נאָך דעם וועט ער צוריקקומען צו אונדז, כדי אונדז איינצושלינגען. אויב מיר וועלן זיין פאַראייניקט, וועלן מיר צוהעלפן זיינע לעגיאָנען זאָלן זיך אויסבלוטיקן אין דער מלחמה מיט די אַראַבער, און דעמאָלט, ווען זיין חייל וועט זיין אָפּגעשוואַכט, וועלן מיר אים צעשלאָגן נאָך איידער ער וועט אָנהייבן אַרויפשטייגן קיין ירושלים. טאָמער אָבער וועט דאָס פאָלק זיין צעריסן, ווי מיר זעגען עס, וועט יעדער טייל פרוּוון צו געפינען חסד אין די אויגן פון די רוימער, וועלן זיי אונדז מיט דעם ,חסד׳ איינשלינגען.״

אַרטאַפּאַנוס האָט געחלומט וועגן דעם אוממעגלעכן. צו לאַנג און צו פיל זענען די פאַרטייען געווען צעריסן און צעקריגט, זיי זאָלן זיך קענען צוזאַמענרעדן אין דער שעה פון זייער אַלעמענס סכנה. איינער האָט געוואַרט אויפן צווייטנס אומגליק, און געווען זיכער, אַז דאָס וועט זיין זיין גליק. אויב גאָט אַליין ברענגט נישט קיין אומגליק אויפן צווייטן, זאָל דאָס אומגליק קומען פון דעם מדבר־מלך, אָדער פון דעם רוימער — אַבי עס זאָל קומען.

יהודה איז געלעגן אַ געבונדענע מיט די שטריק פון שנאה, אויסגעליפערט צו ווערן אויפן מזבח פון די רוימישע געצנדינער.

ביי דער צעריסנקייט אין פאָלק האָט פּאָמפּייאוס אפילו נישט געדאַרפט זוכן מרגלים פון צווישן די אדומער און גריכן אין יהודה; ער האָט זיי געפונען לרוב צווישן די יהודייער גופא. יעדער צד האָט אים אויסגעלערנט די שוואַכקייטן פון דעם צווייטן צד און לסוף האָט דער רוימער געקענט די קראַנקהאַפטע זייט פון יעדער פּאַרטיי אין יהודה און געוווּסט, ווי זי אויסצונוצן פאַר דעם נצחון פון רוים.

אַזוי איז ער געוואָרנט געוואָרן נישט צו טרויען דעם מלך אַריסטובול, וואָס איז פאַלש ווי אַ שלאַנג, כיטרע ווי אַ פוקס און געפערלעך ווי אַ טיגער. פון די דריי אייגנשאַפטן האָט פּאָמפּייאוס דווקא געהאַלטן, ווען זיי זענען מיט אים, ווען ער קען זיי אויסנוצן פאַר זיינע דערפאָלגן. און אויב די שונאים פון דעם מלך האָבן דעם רוימער געלערנט צו זיין פאַרזיכטיק מיט אַריסטובולן, ווייל זיי האָבן אים געוואָלט אומברענגען, האָט פּאָמפּייאוס דאָס געוואָלט אויסנוצן ווי אַ געווער פאַר זיך. אַ שווערד קען ברענגען אַ מפּלה און קען ברענגען אַ נצחון, עס ווענדט זיך נאָר, צי זי איז ביי מיר אין דער האַנט, אָדער אין דער האַנט פון מיין שונא.

בעת פּאָמפּייאוס איז מיט זיין אַרמיי אַריבער די גרענעץ פון יהודה, האָט אים אַריסטובול אָפּגעוואַרט מיט אַ גרויס חייל און באַגריסט, ווי דעם גרויסן פּריינץ פון יהודה און זיין מלך. ער האָט אים ווידער באַשאָנקען מיט מתנות און אים ווידער פאַרזיכערט, אַז ער איז אַ פריינט פון רוים.

וויסנדיק ווי גרויס עס איז די שנאה פון אַריסטובול צו די אַראַבער, האָט אים פּאָמפּייאוס דערציילט וועגן דעם פּלאַן פון זיין איצטיקן פעלד־צוג: פאַרניכטן די מאַכט פון דעם נאַבאַטייער מלך. אַריסטובול האָט שוין געוווּסט פון אַרטאַפּאַנוסן

וועגן דעם פּלאַן, אָבער ווען פּאָמפּייאוס האָט אים דאָס דערציילט, האָט ער עס ווי געהערט צום ערשטן מאָל און עס אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם. און זיין ענטוזיאַזם איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען דער רוימער האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל זיין הילף אין דער קאַמפּאַניע. אין דער מלחמה וועט ער, אַריסטובול, קענען נאָך אַ מאָל נקמה נעמען אין דעם אַראַבישן מלך און אין דער זעלבער צייט אַרויסווייזן זיין פריינטשאַפט צו רוים.

אַריסטובול איז אויף דעם גלייך איינגעגאַנגען.

אין דיון, ביי דער צפון־מזרחדיקער גרענעץ פון יהודה, האָט פּאָמפּייאוס איבערגרופּירט זיינע לעגיאָנען אין דער אָרדענונג, ווי זיי וועלן דאַרפן קעמפן, אויב זיי וועלן זיך אָנטרעפן אויף דער קעגנערשאַפט פון דעם נאַבאַטייער חייל. טאָמער וואָלט אַריסטובול געדענקט די ווערטער פון אַרטאַפּאַנוסן, וואָלט ער, ווייניקסטנס, באַגלייט פּאָמפּייאוסן ביז דער שלאַכט מיט אַרעטאַסעס חייל. אָבער אַריסטובול האָט געהערט צו דעם טיפּ מענטשן, וואָס נעמען אָן זייער אייגענע לייכטזיניקייט פאַר אַ בעסערן לערער, איידער די חכמה פון אַנדערע.

אין זיין אויפריכטיקן אייפער, דאָס מאָל צו שיצן זיין לאַנד מער ווי זיין מאַכט, האָט ער זיך געלאָזט פירן פון זיין אימפּולסיוון טעמפּעראַמענט. ער איז אַוועק צו פּאָמפּייאוסן און אים געפרעגט, אין וועלכן פּונקט ער וועט אַריבער די גרענעץ צו די נאַבאַטייער. זייענדיק זיכער, אַז אַריסטובול וועט מאַרשירן צוזאַמען מיט דעם רוימישן חייל, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט אויסגעקליבן דעם פּונקט ביי דער שטאָט אדרעי. אַריסטובול האָט געמאַכט אַ נישט געלונגענעם אָנשטעל:

„אויב אַזוי וועל איך מיט מיין חייל איילן שנעלער אויף דרום און דיך אָפּוואַרטן מזרחדיק פון הרמתה."

פּאַרדאַכטן האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין האַרץ פון פּאָמפּייאוס. דער יהודייער קאָנספּירירט עפּעס קעגן אים. וואָס פאַר אַן אייגנשאַפט פון די, וואָס ער האָט געהערט, אַז ער פאַרמאָגט זיי, וועט ער איצט לאָזן אין גאַנג? די שלאַנג, דעם פוקס אָדער דעם טיגער? און אפשר אַלע דריי?

אַריסטובול האָט אפילו נישט געוואַרט ביז פּאָמפּייאוס וועט אים לאָזן וויסן דעם צוגעזאָגטן ענטפער און ער האָט אויך נישט חושד געווען, אַז דער רוימער האָט אויף אים אַן אויג. אונטער דער נאַכט־פינצטערניש האָט ער אָפּגעצויגן זיין חייל און אַנטלאָפן אין דער פעסטונג אַלעקסאַנדריאָן.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פונעם סוף.

קאַפּיטל עלף

נאָך איידער אַריסטובול האָט דערגרייכט די פעסטונג, האָט פּאָמפּייאוס שוין געוווּסט, אַז זיין „יהודייער פריינט" האָט אים פאַרראַטן — אים, דעם באַזיגער פון גאַנץ סיריע. ער האָט פאַרראַטן רוים! דער פעלדמאַרשאַל איז אַריינגעפאַלן אין צאָרן און באַפוילן, אַז ער גיט אויף די קאַמפּאַניע קעגן די נאַבאַטייער און אַנשטאָט אויף דרום, ריכטעט ער דעם מאַרש אויף דרום־מערב, כדי צו דערגרייכן פריער, וואָס ער האָט געפּלאַנט אויף שפּעטער — „איינשטעלן אָרדענונג אין יהודה", ווי ער האָט צוגעזאָגט די זקנים אין דמשק.

ערשט ווען די רוימער האָבן אָנגעיאָגט צו דער פעסטונג און אַריסטובולן איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז פּאָמפּייאוס פאָדערט, ער זאָל אַרויסקומען צו אים, האָט דער מלך איינגעזען דעם שרעקלעכן לייכטזיניקן פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען. אַלע אַנשטרענגונגען און אַלע טייערע מתנות זענען אַוועק מיטן ווינט און ער האָט אַליין, מיט זיין אייגענער אומבאַרעכנטקייט, אָנגערייצט קעגן זיך פּאָמפּייאוסן נאָך מער, ווי דאָס וואָלט געקענט טון זיינס אַ שונא. אַנשטאָט לאָזן די רוימער זיך אויסבלוטיקן אין דער מלחמה מיט די אַראַבער און דערמיט געווינען צייט, האָט ער אַליין גורם געווען, אַז די אויסגערוטע און גוט־געאָרדנטע לעגיאָנען זאָלן ווענדן זייער כוח אויף יהודה. און זיין אייגן חייל איז אַזוי קליין, אַז אויב ער זאָל איצט נישט אַרויסקומען צו פּאָמפּייאוסן, קען ער בלויז העלדיש אומקומען אין דער פעסטונג.

אַ האַלב־געשלאָגענער איז דער מלך אַריסטובול אַרויס צו פּאָמפּייאוסן און געהייסן עפענען די טויערן פון דער פעסטונג. אפילו אָן יעדן סימן פון איבער־צייגונג און אָן דעם ער זאָל געפרעגט ווערן, האָט ער פאַרזיכערט דעם פעלדמאַרשאַל, אַז ער האָט נישט געהאַט בדעה אים צו פאַרראַטן. נישט מער, זיין חייל איז קליין און איז נישט צוגעגרייט צו דער מלחמה. איז ער געקומען אַהער, כדי צונויפנעמען נאָך אָפּטיילונגען און דאַן וואָלט ער געאיילט קיין הרמתה, ווי ער האָט צוגעזאָגט — „ווייל נאָר אַ כבוד קען זיין פאַר מיר צו שלאָגן די נאַבאַטייער."

פּאָמפּייאוס האָט קיין איין וואָרט נישט געגלייבט. און יעדער טאָן פון דעם מלכס פאַרזיכערונגען האָט געקלונגען פאַלש אין זיינע אויערן, אַזוי, אַז ער וואָלט אים מיט זיינע אייגענע הענט דערשלאָגן אויפן פּלאַץ. אָבער דער רוימער האָט באַהערשט זיין צאָרן. ער האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף די לענדן, פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הייך און געזאָגט מיט אַ הויכער, באַהערשנדיקער שטים:

„אפילו איך זאָל אָננעמען, אַז אַלע דיינע ווערטער זענען ווערטער פון אמת, און אפילו איך זאָל אָננעמען, אַז דו ביסט אַ פריינט פון רוים, ווי דו האָסט עס פאַרזיכערט, קען איך אָבער נישט וויסן, צי עמעצער פון דיין צעריסן פאָלק, וואָס דו אַליין, דער הערשער פון יהודה, באַהערשט עס נישט, וועט נישט קומען צו הילף די נאַבאַטייער. און עס וואָלט געווען אַ נאַרישקייט פון מיין זייט איך זאָל זיך אויסדרייען מיטן רוקן צו יהודה, בעת דאָס לאַנד איז אין אומאָרדענונג. אויב אָבער דו ביסט אַ פריינט פון רוים און דו ווילסט איך זאָל קיין ספקות נישט האָבן וועגן דעם, פאָדער איך פון דיר דו זאָלסט מיר איבערגעבן אַלע פעסטונגען פון ביידע זייטן ירדן און דו זאָלסט גלייך וועגן דעם צו וויסן געבן די קאָמענדאַנטן. דער מינדסטער ווידערשטאַנד אַנטקעגנצוקומען מיין איצטיקע פאָדערונג, וועט ביי מיר אַרויסרופן דעם באַגרינדעטן פאַרדאַכט, אַז נישט קיין פריינט פון רוים ביסטו, נאָר אַ שונא!״

דער מלך אַריסטובול איז געווען געבראָכן. הינטער פּאָמפּייאוסן, מיט די הענט אויף די לענדן און די פיס צעשפּרייט, ווי ער וואָלט געווען מיט צוויי זיילן אַריינגעוואָקסן אין דער ערד, זענען געשטאַנען די צעגלאַנצטע חיילות פון רוים. האָט אַריסטובול קוים אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט פּאַטעטיש:

„צי קען איך דען פאַרגעסן, אַז דאָס האָט דער רוימישער לעגיאָן מיך אַרויסגענומען פון קלעם, ווען דאָס אַראַבישע חייל האָט באַלאַגערט מיין פּאַלקס־הייליקטום? איז ווי קענסטו מיך באַטראַכטן ווי אַ שונא פון רוים? כדי אָבער נאָך מער צו פאַרפעסטיקן דיין גלויבן אין מיין פריינטשאַפט, קום איך נאָך דיין ווילן און וועל פאַראָרדענען די קאָמענדאַנטן פון די פעסטונגען פון ביידע זייטן ירדן, זיי זאָלן פאַר דיר עפענען די טויערן און דיר איבערגעבן די פעסטונגען, און זאָלן זיי דיר דינען ווי אַ זיכערונג אויף דער צייט, ווען דו וועסט זיין אין מלחמה מיט די אַראַבער. און אַט איצט, שוין, צי איך אַרויס מיין חייל פון דער פעסטונג. זאָל זי דיר זיין אַ שטיצפונקט פאַר דיין נצחון איבער די נאַבאַטייער!..״

אַריסטובול האָט זיך געטרייסט, אַז נאָך זיין לייכטזיניקער האַנדלונג האָט ער איצט אויסגעבעסערט זיין מצב מיט חכמה. דערמיט וואָס ער גיט אָפּ די פעסטונגען צו די רוימער, קאָן ער די גאַרניזאָנען איינזאַמלען אין ירושלים, אין די מויערן, וואָס וועלן פאַרפעסטיקט און צוגעגרייט אויפן פאַל פון אַ באַלאַגערונג.

די ידיעה, אַז די רוימער האָבן באַזעצט די פעסטונגען פון ביידע זייטן ירדן, איז ווי אַ שטורעם־בליץ געלאָפן איבערן לאַנד און ווי עפּעס איבערגעוועקט אין דעם וועלקנדיקן גייסט פון פאָלק.

בעת אַרטאַפּאַנוס האָט גענומען אויף זיך די אָנפירונגביים פאַרפעסטיקן די מויערן פון ירושלים, האָט ער נישט געהאַט מער ווי די הילף פון די טויזנט אונטער זיין אָנפירערשאַפט. בלויז פאַר אַ גוטן לוין האָבן המון־מענטשן געוואָלט שלעפּן די גרויסע פעלדזן, וואָס זענען נייטיק געווען דיקער צו מאַכן די מויערן אין די ערטער, וווּ זיי זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון די פילמאַליקע אייגענע באַלאַגערונגען. אָבער ווען עס איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז אַ פרעמדער איז אַריין

אין לאַנד און מיט זיינע חיילות איבערגעשניטן דאָס לאַנד אויף צוויי. האָבן פון אַלע עקן אַנגעהויבן קיין ירושלים שטראָמען יונגע מענער און זיך פאַרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי. צום מערסטן האָבן זיי געפלאָסן פון גליל — געזונטע, האַרטע מענער, מיט אַ לשון, וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט עס קוים פאַר־שטאַנען. אַרטאַפּאַנוס האָט די יונגעלייט אַריינגענומען אין פאָדערשטן הויף פון בית־המקדש און צו זיי געזאָגט אַזוי:

„דער רוימער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צו אונדז אין לאַנד, איז ווי אַמאָל דער עמלק און נאָך ערגער פון די סעלייקידן, וואָס האָבן אַמאָל פאַרקנעכטעט און דערנידעריקט דאָס פאָלק אין יהודה און געשפּאָט פון די געזעצן פון גאָט. דער רוימער וועט צונעמען אייערע פעלדער און אייער ברויט, אייך וועט ער פאַרקנעכטן און אייערע קינדער און פרויען וועט ער פאַרקויפן ווי שקלאַפן אויף די מערק פון דמשק. טאָמער וועט איר נישט קעמפן פאַר ירושלים, איז ווי איר וואָלט איבערגעלאָזט אויף הפקר אייערע היימען און אייערע מאַמעס און אייערע פרויען, און איר אַליין וועט אומקומען אין שאַנד. געדענקט, אַז גאָט פּרוווט אייך איצט אויס, צי איר וועט פאַרטיידיקן זיין הייליקטום. און אויב איר וועט דאָס נישט טון, וועט ער עס אַנטעמען פאַר אַ צייכן, אַז איר קערט זיך אָפּ פון אים. און דעמאָלט וועט ער זיך נוקם זיין אין אייך פאַר אַלע דורות.“

און די מענער זענען געגאַנגען נאָך אים און זיך אַנגעגליט אין קאַמפּס־לוסט. און ווען אַריסטובול איז אַרויפגעקומען קיין ירושלים מיט זיין ווייניקן חייל, האָט ער זיין הויפּטשטאָט נישט דערקענט. ער האָט נישט געדענקט, אַז ווען עס איז זאָל אין ירושלים הערשן אַזאַ קעמפערישע אַטמאָספער און אַזאַ ווילן זיך קעגנ־צושטעלן דעם שונא.

די מאַסנהאַפטיקייט פון די אַנגעפלאָסענע יונגעלייט איז געווען אַזאַ גרויסע, אַז בלויז די פאַרביסנסטע צווישן די פּרושים זענען נישט מיטגעריסן געוואָרן.

„מיט אַזאַ פאָלק קען איך אויפבויען נאָך אַ מויער אַרום ירושלים — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט צום מלך — אויב נאָר די פאַרטייען וועלן נישט צעשטערן ביינאַכט, וואָס דאָס פאָלק איז גרייט צו בויען בייטאָג.“

אַריסטובול איז געווען גערירט פון אַרטאַפּאַנוסעס אייפער:

„געדענקסט ווי איך האָב דיר אַמאָל געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט האָבן הונדערט אַזעלכע ווי דו...“

„דו האָסט איצט טויזנט, מיין מלך — האָט אַרטאַפּאַנוס אים דערמוטיקט — און מאָרגן וועסטו האָבן צען טויזנט!“

אַרטאַפּאַנוס אַליין האָט איצט אַנגעהויבן גלייבן, אַז דער נצחון איז גאָרנישט אַזאַ ספקדיקער, ווי ער האָט אַנומלט געטראַכט. דער רוימער איז שטאַרק און צאָלרייך, אָבער דאָך קומט ער פון אַ ווייט לאַנד. קען זיך אים דאָס פאָלק פון יהודה אַנטקעגנשטעלן און דערפירן אים צו אַ מפּלה.

פון דעם וואָס דער מלך האָט געזען, וואָס דאָס פאָלק האָט אויפגעטון ביים פאַרפעסטיקן די מויערן און פון די ווערטער פון אַרטאַפּאַנוסן, האָט זיך אין אים

אויפגעוועקט דאָס בלוט פון זיינע עלטער־זיידעס און ער האָט געזאָגט צו אַרטאַפּאַנוסן, ווי ער וואָלט דאָס געזאָגט צו זיך אַליין:

„איצט איז מיר אַלץ איינס, ווער עס וועט זיין מלך אין יהודה, אָבער פאַר דער באַליידיקונג, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען פון דעם רוימער, פון דעם ווי ער האָט מיך דערנידעריקט אין די אויגן פון זיינע זעלנער, מוזן מיר אויסגראָבן פאַר אים אַ קבר!"

ס'איז אָבער געווען צו שפּעט. די סכנה פון פרעמדער באַהערשונג האָט אויפגעהויבן דאָס פאָלק און עס געבראַכט קיין ירושלים. אָבער די שנאה צווישן די פּאַרטייען איז נישט געמינערט געוואָרן. אַזוי האָבן אייגענע פיינט דערטראָגן צו פּאָמפּייאוסן, אַז אַריסטובול איז שוין צוגעגרייט צו אַ מלחמה קעגן אים, דעם אומבאַזיגבאַרן רוימישן פעלדמאַרשאַל, און אויף צו פאַרמיידן בלוט־פאַרגיסונגען, דאַרף ער וואָס שנעלער אַ סוף מאַכן צו דער הערשאַפט פון דעם פאַלשן מלך. הגם פּאָמפּייאוס איז געווען צוגעגרייט צו באַשטראָפן אַריסטובולן צוליב זיין פאַרראַט ביי דיון, האָט אים דאָך די נייע מסירה דערצאָרנט בלויז שוין צוליב דעם, וואָס די שונאים פון דעם מלך קענען גאָר טראַכטן, אַז עמעצער איז פעאיק בייצושטיין אַן אָנגריף פון די רוימישע לעגיאָנען.

אויב אַזוי, מוז ער באַשטראָפן נישט בלויז דעם מלך, נאָר גאַנץ ירושלים!

אָנגעקומען אין קדרון־טאָל, האָבן די לעגיאָנען דאָ אויפגעשלאָגן זייער לאַגער, און פּאָמפּייאוס האָט באַפוילן דער מלך אַריסטובול זאָל צו אים אַראָפּקומען. דאָס מאָל האָט דער רוימער אפילו שוין נישט באַהאַלטן זיין צאָרן און אים דערציילט אַלץ וואָס עס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן. צום סוף האָט ער נאָך געזאָגט מיט שפּאָט:

„איצט זע איך, אַז דו ביסט אַן אמתער און איבערגעגעבענער פריינט. אויף צוצוגרייטן זיך מיר צו העלפן אין דער מלחמה מיט די נאַבאַטייער האָסטו אפילו פאַרפעסטיקט די מויערן פון ירושלים און אָנגעפילט אַלע שפּייכלערס מיט שפּייז. דאָס אַלץ האָסטו געטון אָן צו פרעגן ביי מיר. אויב אַזוי, וועל איך איצט באַפוילן אָן צו פרעגן ביי דיר. און מיין באַפעל איז: פולע אונטערטעניקייט, אָפּשטעלן די צוגרייטונגען צו מלחמה און די גאַנצע ירושלימער באַפעלקערונג וועט מיר איינצאָלן אַ צינדז!"

אַריסטובול האָט זיך געפּרווט פאַרטיידיקן, אַז עס איז נישט ריכטיק, וואָס מען האָט פּאָמפּייאוסן צוגעטראָגן וועגן מלחמה־צוגרייטונגען. און אויב די מויער אַרום בית־המקדש איז פאַרפעסטיקט געוואָרן, איז די אַרבעט נאָך אָנגעהויבן געוואָרן אַ סך פריער, ווייל דאָס חייל פון אַרעטאַס האָט אין די מויערן געמאַכט אַ סך דורכברוכן, ווען עס האָט אים באַלאַגערט אין דינסט פון זיין ברודער הורקנוס. דאָך איז ער גרייט די אַרבעטן אָפּצושטעלן און שוין קערט ער צוריק, כדי צו פאַראָרדענען, די ירושלימער באַפעלקערונג זאָל איינצאָלן דעם געפאָדערטן צינדז. דער רוימער האָט זיך צאָרנדיק צעלאַכט:

„ווי אונדזער פריינט, וועסטו בלייבן ביי מיר אין לאַגער ווי אַ משכון, אַז ירושלים וועט נישט קעמפן קעגן אונדז און וועט איינצאָלן דעם צינדז.״

אַריסטובול, דער מלך פון יהודה, איז געוואָרן דער געפאַנגענער פון רוים. און ווי באַפעלגעבער איז קיין ירושלים אַרויף דער קאָמאַנדיר גאַבינוס. דאָס האָט ער, בראש פון אַן אָפּטיילונג געקליבענע לעגיאָנערן אין געשייערטע פאַנצערס. געדאַרפט איצט דיקטירן דער הויפּטשטאָט פון יהודה, וויפל יעדער דאָרף איינצאָלן צינדז און וואָס מען מעג יאָ און וואָס נישט. אָבער גאַבינוס איז אפילו צו דער אויבערשטער שטאָט נישט דערגאַנגען. דער וועג פון עקרון איז געווען באַלאַגערט פון אַריסטובולס חייל און הינטער אים אַ ריזיקער המון, באַוואָפנט מיט שטיינער. בעת גאַבינוס האָט מיט פאַרריסנקייט באַפוילן מען זאָל פאַר אים פריי מאַכן דעם וועג, איז אַרויסגעטראָטן אַרטאַפּאַנוס, ווי דער קאָמאַנדיר פון ירושלימער גאַרני־זאָן, און אים געפרעגט, וואָס ער האָט צו טאָן אין ירושלים און אין וועמענס נאָמען ער קומט. גאַבינוס האָט זיך פאַררופן אויף דעם פעלדמאַרשאַל פּאָמפּייאוס, וואָס האָט אים געשיקט איינמאָנען דעם צינדז, וואָס דער מלך פון יהודה האָט אויף אים מסכים געווען.

אָנגעצונדן פון צאָרן, האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן:

„אונדזער הערשער איז דער מלך אַריסטובול. נאָר פון אונדזער מלך נעמען מיר אָן באַפעלן. און אויב ער האָט מסכים געווען מיר זאָלן צאָלן אַ צינדז, זאָל ער קומען און אונדז באַפעלן און מיר וועלן צאָלן. און טאָמער איז ער אַראָפּ צום פעלדמאַרשאַל און ער איז נישט צוריקגעקומען, און דו קומסט רעדן אין זיין נאָמען, איז דאָס אַ סימן, אַז אונדזער מלך איז דורך פּאָמפּייאוסן געפאַנגען געוואָרן. דעריבער איז ער נישט פריי אונדז צו באַפעלן. און אַ פרעמדער אין אונדזער לאַנד קאָן אונדז צווינגען צו צאָלן צינדז, נאָר מיט דעם כוח פון דער שווערד. און צו דעם זענען מיר גרייט!״

גאַבינוס האָט אפילו נישט געענטפערט אויף דעם אַרויסרוף, וואָרום דער חייל וואָס איז געשטאַנען הינטער אַרטאַפּאַנוסן איז געווען אין אַזאַ קאַמפּס־לוסט און צהאַמען מיט דעם המון, אין אַזאַ מאַסע, אַז דער מינדסטער פרווו פון גאַבינוסן דורכצוברעכן דעם וועג, וואָלט זיך געענדיקט מיט אַ שחיטה אויף זיין אָפּטיילונג. ער האָט דעריבער צוגעוואָרט אַ ווייַלע, כדי דער איינדרוק פון אַרטאַפּאַנוסעס ווערטער זאָל זיך אַ ביסל איינשטילן און ער האָט אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ באַפעל צו זיינע זעלנער, זיי זאָלן זיך צוריקציען. אויך אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגע־הויבן די האַנט, צו פאַרמיידן אַן איבערפאַל אויף די רוימער, און גאַבינוס איז מיט זיין אָפּטיילונג אַראָפּ אין טאָל, פון וואַנען ער איז געקומען.

אַ ווילד געשריי פון שפאָט האָט באַגלייט דאָס צוריקציען זיך פון די רוימער, און דאָס ווילדע געשריי פון טויזנטער און טויזנטער קאַמפּס־צעהיצטע זעלנער האָט זיך איבערגעטראָגן אין דער אויבערשטער שטאָט פון ירושלים און אָנגעזאָגט, אַז פון די טויערן פון ירושלים איז פאַרטריבן געוואָרן דער באַצווינגער פון פעלקער. און באַלד האָבן זיך אויף די געמאַרקן פון דער אויבערשטער שטאָט

באַוויזן אָנהענגער פון הורקנוסן, וואָס האָבן מיט אַלאַרמירנדיקע קולות גערופן נקמה צו נעמען אין די אַריסטובוליסטן פאַר רייצן די רוימער און דערמיט ברענגען אַן אומגליק אויף יהודה:

„ווי קאָנען מיר זיך קעגנשטעלן די רוימער, אויב גרויסע מדינות זענען געפאַלן אונטער דער שאַרפער שווערד פון רוים? צי דאַרפן מיר צאָלן מיט אונדזערע לעבנס פאַר די שקרים און פאַלשקייטן פון אַריסטובול און זיינע לייט? עפנט די טויערן פון ירושלים און די רוימער וועלן אונדז באַפרייען, וואָרום פון דעם פאַלשן מלך האָבן זיי אונדז שוין באַפרייט!"

איצט האָט אויך געשלאָגן די שעה פאַר די, וואָס האָבן אַנומלט געבעטן פאָמפייאוסן ער זאָל צוריקשטעלן די הערשאַפט פון דעם כהן־גדול. ווי נאָר עס איז צו זיי דערגאַנגען, אַז אַריסטובול איז נישט צוריקגעקומען פון רוימישן לאַגער, זענען זיי אַרויס אויף די גאַסן מיט התלהבות:

„פריער גאָט און דערנאָך פּאָמפייאוס האָט אונדז באַפרייט פון דעם מלך דעם אכזר. פריער גאָט און דערנאָך דער רוימישער פעלדמאַרשאַל האָט דערפילט אונדזער תפילה. דעריבער עפנט די טויערן פון ירושלים און נעמט אויף די רוימער, ווי באַפרייער. עפנט די טויערן!"

דער המון איז געוואַקסן אין צאָל אויף די גאַסן און געמערק, ווו באַנומענע האָבן גערופן צו קאַפּיטולירן פאַר די רוימער, און ווי תמיד, האָט דער המון געלאָזט זיך מיטשלעפן. בעל־מלאכהס האָבן געוואָרפן די אַרבעט, קרעמער האָבן אַראָפּגע־טראָגן די געשטעלן פון די מערק, און פון די געסלעך האָט געפלייצט דער המון, וואָס אין די געשרייען און אין טומל איז ער געוואָרן מיט אַלע און קעגן אַלע. וואָס אַ מאָל ווייטער אַלץ ווייניקער זענען געוואָרן די שטימען פאַר אַריסטובולן, און פון אַלע זייטן האָבן געהילכט די געשרייען:

„צעעפנט די טויערן! צעעפנט די טויערן פון ירושלים! מיר ווילן נישט שטאַרבן פאַר די זינד פון אַריסטובולן!"

אַרטאַפּאַנוס האָט דערזען אַן אויסטערליש בילד: נאָר וואָס איז הינטער זיין חייל געוועזן אַ ריזיקער המון, באַוואָפנט מיט שטיינער, און, ווען ער זאָל לאָזן פאַלן איין וואָרט — וואָלט ער זיך געוואָרפן מיט די שטיינער, אַז עס וואָלט אפילו קיין בלוט־פלעק נישט געבליבן פון די רוימער. איצט איז דער המון נעלם געוואָרן. נישטאָ מער. בלויז זיין חייל וואַרט געהאַרכזאַם. פון דער ווייטנס דערגייען צו זיינע אויערן גערוישן, ווי דאָס וואָלטן געשלאָגן צעשטורעמטע ים־כוואַליעס. ער האָט דעריבער באַשלאָסן נישט צוריקצוקערן דורך דער אויבערשטער שטאָט, נאָר אַרומקרייזן די שטאָט דורך די דרומדיקע פאַרשטעט און אַזוי אַרום אָנקומען צום הר־הבית, כדי זיך נישט צוזאַמענטרעפן מיט דעם המון, וואָס איז איצט צעשפרייט פון די הורקנוסיסטן.

ער האָט געפירט זיין חייל אין גאַלאָפּ, ווי צו אַן אַנגריף. פאַרבייריטנדיק די דרומדיקע שיפועים, האָט ער פון דער נאָענט דערזען דעם פּאַלאַץ און דעם רויזנ־

גאָרטן פון מרים־אַפּאָלינאַ און אַ היץ־כוואַליע האָט באַדעקט זײַן לײַב. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט געזען דאָס געדעכעניש פון עפּעס, וואָס איז אים געווען אויף וועלכן עס איז אופן נאָענט, אָבער דאָס איז געווען אין אַן אַנדער וועלט און אין צײַטן, וואָס ער קאָן זיי זיך מער נישט דערמאָנען. אַפילו דאָס פּנים פון אַפּאָלינאַן האָט ער איצט געזען ווי אין אַ געדיכטן נעפּל און מיטן דערווײַטערן זיך פון דעם פּאַלאַץ איז זיך אויך דאָס פאַרנעפּלטע געשטאַלט צערונען און אויסגעמעקט געוואָרן.

אויפן הר־הבית האָט מען געוואָרט אויפן אָנקומען פון אַרטאַפּאַנוס מיט זײַן חייל, וואָרום אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט צו דער אומפאַרמײַדלעכער באַלאַגערונג און עס איז אויך געווען אַ מורא, אַז דער המון, צעהעצט דורך די מענטשן פון הורקנוסן, זאָלן זיך נישט אַרײַנרײַסן אין בית־המקדש און אים וועלן אָפּגעבן צו די רוימער.

ווי נאָר דער לעצטער זעלנער פון דעם חייל, וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט געפירט, איז אַריבער די בריק, וואָס האָט פאַראייניקט די פעסטונג מיט דער שטאָט, איז די בריק צעשטערט געוואָרן. די טויערן זענען געוואָרן פאַרריגלט, אויף די טורעמס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן וועכטער און ווידער איז דער בית־המקדש אָפּגעריסן פונעם פאָלק.

דאָס מאָל זענען די אַלטע קאָמאַנדירן, און צווישן זיי גאַלעסטאָס און אליעזר־עפּידעס, נישט געווען צווישן די באַלאַגערטע. דאָס האָט דער דורכגעטריבענער פּאָמפּייאוס זיי פאַרהאַלטן און שפּעטער געגומען אין געפאַנגענשאַפט ביים באַזעצן די פעסטונגען ביים ירדן. דעריבער האָט אויך דער גרעסטער טייל פון אַריסטובולס חייל נישט געקאָנט דערגרייכן ירושלים. איז ווי נאָר די בריק צווישן דער שטאָט און דער פעסטונג ביים בית־המקדש איז צעשטערט געוואָרן, האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגענומען די אָנפירערשאַפט ביים שיצן זיך קעגן די באַלאַגערער. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ הייליקן ציטער אין האַרץ און צו מנחה האָט ער מתפלל געווען צום גאָט פון ישראל ער זאָל שטאַרקן זײַנע כוחות...

בעת גאַבינוס האָט צוריקגעקערט אין לאַגער און איבערגעגעבן פּאָמפּייאוסן, אַז די יהודייער האָבן אויפגעהויבן אַ בונט קעגן רוים און זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן דעם צינדז, איז דער פעלדמאַרשאַל אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן, אַז ער האָט באַפוילן אַריסטובולן שליסן אין קייטן, ווי אַ קנעכט. און נאָך איידער עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, איז אין לאַגער אַראָפּגעקומען אַנטיפּאַטער מיט אַן עדה חשובע פּרושים און אין נאָמען פון הורקנוסן געבעטן אים ער זאָל אַרויפקומען קיין ירושלים, וווּ די טויערן שטייען פאַר אים אָפן.

און ווען פּאָמפּייאוס איז אויף צו מאָרגנס אַרויף קיין ירושלים און אַרײַנמאַרשירט צו דער אויבערשטער שטאָט, זענען אים אַנטקעגנגעגאַנגען צוויי באַזונדערע מחנות — איינע מיט הורקנוסן און אַנטיפּאַטער, און די צווייטע, וואָס איז געקומען אים דאַנקען, וואָס ער האָט באַפרייט יהודה פון דעם יאָך פון אַ מלך.

דער צאָרן פון פּאָמפּייאוסן האָט זיך געשטילט. די גאַנצע שטאָט, אויסער

דעם הר־הבית, איז אים איבערגעגעבן געוואָרן מיט אונטערטעניקייט. אָ, ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות, פּאָמפּייאוס, בעת ער האָט געהאַט אויסגערעכנט, נאָך זיצנדיק אין דמשק, אַז דאָס אינערלעך־צעריסענע יהודה וועט אים אַריינפאַלן אין די הענט ווי אַ רייפע פּרוכט. איצט האָט ער די פּרוכט; זי איז אים אפילו נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט, נאָר יהודייער אַליין האָבן זי אים דערלאַנגט מיט אונטערטעניקייט. דאָך, ווייל ער האָט נאָך געהאַט צו דעראָבערן דעם הר־הבית, און די איצט אונטערטעניקע יהודייער קאָנען זיך נאָך שפּעטער איבערלייגן און ריחמנות האָבן אויף די באַלאַגערטע און זיי קומען צו הילף, האָט פּאָמפּייאוס איינגעאָרדנט אַ דערנידעריקונגס־ספּעקטאַקל: ער האָט געהייסן דעם מלך אַריס־טובול אָנטאָן אַ דערנער־קרוין. און אָט אַזוי, מיט דער שפּאָט־קרוין אויפן קאָפּ, האָט ער באַפוילן אַדורכפירן אים דורך די גאַסן פון דער אויבערשטער שטאָט, אַ געשמידטן אין שווערע קייטן.

בעת די רוימישע זעלנער האָבן פריער אויסגערופן אין שטאָט, אַז אָט באַלד וועט דאָס פאָלק פון ירושלים זען דעם געפאַנגענעם אַריסטובול, וואָס האָט זיך אַליין געקרוינט פאַר אַ מלך איבער יהודה, האָט דער המון געיובלט און די פּרושים האָבן נקמה גענומען. אָבער ווען דער מלך האָט אָנגעהויבן זיין מאַרש, אַ געשמידטער אין קייטן, איז דאָס יובלען פאַרשטומט געוואָרן. אין דעם דערשלאָ־גענעם מלך האָט ירושלים דערזען איר אייגן פאַרבילד. אַריסטובולס שלאַנקע פיס, געוווינט צום זאָטל פון הייסע פערד, האָבן נישט געקענט שלעפּן די שווערע קייטן. האָט ער אַרויסגעשיקט זיין גוף פאָרויס און געשלעפּט צום ערשט איין פוס און דערנאָך דעם צווייטן פוס, און נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. די משא איז איבער זיינע כוחות. שטעלט ער זיך אָפּ אויף אַ ווייל, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם — שטופּן אים די זעלנער פאָרויס, אַז אָט־אָט און ער וועט פאַלן. ער שלעפּט זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די אויגן האַלב־געשלאָסן און שטראָמען שוויס פליסן אָפּער פון אונטער דער דערנער־קרוין און באַגיסן זיין פּנים, וואָס פון ווייטיק און דערנידעריקונג איז עס געוואָרן נאָך צאַרטער און איידעלער ווי נעכטן־אייערנעכטן.

און די רוימער טרייבן אים אונטער, ווי זיי טרייבן אונטער צו דערמוטיקן אַ פערד: העפּ־העפּ! העפּ־העפּ! און ער שלעפּט די פיס, מיט די לעצטע כוחות שלעפּט ער זיי. און די גליענדיקע זון טריקנט אים אויס דעם מאַרך און ער פילט, אַז די כוחות גייען אים אויס. ער וועט ווייטער נישט גיין. בייסט ער די ליפּן. ער שניידט אַריין אין זיי די ציין ביז ווייטיק: ער וועט נישט פאַלן! ער טאָר נישט פאַלן! דער מלך פון יהודה וועט נישט פאַלן אין די אויגן פון זיין שונא אָן קאַמף! שלעפּט ער די קייטן און שלעפּט די פיס און דער שוויס אויף זיין פּנים מישט זיך אויס ביים אַראָפּטריפן צוזאַמען מיט דעם בלוט פון זיינע צעביסענע ליפּן. און דער המון שווייגט און קוקט אויף די פיס פון דעם מלך: צי וועט ער פאַלן, אָדער עס קלעקן אים נאָך כוחות צו שלעפּן דעם יאָך?

עס קלעקן אים כוחות. ער גייט וואָס אַ מאָל שווערער, זיין פּנים איז שוין גרין פון מידקייט, זיין גוף איז געבראָכן, ווי אַ פעלדז וואָלט געלאַסטעט אויף

אים, אָבער ער גייט! און ער דערשלעפּט זיך צום טויער פון דעם חשמונאים־פּאַלאַץ און ער פאַרשווינדט אין זיין שאָטן.

דער ספּעקטאַקל איז געענדיקט. ערשט איצט, הינטער די טויערן פון פּאַלאַץ, איז אַריסטובול געפאַלן און די הויף־משרתים האָבן זיין פאַרחלשטן גוף אַראָפּ־געטראָגן אין תפיסה־קאַמער.

מיט דעם מלך אין קייטן, אין דער תפיסה פון דעם פּאַלאַץ, ווו ער האָט נעכטן געקיניגט, האָבן די רוימער אָנגעהויבן די באַלאַגערונג און דעם שטורעם אויף דעם הר־הבית. אָבער שוין אין דעם ערשטן טאָג האָט זיך פּאָמפּייאוס געזען הילפלאָז ביים פאַרפעסטיקטן באַרג. לויט ווי סקאַורוס האָט אים אַנומלט איבער־געגעבן, איז דער באַרג איצט מער פאַרפעסטיקט און נישט אַריינצודרינגען. פון דער מזרח־זייט, אין דער ריכטונג צום קדרון־טאַל, און פון דער דרום־זייט, צו דער אונטערשטאָט — שאַרפע, נישט צוטריטלעכע אַראָפּהענגען; אויף מערב־זייט זענען די פאָסן פאַרטיפט און אויסגעברייטערט; פון צפון, אין דער ריכטונג צו דער נייער שטאָט, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פעסטע מויערן און אויף זיי — הויכע שיס־טורעמס, און אַ מבול פון פיילן פלייצט אַראָפּ פון דער הויך, ווען די רוימער דערנענטערן זיך.

האָט פּאָמפּייאוס פון אָנהויב באַשלאָסן צו האַלטן דעם באַרג באַלאַגערט און די באַלאַגערטע אויסהונגערן. ווען עס וועט זיך אויסלאָזן דאָס וואַסער און די שפּייז, און פיילן וועלן ווערן ווייניקער, וועט דער שטורעם זיין אַ לייכטערער. האָבן זיינע זעלנער געערוט אַרום דעם הר־הבית, די קאָמאַנדירן האָבן זיך באַזעצט אין די פּאַלאַצן פון די צדוקים, וואָס זענען אַוועק אין בית־המקדש, און פּאָמפּייאוס האָט גענאָסן פון גאַסטפריינטלעכקייט אין פּאַלאַץ פון די חשמונאים. ביז מען האָט אים אויפגעקלערט, אַז די באַלאַגערטע קענען אויסהאַלטן חדשים־לאַנג, וואָרום פון דעם גאַנצן מערב־טאַל האָבן זיי צוזאַמענגעטריבן די פי, אַוועקגענומען די גאַנצע פּאַשע, איינגעזאַמלט דאָס ווייץ פון שומרון און גליל און די וואַסער־גריבער אין דער פעסטונג זענען פול פון דער לעצטער רעגן־צייט.

פאַר אַ לאַנגער באַלאַגערונג האָט דער רוימישער פעלדמאַרשאַל מורא געהאַט. ער האָט געהאַט צו פיל לייכטע זיגן ביים באַזעצן סיריע, ער זאָל איצט די יהודייער ווייזן ווּעלכע עס איז שוואַכקייט פון די רוימישע לעגיאָנען. און ער איז נישט געקומען קיין ירושלים זיצן, נאָר זיגן! האָט ער אַרויסגעשיקט שטאַפעטן קיין דמשק צו סקאַורוסן, ער זאָל שיקן קיין ירושלים שטוים־מאַשינען און קאַטאַפּולטן, וואָס ער האָט זיך נישט געריכט, אַז ער וועט זיי דאַרפן אין קאַמף מיט די יהודייער.

דערווייל אָבער, כדי די יהודייער זאָלן נישט אויסטייטשן דאָס רוען פון די לעגיאָנען ווי זייער שוואַכקייט אין קאַמף קעגן די באַלאַגערטע, האָט פּאָמפּייאוס באַפוילן אויסצופילן די פאָסן מיט פעלדזן און אַזוי אַרום צוגרייטן דעם שטח פאַר די מאַשינען. די באַלאַגערטע האָבן געזייט טויט צווישן די רוימישע זעלנער און

די פעלדזן־טרעגער. און אויב די רוימישע פיילן־וואַרפער האָבן געשיצט די פעלדזן־טרעגער ביי זייער אַרבעט און געבראַכט קרבנות צווישן די באַלאַגערטע אויף די שיס־טורעמס, האָבן די קרבנות געשטאַרקט דעם גייסט פון אַריסטובולס חייל.

נאָך קיינמאָל זענען באַלאַגערטע אין ירושלים נישט געווען אַזוי געאייניקט און אַזוי פול מיט התלהבות צום קאַמף, ווי דאָס מאָל. וואָרום דער שונא איז געווען אַ פרעמדער, און דער געדאַנק, אַז דער פרעמדער האָט דערנידעריקט דעם מלך פון יהודה, האָט די באַלאַגערטע פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָלענע מויער. אויסער די כהנים, האָבן אפילו פרויען און קינדער געהאָלפן די קעמפער, באַזאָרגט זיי מיט פיילן און מיט שטיינער, מיט שפייז און מיט וואַסער, און אַרום די פאַרוווּנדעטע אַרומגעגאַנגען, ווי אַרום קראַנקע ברידער.

בעת אַרטאַפאַנוס האָט געזען פון די שיס־טורעמס די גרויסע צאָל הרוגים פון די רוימער, איז ער נאָך מער איבערצייגט געוואָרן אין דעם, וואָס ער האָט פאַרויסגעזען און אַנומלט ווענן דעם געוואָרנט דעם מלך — ער זאָל לאָזן די רוימער זיך אויסבלוטיקן אין קאַמף מיט די נאַבאַטייער און ערשט דעמאָלט אויפנעמען מיט זיי אַ מלחמה, ווען זיי וועלן צוריקקערן אָפגעשוואַכטע. אָבער דער מלך האָט געהאַנדלט מיט איבערגעאײַלטקייט און לייכטזיניק, און גורם געווען דאָס חייל פון יהודה זאָל דאַרפן קעמפן מיט אַ שטאַרקן און אויסגערוטן שונא.

און דאָך איז פאָמפייאוס אומבאַהאָלפן. און ער וואָלט אפשר געבליבן אומבאַ־האָלפן, ווען אויך דאָס מאָל זאָלן אים יהודייער נישט האָבן אויפגעקלערט, אַז לויטן יידישן דין איז פאַרבאָטן אום שבת צו שיסן מיט פיילן און וואַרפן שטיינער, אויב עס איז נישטאָ קיין סכנה פאַרן אייגענעם לעבן. זאָלן נאָר די רוימער נישט אַרויפשיסן זייערע פיילן צו די פאַרטיידיקער אויף די מויערן, און די פעלדזן־טרעגער וועלן דורך איין שבתדיקן טאָג קענען אָפטון מער אַרבעט ווי אַ גאַנצע וואָך, און קיין רוימישער קרבן וועט נישט פאַלן. און פאָמפייאוס איז געווען אויסער זיך פון דעם אויסטערלישן שטייגער: שבת שטייען די באַלאַגערטע אויף די מויערן און קוקן זיך צו צו דער אייליקער אַרבעט פון די פעלדזן־טרעגער, ווי די פאָסן ווערן וואָס אַ מאָל מער אויסגעפילט, און זיי ווערן נישט געשטערט דורך די באַלאַגערטע.

אין עטלעכע שבתים האָבן די רוימער פאַרענדיקט דאָס, וואָס זיי וואָלטן אפילו אין אַ יאָר צייט נישט אָפגעטון, ווען זיי זאָלן געשטערט ווערן מיט קאַמף. און אַזוי האָבן די רוימער אין אַ רואיקן שבתדיקן טאָג אויך געקענט אַרויפשלעפן אויף דער מויער די אָנגעקומענע מאַשינען. קיין איין פייל און קיין איין שטיין איז צו זיי נישט געשליידערט געוואָרן בעת זייערע פיאָנערן האָבן די קאַמפּס־מאַשינען פאַרפעסטיקט פאַר די אויגן פון די באַלאַגערטע.

און אַזוי איז געשען, אַז נאָך אַ באַלאַגערונג פון דריי חדשים, האָט פאָמפייאוס געגעבן דעם בפעל צו שטורעמען די מויערן. בעת די קאַטאַפולטן האָבן פון דער

מערב־זייט געשליידערט איבער דער מויער ריזיקע פעלדזן, האָבן די ציגנבעק געשטורעמט די מויער פון דער צפון־זייט מיט אַזאַ כוח, ווי די ערד וואָלט זיך געטרייסלט אונטער איר.

די באַלאַגערטע זענען געוואָרן אוממעכטיק. זייערע פיילן און שטיינער האָבן זיך נישט געקענט קעגנשטעלן די רוימישע מאַשינען. באַוואָפנט מיט דער עצה נישט צו שיסן אין די פּאַרטיידיקער אום שבת, האָט פּאָמפּייאוס אויסגעקליבן אַזאַ טאָג פּאַר אַ לייכטן נצחון און אַן אכזריותדיקער אָפּרעכענונג:

אין אָט דעם שבתדיקן טאָג האָבן די קאַטאַפּולטן געשוויגן. בלויז די ציגנבעק האָבן געדונערט אין דער אַזוי אויך צעטרייסלטער מויער. און די באַלאַגערטע האָבן מיט פּחד זיך צוגעהערט צו די שטויסן, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אונטער זייערע פיס און אין זייערע הערצער. און אין זייער פּחד זענען זיי געבונדן מיט די געזעצן פון גאָט נישט צו קעמפן אום שבת און נאָר וואַרטן אויף זיין חסד און זיין הילף. און דער חסד און די הילף זענען נישט געקומען. דער גאָט פון ישראל האָט צוגעזען ווי די רוימער האָבן אויסגעהאַקט ריזיקע לעכער אין די מויערן און דורך די עפענונגען זענען אַריינגעדרונגען רוימישע זעלנער מיט פּאַנצערס אויף די קעפּ און אויף די ברוסטן, מיט שוץ־שילדן און קורצע אויסגע־שייערטע שווערדן. און איבעררֹאַשט זענען די רוימער: די כהנים שטייען ביים מזבח מיט אַזאַ רואיקייט, ווי גאָרנישט אויסטערלישס וואָלט איצט געשען. און קיינער פון די וואָס אין הויף איז באַוואָפנט.

ס׳איז שבת אין בית־המקדש און שבת אויפן הר־הבית!

האָבן די רוימער געטראַכט, אַז מסתמא האָבן די יהודייער צוגעגרייט פּאַר זיי עפּעס, וואָס וועט זיי אָפּמעקן פון דאַנען. האָט דער רוימישער קאָמאַנדיר, וואָס איז אַריין דער ערשטער, באַפוילן זיינע מענטשן זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אין צוויי רייען מיט די פּלייצעס צו אייַנאַנדער, און ער האָט געוואַרט ביז אויך אַנדערע אָפּטיילונגען וועלן אַריינדרינגען. איצט האָבן זיך שוין די רוימער אַריינגעשאָטן דורך עטלעכע עפענונגען, און פּלוצים איז געקומען דער באַפעל צו שחיטה: בעת איין טייל האָט אַרומגערינגלט די כהנים און זיי אָפּגעהאַקט די קעפּ, האָבן אַנדערע טיילן צעשניטן די מאַסע אויף קליינע גרופּן און זיי געשאָכטן און פאַרשניטן.

דורך דעם פּלוצים־צעעפנטן הויפּט־טויער האָבן די רוימער אַריינגעפלייצט ווי אַ טייך און אַלץ וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף זייער וועג האָבן זיי פאַרשניטן און אַוועקגעלאָזט אין בלוט.

די צעווילדעוועטע געשרייען פון די רוימער האָבן זיך אויסגעמישט מיט די הילף־רופן פון פרויען און קינדער. אָבער די שאַרפע הילף־רופן פון די פרויען און קינדער זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל וויייניקער און שטילער, וואָרום וואָס אַ מאָל וויייניקער לעבעדיקע זענען געבליבן. בלויז אין די ווינקלען און אין די דורכגענג איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן דעם חייל און די רוימער, אַ קאַמף, וואָס איז שוין געווען פאַרשפּילט.

אין דעם מאָמענט ווען פּאָמפּייאוס איז מיט זיינע באַגלייטער אַריין אין הויף

פון בית־המקדש און אַריבערגעשפּרייזט אי־בער טויטע און פאַרוווּנדעטע — און געשפּרייזט האָט ער צום קדשי־קדשים מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי ער וואָלט פון פריער געוווּסט די ריכטונג — האָבן זיך פון דער מזרח־מויער אויף שטריק אַראָפּגעלאָזט די לעצטע יידישע קעמפער. צווישן זיי איז אויך געווען אַרטאַפּאַנוס און די צוויי זין פון מלך אַריסטובול. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די פעלדזן. זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט, אַז אונטן, אין טאָל, וועלן זיי געפאַנגען ווערן דורך אַנטיפּאַטערס מענטשן און אויסגעליפערט ווערן צו די רוימער.

אויפצומאָרגנס נאָך דער שחיטה אויפן הר־הבית, ווען ירושלים איז געווען פאַרקלעמט אין טרויער, און שטאָט־אויס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן צו קבורה הונדערטער און הונדערטער געשאָכטענע קינדער און פרויען און קעמפער פון די באַלאַגערטע, זענען אין דעם קעניגלעכן טרקלין פון חשמונאים־פּאַלאַץ געזעסן פון איין זייט פּאָמפּייאוס און זיין סוויטע, און פון דער צווייטער זייט — הורקנוס מיט זיין סוויטע. דער פעלדמאַרשאַל איז געווען אָנגעטון אין זיינע מיליטערישע פּאַראַד־קליידער און הורקנוס אין קליידער פון כהן־גדול.

הורקנוס האָט איצט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. אַלץ איז שוין פון פריער געזאָגט געוואָרן דורך זיין פריינט אַנטיפּאַטער. גערעדט האָט פּאָמפּייאוס. און געזאָגט האָט ער, אַז אַלץ וואָס איז געשען, איז געשען צוליב דער שולד פון דעם פאַררעטערישן אַריסטובול, וואָס האָט אויף דער צונג געהאַט האָניק און אונטער דער צונג — גיפט. די אַלע וואָס זענען געווען זיינע ראַטגעבער, מוזן אַרויסגעגעבן ווערן ביז דעם לעצטן. דאָס איז פאַר דעם שלום און פאַר דער אָרדענונג פון יהודה און פאַר דער זיכערקייט פון דעם רוימישן חייל.

און גאָרנישט האָט רוים מער ליב ווי אָרדענונג, רו און זיכערקייט. דער וואָס וועט נישט איבערגעבן די שולדיקע אין די הענט פון דער רוימישער גערעכטיקייט, אָדער דער וואָס וועט וויסן, וווּ אַזאַ איינער באַהאַלט זיך און ער וועט נישט אויסזאָגן די באַהעלטעניש, וועט באַטראַכט און באַהאַנדלט ווערן, ווי ער אַליין וואָלט געקעמפט קעגן רוים און ער וועט באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף.

נאָך די האַרבע ווערטער, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין מוח פון דעם כהן־גדול און אין דער צונג פון אַנטיפּאַטער, האָט פּאָמפּייאוס אַ לאַנגן זופּ געטון פון זיין וויין־קריגל און געזאָגט מיט דעם זעלבן טאָן וואָס פריער:

„כדי צו ווייזן אייך דעם חסד פון רוים און כדי איר זאָלט געהעריק שעצן מיינע פאַראָרדענונגען, גיב איך מיין באַפעל צו פאַרריכטן אַלע שאָדנס, וואָס זענען צוליב דער פאַרוואָרצירטער מלחמה געמאַכט געוואָרן אין אייער טעמפּל. און איך פאַרזיכער אייך, אַז פּונקט ווי גאָרנישט פון די הייליקטימער פון אייער טעמפּל איז געמינערט געוואָרן, אַזוי קענט איר ווייטער הערשן אין טעמפּל לויט די געזעצן פון אייער גאָט און קיין רוימישער זעלנער וועט אייער הייליקן פּלאַץ נישט באַטרעטן.“

הורקנוס האָט זיך הכנעהדיק פאַרנייגט און געדאַנקט דעם רוימישן פעלד־מאַרשאַל פאַר זיין חסד. ער, פון זיין זייט, וועט פאַראָרדענען, אַז אַלע באַפעלן

פון דעם גנעדיקן זיגער זאָלן אויסגעפּירט ווערן געהאַרכזאַם, און אַנטיפּאַטער האָט מיט דער האַנט אויף דער ברוסט צוגעזאָגט פון זיין זייט צו העלפן דעם פעלדמאַרשאַל מיט אַלץ וואָס קען זיין אַ הילף פאַר דעם זיגער...

די הילף איז געקומען און די באַפעלן זענען געהאַרכזאַם אויסגעפירט געוואָרן: במשך פון פינף טעג זענען די רוימער געווען פאַרנומען מיט צונאָגלען געפאַנגענע פון אַריסטובולס מחנה און די צלמים אויפגעפלאַנצט אויף דעם גרויסן מאַרק פון דער אויבערשטער שטאָט. דאָס ברילן פון די געקרייציקטע אויף די צלמים, די יללות פון פרויען, וואָס זענען וואַנזיניקע אַרומגעלאָפן צווישן די זעלנער און געבעטן רחמים פאַר זייערע זין און מענער, האָבן געשניטן די הימלען. אָבער טויב זענען געווען די הימלען, פאַרשלאָסן זייערע טויערן פון רחמים.

רוים האָט געמשפּט!

אין אָט די טעג זענען פאַר פּאָמפּייאוסן געבראַכט געוואָרן די קעניגלעכע פאַמיליע, די לעבנגעבליבענע קאָמאַנדירן פון אַריסטובולס חייל און די שטייער־איינמאָנער פון דעם מלך. פּאָמפּייאוס איז געזעסן ווי אַ ריכטער און ער האָט וועגן יעדן איינציקן געוווסט, אַזוי ווי ער וואָלט אים געקענט פון פריער, און דעם אורטייל אַרויסגעטראָגן אַזוי ווי ער וואָלט אים פון פריער געהאַט צוגעגרייט:

„אַלעקסאַנדער, דער זון פון אַריסטובול? ווו איז דער ברודער? האָ, וועט אויך איר זיך שלאָגן צווישן זיך, ווער עס זאָל זיין מלך איבער יהודה? גוט. ער האָט שוין לאַנג נישט געזען זיין פאָטער. שליסן אין קייטן און אין תפיסה!"

„אַנטיגונוס? דער צווייטער זון פון אַריסטובול — איז ער נישט? אַנטיגונוס איז אַ שיינער נאָמען פאַר אַ גריכישער טראַגעדיע. און ער איז אויך אַ שיינער מאַן. דער פאָטער האָט אים זייער ליב און ער וויל אים זען. שליסן אין קייטן און אין תפיסה!"

„אָ, דאָס איז די קעניגין פון יהודה און אירע צוויי טעכטער. איך באַדויער זייער, וואָס איר האָט אַזוי לאַנג געליטן פון דער באַלאַגערונג. אָבער איך בין גליקלעך, וואָס מיינע זעלנער האָבן געשוינט אייער לעבן. דערווייל זאָלן זיי זיך אָפּרוען אין פּאַלאַץ נאָך אַזעלכע שווערע ליידן. פריי!"

„אָ, דאָס איז עפּידעס! איך האָב געהערט וועגן דיר. געאיילט קיין ירושלים צו שלאָגן רוימישע זעלנער. איז דאָס נישט אַזוי? זיין קאָפּ איז צו לאַנג געזעסן אויף זיין גוף! אָפּהאַקן אים!"

„און דאָס איז חנניא, וואָס האָט געוואָלט אָפּסמען פערד פון רוימישע קעמפער. אמת? פאַר אים איז אַ שאָד גיפט. אָפּהאַקן דעם קאָפּ! ווייטער!"

אַזוי האָט ער געמשפּט, פּאָמפּייאוס, מיט דער ריקזיכטלאָזיקייט פון אַ זיגער: ווענען אין געפאַנגענשאַפט, ווענען צו באַפרייען און ווענען אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ. ווען עס איז געקומען די ריי אויף אַרטאַפאַנוסן, האָט פּאָמפּייאוס אים באַטראַכט, ווי ער וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל. אַריינגעקוקט אים קאַלט אין די אויגן און געזאָגט:

„די פעאיקסטע זענען די געפערלעכסטע. קרייציקן!.. באַלד... עס קומט אים

באַלוינונג פאַר שלאָגן אַ רוימישן רייטער אפילו אויפן פאַליגאָן. וואַרפט אים אַריין אין תפיסה און זאָל ער דערווייל לעבן אין געשפּענסט פון קרייץ!"

אַרטאַפּאַנוס איז געווען אַזוי רואיק, ווי דער רוימער וואָלט נישט געמשפּט אים און ווי נישט אים וואָלט ער פאַרמשפּט צום געשפּענסט פון קרייץ.ביים לעצטן וואָרט פון פּאָמפּייאוסן האָט ער צוגעלענט די אויגן, כדי נישט צו זען מער זיין שונא.

★

ס'איז נישט מקוים געוואָרן דער באַגער פון אַרטאַפּאַנוסן נישט צו זען מער דעם רוימישן פעלדמאַרשאַל, וואָס האָט צעשטערט זיינע חלומות. דעמאָלט, ווען ער איז געמשפּט געוואָרן דורכן רוימער, האָט ער מער נישט געוואָלט לעבן. פאַר זיינע אויגן האָט ער געזען ווי עס ווערט געקרייציקט יהודה; ער האָט געזען ווי מען האָט זיין פאָטער אַרויסגעפירט צו קעפּן. דאָס לעבן האָט מער קיין זין נישט געהאַט. אָבער צום סוף האָט פּאָמפּייאוס געשווינט דאָס לעבן פון אַרטאַפּאַנוסן, כדי צו האָבן מיט וועמען שפּעטער צו באַצירן זיין טריאומף־צוג איבער די גאַסן פון רוים. און דעמאָלט, ווען מען האָט אים צוזאַמען מיט אַריסטובולן געפירט, ווי שקלאַפן, אין דעם טריאומף־צוג און ער האָט אויף די טרעפּ פון סענאַט געזען צוזאַמען די צוויי רוימישע וועלף, יוליוס צעזאַר און גנעאוס פּאָמפּייאוס מאַגנוס, האָט ער זיך אַ נדר געטון, נישט אַוועקצוגעבן זיין לעבן אין יאוש. ער מוז לעבן און טראָגן אין זיך דעם חלום פון דעם לעבעדיקן יהודה, וואָס אין דעם לאַנד פון ישראל; לעבן אַזוי לאַנג, ווי עס וועט דויערן די געפאַנגענשאַפט פון זיין היים, כדי ווען ער וועט צוריקקומען זאָל ער קענען רואיק אַוועקלייגן זיין קאָפּ אויף דער פרייער ערד און דעמאָלט צוריקגעבן זיין נשמה צום גאָט פון ישראל.

II

רוים

קאפיטל איינס

עס איז געווען דאָס יאָר איין און זיבעציק, אָדער דאָס יאָר דריי טויזנט אַכט הונדערט איין און דרייסיק נאָך דעם ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט.

אייניקע מאָל ביז דעמאָלט האָט אַרטאַפּאַנוס געדאַנקט דעם באַשעפער פון דער וועלט דערפאַר, וואָס ער, אַרטאַפּאַנוס, האָט זיך געגעבן אַ נדר נישט צו שטאַרבן פון יאוש. דאָס מאָל, ווען ער איז אַרויס פון רוימישן סענאַט, איז ער געבליבן שטיין אויף די טרעפּ אַן איינזאַמער. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און געמורמלט:

„גאָט פון ישראל, ווען אפילו דו זאָלסט מיך אויספרווון, ווי דו האָסט אויס־געפּרוווט אברהם אבינו; ווען אפילו דו זאָלסט מיך אויספּרוווןן מיט די ליידן פון איוב, וועל איך נישט שטאַרבן פון יאוש. דו קענסט ביי מיר צונעמען דאָס לעבן, עס געהער אינגאַנצן צו דיר, אָבער לאָק מיך נישט, איך זאָל זיך אָנטון אַ מעשה — איך וועל דיר נישט פאָלגן! מיין נדר וועל איך נישט ברעכן.״

ער איז נאָך געבליבן שטיין אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך פאַרלוירן, דערנאָך פאַרריכט די פאַלדן פון דער טאָגע אויף זיין אָרעם, אַ קוק געטון פאַר זיך און מיט געלאַסענע טריט אַראָפּ פון די טרעפּ. דער דינער, וואָס האָט קעגנאיבער געוואַרט מיטן רייטוואָגן, איז אים אַנטקעגנגעפאָרן. אַרטאַפּאַנוס איז אַרויפגעשטיגן און געהייסן זיך פירן צום פאָרט. אָבער אויפן וועג, נישט ווייט פון טיבער, האָט ער דעם דינער אַ צי־געטון ביים אָרעם און געהייסן זיך אָפּשטעלן.

„פאָר אַהיים — האָט ער געזאָגט צום דינער — איך וועל גיין צופוס. ווענסט זאָגן דער מאַטראָנע פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, אַז איך וועל זיך פאַרזוימען אין שטאָט.״

אַרטאַפּאַנוס איז געווען אויפגעטרייסלט און אויך דערשלאָגן. אַלע צילן פון דעם טאָג זענען צו נישט געוואָרן — גאָרנישט פון דער טאָג־טעגלעכקייט איז וויכטיק ביי דער שווערער משא, וואָס לאָסטעט אויף אים ווידער.

זייט ווספּאַסיאַן איז געוואָרן אימפּעראַטאָר, האָט ער אייניקע מאָל פאַרגעלייגט דעם רייכן שיפס־אייגנטימער און גערוסיאַרך* פון דער ירושלימער סינאַגאָגע אין רוים, אַרטאַפּאַנוסן, ער זאָל ווערן זיין פינאַנסיעלער ראַטגעבער. תמיד האָט דער ייד געפונען די ווערטער צו איבערצייגן דעם אימפּעראַטאָר, אַז הגם עס איז פאַר אים אַ גרויסער כבוד צו דינען דעם הערשער איבער פעלקער און לענדער, פילט

---

* ראש פון קהל פון אַ שטאָט־פערטל, וואָס איז אָנגעשלאָסן אין אַ סינאַגאָגע.

ער זיך נישט באַרופן צו אַזאַ הויכן אַמט. ווערספּאַסיאַן, מיט דעם טעמפּן פּרצוף פון אַ צירק־קעמפער, האָט אים איינמאָל ווולגאַר געזאָגט:

„לויט ווי עס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן, ביסטו דער פּאַסיקער מאַן דערצו. דיינע שיפן דערגרייכן די פּאָרטן פון יהודה און סיריע, און דו ווייסט גוט, וואָס פאַר אַ געמיינער שמוגל מיט גאָלד עס גייט אָן צווישן מיינע לענדערייען. צי מיינען די שונאים פון רוים, אַז דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקענט דערגרייכן מיט זייער שוואַכן אָרעם, וועלן זיי דערגרייכן מיט דעם גאָלד־שמוגל און צעברעכן די ווירטשאַפט פון רוים? ד ו ווייסט, ווער עס זענען די גאָלד־שמוגלער און ווי אַזוי דאָס פאַרברעך ווערט אויסגעפירט. ביסטו באַרופן צו דינען מיר מיט דיין עצה און דאָס וועט דיר אויך לוינען.“

אַרטאַפּאַנוס, ווי תמיד, ווען מען האָט אים באַליידיקט, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ נאָך העכער און געענטפערט:

„גנעדיקער אימפּעראַטאָר, ווען איך זאָל וויסן, ווער עס זענען די גאָלד־שמוגלער און ווי אַזוי דאָס גאָלד ווערט געשמוגלט, וואָלט איך פאַר אַלעם געשטערט דאָס אַרויספירן דאָס גאָלד פון יהודה, אַ לאַנד, וואָס איז ביי מיר פאַרהיילִיקט און וואָס ווערט חרוב אויך ווירטשאַפטלעך. וואָס שייך ד ע ם, דאַרפן עס ד י י נ ע נאָענטסטע מענטשן וויסן צום בעסטן... איך בין נישט מער ווי אַ שיפס־אייגנטימער, וואָס איז ווירקלעך מצליח. און בלויז אויף דעם געביט קען איך זיך אויס.“

דער דורכגעטריבענער ווערספּאַסיאַן האָט געקוקט אויף דעם ייד דורך די שפּעלטלעך פון זיינע פעטע אויגן־לעדלעך און אַראָפּגעשלונגען דעם רמז וועגן דעם רוימישן גאָלד־רויב אין יהודה. און אפשר דערפאַר, וואָס אויך וועגן דעם איז אַרטאַפּאַנוס באַוואוסט, האָט אים דער אימפּעראַטאָר פאַרגעלייגט ער זאָל זיך באַזינען און אים געבן אַן ענטפער. ווערספּאַסיאַן האָט אים נישט געוואָלט צו רו לאָזן. ער, ווי די פריערדיקע אימפּעראַטאָרן, האָט נישט געקענט פאַרשטיין די סי־בה, פאַר וואָס יידן אין רוים ווילן נישט אָננעמען קיין רעגירונגס־אַמטן, ווילן נישט דינען דער אימפּעריע, בעת זייט דעם מלך הורדוס ווערן אַלע יהודייער פּרינצן דערצויגן ביים קייסערלעכן הויף אין רוים און זיי דינען גוט. אויך אין יהודה גופא זענען פאַראַן יידן, וואָס צייכענען זיך אויס אין דינסט פון רוים. נאָר דאָ, אין רוים גופא, וויל קיינער נישט, צווישן די יידן, דינען מיט זיין דערפאַרונג און וויסן. און אָט דער שיפס־אונטערנעמער, אַרטאַפּאַנוס, איז דער פאַרביסנסטער צווישן יידן. אים מוז מען איינברעכן, צעשטערן זיין ווילטאָג און זיין זעלבסטזיכערקייט, כדי ער זאָל אויף אַלע פיר קומען צו קריכן פאַר אים, פאַר דעם אימפּעראַטאָר ווערספּאַסיאַן, און פאַרלייגן זיין דינסט. אויב רוים האָט געשטעלט אויף די קני און געצוווּנגען צו געהאָרכזאַמקייט גאַנץ יהודה, וועט ער, דער זיגער, נישט קענען שטעלן אויף די קני אַן איינציקן ייד?

כדי איינצוברעכן אַרטאַפּאַנוסן, האָט ווערספּאַסיאַן אָנגעשיקט אויף אים דעם צורר, סענאַטאָר דעמעטריוס.

אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט שוין פון לאַנג געהאַט זיך געגעבן אַ נדר: ער וועט

נישט דינען דעם איצטיקן רוימישן הערשער, ווי ער האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט נישט געדינט קיין שום רוימישן מאַכטהאָבער. די באַדריקער פון זיין היימלאַנד זענען שונאים פון זיין פאָלק. איצט האָבן זיי פאַרלענדט אויך דאָס האַרץ פון יהודה. דאָס האָט טיטוס, דער זון פון דעם אימפּעראַטאָר וועספּאַסיאַן, באַרויבט און חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש און אויסגעגלייכט ירושלים מיט דער ערד. וועט ער איצט אוודאי נישט דינען די רויבער מיט זיין חכמה און וויסן. אויך דאָס מאָל, ווען מען האָט אים גערופן אין סענאַט, איז אַרטאַפּאַנוס געווען זיכער, אַז ווידער וועט ער הערן דעם פאָרשלאַג צו ווערן דער פינאַנסיעלער ראַטגעבער פון אימפּעראַטאָר און ער האָט באַצייטנס צוגעגרייט אַ נייעם תירוץ.

דערשיטערט איז ער געוואָרן, ווען אין סענאַט האָבן אים באַגעגנט צוויי סענאַטאָרן, וואָס איינעם פון זיי, דעמעטריוס, האָט ער געקענט ווי דעם זון פון דעם צורר סעיאַנוס, וואָס האָט אַמאָל, מיט אַ פופציק יאָר צוריק, צוגערעדט דעם דעמאָלטיקן קיסר טיבעריוס, צו פאַרטרייבן די יידן פון רוים, דערפאַר ווייל מיטן פאַרשפּרייטן פון זייער רעליגיע שפּעטן זיי פון דער מלוכה־רעליגיע. בעת סעיאַנוס איז דערמאָרדעט געוואָרן, זענען אין רוים פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז אין זיין טויט איז אויך פאַרמישט אַ יידישע האַנט, אויס נקמה פאַר די רדיפות אויף יידן אין איטאַליע. אַרטאַפּאַנוס האָט געוווּסט, אַז דער אַלטער סענאַטאָר, דער זון פון יענעם סעיאַנוס, איז אַ בלוט־דורשטיקער יידן־פיינט. איז וואָס ווילן זיי, די צוויי סענאַטאָרן? צי האָבן זיי אויך איצט עפּעס צוגעגרייט פאַר די רוימישע יידן? זיי האָבן צוגעגרייט:

אין רוים ווערן געמאַכט די הכנות אויפצונעמען דעם טריאומף־צוג פון טיטוס, דעם באַזיגער פון ירושלים. דאָס וועט זיין אויך דער טריאומף־צוג פון דעם אימפּעראַטאָר און זיין צווייטן זון, דאָמיציאַן, וואָס אַלע דריי האָבן ענדלעך דערדריקט ביזן וואָרצל דאָס שטאָלצע און עקשנותדיקע פאָלק פון יהודה.

מיט באַהאַלטענעם סאַרקאַזם האָט אַרטאַפּאַנוס געדאַנקט פאַר דער בשורה און זיך אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין. אָבער די צוויי סענאַטאָרן האָבן אים געהייסן זיך צוריקזעצן, און דעמעטריוס, דער זון פון סעיאַנוסן, האָט געזאָגט צו אים:

„דער אימפּעראַטאָר וועספּאַסיאַן ווינטשט זיך, אַז דער טאָג, אין וועלכן עס וועט פאָרקומען דער טריאומף־צוג, זאָל אויך זיין אַ יידישער פעסט. און כדי די יידן זאָלן זייער פעסט אויסדריקן עפנטלעך און נישט באַהאַלטן אים אין די סינאַגאָגעס, וועלן די גערוסיאַרכן און אַרכאָנטן * פון די סינאַגאָגעס מקבל־פנים זיין דעם טריאומף־צוג פון די באַזיגער פון די יהודייער מורדים און רוצחים. אגב — האָט דער אַלטער סענאַטאָר צוגעגעבן מיט אַ גיפטיקן שמייכל — וועלן די יידישע נאָטאַבלען אין רוים האָבן אַ געלעגנהייט צו זען זיבן הונדערט פון די קרעפטיקסטע און שענסטע יידן, וואָס טיטוס ברענגט מיט זיך ווי געפאַנ־

* אַרכאָנטן — גבאים פון סינאַגאָגעס.

גענע, כדי צו באַשיינען דעם צוג. צי וועלן די רוימישע יידן דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט, ווי צו זען זיבן הונדערט פון זייערע געקליבענע ברידער?"

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך מיטביידע הענט איינגעקלעמט אין די קני און זיך עטוואָס אָנגעבויגן פאָרויס, ווי ער וואָלט פּלוצים באַקומען קראַמפּן. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך איבערגעקוקט מיט די סענאַטאָרן און געענטפערט מיט אַ געשעפּטלעכן טאָן, כדי צו באַהאַלטן פאַר די געצנדינער זיין ווייטיק:

„זיכער וועלן די רוימישע יידן נישט דורכלאָזן אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט. וואָרום עמעצער וואָלט געקענט מיינען, אַז די יידן אין יהודה זענען באַזיגט געוואָרן דערפאַר, ווייל זיי זענען פיזישע קריפּלס און קענען קיין סיקי** אין דער האַנט נישט האַלטן. אָבער דורך דעם, וואָס אין טריאומף־צוג וועלן געפירט ווערן זיבן הונדערט געקליבענע קעמפער, ווען אפילו איצט געפאַנגענע, וועלן די רוימישע יידן קענען זיין בלויז שטאָלץ אויף דעם, וואָס דער איינציקער גאָט אין הימל האָט באַשאַפן די יידן נישט בלויז ווי ,מורדים און רוצחים׳, נאָר קודם כל זייערע גופים באַשאַפן אין זיין געשטאַלט..."

„און דער רוימישער אָדלער באַזיגט זיי!" — האָט צוגעוואָרפן דער צווייטער סענאַטאָר.

אַרטאַפּאַנוס האָט צוריקבאַקומען דעם אָטעם:

„אין אונדזערע הייליקע שריפטן ווערט דערציילט — האָט ער אָנגעהויבן רואיק — אַז ווען די מענטשן אויף דער ערד זענען געוואָרן שטאַרק זינדיק, האָט אונדזער גאָט אַראָפּגעשיקט אַ מבול אויף דער ערד. האָט דער קלוגער מאַן, וואָס זיין נאָמען איז געווען נח, פאַרשטאַנען, אַז צאָרן קומט און צאָרן גייט אַוועק, און צוליב צאָרן טאָר די וועלט נישט אונטערגיין. האָט דער מאַן אויסגעבויט אַ קאַסטן־שיף און אין דעם קאַסטן אַריינגענומען צו פּאָר פון יעדן מין, אַז גאָרנישט פון גאָטס באַשאַף זאָל פאַרלענדט ווערן פון דער ערד. און ווען נאָך פערציק טעג פון פאַרניכטנדיקן מבול האָט זיך דער שלאַקס־רעגן אָפּגעשטעלט, האָט דער מאַן נח, כדי צו וויסן ווי עס האַלט מיט דעם צאָרן פון גאָט, אַרויסגעשיקט פון זיין קאַסטן־שיף נישט קיין אָ ד ל ע ר, נאָר אַ ט ו י ב האָט ער אַרויסגעלאָזט. וואָרום געוווּסט האָט ער, דער קלוגער מאַן נח, אַז טאָמער וואָלט ער אַרויסגעלאָזט פון זיין שיף־קאַסטן אַן אָדלער, וואָלט זיך דער רויבפויגל אַוועקגעזעצט אָנצופרעסן זיך מיט די נבלות, וואָס זענען געווען צעשפּרייט פונעם מבול, און ער וואָלט פאַרגעסן אין דער וועלט. דאָס טייבעלע אָבער איז אַרומגעפלויגן איבער דער וועלט און ווי נאָר עס האָט דערזען דעם ערשטן ניי־אויפגעשפּראָצטן איילבירט־בוים, האָט עס אָפּגעבראָכן אַ צווייגל און מיט דעם איילבירטן־צווייגל אין שנאָבל צוריקגעקערט צום מענטש, ווי אַ צייכן פון שלום צווישן גאָט און מענטש. פון דעמאָלט אָן קומען פאַר אויף דער וועלט קליינע מבולס און פון יעדן מבול קוקן מיר, יידן, פאָרויס אויף דעם צוריקקום פון דער טויב מיטן איילבירטן־צווייגל אין

** קורצער קינזשאַל.

שנאַבל און נישט אויף דעם צוריקקום פון דעם שטייגער פון... אַן אַנדער באַשעפעניש.״

דער אַלטער סענאַטאָר האָט געזאָגט מיט דראָענדיקן צאָרן:

„עס איז אָנצונעמען, אַז מיט דער געשיכטע פון אייערע הייליקע שריפטן האָט איר נישט געמיינט צו באַליידיקן דעם רוימישן אָדלער.״

אַרטאַפּאַנוס האָט שנעל פאַרכאַפּט:

„איך פאַרזיכער אייך, נאָבעלע סענאַטאָרן, אַז איך האָב געהאַט אין זינען בלויז אונדזער יידישע טויב...״

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעהויבן די האַנט פאַר באַגריסונג, זיך לייכט פאַרנויגט, ווי נאָך אַ געמיטלעכן שמועס, און ער איז אַוועק אַן איבערפולטער מיט צער און ווייטיק.

עס איז אים געווען שווער אַהיימצוגיין. ער האָט נישט געוואָלט מצער זיין זיין פרוי, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. אַזוי אויך האָט ער איר לעצטנס פאַרשאַפט צו פיל ווייטיק מיטן אַראָפּרעדן זיך פאַר איר פון הארץ. זי איז אַ גרטע, געבוירן אין רוים, דאָ דערצויגן געוואָרן אין אַ פאַמיליע פון פאַטריציער. זי היט אָפּ אַלע יידישע דינים און זי פאַרפעלט נישט קיין שבת, צו גיין אין דער סינאַגאָגע. ווען ער דערציילט איר וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין יהודה און זי זעט ווי שווער ער ליידט, וואָלט זי אים געוואָלט העלפן, אַראָפּנעמען פון אים אַ טייל פון דער לאַסט, אָבער די ליידן פון די יידן אין יהודה דערגייען נישט צו איר, זי פאַרשטייט זיי נישט און זיי דרינגען נישט אַריין אין איר האַרץ — פילט זי זיך מיטשולדיק. דעמאָלט קריגט ער רחמנות אויף איר און ער טרייסט זי, זי זאָל זיך נישט מצער זיין... זי איז דאָך נישט שולדיק דערין, וואָס די רוימישע פּראָקוראַטאָרן האָבן אויסגערויבט יהודה און פאַראָרעמט די יידן, און זי איז דאָך נישט שולדיק, וואָס טיטוס האָט באַרויבט און צעשטערט דעם בית־המקדש.

וואָס איז דאָס אַזעלכעס בית־המקדש? אַ גרויסע סינאַגאָגע מיט אַ מזבח צו שלאַכטן קרבנות. נו, וועט מען אויפבויען אַ נייע סינאַגאָגע. ער, אַרטאַפּאַנוס, דאַרף נאָר צוזאַמענרופן די יידן פון רוים און זיי וועלן געבן געלט אויף צו בויען אַ נייע סינאַגאָגע אין ירושלים. אַך, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, דער בית־המקדש איז מער ווי אַ גרויסע סינאַגאָגע, דאָס איז... דאָס איז... דאָס הייליקטום פון די יידן אויף דער גאַנצער וועלט. הייליקער ווי דער מאַרמאָר־ביוסט פון אַ רוימישן אימפּעראַ־טאָר? הייליקער ווי דער טעמפּל יופּיטער פאַר געצנדינער־רוימער? פאַרשטייט זי שוין גאָרנישט. און זי ליידט דאָפּלט — פון דעם, וואָס זי קען נישט העלפן איר מאַן, און פון דעם, וואָס זי פאַרשטייט נישט די הייליקייט פון בית־המקדש. איצט, טאָמער וועט ער אַהיימקומען און איר דערציילן וועגן זיין בראָך, אַז דער אימפּעראַטאָר פאָדערט די גערוסיאַרכן און אַרכאָנטן, זיי זאָלן מקבל־פּנים זיין דעם צעשטערער פון בית־המקדש, וועט זי בכלל גאָרנישט פאַרשטיין און זיך נאָך מער מצער זיין צוליב אים, פאַרוואָס ער ליידט. זיכער, יעדער זיגער נעמט געפאַנגענע, פירט זיי אין פאַראַד־צוגן און פאַרקויפט זיי פאַר שקלאַפן. אַזוי פירט

זיך די וועלט... אָרעמע פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, איך האָב דיך אַרויסגענומען פון אַ גוטער, רואיקער רוימישער היים מיט אַ רייך, זאָרגלאָז לעבן, און אַרויפגעלייגט אויף דיר דעם גאַנצן שווערן עול פון יידישקייט, און דו טראָגסט דעם עול, ווי דו וואָלסט געבוירן געוואָרן מיט אים אויף די פלייצעס און נישט אין האָרץ. און עס איז דיר שווער. און דו טראָגסט אים דאָך מיט ליבשאַפט.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט אין די צערוישטע און פריילעכע געסלעך פון טראַסטעווערע, איז ער אַוועק אַהיים.

ביי דער טיר האָבן אים אָפּגעוואַרט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ און זייער יינגסטע טאָכטער, קאַקאָטיאַ.ביידע האָבן זיך דערפרייט מיט אים, וואָרום דער דינער, וואָס האָט אים אין דער פרי אַוועקגעפירט מיטן רייטוואָגן אין סענאַט, איז צוריקגעקומען אַהיים און דערציילט, אַז דער האַר איז געווען מוטלאָז און צעטומלט. זענען זיי געווען אומרואיק. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אים איצט געהאָלפן אַראָפּנעמען די טאָגע און ער איז געבליבן אין אַ קורצן זיידענעם קיטל, באַזוימט מיט אַ טונקל־ברוינעם זוים. זיינע אָפּגעדעקטע אָרעמס און פיס, אָפּגעברענטע און מוסקולירטע, האָבן דער קליינער קאַקאָטיאַ תמיד דערמאָנט אין די גלידער פון מיליטערלייט און עס האָט איר געשמייכלט, וואָס זי האָט אַזאַ שטאַרקן פאָטער. זי האָט זיך געטוליעט צו אים און אַרויפגעקוקט צו אים און געזוכט זיין בליק. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר קעפּל און די קליינע האָט פון תענוג פאַרמאַכט די אויגן.

„שטענדיק קומסטו שפּעט אַהיים" — האָט זיך קאַקאָטיאַ געקלאָגט.

„דערוואַקסענע זענען שטאַרק פאַרנומען" — האָט ער זיך פאַרענטפערט.

„פאַרוואָס זשע זענען אַלע טאַטעס פרי אין דער היים און דו — נישט?"

„אונדזערע שיפן קומען פון ווייטע לענדער און זיי זענען דורשטיק, דאַרף איך זיי אָנטרינקען" — האָט ער געענטפערט אין שפּאַס.

„פאַרוואָס זשע טרינקען נישט די שיפן דאָס וואַסער פון ים?" — האָט די קליינע ווייטער געפרעגט.

„דאָס וואַסער פון ים איז געזאַלצן, בררררר!" — האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט.

די קליינע האָט געלאַכט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער און די מוטער האָט נחתדיק געשמייכלט:

„טאַטע און טאָכטער מאַכן זיך נאַריש."

„אייפערזיכטיק?" — האָט ער געפרעגט און אויסגעצויגן דעם אָרעם אַרומצונעמען זיין ווייב.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט גערן אָנגענומען זיין צערטל און ער האָט זי צוגעטוליעט צו זיך.

„אָך, ווי דאָס קינד איז אויסגעבענקט נאָך דיר" — האָט זי געזאָגט מיט שטילן פאַרוואורף.

„און דאָס קינד — נישט?" — האָט ער זי נאָך מער צוגעדריקט צו זיך. א

„דאָס קינד קען ליידן אין דער שטיל״ — האָט זי געפּליסטערט. „געהאַט עגמת־נפש ?״

„וועספּאַסיאַן איז זיך נוקם דערפאַר, וואָס איך וויל נישט ווערן זיין עצה־געבער. ער וויל מיך דערנידעריקן, דער...״

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אַרויפגעלייגט אירע ווייכע צאַרטע פינגער אויף זיינע ליפּן און אַנגעוואונקען אויפן קינד.

זיי זענען אַריין אין הויז. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך דערפילט מיד און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן נידעריקן דיוואַן, וואָס איז פון איין זייט געווען פאַרענדיקט מיט אַ קינסטלעריש אויסגעשניצטן קאָפּ פון אַ לעמפּערט. ביידע, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ און קאַקאַטיאַ, האָבן זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים. פלאַוויאַ האָט אים אַוועקגעשאַרט די האָר פון שטערן:

„האָסט נאָך היינט נישט געגעסן, זאָל איך דיר געבן אַ מאָלצייט ?״

די קליינע האָט געמאַכט די זעלבע באַוועגונג, וואָס די מוטער, און געפּרוווט נאָכמאַכן די שטים פון אַ דערוואַקסענער:

„גיב אים נישט צו עסן ; פאַר דעם וואָס ער האָט אונדז געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן אויף זיך ; באַשטראָף אים, ווי דו באַשטראָפסט מיך.״

„קאַקאָטיאַ ! אַזוי רעדט מען וועגן דעם טאַטן ?!״ — האָט פלאַוויאַ געפרעגט מיט פאַרוווּרף.

דאָס קינד האָט אַרומגענומען דעם פאָטער מיט ביידע הענטלעך און אים געקושט.

„איך האָב עס געזאָגט אין שפּאַס. ביסטו בייז אויף מיר, פאָטער ?״

אַרטאַפּאַנוס האָט זי אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך :

„איך בין נישט בייז, קאַקאָטיאַ, איך האָב דיך ליב.״

ער האָט אַנגענומען די האַנט פון זיין פרוי און געקוקט צו איר מיט אַ מילדן בליק. ער האָט זי גוט געקענט און ער האָט געפילט, אַז זי פאַרשט זיין פּנים, צו דערגיין, וואָס פאַר אַ נייע איבערלעבונג ער האָט געהאַט אין סענאַט.

אָ, ווי זי וואָלט וועלן אַראָפּנעמען פון אים אַלע לאַסטן און אויסטראָגן אַלע זיינע ווייטיקן. ביי איר אין דער משפּחה טוען די מענער גאָרנישט. זיי לאָזן זיך באַדינען פון אָנגעשטעלטע און משרתים און שקלאַפן, און אַליין זוכן זיי פאַרגעניגנס. זיי פאַרברענגען מער אין די דאַמף־בעדער, ווי זיי זענען אין דער היים. זיי פאַרנעמען זיך מער מיט צוקלייבן גוטע סאָרטן וויין, ווי זיי פאַרנעמען זיך מיט זייערע געשעפטן און פּלאַנטאַציעס. נאָר ער, אַרטאַפּאַנוס, נעמט זיך שטענדיק זאָרגן, ווי אַ צוגאָב צו זיינע געשעפטן, וואָס נעמען אים אַוועק זיינע טעג און זיין געזונט. בלויז ערב שבת גייט ער אַוועק אין אַ דאַמף־באָד. אָבער אויך דאָרט גיט ער נישט אַוועק די צייט פאַר אָפּרו, נאָר ער טרעפט זיך דאָרט מיט גערוסיאַרכן פון די אַנדערע סינאַגאָגעס און זיי רעדן אַרום די נויטן און הצטרכותן פון די רוימישע יידן : וועגן זאַמלען געלט פאַר יהודה, וועגן אויסקויפן יידישע שקלאַפן און זיי איינאָרדענען אין רוים, וועגן ברענגען סופרים פון בבל

אויף איבערצושרייבן הייליקע ספרים — וועגן אַלץ זאָרגט ער, אַרטאַפּאַנוס. אין אַ טייל פון דער פאַרשטאַט טראַסטעווערע, אויף דעם נידעריקן ברעג פון טיבער, האָט ער אפילו אויסגעבויט הייזער פאַר באַפרייטע יידישע געפאַנגענע, וואָס במשך פון יאָרן האָבן די רוימער זיי געבראַכט פון יהודה צום פאַרקויפן אויפן שקלאַפן־מאַרק און די יידן אין רוים האָבן זיי אויסגעקויפט. זאָל אים נאָר גאָט געבן כוחות צו טראָגן די שווערע לאַסט, ווי ער האָט אים באַשאָנקען מיט מזל: זי האָט אים געבוירן דריי געראָטענע קינדער, אַ זון און צוויי טעכטער. דער בכור, יעקב־זאַסימוס, איז אינגאַנצן ענלעך צום פאָטער, ווי אַ פּרינץ, מיט געזונטע שלאַנקע גלידער און מיט אַ שמאָל, איידל פּנים און גלעטנדיקע אויגן און מיט אַ שמייכל ווי פון אַ קינד, הגם ער האָט שוין געענדיקט דאָס זיבעצנטע יאָר. ביים סופר יונתן פון בבל, וואָס לערנט מיט יידישע קינדער אין דער פּראָסאיכע *, האָט זאַסימוס אויסגעלערנט אַלץ, וואָס דער סופר האָט געקענט. אויסער דאָס יידישע הייליקע וויסן האָט ער זיך געלערנט די רעדנער־קונסט און איצט לערנט ער יוריספּרודענץ אויף זיין אַן אַדוואָקאַט. סאַבינאַ, די עלטערע טאָכטער, איז קוים אַלט פערצן יאָר, אָבער ווען זי זוימט זיך לענגער ביי אירע חברטעס, ציטערט דער מאַמעס האַרץ. היינטיקע צייטן, ווען אין שטאָט געפינען זיך אַזוי פיל פרעמדע און אויסטערלישע מענטשן פון אַלע עקן וועלט. און סאַבינאַ איז אַזוי ווייבלעך־צאַרט און אַזוי שיין. און זי ווייסט וועגן דעם און זי קאָקעטירט די פאַרבייגייענדיקע יונגע מענער. זי האָט גאָרנישט פון דער מאַמעס כאַראַקטער. אָך, דער נייער דור יוגנט! און די קליינע, קאָקאָטיאַ, זי איז דאָס קעצל פון פאָטער. זי וועט זיכער אויסוואַקסן ענלעך צו איר שוועסטער. שוין היינט, צו פינף יאָר, קושט זי ווי אַ פרוי...

אין שטוב איז אַריין מיט שטורעם זאַסימוס און ער האָט איבערגעריסן די זיסע שטימונג פון דער מוטער צופוסנס פון אַרטאַפּאַנוסן:

„אַאַאַ, מוטער־געטין, צי וועסטו באַוויליקן צו געבן דעם הונגעריקן טיטאַן אַ טעלער אַמבראָזיע?!" — האָט ער אויסגערופן און אַ שליידער געטון אין אַ זייט זיין טאָגע.

„אַאַאַ, זאַסימוס, ווען וועסטו שוין אָוועקוואַרפן דיינע געצנדינערישע דעקלאַמאַציעס? — האָט אין זעלבן טאָן געפרעגט אַרטאַפּאַנוס — אין אַ פרעמדער שטוב שליידערסטו אויך אַוועק אין אַ זייט דיין טאָגע?"

„לויט דעם הערשנדיקן קאָדעקס פאַרלירט אַ מענטש דאָס אייגנטום־רעכט אויף אַ זאַך, וואָס ער וואַרפט אַוועק — האָט זאַסימוס אויסדעקלאַמירט — און איצט לאָמיר רעדן, ווי מענטשן רעדן, וואָרום איך בין געפערלעך מענטשלעך הונגעריק."

„מיר וועלן עסן צוזאַמען — האָט די מוטער געזאָגט — דער פאָטער האָט נאָך היינט נישט געגעסן."

---

* בית־מדרש.

„געשען עפּעס ?" — איז זאָסימוס געוואָרן ערנסט און זיך איבערגעקוקט דאָ מיט דער מוטער און דאָ מיטן פּאָטער.

„דער טאַטע האָט מיך און דער מאַמען געלאָזט וואַרטן זייער לאַנג" — האָט זיך אָפּגערופן די קליינע קאָקאָטיאַ.

„דאָס איז ריכטיק" — האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ צוגעגעבן.

„אַז עס וועלן זיך ענדיקן די יידישע צרות, וועל איך קיינמאָל נישט פאַר־שפּעטיקן צו קומען אין דער צייט אַהיים" — האָט זיך אַרטאַפּאַנוס ווי פאַרטיידיקט.

„אַך — האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט זאָסימוס — דו אַליין נעמסט אויף זיך צרות. טראַגסט אויף זיך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און דו אַליין ווילסט אויסבעסערן, וואָס אַנדערע מאַכן קאַליע".

„דו ביסט נישט אַזוי שלעכט, ווי דו רעדסט" — האָט אַרטאַפּאַנוס רואיק באַמערקט.

„וואָס זאָג איך דען, וואָס איז שלעכט ? — האָט דער זון זיך אַוועקגעזעצט נעבן דעם דיוואַן און די קליינע קאָקאָטיאַ האָט אים אָפּגעשטופּט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט צונעמען בײַ איר דעם פּאָטער — איך האַלט נאָר, אַז יעדער דאַרף זיך פאַרנעמען מיט זײַנע ענינים: די הערשער דאַרפן הערשן, די סוחרים דאַרפן האַנדלען, די נאַוויגאַטאָרן דאַרפן פירן די שיפן. האָסט צו דײַנע געשעפטן די גערוסיע *, איז דאָס גענוג, אָבער דו זאָרגסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַנצער וועלט."

„נישט אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר אין יהודה" — האָט אַרטאַפּאַנוס ווידער געזאָגט אין פאַרטיידיקונג.

„צי קענסטו דען העלפן די יידן אין יהודה, אָדער פאַרמיידן זייערע פעלערן, אויב זיי מאַכן פעלערן ?" — האָט זאָסימוס געפרעגט.

אַרטאַפּאַנוס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„צום באַדויערן איז שוין איצט צו שפּעט אויף אַלץ. נישט געווען אַזאַ אײַנערלעכער כוח אין יהודה, נישט פריער און נישט שפּעטער, וואָס זאָל קענען צונויפבינדן די הערצער און די אָרעמס."

„דו רעדסט קעגן זיך אַליין. ענדלעך האָסטו זיך דערגרעדט !" — האָט זאָסימוס אויסגערופן און זיך זאָרגלאָז געוואָנדן צו דער מוטער: „מאַטראָנע פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, צי וועט איר לאָזן אַ יונגן מענטשן אויסגיין פון הונגער ?"

„איך האָב דיר געזאָגט, אַז מיר וועלן עסן צוזאַמען. פאַרוואָס זוימט זיך סאַבינאַ ?" — האָט מיט זאָרג געפרעגט די מוטער.

„זי קאָלעקציאָנירט קאָמפּלימענטן !" — האָט פון פלאַץ געענטפערט זאָסימוס.

די עלטערן האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט צו זיך.

„וואָס איז דאָס קאָמפּלימענטן ?" — האָט געפרעגט די קליינע קאָקאָטיאַ.

---

* סינאַגאָגאַלע קהילה.

„דאָס זענען גוטע זאַכן, וואָס מען דאַרף האָבן שטאַרקע ציין צו צעקייען" — האָט זאָסימוס געענטפערט. די עלטערן האָבן נישט רעאַגירט.

די מוטער איז אַוועק באַפעלן דער דינערשאַפט צו גרייטן צום עסן. קאָקאָטיאַ איז איר נאָכגעלאָפן. פאָטער און זון זענען געבליבן אַליין.

„געהאַט שווערקייטן היינט, פאָטער?" — האָט זאָסימוס געפרעגט דיסקרעט.

„כ'האָב דאָס געפיל, אַז ער וויל מיך דערנידעריקן, דער אימפּעראַטאָר, און דורך מיר — אַלע יידן אין רוים. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דער אכזר טראַכט צו פאַר מיר אַ נקמה־אַקט. די מאַכט גרייט צו אַ טריאומף־צוג פאַר טיטוסן, דעם אימפּעראַטאָר, און פאַר דאָמיציאַן, אַ משפּחה־פּאַראַד לכבוד דעם נצחון איבער דעם בית־המקדש אין ירושלים. און מיר, די פאָרשטייער פון דעם רוימישן יידנטום, דאַרפן די זיגער מקבל־פּנים זיין. אַזאַ זאַך איז נישט געהערט געוואָרן. איך פיל, אַז איך וועל דאָס נישט קענען איבערטראָגן. צו שווער פאַר מיינע כוחות."

„געצנדינערישע פּערפידיע! — האָט זאָסימוס אויסגערופן — צי מיינסטו נישט, פאָטער, אַז דער באַשלוס וואָלט זיך געלאָזט ענדערן, ווען דו זאָלסט בעטן אַן אודיענץ ביים קיסר?"

„אָ, דו קענסט אים נישט, מיין זון. דער דאָזיקער אוממענטש, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גאָט, איז גרייט אַ האַלבע וועלט צו פאַרניכטן פאַר אַ ביסל כבוד, און צו פאַרניכטן די צווייטע האַלבע וועלט, אַבי צו צעטרעטן דעם כבוד פון אַן אַנ־דערן".

„דו ווייסט, פאָטער — האָט זאָסימוס געזאָגט שטיל, קוים צו הערן — אָפּטמאָל טראַכט איך, אַז דו האָסט אפשר געמאַכט אַ פעלער דערמיט, וואָס דו האָסט נישט אָנגענומען דעם אַמט פון דעם קיסרס פינאַנסיעלן ראַטאָגעבער. אַזוי אַרום וואָלסטו, מעגלעך, געהאַט אויף אים אַן איינפלוס. ער איז קיסר און דו זעסט ווי ער קען נעמען נקמה."

דער פאָטער האָט אַריינגעקוקט דעם זון אין די אויגן, ווי ער וואָלט אים דערמיט געוואָלט צווינגען, ער זאָל זיין ספּעציעל אויפמערקזאַם, און געזאָגט מיט געמאָסטענע ווערטער:

„ווען אַ רויבער באַפעלט דיך און דו ביסט שוואַכער פון אים — גיב אים אַוועק אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט, ווייל דאָס לעבן איז הייליקער פון אַלץ. טאָמער אָבער וועט דער רויבער וועלן ביי דיר צוגזלנען דעם כבוד — קעמף מיט אים ביז צום סוף, ביז דו וועסט פאַלן, ווייל דער כבוד איז הייליקער פון לעבן. אויב איך וואָלט געדינט דער רוימישער מאַכט נאָך דעם, ווי זי האָט חרוב געמאַכט אונדזער פאָלק, וואָלט איך נישט געהאַט דאָס רעכט צו רופן זיך מענטש און ייד. און מענטש און ייד לאָזן זיך נישט פונאַנדערטיילן..."

עס האָבן זיך דערהערט שטימען אויסער דעם צימער און אַרטאַפּאַנוס האָט אָפּגעהאַקט:

„דערצייל גאָרנישט דער מוטער. זי ליידט נאָך מער פון מיר."

אין צימער איז אַריין פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ און אַ פּאַטש געטון אין די הענט:

„מײַנע מענער, ענדלעך איז סאַבינאַ געקומען. דאָס עסן איז גרייט!"

אַרטאַפּאַנוס איז פלינק אַראָפּ פון דיוואַן און אַ קלאַפּ געטון דעם פלוצים־פאַרטראַכטן זאָסימוס אין אַקסל:

„קום עסן, דו שטאַרבסט דאָך פון הונגער."

אין גרויסן זאַל, וואָס מיט אַן ארון קודש אין דער וואַנט האָט ער מער אויסגעזען ווי אַ קליינע אינטימע סינאַגאָגע, איידער אַן עס־זאַל, איז דער ריזיקער מאַסיווער טיש, געבויט פון גרויען מירמלשטיין, געוועזן באַשטעלט מיט זילבערנע כלים. אין דער מיט האָט זיך אויפגעהויבן אַ שלאַנקע, זילבערנע מנורה, פאַרענ־דיקט מיט ברייטע אייל־נעסטן. דורך דעם לאַנגן און שמאָלן פענצטער איז אַריינ־געפאַלן די נאָכמיטאָג־זון און באַדעקט דעם טיש מיט אַ פּאַס העלן ליכט. אַרטאַ־פּאַנוס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן און אַנטקעגנאיבער, ביים צווייטן עק, האָט זיך אַוועקגעזעצט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. רעכטס פון אַרטאַפּאַנוסן האָט זיך אַוועקגע־זעצט זאָסימוס און פון זיין לינקער זייט — די קליינע קאָקאָטיאַ און וויטער אַ ביסל פון איר — סאַבינאַ. ווען אַלע זענען שוין געזעסן, האָבן די מענער פאַר־דעקט זייערע קעפּ און די גאַנצע משפחה האָט זיך אויפגעשטעלט. מיט פאַר־לייגטע הענט פאַרן פּנים, האָבן אַלע נאָך אַרטאַפּאַנוסן נאָכגעזאָגט די ברכה איבערן עסן און דערנאָך נאָך אַ ווײַלע געבליבן שטיין שווייגנדיקע און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. די דאָזיקע שווייגנדיקע מינוט האָט אַרטאַפּאַנוס אַריינגע־פירט מיט בערך אַ יאָר צוריק, ווען עס איז דערגאַנגען צו אים די פינצטערע בשורה, אַז די רוימער האָבן חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט געהאַט גענוג דינערשאַפט פאַר איר הויז־ווירטשאַפט, אָבער ביים צוגרייטן די שפּייזן און ביים אויסטיילן זיי ביים טיש האָט זי זיך נישט פאַרלאָזט אויף קיינעם. זי האָט די אָפּגעהיטנקייט פון כשרות גענומען אַזוי האַרב, אַז אפילו אין צוגרייטן די שפּייזן און זיי אויסטיילן, האָט זי געזען אַ גאָט־דינסט. איז דאָס עסן ביים טיש געוועזן אַ פייערלעכקייט. אַרטאַפּאַנוס האָט אָט די אַטמאָספער אונטערגעהאַלטן, כדי אויך ביים עסן זאָלן די קינדער פילן, אַז זיי זענען יידן, זיי אונטערשיידן זיך מיט זייער שטייגער פון די געצנדינער.

פלאַוויאַ האָט באַמערקט, אַז סאַבינאַ עסט ווייניק און אָן אַפּעטיט און זי האָט אָבסערווירט איר פּנים. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס מיידל פילט זיך נישט גוט. צום סוף האָט זי איר געפרעגט, און סאַבינאַ האָט געענטפערט, אַז בעת זי איז געוועזן ביי אירס אַ רוימישער חברטע, איז זי געוואָרן אַזוי הונגעריק, אַז זי האָט מיטגעהאַלטן מיט דער משפחה ביים עסן. אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרגעבנדיק געשמייכלט, אָבער די מוטער איז געוואָרן אומרואיק:

„ווייסטו נישט, סאַבינאַ, אַז ביי געצנדינער איז די שפּייז נישט כשר? וויפל מאָל האָב איך דיר דאָס געזאָגט?"

„איך ווייס עס — האָט סאַבינאַ זיך מודה געווען — דאָך, אַז איך זע עסן און איך בין הונגעריק, קאָן איך זיך נישט איינהאַלטן."

„האָסט געהערט דעם ענטפער, אַרטאַפּאַנוס?" — האָט פלאַוויאַ געפרעגט און באַהערשט איר אויפרעגונג.

אַרטאַפּאַנוס האָט באַוואונדערט זיין ווייב, וואָס זי אַליין איז ביז צו זייער חתונה געווען אַ געצנדינערין און איצט היט זי די יידישע דינים און מנהגים מיט מער אָפּגעהיטנקייט, ווי ער. דאָך, כדי זי זאָל נישט בלייבן אַליין מיט איר אָנגריף אויף דער טאָכטער, האָט ער זיך אָפּגערופן:

„נישט קענען זיך באַהערשן איז נישט קיין יידישע מידה. און בעיקר דאַרף דאָס וויסן אַ יידישע טאָכטער. און זע, סאַבינאַ, וואָס עס איז אַרויסגעקומען בלויז פון איין מאָל נישט באַהערשן זיך: די ערשטע עבירה איז דאָס, וואָס דו האָסט נאָכגעגעבן דיינע אימפּולסן, פון דעם איז שוין אַרויסגעקומען אַ צווייטע עבירה, וואָס דו האָסט געגעסן נישט כשר, און פון דעם אַ דריטע עבירה, וואָס דו האָסט זיך פאַרשפּעטיקט צו קומען צו דער צייט צו עסן מיט די עלטערן און דערמיט ביסטו עובר געווען אויפן געבאָט פון כיבוד אב ואם."

„לויט די געזעצן פון דעם הערשנדיקן רוימישן קאָדעקס..." — האָט אויסגערופן זאָסימוס.

„דו מיט דיינע געזעצן — לאָז צו רו! — האָט סאַבינאַ אים נישט געלאָזט אויסרעדן. — לויט דיינע געזעצן איז דער אימפּעראַטאָר אַ גאָט און מען דאַרף אים אָפּגעבן כבוד, מער ווי דער אייגענער מוטער און פאָטער."

אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל פון זון:

„אויב רוים וועט אַ מאָל אָנערקענען פרויען ווי אַדוואָקאַטן, וועסטו האָבן אין סאַבינאַ אַ געפערלעכע קעגנערין."

„אפשר בלויז דערמיט, וואָס זי וועט קאָקעטירן די ריכטער" — האָט זאָסימוס איגנאָרירט די שוועסטער.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט געהאַט בדעה אָנצובייזערן זיך אויף איר זון פאַר דער דאָזיקער באַמערקונג, נאָר אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פון דעם זונס ווערטער צעלאַכט און דעריבער האָט אויך פלאַוויאַ לייכט געשמייכלט. דאָס האָט צוגעגעבן סאַבינאַן קוראַזש, און אויפהויבנדיק איר שיינעם שטאָלצן קאָפּ מיט דער אונטערגעבונדענער פריזור, האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ רייפער פרוי:

„איך קאָן דאָס זען בלויז ווי אַ חסד פון גאָט, וואָס אַ פרוי קאָן מיט איין שמייכל אויפטאָן מער ווי אַ מאַן מיט אַ גאַנצן טאָג רעדן פאַר די ריכטער."

„סאַבינאַ!" — האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אויסגערופן און אַ קוק געטאָן אויף דער קליינער קאָקאָטיאַ, וואָס איז מיט אירע נייגעריקע אייגעלעך אינגאַנצן געהאָנגען אויף איר עלטערער שוועסטער.

די קליינע האָט אויפגעכאַפּט דער מוטערס בליק און געפרעגט:

„פאַרוואָס בייזערסטו זיך אויף סאַבינאַ, מאַמאַ?"

אַרטאַפּאַנוס האָט דער קליינער אַ גלעט געטאָן איבער די האָר:

„די מוטער בייזערט זיך נישט אויף סאַבינאַ; אמת, מאַמאַ?"

„ניין, איך בייזער זיך נישט" — האָט פלאַוויאַ געענטפערט.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויפגעשטעלט און צוזאַמען מיט אים די גאַנצע משפחה. זיי האָבן פאַרלייגט די הענט פאַרן פּנים און נאָכגעזאָגט נאָך אים די תּפילה פון דאַנק פאַרן טעגלעכן ברויט.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אַ קלאַפּ געטון מיט די הענט און די דינערשאַפט איז אַריין אַראָפּצונעמען דאָס געשיר פון טיש.

„זאָסימוס, היינט דאַרף איך האָבן דיין הילף. איך וויל דיר עפּעס דיקטירן — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט צום זון — אָבער צום ערשט מוז איך גיין זיך אָפּרוען.״

דער זון האָט מיט פאַרערונג אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ פאַרן פאָטער.

קאַפּיטל צוויי

אין טראַסטעווערע, דער פֿאָרשטאָט פֿון רוים, אויף דעם נידעריקן ברעג פֿון טיבער, איז דער טומל און געפּילדער אין יענעם פֿרימאָרגן געווען דער זעלבער ווי אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר. די גריכישע שיפֿסלייט האָבן מיט קללות און זידלערייען צוגעאײַלט די שקלאַפֿן ביים אויסלאָדן די שיפֿן. וואַנדערנדיקע הענדלער האָבן פֿאַר די אויגן פֿון די פֿאַרבייגייער געריימט זייערע סחורות, אויסזינגענדיק גוזמאות פֿאַר סחורות, וואָס זיי האָבן גאָרנישט געהאַט צו פֿאַרקויפֿן.

אין די שמאָלע און ענגע געסלעך האָבן זיך אויסגעמישט די ריחות פֿון געקעכטסן, פֿון גאַרבערייען, צעשוויצטע לייבער, און איבער זיי — דער אַפּעטיט־לעכער רויך פֿון געוויכערטע פֿליישן. פֿריי געלאָזענע קריגס־געפֿאַנגענע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, האָבן פֿאָרגעלייגט זייער אַרבעט־הילף און דערווייל אויסגעשטרעקט די הענט נאָך עסן. רויטבערדיקע גערמאַנען, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אַהער פֿון צפֿון, האָבן שיכורע זיך אַרומגעפּירט מיט רוימישע מיידן, און, צעבאַלעוועטע, געשריגן, סתם אַזוי, פֿאַר פֿריילעכקייט. זינגענדיקע גאַליער זענען געשטאַנען אין מיטן פֿון דער ענגשאַפֿט און אויסגעזונגען לידער אין אַן אומפֿאַרשטענדלעכער שפּראַך, ווי זיי וואָלטן געזונגען בלויז פֿאַר זיך און נישט אויף באַלוינט צו ווערן. נעבן זיי זענען געשטאַנען יונגע מיידלעך און מיט פֿאַרבענקטע בליקן אַריינגעקוקט די זינגער אין די מיילער. פֿאַרבייגייענדיקע זעלנער האָבן אָנגעכאַפּט די מיידלעך ביי די הינטנס און די מיידלעך האָבן געשריגן, ווי מען וואָלט זיי געקוילעט.

אויפֿן שקלאַפֿן־מאַרק איז דער טומל געווען אַ געמיש פֿון געשרייען אין כל־ערליי שפּראַכן, אַ הירזשען פֿון פֿערד, מיט דעם געקלאַנג פֿון גלעקלעך און קייטן. נאָר צוזאַמען מיט דעם טומל האָט דאָ געהערשט אַן אויסטערלישע שטילע שפּאַנונג צווישן די באַזונדערע גרופּן שקלאַפֿן. ווי דאָרט, אַ ביסל ווייטער, האָבן סירישע סוחרים געריימט זייערע געוועַנדער, זעלטענע געווירצן און שמעקעדיקע זאַלבן פֿון יענער זייט ים, אַזוי האָבן דאָ אַראַבישע שקלאַפֿן־סוחרים געריימט די שטאַרקע גלידער פֿון זייערע מענער־שקלאַפֿן און די גליקזעליקייטן, וואָס זענען פֿאַרבאָרגן אין די אויסגעאײַלטע גופֿים פֿון זייערע שקלאַפֿינס — צו פֿאַרקויפֿן און באַלד צו ליפֿערן. דאָרט האָבן די סירישע סוחרים געפּאָכעט מיט די פֿאַרביקע שטאָפֿן און געוואָרן, אַז אין זיי קליידן זיך קעניגינס און פּרינצעסינס, און דאָ האָבן שקלאַפֿן־הענדלער אָפּגעדעקט די לייבער פֿון יונגע שקלאַפֿינס און גע־

רופן, אַז זיי זענען געפאַנגענע קעניגינס און פּרינצעסינס, פריש געבראַכט פון ווייטע לענדער מעבר לים.

אַזוי האָט דער טומל און רעש זיך געטראָגן איבער טראַסטעווערע, פון דעם פּאָרט, איבער די מערק און ענגע געסלעך, און פאַרבונדן דעם המון אין אַן איינהייטלעכן ריטם פון פאַרשטאַנען ווערן אָן צו רעדן, און פון רעדן אָן פאַר־שטאַנען צו ווערן. וואָרום דער המון פון סוחרים, שיפסלייט, בעל־מלאכהס און וואַנדערער און באַפרייטע זעלנער, איז געווען אַ געמיש פון אַלע פעלקערייען פון דער ריזיקער רוימישער אימפּעריע.

אָבער דאָס מאָל האָבן אויף די מערק געפעלט די יידישע סוחרים און קרעמער און בעל־מלאכהס. אפילו די יידישע שיפסלייט, וואָס זענען מיט אַ טאָג פריער אָנגעקומען אַהער פון אַלעקסאַנדריע מיט לאַדונגען פון סחורות, האָבן די סחורות נישט אויסגעלאָדן און ערגעץ־ווו נעלם געוואָרן.

מיט אַ טאָג פריער, בעת די אָוונט־תפילות אין די סינאַגאָגעס און פּראָסאָי־כעס, האָבן די אַרכאָנטן־גבאים געלאָזט וויסן פון די בעלעמערס, אַז אַלע יידן, וואָס געפינען זיך דעם טאָג אין רוים, דאַרפן אויף צו מאָרגנס, גלייך נאָך שחרית, צוזאַמענקלייבן זיך אין דער נייער ירושלימער סינאַגאָגע, וואָס אויף צפון פון דעם שטאָט־פערטל טראַסטעווערע. און עס ליגט דער חוב אויף יעדן איינציקן יידן דאָס זעלבע צו לאָזן וויסן אַ צווייטן ייד, סיי אַזעלכן, וואָס לעבט אין רוים, און סיי אַזעלכן, וואָס איז אַ צוגערייזטער.

באַלד באַגינען האָבן אַלע יידן פון רוים אָנגעהויבן שטראָמען צו דער ירושלימער סינאַגאָגע: סוחרים און קרעמער, שמידן און גאַרבער, פאַרבער און וועבער, שיפסלייט און וואַנדערער, באַפרייטע יידישע געפאַנגענע און אויסגעלייזטע יידישע שקלאַפן. אפילו יינגלעך, וואָס זייערע פּנימער זענען נאָך גלאַטע ווי ביי מיידלעך, האָבן זיך געפעדערט מיט זייערע טאַטעס און געאיילט צו דער אסיפה.

אַ שווערער טרויער איז דעמאָלט געלעגן אויף די יידן אין רוים. זייער געמיט איז געווען געבראָכן און אַן אומעט האָט זיך פאַרקליבן אין זייערע אויגן. זייט ס'איז קיין רוים דערגאַנגען די בשורה, אַז די רוימער האָבן חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, אים באַרויבט און פאַרברענט, זענען די יידן אַרומגעגאַנגען ווי אבלים. זיי האָבן ווייטער געהאַנדלט, ווייטער געוועבט און געגאַרבט און געשמידט, אָפּגעריכט זייערע יום־טובים און געפּראַוועט זייערע שבתים, אָבער גאָרנישט האָט באַקומען. אפילו דאָס קליינבן געלט פאַר יהודה, וואָס פריער פלעגט עס אויספילן דאָס קהלהשע לעבן, האָט איצט פאַרלוירן יעדן זין.

ביז איצט איז דאָס לעבן פון יידן אין רוים געווען רואיק. זיי האָבן זיך געהאַט איינגעלעבט מיט זייערע געצנדינערישע שכנים, הגם די שכנים האָבן נישט פאַרשטאַנען די אויסטערלישע מנהגים פון די גלויביקע אין איין גאָט, און די יידן האָבן רחמנות געהאַט אויף די געצנדינער ווי אויף געשלאָגענע מיט בלינדקייט. און אויך איצט האָבן די שכנים גאָרנישט געהאַט צו די יידן, אָבער דער חורבן פון בית־המקדש האָט די יידן אָנגעפילט מיט פחד פון זיך אַליין. אויב גאָט האָט

צוגעזען דעם חורבן פון זיין הייליקייט און געשוויגן, צי וועט ער, חלילה, אויך אַוועקנעמען זיין השגחה פון איבער זיינע קינדער אין גלות? צי וועלן די רוימער נישט שעכטן די יידן אין טראַסטעווערע, ווי זיי האָבן זיי געשאָכטן אין ירושלים? אָ, גאָט! פאַרוואָס פרוווסטו דיין פאָלק, דאָס איינציקע פאָלק, וואָס קלאַמערט זיך אין דיר, בעת אַנדערע ווילן דיך אפילו נישט קענען און ווילן דיינע געבאָטן נישט לערנען?

פלעגן די יידן זיך פריער פעדערן אין די סינאַגאָגעס און פראָסאָיכעס, כדי נאָך די תפילות אויסצוהערן די צוגערייזטע יידישע סוחרים און שיפסלייט פון יענער זייט ים, ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס די רוימער האָבן חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש און ירושלים. און וואָס מער זיי האָבן געהערט וועגן דעם חורבן, אַלץ מער איינזאַם זענען זיי געוואָרן.

בעת אַלע יידן זענען אין יענעם באַגינען געווען פאַרזאַמלט אין דער ירושלימער סינאַגאָגע און אין הויף, וואָרום נישט אַלע האָבן געקאָנט אַריין אינעווייניק, זענען פון אַ זייטיקער טיר אַריינגעקומען דער גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס אין דער באַגלייטונג פון די אַרכאָנטן. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם געפּאַקטן עולם, אַרויף אויפן בעלעמער, וואָס אין צענטער פון דער סינאַגאָגע, אַרומגעקוקט זיך איבער די קעפּ פון דער עדה און אָנגעהויבן אין אַ געדיכטער שטילקייט:

ברידער פון אַלע גערוסיעס אין רוים, ברידער צוגערייזטע פון אַנדערע לענדער, הייליקע עדה יידן! איר ווייסט, ווי שווער גאָט האָט אונדז געשטראָפט, ווי ער האָט צעבראָכן אונדזערע הערצער, ווי ער האָט אונדזער פאָלקס־כבוד אויסגעשמירט אין שטויב און אין בלאָטע. ווען ער האָט אונדז געפּרוווט מיט דער שווערד, האָבן מיר נאָך געהאַט אַ האָפענונג אויף נחמה, אַז אונדזער פאָלק וועט זיך אָפּבויען; ווען ער האָט אונדז געפּרוווט אין אונדזער היים מיט האַס צווישן ברידער, מיט צעשפּליטערונג און צעברעקלונג, ווי מען צעשניידט און צעברעקלט אַ לעבעדיקן גוף, האָבן מיר נאָך אַלץ געהאַט אַ האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די יידן אין יהודה וועלן פאַרשטיין, אַז קיין שום פרעמדער איז נישט מסוגל צו צעשטערן אונדזער היים, ווי זיי אַליין זענען מסוגל דאָס צו טאָן. איצט, נאָך דעם חורבן, מעגן מיר אייך שוין זאָגן, אַז מיר האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט שיקן קיין יהודה דעם קאָפּ־שטייער פאַרן בית־המקדש, מיר האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט שיקן געלט אויף אויסצוהאַלטן די אָרעמע דאָרט, אויף צו שפּייזן אונדזערע ברידער, וואָס ליידן פון טריקעניש אָדער פאַרפּלייצונג. מיר, די גערוסיאַרכן פון רוים, ווי דער עטנאַרך פון אַלעקסאַנדריע, ווי אויך די איידעלע אָנפירער פון די צוויי יידישע קהילות אין בבל, נהרדעא און נציבין, ווי אויך די צוויי יידישע פּרינצן פון דער פרייער יידישער רעפּובליק ביים פּרת, חסינאי און חניאלי, איידער זיי האָבן זיך צעקריגט, האָבן געמאָנט ביי די פּאַרטייען אין יהודה זיי זאָלן אָפּשטעלן דעם אייביקן קאַמף צווישן זיך, וואָרום דער פרעמדער שונא קוקט זיך צו, ווען יהודה וועט שוין זיין רעכט פאַרוווּנדעט פון יידישע הענט, זיי

זאָלן קומען און דערשלאָגן אונדזער הייליק לאַנד ביז צום סוף. עס האָבן אָבער נישט געהאָלפן די תחנונים: אונדזערע ברידער האָבן גערן אָנגענומען אונדזער געלט־הילף, אָבער נישט געהערט אונדזערע ווערטער און מיט זייער איבערלעכער צעריסנקייט האָבן זיי אָפּגעשוואַכט די כוחות פון פאָלק אויף אַזוי פיל, אַז דער אויסערלעכער שונא האָט אונדז דערשלאָגן ביז צום סוף — חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, און ירושלים איז אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד. זענען מיר געוואָרן אבלים. שווער האָט אונדז גאָט געפּרווט. קיין שום פאָלק פון אַלע פעלקער האָט ער אַזוי נישט געפּרווט, אַז נאָר צוליב דעם, וואָס מיר האָבן געשלאָסן מיט אים אַן אייביקן בונד און קיין אַנדער גאָט אויסער אים איז נישטאָ, איז אונדז נאָך געבליבן אַ לעצטע האָפענונג, אַז ער וועט אונדז נישט פאַרלענדן ביזן סוף. דאָך גייט ער אונדז איצט פּרווון מיט אַ פּרווו, וואָס איז איבער אונדזערע כוחות.

„מיט הונדערט און דרייסיק יאָר צוריק איז דאָ, אין רוים, געפּייערט געוואָרן דער ערשטער נצחון איבער יהודה, ווען פּאָמפּייאוס האָט אין זיין טריאומף־צוג געפירט, ווי אַ געפאַנגענעם, דעם מלך פון די חשמונאים, אַריסטובול. ווי מיט הונדערט און דרייסיק יאָר צוריק, וועט זיך איצט איבערחזרן אויף די וויאַס פון אויבערשטן רוים עפּעס, וואָס איז נאָך ערגער, נאָך אבלדיקער, נאָך דערדריקנדיקער.

„ווי דער גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע, בין איך נעכטן אַרויס־גערופן געוואָרן פון דער רוימישער מאַכט און עס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן דער באַפעל פון דעם אימפּעראַטאָר, אַז... — אַרטאַפּאַנוס איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן, פאַרריסן דעם קאָפּ גאָר הויך, אַז קיינער פון די פאַרזאַמלטע זאָל זיינע אויגן נישט זען, און ווען ער האָט באַהערשט זיינע טרערן, האָט ער געזאָגט מיט אַ געבראָכן קול: — אין רוים ווערט צוגעגרייט אויפצונעמען דעם טריאומף־צוג פאַר דעם באַזיגער פון ירושלים, דעם פעלדמאַרשאַל טיטוס, דעם אימפּעראַטאָר און זיין צווייטן זון, דאָמיציאַן. און דער באַפעל איז, אַז אַלע גערוסיאַרכן פון די סינאַגאָגעס זאָלן מקבל־פּנים זיין די זיגער. וואָס שייך מיר, וואָלט איך ליבערשט אַוועקגעגעבן מיין נשמה צום באַשעפער פון דער וועלט. נאָר אויב עס איז זיין ווילן מיך צו דערנידעריקן, וועל איך, ווי אַ ייד, נישט מורד זיין אין אונדזער גאָט. אָבער, ברידער מיינע, נישט וועגן דעם האָב איך אייך צונויפגערופן. נישט איך בין דער, וואָס וועט אייך צוזאַמענרופן אויף אָנצוזאָגן פינצטערע בשורות. וואָס מיך האָט באַוווּגן, איז דאָס, וואָס פון קיסריה ווערן געבראַכט מיט שיפן זיבן הונדערט געקליבענע העלדן, וועלכע זענען געפאַנגען געוואָרן אין דער מלחמה פאַרן בית־המקדש און ירושלים. דאָס זענען זיבן הונדערט אויסדערוויילטע, פון די געזונטסטע און שטאַרקסטע פון צווישן אונדזערע ברידער, און צווישן זיי — צוויי גבורים, וואָס יידן וועלן זיי געדענקען ביזן סוף פון אַלע דורות, וואָרום ביז צום לעצטן שטיין האָבן זיי געקעמפט. דאָס זענען שמעון בר־גיורא פון צפורי און יוחנן פון גוש־חלב. לויט דעם מנהג פון רוים דאַרפן די צוויי העלדן געקעפּט ווערן גלייך נאָך דעם טריאומף־צוג, און די זיבן הונדערט געפאַנגענע וועלן פאַרקויפט ווערן אויף די מערק ווי שקלאַפן. צי וועלן מיר זיך קאָנען צוקוקן צו דעם, ווי די

שטאַרקסטע און קרעפטיקסטע פון אונדזערע העלדן וועלן פאַרקויפט ווערן, ווי שקלאַפן, צו געצנדינער? צי וועלן מיר, וואָס זענען געווען ווייט, ווען ירושלים האָט גערופן צו די הימלען נאָך הילף, קאָנען דאָס איבערלעבן?

„געדענקט, ברידער, מיט הונדערט און דרייסיק יאָר צוריק, בעת פּאָמפּייאוס האָט געבראַכט קיין רוים דעם יידישן מלך אַריסטובול, זיין זון אַנטיגונוס, וואָס איז שפּעטער געווען דער לעצטער מלך פון די חשמונאים, זיינע טעכטער און הונדערטער געפאַנגענע, זענען אין רוים געווען ווייניק יידן. דאָך, מיט די כוחות פון יענעם הייפל יידן, מער ווי צוליב אַנדערע סיבות, זענען הונדערטער געפאַנגענע באַפרייט געוואָרן. איר, רוימישע יידן, אין אייער מערהייט, זענען די אוראייניקלעך פון יענע יידן. איצט זענען מיר אַ גרויסע און רייכע עדה אין רוים — צי וועלן מיר האַנדלען אַנדערש דאָס מאָל, ווי אַמאָל? אויב יאָ, וואָלט דאָס געהייסן פאַרגרעסערן דעם חורבן, וואָס איז אַזוי אויך ברייט און טיף ווי דער ים. דעריבער, ברידער יידן, דאַרף יעדער איינער פון אייך אָוועקגעבן דאָס לעצטע פון זיין פאַרמעג, כדי אויסצולייזן אונדזערע העלדן, אַז קיין איינער פון זיי זאָל נישט אומקומען און קיין איינער זאָל נישט פאַרקויפט ווערן אויפן שקלאַפן־מאַרק. און ווי איך האָב גערעדט צו אייך, אַזוי דאַרפט איר טאָן, און אין דעם זכות זאָל ווידער אויפגעבויט ווערן ירושלים און דער בית־המקדש."

נאָך איידער אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרענדיקט זיינע ווערטער, האָט זיך צווישן עולם אָנגעהויבן אַ באַוועגונג. יידן האָבן פון זייערע געלט־גאַרטלען אָנגעהויבן אַרויסנעמען זייערע געלט־זעקעלעך און זיי אויפגעהויבן אין דער הויך, איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע, ווער באַמבלענדיק זיי, ווי גלעקלעך, און ווער עס האָט זיי געהויבן אַרויף און אַראָפּ, כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם רעדנער. און ווען אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעהויבן אַ בראָנדזענעם בעקן, האָבן ווי אַ שווערער האָגל אָנגעהויבן פליען געלט־זעקעלעך און איינצלנע מטבעות. און אַז אַרטאַפּאַנוסן איז שווער געוואָרן צו האַלטן דעם בעקן מיט דער מאַסע געלט, זענען אויפן בעלעמער אַרויף עטלעכע יידן און געהאָלפן אים אונטערהאַלטן די טייערע מאַסע, וואָס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער און שווערער. ס'האָט קיין סוף נישט גענומען צו די באַשטייערונגען.

און באַלד האָבן זיך דערוווּסט די יידישע פרויען, צוליב וואָס עס איז גערופן געוואָרן די אסיפה, און פון אַלע יידישע געסלעך אין טראַסטעווערע האָבן מאַמעס, מיט זייערע קינדער אויף די הענט, אָנגעהויבן טראָגן צו דער ירושלימער סינאַגאָגע זייערע רינגלעך און האַלדזבענדער, זייערע אויערינגלעך און פּיסרינגען.

אַרטאַפּאַנוס האָט געהאַט טרערן אין די אויגן פון געררירטקייט. ער האָט געקענט די רוימישע יידן, ער האָט געוווּסט מיט וויפל ליבשאַפט זיי האָבן תמיד געגעבן געלט פאַר יהודה, אָבער איצט, נאָך איידער עס זענען פאַרקלונגען זיינע ווערטער, ליגט פאַר אים אַ באַרג גאָלד פאַר פּדיון שבויים. און ווי ער שטייט אַזוי אַ צעטרייסלטער, רייסט זיך אַדורך צו אים אַ ייד מיט אַ פּאָר סאַנדאַלן אין די הענט און ער זאָגט שטיל:

„גערוסיאַרך, איך בין אַליין אַן אַנטרונענער פון יהודה, פון צפורי שטאַם איך, איך פאַרמאָג גאָרנישט. איך וויל אָבער זיין מיט אַלע יידן גלייך. נעמט ביי מיר די סאַנדאַלן, די געפאַנגענע וועלן קומען באָרוועס."

אַרטאַפּאַנוס האָט דעם ייד אַריינגעקוקט אין די אויגן און געזאָגט:

„איך קויף ביי אייך די סאַנדאַלן. וויפל ווילט איר פאַר זיי?"

דער ייד האָט אים אָנגעקוקט אַ פאַרלוירענער און געמורמלט:

„איך שענק זיי."

„איך ווייס, אַז איר שענקט זיי, אָבער מיר דאַרפן האָבן געלט און איך וויל ביי אײַך קויפן די סאַנדאַלן און דאָס געלט געבן אין אייער נאָמען. וויפל האָבן געקאָסט אין צפורי אַ פּאָר סאַנדאַלן, אַ טאַלאַנט?"

„אָ, ניין, פאַר אַ טאַלאַנט האָט מען געקאָנט קויפן..." — האָט דער ייד געזאָגט.

„זאָגט מיר נישט! — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן — אַזעלכע סאַנדאַלן זענען פאַר מיר ווערט צוויי טאַלאַנטן. ווי הייסט איר?"

„בר־חנניה" — האָט דער ייד געזאָגט און אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגערופן הויך:

„בר־חנניה פון צפורי איז מנדב צוויי טאַלאַנטן פאַר פדיון שבויים!"

אַרטאַפּאַנוס האָט פון געלט־גאַרטל אַרויסגענומען אַ זעקעלע מיט מטבעות און עס אַרויפגעוואָרפן אויפן באַרג אין בעקן. דערנאָך האָט ער אויסגערופן, אַז די אַלע, וואָס האָבן זייער טייל שוין געגעבן, זאָלן צוריקקערן צו זייער אַרבעט און צו זייער מסחר און אין דער סינאַגאָגע זאָלן בלייבן בלויז די גערוסיאַרכן און אַרכאָנטן פון די באַזונדערע סינאַגאָגעס.

בעת אַלע זענען זיך צעגאַנגען, זענען פאַרמאַכט געוואָרן די טירן פון דער סינאַגאָגע און די גערוסיאַרכן און אַרכאָנטן האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ ברייטן קרייז. אויבנאָן האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אַרטאַפּאַנוס. מיט אַ פאַלע פון דער טאָגע האָט ער אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן און געזאָגט מער צו זיך ווי צו די אַרומיקע:

„די הויפּט־שוועריקייט וועט זיין מיט די צוויי גיבורים שמעון בר־גיורא און יוחנן. טיטוס וועט זיי וועלן ברענגען ווי קרבנות. אויב מען זאָל זיי נישט אומ־ברענגען אויפן פאָרום, וועט זיי דער קיסר פאַרפייניקן אויף דער אַרענע. עס וואָלט, נאַטירלעך, גוט געווען, מען זאָל אָפּוואַרטן די שיפן און ווי נאָר זיי וועלן צושלאָגן צום ברעג, זאָל מען די צוויי באַפרייען. ווער מען וואָלט מען געקאָנט אָנפאַרטרויען דאָס באַפרייען זיי פון דער שיף?"

„איך צווייפל, אויב דאָס וועט מעגלעך זיין — האָט זיך אָפּגערופן פּראָפּולוס, איינער פון די אַרכאָנטן פון דער אויגוסטעסיער סינאַגאָגע — זייט געפאַנגענע האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון די שיפן, ווי נאָר זיי דערנענטערן זיך צום ברעג, אָדער זיי שפּרינגען אין וואַסער, זענען די רוימער זיך נוהג צו שליסן אַלע געפאַנגענע אין קייטן."

„גאָלד שניידט קייטן" — האָט זיך עמעצער אָפּגערופן.

„נישט תמיד — האָט באַמערקט דער דערפאַרענער אַרטאַפּאַנוס — נאָך מער

דאַרף מען זיין געוואָרנט דערפאַר, וואָס אין דעם ענין שטעקט די האַנט פון דעם יידן־פיינטלעכן סענאַטאָר, דעם זון פון דעם רשע סעיאַנוס.״

„אָ, דעם קען איך גוט! — האָט אויסגערופן מנשה־ניקאָדעמוס, אַן אייביק־איינגעקויפטער רייכער אַרכאָנט פון דער פישער־סינאַגאָגע — פאַר געלט וואָלט ער פאַרקויפט די רוימישע אימפעריע און וואָלט זיך געקויפט אַן אייגענע אימפעריע.״

„דאָס איז ריכטיק — האָט צוגעגעבן אַרטאַפּאַנוס — מיט אים וועט מען קאָנען האַנדלען וועגן די געווינלעכע געפאַנגענע, אָבער נישט וועגן די צוויי העלדן, וואָס טיטוס האָט אויף זיי אַן אויג. זיי דאַרף מען לאָזן אַנטלויפן פון דער שיף אין פּאָרט, אָדער איידער נאָך די שיף וועט דערגיין צום פּאָרט, וואָרום טאָמער וועט מען זיי אַראָפּפירן פון דער שיף אונטער אַ וואַך, וועט שוין דעמאָלט זיין אוממעגלעך זיי צו באַפרייען.״

איינער נאָכן אַנדערן האָבן גערעדט די גערוסיאַרכן, און איינער האָט אָפּגעשלאָגן דעם צווייטנס עצה, ביז עס האָט זיך אָפּגערופן מנשה־ניקאָדעמוס:

„טאָמער וואָלט מען מיר מיט מיינע פישער געגעבן אַ פרייע האַנט צו האַנדלען לויט דעם מצב, וואָס וועט זיך מאַכן אין דער שעה, ווען די שיף וועט זיך דערנענטערן צום פּאָרט, איז מעגלעך, אַז מיר וואָלטן געקאָנט באַפרייען די צוויי גבורים. בתנאי אָבער, אַז זיי וועלן נישט זיין געשלאָסן אין קייטן, קענען מיינע פישער מאַכן, אַז די צוויי גבורים זאָלן נישט דערגיין צום טריאומף־צוג.״

„מיר קענען דיך ווי אַ דרייסטן מאַן — האָט זיך אָפּגערופן אַרטאַפּאַנוס — דאָך, צי קענסטו אונדז קלאָר זאָגן, וואָס דו האָסט אין זינען און ווי אַזוי דו האָסט בדעה דאָס צו מאַכן?״

„מיט מיין גאַנצן כבוד פאַר אַלע די, וואָס זענען דאָ פאַראַן, קאָן איך דאָס נישט זאָגן, ווי איך האָב בדעה דאָס צו מאַכן. איך בין, פונדעסטוועגן, גרייט פאַר דריי מענטשן פון די אָנוועזנדיקע קלאָר אַרויסצולייגן מיין פּלאַן״ — האָט מנשה־ניקאָדעמוס געזאָגט.

„האָסטו באַוואָרענישן, וועלכע דריי מענטשן?״ — האָט אַרטאַפּאַנוס ווייטער געפרעגט.

„ניין, איך האָב נישט וועלכע עס איז באַוואָרענישן; עס קאָנען זיין דריי באַליביקע פון די פאַרזאַמלטע״ — האָט ניקאָדעמוס געענטפערט.

ניקאָדעמוס איז געווען אַ פּשוטער, אומגעבילדעטער ייד, וואָס האָט זיך איינגעקויפט אין אייביקער אַרכאָנטשאַפט אין דער פישער־סינאַגאָגע. ער האָט געהאַט אַ סך פישער־שיפן אויפן מערבדיקן ברעג. און אָנגעשטעלט האָט ער נאָר אַזעלכע פיש־פאַנגער פון צווישן די געצנדינער, וואָס האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. ער אַליין איז געווען אַ ייד אַ גבר, פון אַטלעטישן געבוי און ער האָט מער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מעכטיקן רוימישן פּאַטריציער, איידער פון אַ ייד. די גריכן אין פּאָרט האָבן שטאַרק דרך־ארץ געהאַט פאַר אים, וואָרום ער האָט געקענט אויפהייבן עמעצן ביים האַלדז און אַראָפּלאָזן אים צוריק אויף דער ערד אַזוי, אַז

דער אומגליקלעכער זאָל אַ וואָך צייט נישט קענען שטיין אויף די פיס. איז אויף וויפל די לייט אין פּאָרט האָבן געהאַט פאַר אים דרך־ארץ, אויף אַזוי פיל האָבן אים זיינע אייגענע מענטשן פאַרערט און גרייט געווען פאַר אים צו געבן יעדן קרבן. די רוימישע באַאַמטע אין פּאָרט האָבן אים ליב געהאַט צוליב זיין ברייטער האַנט און זיי האָבן מער זיך איינגעהערט אין דעם קלאַנג פון ניקאָדעמוסעס מטבעות, איידער אין די געזעצן פון דעם אימפּעראַטאָר. און דווקא ווייל אַרטאַפּאַנוס האָט געקענט זיינע מעגלעכקייטן, האָט ער מורא געהאַט, אַז מיט זיינע גוטע כוונות זאָל ער נישט ברענגען קיין צרות אויף די רוימישע יידן, מיט זיינע פּלענער וועגן די צוויי גבורים פון יהודה. ער האָט דעריבער פאַרגעלייגט, אַז איידער מען קלייבט אויס דריי פאַרשטייער פון די סינאַגאָגעס אויסצוהערן די פּלענער פון ניקאָדעמוסן, וויל ער אַליין הערן וועגן דעם. און זאָל ניקאָדעמוס זיך מטריח זיין צו אים אַהיים.

קאַפּיטל דריי

נאָך איידער עס האָט זיך געענדיקט די באַראַטונג פון די סינאַגאָגע־פאָר־שטייער, האָט מען אַרטאַפּאַנוסן אָנגעמאָלדן וועגן אַ שליח פון יהודה. דער שליח קומט פון יבנה און ער בעט דער גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע זאָל אים איילּיק אויפנעמען.

אַרטאַפּאַנוס איז געווען דערשעפט: די דרשה פאַר דעם עולם און די באַראַטונג מיט די סינאַגאָגע־פאָרשטייער האָבן אים געהאַלטן אין שפּאַנונג, און איצט האָט די שפּאַנונג נאָכגעלאָזט און ער האָט זיך געפילט ווי נאָך אַ שווערער פיזישער לייסטונג. און ער ווייסט: די שליחים, די בשורה־ברענגער און שילדערער פון יהודה — קיין פונק פון האָפענונג ברענגען זיי נישט מיט זיך. יאָרן נאָך יאָרן קומען זיי צו אים, און עס קומען יידישע סוחרים און שיפסלייט פון יענער זייט ים. יעדער וואַרפט צו זיין זעקל ביטערניש, ווי ער, אַרטאַפּאַנוס, וואָלט אין רוים געשפּייכלערט יידישע ליידן און צער.

זייט די הונדערט און דרייסיק יאָר, ווי ער לעבט אין רוים, האָט ער קיין מינוט פון שלווה נישט געהאַט, אפילו אין שמחות.

ווי ווייט ער גרייכט מיט זיין זכרון צו יענע טעג, ווען ער איז צוזאַמען מיט דעם מלך אַריסטובול און זיין זון אַנטיגאָנוס געזעסן אַ געפאַנגענער אין דער תפיסה נישט ווייט פון דעם טעמפּל פון דעם קאַפּיטאָלישן יופּיטער — זעט ער נישט קיין איין ליכטיקן טאָג אין זיין לעבן. דעמאָלט האָט ער נאָך געטרוימט וועגן אַ נס און אַז דער נס וועט קומען דורך קלאַודיאַן, דער טאָכטער פון פּאָמפּייאוס. ער האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז זייער באַגעגעניש אַנומלט אין דמשק און די פּלאָמיקע ליבשאַפט צווישן זיי זאָלן זיין נישט מער ווי אַ צופאַל, אַ מאָמענטאַנער קאַפּריז פון דעם גורל פון אַ מענטש. בעת דער באַגעגעניש דעמאָלט אין דמשק האָבן דאָך ביידע געפילט, אַז די צעשיידונג איז ווי אַ מעסער, וואָס צעשניידט אויף צווייען אַ לעבעדיקן גוף. איין העלפט פון דעם צעשניטענעם גוף איז געפאַנגען דורך פּאָמפּייאוסן און ער איז פאַרשפּאַרט אין אַ דומפּיקן תפיסה־קעלער; דער צווייטער טייל פון צעשניטענעם גוף איז אין הויז פון פּאָמפּייאוסן. ביידע זענען אַזוי נאָענט צו זיך, בלויז איין וויאַ טיילט זיי אָפּ, און אפשר נאָך ווייניקער. וואָרום זי, קלאַודיאַ, איז דאָך פריי. מסתמא גייט זי אָפט פאַרביי דער תפיסה און מסתמא וועט זי נישט רוען ביז איר צווייטער האַלבער

גוף וועט נישט זיין פריי און מיט איר. אָ, וויפל ליידן גייט דורך די אָרעמע קלאַודיאַ, װיפל שלאָפלאָזע נעכט האָט זי. און אַוודאי בייגט זי צו הימל דעם צו דער ערד פאַר זיין באַפרייאונג.

האָבן נעכט אָפגעוועקסלט טעג. פינצטערניש האָט אָפגעוועקסלט דעם צייכן פון ליכט אין תפיסה־קאַמער. וואָכן און חדשים זענען געקומען און אַוועק, און זי האָט קיין סימן פון זיך נישט געגעבן. אָפט פלעגט ער זיך איינהערן אין דער שטילקייט פון די נעכט, אין דעם לייכטן זשומען פון די באַגינענס, און געזוכט צו הערן אירע טריט. ער וואָלט אירע טריט דערפילט דורך די דיקע מויערן. ער וואָלט זיי אפילו געהערט אין קבר, ווען ער זאָל זיין טויט און זי זאָל פאַרבייגיין. אָבער ער האָט נישט געהערט. ביז אין איינעם אַ טאָג זענען זיי באַפרייט געוואָרן — אַרטאַפּאַנוס, דער מלך אַריסטובול און זיין זון אַנטיגאָנוס.

אַרטאַפּאַנוס האָט די באַפרייאונג אויפגענומען ווי תחיית המתים. וואָרום לויט דעם מנהג פון די רוימער, ווי זיי באַגייען זיך מיט געפאַנגענע, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער באַשולדיקונג פון פאַררעט, האָט אַריסטובול געדאַרפט געקעפּט ווערן, און די איבעריקע — אַרטאַפּאַנוס און אַנטיגאָנוס — וואָלטן זיכער פאַרקויפט געוואָרן ווי שקלאַפן. און אויב אַזוי איז נישט געשען, האָט זיך מסתמא דערפאַר באַמיט קלאַודיאַ, זיין קלאַודיאַ!

שוין אין דעם ערשטן טאָג פון באַפרייאונג האָט אַריסטובול זיך אָנגעהויבן גרייטן צו אַנטלויפן פון רוים צוריק קיין יהודה. ער האָט געהאַט זיינע צוויי זין צוהילף: אַלעקסאַנדער, וואָס איז פריער אַנטלאָפן פון וועג און געלאָזט פילן זיין חשמונאיש בלוט. וועט ער איצט קומען מיט דעם צווייטן, דעם ריטערלעכן אַנטיגאָנוסן, און ער וועט פאַרטרייבן די רוימער פון יהודה... אָבער מיט אים דאַרף אויך זיין אַרטאַפּאַנוס. ער מוז אַנטלויפן צוזאַמען מיט אים!

אַרטאַפּאַנוס האָט אָפּגעזאָגט:

„וווהין לויפן? צוריק קיין יהודה? אין אונדזער לאַנד, וואָס איז פאַרדרענגט אונטער דעם אדומער אַנטיפּאַטער און דעם רוימער סקאַורוס? אין אונדזער לאַנד, וואָס איז צעפרעסן פון קעגנזייטיקער שנאה פון פיר יידישע קנאישע פאַרטייען. און פון דער שנאה פון די גריכן אין עבר־הירדן און אין די ברעג־שטעט?"

אַריסטובול האָט געוווסט, אַז עפּעס אַנדערש האַלט אָפּ אַרטאַפּאַנוסן, ער זאָל צוזאַמען מיט אים אַנטלויפן פון רוים. בעת די חדשים אין תפיסה האָט ער געזען און נאָך מער געפילט, ווי אַרטאַפּאַנוס ווערט אויפגעגעסן פון בענקשאַפט צו קלאַודיאַן. ער האָט געהערט נישט איין מאָל זיינע אויסרופן אין די שלאָף־קאָשמאַרן. האָט ער אָנגעהויבן שפּילן אויף דעם חשמונאישן בלוט, וואָס פליסט אין זיינע אָדערן:

„די רוימער טאָר מען נישט לאָזן פילן, אַז יהודה האָט קאַפּיטולירט פאַר זייער מאַכט. אַ פאָלק טאָר נישט קאַפּיטולירן פאַר זיין שונא, אפילו ווען ער איז מעכטיק. געדענק, אַרטאַפּאַנוס, יעדער שונא האָט אַ שוואַכע ריפּ; שלאָג אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט אָנטרעפן אויף דער שוואַכער ריפּ און ער וועט פאַלן אונטער דיין שווערד."

אַרטאַפּאַנוס האָט געפילט, אַז די ווערטער פון אַריסטובול האָבן אַ טעם. אָבער דווקא דערפאַר, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז די ווערטער זענען ריכטיקע, בעת ער האָט שוין געהאַט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער בלייבט אין רוים, האָט ער אַריסטובולן אַטאַקירט:

„דיינע ווערטער וואָלטן געווען ריכטיקע, ווען דו זאָלסט האָבן הינטער זיך אַ געאייניקט פאָלק. דו האָסט נישט קיין פאָלק. דו האָסט צעריסענע און פיינטלעכע שטיקער פון אַ פאָלק מיט אַ צעטומלט ערב־רב, וואָס לויפט איבער פון איין לאַגער צום צווייטן. די פּרושים, די קנאים און איסיים זענען קעגן דיר. און אַנטיפּאַטער איז דיין בלוט־שונא. וועסטו קעמפן מיט אַ הייפל קעגן דער רוימישער מאַכט?"

אַריסטובול איז געוואָרן אויפגעבראַכט און ער האָט צוריקגעענטפערט מיט אַן אַטאַקע:

„זאָג מיר ליבערשט, אַז דו זוכסט קלאַודיאַן. צוליב איר ווילסטו נישט אַוועק פון רוים, ווי דו האָסט אַנומלט נישט געוואָלט צוריקקערן פון דמשק. דו ווילסט נישט פאַרלירן די ליבשאַפט פון אַ פרוי און נאָר צוליב איר, דער טאָכטער פון פּאָמפּייאוסן, ביסטו מוותר אויפן קאַמף פאַר דיין היימלאַנד. ביסט אייגנליביק, אַרטאַפּאַנוס, איך דערקען דיך נישט!"

„ווען אפילו דאָס זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט, זע איך נאָך אַלץ אין דער ליבשאַפט צו אַ פרוי מער דערהויבנס, ווי אין דער ליידנשאַפט צו מאַכט — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט — מיינע נישט־פאַרגעגנגלעכע געפילן צו קלאַר־דיאַן רופסטו אַן אייגנליביקייט; צי איז דיין מאַכט־ליידנשאַפט נישט איי־גנליביק? צי ביסטו נישט גרייט צו ברענגען קרבנות פון אַנדערע פאַר דיין מאַכט? איך פאָדער נישט פאַר מיינע געפילן קרבנות פון אַנדערע, נאָר פון זיך אַליין! דו ווייסט עס געגנוי, אַזוי ווי איך, אַז וואָס שייך דעם פאָלק און לאַנד יהודה, איז איצט נישט די צייט אויפצוהייבן אַ קאַמף קעגן רוים. די מאַכט פון רוים איז איצט אין צעבליאונג. זי גייט איצט פון נצחון צו נצחון און אַלע אונטערייאָכטע פעלקער זענען נאָך פאַרטויבט פון די קלעפּ. וועט בלויז יהודה, וואָס איז אינערלעך צעריסן פון שנאה, איינציק און אַליין אויפשטיין קעגן רוים? צי איז דאָס נישט אַ שגעון? דו ווערסט געטריבן פון דיינע מאַכט־אַמביציעס, וואָס זענען אַזוי ווייטיקדיק פאַרוווּנדעט געוואָרן. און אַז דו וועסט אַוועק קיין יהודה און אויפהייבן אַ קאַמף קעגן די רוימער — ווער וועט צאָלן פאַר דער מפּלה, אויב דו וועסט ליידן אַ מפּלה? צי וועט נישט דאָס פאָלק צאָלן מיט בלוט פאַר דיינע מאַכט־אַמביציעס? טאָ וואָרף מיר נישט פאַר אייגנליבע דערפאַר, ווייל איך האָב ליב אַ פרוי און איך פאָדער נישט פון קיינעם קיין קרבנות, אויסער מיין אייגענעם קרבן!"

דאָך האָבן זיך ביידע מענער לסוף געזעגנט ווי פריינט און אַריסטובול האָט געזאָגט:

„דער מלך פון יהודה וועט דיך און קלאַודיאַן אויפנעמען אין זיין פּאַלאַץ אין דעם פרייען יהודה נאָך דעם זיג איבער די לעגיאָנען פון קלאַודיאָס פאָטער".

אַרטאַפּאַנוס האָט ליידנדיק געשמייכלט:
„איך וועל מתפּלל זיין, אַז דאָס זאָל געשען".

עס איז נישט געשען. אַרטאַפּאַנוס איז געבליבן עלנט און פאַרלאָזן אין רוים. ווי אַ באַפרייטער פון געפאַנגענשאַפט, און אַמביציעז, נישט אויסצושטרעקן די האַנט נאָך הילף פון די יידן אין טראַסטעווערע, האָט ער זיך אָנגעדונגען צו אַ פישער ביים ברעג פון טיבער. שווער און האַרט איז געווען זיין לעבן אונטער דער צעגליטער זון ביים פאַרריכטן די נעצן און אין די קאַלטע נעכט ביים פאַנג אין אָפענעם ים. די געזאַנגען פון די פישער אין די פאַרנאַכטן פלעגן אויפרייסן זיינע בענקשאַפטן, ווי עס ווערן אויפגעריסן קוים פאַרבלאַמטע ווונדן, און ער האָט געזוכט זיין ליבשאַפט אין די ראָזע הימלען פון זון־פאַרגיין און אין די גרויע וואַסערן נאָך זון־פאַרגאַנג. אין די פרייע טעג, ווען די געצצנדינער האָבן געפּראַוועט קאַרנאַוואַלן, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די אויבערשטע גאַסן פון רוים, געזוכט אין די פּאַרקן, אין די טעמפּלען, אין צירק, שעהן־לאַנג זיך אַרומגעדרייט אַרום פּאַלאַץ פון פּאָמפּייאוס — אפשר וועט ער דערזען קלאַר־דיאַן. ער האָט זי געזוכט אין די האָר און אין די אויגן פון יעדער יונגער פרוי.

ער האָט זיך אַליין גענאַרט, אַז אויב ער האָט זי היינט נישט געפונען, וועט ער זי געפינען אַ צווייט מאָל. ער דאַרף זי נאָר זוכן, וואָרום אויך זי זוכט אים. אין דעם איז ער זיכער געווען. זיי וועלן זיך באַגעגענען אַזוי פּלוצים, ווי פּלוצים און ניסימדיק זיי האָבן זיך אַנומלט באַגעגנט אין דמשק. וואָרום עס קען דאָך נישט זיין, אַז צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך געזוכט דורך דער אייביקייט און זיך ענדלעך געפונען, זאָלן זיך פאַרלירן פון איינאַנדער אין איין שטאָט...

איין זאַך האָט אָבער פאַרגעסן דער שטאָלצער אַרטאַפּאַנוס: ער האָט פאַר־געסן, אַז ווען ער איז געווען אין דמשק און באַגעגנט קלאַודיאַן, איז ער געווען דער שליח פון אַ מלך פון אַ פרייער מלוכה, אַ מאַן פון מאַכט און דער גאַסט פון פּאָמפּייאוסן. אָבער אויך דעמאָלט איז זייער ליבשאַפט געווען אָן אויסבאַהאַלטענע און זי האָט נישט געטאָרט אַנטפּלעקט ווערן פאַר דעם רוימישן פעלדמאַרשאַל, וואָס האָט בנוגע זיין טאָכטער געהאַט פּאָליטישע און שטאָלצע פּלענער.

דאָ, אין רוים, איז אַרטאַפּאַנוס פון די נידעריקסטע און געפאַלנסטע: ער איז געבראַכט געוואָרן ווי אַ געפאַנגענער און איז פאַראורטיילט געוואָרן צו בלייבן אין רוים ווי אַ באַפרייטער פון געפאַנגענשאַפט. און בלויז פונעם חסד פון סענאַט האָט ער אויסגעמיטן פאַרקויפט צו ווערן אויפן מאַרק ווי אַ שקלאַף. די אייביקייט, וואָס האָט זיי, קלאַודיאַן און אַרטאַפּאַנוסן, צונויפגעפירט אין דמשק, האָט זיי דעריבער צעטיילט אין רוים, צעטיילט אויף אייביק, ווי הימל איז אויף אייביק אָפּגעטיילט פון דער ערד.

קלאַודיאַ, די טאָכטער פון דעם טריומוויר, וואָס האָט געזען פאַר זיך דעם

תהום, וואָס צווישן איר און איר ליבשאַפט, האָט געקענט וואַרטן אויף דער באַ־פרייאונג פון אַרטאַפּאַנוס און צוזאַמען מיט אים דערטרונקען ווערן אין תהום, אָבער נישט אַריבערגיין דעם תהום. איז זי דעריבער נעלם געוואָרן פון רוים קורץ פאַר זיין באַפרייאונג, אַוועק איבער דעם תהום, אין וועלכן איר געליבטער האָט געלעבט.

דאָך איז אַרטאַפּאַנוסן באַשערט געווען אויסצוטרינקען דעם כוס פון צעשיי־דונג ביזן סוף, ביזן לעצטן טראָפּן. און געשען איז עס מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער מלך אַריסטובול איז צום צווייטן מאָל געבראַכט געוואָרן אַ געפאַנגענער און געשמידטער אין קייטן צוזאַמען מיט זיין זון אַנטיגאָנוס.

אין די פוסטריט פון זיין זון אַלעקסאַנדער, האָט זיך אַריסטובול פאַרפּלאָנ־טערט אין יהודה אין אויסזיכטלאָזע קאַמפן מיט די קאָהאָרטעס פון דעם סירישן פּראָקאָנסול גאַבינוס, וואָס האָט אים און זיין אַרמיי צעשמעטערט אַזוי, אַז דער רוימער האָט געהייסן אים אַראָפּנעמען פון פעלד און ראַטעווען פון די שווערע ווונדן, וואָס ער האָט באַקומען, כדי אויך דער פּראָקאָנסול זאָל קענען אַוועק־שיקן קיין רוים אַ געפאַנגענעם מלך...

אָבער דאָס מאָל איז אַריסטובול און זיין זון נישט געפירט געוואָרן אין אַ טריאומף־צוג, נאָר זיי זענען, געשמידטע אין שווערע קייטן, געטריבן גע־וואָרן פון פאָרט צו דער זעלבער תפיסה, ווו זיי זענען פריער געזעסן. אַ נייגעריקער ליידיקגייערישער פּלעבס איז זיי נאָכגעגאַנגען און געחוזקט פון זיי און נאָכגעמאַכט ווי זיי שלעפּן מיט זייערע מידע פיס די קייטן. אויך אַרטאַפּאַנוס איז זיי נאָכגעגאַנגען צוזאַמען מיטן פּלעבס. אָבער אין די געשרייען פון חוזק, פון המון, האָט ער אַריינגעוואָרפן דערמוטיקונגס־ווערטער פאַרן מלך. די זעלנער האָבן די געפאַנגענע געשטופּט פאָרויס און נישט געלאָזט זיי אַ וואָרט אויסרעדן. אַר־טאַפּאַנוס, וואָס האָט געוואָלט צוקומען נאָענט צו די געפאַנגענע, האָבן די זעלנער אַוועקגעטריבן מיט קללות און באַליידיקונגען. דער מלך האָט אויסגעזען אַלט און צעבראָכן — לעבעדיקע ביינער, געוויקלט אין שמאַטעס און געקאָוועט אין קייטן. און דער יונגער אַנטיגאָנוס האָט געהאַט אַ געשוואָלן פּנים און צעפּיבערטע אויגן, ווי ער וואָלט געווען קראַנק. ביז דעם טויער פון דער תפיסה האָט זיי אַרטאַפּאַנוס באַגלייט און פון זייערע פּנימער האָט ער זיך אָנגעפּילט מיט זייער צער און מיט דעם צער פון זיין היימלאַנד, וואָס איז אויך אַזוי געשמידט אין קייטן, ווי די געפאַנגענע.

פון דעם תפיסה־טויער האָט ער צוריקגעקערט, ווי מען קערט צוריק פון אַ לוויה — פאַרטעמפּט אין טרייסטלאָזן ווייטיק. אין זיין דמיון האָבן געשוועבט די פאַרנעפּלטע בילדער פון דער צייט, ווען ער איז אַליין געזעסן אין דער תפיסה אַ צעפּייניקטער פון בענקשאַפט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי ער איז אויף דער פריי, און זיין בליק איז געפאַלן אויף די פּלייצעס פון אַ פרוי, וואָס האָט געפירט ביי דער האַנט אַ קינד. זי איז געווען דערווייטערט פון אים אויף אַ צוואַנציק טריט. ער האָט איר פּנים נישט

געזען, ער האָט זי אַפילו נישט געאַנט, נאָר ער האָט זי דערפילט אין די אינ־געווייד און אַ שלוכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים:

„קלאַודיאַ!"

ער איז איר נאָכגעלאָפן און דערזען דעם טונקעלן פלאַם פון אירע האָר און דעם נאַקן אירן.

„קלאַודיאַ!" — האָט ער ווידער אויסגערופן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט זיך פאַרהאַלטן, דערווייטערט פון איר אויף אַ צוויי טריט. ער האָט נישט געוווסט, צי ער האָט זיך פאַרהאַלטן צוליב דער באַוועגונג, וואָס זי האָט געמאַכט מיט דער האַנט, ער זאָל זיך נישט דערנענטערן צו איר, אָדער צוליב דער שטילער פאַרצווייפלונג, וואָס ער האָט דערזען אין אירע אויגן. דאָס קינד, וואָס האָט זיך געקלאַמערט צו איר טוניק, האָט באַקומען גרויסע אויגן פון שרעק. אַזוי זענען זיי געשטאַנען אַנטקעגן זיך קלאַודיאַ און אַרטאַפּאַנוס, ווי זיי וואָלטן ביידע פאַרשטיינערט געוואָרן, און זיי קענען זיך נישט רירן פון די ערטער. און אַזוי פּלוצים איז עס געשען: איר פּנים האָט זיך אויסגעקרומט אין אַ ספּאַזם, אירע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט מיט פייכטקייט און איבער איר פּנים האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט טרערן. ער האָט זיך אַ ריס געטון פאָרויס און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אַ גלעט געטון איר פּנים און געפאַנגען אויף דעם ווייז־פינגער אַ טרער. ער האָט זיך אין דער טרער פאַרקוקט. ווען ער האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט זי זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט און מיט קראַנקע טריט זיך דערווייטערט, ציענדיק דאָס קינד נאָך זיך. אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער האָט בלויז אויסגעשטרעקט דעם פינגער מיט דער פייכטקייט פון איר טרער און איר נאָכגעקוקט, ווי זי מישט זיך אויס מיט די פאַרבייגייער אויף דער וויאַ, גייט אַוועק פון אים אויף אייביק, אין דער אייביקייט.

און אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרשיט נאָך איין קבר פון ליבשאַפט...

קאפיטל פיר

די זון האָט זיך שוין געהאַלטן ביים זעצן, ווי אַרטאַפּאַנוס איז צוזאַמען מיט זאָסימוס און דעם שליח פון יבנה אַהיימגעקומען פון דער שוויץ־באָד. אין הויז האָט געשמעקט דער שבת־קודש. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, אין אַ לאַנג ווייס־זיידענעם טוניק־קלייד, לייכט אַרומגענומען מיט אַ בלויען שאַרף, און מיט אַ טיכל פון דעם זעלבן בלויען שטאָף באַדעקט דעם קאָפּ — איז זי די מענער אַנטקעגנגעקומען מיט אַ שלווהדיקן שמייכל. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַזאַ ווייכע, צאַרטע שטילקייט, אַז אַפילו דער תמיד טומלענדיקער זאָסימוס האָט די מוטער באַגריסט שטיל און נאָך שטילער — דער גאַסט. אַרטאַפּאַנוס האָט איר אַ קוש געטון אין שטערן און אַ פליסטער־געטון, עס זאָל בלייבן צווישן אים און איר: „ווי שיין דו ביסט, מיין ווייב", און זי האָט זיך פאַררויטלט פון גליק.

די קליינע קאַקאַטיאַ, וואָס איז מיט רעש אַריינגעלאָפן פון אַ צווייטער קאַמער, איז שטיין געבליבן פאַרבליפט פון דער אויסטערלישער שטילקייט צווישן די דערוואַקסענע, און מיט די פינגערלעך אין מויל, האָט זי זיך פאַרקוקט אויף דעם פרעמדן גאַסט.

דער גאַסט זעט אויס אַזוי אַנדערש ווי דער טאַטע און זאָסימוס: ער האָט אַ לאַנגע באָרד, וואָס גרייכט אים ביז צום גאַרטל. פון אונטער זיינע דיקע ברעמען קוקן אַרויס צוויי שוואַרצע, גליאיקע אויגן. מיט זיין דיקן וואָלענעם מאַנטל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ דיקן פאַרביקן גאַרטל, דערמאַנט ער די אויס־טערלישע געשטאַלטן, וואָס דער טאַטע דערציילט וועגן זיי אין זיינע מעשהלעך וועגן דעם וויטן לאַנד יהודה.

דער פרעמדער מאַן האָט דערזען דאָס פאַרבליפטע קינד און אַ ליבלעכן געווינערישן שמייכל געטון צו איר.

„דער מאַן איז אונדזער גאַסט און ער וועט זיין מיט אונדז איבער שבת" — האָט פלאַוויאַ געזאָגט צום קינד, כדי צו שטילן איר נייגעריקייט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אייגעלעך.

„ווי הייסט דער גאַסט?" — האָט קאַקאַטיאַ געפרעגט.

דער מאַן האָט זיך איינגעבויגן צו קאַקאַטיאַן, איר אַ קניפּ געטאָן אין בעקל מיט צוויי וואַרעמע פינגער און געזאָגט:

„מיין נאָמען איז אפרים בן־אליעזר און איך קום פון ארץ־ישראל, פון וואַנען אַלע יידן קומען.״

די קליינע האָט מיט פאַרווונדערונג אַרויפגעקוקט צום פּאַטער. אַרטאַפּאַנוס האָט פאַרשטאַנען איר קלוגן בליק און איבערקוקנדיק זיך מיט פלאַוויאַן, האָט ער געזאָגט:

„אַלע יידן קומען פון ארץ־ישראל און אויך דיין זיידע האָט געהייסן אליעזר״.

כדי איבערצורייסן דעם שמועס האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ פאַרלייגט די הענט און זיך געווענדעט צום גאַסט:

„ווילט איר אַריינגיין צו זיך אין קאַמער זיך צוצוגרייטן גיין אין דער סי־נאַגאָגע?״

„איך דאַנק אייך, איך וועל דאָס גערן טון״ — האָט אפרים בן־אליעזר געענט־פערט, און אַרטאַפּאַנוס האָט אים געוויזן דעם וועג פאַר־זיך און אים באַגלייט.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אָנגענומען קאַקאָטיאַן ביי דער האַנט און אַוועק מיט איר אין עס־זאַל.

דער גרויסער מאַרמאָרענער טיש איז געווען געגרייט צום אָוונט־עסן. ביים ראַנד פון טיש איז געשטאַנען די שלאַנקע זילבערנע מנורה. בעת פלאַוויאַ האָט פון אַ זילבערנעם קריגל אַריינגעגאָסן אייל אין די אייל־נעסטן פון דער מנורה, האָט די קליינע אויסגערופן:

„דאָס מאָל, מאַמאַ, וועל איך אַריינברענגען פייער״.

„דו ווערסט זיך אָפּבריען, קאַקאָטיאַ״ — האָט איר פלאַוויאַ געוואָרנט.

„איך בין שוין עלטער און איך וועל זיך מער נישט אָפּבריען. פאַרוואָס זאָל סאַבינאַ דאָס תמיד מאַכן?״ — האָט די קליינע געפּרעגט מיט פאַרוואורף.

„גוט, — איז פלאַוויאַ מסכים געווען, — לכבוד דעם גאַסט פון ארץ־ישראל וועסטו דאָס מאָל אַריינברענגען פייער״. דאָס קינד איז אַוועקגעלאָפן און גע־בראַכט אַ קענדל מיט צעגליטע קוילן און אַ קינדל. נאָך איר נאָכגעגאַנגען אַ דינערין, וואָס גלייך ווי פלאַוויאַ האָט מיט דעם קינדל אָנגעצונדן די קנייטלעך אין דער מנורה, האָט זי צוגענומען דאָס קוילן־קענדל, אָנגעצונדן די אייל־לאָמפּן אויף די אַרומיקע ווענט און נעלם געוואָרן. פלאַוויאַ האָט דאָס טיכל אַראָפּגע־רוקט נידעריקער אויפן שטערן, מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים און געבענטשט די ליכט מיט אַ שטיל קול. קאַקאָטיאַ האָט געקוקט אויף די צאַרטע הענט פון איר מוטער, וואָס האָבן זיך געגאָלדעט אין דעם רויטלעכן ליכט פון די פלעמלעך, און זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך די שטילע תפילה:

„גאָט פון ישראל, זאָלן דיינע מלאכים אויסשפרייטן זייערע פליגל איבער מיין הויז און שיצן מיין געזינד פון יעדן בייז און שלעכטס. באַשירעם מיינע קינדער, מיין מאַן און מיך פון שלאַפקייטן און צער. איך דאַנק דיר פון מיין טיפן האַרץ פאַר דעם חסד, וואָס דו טוסט מיט אונדז, און שיק, אַ גאָט, דיין אויסלייזונג פאַר דער וועלט, פאַר דעם לויב פון דיין גרויסקייט. אמן״.

„אמן" — האָט קאָקאָטיאַ נאָכגעזאָגט און די מוטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַ קוש געטון איר קינד.

דער שבת האָט זיך צעשפּילט מיט זיין גליקזעליקייט, ווען די מענער זענען צוריקגעקומען פון דער סינאַגאָגע און מיט זייערע ווייסע שבתדיקע קיטלען נאָך מער ליכטיק געמאַכט אין עס־זאַל. די זילבערנע בעכערס און בעקנס אויפן טיש האָבן אָפּגעפינקלט די ליכטער פון די אייל־לאָמפּן און פון דער מנורה. דער אורח, אפרים בן־אליעזר, איז אַוועקגעזעצט געוואָרן אַנטקעגן אַרטאַפּאַנוסן, ווו תמיד זיצט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. זי האָט זיך געזעצט אַ צעשטראַלטע נעבן איר מאַן, פון דער רעכטער זייט. סאַבינאַ און קאָקאָטיאַ האָבן נישט אַראָפּגענומען זייערע בליקן פון דעם פרעמדן מאַן, וואָס האָט איצט, אין דעם ווייסן קיטל מיט דער לאַנגער באָרד נאָך מער אויסגעזען ווי פון אַן אַנדער וועלט. אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגעגאָסן ווין אין די בעכערס און אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט אין אַ פייער־לעכער רגע פון שווייגן. דערנאָך האָבן פאָטער און זון גענומען די פולע בעכערס אין די הענט און אויסגעזונגען דעם קידוש איבערן ווין, בעת דער גאַסט האָט געהאַלטן זיין בעכער מיטביידע הענט און שטיל געמאַכט קידוש אין זיין אייגענעם נוסח.

ביים צוריקזעצן זיך האָט אפרים בן־אליעזר נישט געקענט אָפּהאַלטן זיך פון פרעגן:

„פון וואַנען קען אייער זון מאַכן אַזאַ שיינעם קידוש, אין רוים?"

אַרטאַפּאַנוס האָט מיט לייטזעליקייט אַ קוק געטון אויף זיין זון און געזאָגט:

„נאָר זיין אויסערלעכקייט איז פון אַ רוימער, אָבער זאָסימוס איז מ י י ן זון און די תורה קען אַ ייד לערנען אויך אין רוים".

„אין אַ פרעמדער וועלט? אין אַ וועלט פון געצנדינער?" — האָט זיך דער גאַסט געוווּנדערט.

„אויך די וועלט פון געצנדינער האָט אונדזער גאָט באַשאַפן. ארץ־ישראל איז אונדזער היים. דאָס איז ריכטיק. אָבער די גאַנצע וועלט איז פאַר אונדז נישט קיין פרעמדע און מיר האָבן מער רעכט צו איר ווי עס האָבן די, וואָס גלייבן נישט אין דעם באַשעפער אין הימל!" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט.

אויף דעם פאָטערס ווערטער האָט זיך זאָסימוס צעגליט:

„רבי יונתן האָט אונדז געלערנט, אַז ווען גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען, נאָך דעם ווי לוט איז אַוועק צו דער ירדן־געגנט, ,אויב נאָר אויף דיינע אויגן פון דעם פלאַץ ווו דו שטייסט און קוק אויף צפון, דרום, מזרח און מערב, וואָרום דאָס גאַנצע לאַנד וואָס דו זעסט וועל איך אויף אייביק געבן צו דיר און דיין נאָכקום‘, האָט ער נישט געמיינט ארץ — לאַנד, נאָר ער האָט געמיינט ארץ — ערד, וועלט, די גאַנצע וועלט וועט גאָט געבן צו יידן. וואָרום פאַר וועמען האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, אויב נישט פאַר די וואָס גלויבן אין אים? און ווער נאָך גלויבט אין דעם באַשעפער פון דער וועלט אויסער יידן? די געצנדינער לייקענען אין דעם אַלמעכטיקן, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, און זיי האָבן פאַר

זיך געמאַכט געטער פון ליים און מאַרמאָר אויף צו דערצערענען גאָט אין הימל. איז די גאַנצע וועלט פאַר די ייִדן, פאַר די וואָס נעמען אָן זיין תורה און זיינע געזעצן! און וואָס שייך געצנדינער, האָט גאָט געזאָגט צו נחן: ,דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד, וואָס איך האָב אויפגעשטעלט צווישן מיר און אַלדאָס שטערבלעכע אויף דער ערד, און דאָ האָט גאָט דייטלעך געזאָגט, אַז דורך א ר ץ מיינט ער וועלט".

פלאַוויאַ און אַרטאַפּאַנוס זענען געווען צעשטראַלט פון נחת פון זייער זון, און אפרים בן־אליעזר איז געוואָרן צעטרייסלט פון באַוווּנדערונג. ער האָט געפרעגט:

„ווער איז עס רבי יונתן? צי איז עס נישט אַ נס פון הימל, צו הערן אין רוים אַזאַ תורה?"

„יונתן איז אַ סופר פון בבל — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט — און מיין זון, דאַרפט איר וויסן, האָט געלערנט די קונסט פון רעדן און ער קלויבט זיך ווערן אַ סניגור".

„צי מיינסטו, פאָטער, אַז דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז בלויז פון דער שיינקייט פון רעדן?" — האָט זאָסימוס געפרעגט מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך געפילט געטראָפן.

„אָ, ניין, באַשירעם מיך גאָט — האָט אַרטאַפּאַנוס געטון אַ דריי מיטן קאָפּ — אויך איך גלייב אין דעם, אַז די גאַנצע וועלט געהער צו די, וואָס גלייבן אין גאָט און האַלטן זיינע געזעצן, במילא וועלן אַלע זיין ייִדן, אומעטום, אומעטום!"

סאַבינאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך פאַררויטלט און געפרעגט נישט דרייסט, צוליב דעם גאַסט ביים טיש:

„די קריסטן באַקענען זיך צום זעלבן גאָט וואָס מיר, צי זענען זיי דערמיט ייִדן?"

אפרים בן־אליעזר האָט אַ ציטער געטון און אַריינגעקוקט אין די אויגן פון אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט געענטפערט זיין טאָכטער:

„אויך אַ סך רוימער גלייבן נישט מער אין דער נאַרישקייט פון געצנדינעריי און באַקענען זיך צום איינציקן גאָט אין הימל. דערמיט ווערן זיי נישט ייִדן. אַ ייִד איז דער, וואָס צוזאַמען מיטן באַקענען זיך צו גאָט נעמט ער אויך אָן זיין תורה און זיינע געזעצן. און די קריסטן אָנערקענען נישט די תורה פון גאָט און אויך נישט זיינע געזעצן. זיי האַלטן נישט פון שבת און זיי פאַרשניידן נישט קיין בונד מיט גאָט, ווי דאָס טוען ייִדן. אַמאָל איז געבראַכט געוואָרן קיין רוים דער לערער פון די קריסטן. זיין נאָמען איז געווען... — אַרטאַפּאַנוס האָט אַ קוועטש געטון זיין שטערן אויף צו דערמאָנען זיך און ער האָט געזאָגט: — יאָ, זיין נאָמען איז געווען פּאַולוס..."

„נישט שאול התרסי?" — האָט אפרים בן־אליעזר געפרעגט.

„יאָ, ריכטיק, דאָס איז דער זעלבער — האָט אַרטאַפּאַנוס צוגעשטימט — זיין ייִדישער נאָמען איז געווען שאול התרסי. נאָך דעם, ווי ער איז באַפרייט געוואָרן

האָב איך געהערט ווי ער האָט אַ מאָל געהאַלטן אַ רעדע פאַר אַ המון געצנדינער נעבן דעם טעמפל אין טראַסטאַווערע און איך האָב דעמאָלט געפילט, אַז נישט בלויז וואָס ער לייקנט אין די געזעצן פון אונדזער גאָט, נאָר ער ברענגט אויך אַן אומגליק אויף יידן. וואָס פאַר אַ שלעכטס איז געטון געוואָרן צו פּאַולוסן אין ארץ־ישראל, וואָס ער האָסט אַזוי יידן און שיט פעך און שוועבל אויף דער תורה?״ — האָט זיך אַרטאַפּאַנוס געוואונדעט צו אפרים בן־אליעזר.

„יידן האָבן אים קיין שלעכטס נישט געטון — האָט אפרים געענטפערט — נאָר ער איז געווען אַ זייער פאַרביסענער מאַן. אַז ער האָט עפּעס ליב באַקומען, האָט ער אַלץ אַנדערס בלוטיק פיינט געהאַט. אַז ער איז געווען אַ תלמיד פון רבן גמליאל האָט ער גערודפט און געהאַסט די קריסטן און ער פלעגט זיי מסרן פאַר די רוימישע געצנדינער. שפּעטער, ווידער, איז ער באַנומען געוואָרן דערמיט, וואָס ער האָט פריער געהאַסט, און געוואָרן אַ פאַרביסענער שונא פון יידן און פון דער תורה, וואָס ער האָט פריער ליב געהאַט. מען האָט אַפילו דערציילט, אַז ער האָט זיך געהאַט צעשלאָגן מיט זיינע חברים אין ארץ־ישראל און ער האָט זיי פיינט געהאַט״.

„איז אויב אַזוי, צי איז דער קריסטלעכער גלויבן אַ גלויבן פון שנאה?״ — האָט זאָסימוס געפרעגט.

„דאָס איז אַ גרויס אומגליק פאַר יידן — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט — מיר קענען פאַרוואַנדלען די געצנדינער אין יידן, פאַרוואַנדלען מיר זיי אין אונדזערע שונאים. מיט יידישע הענט טוען מיר דאָס קעגן זיך אַליין״.

כדי אָפּצושטעלן דעם שמועס האָט פלאַוויאַ אַריינגעוואָרפן:

„גלויבסטו נישט, מיין מאַן, אַז מיר וועלן נישט וואַרטן מיטן עסן ביז אַלע געצנדינער וועלן ווערן יידן, אָדער ביז די יידן וועלן אויפהערן זיך אַליין פיינט צו האָבן, ווי דו זאָגסט?״

אַלע ביים טיש האָבן זיך צעלאַכט. דאָס קינדערשע געלעכטער פון קאָקאָטיאַן האָט נאָכגעקלונגען צום סוף, ווי זי וואָלט זיך געכאַפּט, אַז אויך זי דאַרף לאַכן צוזאַמען מיט די עלטערע.

די סעודה האָט געדויערט ביז שפּעט אין אָוונט. נאָך מער ווי אויף יעדן שבת, האָט פלאַוויאַ לכבוד דעם גאַסט אויסגענוצט איר גאַנצע קאָכקונסט. צום טיש זענען דערלאַנגט געוואָרן עטלעכע מינים פלייש, געבראָטנס, געקאָכטס, געדעמפּטס, און סערווירט מיט איידעלע גרינסן און געווירצן, וואָס געגעסן לאַנגזאַם און פאַרטרונקען מיט וויין, האָבן זיי געהאַלטן דעם אַפּעטיט געריצט און געהויבן די שטימונג. צום סוף האָט פלאַוויאַ געהייסן אַריינברענגען געצייערטע פרוכטן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פריש פון בוים און מיט פאַרשיכורנדיקע אַראָ־מאַטן. אפרים בן־אליעזר האָט נישט אויפגעהערט באַוווּנדערן די שפּייזן און זיי פאַרגליכן מיט אויסגעזוכטע שפּייזן אין ארץ־ישראל אין די „גוטע צייטן״. נאָכן עסן האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און געדאַנקט דעם באַשעפער פאַר דער שפּייז. פלאַוויאַ איז אַוועק מיט די מיידלעך זיי לייגן שלאָפן און די מענער זענען גע־

בליבן ביים טיש, ווי די סעודה וואָלט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט. איצט האָבן געמעגט אַריינקומען די געצנדינערישע דינסטן און אַראָפּנעמען די כלים פון טיש. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אַרום טיש מיט שטילע, ווייך־פאַרזיכטיקע טריט, ווי קעץ, אײן כלי זאָל זיך נישט אָנקלאַפּן אין דער צווייטער, און זיי האָבן הכנעהדיק געשמייכלט.

„זענען נאָך אייערע דינסטן און משרתים געצנדינער, אָדער איר האָט זיי מגייר געווען?" — האָט דער גאַסט געפרעגט אַטראַפּאַנוסן.

„אַלע געצנדינער, וואָס דינען ביי מיר — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט — זענען שוין אַ סך יאָרן אין מיין הויז, איך וועל זיי אָבער קיינמאָל נישט צורעדן אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן. אמונה איז אַ זאַך פון אינעווייניק און נישט קיין אויבערשטער מאַנטל. מיט יאָרן צוריק האָט געטראָפן ביי אונדז אַ פאַל: אַן אַרכאָנט, אַ זייער רייכער סוחר, האָט געצווונגען זיינעם אַ משרת אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן און אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים גוט באַלוינען און אים אָנפּאַרטרויען אין זיינע געשעפטן. דער געצנדינער האָט אויף דעם מסכים געווען און זיך געלאָזט מל זיין. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער נייער ייד דערמאָרדערט דעם אַרכאָנט, אים באַרויבט און אַנטלאָפן. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז דאָס איז געשען צוליב דעם, וואָס דער גר האָט שטאַרק געליטן פון דער ווונד פון ברית־מילה, וואָס האָט זיך נישט געהיילט. דאָס איז נישט ריכטיק. דער וואָס גלייבט באמת, נעמט אויף זיך אַלע ליידן, וואָס קומען מתוך אמונה. פשוט, דער גר איז ווייטער געבליבן אַ געצנדינער, אַ באַשניטענער געצנדינער, ער האָט נישט געגלויבט אין גאָט, האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער דאַרף ליידן און ער האָט געהאַסט דעם אַרכאָנט, וואָס האָט אים צו די ליידן צוגע־רעדט. און אויב אַ גרויסע צאָל רוימער באַקערן זיך צום קריסטנטום, איז נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס זיי גלייבן אין דעם נייעם גלויבן, נאָר ווייל מען דאַרף גאָרנישט פאַר דער דאָזיקער אמונה מקריב זיין. זיי דאַרפן נישט אָפּהיטן קיין מצוות, קענען ווייטער לעבן, אַזוי ווי זיי האָבן געלעבט, פון שבת ווייסן זיי נישט, נאָר פאַר אָפּטובלען זיך הערן זיי אויף צו רופן זיך געצנדינער. און אַזוי ווי דאָס פאַרוואָרפן דעם גלויבן אין אַ סך געטער איז איצט זייער אָנגענומען אין די העכערע קרייזן פון רוים, איז אויב מען קען ווערן פאַרגעשריטן בלויז צוליב אָפּטובלען זיך, מערן זיך די קריסטן. די דינערשאַפט ביי מיר לעבט אין דעם שטייגער ווי מיר לעבן. שבת און יום־טוב רוען זיי. די מענטשן זעען, אַז אונדזער לעבן אין שענער, דערהויבענער, ערלעכער — טוען זיי דאָס נאָך און זיי פירן זיך ווי מיר פירן זיך. און טאָמער וועלן זיי לסוף קומען צום געדאַנק זיך מגייר צו זיין, וועט דאָס קומען מתוך אמונה און איך וועל עס פאַרשרייבן אויף מיין זכות".

אפרים בן־אליעזר האָט מיט דער האַנט אַ גלעט געטון איבער זיין באָרד, דעם שפּיץ פון דער באָרד גענומען צווישן די פינגער און זיך איינגעקוקט אין די גרויע האָר. ער האָט געזאָגט שטיל:

„איך האָב מורא צו ברענגען פאַרן מויל, אַז אונדזער אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט, ווען יידן איז איינגעפאַלן דער רעיון צו פאַרוואַנדלען געצנ־דינער אין יידן, כדי אַזוי אַרום צו פאַרמערן דאָס פאָלק. אָט די, וואָס האָבן דאָס געטון, האָבן נישט געטראַכט וועגן דער טיפקייט פון דער יידישער אמונה און וועגן די קרבנות, וואָס זי פאָדערט פון דעם יידישן יחיד. דערמיט האָבן מיר געוויזן אַ וועג שפעטער פאַר די מינים, ווי אַזוי צו פעלשן אין גאָט און אין דער יידישער אמונה".

„נישט איר דאַרפט מורא האָבן צו ברענגען עס פאַרן מויל, נאָר דאָס דאַרף מען אויסשרייען אין די גאַסן. בעת מיר אַליין זענען געבליבן יידן, ווייל מיר זענען געווען יידן און טראָגן די יידישע ווערטן אין זיך, האָבן מיר געוויזן פרעמ־דע אַ וועג צו אַ יידישקייט אָן לאַסטן. אויב מען קען, אָן וועלכער עס איז זעלישער אָנשטרענגונג, ווערן איבער נאַכט פון אָן אַדומער אַ ייד, קען מען איבער־נאַכט ווערן אָן אכזר איבער יידן גופא, ווי דאָס איז פריער געווען אַנטיפּאַטער, שפעטער זיין פאָטער הורדוס און איצט זיינע אייניקלעך און אוראייניקלעך. פון דאַנען האָבן אויך די מינים גענומען די לייכטקייט צו ווערן אַפּטריניקעס און איצט פאַרקויפן די טויפער דעם קריסטלעכן גלויבן אויף די מערק. — אַרטאַפּאַנוס האָט זיך פאַרטראַכט און ווייטער גערעדט: — וואָס שייך מיר, האָב איך עס תמיד געזען אַזוי בולט, ווי אויף דער האַנט: כל־זמן די קאָנפליקטן צווישן יידן זענען געבליבן אינעווייניק, אין דער אייגענער מחנה, האָט דאָס אונדז בלויז פאַרווונדעט. בעת אָבער אונדזערע אינערלעכע קאָנפליקטן זענען דורך אונדז גופא אַרויסגע־טראָגן געוואָרן אויסער דער מחנה און אין זיי ווערן באַטייליקט פרעמדע, האָב איך מורא צו ברענגען פאַרן מויל, צו וואָס דאָס קאָן דערפירן."

אפרים בן־אליעזר האָט אַ שאַרפן קוק געטון אויף אַרטאַפּאַנוסן:

„ס׳האָט דערפירט צום חורבן בית המקדש, גערוסיאַרך!"

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ:

„דער חורבן פון בית המקדש, האָב איך מורא, איז בלויז דער געשריי פון ווייטיק, אָבער מיטן געשריי שטעלט זיך נישט אָפּ די קראַנקהייט, צוליב וועלכער מען שרייט".

„איך האָב אייך גוט פאַרשטאַנען, גערוסיאַרך. לאָמיר האָפן, אַז דאָס איז געווען דאָס לעצטע אומגליק" — האָט בן־אליעזר אויפגעהויבן די אויגן צום באַלקן.

„צי איז נישט אָנצונעמען, אַז דורך דעם, וואָס די געצנדינער וועלן אָנהייבן צו גלייבן אין איינציקן גאָט, אַפילו ווען דורך דעם קריסטלעכן גלויבן, וועלן זיי האָבן מער פאַרשטענדעניש פאַר דער גרויסקייט פון יידן?" — האָט זאָסימוס גע־פרעגט.

אפרים בן־אליעזר האָט זיך אָפּגעטרייסלט און אַרטאַפּאַנוס האָט געזאָגט רואיק און אויפקלערעריש:

„ניין, מיין זון, אויב שאול התרסי, וואָס איז פריער געווען אַ פרושי, איז

געוואָרן אַ שונא פון ייִדן און ער האָט פאַרלייקנט דעם וועזן פון ייִדישקייט, די תורה און אירע געזעצן, איז לייכט צו באַגרייפן, אַז דער האָס צו ייִדן פון די געוועזענע געצנדינער, פון די נייע קריסטן, וועט זיין נאָך גיפטיקער, נאָך בלוט־דורשטיקער. זיי זאָגן שוין היינט, אַז אויב פּאַולוס, וואָס איז געווען אַ פרומער ייִד, האָט איינגעזען דאָס שלעכטס פון ייִדן, איז ווער נאָך קען זיין אַזאַ באַגלויבטער עדות ווי ער? צי קענען מיר דערוואַרטן גוטס פון דעם? ניין, מיין זון. עס איז אין דער טבע פון מענטשן, אַז זיי שעצן בלויז דאָס און זיי ווערן רייך בלויז דערמיט, וואָס זיי דעראָבערן מיט שוועריקייט. דאָס וואָס קומט אָן לייכט איז אייטל. ביי ייִדן איז די אמונה איינגעשניטן אין זייער לייב. און דאָס וואָס מען קען ווערן אַ קריסט בלויז דורך טובלען זיך אין וואַסער און מען דאַרף נישט טראָגן קיין שום עול פון מצוות, נאָר בלויז גלויבן אין דאָגמען, דאָס באַשאַפט ביי די געוועזענע געצנדינער אַ געפיל פון נידעריקייט כּלפּי ייִדן. און דעריבער האָסן זיי ייִדן, ווי אָן עם־הארץ האָסט אַ געבילדעטן, ווי אַ משרת האָסט זיין האַר. פאַר דעם האָב איך מורא".

אין דער קאַמער איז אַריין פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ און נאָך איר האָבן צוויי דינסטן געטראָגן זיס געבעקס. פלאַוויאַ האָט דערפילט, אַז אַ הייסער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן בעת איר אַריינקומען און זי האָט געפרעגט מיט אַ ליבלעכן שמייכל:

„האָב איך אייך געשטערט? די מענער זיצן אַזוי ערנסט, ווי זיי וואָלטן צוליב מיר איבערגעריסן אַ שמועס".

„גאָרנישט פון דעם — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט — דו קענסט אונדז נאָר העלפן אין אונדזער שמועס".

„איך האָב דעם איינדרוק, אַז אין דער לעצטער צייט טראָגן זיך אַרום מיינע מענער מיט סודות, וואָס זיי ווילן פון מיר אויסמיידן — האָט פלאַוויאַ געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס — צי זענען מענער טאַקע אַזוי זיכער, אַז פרויען קענען נישט טראָגן די זעלבע לאַסט וואָס זיי, אָדער זיי האָבן מורא, מיר זאָלן זיך דערוויסן ווי שוואַך זיי אַליין זענען?"

זאָסימוס האָט מיט באַוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף זיין מוטער און אויך אויפגעכאַפּט דעם באַוואונדערנדיקן שמייכל פון זיין פאָטער. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט ביי די דינסטן צוגענומען דאָס געבעקס און געזאָגט צו זיי:

„איר קענט גיין שלאָפן. עס איז אייער אָפּרו־צייט".

די דינסטן האָבן זיך טיף פאַרנייגט און אַוועק, בעת פלאַוויאַ האָט פונאַנדערגעגאָסן וויין אין די בעכערס.

„סאַבינאַ האָט געהאַט צו מיר טענות, פאַרוואָס איך האָב זי נישט געלאָזט מיט די דערוואַקסענע און איר געהייסן גיין שלאָפן צוגלייך מיט קאַקאָטיאַן — האָט פלאַוויאַ געקוקט צו אַרטאַפּאַנוסן — זי האַלט זיך פאַר גענוג רייף צו בלייבן ביים טיש אויף נאָכן מאָלצייט".

„האַלט אויף איר קינדהייט וואָס לענגער. קינדהייט איז איינמאָליק", — האָט אַטראַפּאַנוס געזאָגט בענקשאַפטלעך.

„קינדער ווילן דאָס נישט פאַרשטיין און קענען דאָס נישט פאַרשטיין! — האָט פלאַוויאַ אויסגערופן און זיך געוואָנדן צום גאַסט. — ווי איז מיט די קינדער ביי אייך, אין יהודה?"

„ביי אונדז איז ווי תמיד אין מלחמות און אין שווערע צייטן: קינדער ווערן רייף אַ סך פאַר דער צייט, — האָט אפרים אַ גלעט געטון זיין באָרד און געזאָגט צעצויגן, ווי ער וואָלט מיט זיין דמיון געגרייכט ווייט איבערן ים, — זייט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָבן נאָך מסתמא קינדער אַזוי פיל נישט געליטן, ווי די קינדער ביי אונדז, אין אונדזער דור. ערשט אונדזער דור האָט באַגריפן דעם טייטש פון „בני ישראל" אין דער תורה, די קינדער פון ישראל. קינדער — אַלטע יידן".

„טרינקט!" — האָט אַרטאַפּאַנוס זיך געוואָנדן צום גאַסט, כדי איבערצורייסן דעם שמועס. אָבער פלאַוויאַ, וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון איר מאַן, האָט זיך געוואָנדן צום גאַסט מיט נאָך מער צודרינגלעכקייט:

„ווי זעט איצט אויס ירושלים? מיין מאַן האָט מיר אַזוי פיל דערציילט וועגן דער שיינקייט פון דער שטאָט".

אפרים בן־אליעזר האָט גענומען דעם בעכער מיט ווין אין דער האַנט, אים צוגעטראָגן צו די ליפּן, זיי באַנעצט מיט ווין און דעם בעכער צוריקגעשטעלט.

„נישטאָ ירושלים, — האָט ער אַ זיפץ געטאָן, — די שטאָט איז צעשטערט ביזן יסוד. אַפילו די וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין ירושלים וועלן זי נישט דערקענען, נישט וויסן אַפילו, ווו זיין הויז איז געשטאַנען און ווו עס איז דער געמאַרק, אויף וועלכן ער האָט זיך געשפּילט, ווען ער איז אַ קינד געווען. צום הר־הבית צו די חורבות פון בית־המקדש, האָבן זיך ביז מיט אַ צייט צוריק אַפילו קיין רוימישע זעלנער און קיין גריכישע רויבער נישט דער־נענטערט. וואָרום פון דער גרויסער צאָל מתים אונטער די חורבות איז אויפגע־גאַנגען אַ געשטאַנק, וואָס האָט אין די פאַרנאַכטן דערגרייכט ביז דעם קדרון־טאָל און אַפילו נאָך ווייטער.

„און דאָרט, ווו עס איז אַמאָל געווען די אויבערשטע שטאָט, דער פּראַכט פון ירושלים, דאָס ירושלים פון פּאַלאַצן און רייכטימער, מיט בלומען־גאָרטנס, וואָס האָבן קיין גלייכן נישט געהאַט צו זיך, האָבן זיך באַזעצט רוימישע זעל־נער, וואָס זענען נאָכן נצחון איבער אונדז באַפרייט געוואָרן פון דינסט. אַ יידי־שער פוס טאָר ביז היינט די ערד פון ירושלים נישט באַטרעטן. אָבער מחנות גריכן פון יענער זייט ירדן און פון די ברעג־שטעט זענען, ווי הייַשעריקן, געקומען אין דעם צעשטערטן ירושלים, כדי אונטער די חורבות צו זוכן יידי־שע רייכטימער. און וויפל די רוימישע זעלנער האָבן נישט צערויבט, זענען נאָך אַלץ אונטער די חורבות געבליבן פאַרמעגנס פון דורות. אויף די מערק פון יריחו, בית־שאן און קיסריה פאַרקויפן רוימער נישט בלויז יידישע שקלאַפן,

נאָר אויך יידישע הייליקע חפצים און צירונג פון יידישע פרויען. איר קענט זען אויף די מערק אין די גריכישע שטעט סאַנדאַלן, געמאַכטע פון הייליקע ספרים. און צו די נגישות און דעם שווערן צינדז, וואָס די יידן אין לאַנד מוזן צאָלן מיטן לעצטן ביסל ווייץ, איז אויך גרויס די פאַרוויסטונג אויף די פעלדער. די הענט לייגן זיך נישט צו נעמען דעם אַקער, און די ערד האָט פון טריקעניש זיך פאַרוואַנדלט אין פעלדז. איז וואָס די רוימער האָבן נישט פאַרשניטן מיט דער שווערד, ווערט פאַרשניטן פון הונגער און שלאַפקייט. די גאָר רייכע פון צווישן די יידן זענען אַוועק, ווער קיין אַלעקסאַנדריע פון מצרים, ווער קיין דמשק און ווער קיין בבל. און אויב דאָס וואָס איז געשען איז נישט גענוג, האָט גאָט אויף אונדז אָנגעשיקט די מינים..."

„איך האָב שוין געהערט דערמאָנען מינים; וואָס זענען דאָס מינים?" — האָט זאָסימוס געוואָלט וויסן.

„מינים — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט — דאָס זענען די אָפּטריניקע יידן, וואָס האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן".

„און איך האָב געמיינט, אַז דאָס זענען איסיים" — האָט זאָסימוס אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

„ניין — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט און זיך פאַרטראַכט — אייגנטלעך, ווען מען גייט נאָך די געשעענישן אין יהודה זייט אַ הונדערט און פופציק יאָר ביז הײַנט, קען מען זאָגן, אַז די איסיים זענען געווען די אורפּאָטערס פון די הײַנטיקע מינים, הגם זיי אַליין זענען געווען ווײַט פון אָפּטריניקייט. דאָס זענען געווען יידן, וואָס זענען אַוועק פון די אומרואיקע שטעט. זיי זענען געווען מיד פון די אינערלעכע קאַמפן אין יהודה און זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט אין אָפּגעלעגענע דערפער אין מדבר יהודה, נישט ווייט פון ים המלח. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער מאַכט פון מלך, פון דער מאַכט פון כהן־גדול, פון זייערע ווײַבער און קינדער און פון זייער פאַרמעגן. זייערע דערפער זענען געווען בשותפות־דיקע, זיי האָבן צוזאַמען געאַקערט, צוזאַמען געזייט, אָבער נישט צו פיל, כדי מען זאָל בײַ זיי נישט האָבן וואָס צו נעמען פאַר שטייערן. צוזאַמען האָבן זיי געגעסן, צוזאַמען זיך געטובלט און געטיילט צווישן איינאַנדער מיט זייער אָרעמקייט..."

„ווי אַזוי האָבן די דערפער געקענט זיך אויפהאַלטן, אויב די... איסיי... איסיים האָבן נישט געהאַט קיין פאַמיליען־לעבן?" — האָט פלאַוויאַ געוואָלט וויסן

„אָט דאָ קומט דער סוף, — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף דער פראַגע — אַלץ, וואָס איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור איז אויך קעגן יידן. פון אָנהויב האָבן די דערפער פון די איסיים זיך אויפגעהאַלטן פון דעם צופלוס פון ווײַטערדיקע מידע פון די שטעט, ביז זיי זענען דעגענערירט געוואָרן צו אַזאַ מאָס, אַז פון זייער אומוואַנדלונג זענען אין דער צוקונפט אַרויסגעקומען שונאים פון יידישן פאָלק. די איסיים זענען געגאַנגען קעגן די

געזונטע געזעצן פון דער תורה, צו מערן זיך און פרוכפערן, זיי זענען געגאַנגען קעגן די נסיונות, וואָס זענען מענטשלעך און זיי האָבן געוואָלט זיין איבער־מענטשלעך. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבוירן מענטשן, האָבן זיי לסוף געבוירן אָפּטריניקייט און שנאה. די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן די איסיים, האָבן צום בעסטן אויסגעדריקט זייערע בעל־מופתים. בעת מיט אַ הונ־דערט און פערציק יאָר צוריק האָט דער דעמאָלטיקער כהן־גדול, הורקנוס איז געווען זיין נאָמען, באַלאַגערט מיט פרעמדן חייל זיין אייגענעם ברודער, דעם מלך אַריסטובול, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרפעסטיקט אין בית־המקדש, האָט ער געהייסן אויסגעפינען דעם איסייאישן בעל־מופת חוני המעגל און אים באַפוילן צו פאַרשעלטן דעם באַלאַגערטן. דער בעל־מופת האָט דאָס נישט געוואָלט טון און ער איז דערפאַר געטויט געוואָרן. אָבער מיט יאָרן שפּעטער, ווען ביי דער מאַכט פון יהודה איז שוין געווען הורדוס, דער האַלב־ייד, האָט ער נישט געדאַרפט הייסן אויסגעפינען אַ בעל־מופת, נאָר דער בעל־מופת פון די איסיים איז געקומען צו אים. ער האָט געהייסן מנחם. און ער האָט געחנפהט דעם אכזר און אים פאָראויסגעזאָגט, אַז ער וועט לאַנג קעניגן. דאָס באַווייזט, אַז די איסיים זענען אַרויס פון זייערע דערפער צו די שטאָטישע, אָנשטאָט די שטאָטישע צו רופן צו זיך, ווי אַמאָל. נו, און שפּעטער, ווען דאָס פאָלק אין יהודה האָט זיך געראַנגלט אין ווייען פון פיין פון די נייע מאַכטהאָבער, ווען יידישע גבורים אין גליל זענען אויפגעשטאַנען קעגן דעם זון פון הורדוס, הורדוס־אַנטיפּאַס, איז געקומען אַן אַנדערער בעל־מופת פון צווישן די איסיים, איינער מיטן נאָמען יוחנן. געקליידט אין אַ מאַנטל פון רויער וואָל אויפן הוילן לייב, אַרומגענומען מיט אַ דיקן לעדער־גאַרטל און מיט אַ פּאַסטעך־שטעקן אין דער האַנט, איז יוחנן אַוועק אין די דערפער פון יידישן אויפשטאַנד, ביים ירדן און אין גליל, און גערופן צו זיין אונטערטעניק. ער האָט גערעדט צום פּשוטן פאָלק אין זיין לשון און געזאָגט צו די מענטשן: פאַר וואָס זאָלט איר שאַרפן שווערדן און קעמפן קעגן ערדישן מלכות, גורם זיין נאָך גרעסערע בלוט־פאַרגיסונגען, אויב איר דאַרפט זיך ליבערשט גרייטן צום הימלישן מלכות, וואָס קומט אָן! לייגט אַוועק אייער אַרבעט, פאַרלאָזט אייערע היימען און קומט מיט מיר צום ירדן. איר וועט זיך אָפּטובלען אין די וואַסערן פון ירדן און דערמיט וועט איר זיין ראוי אויפצונעמען דאָס הימלישע מלכות.

„פון אָנהויב האָט דאָס פאָלק געצאַרנט קעגן דעם מאַן. זיי האָבן אים מיט רעכט געפרעגט: פאַר וואָס רופסטו אונדז אַוועקצולייגן די שווערד און צו פאַר־לאָזן אונדזערע היימען, ווען אונדזערע קינדער זענען געשוואָלן פון הונגער צוליבן שווערן צינדז, וואָס דאָס פרעמדע ערדישע מלכות רייסט פון אונדז? צי וועט די טבילה אין די וואַסערן פון ירדן פאַרטרייבן די פרעמדע פון אונדזער לאַנד און אַראָפּנעמען פון אונדז דעם שווערן יאָך? צי וועט אונדזער איינגעהאַלטנקייט נישט זיין אַ צייכן פאַר די באַדריקער, נאָך מער אונדז צו קלעמען? האָט דער מאַן געענטפערט: ׳די האַק ליגט שוין ביים וואָרצל פון בוים, און יעדער בוים, וואָס

ברענגט נישט קיין גוטע פרוכטן, וועט אָפּגעהאַקט ווערן און אַריינגעשליידערט ווערן אין פייער׳. האָבן די לייט פון גליל געפרעגט דעם מאַן: ,וועמען מיינסטו דערמיט? נעבן וואָס פאַר אַ בוים ליגט די האַק? צי ליגט זי נעבן דעם בוים פון באַדריקער?׳ האָט דער מאַן נישט געענטפערט. איז די זאַך דערגאַנגען צו די יידישע גבורים פון ציפורי און זיי האָבן דעם מאַן געפרעגט: ,צי האָט דיך אָנגעשטעלט הורדוס־אַנטיפּאַטער, דו זאָלסט מיט זיסע ווערטער וועגן אַ הימליש קעניגרייך אונדז אַרויסשלאָגן דאָס געווער פון די הענט? אויב דו ביסט אַ היי־ליקער מאַן און בעל־מופת, גיי צו די ערדישע הערשער און שטראָף זיי, הלמאי זיי דריקן אונדזער פאָלק און זיי בויען געצנדינערישע טעמפּלען אין האַרץ פון אונדזער לאַנד. פאַר וואָס זאָגסטו זיי נישט, אַז יעדער בוים, וואָס ברענגט נישט קיין פרוכטן וועט אָפּגעהאַקט ווערן?׳ און דער מאַן האָט געשוויגן. זיי האָבן אים אָבער קיין שלעכטס נישט געטון. וואָרום צוליב דעם וואָס עס האָט קיין סוף נישט גענומען צו דיליידן פון פאָלק; צוליב דעם, וואָס דאָס פאָלק איז געווען צעריסן אויף פיינטלעכע שטיקער, און קעגן דעם צעריסענעם פאָלק זענען אויפגעשטאַנען סיי די רוימער און סיי די האַלב־פרעמדע מאַכטהאָבער פון אדומישן שטאַם, און סיי די אַלטע שונאים, די שומרונער, האָבן מטמא געווען דעם בית־המקדש, כדי זיך איינצוקויפן אין חסד פון די רוימער — האָט זיך אין יהודה פאַרשפּרייט אַ שמועה, אַז בקרוב דאַרף קומען משיח בן־דוד און ער וועט אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון אַלע קלעמען. האָבן די יידן אין גליל און אויך די גבורים פון דער שטאָט ציפורי געגלויבט, אַז דער מאַן יוחנן, וואָס איז אַן איסי אַ בעל־מופת, איז געשיקט געוואָרן פון גאָט אָנצוזאָגן די בשורה וועגן אָנקום פון משיח בן־דוד. און נאָך מער זענען זיי געווען זיכער אין דער בשורה ווען דער טעטראַרך פון גליל, הורדוס־אַנטיפּאַס, האָט געפאַנגען דעם איסי און געהייסן קעפּן אים.

„אָבער נישט דערפאַר, ווייל יוחנן איז געקומען מיט דער בשורה וועגן משיח בן־דוד און דעם הימלישן קיניגרייך האָט הורדוס־אַנטיפּאַס אים געקעפּט. און אויך נישט דערפאַר ער זאָל האָבן ווידערשפּעניקט אין דער רוימישער מאַכט. נאָר ווי זיין זיידע, אַנטיפּאַטער, און זיין פאָטער, הורדוס, זענען געווען ערגייציק און פאַרביסן, אַזוי איז אויך הורדוס־אַנטיפּאַס געווען גרייט צו פאַרגיסן בלוט פאַר זיין ערגייציקייט.

„איינמאָל, ווען יוחנן האָט געדרשנט דאָס אָנקומען פון דעם דערלייזער און גערופן גיין און טובלען זיך אין די וואַסערן פון ירדן, כדי אָפּצורייניקן זיך פון די זינד, האָט ער ווי אַ משל פון זינדיקייט דערציילט וועגן דער אויסגע־לאַסנקייט פון דעם טעטראַרך:

„הורדוס־אַנטיפּאַס האָט גענומען פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון דעם אַראַבישן קעניג, וואָס האָט געהייסן אַרעטאַס, אויף דעם נאָמען פון זיין זיידן, וואָס האָט אַמאָל געהאָלפן דעם כהן־גדול הורקנוס באַלאַגערן דעם מלך אַריסטובול אין בית־המקדש. שוין דאָס אַליין האָט ביי די אָפּגעהיטענע יידן אַרויסגערופן פאַרדרוס.

אויפֿן וועג קיין רוים, ווהין ער האָט זיך געקליבן צום אימפּעראַטאָר טיבעריוס, האָט זיך הורדוס־אַנטיפּאַס פֿאַרהאַלטן ביי זיין ברודער, וואָס האָט געהייסן מיט דעם זעלבן נאָמען וואָס זיין פֿאָטער — הורדוס. ווי טעטראַרך פֿון גליל איז הור־דוס־אַנטיפּאַס באַשטימט געוואָרן דורך דעם אימפּעראַטאָר אויגוסטוס. דער נאָכ־קומענדיקער אימפּעראַטאָר, טיבעריוס, האָט נישט געהאַט בדעה צו ענדערן קיין שום מאַכט־באַאַמטן אין יהודה, וואָרום ער האָט געוווּסט, אַז די רוימישע באַאַמטע אין יהודה זענען רויבער, און אויב אויף זייער פּלאַץ וועלן קומען נייע רויבער, וועלן זיי אין יהודה נישט איבערלאָזן קיין טראָפּן בלוט פֿאַר דער רוימישער אימ־פּעריע. דאָס האָט ער פֿאַרשריבן דעם רעצעפּט: „מען דאַרף נישט אָוועקטרייבן פֿון אַ פֿאַרווונדעטן די פֿליגן, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעזעטיקט מיט זיין בלוט, וואָרום טאָמער וועט מען די פֿליגן אָוועקטרייבן און עס וועלן קומען פֿרישע הונגעריקע פֿליגן, וועלן זיי פֿון דעם פֿאַרווונדעטן אויסזויגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט". און די פֿאַרוואַלטער פֿון די פּראָווינצן פֿלעגט ער אָנזאָגן: „געדענקט: אַ גוטער פּאַסטעך שערט זיינע שאָף, אָבער ער שינדט נישט פֿון זיי די הויט". דאָך איז צו הורדוס־אַנטיפּאַס דערגאַנגען, אַז עמעצער אין רוים אינטריגירט קעגן אים ביים נייעם אימפּעראַטאָר און ער האָט זיך געקליבן צו געפֿינען חן אין זיינע אויגן. בעת ער איז געקומען צו זיין ברודער זיך באַראַטן וועגן די ענינים פֿון זיין רייזע, האָט ער דערזען די חנען פֿון זיין פֿרוי, הורדיאַס, די טאָכטער פֿון זיין שטיפֿברודער אַריסטובול, וואָס איז אַנומלט געטויט גע־וואָרן. און ער האָט באַלד אויסגעפֿונען, אַז ער גלוסט צו איר מער ווי ער גלוסט צו דער טאָכטער פֿון דעם אַראַבישן מלך. ווי אין דעם שטייגער פֿון אַנטיפּאַטערס גזע..." — אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין זיינע הענט און אַ ווײַלע שטילגעבליבן. פֿאַר זיין דמיון האָט אַ בליץ געטון זיין ערשטע יוגנט און ער האָט דערפֿילט אירע ריחות. ער האָט זיך שנעל באַהערשט און ווייטער דערציילט: — „ווי אין דעם שטייגער פֿון אַנטיפּאַטערס גזע: רודערן צום ציל מיט אויסגערעכנטקייט און עקשנות, איז אַנטיפּאַס געבליבן ביי זיין ברודער אַזוי לאַנג, ביז ער האָט איבערגערעדט די שיינע פֿרוי, זי זאָל פֿאַר־לאָזן איר מאַן און גיין מיט אים. און דאָס ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט האָבן ביים אימפּעראַטאָר אין רוים באַפֿעסטיקט זיין מאַכט ווי דער טעטראַרך פֿון גליל. ער איז פֿון רוים געקומען מיט אַ נצחון. און אַוועקגענומען ביי זיין לייב־לעכן ברודער די פֿרוי.

„די פּשוטע יידן פֿון גליל, וואָס האָבן געהיט די ריינקייט פֿון זייער משפּחה־לעבן, האָבן אין דער אויפֿפֿירונג פֿון דעם טעטראַרך געזען אַ שאַנדהאַפֿטע אויסגעלאַסנקייט, און דעריבער, ווען יוחנן דער איסי האָט געוואַלט פֿאַר דעם פּשוטן פֿאָלק שילדערן זינדיקייט, האָט ער געבראַכט, ווי אַ משל, דעם זינדיקן שטייגער פֿון אַנטיפּאַס. עס איז דערגאַנגען צו די אויערן פֿון דעם טעטראַרך און ער האָט באַפֿוילן זיינע מענטשן צו פֿאַנגען דעם איסי און אים אַריינוואַרפֿן אין דער תפֿיסה פֿון פֿעסטונג מאַכערוס.

„און אָט האָט אַנטיפּאַס איינגעאָרדנט אין זיין פּאַלאַץ, וואָס אין דער זעלבער פעסטונג, אַ סעודה פאַר רוימישע באַאַמטע און רייכע גריכן פון קיסריה. אויף צו פאַרוויילן די געסט האָט דער טעטראַרך באַפוילן, אַז די יונגע שלומית, הורדיאַסעס טאָכטער פון איר ערשטן מאַן, זאָל טאַנצן. שלומית איז געווען שיין און צאַרט, ווי אַ געשלאָסענע וואַסער־ליליע, און אירע שלאַנקע גלידער האָבן אין טאַנץ וויברירט, ווי די סטרונעס פון אַ ציטרע. און ווען זי האָט געענדיקט טאַנצן, זענען די געסט געבליבן אַזוי פאַרכישופט, ווי זי וואָלט נאָך געטאַנצט. דעמאָלט האָט דער טעטראַרך געזאָגט צו דעם מיידל: 'טאָכטער, פאַר דעם וואָס דו האָסט אין דיינע גלידער געפאַנגען די מוזיק פון די געטער, זאָג, וואָס דו באַגערסט, און יעדער דיין באַגער וועט דערפילט ווערן'. האָט שלומית געטראַכט און צום סוף געפרעגט ביי איר מוטער: 'וואָס אַזעלכעס זאָל איך באַגערן וואָס זאָל אויך דערפרייען דאָס האַרץ פון מיין געוויינערין?' האָט הורדוסיאַ איר געענט־פערט: 'זייט יוחנן דער טויפער האָט מיך באַרעדט אין מאַרק, קען זיך מיין האַרץ נישט באַרואיקן, דעריבער בעט ביים טעטראַרך דעם קאָפּ פון דעם איסי!' און שלומית האָט געזאָגט איר באַגער. האָט אַנטיפּאַס געשיקט זיינע מענטשן, זיי האָבן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון דעם אָרעמען איסי און אים געבראַכט אויף אַ זילבערנער טאַץ פאַר דעם מיידל. און זי האָט דעם „געשאַנק" איבערגעגעבן איר מוטער..."

פלאַוויאַ־אַנטאַנינאַ האָט זיך מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים און אויסגערופן:

„גאָט אין הימל, ווי אכזריותדיק קען עס זיין אַ מענטש אין זיין קורצן לעבן! צי איז דאָס ווירקלעך אַזוי געשען?"

„אַזוי האָב איך דאָס אויך געהערט דערציילן, ווען איך בין געווען אַ ייִנגל — האָט אפרים בן־אליעזר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — גאָט האָט אָבער באַלד נאָך דעם שווער געשטראָפט אַנטיפּאַסן, וואָרום דער אַראַבישער מלך, וואָס אַנטיפּאַס האָט אים צוריקגעשיקט זיין טאָכטער, וועלכע ער האָט פריער געהאַט פאַר אַ ווייב, איז אַרויס קעגן אים אין אַ לאַנגדויערנדיקער מלחמה און אים געבראַכט אַ מפּלה".

„און דאָס האָט ווידער געקאָסט יידיש בלוט!" — האָט אויסגערופן אַרטאַ־פּאַנוס.

„אייגנטלעך, ווי גרויס איז דאָס יידישע פאָלק, וואָס גיט כסדר אַזוי פיל בלוט?" — האָט געפרעגט זאָסימוס.

„דאָס יידישע פאָלק ציילט מען נישט" — האָט באַמערקט בן־אליעזר.

אַרטאַפּאַנוס האָט באַרואיקט דעם גאַסט:

„איך גלייב, אַז מיין זון איז נישט געגאַנגען אין דער צאָל. אַלזאָ, דאָס יידישע פאָלק איז זייער גרויס אויף צו געבן בלוט. תמיד גיט עס בלוט. עס איז אָבער קליין אויף צו זיין געוונג שטאַרק, עס זאָל נישט לאָזן פון זיך צאַפּן בלוט".

„און מען זעט נישט קיין סוף צו דעם" — האָט בן־אליעזר צוגעגעבן.

„דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון יוחנן דעם איסי איז ערשט געווען דער אָנהייב, דער שרעקלעכער אָנהייב! — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופֿן און זיין שטים האָט געציטערט. — וואָס שייך מיר, האָב איך קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן זיך, אַז מיר איז געגעבן געוואָרן דער כוח פֿון נבואה. נבואה איז אַ העכערע מדרגה און איך בין אַ פּשוטער ייד. אָבער איך מיין, אַז גאָט האָט יעדן מענטש באַשאָנקען מיט דעם כוח פֿאָרויסצופֿילן סכנות, ווי ער האָט דעם כוח געגעבן צו יעדער באַשעפֿעניש אויף דער וועלט. אַפֿילו אַ בהמה, ווען זי פּאַשעט זיך אין פֿעלד און זי דערפֿילט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ שטורעם, ווערט זי אומרואיק און צעמעקעט זיך און זי אַנטלויפֿט פֿון די אָנקומענדיקע שוואַרצע שטורעם־וואָלקנס. אינדן אין סטעפּ פֿילן פֿאָרויס אויף ווייטע מרחקים דאָס דערנענטערן זיך פֿון רויב־חיות, און דעמאָלט קלייבן זיי זיך אין סטאַדעס און אַנטלויפֿן און וואָרענען דערמיט אַנדערע. נאָר אין דעם מענטש איז די פֿילבאַרקייט אָפּגעטעמפּט געוואָרן אַזוי, אַז אָפֿט, ווען עס דערנענטערט זיך אַ געפֿאַר, מיידן זיי זי נישט אויס, נאָר ווערן צעטומלט און זיי לויפֿן איר אַנטקעגן. פֿאַר וואָס האָבן יידן שפּעטער נישט פֿאָרויסגעזען די סכנה?... פֿאַר וואָס?... — אַרטאַפּאַנוס האָט געריבן דעם שטערן אויף צוריקצובאַקומען די גלייכגעוויכט נאָך דעם ציטער, וואָס איז אים אַריבער איבערן רוקן. ער האָט ממשיך געווען העכער און שטאַרקער: — דער אכזריותדיקער טויט פֿון יוחנן האָט דערשלאָגן דאָס פּשוטע פֿאָלק אין גליל. דער צער פֿון זיין געקלעמט פֿון דער פֿרעמדער און אייגענער מאַכט מיט די שווערע לאַסטן און צינדז, איז נאָך מער פֿאַרטיפֿט געוואָרן. זענען דאָך די יידן אין גליל געווען די אַמערסטן געשלאָגענע דערמיט, וואָס קיינער האָט זיי נישט געקענט ענטפֿערן, ווו זיך צו קערן און ווענדן: די פּרושים זענען געקומען צו זיי אין די שולן און גערופֿן אָפּצוהיטן שווערע מצוות, כדי זיך אָפּצוימען וואָס ווייטער פֿון די געצנדינערישע טעמפּלען און מנהגים, וואָס די זין פֿון הורדוס האָבן איינגעפֿירט. אין זייער האַרבקייט האָבן די פּרושים אַפֿילו געאסרט אַריינצוקומען אין דער נייער שטאָט טבריה ביים ים כנרת, וואָס פֿיליפּוס האָט געבויט לכבוד דעם קיסר טיבעריוס. זענען געקומען די צדוקים און גערופֿן אַראָפּצוואַרפֿן פֿון זיך דעם יאָך פֿון די פּרושים, וואָרום אויב די לאַסטן פֿון צינדז און רויב זענען איבער די כוחות, ווערט דער עול, וואָס עס לייגן אַרויף די פּרושים, נאָך מער דערדריקן און די יידן וועלן פֿאַלן אונטער דער צו שווערער משא. זענען געקומען די קנאים, היימישע יידן פֿון די גלילער דערפֿער, און געזאָגט: הערט נישט די און נישט יענע, נאָר קומט און טרעט־צו צו אונדז, מיר זאָלן מיט כוח פֿאַרטרייבן פֿון לאַנד די פֿרעמדע מאַכט, וואָס האָט אויך אונדז אָנגעשיקט רויבער און בלוט־זויגער. וואָרום אומזיסט איז אייער אַקערן און זייען די פֿעלדער, אומזיסט אייער שערן די שאָף, אומזיסט אייער אומגיין אין די סעדער, ווייל אייער מי ווערט צעפֿרעסן נאָך איידער זי רייפֿט פֿרוכטן. דעריבער נעמט די שווערד און דעם אייזן און קומט מיט אונדז. האָט דאָס פּשוטע פֿאָלק געספֿקט: ווי אַזוי קענען

יידן פון גוש חלב, צי פון ציפורי, אָדער יטבת פאַרטרייבן פון יהודה אַ מאַכט וואָס באַהערשט די וועלט?

„און אָט איז געקומען צו זיי אַ מאַן און געזאָגט: הערט נישט די און נישט יענע און אויך נישט די קנאים, וואָרום אייטל און פאַרפירעריש זענען זייערע ווערטער. באַלד וועט אָנקומען דאָס הימלישע קעניגרייך, וואָס וועט אייך באַפרייען פון אַלע קלעמען. אַלץ וואָס איר האָט צו טון, איז — גיין מיט מיר צום ירדן, זיך אָפּטובלען אין זיינע וואַסערן און זיין גרייט אויפצונעמען דאָס הימלישע מלכות. וואָס קען זיין זיסער ווי צו הערן אַזעלכע ווערטער?"...

„איך האָב איין איינציק מאָל אויסגעהערט אַ דרשה פון אָט דעם יוחנן, ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל, — האָט אפרים בן־אליעזר געשאָקלט מיטן קאָפּ — איך בין אַליין אַ געבוירענער אין יפיע, צופוסנס די בערג פון נצרת. מיין פאָטער האָט מיך געהאַט מיטגענומען אויסצוהערן די דרשה פון יוחנן. איך האָב דעמאָלט ווינציק וואָס פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער, אָבער דעמאָלט האָבן אַלע געקוקט אויף אים, ווי אויף אליהו הנביא. אויך מיין פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ הייליקער מאַן און אַז דורך זיין מויל רעדט גאָט. זיינע הייסע ווערטער האָבן צעגליט די צוהערער און ווען ער האָט געענדיקט רעדן, זענען אַ סך נישט צוריקגעגאַנגען אין זייערע היימען, נאָר מיטגעגאַנגען מיט אים קיין בית־ירח, צום ירדן, זיך אָפּטובלען".

„צי האָט דער מאַן יוחנןווירקלעך באַוויזן מופתים?" — האָט זאָסימוס געפרעגט אַ צעפּלאָמטער פון הערן די דערציילונג.

אפרים בן־אליעזר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, און געזאָגט, ציילנדיק די ווערטער:

„מופתים?... יאָ, דאָס זענען געווען מופתים. די מענטשן אין גליל זענען גע־ווען קראַנק פון דערשלאָגנקייט און פון הונגער. זיי האָבן געדאַרפט אַ גרויסע טרייסט און ברויט, צו שטילן זייער הונגער. יוחנן איז זיך נוהג געווען צו נעמען געלט ביי די רייכע פון זיינע חסידים און פאַר דעם געלט קויפן ברויט פאַר די אָרעמע. און ער האָט געהאַט דעם כוח צו טרייסטן. נאָך דער טבילה אין די וואַסערן פון ירדן האָבן אַלע געגעסן צוזאַמען און אַלע האָבן זיך געפילט, ווי דאָס געוויסער וואָלט אַראָפּגענומען פון זיי אַלע ליידן און זייער גאַנצן צער, אַפילו זיינע הייסע ווערטער האָבן געווירקט טרייסטנדיק, ווי מופתים".

„איז דאָס אמת, אַז נישט יוחנן, נאָר אַן אַנדערער מאַן, האָט געשאַפן דעם נייעם גלויבן? — האָט אַרטאַפּאַנוס זיך געוואָנדן צו אפרים בן־אליעזר — שאול־פּאַולוס האָט דאָ געפּרעדיקט וועגן אַ מאַן פון נצרת, וואָס איז געקרייציקט געוואָרן און איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. ווי איז געווען זיין נאָמען?.."

„די קריסטן רופן אים יעזוס". — האָט געזאָגט זאָסימוס.

„יעזוס... — האָט בן־אליעזר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, — ביי אונדז האָט ער געהייסן ישוע, נאָר גערופן האָט מען אים פאַרקירצט, ישו, ווי מען רופט פאַרקירצט יוסף — יוסי. איך געדענק אים פון דער צייט, ווען ביי אונדז אין

שטעטל, אין יפיע, איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן זיינע ברידער און עט־לעכע מורדים פון אונדזער שטעטל, באשר, האָבן זיי געזאָגט, ישו רופט נישט־קעגנצושטעלן זיך די רוימער, בעת מען דאַרף אַלץ טון אַרויסצוטרייבן די רוימער פון יהודה. און די מעשה מיט ישו איז געווען די מעשה ווי מיט אַ סך פון זיינס גלייכן אין יענער צייט. אין דעם שטעטל נצרת, אין די בערג, האָט געלעבט אַן אָרעמע פאַמיליע פון דעם סטאָלער יוסף און זיין ווייב מרים. פינף זין און עטלעכע טעכטער זענען געווען אין דער פאַמיליע. ישוע איז געווען דער עלט־סטער. פון דער נאַטור־אויס איז ער געווען אַ פאַרחלומטער און אַ טרוימערישער. ווי אַלע יידישע קינדער פון גליל, איז אויך אים באַשערט געווען צוזאַמען מיט דער אייגענער דחקות איינזאַפּן אין זיך דאָס געשפּענסט פון אונדזער לאַנד. בעת קיין יהודה איז געקומען דער פּראָקוראַטאָר גאַבּיניוס און ער האָט אָנגעהויבן נאָך מער אויסרויבן דאָס לאַנד, און דעמאָלט ווען די רוימער האָבן דורכגעפירט דעם צענזוס צו פאַרשרייבן די קעפּ און דאָס פאַרמעגן פון יידן, כדי נאָך מער אויס־צאַפּן דעם מאַרך פון די ביינער, האָט זיך אין גליל אָנגעהויבן אַ מרידה. טויזנטער און טויזנטער יידן זענען אַנטלאָפן פון די היימען צו די מורדים, וואָס פלעגן אויף די וועגן טויטן באַאַמטע און זעלנער. דעמאָלט איז קיין יהודה געקומען דער סירישער נציב וואַרוס מיט זיינע קאָהאָרטעס אויף איינצושטעלן אָרדענונג אין לאַנד. ער האָט באַפוילן חרוב צו מאַכן די שטאָט ציפּורי, פון וואַנען עס זענען געקומען די פירער פון אויפשטאַנד. אויף די וועגן פון גליל האָבן די רוימער געפאַנגען צוויי טויזנט יידן און זיי געקרייציקט און אַנדערע פאַרקויפט ווי שקלאַפן. אַ סך פון די קעמפער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג פון נצרת. אין די אָוונטן פלעגן די קעמפער אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און אַריינקומען אין דעם שטעטל נצרת אויף צו שטילן זייער דורשט און הונגער. האָט זיך דער פאַרחלומטער ישוע צוגעהערט צו דעם, וואָס די קעמפער האָבן דערציילט, ווי די רוימער רויבן אויס די דערפער, טויטן אומשולדיקע מענטשן און אַז די מנהיגים אין ירושלים לאָזן איבער דאָס פאָלק אויף הפקר און קימערן זיך נישט וועגן זיינע ליידן. די דערציילונגען האָבן צערודערט און דערשיטערט דאָס טרוימערישע יינגל און, ווי אַ סך פון זיינס גלייכן, האָט ער געטרוימט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער נעמען געווער אין די הענט און צושטיין צו די יידישע קעמפער. אָבער ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער נישט געפילט אין זיך קיין כוח צו דער שווערד. ער איז געווען שוואַך. ער האָט אפילו זיין פאָטער ביים סטאָלער־וואַרשטאַט נישט געקענט העלפן. און צוליב זיינע שוואַכע אָרעמס און פאַרחלומטקייט האָט ער נישט געזען קיין זין אין קאַמף מיט דער שווערד און סיקי. פאַר וואָס, האָט ער געפרעגט, זאָל דער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס האָט געשפּאָלטן דעם ים, כדי אַרויסצופירן די יידן פון מצרים, נישט אויסלייזן זיין פאָלק אין זיין אייגן לאַנד פון פרעמדער קנעכטשאַפט? דעריבער, ווען ער האָט געהערט וועגן דעם אויסטערלישן מאַן יוחנן, וואָס דרשנט דאָס אָנקומען פון מלכות שמים און די אויסלייזונג פון מענטש דורך טבילה אין

די וואַסערן פון ירדן, איז ישוע אַוועק צו אים און געלאָזט זיך טובלען. און אויך ער האָט זיך דערפילט דערלייזט פון אַלע לאַסטן און יעדן צער, ווי די וואַסערן וואָלטן דאָס אַלץ אַראָפּגעשווענקט פון אים. ער איז אַהיימגעקומען קיין נצרת אין גליקזעליקייט און אין גליקזעליקייט געוואַרט אויף דעם אָנקומען פון מלכות־שמים. אָבער אַנשטאָט עס זאָל דערגיין צו אים דאָס אָנקומען פון דעם הימלישן קיניגרייך, איז דערגאַנגען צו אים, אַז דער טעטראַרך פון גליל האָט געהייסן אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון יוחנן און אים דערלאַנגען אויף אַ טאַץ צו זיין שטיפטאָכטער פון אַ זינדיקער מאַמען. אַן אויפגעפלאַמטער איז דעמאָלט ישוע אַוועק אין בית־כּנסת פון נצרת און גערופן צו די יידן בעת דער תפילה: 'עס איז געקומען די צייט און עס דערנענטערט זיך דאָס הימלישע קעניגרייך; טוט תשובה! און גלייבט אין דער גוטער בשורה! זעט, צו וואָס עס האָט דערפירט די לערע פון די פרושים, די אָפּטריניקייט פון די צדוקים און די שווערד פון די קנאים — דער אָנזאָגער פון מלכות השמים איז אומגעבראַכט געוואָרן. דאָך, דאָס הימלישע קיניגרייך דערנענטערט זיך און איר, איר מאַכט זיך גרייט דאָס הימלי־שע קיניגרייך אויפצונעמען'.

„האָבן די יידן פון נצרת געשפּאָט פון אים: וואָס פאַר־אַ־זעלכער איז ער עס, דער זון פון יוסף דעם סטאָלער, ער זאָל קומען מבטל מאַכן אַלץ, וואָס עס האָבן געלערנט אונדזערע חכמים? צי איז ער דען אויף אַזוי פיל געלערנט אין ספרים, צו לייקענען אין אַלץ וואָס עס האָבן געזאָגט אונדזערע געלערנטע? איז ישוע נאָך מער פאַרביטערט געוואָרן. און ווי דאָס טרעפט מיט מענטשן, וואָס צוליב דער שווערער אבדה פון אַ נאָענטן זעען זיי די שולד אין אַלץ און אין אַלעמען, אַזוי האָט אויך דער נצרתער יונגערמאַן אין אומברענגען דעם בעל־מופת יוחנן געזען די שולד אין די פרושים, אין די צדוקים, אין די קנאים און איצט אויך אין זיינע שטעטישע, וואָס ווילן נישט גלייבן זיינע ווערטער, נאָר זיי חקרנען זיך און ווילן אַלץ פאַרשטיין מיט שכל. און ער — ער קען אַפילו קיין מופתים נישט באַווייזן, ווי עס האָט באַוויזן יוחנן.

„אין זיין אויפגעבראַכטקייט איז ישוע אַוועק פון זיין היימשטאָט נצרת און אַ צעפלאַמטער האָט ער אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די ישובים פון גליל און געדרשנט וועגן מלכות השמים, ווי ער האָט דאָס אַמאָל געהערט פון יוחנן. און וואָס מער ער האָט געדרשנט, אַלץ מער איז ער אַליין צעגליט געוואָרן. און נאָך אים האָבן אָנגעהויבן נאָכגיין די סאַמע אָרעמסטע, די סאַמע הונגעריי־קסטע, וואָס האָבן אין ערגעץ נישט געפונען קיין אויער, וואָס זאָל אויסהערן זייער צער. און ער האָט זיי אויסגעהערט. צוליב דעם אָבער, וואָס מען האָט אים ווינציק געגלייבט, און די פאַרמעגלעכע האָבן אים נישט געוואָלט געבן קיין געלט אויף צו קענען שפּייזן די הונגעריקע, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, איז ער אַוועק אין דעם פרוכטבאַרן טאָל וואָס אַרום דעם ים כנרת און איז אָנגעקומען אין כפר נחום. די הייסע דרשות, וואָס ישוע האָט געהאַלטן אין דער גרויסער שול אין כפר־נחום, ביים ברעג פון דער אָזשערע, האָבן געצויגן

אַ סך צוהערער. דאָ, אין דער שטילער געגנט, האָט ער גערופן צו זיין גוט צו איינאַנדער, העלפן אָרעמע און קראַנקע און ליב האָבן גאָט. די פּאַרגרעבטע לייט האָבן נאָך קיינמאָל אַזוי פיל גוטע און שיינע ווערטער נישט געהערט און אין אים האָבן זיך געקלאַמערט די אָרעמסטע און די אומגליקלעכסטע. אויפן ברעג פון כנרת האָט זיך דעמאָלט געפונען די נייע זינדיקע שטאָט טבריה, ווו יידן האָבן נישט געוואָלט אַריינקומען צוליב די אָפּגעטער, וואָס זענען דאָרט אַוועקגעשטעלט געוואָרן. אָבער יידישע מיידלעך פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך — בית צידה, כפר נחום, מגדל, ארבל און חמת — זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די זינד פון זנות צוליב אָרעמקייט און אומוויסן.

„האָבן זיי זיך געקלאַמערט אין די פּאָלעס פון ישוע און צו אים זענען אויך צוגעשטאַנען די פישער אויפן ברעג פון כנרת. און דער רייכער מוכסניק מתתיהו־לוי האָט אויף אויסצוקויפן זיך פון זיינע פיל זינד אים אַריינגענומען צו זיך אין הויז און אים אָפּגעגעבן כבוד. און כדי אויפצוהייבן די פּאַרגרעבטע, זינדיקע און אָרעמע, האָט ישוע געפּרעדיקט קעגן די רייכע און קעגן די מעכטי־קע, און זיינע ווערטער זענען געווען גוט צו די אויערן פון די אומגליקלעכע. און זיי האָבן געקלעפּט צו אים און געגלייבט אין אים. און אַ טייל פון די לייט — די פישערס, שמעון־פּעטרוס און אַנדרעאַס, ברידער, און יעקב און יוחנן, אויך ברידער, און מתתיהו און איינע פון די אויסגעלאַסענע, מרים פון מגדל, האָבן נישט געוואָלט אַוועק פון אים, באַגלייט אים איבער די אַרומיקע דערפער און געגלויבט זיין געטלעכקייט. און דעמאָלט האָט שוין ישוע אויך באַוויזן מופ־תים — אַרויסגעטריבן דיבוקים, געהיילט מטורפע און גאַנץ געמאַכט צעבראָכענע געמיטער. און וואָס מער די לייט האָבן געגלייבט אין אים, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן גלייבן אין זיך אַליין, אַז גאָט האָט אים אַראָפּגעשיקט, צו זיין דער אָנזאָגער פון משיח און אפשר משיח אַליין.

„בעת ישוע האָט איין מאָל פאַר זיינע תלמידים פאַרטרויט דעם סוד, אַז ער אַליין איז משיח און זיי געבעטן, זיי זאָלן דאָס קיינעם נישט דערציילן, האָבן זיך די לייט נישט געקענט איינהאַלטן און עס איבערגעגעבן פון אויער צו אויער, ביז עס איז דערגאַנגען צו דעם טעטראַרך פון גליל און ער האָט באַפוילן פאַנגען דעם פאַלשן משיח. דעמאָלט איז ישוע מיט זיינע תלמידים אַנטלאָפן, וואָרום אויך אַ סך יידן זענען געווען אויפגעבראַכט אויף אים, הלמאי ער רופט זיך אַליין משיח, בעת משיח — דער וואָס איז פאַרשפּראָכן געוואָרן, דאַרף זיין פון דודס שטאָם און ער איז נאָך נישט געקומען.

„איבער גאַנץ גליל האָט זיך דעמאָלט צעטראָגן, אַז דער זון פון דעם נצ־רתער סטאָלער, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון משיחן, האָט זיך אַליין געקרוינט ווי משיח און ווהין ער איז געקומען האָבן די אויפגעבראַכטע לייט געפאָדערט פון אים, ער זאָל באַווייזן די נסים, וואָס שטייט געשריבן, אַז משיח וועט באַווייזן. און ישוע האָט דאָס נישט געקענט באַווייזן. מיט אַ קליין הייפל פון זיינע תלמידים איז ער שפּעטער אַנגעקומען קיין ירושלים און זיך פאַר־

האַלטן אין בית־חנין, וואָס הינטער דער מויער, ווו עס האָבן זיך געפונען די קרעציקע — חוץ־למחנהדיקע און פאַרביטערטע צוליב זייער צרעת.

„אויך די קרעציקע האָבן געהאָפט, אַז איצט, מיטן אָנקומען פון משיחן, וועלן זיי געהאָלפן ווערן צוזאַמען מיט אַלע געפּלאָגטע, אָרעמע און אומבאַהאָל־פענע. און פון גרויס פרייד, פון דערוואַרטונג צו זען אין ירושלים דעם גרויסן נס פון משיחס אָנקומען, האָבן אים די לייט מיט באַגייסטערונג און אפילו מיט טענץ באַגלייט אַרויף אין דער הויפּט־שטאָט. און צו זיי זענען צוגעשטאַנען אַ סך פון המון, וואָס אויך זיי האָבן אין זייער אָרעמקייט און אויסזיכטלאָזי־קייט דערוואַרט משיחן. בעת די מחנה, מיט ישוען פאָרויס, איז אָנגעקומען צו דער אויבערשטאָט, האָבן זיינע תלמידים מיט פרייד געררופן, אַז משיח איז גע־קומען, דער מלך פון יהודה איז געקומען, ער איז גאָטס זון.

„די געלערנטע אין ירושלים האָבן פון אָנהייב נישט געלייגט קיין אַכט אויף אים. איבערן לאַנד גייען אַרום אַ סך אַזעלכע פון די איסיים און פון יוחננס לייט, וואָס זאָגן־אָן דאָס אָנקומען פון משיח — איז וואָס אַרט עס עמעצן אויב קיין ירושלים איז אָנגעקומען דער צעטומלטער פון גליל און אַרום אים קלאַ־מערן זיך פאַרגרעבטע פון המון, פישער פון כנרת אָדער זונות פון מגדל און פון אַנדערע פלעצער? ער וועט זיך אָפּפרייען מיט זיי און ער וועט אַוועק פון וואַנען ער איז געקומען. אָבער כדי צו דערצערנען די געבילדעטע לייט פון ירושלים האָט ישוע אָנגעהויבן לעסטערן בפרהסיא מנהגים אין בית המקדש און אויסרעדן שלעכטס אויף די פירער פון פאָלק. און ווען צו זייערע אויערן איז דערגאַנגען, אַז דער צעטומלטער פון גליל רופט אויף די געמערק, אַז ער איז דער זון פון גאָט און משיח אַליין, זענען זיי געוואָרן אומרואיק. דאָס פאָלק איז פול מיט צאָרן וואָס די רוימער האָבן אין לאַנד צעשטעלט אָפּגעטער און זיי פאָדערן, מען זאָל גלייבן, אַז די דענקמעלער פון די אימפּעראַטאָרן זענען געטער. און איצט קומט אַ מטורפער און רופט אויס זיך אַליין, ווי דעם זון פון גאָט? וואָס וועט ווערן מיט דער אומה, וואָס אונטער די פיס פון דעם געצנדינערישן רוים וועט נאָך דערצו איר גלויבן אונטערגעגראָבן ווערן דורך אַ מטורף? אויב ער איז ווירקלעך משיח — זאָל ער באַווייזן מיט מופתים, און אויב ער קען נישט באַווייזן מיט מופתים, איז ער אַ פאַלשער משיח. און ווען עס האָבן זיך אויך אָפּגעפונען עדות, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז זיי האָבן געהערט ווי ער לעסטערט גאָט דורך אָנרופן זיך בן־אלוהים, איז דער גלילער נזיר פאַרשפאַרט געוואָרן אין תפיסה. די וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט זענען זיך צעלאָפן; בלויז איינער, אַ פישער פון כנרת, איז אים געבליבן טריי. ערב פסח איז עס געשען, ווען ישוע איז געבראַכט געוואָרן פאַרן סנהדרין, ווו דער כהן־גדול יוסף כיפא איז געווען דער ראש. איינער פון די שופטים האָט גע־פרעגט דעם באַשולדיקטן, צי ער האַלט זיך פאַר אַ בן־אלוהים, ווי עס זאָגן די עדות, האָט ישוע געענטפערט, אַז באַלד וועט מען דעם מענטשן־זון זען זיצן ביי דער רעכטער זייט פון גאָטס טראָן און זיך טראָגן אויף די וואָלקנס

פון הימל. פון דעם האָבן די שופטים אַרויסגעדרונגען, אַז ער האַלט זיך פאַר אַ בן־אלוהים און דערמיט האָט ער געלעסטערט גאָט. דעמאָלט האָט יוסף כיפא געריסן קריעה אין זיינע קליידער און דער סנהדרין האָט אים געמשפּט. אָבער קיין גזר־דין נישט אַרויסגעטראָגן, ווייל לויט די געזעצן, וואָס די רוימער האָבן דעמאָלט געהאַט איינגעפירט אין יהודה, האָט בלויז דער פּראָקוראַטאָר געהאַט דערצו רעכט. X

„דעמאָלט איז ישוע געבראַכט געוואָרן צו פּאָנטיוס פּילאַטוס. דעם רוימער איז ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען, וואָס דער גלילער נזיר לעסטערט דעם יידישן גאָט. אים איז געגאַנגען אין דעם, וואָס עס איז אים צוגעטראָגן געוואָרן, אַז דער גלילער האַלט זיך פאַר דעם מלך פון יהודה. דאָס איז בונט קעגן רוים! און ער וואָלט אים אוודאי גלייך אָפּגעשיקט צום קרייציקן, ווען נישט דאָס, וואָס אויך ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ צעטומלטן. און ווייל ישוע איז געווען אַן איינוווינער פון נצרת, וואָס האָט געהערט צום מאַכט־קרייז פון הורדוס־אַנטיפּאַס, און דער טעטראַרך פון גליל איז גראָד געקומען אויף פסח קיין ירושלים, האָט דער פּראָקוראַטאָר אָפּגעשיקט צו אים דעם באַשולדיקטן, ער זאָל באַשטימען וואָס צו טון מיט דעם מטורף. אָבער דער טעטראַרך האָט זיך אָפּגע־זאָגט צו באַשטימען דעם גורל פון דעם גלילער. ער האָט געדענקט די פאַרביטע־רונג פון די איינוווינער פון זיין טעטראַרכיע נאָך דעם ווי ער האָט אומגע־בראַכט יוחנן דעם בעל־מופת, און ער האָט נישט געוואָלט די פאַרביטערונג נאָך אַ מאָל פונאַנדערבלאָזן מיט אַ צווייטן פאַל. דרשנט דאָך ישוע, אַז ער איז משיח — זאָל ער; דרשנט ער, אַז ער איז דער מלך פון יהודה — זאָל ער. די מאַכט איבער יהודה באַשטימט רוים און נישט וויכטיק וואָס אַ מטורפער זאָגט וועגן זיך. און דער טעטראַרך האָט צוריקגעשיקט ישוען צום פּראָקוראַטאָר דער־מיט, אַז ער וויל נישט געניסן פון זיינע רעכט אַרויסצוטראָגן אַ גזר־דין אויף דער גלילער וואַנזיניקן.

„דער אכזריותדיקער פּאָנטיוס פּילאַטוס, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר דעם מינדסטן צייכן פון מרידה — און אין לאַנד זענען פאָרגעקומען כסדרדיקע בונטן — און ער האָט מיט אַ לייכט האַרץ טאָג־איין טאָג־אויס געשיקט יידן אויפן צלם, כדי אָנצושרעקן אַנדערע, האָט געוואָלט פּטור ווערן פון נאָך איין ייד. און ער האָט באַפוילן אויפשלאָגן דעם גלילער אויף אַ צלם. און כדי אים אויך צו דערנידעריקן, ער זאָל זיין צו שפּאָט אפילו אויפן קרייץ, האָט ער געזאָגט צו זיינע זעלנער: פאַרגעסט נאָר נישט דעם „מלך פון די יידן" צו קרוינען מיט אַ דערנערקראַנץ און איבער זיין קאָפּ אויפשלאָגן אַ שילד, ווער ער איז, און זאָלן די יידן וויסן, אַז קיין לעבעדיקער מלך פון יידן איז מער נישטאָ.

„האָט דער המון נישט פאַרשטאַנען דעם שפּאָט פון דעם רוימישן פּראָקוראַטאָר און אויך אַזוי די תלמידים פון ישוע. האָבן די תלמידים פון דעם געקרייציקטן געזאָגט: אפילו די רוימער זענען מודה, אַז ישוע איז געווען דער מלך פון די

יידן און זיי האָבן אויף זייער לשון אויפגעשריבן: „יעזוס נאַזאַרענזיס רעקס יודעאָרום". און מיט דעם זענען זיינע תלמידים ווידער אַוועק צום המון און גערופן, אַז דער געקרייציקטער האָט מיט זיין טויט אויסגעלייזט די זינד פון די אַלע, וואָס גלייבן און ווען גלייבן אין אים, אַז ער איז געווען משיח.

„דאָס אַלץ וואָלט פאַרגעסן געוואָרן, ווי עס איז פאַרגעסן געוואָרן, אַז אַ סך טויזנטער יידן זענען אין יענער צייט געקרייציקט געוואָרן אונטער פאַרשידענע אויסריידן: פאַר מרידה קעגן רוים, פאַר צעשטערן די געטער־סטאַטועס, וואָס די רוימער האָבן אַריינגעפירט, פאַר נישט צאָלן דעם צינדז, וואָס די רוימער האָבן געפאָדערט פון האַרטנעקיקע דערפער, פונקט ווי זיי האָבן פאַרברענט די שטאָט ציפּורי, וואָס פון איר זענען אַרויסגעקומען יידישע קעמפער. אָבער בעת די גלוביקע אין ישוע האָבן איינגעזען, אַז די אכזריות פון די רוימער שטאַרקט זיך, און זיי האָבן אפילו אויסגעשאָכטן אָנגעזעענע לייט פון צווישן די שומרונים, האָבן זיי מורא געהאַט, אַז די רוימער וועלן אויך זיי פאַרפאָלגן. די מערהייט פון זיי זענען דעריבער אַוועק אין די גריכישע שטעט אויף יענער זייט ירדן, און כדי זיך איינצוקויפן אין חסד פון די פרעמדע, האָבן זיי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס האָבן די יידן געקרייציקט דעם משיח, וואָס איז געקומען אויס־לייזן נישט בלויז די יידן, נאָר אַלע מענטשן פון דער וועלט. און דעריבער האָבן זיי נישט מער קיין שייכות צו די יידן. דאָס איז ווילגעפעלן אין די אויגן פון די געצנדינער און טייל פון געצנדינער זענען צוגעשטאַנען צו זיי".

„דאָס איז דאָס ערגסטע — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן — וואָרום אַזוי לאַנג ווי די צעריסנקייט אין דער יידישער מחנה, און אפילו די בלוט־פאַר־גיסונגען צווישן זיי אַליין איז געווען בלויז זייער אייגענע זאַך, זייער אייגענע מלחמה, איז דאָס געווען אונדזער אינערלעך אומגליק. אָבער אַזוי שנעל ווי די אינערלעכע מלחמה איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויך פאַר פרעמדע און פרעמדע ווערן אין איר אַריינגעצויגן — זע איך אין דעם, דאָס גרעסטע פון אונדזערע אומגליקן. ווען ווייסט, ווער ווייסט, — האָט אַרטאַפּאַנוס איבערגעחזרט — מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן..."

„און דעריבער בין איך געקומען צו אייך מיט אַ שליחות, — איז אפרים בן־אלעזר אַריינגעפאַלן אַרטאַפּאַנוסן אין די רייד, — איצט, בעת דער בית המקדש איז חרוב, דאָס פאָלק אין יהודה איז טויטלעך פאַרוווּנדעט און די מינים רייסן פון אונדז שטיקער, ווייל יבנה ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך און וואָס מער פון דעם וואָס עס לאָזט זיך ראַטעווען. די פאַרשידענע פאַלשע משיחים — און מען דאַרף וויסן, אַז די מינים זענען נישט נאָר פון דעם גלילער נזיר, נאָך מיר האָבן אויך שפּעטער געהאַט אַ ,משיח' מיטן נאָמען טעודע, וואָס האָט געזאָלט שפּאַלטן דעם ירדן, און נאָך שפּעטער אַ ,משיח' מיטן נאָמען יהושע בן־חנן".

„איינציקער גאָט אין הימל" — האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אויסגערופן — וואָס טוט זיך עס אין יהודה? אַזאַ קליינע מדינה און דאָרט געשעט מער ווי אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע".

„ווען אַ פאָלק ראַנגלט זיך אין אויסזיכטלאָזיקייט און וויל נישט אונטער־גיין, ראַנגלט זיך יעדער אבער אויף אַן אַנדערן אופן און מען טוט זיך אַליין אָפט מאָל שלעכטס, הגם קיינער מיינט דאָך נישט שלעכטס. דאָס פּשוטע פאָלק האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. קיינער פון די פאַרנונפטיקע לייט אין ירו־שלים איז נישט געקומען קיין גליל אויפקלערן פאַרן פאָלק, וואָס עס געשעט און וואָס עס האָט צו טון. די כהנים־גדולים, וואָס האָבן די כהונה געקויפט פאַר גרויסן שוחד, האָבן נישט געזאָרגט פאַרן פאָלק. די געלערנטע זענען נישט אַרויס פון ירושלים, כדי זיך נישט אַראָפּצולאָזן צו די עם־הארצים. איז געקו־מען אַ מאַן מיטן נאָמען טעודע און דערקלערט, אַז ער וועט אויסלייזן דאָס פאָלק פון די ליידן. וואָרום, האָט ער געזאָגט, דאָס צוגעזאָגטע מלכות שמים פון יוחנן איז נישט געקומען; די צייטן פון משיחן איז מיט ישו נישט געקו־מען, האָט טעודע געזאָגט, אַז ער איז דער אמתער משיח, און ער וועט ברענגען די געטלעכע ישועה פאַרן פאָלק ישראל און נאָך דעם וועט קומען די אויסלייזונג פון דער גאַנצער אומה. איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די שטעט און דערפער פון גליל און געדרשנט, אַז ווער עס וויל זיין פון די ערשטע דערלייזט צו ווערן, זאָל מיט אים מיטגיין צום ירדן און ער וועט שפּאַלטן דעם ירדן, ווי גאָט האָט געשפּאָלטן דעם ים פאַר די יידן, ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים, און דאָס וועט זיין דער אָנהייב פון דערלייזונג. זענען אים נאָכגעגאַנגען מחנות מענער צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער כדי צו דערלעבן די שעה פון גאולה. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי דער גוטער מלך אַגריפּאַס איז געשטאָרבן און רוים האָט געשיקט קיין ישראל דעם אכזריותדיקן פּראָקוראַטאָר, קוספּיוס פאַדוס.

„האָט דער צורר מורא געהאַט פאַר יעדן סימן פון מרידה קעגן רוים. איז ווי ער האָט געהערט, אַז אַ משיח מיטן נאָמען טעודע פירט יידן צום ירדן און דער ירדן דאַרף זיך שפּאַלטן ווי אַ צייכן פון גאולה, האָט ער אַרויסגעשיקט צום ירדן אַ קאַהאָרטע רייטער, וואָס האָבן אויסגעהרגעט די גאולה־טרוימער און מיט גרויס פּאַראַד געבראַכט דעם קאָפּ פון טעודע קיין ירושלים. שפּעטער איז געקומען יהושע בן־חנן און זיך דערקלערט פאַר אַ נביא און משיח. איך געדענק, ווי ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון ירושלים און גערופן: ,אַ קול פון אויפגאַנג, אַ קול פון אונטערגאַנג; אַ קול פון די פיר ווינטן; אַ קול וועגן ירושלים און אַ קול וועגן בית־המקדש, אַ קול וועגן דעם חתן און אַ קול וועגן דער כלה; אַ קול וועגן דעם גאַנצן יידישן פאָלק!' אָבער צוליב דעם וואָס ער האָט נישט צוגעזאָגט קיין נאָענטע דערלייזונג, נאָר פאַרקערט, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם משיח און נביא, וואָס זאָגט אָן, אַז עס דערנענטערט זיך אַ גרויס אומגליק, האָט אים דער פאַרצוויפלטער המון געשלאָגן און ער האָט אונטער די קלעפּ געשריגן: ,ווײ, וויי איז צו דיר, ירושלים!' צו די פאַלשע משי־חים זענען צוגעקומען פריער די קנאים און שפּעטער די סיקאַריער. און אויף וויפל די קנאים זענען געווען אָרנטלעכע און פּשוטע יידן, וואָס האָבן געמיינט, אַז

דורך כסדרדיקע מרידות קעגן די רוימער וועלן זיי פאַרטרייבן פון לאַנד די פרעמ־דע, אַזוי זענען די סיקאַריער געווען אַ צווייטע פלאָג פון הימל, צו דער ערש־טער פלאָג פון די פרעמדע באַצווינגער. מיט דער צייט זענען צו די סיקאַריער צוגעשטאַנען באַנדיטן, רוצחים און גנבים. זיי איז אַלץ איינס געווען, וועמען זיי דערשטעכן. אויב זיי האָבן געפאָדערט אויסקויף־געלט ביי רייכע און דאָס געלט נישט באַקומען, האָבן זיי די מענטשן אומגעבראַכט. און אויב עמעצער האָט זיי באַצאָלט אויף אומצוברענגען אַ כהן־גדול, האָבן זיי דעם כהן־גדול דערשטאָכן. פאַר געלט האָבן זיי אויך אויסגעפירט מאָרדן פאַר די רוימער, פונקט ווי זיי האָבן געמאָרדעט רוימער אויס קליינלעכער נקמה, און נישט ווי די קנאים, פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק. אָך, מיינע ליבע, ווען איך זאָל זיצן מיט אייך צען טעג און צען נעכט וואָלט איך נישט געהאַט גענוג ווערטער צו דערציילן דאָס אַלץ, וואָס ביי אונדז איז געשען,—האָט אפרים בן אליעזר פאַרבראַכן די הענט—עס טוט מיר וויי, וואָס איך דערצייל אייך דאָס אין הייליקן שבת, ווען אַ ייד דאַרף לעבן אין שלווה פון אָפּרו...״

„דערציילט, דערציילט,—האָט אים אַרטאַפּאַנוס געמונטערט,—זאָל מיין זון הערן וועגן דעם און דאָס אַרייננעמען אין האַרץ און אין זכרון. יעדער ייד דאַרף דאָס וויסן, כדי מיר אַלע צוזאַמען, ווען די גאולה וועט קומען, זאָלן מיר נישט איבערחזרן די פעלערן פון צעשפּאַלטונג און פאַרריסנקייט, וואָס קענען קיינמאָל נישט פירן ערגעץ אַנדערש ווי צו חורבן. צי קענען אונדזערע שבתים זיין שלווהדיקע נאָך דעם אַלעמען ?״

„איר זענט גערעכט, גערוסיאַרך,—האָט געזאָגט אפרים בן־אליעזר—וואָס שייך מיר און מיינס גלייכן, געדענקען מיר פאַר יהודה אמתדיקע שבתים בלויז אין די פאַר גוטע יאָר, ווען עס האָט געהערשט דער מלך אַגריפּאַס, דאָס איי־ניקל פון הורדוס און מרים פון די חשמונאים״.

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ ציטער געטון ביים הערן דאָס וואָרט „חשמונאים״. אין איין רגע האָט אויף אים אַ יאָג געטון זיין גאַנץ לעבן און אַלץ וואָס איז געשען מיט זיין שטאַם. מרים איז דאָך געווען זיין קרובה, דאָס אייניקל פון דעם מלך אַריסטובול. אָט אַזוי, הייסט עס, האָבן פאַרענדיקט די חשמונאים זייער הערשאַפט: אין זייער גייציקייט צו הערשן האָט אייניגער פאַרגעסן אַז יהודה האָט זיך אַריינגעפירט פרעמדע און אין די פרעמדע האָבן זיי אַריינגעגאָסן זייער בלוט. די לעצטע חשמונאים האָבן געוואָלט זיין ווי אַלע פעלקער און דערמיט האָבן זיי דערפירט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל ליידן אַ חורבן. — „אָ, גאָט אין הימל, ווי דו פּרוווסט אויס דיין פאָלק, און וויפל עקשנות האָט עס דיין פאָלק, צו בלייבן מיט דיר און זיך ראַנגלען פאַר דיינע געזעצן און פאַר דיין גרויסקייט!״—אַרטאַפּאַנוס איז געווען איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט, און הגם ער איז, ווי פריער, געזעסן אַן אָנגעשפּאַנטער צו הערן, וואָס עס דערציילט דער גאַסט, האָט ער איצט זיינע ווערטער כמעט נישט געהערט. און אפרים בן־אליעזר האָט ווייטער דער־ציילט:

„רוים האָט אָפּט געביטן די פּראָקוראַטאָרן, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז וואָס מער פון אירע באַאַמטע זאָלן זיך אָנטרינקען מיט יידיש בלוט. עטלעכע יאָר פאַרן סוף זענען קיין יהודה געקומען פּראָקוראַטאָרן, וואָס איינער איז געווען אַ גרעסערער מערדער פון צווייטן. דער געוועזענער שקלאַף פון קייזערלעכן הויף אין רוים, פעליקס, וואָס צוליב אים איז דרוסילאַ, די טאָכטער פון דעם גוטן מלך אַגריפּאַס, געוואָרן אַ געצנדינערין און מיט אים חתונה געהאַט; דער אויפגעקומענער גריך און שונא ישראל געניוס פלאָרוס, וואָס איז געווען דער לעצטער פּראָקוראַטאָר פאַרן חורבן — זיי האָבן אונדזער לאַנד חרוב געמאַכט נאָך איידער עס איז געקומען דער חורבן בית המקדש. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט מערדער און גנבים, ער האָט איבערגעקויפט סיקאַריער און דורך אָט די פינצטערע לייט האָט ער באַרויבט די רייכע. פון יעדן רויב־אָנפאַל האָט ער גענומען זיין חלק. ער האָט געפּאַנגען סיקאַריער און געהייסן זייערע פריינד, זיי זאָלן נעמען ביי רייכע יידן געלט און אים באַצאָלן פאַר באַפרייען זייערע חברים. זענען די רייכע צוזאַמען מיט זייערע משפּחות אַנטלאָפן פון יהודה, ווער קיין מצרים, ווער קיין דמשק — ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן. און איבערן לאַנד זענען די צעווילדעטע געצנדינער, די סיריער און גריכן, אַרויסגעטרעטן קעגן יידן און געהאָלפן די רוימער זיי פייניקן. אין יריחו, אין קיסריה, אין בית־שאָן, ווו נאָר די געצנדינער זענען געווען אין דער מערהייט, זענען יידן געפּייניקט געוואָרן, זייערע בתי־כנסת זענען געשענדט געוואָרן, אַז יידן זענען קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם חורבן פון ירושלים, מיט דעם חורבן פון בית־המקדש און... זאָל אונדז גאָט העלפן, עס זאָל נישט זיין דער חורבן פון אונדזער פאָלק".

„רעדט נישט אַזוי! — האָט אויסגערופן פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ — אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן קומט נישט אום". — אין אירע אויגן האָבן געפינקלט טרערן.

„כדי דאָס זאָל נישט געשען, בין איך געשיקט געוואָרן צו אייך פון רבן יוחנן בן־זכאי. ער האָט צעשיקט שליחים אין אַלע לענדער, ווו עס זענען פאַראַן יידן, צו העלפן אים ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. דאָס פאָלק איז צעטרייסלט און דערשיטערט. רבן יוחנן בן־זכאי און זיינע תלמידים האָבן אין יבנה אויפגעשטעלט לערן־הייזער און ווין־הייזער פאַר יידישע קינדער. דאָרט האָבן זיך צוזאַמענגענומען די געלערנטע, אַהין ברענגט מען יתומים און פאַרוואָרלאָזטע, מען שפּייזט זיי און מען לערנט זיי. וואָרום, זאָגט רבן יוחנן: ווען מען ראַטעווע אָפּ די נשמה פון אַ פאָלק, ראַטעוועט מען דאָס פאָלק. און אַז עס וועט זיין אַ פאָלק, וועט מען אויך אָפּבויען דעם בית־המקדש. וואָרום טאָמער, חלילה, זאָל אויך חרוב ווערן די נשמה פון פאָלק — פאַר וועמען וועט מען דאַרפן א בית המקדש? פאַר וועמען וועט מען דאַרפן אַ לאַנד? און אויב איר, גערוסיאַרך אַר־טאַפּאַנוס, און אַלע יידן אין רוים, וועלן אונדז העלפן, מוזט איר העלפן נישט

בלויז מיט געלט, אַז יידן זאָלן קענען לערנען תורה און ווידער אויפריכטן אונדזער פאָלק. טיטוס האָט אויסגערויבט די הייליקע גאָלדענע חפצים פון בית המקדש און ער פירט זיי מיט אַ שיף קיין רוים. אָט די חפצים מוזן מיר האָבן צוריק אין ארץ־ישראל! מיט אָט די חפצים וועלן מיר האָבן אין יבנה דאָס הייליקסטע פון בית־המקדש. די רוימישע יידן מוזן זיך משתדל זיין און אויסקויפן די צוגערויבטע הייליקייטן. און אויב פדיון שבויים איז א גרויסע מצווה, וועט דאָס זיין דאָס העכסטע פון פדיון שבויים".

אַרטאַפּאַנוס האָט טרויעריקלעך אַ קוק געטאָן אויף דעם גאַסט און שטיל געזאָגט:

„איר האָט אַרויפגעלייגט אַ שטיין אויף מיין האַרץ, אפרים בן־אליעזר, וואָרום איך פאַרשטיי, נאָר איך קאָן פאַרשטיין! יאָ, נאָר איך קאָן פאַרשטיין, — האָט ער איבערגעחזרט — וואָס די הייליקע חפצים פון בית־המקדש מיינען פאַר די איבערגעבליבענע יידן אין ארץ־ישראל. אויב אָבער וועספּאַסיאַן קרייציקט און האַקט אָפּ קעפּ פאַר אַרויסשמוגלען גאָלד פון רוים, מאָלט זיך זיין פאַרביסנ־קייט און גייציקייט צו די גאָלדענע כלים פון בית־המקדש, וואָס זיינען זין זעען אין זיי דעם סימבאָל פון זייער זיג איבערן יידישן פאָלק. ניין, ניין, איך גלייב נישט, מען זאָל קאָנען וועגן דעם רעדן מיטן אימפּעראַטאָר. ער איז צו פיל פאַרריסן מיטן זיג און ער וויל אונדז דערנידעריקן ביזן סוף. איך ווייס דאָס, איך האָב אויף דעם סימנים, וואָס שניידן זיך איין אין מיין לייב. דאָך וועל איך פּרווון, איך וועל פּרווון. נאָר איין זאַך זאָג איך אייך יאָ צו: מיר וועלן אייך העלפן מיט אַלע אונדזערע כוחות אויפצוהאַלטן די נשמה פון פאָלק, צו פאַרפעסטיקן דעם גלויבן און צו היילן די ווונדן פון אונדזער פאָלק, אַז מיר זאָלן ווידער אויפגעריכט ווערן צו אַ פאָלק, נאָר צו אַ געזונט פאָלק אין אונד־זער אייגן לאַנד".

דורך די פענצטער האָט אַריינגעלויכטן דער נייער טאָג מיט אַ גראָלעכן בלוי און עס האָט אַריינגעקוקט אַ באַגינען פון אַ שבת, וואָס איז פאַרשטערט דורך עצבות. דאָס געררויש פון די פלעמלעך אין די אייל־לעמפּלעך איז געווען ווי דאָס קלאַפּן פון די הערצער, פון די וואָס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זענען זיי געזעסן ביים טיש איבער נישט־אויסגעליידיקטע וויין־בעכער...

קאַפּיטל פינף

אַ טייך, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ מיט האַסט פון אַ באַרג, איבער פעלדזן און אָפּהענגען אין אַ צעדונערטן וואַסערפאַל, און שניידט זיך ווידער אַריין אַ געצווימטער אין געלעגער פון טאָל, מאַכט שטוינען און באַוווּנדערן דעם געטלעכן כוח. אָבער וועלכער בייזער כוח האָט זיך מיט שפּאָט און נאָכקרימונג קעגן גאָט פאַרמאָסטן צו ווענדן אַ טייך פון טאָל, אַרויף איבער בערג און פעלדזן, ווי דאָס איז געשען אין יענעם פרימאָרגן אין רוים? ווי אַ צעשטורעמטער טייך האָט אויסגעגאָסן די אומענדלעכע מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם נידעריקן ברעג אויף יענער זייט טיבער און מיט וועגן און אומוועגן געפלאָסן אַרויף־אַרויף, צום אויבערשטן רוים. נישט געווען צו זען קיין מענטשלעכע פּיס, נאָר ווי אַ פליסיקע מאַסע, וואָס אירע טיילן זענען באַהאָפטן מיט אומגעזעענע בענדער, האָט זיך דער גאַנצער פלעבס פון טראַסטעווערע אויפגעהויבן און געקוואַלט אַרויף־אַרויף, צו די רייכע ווילאַס, צו די גאַסן פון פּאַלאַצן און טעמפּלען פאַר פּאַטריציער, ווו דער פוס פונעם המון באַטרעט נישט אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר. עס האָבן געשטראָמט בעל־מלאכהס און הענדלער, סוחרים און זונות, פישער און ערד־אַרבעטער, מוילאייזלען באַלאָדן מיט קינדער, שמאַלציקע ווייבער, וואָס זייער פלייש האָט זיי געצויגן צו דער ערד, נאָר דער כוח פון דער מאַסע האָט זיי געשטופּט פאָרויס, סאָפּענדיקע זקנים און צעזונגענע שיכורים.

היינט וועט טראַסטעווערע האָבן אַ רו־טאָג אין מיטן יאָר. היינט וועלן זיין שטיל די מערק פון געווענדער און בשמים, די מערק פון שקלאַפן און חזירים. די וואַנדערנדיקע הענדלער וועלן נישט אויסזינגען זייערע גליקן און די ווייןקאַמערן וועלן פּוסטעווען. די פישער־שיפן וועלן רוען הינטער די פאַרהאַנגענע נעצן ביים ברעג און פון די שמידערייען וועט נישט קומען דער קלאַפּנדיקער טורמל. ס'איז אַ זעלטענער רו־טאָג אין דער געצנדינערישער וועלט, וואָס ווייסט נישט פון רו־טעג במשך דעם יאָר. היינט קומט פאַר דער טריאומף־צוג פאַר דעם אימפּעראַטאָר און זיינע צוויי זין — די באַזיגער פון אַ לאַנד פון אַן אויסטערליש פאָלק, ערגעץ־ווו אויף יענער זייט ים, אַ פאָלק, וואָס גלייבט אין איין גאָט און איז ווינציק און איז מעכטיק און, וואָס נאָר די שווערד פון רוים עס האָט געקאָנט באַזיגן. און די באַזיגטע וועלן געפירט ווערן אין פאַראַד! שטורעמט טראַסטעווערע אַרויף־אַרויף, כדי צו זיין פון די ערשטע, פאַרנעמען די בעסטע

פלעצער אויף די וויאַס, וואָס נעענטער צום פּאָרום, און מיט די אייגענע אויגן זען די געפאַנגענע פון דעם אויסטערלישן פאָלק.

אויך אין דעם יידישן פערטל פון טראַסטעווערע איז דער טאָג געווען אַנדערש פון אַלע וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. אויך דאָ האָט מען געוואָרפן דעם האַנדל און די אַרבעט, אויך דאָ זענען טויזנטער מענער אַרויס פון די הייזער און אַוועקגעשטראָמט, באַגלייט פון די פאַרצערטע אויגן פון זייערע ווייבער מיט קינדער אויף די אָרעמס — נאָר נישט מיט דער צעשטורעמטער מאַסע געצנדינער זענען די יידן אַוועק; זיי זענען געגאַנגען צו זייערע סינאַגאָגעס, יעדער צו זיין עדה. און יעדער האָט אונטערן אָרעם געטראָגן אַ זאַק, אויסגנאָרעט אין אַש. כאָטש צעזונטער פרימאָרגן איז געווען, זענען אין די סינאַגאָגעס אָנגעצונדן געוואָרן די אייל־לייכטער און ביי דער טיר האָט יעדער אָנגעטאָן דעם זאַק מיט אַש אויפן קאָפּ, אַריין אינעווייניק און ווי אַן אבל שטיל זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. היינט איז אַ תענית און אַ טרויער. און ווי אַ יאָמערלעכער געשריי צווישן שטילקייט, אַזוי האָבן זיך צווישן די זיצנדיקע פּאַראַבלטע יידן אויסגעטיילט אין יעדער סינאַגאָגע דער געראָסיאַרך און די אַרכאָנטן, וואָס אין זייער צער האָבן זיי זיך געמוזט אָנקליידן אין זייערע יום־טובדיקע בגדים, איבערלאָזן זייערע עדהס מיט בעל־תפילות, און אַליין אַוועקגיין צום פּאָרום מקבל־פּנים זיין די באַזיגער פון יהודה, די צעשטערער פון ירושלים און דעם בית־המקדש. אָבער איידער זיי זענען אַוועק, און כדי מיטצוטראָגן מיט זיך די אבלות, זענען זיי געקומען אין זייערע בגדי יום־טוב אין די סינאַגאָגעס אויסצוהערן צוזאַמען מיט זייערע עדהס און נאָכזאָגן די פסוקים פון מגילת איכה. וואָלטן די געצנדינער נישט געווען אַזוי צאָלרייך און זייער פריידיקער טומל נישט אַזוי ווילד, וואָלטן אפשר די הימלען אין יענעם פרימאָרגן אויסגעהערט דאָס געוויין וואָס האָט זיך געטראָגן פון די סינאַגאָגעס:

„ווי איינזאַם איז געבליבן זיצן די שטאָט פון צאָלרייכן פאָלק! זי איז געוואָרן ווי אַן אלמנה, די מעכטיקע צווישן פעלקער; די פירשטין צווישן מדינות איז געוואָרן צו צינדז. וויינען וויינט זי אין דער נאַכט און איר טרער איז אויף אירע באַקן. זי האָט נישט קיין טרייסטער צווישן אַלע ליבהאָבערס. אַלע אירע פריינט האָבן זי פאַרראַטן — געוואָרן צו איר פיינט. פאַרגלותט איז געוואָרן יהודה פון פּיין און שווערער פראַצע; זי איז צווישן פעלקער געזעסן און קיין רו נישט געפונען — אַלע אירע פאַרפאָלגער האָבן זי דערגרייכט צווישן די ענגשאַפטן. די וועגן קיין ציון טרויערן אָן די, וואָס זאָלן קומען אויף צו יום־טובן. אַלע אירע טויערן זענען וויסט, אירע כהנים זיפצן, אירע יונגפרויען זענען פאַראומערט און זי — ביטער איז איר. אירע שונאים זענען געוואָרן דער הויפּט, אירע פיינט זענען אין שלווה, ווייל פאַראומערט האָט זי גאָט פון וועגן אירע פיל פאַרברעכנס — אירע קינדער זענען אַוועק אין געפאַנגענשאַפט פאָרויס פון די באַדריקער — — — — ״

אַרטאַפּאַנוס איז אַרויס פון זיין סינאַגאָגע אין דער באַגלייטונג פון דריי

אַרכאַנטן. זיי זענען געווען אַנגעטאָן אין יוסטע שווערע טאָגעס מיט פּאַרביקע זוימען. און ווי זיי זענען אַריבער די שוועל פון הייליקן הויז האָבן זיי אַראָפּ־געוואָרפן פון זייערע פּנימער דעם טרויער. זאָלן די געצנדינער נישט זען די יידן אין צער. אָבער סיי ווי האָט זיי קיינער נישט אָנגעקומען ווי יידן. זיי זענען געווען ענלעך צו די רייכע פּאַטריצער, וואָס זענען אויך אין זייערע קאַרעטן געפאָרן צום פּאַראַד.

צוליב דער ענגשאַפט אויף די אויבערשטע גאַסן האָבן זיי געמוזט איבער־לאָזן די קאַרעטן און גיין צו פוס ביז צום טעמפּל פון קאַפּיטאָלישן יופּיטער. דאָ זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אַ דריי מנינים יידן, פאָרשטייער פון סינאַ־גאָגעס, וואָס זיי איז צוגעטיילט געוואָרן אַ פּלאַץ נעבן די פאָרשטייער פון דער שטאָט רוים. בעת אַרטאַפּאַנוס האָט זיך מיט זיי באַגריסט, האָט ער באַ־מערקט, אַז דאָס פּנים פון מנשה־ניקאָדעמוס, וואָס איז געקומען מיט דער דעלע־גאַציע פון זיין סינאַגאָגע, איז פאַרטרויערט. אַרטאַפּאַנוס האָט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל זיך דערנענטערן צו אים און אים געזאָגט באַפּעלעריש:

„ווייז נישט די געצנדינער, וואָס עס טוט זיך אין דיין האַרץ. צי טוט דיר ווי אַ צאָן, וואָס דו זאָלסט דעם ווייטיק אַרויסטראָגן אויפן פּנים?"

ניקאָדעמוס האָט געפּרוווט דעם ווייטיק אויף זיין פּנים פאַרשטעלן מיט אַ גרימאַסע, וואָס האָט אים געמאַכט לעכערלעך, ווי ער וואָלט עמעצן נאָכ־געקרימט. זיין פיזישער כוח איז געווען צו שטאַרק און ער איז בטבע געווען צו אימפּולסיוו, ער זאָל קענען באַהאַלטן פון זיין פּנים, וואָס עס טוט זיך אין זיין געמיט. און ער האָט געהאַט סיבות צו זיין דערשלאָגן. ער איז נישט גע־ווען געוווינט עמעצער זאָל זיך קעגנשטעלן, אָדער צונישט מאַכן זיינע פּלענער. זיין האַנט איז שטאַרק: אָדער ער פירט אויס מיט אַן אָפענער האַנט, אָדער מיט אַ פויסט, אָבער זיין האַנט מוז זיין פון אויבן. דאָס מאָל איז זיין האַנט גע־ווען שוואַך.

זיינע פּלענער צו ראַטעווען די צוויי גבורים פון צווישן די געפאַנגענע פון יהודה, שמעון בר־גיורא און יוחנן פון גוש חלב, זענען צונישט געוואָרן. פון אָנהייב האָט ער געוואָלט איבערקויפן דעם קאָמענדאַנט פון פאַרט, אַ זולל וסר־בא, וואָס וואָלט פאַר פרעסן און טרינקען פאַרקויפט אַלע מיליטערישע שיפן פון רוים. און ער האָט ליב געהאַט ניקאָדעמוסן פאַר זיין ברייטער האַנט. בעת דער קאָמענדאַנט האָט געהערט וואָס ניקאָדעמוס וויל פון אים און געזען ווי עס איז אַרויסגעשטופּט זיין געלט־גאַרטל, איז ער ווילד געוואָרן:

„טייערער פריינט, — האָט ער אַ קלאַפּ געטון איין פויסט אין דער צווייטער — דו ווייסט, אַז פאַר דיינעטוועגן וואָלט איך גרייט געווען רוים איבערצו־טראָגן אויף אַן אַנדער פּלאַץ. אָבער דאָס מאָל קען איך נישט".

„אַן אַנדערט מאָל וועל איך מוותר זיין. איצט מוזטו מיר אַרויסגעבן צוויי פון די געפאַנגענע, גלייך ווי די שיפן פון קיסריה וועלן צושלאָגן צום ברעג."

„וואָס ווערסטו האָבן פון אַ פריינט אָן אַ קאָפּ?" — האָט דער רוימער גע־

פרעגט — איך האָב אַ באַפעל פון קיסר אַליין, אַז מיט מיין קאָפּ טראָג איך די אחריות פאַר יעדן איינציקן געפאַנגענעם יודייער, וואָס וועט אָנקומען אַ לעבעדיקער אין פּאָרט. קיין איינער טאָר נישט פעלן. דו הערטס? קיין איינ־ציקער!״

„איך דאַרף צוויי!״ — האָט ניקאָדעמוס געזאָגט.

„אפילו קיין האַלבן אויך נישט, — האָט דער קאָמענדאַנט געשאָקלט מיטן פעטן קאָפּ — איך האָב נאָר איין קאָפּ און ער איז מיר טייער״.

מנשה־ניקאָדעמוס האָט אויסגעלאָדן זיין געלט־גאַרטל און אַוועקגעלייגט אַ זעקעלע מיט מטבעות אויפן טיש. דער רוימער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ווי אַ הונט דרייט אַוועק דעם קאָפּ פון אַ שמעקעדיק שטיק פלייש, נאָך דעם, ווי ער ווייסט, אַז ער טאָר עס נישט רירן.

„רייץ מיך נישט, — האָט ער אָנגענומען ניקאָדעמוסן ביי די הענט — וואָס וועל איך האָבן פון דעם גאָלד, אויב איך וועל פאַרלירן דעם קאָפּ?״

„גוט, וועל איך פּרווון אַנדערש״. — האָט ניקאָדעמוס געזאָגט אַ דערשלאָגע־נער.

ניקאָדעמוסעס באַמערקונג וועגן פּרווון אַנדערש, האָט אויך צעשטערט זיין צווייטן פּלאַן, וואָרום דער קאָמענדאַנט איז געווען אַזוי אָנגעשראָקן, אַז אים האָט זיך אויסגעוויזן: ער וועט באַצאָלן מיטן קאָפּ אפילו דעמאָלט, ווען זיין האַנט וועט נישט זיין אין דער מזימה.

ניקאָדעמוס האָט צונויפגערופן זיינע פישער, וואָס אַלע זענען זיי געווען גרים, און ער האָט געזאָגט צו זיי:

„הערט, יידן, פון קיסריה ווערן געבראַכט מיט שיפן זיבן הונדערט געפאַנ־גענע יודייער, וואָס צוויי פון זיי דראָט געטויט צו ווערן און מיר מוזן זיי אָפּ־ראַטעווען. מיר קענען דאָס טאָן איידער די שיפן קומען אַריין אין פּאָרט. וועלן מיר מיט אַלע שיפלעך אַרויספאָרן דרומדיק און מיר וועלן זען וואָס מען קען מאַכן, בעת מיר וועלן זיך, צונויפטרעפן מיט די שיפן. אויב אָבער גאָר־נישט וועט זיך לאָזן מאַכן, וועלן מיר מיט אונדזערע שיפלעך אַזוי מאַנעווי־רירן, אַז די מיליטערישע שיפן זאָלן מוזן פאַרלאַנגזאַמען זייער שנעלקייט, ביז עס וועט צופאַלן דער אָוונט. און טאָמער וועט געשען, אַז געפאַנגענע וועלן שפּרינגען אין ים, טאָר קיין איינער פון זיי נישט דערטרונקען ווערן. צי האָבן אַלע גוט פאַרשטאַנען?״

אַלע האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַ סך בעסער פאַרשטאַנען ווי זיי האָבן געקענט האַלטן די צינגער צווישן די ציין. וואָרום בעת עס איז געקומען די צייט און די פישער־שיפלעך זענען אַרויסגעשוווּמען אין די אָפענע וואַסערן, איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז במשך פון צוויי מעת־לעת איז פאַרבאָטן יעדער פיש־פאַנג דרום־מערבדיק פון רוים און אַז יעדעס שיפל, וואָס וועט זיך געפינען אויף די פאַרבאָטענע וואַסערן, וועט קאָנפיסקירט ווערן.

מנשה־ניקאָדעמוס איז געווען באַזיגט און ער איז געפּייניקט געוואָרן פון

אַ שולד־געפּיל. געדעכט איז געווען דער גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס: „נישט תמיד איז גאָלד פּעאיק איבערצושניידן קייטן״. ער, ניקאָדעמוס, האָט צו פיל געש־טעלט אויף דער שוחד־גייציקייט פון די רוימישע באַאַמטע. אַרטאַפּאַנוס האָט געוואָלט לייכטער מאַכן דאָס שווערע געמיט פון ניקאָדעמוסן און ער האָט אים געטרייסט, אַז אפשר איז גאָטס האַנט אין דעם, וואָס עס איז צונישט געוואָרן דער פּלאַן צו דערטרינקען אַ שיף, וואָרום צוליב דער פינצטערניש אויפן ים וואָלט די צאָל קרבנות זיכער געווען גרעסער פון דער צאָל געראַטעוועטע.

בעת אַרטאַפּאַנוס האָט גערעדט מיט ניקאָדעמוסן, האָט זיך דער ריזיקער פּלעבס לענג־אויס די גאַסן צעוואַיעט: אַן אָפּטיילונג רייטער האָט צוריקגעשטויסן דעם המון, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטופּט צו פיל אויף דעם ברוק. האָט דער פּלעבס געזידט און געקאָכט.

אַרטאַפּאַנוס האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף דעם ערב־רב, וואָס האָט ווי אַ פאַרביקע מאַסע מוראַשקעס באַדעקט ביידע זייטן וועג, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט דערגרייכט. בלויז דער ריזיקער פּלאַץ אַנטקעגן איז געווען פייערלעך פּוסט און דער המון האָט אים אַרומגענומען ווי אַ לעבעדי־קער קראַנץ. דאָרט וווּ דער פאָרום האָט זיך געשלאָסן מיט דער ברייטער וויאַ, מיט וועלכער עס האָט געדאַרפט אָנקומען דער צוג, איז די גאַס געווען איבער־געוואָרפן מיט אַ לייכטן טריאומף־טויער — אַ שלאַנקער בלומען־בויגן און אין זיין צענטער פאַרהאָנגען אַ ריזיקער גילדערנער אָדלער, דער אָפּצייכן פון רוימס מלחמה־לעגיאָנען. ערשט איצט האָט אַרטאַפּאַנוס באַמערקט, אַז אַראָפּ־אַראָפּ זע־נען אויפגעשטעלט איבער דער וויאַ עטלעכע אַזעלכע בלומען־בויגנס און גיל־דערנע אָדלער מיט צעעפנטע פליגל, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס זיך דאַרפן אָפּ־רייסן און אַ שוועב טון צו פאַרציקונג.

און פּלוצים איז עס געשען, אַזוי פּלוצים, ווי עס קומט אָן אַ געוויטער, וואָס מען האָט אים פריער בלויז געפילט מיטן געפּרעסטן געמיט: דער המון האָט אויף אַ רגע איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אָדער דער געקלאַפּ פון פערדישע קאָפּיטעס האָט פאַרטויבט דעם טומל פון דעם ערב־רב. אַ גאַנצער לעגיאָן רייטער, אָפּגעטיילט אין קאָהאָרטעס, מיט פּאַנצערס אויף די ברוסטן און אָפּגעדעקטע העלמען, און אויפגעפלאַנצטע שפּיזן מיט פאַרביקע פענדלעך, האָט זיך געטראָגן אין אַ לייכטן פייערלעכן גאַלאָפּ. און איידער די לעצטע זענען אַריבער, האָבן זיך אָנגעטראָגן צוויי קאָהאָרטעס רייטער אין פולן פּאַנצער מיט צעגלאַנצטע שילדן, אויף אומהיימלעך דיקע פערד, אַלע פון דער זעלבער הויך און פון דער זעלבער הויך די רייטער, ווי זיי וואָלטן געקליבן געוואָרן, איינער זאָל נישט זיין העכער פון צווייטן, און צווישן איין קאָהאָרטע און דער צוויי־טער האָבן צוויי רייטער אויף שניי־ווייסע פערד געטראָגן אויף דורכגעקרייצטע שפּיזן אַ ריזיקן גאָלדענעם אָדלער. דערנאָך איז געגאַנגען אַ לעגיאָן פוס־גייער, וואָס זיין יעדע קאָהאָרטע האָט מאַרשירט אַזוי קאָמפּאַקט, ווי עס וואָלטן גע־גאַנגען אין ריטם צונויפגעגאָסענע מענטשן־מאַסעס. הינטער די פוס־גייער —

ווידער רייטער, נאָר איצט זענען די רייטער צעטיילט אין צוויי שורות פוןביידע זייטן גאַס, לאָזנדיק דעם מיט ליידיק. און נאָך אַן אָפּשטאַנד פון אַ הונדערט טריט מאַרשירן זעלנער מיט די אָפּצייכנס פון אַלע רוימישע לעגיאָנען. דער המון האָט זיך צעברומט אין אַ יובלדיקן וויוואַט־געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן ווי אַ כוואַליע, העכער און נידעריקער, העכער און נידעריקער. געשיצט פון ביידע זייטן מיט דאָפּלטע שערענגעס רייטער זענען געגאַנגען אָפּגערוקט אַ ביסל איינער פון צווייטן: די דריי זיגרייכע טיטוס פלאַוויוסעס — אין דער מיט דער אימפּעראַטאָר וועספּאַסיאַנוס טיטוס פלאַוויוס, פון זיין רעכטער האַנט טיטוס פלאַוויוס וועספּאַסיאַנוס, וואָס האָט ענדגילטיק צעבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון ירושלים און חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, און פון זיין לינקער זייט — דער ייִנגסטער, וואָס שטייגט אַריבער אין אכזריות זיין פאָטער און ברודער, דאָמיציאַן טיטוס פלאַוויוס. אַלע דריי זענען באַקרוינט געווען מיט מירטן־קרענץ און האָבן זיך געטראָגן מיט אַזאַ פאַרריסנקייט און שטאָלץ, ווי זיי וואָלטן אומשטערבלעכע געווען. דער קיסר, ווי אַ בלאָק פלייש אַרומגעהילט מיט אַ טאָגע, האָט צוליב זיין פעטן נאַקן און אומהיימלעך דיקן האַלדז געמוזט זיך אויסבייגן אויף הינטערווייליעכץ, כדי צו פאַררייסן זיין קאָפּ, און אויף זיין ברייטן שמאַלציקן פּנים איז געווען צעגאָסן אַ שמייכל פון תענוג. די זין זיינע, מיט ברייטע גופים, דאָך שלאַנקערע, זענען געגאַנגען מיט ברייטע טריט, ווי עס זענען געווינט צו גיין מענטשן, וואָס פאַרברענגען אַ סך צייט אויף רייט־פערד. אַרום זיי, פון ביידע זייטן און פון הינטן, אָפּגערוקט אויף אַ מרחק פון דרך־ארץ, זענען געגאַנגען סענאַטאָרן און הויכע רוימישע באַאַמטע, אַלע אין בלאַנק־ווייסע טאָגעס מיט פאַרביקע זוימען. זייערע פּנימער זענען געווען ערנסטע, זייערע טריט געמאָסטענע, ווי זיי וואָלטן נאָכגעגאַנגען אַ פּראָצעסיע פון אָפּגעטער.

דער פלעבס האָט געיובלט, געיובלט אין וואַנזיניקן עקסטאַז.

און זעט, זעט! באַלד נאָך די ווייסע טאָגעס, ווערט דער צוג אָפּגעשלאָסן פון דריי רייען רייטער און הינטער זיי טראָגן זעקס זעלנער אַ מאַסיוון גאָלדעם טיש. די זעלנער בייגן זיך אונטער דער לאַסט פון גאָלד, און הינטער זיי גייען אַנדערע זעקס, וואָס בייטן אום די פאַרמאַטערטע טרעגער. און אַ פּאָר טריט ווייטער טראָגט אַן אָפיציר אַ גאָלדענעם אָרון. אין אים געפינט זיך אַ ספר־תורה פון בית־המקדש, און נאָך אַ ביסל ווייטער טראָגן פיר זעלנער אויף די אַקסלען אַ ריזיקע גאָלדענע זיבן־רעריקע מנורה. אַ פּאָר טריט ווייטער טראָגן זעלנער אויף די אַקסלען אָפענע קאַסטנס מיט גאָלדענע חפצים. דאָ איז שוין דער המון אויסער זיך פון עקסטאַז און געשריי און שגעון, ווי אַ ים וואָלט געקאָכט, ווי שטורעם־כוואַליעס וואָלטן געקלאַפּט אין פעלדזיקע ברעגן, אונטערגעאיילט מיט אַ פייפנדיקן ווינט. די זעלנער, וואָס האָבן געטראָגן די טראָפייען, דעם רויב פון בית־המקדש, זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ דריי־רייאיקן עליפּס פון רייטער, ווי עס וואָלט געדראָט, עמעצער זאָל באַפאַלן דעם שלל

און אים נאָך אַ מאָל אַוועקרויבן. הינטער דעם שוץ־עליפּס, צווישן צוויי רייען רייטער, זענען געגאַנגען די יידישע געפאַנגענע — מידע, אָפּגעריסענע, די האָר צעפּאַטלטע און צוגעקלעפּטע צו זייערע שטערנס. כאָטש שוואַרץ פון דער זון, זענען די פּנימער אויסגעלאָשענע און נאָך מער זייערע אויגן — אויגן, וואָס האָבן געקוקט און נישט געזען, אויגן, וואָס האָבן געבענקט צו דער ערד, דער גוף זאָל זיך אַוועקלייגן און רוען, רוען ביזן טויט. אָבער זיי זענען געגאַנגען, איינער האָט דערמוטיקט דעם צווייטן, דער הינטערשטער האָט נישט געלאָזט אָפּשטיין דעם, וואָס איז געגאַנגען פאַר אים, און די פון די זייטן האָבן געצויגן נאָך זיך דעם, וואָס איז געגאַנגען צווישן זיי. נאָך אַ טריט און נאָך אַ טריט און עס וועט נעמען אַ סוף. וואָרום באַלד פון הינטן זענען געגאַנגען אומענדלעכע רייען פוס־גייער און רייטער און טאָמער וועט עמעצער פאַלן, וועט ער צעטרעטן ווערן אונטער זייערע פיס. דער טריאומף־מאַרש טאָר נישט געשטערט ווערן, ס'איז דער גרעסטער טריאומף־מאַרש פון רוים — דער צוג פון נצחון איבער דעם עקשנותדיקסטן פאָלק, וואָס רוים האָט אונטערטעניק געמאַכט. אַרטאַפּאַנוס איז שוין אַליין, אַמאָל־אַמאָל, געגאַנגען ווי אַ געפאַנגענער אין אַזאַ טריאומף־צוג און ער האָט די דערנידעריקונג קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער וואָלט זיך אָבער קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער פּיין פון צוקוקן זיך צו אַזאַ צוג קען אַזוי טיף ווײ טון און קען דערוועקן אַזאַ צאָרן, ווי ער האָט געפילט דאָס מאָל. ער האָט געפּרוּווט צולענען די אויגן, כדי זיינע אויגן זאָלן נישט איינזאַפּן די בילדער, אָבער די ווילדע יובל־געשרייען פון דעם פּלעבס זענען דעמאָלט געוואָרן נאָך שאַרפערע, האָבן אָפּגעקלונגען אין די אויערן ווי פאַרטויבנדיקע דונערן. האָט ער געמוזט צוזען אַלץ, אַלץ. בעת די לעגיאָנען רייטער זענען דערגאַנגען צום פאָרום, אַנטקעגן דעם טעמפּל פון קאַפּיטאָלישן יופּיטער, ווו עס זענען געווען פאַרזאַמלט די דעלעגאַציעס, האָבן זיי זיך אויס־געשטעלט אין אַ האַלבן קרייז. אין דער ברייטער עפענונג פון דעם האַלבן קרייז האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די דריי טריאומפאַטאָרן און זייערע באַגלייטער, מיט די פּנימער געווענדעט צום טעמפּל. די קאָלאָנע געפאַנגענע יידן איז אָפּ־געשטעלט געוואָרן. אַ רייטער איז אַרויסגעטרעטן אין פראָנט און ביי אַ געקעפּ־טער שטילקייט אויסגערופן:

„דער געפאַנגענער סימאָן בר־גיורא!!!"

אין דער קאָלאָנע איז געוואָרן אומרואיק און די אומרואיקייט האָט זיך איבערגעטראָגן צו די אַרומיקע. צוויי זעלנער האָבן פון דער קאָלאָנע אַרויסגע־פירט אַ מאַן מיט צעשויבערטע האָר, אין אַ לאַנגן אויבערמאַנטל פון דער זעל־בער פאַרב, ווי זיין זון־פאַרברענט פּנים, און די הענט געשלאָסן פון פאָרנט מיט אַ דיקער מאַנקעטן־קייט. דער מאַן, וואָס זיין ברייטער קרעפטיקער גוף האָט זיך אָנגעזען דורך דעם אויבערמאַנטל, איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין פראָנט פון דעם אימפּעראַטאָר און אַ גרילצנדיקער באַפעל פון דעם רייטער האָט אַ צי־געטון די קאָלאָנע פאָרויס.

שמעון בר־גיורא איז געבליבן שטיין איינער אַליין אויף דעם פרייען שטח, וואָס צווישן די טריאומפאַטאָרן און די דעלעגאַציעס — אַליין, אַ פאַרלוירענער, אַן עלנטער, אַ פאַרמשפּטער. ער האָט דאָך אפילו נישט געוווּסט, אַז אַ צוואַנ־ציק טריט ווייטער, הינטער אים, שטייען דריי מנינים פון זיינע פאַרקלעמטע ברידער, וואָס זענען מיט זייערע הערצער און נשמות מיט אים. אין איין אויגנ־בליק האָט שמעון אויפגעהויבן דעם קאָפּ און בלענדיק אַ קוק געטון אויף די דריי רוימער מיט די מירטן־קראַנצן אויף די קעפּ. ער האָט זיי אַלע דערקענט, ער האָט זיי אַלע געזען אויף דער ערד פון יהודה, ווו זיי האָבן איינער נאָכן אַנדערן דערשלאָגן זיין פאָלק. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אָבער דער קאָפּ זיינער איז געבליבן אויפגעהויבן. ווי מיד און אויסגעפייניקט ער איז געווען, האָט ער מיט זיינע לעצטע כוחות געהאַלטן דעם קאָפּ אין דער הויך. דער זעלבער רוימער, וואָס האָט שמעונען אַרויסגערופן פון דער קאָלאָנע, האָט זיך געשטעלט פאַרן אימפּעראַטאָר און ער האָט מיט אַ ריטמישער שטים אים גע־מאָלדן וועגן דעם יודייאישן בונטאַר קעגן רוים, סימאָן בר־גיורא. ווּעספּאַסיאַן האָט פויל אויפגעהויבן זיין שווערן אָרעם פאַר זיך און אים אַראָפּגעלאָזט צוריק מיט אַ פויסט און אָפענעם דיקן פינגער צו דער ערד. דער רייטער האָט זיך בראַווּריש אויסגעקערעוועט צו שמעונען, פאַרוואָרפן איבער זיין האַלדז אַ שטריק און אים אַ שלעפּ געטון נאָך זיך. שמעון איז אים נאָכגעגאַנגען מיט האַמעטנע טריט און נאָכגעצויגן נאָך זיך אַלעמענס אויגן. אויך די דריי מנינים יידן האָבן אים באַגלייט מיט די בליקן און אויך מיט זייערע הערצער. מנשה־ניקאָדעמוס האָט געוויינט. אַרטאַפּאַנוס האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט צו אים שטיל, אָבער באַפעלעריש:

„זיי אַ מאַן!"

ניקאָדעמוס האָט פאַרביסן די ליפּן און שווער געאָטעמט. אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעכאַפּט דעם ווייטן בליק פון ווּעספּאַסיאַן. ער האָט נישט געמאַכט קיין טעות. דער אימפּעראַטאָר האָט געקוקט אויף אים. ער איז געווען נייגעריק צו זען, ווי עס פאַרהאַלט זיך דער שטאָלצער יודייער אַרטאַפּאַנוס, ווען ער זעט דעם גורל פון זיינס אַ גלויבנס־ברודער. אָ, ער האַלט פאַרריסן דעם קאָפּ, פּונקט אַזוי ווי דער, וואָס מען פירט אַוועק צום טויט. אַ פאָלק פון עקשנים, אפילו ווען זייער גאָט פאַרלאָזט זיי.

שמעון בר־גיורא איז פאַרשוווּנדן אין די טויערן פון דער תפיסה. אויפן פאָרום איז געוואָרן אומרואיק, אַ געפּרעסטער אומרו, וואָס האָט פּלוצים אויפגעע־ריסן אין אַ דונערדיקן מאַסנהאַפטן אויסגעשריי, ווען דער רייטער איז אין גאַלאָפּ געלאָפן צוריק איבערן פאָרום און זיך ראַפּטום פאַרהאַלטן פאַר די טריאומפאַטאָרן. אין דעם שטורעם פון ענטוזיאַסטישע וויוואַט־אויסרופן האָט דער רייטער געמאָלדן דעם קיסר, אַז „דער געפאַנגענער יודייאישער פירער פון בונט קעגן רוים איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך אָפּהאַקן דעם קאָפּ, אויפן באַפעל פון זיין מעכטי־קייט, דעם קיסר פון דער רוימישער אימפּעריע". נאָך איידער ווּעספּאַסיאַן האָט

אַפּגענומען די מעלדונג, איז ער שוין געווען מיט אַ פּוס פאַראויס. די טריאומ־פאַטאָרן זענען אַריבער אויף דער צווייטער זייט, אין דער ריכטונג צום טעמפּל. די דעלעגאַציעס האָבן פריי געמאַכט דעם וועג פאַר די הערשער און ווען וועספּאַסיאַן איז פאַרבייגעגאַנגען אַרטאַפּאַנוסן, האָט ער אים שאַרף אַ קוק געטון אין די אויגן. דער גערוסיאַרך האָט אויסגעהאַלטן דעם שטאָלענעם בליק פון זיינע פאַרפעטסטע אויגן. ערשט ווען אויך די דעלעגאַציעס זענען נאָכגעגאַנגען דער סוויטע און די באַגלייטער פון די זיגער, האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרשטעלט זיין פּנים מיט ביידע הענט.

„מען טאָר נישט אַזוי, גערוסיאַרך!" — האָט ניקאָדעמוס באַמערקט.

אַרטאַפּאַנוס האָט אָפּגעדעקט דאָס פּנים.

„מאַכסט אַ טעות, — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט — די שונאים וועלן מיינע טרערן קיין מאָל נישט זען!"

עמעצער פון די יידן איז צוגעקומען צו אַרטאַפּאַנוסן און געפרעגט:

„צי וועלן מיר אויך אַריינגיין אין טעמפּל?"

„ניין! — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן — יידן גייען נישט אין געצנדינערי־שע טעמפּלען!"

דער גערוסיאַרך פון דער קאַמפּעניעזער סינאַגאָגע האָט געפרעגט אַ דער־שראָקענער:

„צי וועט דאָס נישט ציען דעם צאָרן פון קיסר?"

„יידן גייען נישט אין געצנדינערישע טעמפּלען! — האָט אַרטאַפּאַנוס איבער־געחזרט — וואָס נאָך וועט אונדז בלייבן, אויב צו דער דערנידעריקונג וועלן מיר נאָך אַליין מבזה זיין אונדזער גלויבן?"

„און דאָס צווען? דאָ..." — האָט דער גערוסיאַרך פון דער קאַמפּעניעזער גע־רוסיע אָנגעוויזן אויפן המון.

„מיר האָבן אויסגעפירט די גזירה פון דער מאַכט אויף אונדזערע גופים. אויך דאָס איז איבער מיינע כוחות. איך בין אָבער נישט גרייט אויסצופירן די גזירה אויף אונדזערע נשמות — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן מיט פאַרביטערונג און צוגעגעבן שטילער: — אַזוי אויך, שטעלט אונדז אויס גאָט אויף צו פיל נסיונות. שטאַרק צו פיל. ער שטיצט די, וואָס לייקענען אין אים און ער פאַרלאָזט די, וואָס גלייבן אין אים. צי וועט דאָס זיין דער שטייגער?"

דער גערוסיאַרך פון דער קאַמפּעניעזער סינאַגאָגע האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אַרטאַפּאַנוסעס ווערטער:

„מען טאָר נישט ספקן אין דער גערעכטיקייט פון גאָטס וועגן, וואָרום אויב יאָ — וואָס וועט אונדז אונטערשיידן פון די געצנדינער און צו וואָס אַלע אונדזע־רעליידן?"

„זייט רואיק, גערוסיאַרך, — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט — מיר וועלן גאָט נישט פאַרלאָזן. אפילו ווען זין צאָרענען קעגן זייער פאָטער, קאָנען זיי זיך נישט

אָפּזאָגן פון זיין בלוט און פון דעם אַלעמען, וואָס זיי האָבן פון אים גענומען און איינגעזאַפּט אין זיך".

„וואָס איז דאָס אַזעלכעס?" — האָט געפרעגט מנשה־ניקאָדעמוס.

אַרטאַפּאַנוס האָט אויף אים אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ קינד:

„דאָס איז דאָס, מיט וואָס מיר אונטערשיידן זיך פון געצנדינער. דאָס לעבן פון געצנדינער האָט נישט קיין גייסטיקן תכלית. זיי לעבן צוליב דער עקזיס־טענץ גופא. מיר, מיר ווילן דאָס דערהויבענע פון גאָט אין הימל אַראָפּברענגען אויף דער ערד".

„און זיי באַרויבן אונדזערע הייליקטימער — האָט ניקאָדעמוס געזאָגט. — איר האָט געזען, וואָס אַלץ זיי האָבן ביי אונדז צוגערויבט?"

„געזען, ניקאָדעמוס. ווי איך גלייב אין דעם איינציקן גאָט, אַזוי בין איך זיכער, אַז אָן אַ משפט צדק וועט רוים נישט אָפּקומען דערפאַר, אַפילו ווען גאָט העלפט זיי איצט".

עס איז געוואָרן אַן אויפרודערונג. די רייטער אויפן פּלאַץ האָבן זיך פאַר־מירט אין קאָלאָנעס, ווי פריער בעת דעם צוג. די טריאומפאַטאָרן זענען אַרויס פון טעמפּל און אין דער באַגלייטונג פון די סענאַטאָרן און הויכע באַאַמטע זע־נען זיי אַוועק צום סענאַט, בעת די רייטער זענען, אַנדערש ווי פריער, געריי־טן נאָך זיי און זיי באַגלייט. די צוגערויבטע גאָלד־חפצים פון בית־המקדש זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין טעמפּל פון יופּיטערן. אַרטאַפּאַנוסן איז פּלוצים אַנטלאָפן דאָס בלוט פון פּנים און ער האָט אָנגעכאַפּט ביים אָרעם איינעם, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו אים:

„איך פּיל זיך שלעכט, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט — באַגלייט מיך אַהיים".

מנשה־ניקאָדעמוס האָט אים אַרומגענומען מיט זיין פעסטן אָרעם און מיט דעם צווייטן, פרייען אָרעם, ווי מיט אַ שיפלרודער, פריי געמאַכט פאַר זיך דעם וועג אַוועקצופירן אַרטאַפּאַנוסן. עס איז געווען נישט לייכט. דער פּלעבס איז געווען צו פּיל הפקרדיק און צעווילדעוועט פון ענטוזיאַזם, און מיט צו פּיל פאַרערונג פאַר די טריאומפאַטאָרן, ער זאָל איצט ווערן אויסהערן עמעצנס ווער־טער און פריי מאַכן דעם וועג פאַר אַ קראַנקן. אָבער ניקאָדעמוסעס זעלבסט־זיכערקייט און נאָך מער זיין שטאַרקער אָרעם, וואָס אַפילו ביי אַ לייכטן שטויס האָט ער פאַרלאָשן יעדן ווידערשטאַנד, האָט פריי געמאַכט דעם וועג. האָט ער אַרטאַפּאַנוסן צוגעפירט ביז דעם פּלאַץ, וווּ עס איז געשטאַנען זיין קאַרעטע, אים אַרויפגעזעצט אויפן געשפּאַן און אים באַגלייט אַהיים.

קאַפּיטל זעקס

דאָס ערשטע מאָל זייט פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אים געקענט, האָט זי אַר־טאַפּאַנוסן אויפגענומען אַ קראַנקן. אין אַזאַ מעמד ווי דאָס מאָל האָט זי אים נאָך נישט געזען. דאָך באַהערשט, כדי נישט מצער צו זיין דעם קראַנקן, איז זי געלאָפן פאַרויס צוגרייטן דאָס געלעגער, און אויפן וועג אַלאַרמירט זאָסימוסן:

„ברענג שנעל אַ רופא. דער פאָטער איז געבראַכט געוואָרן אַ קראַנקער".

זאָסימוס איז אַנטקעגנגעלאָפן זיין פאָטער און געהאָלפן אים אַוועקפירן צום געלעגער. דאָס פּנים פון אַרטאַפּאַנוסן איז געווען בלאָ און צעווייטיקט. זיינע הענט זענען געווען קאַלט און די אויגן מטושטשדיק, ווי זיי וואָלטן מער נישט געזען.

„איך האָב געבעטן, זאָסימוס, דו זאָלסט רופן אַ רופא" — האָט די מוטער שטיל אָבער באַפעלעריש געזאָגט.

דאָך, ערשט ווען אַרטאַפּאַנוס איז שוין געלעגן אויף זיין געלעגער, איז דער זון פאַרשוואונדן. ניקאָדעמוס איז געווען דערשראָקן און פאַרשוויצט.

„וואָס איז געשען?" — האָט פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ געפרעגט ניקאָדעמוסן און גע־קוקט אויף דעם בלאָען פּנים פון איר מאַן.

„איך ווייס נישט... פּלוצים..." — האָט ניקאָדעמוס געשטאַמלט, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק אין דעם וואָס איז געשען.

אַז עס איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון די ציין ביי אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט אינגאַנצן געציטערט.

„הייסע טיכער און וואַרעמע דעקן!" — האָט ניקאָדעמוס אויסגערופן און אַליין אָנגעהויבן רייבן דאָס פּנים פון דעם קראַנקן.

פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ איז מיט פאַרבראַכענע הענט אַוועק פון קאַמער. און באַלד האָט די דינערשאַפט אָנגעהויבן טראָגן דעקן פון שעפּסן־פעל און פון וואָל. ניקאָדעמוס האָט אַראָפּגעצויגן די סאַנדאַלן פון דעם קראַנקנס פיס און מיט זיי־נע גרויסע הענט זיי געוואַרעמט.

„הייסע טיכער! — האָט ער געשריגן צו דער צעטומלטער דינערשאַפט — וואָס שטייט איר?!"

פון שרעק צוליב דעם בייזן טאָן איז די דינערשאַפט אַנטלאָפן. בעת פּלאַוויאַ איז אַריין אין קאַמער, האָט זי געטראָפן ניקאָדעמוסן ווי ער רייבט די פיס פון

דעם קראַנקן און ער שעלט, פלוכט מיט אַ באַנומענקייט, ווי דאָס וואָלט געדאַרפט העלפן דעם קראַנקן.

„וואָס טוט איר?" — האָט זי געפרעגט אַ פאַרלוירענע.

„איך מוז אים דערוואַרעמען" — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אין איר זייט.

„איר שעלט" — האָט זי געזאָגט.

„איך שעלט זיי! אין אַלץ זענען זיי שולדיק. איר האָט געדאַרפט זען, ניין, גוט וואָס איר האָט נישט געזען. דאָס האַרץ האָט געקלעמט פון ווייטיק". ער האָט נישט אויפגעהערט רייבן די פיס פון דעם קראַנקן.

„קענט איר מיר זאָגן, ווי אַזוי איז עס געשען?" — האָט פלאַוויאַ געבעטן מיט אַ טרער אין דער שטים.

דער שטאַרקער מנשה־ניקאָדעמוס האָט אויף איר אַ קוק געטון מיט אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט, ווי ער וואָלט געווען אַן אוממעכטיק קינד.

אין קאַמער איז אַריין זאָסימוס מיט דעם רופא און באַך זיי איז נאָכגעגאַנגען די קליינע קאַקאַטיאַ. די מוטער האָט געכאַפּט דאָס קינד און אַרויס פון קאַמער.

דער רופא, אַן אַלטער מאַן מיט אַ שיין באַוועגלעך פנים, האָט אַראָפּגענומען די טאָגע און זי דערלאַנגט זאָסימוסן. ער איז געבליבן אין אַ גרינלעכן טוניק אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצן גאַרטל. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער געקוקט אויף דעם קראַנקן און געפרעגט שטיל:

„קענט איר מיר זאָגן, וואָס איר פילט, אַרטאַפּאַנוס?"

אַרטאַפּאַנוס האָט געעפנט די אויגן און נאָך אַלץ קלאַפּנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט ער קוים אַרויסגעזאָגט:

„ס'איז מיר שוידערלעך קאַלט... רוים איז אַ קאַלטע שטאָט..."

„אָ־אָ־אָ, אַן אַלטער איינוווינער און זאָגט וועגן רוים, אַז זי איז אַ קאַלטע שטאָט. איז דאָ פאַראַן עמעצער זאָל לאַכן?" — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט — איך גלייב, אַרטאַפּאַנוס, אַז איר מיינט דאָס אין פּאָעטישן זין; איז דאָס אַזוי?"

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין.

„הייסט עס, אַז איין דיאַגנאָזע האָבן מיר שוין פעסטגעשטעלט — האָט דער רופא אויסגעצויגן די הענט — רוים איז אַ קאַלטע שטאָט. וועלן מיר איצט פּרוּוון פעסטשטעלן די צווייטע דיאַגנאָזע: וואָס איז געשען מיט אַרטאַפּאַנוס".

ער האָט אויפגעהויבן אַרטאַפּאַנוסעס אויגן־לעדלעך און זיך גוט איינגעקוקט אין די ראַנדן פון זיינע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט דורך די אויגן פון דעם קראַנקן אַריינקוקן אין גוף. דערנאָך האָט ער צוגעלייגט די שפּיצן פינגער אונטער דעם קראַנקנס אויערן און אַליין צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט זיך לאַנג, לאַנג איינגעהערט אין עפּעס, וואָס נאָר ער אַליין האָט געהערט, און געהייסן דעם קראַנקן אויסטון.

דער רופא איז פֿאַרבליפֿט געוואָרן פֿון דעם שײנעם ברױנלעכן קערפּער און זיך געװאָנדן צו זאָסימוס:

„אויב דו האָסט געירשנט פֿון דײַן פֿאָטער דעם קערפּער, זאָג איך דיר צו, צו זײַן אַ מאָל דער עלטסטער בירגער פֿון רוים. איז דײַן קערפּער אויך אַזוי פֿעסט און שײן?"

„איך האָף, אַז יאָ, — האָט זאָסימוס געזאָגט נישט אָן פֿאַרלעגנהייט — אויף וויפֿל איך געדענק איז מײַן פֿאָטער קײנמאָל נישט קראַנק געווען".

„צוליב דעם שטאַרבן רופֿאים זײער יונג. אויך אַ געזונטער קערפּער דאַרף אַ מאָל קראַנק ווערן, כּדי צו באַפֿרײַען זיך פֿון שפּאַנונג, שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, אַז אויך רופֿאים דאַרפֿן האָבן פֿון וואָס צו לערנען. בין איך נישט גערעכט?"

דער רופא האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די קני און אַרויפֿגעלײגט בײדע הענט אויף דעם קראַנקנס ברוסט און זיך ווידער מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אײַנגעהערט אין עפּעס, וואָס נאָר ער אַלײן האָט געהערט. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער די הענט איבערגערוקט אויף אַן אַנדערן פּלאַץ און לײכט אָפּגעפּילט מיט די שפּיצן פֿינגער. צום סוף האָט ער טיף אײַנגעדריקט דעם בויך פֿון קראַנקן און פּלוצים אים באַפֿרײַט. ער האָט אַ לײכטן קלאַפּ געטון אין בויך און זיך אויפֿגעשטעלט:

„עס איז אַ פֿאַרגעניגן צו באַטראַכטן אַזאַ געזונטן און קרעפֿטיקן קערפּער. דער מענטש קען זײַן אַ גאָט, אויב די געטער האָבן אים ליב — האָט דער רופא געזאָגט. — צי קען איך רעדן מיט פֿרוי פֿלאַוויאַ?"

זאָסימוס איז אַוועק רופֿן די מוטער און אין זײַן אָפּוועזנהייט האָט מנשה־ניקאָדעמוס געפֿרעגט:

וואָס איז דעם קראַנקן?"

„דאָס ווייס איך נאָך נישט, — האָט דער רופא געענטפֿערט, — קראַנקהייטן און גנבֿים כאַפּט מען נישט תּמיד בײַ דער האַנט. אָפֿט גיבן זײ זיך אַלײן אויס".

פֿלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ איז אַרײַן אויף די שפּיצן פֿינגער און אָקעגנגעטראָגן אַ מילד פֿרעגנדיק פּנים:

„האָט איר אויסגעפֿונען וואָס עס איז מיט מײַן מאַן, רופא?"

„איך האָב אויסגעפֿונען, אַז איר האָט אַ וווּנדערבאַרן מאַן, אַ זעלטענעם עקזעמפּלאַר פֿון אַ מאַן". — האָט דער רופא געענטפֿערט.

פֿלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן מיט אַ פֿאַרלוירענעם שמײכל:

„דאָס ווייס איך, רופא. אָבער וואָס איז אים איצט?"

„צום באַדויערן קען איך אײַך איצט נישט זאָגן. עס קען זײַן אַ סך און אויך גאָרנישט. סתּם אַ צוזאַמענברוך, ווי דאָס טרעפֿט בײַ גאָר געזונטע מענטשן, וואָס רעאַגירן אַ מאָל זײער שטאַרק. וואָס איך וויל פֿון אײַך, איז דאָס: גיט אים אויסצוטרינקען אַ קריגל פֿון דעם שטאַרקסטן ווײַן, וואָס איר האָט, ביז ער וועט שיכּור ווערן און אײַנשלאָפֿן. דער ווײַן וועט אים סײַ צעהיצן און

סיי איינשלעפערן. וואָס לענגער ער וועט שלאָפן און וואָס מער ער וועט שוויצן אין דעם קאַלטן רוים, ווי אייער מאַן האָט דאָס געזאָגט, אַלץ בעסער איז. דאָס איז אַלץ, פרוי פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. מאָרגן וועל איך אַליין קומען זען ווי דער הייסער ווייַן האָט געווירקט".

זאָסימוס האָט געהאָלפן דעם רופא אַנטון די טאָגע און צוזאַמען מיט דער מוטער באַגלייט אים צום אַרויסגאַנג.

ווי נאָר דער רופא איז אַוועק, האָט אַרטאַפּאַנוס צוגערופן נעענטער מנשה־ניקאָדעמוס און אים געזאָגט:

„וואָרט נישט, ביז איך וועל געזונט ווערן. זעט איילִיק אויסצוקויפן וואָס מער געפאַנגענע, איידער עס הייבן זיך אָן די קאַמפן אויף דער אַרענע. אין קיסריה זענען אומגעקומען העכער טויזנט. זעט דאָס צו פאַרמיידן אין רוים".

„איך וועל אַלץ טון, גערוסיאַרך, — האָט זיך ניקאָדעמוס אַראָפּגעבויגן צו אים — איך וועל נישט פאַרזוימען".

מנשה־ניקאָדעמוס האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער האַנט פון קראַנקן און ווען מוטער און זון זענען צוריקגעקומען אין דער קאַמער, האָט ניקאָדעמוס זיך געזעגנט:

„איך וואָלט גערן געבליבן נעבן קראַנקן, אָבער מיר האָבן אָפּצוראַטעווען די יידישע געפאַנגענע און מען טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט. די אַרענע... די אַרענע..."

„גייט געזונטערהייט, און זייט מצליח אין אייערע וועגן" — האָט אים פלאַוויאַ געווונטשן און געבעטן זאָסימוסן, ער זאָל אים באַגלייטן.

אַרטאַפּאַנוס האָט אַריינגעגאָסן אין זיך צוויי קריגלעך שטאַרקן וואַרעמען ווייַן און ער איז איינגעשלאָפן אין העפטיקן שווייס און אומרו. פון מאָל צו מאָל איז זיין אָטעם געוואָרן שווער, ווי ער וואָלט אַרויפגעשטיגן אויף אַ באַרג, און פלאַוויאַ, וואָס האָט אָבסערווירט יעדן ציטער פון זיין פנים, האָט זיך געדאַכט ווי ער וואָלט וועלן עפּעס רעדן פון חלום, נאָר עפּעס שטערט אים. מיט אַ טוך האָט זי געווישט דעם שווייס פון זיין שטערן און ווי זי וואָלט אים געזען פון גאָר נאָענט צום ערשטן מאָל, האָט זי באַוווּנדערט די מענלעכע צאַרטקייט פון זיין פנים און פון גערירטקייט האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי האָט איר מאַן צום ערשטן מאָל געזען אָן אומבאַהאָלפענעם און אין אַ צושטאַנד אינגאַנצן אָפּהענגיק פון איר. נאָר זי קען אים העלפן. אין איר צער צוליב זיין קראַנקהייט, וואָס האָט געהאַלטן פאַרקלעמט איר האַרץ ווי אַ פויסט, איז אויך געווען אַ טיף פאַרבאָרגן געפיל פון פלוצים אויפגעקומענער שטאַרקייט כלפּי אים. תמיד האָט ער פאַר איר געזאָרגט, תמיד געווען דער פאָרויסלויפער, טאָמער וועט עפּעס פאַר איר זיין צו שווער. און וואָס מער ער האָט איבערגענומען אירע זאָרגן, אַלץ שוואַכער איז זי געוואָרן. איצט איז ער אַזוי אומבאַהאָלפן. ער האָט גענומען דעם ווייַן פון אירע הענט, ווי אַ געהאָר.:אַם אומבאַהאָלפן קינד, און ווען זי האָט געשעפּטשעט

„שלאָף, שלאָף", איז ער שטיל איינגעשלאָפן, און איצט ווישט זי דעם שווייס פון זיין שטערן. אָ, גאָט, ווי ליב און צאַרט ער איז.

די קליינע קאַקאָטיאַ האָט אַריינגעקוקט פון דער צווייטער קאַמער מיט אַן אויסגעשטרעקט קעפּעלע, געקוקט, דאָ צו דער מוטער, און דאָ צום שלאָפנדיקן פּאָטער, און געפרעגט מיט די אייגעלעך, נישט וואָגנדיק אויסצורעדן א וואָרט. די מוטער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל און איז אויף די שפּיץ נעגל אַוועק צום קינד און קאַקאָטיאַן אַוועקגעפירט אין אַ ווייטערדיקער קאַמער.

„ווער האָט מיין טאַטן שלעכטס געטון?" — האָט דאָס קינד געפרעגט.

„קיינער האָט דיין טאַטן נישט געטון קיין שלעכטס, — האָט די מוטער געענטפערט — דיין פּאָטער איז קראַנק".

„פאַר וואָס איז ער קראַנק?" — האָט דאָס קינד ווייטער געפרעגט.

„דאָס קען קיינער נישט וויסן, מיין קינד. דאָס קומט פון גאָט" — האָט די מוטער געזאָגט אין איר גלויבן.

קאַקאָטיאַ האָט פאַרקוועטשט דאָס נעזל און געוואָרן ערנסט:

„גאָט האָט קראַנק געמאַכט מ י י ן פּאָטער? פאַר וואָס האָט ער דאָס געטון?!" — האָט זי אויסגערופן מיט פאַרדרוס.

כדי צו פאַרמיידן ווייטערדיקע פראַגן האָט פלאַוויאַ געזאָגט:

„מיר וועלן מתפלל זיין צו גאָט און ער וועט דעם פּאָטער צוריקגעבן דאָס געזונט".

„אָבער פאַר וואָס האָט ער דאָס געזונט צוגענומען ביי מיין טאַטן? צי האָט דער טאַטע שלעכטס געטון גאָט? מיין טאַטע איז דער בעסטער פון אַלע טאַטעס!" — האָט דאָס קינד אויסגערופן.

פלאַוויאַ האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. זי האָט מורא געהאַט צו פלאָנטערן זיך אין ווייטערדיקע ענטפערס, וואָרום אויך זי איז געווען זיכער, אַז איר מאַן איז דער בעסטער פון די מענטשן, וואָס זי קען, און ער האָט זיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט, גאָט זאָל אים דערפאַר באַשטראָפן. ווי די קליי־נע קאַקאָטיאַ, וואָלט זי אַליין אויך געהאַט צו פרעגן שאלות און זי וואָלט וועלן מען זאָל איר זיי פאַרענטפערן, נאָר זי האָט נישט אפילו וועמען די שאלות צו פרעגן. זי האָט דעריבער גענומען דאָס פּנימל פון דעם קינד אין אירע מילדע וואַרעמע הענט, און אַריינקוקנדיק אין קאַקאָטיאַס אייגעלעך האָט זי געזאָגט:

„לאָמיר ביידע בעטן צו גאָט, ער זאָל דעם טאַטן צוריקגעבן זיין געזונט. זאָג מיר נאָך, קאַקאָטיאַ: ליבער גאָט אין הימל, באַשעפער פון דער וועלט, טו גענאָד, און פרייד און הצלחה זאָלן זיין אין אונדזער הויז. אמן".

קאַקאָטיאַ האָט געקוקט אויף דער מוטערס ליפּן און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט און צום סוף, נאָך איידער זי האָט פאַרענדיקט „אמן", האָט זי אָנגענומען דער מוטערס האַנט און געזאָגט דערמונטערנדיק:

„און איצט לאָמיר אַריינגיין צום טאַטן אין קאַמער און זען, צי גאָט האָט שוין צוגענומען די קראַנקייט".

„גיין, מיין קינד, — האָט די מוטער זי פאַרהאַלטן, — דער פאָטער שלאָפט און מען דאַרף אים נישט שטערן".

קאָקאָטיאַ איז געווען אַנטוישט. אַנשטאָט אין דער קאַמער פון דעם פאָטער, האָט פלאַוויאַ אַריינגעפירט דאָס קינד צו דער דינערשאַפט. זי האָט בפירוש געזען ווי דאָס קינד ליידט שטאַרק פון דעם וואָס דער פאָטער איז קראַנק. זי האָט דאָס געפיל, אַז אין דעם הויז זענען פאַראַן בלויז צוויי, וואָס ליידן פון דער פלוצימדיקער געשעעניש — זי און קאָקאָטיאַ. ווארום זאָסימוס, ווי נאָר דער רופא איז אַוועק, האָט ער צוריקגעקערט צום לייענען זיינע אַדוואָקאַטישע טעקסטן. און סאַבינאַ — זי ווייסט נישט אַפילו, אַז מען האָט דעם פאָטער געבראַכט אַהיים אַ קראַנקן. אָבער ווי תמיד פאַרשפעטיקט זי זיך אויך היינט אַהיימצוקומען. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ געדענקט שוין נישט די יאָרן פון איר אייגענער מיידלשאַפט. אין דאָזיקן עלטער ווערט די אייגענע היים אומאינטערעסאַנט. סאַבינאַן האָט געצויגן צו אירע חברטעס פון דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע, ווו אַלץ איז געווען אַזוי אַנדערש ווי אין איר אייגענער היים. דאָרט איז אַלץ געווען פשוטער, פרייער און זייער גאַנצע וועלט איז געווען זייער אייגן לעבן און זייערע פאַרוויילונגען, בעת ביי אירע עלטערן אין שטוב האָט מען ביים טיש גערעדט וועגן צרות פון יידן אין יהודה, וועגן צרות פון יידן אין רוים, אָדער אויסגעהערט די דערציילונגען פון שליחים. זי האָט קיינמאָל נישט געהערט מען זאָל רעדן וועגן פאַרוויילונגען, אָדער וועגן ליבע. בעת איינמאָל זענען אירע חברטעס געקומען צו איר און די מוטער האָט געהערט ווי די מיידלעך רעדן וועגן ליבע, האָט פלאַוויאַ געפרעגט:

„האָבן שוין נישט יונגע מיידלעך וועגן וואָס צו רעדן, נאָר וועגן אַזעלכע זאַכן? עס וועט קומען אייער צייט, וועט איר געפינען מענער און שאַפן אייגענע פאַמיליעס. איז וואָס איז דאָ צו רעדן וועגן דעם פאַר דער צייט?"

אָ, ווי ווינציק איר מוטער ווייסט וועגן דעם, האָט סאַבינאַ געטראַכט. עלטערן ווייסן אַזוי ווייניק וועגן די זאַכן. ווען איר מוטער זאָל וויסן דאָס אַלץ, וואָס זי ווייסט שוין, וואָלט זי אַזוי נישט גערעדט. ביי אירע חברטעס האָט זיך סאַבינאַ דערוווסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי באַקכאַנטישע ליבע, נאָר די מיידלעך האָבן גענוי נישט געקענט דערקלערן, וואָס דאָס איז אַזעלכעס. איינע האָט אפילו געזאָגט, אַז דאָס איז ליבע מיט ווייַן. אַ צווייטע האָט געוווסט, אַז באַקכאַנטישע ליבע איז דאָס, וואָס עס נעמען זיך צונויף אַ סך מיידלעך און יונגעלייט און אַלע ליבן זיך צוזאַמען און מאַכן רייכע סעודות מיט ווייַן. סאַבינאַ האָט געוווסט, אַז ווען אירע חברטעס וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי אוודאי האָבן באַקכאַנטישע ליבעס, נאָר פאַר איר וועט אָט די ליבע אויף אייביק בלייבן אומבאַקאַנט. זי איז אַ יידישע טאָכטער און ביי יידן איז אַלץ אָפּגעהיט און שטרענג. פאַר וואָס איז ביי יידן אַלץ אַזוי שטרענג? דאָך, דווקא די שטרענגקייט און אָפּגעהיטנקייט, וואָס האָט געצוימט סאַבינאַן אפילו ביי אירע חברטעס, זי זאָל זיך אָפּזאָגן צו עסן ביי זיי פלייש, האָט אינטרי־

גירט די געצנדינערישע מיידלעך און זייערע עלטערן. פאַר וואָס טאָר זי ביי זיי נישט עסן קיין פליייש? פאַר וואָס טאָרן יידן נישט עסן קיין חזיר? פאַר וואָס היטן יידן דעם זיבעטן טאָג פון דער וואָך? ווער און וואָס צווינגט זיי צו דעם אַלעמען? סאַבינאַ האָט אויף דעם געהאַט איין ענטפער: גאָט האָט אַזוי געבאָטן, און יידן היטן אָפּ די געבאָטן פון גאָט אָן צוואַנג. סאַבינאַ איז אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון די געצנדינער אויך דערמיט, וואָס זי האָט גערעדט וועגן גאָט מיט אַזאַ איבערצייגונג, ווי זי וואָלט אים, לכל הפחות, אַליין געזען. און סאַבינאַ זאָגט, אַז גאָט איז אין הימל און מען קען אים נישט זען. דאָך זאָגט זי, אַז לויט דעם ווי איר פאָטער האָט שוין נישט איין מאָל געשמועסט ביים שבת־טיש, איז גאָט אומעטום און אין יעדן מענטש. און ווי גאָט איז אין די מחשבות פון דעם מענטש, אַזוי איז ער אויך אַן עדות פון אַלע מעשים, וואָס דער מענטש טוט. דער מענטש איז קיינמאָל נישט אַליין. איינע פון די מייד־לעך האָט סאַבינאַן געהאַט געזאָגט: „דער יידישער גאָט געפעלט מיר נישט. אויב ער איז אין די מחשבות פון מענטש און ער ווייסט אַלץ וואָס דער מענטש טראַכט אין האַרץ, איז דאָס דאָך שרעקלעך. אפילו פאַר מחשבות דאַרף מען זיך אויסהיטן, ווי מען היט זיך מיט ווערטער". „דאָס איז גוט, — האָט סאַבינאַ געענטפערט — דאַרף מען נישט האָבן אַזעלכע מחשבות, וואָס מען זאָל זיך שע־מען זיי אַרויסצוזאָגן".

דאָך, אין יענעם טאָג, ווען סאַבינאַ איז ענדלעך אַהיימגעקומען און געפֿו־נען דעם פאָטער אַ קראַנקן, איז זי געוואָרן דערשיטערט. פאַר די געצנדינער איז דער טאָג אַ יום־טוב און אין זייערע הייזער קומען פאַר סעודות לכבוד דעם קיסר. דער פלעבס אויף די גאַסן איז פריילעך צעהוליעט. און נאָר פאַר די יידן אין דער טאָג אַ טרויער־טאָג און דערצו נאָך איז דער פאָטער קראַנק געוואָרן. דווקא אין דעם טאָג. זי האָט קאַפּריז אָנגעבלאָזן די ליפּן און גרייט געווען צו קריגן זיך מיט עמעצן. אָבער פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט מיט איר גע־דולד און מילדקייט געלאַשן איר צאָרן:

„נסיונות מאַכן קליגער, — האָט זי געזאָגט — און דערפאַר זענען יידן קלי־גער, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ סך נסיונות. אויסער דעם, מיין טאָכטער, צו וואָס זיך ערגערן מיט זאַכן, וואָס זענען געשען? צי קען דען פון אַ נעכטן ווערן אַ היינט אָדער, צי קען זיך אַ טייך צוריקקערן פון ים? און לאָ די וואָס דאָס ערגערן זיך פירט צו גאָרנישט, מאַכט עס קאַליע דאָס בלוט און עס פאַרדאַרבט די הויט פון פנים".

דער לעצטער אַרגומענט האָט אויף סאַבינאַן געווירקט מער ווי די פאַר־נונפטיקע ווערטער פון דער מוטער, און זאָסימוס האָט געפונען אַ געלעגנהייט צו חוזקן אַ ביסל פון זיין שוועסטער:

„פון היינט אָן טאָרסטו אַפילו נישט טראַכטן; פון טראַכטן ווערט גערינצלט דער שטערן".

„אַזוי נאָר ביי מענטשן, וואָס טראַכטן מיטן שטערן און נישט מיטן מוח"

—האָט די מוטער פֿאַרטײדיקט סאַבינאַן, און זי האָט גלײַך אָנגעגריפֿן איר ברודער:

„ווירקלעך, זאַסימוס, דײַן שטערן ווערט באַצײַטנס גערינצלט, נאָך אײדער דו ביסט געוואָרן אַן אַדוואָקאַט..."

„כ'מײן, אַז איר האָט אויסגעוויילט נישט די געהעריקע געלעגנהייט צו קריגן זיך,—האָט די מוטער זיך געשטעלט צווישן ביידע—און וואָס שייך דיר, סאַבינאַ, דאַרפֿסטו האָבן דרך־ארץ פֿאַר דײַן עלטערן ברודער".

„כ'האָב גאָרנישט בדעה צו קריגן זיך,—האָט סאַבינאַ גוט באַהאַלטן איר צאָרן — אָבער דאָס, וואָס ער איז צופֿעליק געבוירן געוואָרן מיט נישט קיין גאַנצע דרײַ יאָר פֿאַר מיר, הייסט עס נאָך נישט, אַז איך דאַרף האָבן דרך ארץ פֿאַר אים און ער פֿאַר מיר נישט".

„איך האָב דאָס נישט געזאָגט"—האָט פּלאַוויאַ באַמערקט.

„טאָ זײַ אַזוי גוט און זאָג עס אים, מאַמע".

„כ'האָב עס געהערט און פֿאַרשריבן, — האָט זאַסימוס געזאָגט מיט חוזקדיקן פּאַטאָס—אָבער לויט די רוימישע געזעצן..."

„זאַסימוס! — האָט סאַבינאַ אים נישט געלאָזט ווײַטער רעדן — לויט וועל־כע געזעצן איז הײַנט פֿאַרגעקומען אויף די אויבערשטע גאַסן, דאָס וואָס עס איז פֿאַרגעקומען?"

דער וויכוח האָט זיך איבערגעריסן, ווי עס פּלאַצט אַן אָנגעצויגענע סטרו־נע. זאַסימוס איז געוואָרן ערנסט. ער האָט זיך צוריקגעצויגן, ווי דאָס וואָס סאַבינאַ האָט אים געפּרעגט, וואָלט אים אַ קלאַפּ געטון איבערן קאָפּ. פּלאַוויאַ האָט מיט באַהאַלטענעם מוטערלעכן שטאָלץ אַ קוק געטון אויף איר טאָכטער און אַ מחשבה האָט איר אַדורכגעבליצט דורכן מוח: סאַבינאַ איז שוין אַ רײַפֿער מענטש, זי פֿאַרשטייט מער ווי זי האָט געלערנט. אָן אויסצורעדן מער אַ וואָרט האָט די מוטער אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויפֿן אַקסל פֿון דער טאָכטער און איז מיט איר אַרויס פֿון דער קאַמער.

זאַסימוס האָט זיך געפֿילט שלעכט און זיך אַליין געמאַכט פֿאָרווורפֿן, הל־מאי ער האָט זיך נישט געהאַלטן אין דער פֿאָרם, אין וועלכער ער האָט זיך געדאַרפֿט האַלטן דווקא אין דעם טאָג, וועלכער האָט אויך גורם געווען זײַן פֿאָטער זאָל קראַנק ווערן.

פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט דעם נאָכמיטאָג און די גאַנצע נאַכט נישט פֿאַר־לאָזט די קאַמער פֿון דעם קראַנקן אַרטאַפּאַנוס. זי האָט געמאַכט אַ געלעגער נעבן זײַן בעט, אָבער געשלאָפֿן איז זי נישט. זי האָט געוואָלט קוקן אין זײַן פּנים און הערן זײַן אָטעם. זי וואָלט סײַ ווי נישט אײַנגעשלאָפֿן, אָבער כדי צו האַלטן וואַך אירע גלידער, איז זי פֿון צײַט צו צײַט אויפֿגעשטאַנען, כדי צוצוגיסן אייל צום לעמפּל, און אַ נאָך מער אויפֿגעוועקטע צוריקגעקערט צו זײַן געלעגער. ער איז כסדר געווען פֿאַרזונקען אין דעם טיפֿן און האַרטן ווײַן־שלאָף, אָבער זײַן אָטעם איז געוואָרן לײַכטער, רעגלמעסיקער און דער אומרו

פון זיין צעפּיבערטן גוף איז פאַרשווונדן. זיין צעוואָרעמט פּנים איז נאָך איצט געווען שענער ווי תּמיד, עס האָט געשטראַלט מיט דרימלענדיקער מענלעכקייט, און דער לייכטער קינדערישער שמייכל־רעפּלעקס, וואָס איז פון צייט־צו־צייט דורכגעלאָפן איבער זיין פּנים, האָט אַרויסגערופן אין אירע גלידער זיסע גע־רייצטקייט. שוין אַזוי פיל יאָרן ווי זי האָט געקענט איר מאַן. גאָרנישט פון אים איז געווען באַהאַלטן פאַר איר. און הגם תּמיד האָט זיין מענלעכקייט געהאַלטן וואָך איר בלוט, דאָך איז איצט צוגעקומען עפּעס, וואָס זי האָט נאָך נישט געקענט אין אים. און ווי זי וואָלט דאָס רייצנדיקע, מענלעך־געהעמערטע פּנים געזען צום ערשטן מאָל, האָט זי זיך איינגעקוקט אין דעם שטאַרקן קין־בויגן, אין דעם שניט פון זיינע ליפּן, וואָס אַפילו איצט, אין דער קראַנקהייט, האָבן זיי עמאַנירט מיט אַנטשלאָסנקייט, ווי די פליגעלעך פון זיין אַ ביסל געבוי־גענער נאָז האָבן געציטערט מיט מענלעכער וואַכזאַמקייט. בלויז דער געדאַנק, אַז ער איז קראַנק האָט איר אָפּגעהאַלטן פון אַריינגעמען זיין פּנים אין אירע הענט און צולייגן איר קאָפּ צו זיינעם און זיין רייץ זאָל זיך איבערגיסן אין איר. און אַזוי קוקנדיק אויף אים האָבן זיך אין איר אויסגעמישט די גע־פילן פון מאַמע און פרוי, טיפע זאָרג און הייסע געוועקטקייט; אַן אומרואיקער דראַנג צו באַוואַכן זיין שלאָף און גלייכצייטיק וועקן אים און אים דערציילן, אַז אירע געדערעם בענקען נאָך אים, אַפילו ווען ער איז אַזוי נאָענט צו איר. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און געפילט דעם קרעפטיקן ריח פון זיין גוף און די זיסקייט פון זיין אָטעם. און זי האָט נישט געוווּסט, צי זי איז שיכּור פון בענקשאַפט צו אים, אָדער שיכּור פון דער נישט געשלאָפענער נאַכט.

און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי דאָס רויטלעכע ליכט פון אייל־לאָמפּ ווערט בלייכער און בלייכער און אַ גראָ־בלוילעכער שאָטן שפּרייט זיך אויס איבער דער קאַמער. זי האָט דעם אָנקומענדיקן טאָג נישט באַמערקט. וואָרום דאָס וואָס איז געשען, איז ווי אַ תּפילה, וואָס ווערט מקוים, ווען די ליפּן באַוועגן זיך נאָך מיט דעם תּפילה־ציטער פון האַרץ. אַרטאַפּאַנוס האָט געעפנט די אויגן און זיך אָנגעטראָפן מיט איר נאָענטן וואַרעמען בליק. ער האָט אויסגעצויגן זיין אָרעם און זי אַרומגענומען ווי זי האָט געקניט ביי זיין בעט. האָט זי אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט אַ באַרואיקטע, ווי אַ קינד זינקט איין אין דרימל נאָך לאַנגער אויסמאַטערנדיקער טומלעניש. און ביידע, סיי פלאַוויאַן און סיי אַרטאַפּאַנוסן, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס וואָס עס געשעט איז אַ חלום, וואָס ביידע חלומען צוזאַמען...

דאָך האָט זיך אויפגעכאַפּט אַרטאַפּאַנוס מיט אַן אַנדערן חלום. זיין ערשט געפיל איז געווען, ווי נאָך אַ לאַנגער שווערער קראַנקהייט. אָבער איצט איז שוין די שלאַפקייט אַריבער. ער וועט נאָר קומען צו די כּוחות, וועט ער אויפ־שטיין פון געלעגער. ער וואָלט אַפילו שוין איצט געקענט אויפשטיין, וואָרום די קאַמער איז פול מיט ליכט פון דער זון און די לופט שמעקט מיט זאַפטיקער פרישקייט. פלאַוויאַ האַלט אירע ביידע הענט אויף זיין ברוסט, ווי דורך דעם

וואָלט זי זיך וועלן איבערצייגן, אַז דאָס איז נישט קיין חלום, און שמייכלט אים אַריין אין פּנים און זאָגט מיט אַ גערירט קול:

„וואָס טוט זיך מיט דיר? אויפשטיין? שוין אויפשטיין? ביסט דאָך נעכטן געווען אַזוי שווער קראַנק? רעד נישט איצט וועגן אויפשטיין. דו דאַרפסט רוען".

„איך פיל, אַז איך בין געווען קראַנק. אָבער איצט בין איך שוין געזונט".

ער האָט אויסגעצויגן ביידע אָרעמס אין דער הויך און דאָך דערפילט אין זיי די שוואַכקייט. ער האָט די אָרעמס אַראָפּגעלאָזט און אויסגעדרייט דאָס פּנים צום פענצטער. עפּעס האָט אים געקוועלט אַרום האַרץ.

„אַ זאַפטיקער טאָג היינט, און די לונגען זענען דורשטיק נאָך שטח" — האָט ער געזאָגט מיט בענקשאַפט.

„וועסט אויפשטיין פון בעט וועט איר ביידע, דו און זאָסימוס, אַרויסרייטן אויף לאַנגע שפּאַצירן. דו האָסט שוין לאַנג נישט געריטן און דאָס פעלט דיר" — האָט זי מיט ליבשאַפט אים אַריינגעקוקט אין פּנים.

„איך וואָלט איצט אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל פון אַ פערד און וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ האַסטיקן גאַלאָפּ ווייט, ווייט, אַוועק פון דער שטאָט, וואָס ווייטער פון רוים. וואָס ווייטער פון דעם, וואָס דאָרט אויבן... און פילן, אַז די לונגען עטעמען איין קאַלטן, פרישן ווינט און די נאָז פאַרנעמט די ריחות פון בערג און טייכן..."

פּלאַוויאַ האָט געוווסט מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט אַרטאַפּאַנוס מאַכט זיינע איצט נישט־צו־אָפּטע רייט־שפּאַצירן, דאָך, אין דעם טאָן פון זיין איצ־טיקן רעדן וועגן אַוועקרייטן איז געווען עפּעס, וואָס זי האָט נישט געקענט. דער טאָן האָט איר באַאומרואיקט. ניין, ער איז נאָך נישט געזונט. מסתמא פילט ער דאָס. כדי צו פאַרטויבן דעם אייגענעם אומרו האָט זי געזאָגט:

„דערווייל בלייבסטו אין בעט און טראַכט וועגן געזונט ווערן".

ער האָט אָנגענומען איר האַנט:

„דערווייל בין איך דורשטיק, ווי אַן אויסגעטריקנטער טייך־געלעגער".

פּלאַוויאַ האָט אַריינגעבראַכט אַ קרוג מיט מילך און אַרטאַפּאַנוס האָט די קרוג אויסגעליידיקט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז טראָפּנס שווייס זענען אים אַרויס־געטרעטן אויפן שטערן.

פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ איז געווען אין זיבעטן הימל:

„געלויבט צו גאָט, אַז דו טרינקסט מיט אַזאַ לאַנגן אָטעם. אונדזער תּפילה האָט געהאָלפן און ביסט געזונט געוואָרן. די קליינע האָט צוזאַמען מיט מיר תּפילה געטון צו גאָט פאַר דיין געזונט. זי איז געווען זייער פאַרזאָרגט".

„שיק אַריין צו מיר דעם קליינעם שד" — האָט אַרטאַפּאַנוס פאַר נחת אַ שמייכל געטון.

„ניין, ניין, — האָט פּלאַוויאַ זיך קעגנגעשטעלט — דו דאַרפסט רו און די קליינע פאַרמאַטערט מיט אירע פראַגן".

פּלאַוויאַ האָט אויסגעפירט אירס. זי האָט די קליינע קאַקאָטיאַ נישט אַריינ־

געלאָזט צום פּאָטער אין קאַמער. אָבער באַלד פון פרימאָרגן האָבן אָנגעהויבן קומען פּריינט מבקר־חולה זיין אַרטאַפּאַנוסן. דער ערשטער איז געקומען דער גערוסיאַרך פון דער סובוריעזער סינאַגאָגע, דניאל, אַן אַלטער מאַן, וואָס צוליבן אויסרייד, אַז ער איז אַלט און שוואַך איז ער נישט געגאַנגען מיט דער דע־לעגאַציע פון יידן צום טריאומף־צוג. אָבער ווי נאָר ער האָט געהערט, אַז אַרטאַפּאַנוס איז שלאַף געוואָרן ביים געצנדינערישן טעמפּל, האָט ער זיך גע־טון אַ נדר, אַז זיין ערשטער וועג אין דעם נייעם טאָג וועט זיין מבקר־חולה זיין דעם קראַנקן. הגם ער איז שוין אַ סך יאָרן אין רוים, האָט דניאל אויפגעהאַלטן דעם שטייגער פון זיין אַלטער היים אין בבל. ער איז געווען געוואַלדיק פרום, נישט געשניטן די באָרד און פּיאות און אַפילו אין זיין קליידונג האָט ער זיך אונטערשייד פון די אַלט־איינגעזעסענע יידן אין רוים. דאָס האָט אים נישט געשטערט ער זאָל זיין פון די רייכסטע יידן אין דער שטאָט. דרומדיק פון רוים האָט ער געהאַט ריזיקע ווייַנגערטענער און זיינע וויין־קעלטערס האָבן געליפערט ווייַנען פאַר דעם רוימישן אַדל. וועגן אים האָבן די רוימער דערציילט, אַז דערפאַר וואָס דעם זיבעטן טאָג אין דער וואָך לאָזט ער פריי זיינע קנעכט און ער גיט זיי מיט אַהיים וויין, לאָזן זיי זיך באַשניידן און ווערן יידן. און אפשר דערפאַר פעלשט ער נישט זיינע ווייַנען, כדי די, וועלכע וועלן זיך צוגעווינען צו זייער גוטן טעם, וועט ער שפּעטער צווינגען צו לאָזן זיך באַשניידן...

מיטן פעדערן זיך מבקר־חולה צו זיין אַרטאַפּאַנוסן האָט דניאל געהאַט אויך אַן אַנדער צוועק. אייגנטלעך האָט ער שוין לאַנג געוואָלט רעדן מיט דעם גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע, נאָר עס איז ביז איצט נישט אויס־געקומען. סיי ער און סיי אַרטאַפּאַנוס זענען תמיד פאַרנומען מיט זייערע גע־שעפטן און מיט יידישע צרות. געשעפטלעך קומט זיי נישט אויס צו באַגע־גענען זיך, וואָרום אַרטאַפּאַנוס האָט זיינע שיפן און דניאל האָט זיינע וויין־פּלאַנטאַציעס און וויין־קעלטערס. און טאָמער באַגעגענען זיי זיך יאָ, איז דאָס אָדער וועגן זאַמלען געלט פאַר יהודה (און תמיד זענען די געלט־זאַמלונגען פאַרבונדן מיט יידישע צרות אין יהודה), אָדער וועגן געלט פאַר פּדיון שבויים. און ביי אַזעלכע געלעגנהייטן פּאַסט זיך עפּעס נישט צו רעדן וועגן דעם וואָס דניאל וויל מיט אים רעדן. איצט אָבער, ווען ער האָט געהערט, אַז אַרטאַפּאַנוס איז געפאַלן צו בעט — און דאָס לעבן פון מענטש איז דאָך אין גאָטס הענט — וועט ער מער נישט אָפּלייגן.

קאפיטל זיבן

פון אַלע זיינע אַכט קינדער איז ביי דניאלן אין שטוב געבליבן אַ נישט אויסגעגעבענע די יינגסטע טאָכטער, אסתר, אַ מויד, וואָס איז שוין אַריין אין פופצנטן יאָר. און געהערט האָט דניאל פון יונתן, דעם סופר פון בבל, אַז זאָסימוס וואַקסט אַ גדול בישראל, וואָס זיין נאָמען וועט אַמאָל קלינגען אי־בער דער גאַנצער יידישער וועלט. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די גאַנצע תורה, וואָס ער, יונתן, האָט געבראַכט מיט זיך פון בבל, און אויסער דעם וועט ער ווערן אַ סניגור פון יידן ביי דעם געצנדינערישן מלכות. האָט דניאל אויס־געפונען, אַז אסתר און זאָסימוס זענען אַ זיווג פון הימל. וואָרום דער ערשטער אות פון איר נאָמען — א׳ — און דער ערשטער אות פון זיין נאָמען — ז׳ — מאַכן צוזאַמען „אז״: אז ישיר ישראל את השירה הזאת עלי באר ענו לה, דעמאָלט האָט ישראל געזונגען דאָס דאָזיקע געזאַנג: קוואַל־אויף, ברונעם, זינגט־צו צו אים. אַזוי שטייט אין דער הייליקער תורה, און ישראל וועט זינגען שירה אויף דעם זיווג פון אסתר און זאָסימוס. און דער ברונעם וועט אויפקוואַלן...

בעת דניאל איז אַריבערגעטרעטן די שוועל פון אַרטאַפּאַנוסעס הויז האָט ער אויס ערפורכט צוגעדעקט דעם קאָפּ — אַ מנהג וואָס גאָר ווייניק יידן אין רוים האָבן געהאַלטן פון אים. וואָרום ווי ער האָט זיך געהאַלטן אין אַלעמען ביים שטייגער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, אַזוי אויך איז דער אָפּגעדעקטער קאָפּ געווען ביי אים אַ צייכן פון מרידה. די רוימער גייען אַרום מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, ווייל זיי זענען כסדר מורד אין גאָט. און ער אַליין, דניאל, ווען ער קומט אַריין צו רוימיש מלכות בלייבט ער מיטן בלויזן קאָפּ. ער איז נישט גרייט צו זיין אונטערטעניק צו געצנדינער, וואָס פאַרלייקענען גאָט. אָבער דאָ, אין הויז פון אַרטאַפּאַנוס, האָט ער צוגעדעקט דעם קאָפּ און נישט פאַרמיטן אויף דעם אָנצודייטן, בעת ער האָט אַ קוש גע־טון די מזוזה און זיך באַגריסט מיט פלאַוויאַן:

„גאָט איז אין אייער הויז און כבוד איז אין אייער הויז, — האָט ער פייער־לעך געזאָגט — ס׳איז דערגאַנגען צו מיר, אַז דער גערוסיאַרך איז געפאַלן צו בעט. קען איך הערן פון אייך אַ טרייסט־וואָרט, אַז דעם קראַנקן איז בע־סער?״

„גאָט האָט אויסגעהערט אונדזערע תפילות און מיין מאַן איז גענעזן גע־

וואָרן — האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ פּרום פאַרלייגט די הענט. — קומט אַריין, גע־רוסיאַרך, מיין מאַן וועט געטרייסט ווערן מיט אייער באַזוך".

אַרטאַפּאַנוס איז ווירקלעך געווען צופרידן, בעת ער האָט דערזען דניאלן.

עס איז אים געווען שווער אויפן געמיט און ער האָט געדאַרפט עמעצער זאָל איצט אָפּלענקען זיינע מחשבות:

„ברענגט איר מיר עפּעס וועגן דעם גורל פון די געפאַנגענע, וואָס איר האָט זיך מטריח געווען אַזוי פרי?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

„גאָט וועט העלפן און מיר וועלן זיי אַלע אויסלייזן, — האָט דניאל אַרויפ־געלייגט די האַנט אויף דער ברוסט און צוגעלענט די אויגן, — נעכטן איז ביי מיר געווען מנשה־ניקאָדעמוס. געהערט, אַז איר זענט שלאָף געוואָרן פון אונ־דזערע צרות, בין איך געקומען נאָכפרעגן, וואָס איר מאַכט און געלויבט צו גאָט פאַר דעם ווי איך האָב אייך געפונען, גערוסיאַרך".

„דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיך ביי מיר, איך זאָל זיך איינברעכן פון צרות — האָט אַרטאַפּאַנוס אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבער זיין פּנים — זעט אויס, אַז דאָס אַריינטראָגן די חפצים פון בית־המקדש אין געצנדינערישן טעמפּל איז געווען דער לעצטער קלאַפּ. קלעפּ אין גוף קען איך איבערטראָגן, אָבער קלעפּ אין דער נשמה..."

דניאל האָט אויסגעצויגן די האַנט צו אַרטאַפּאַנוסן:

„לאָמיר איצט נישט רעדן דערפון, גערוסיאַרך. איר דאַרפט היטן אייער גע־זונט און מיר דאַרפן טראַכטן אויף ווייטער. איר זענט אַ פאָטער צו גרויס־טענע קינדער, וואָס דאָס איז אַ געשאַנק פון גאָט".

אַרטאַפּאַנוס האָט אַ ליבלעכן שמייכל געטון:

„געלויבט צו גאָט דערפאַר".

„אגב האָב איך געהערט, אַז אייער בן־יחיד און בכור וועט בקרוב זיין אַ סניגור. ביי דעם ביטערן מלכות דאַרפן יידן האָבן זייערע אייגענע סניגורים, כדי נישט דאַרפן אָנקומען צו די געצנדינער".

„נאָך אַ פאָר חדשים און מיין זאָסימוס וועט עס זיין" — האָט, נישט אָן שטאָלץ, געזאָגט אַרטאַפּאַנוס.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אויף אַ טאַץ אַריינגעבראַכט כיבוד, האָניק־געבעקס מיט ווייז, און אַ קוק געטון אויף די מענער, ווי זיי וואָלטן צוליב איר אַריינ־קומען איבערגעריסן דעם שמועס.

„הערסט, פלאַוויאַ, — האָט זיך אַרטאַפּאַנוס געוואָנדן צו איר — גערוסיאַרך דניאל האָט אונדז געבראַכט שבחים פאַר אונדזער זאָסימוס".

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך פאַררויטלט. דאָס וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט זי אינטואיטיוו גלייך אָפּגעפילט, און ווי זי וואָלט געלייענט די מחשבות פון דניאל, האָט זי געענטפערט אויף דעם וואָס ער האָט נישט געזאָגט מיט די ליפּן:

„יעדער וואָלט זיך געוווּנטשן צו האָבן אַזאַ זון און אַזאַ איידעם, ווי זאַ־סימוס".

דניאל האָט נישט פאַרמיטן די געלעגנהייט:

„וואָס שייך אַ זון, בין איך שוין צו אַלט, אָבער גליקלעך וואָלט איך געווען אויף מיינע אַלטע יאָרן, ווען אייער זאָסימוס זאָל זיין מיין איידעם — און כדי צוצוגעבן זיינע ווערטער וואָג האָט ער געזאָגט אַזוי דייטלעך ווי מעגלעך: — הגם אַכט זענען זיי ביי מיר, וואָלט איך מיט מיין יינגסטער טאָכ־טער מיטגעגעבן אַ דריטל פון מיין פאַרמעגן".

אויף אַ ווײַלע איז אין קאַמער געוואָרן שטיל. פלאַוויאַ האָט אָנגעגאָסן ווײַן און פונאַנדערגעטיילט דאָס געבעקס און באַמיט זיך צו באַהערשן דעם שטראָם פון געפילן, וואָס האָבן פאַרפלייצט איר מאַמע־האַרץ. אַרטאַפּאַנוס האָט מיט די פינגער זיך דורכגעקעמט די האָר און געזאָגט מער צו זיך אַליין ווי צו די אַנוועזנדיקע:

„ווי הייבט מען אָן בויען אַ לעבן פון קינדער אין דעם לאַנד, וואָס האָט פאַרטיליקט אונדזער היים? כסדר טרעפן זיך פנים־אל־פנים מיט די, וואָס זייערע הענט זענען אויסגעווייקט אין יידיש בלוט. מיר איז שווער... שווער..."

„איר דאַרפט אַזוי נישט רעדן, גערוסיאַרך! — האָט דניאל געזאָגט מיט אַ טאָן פון שטראָף — מיר האָבן פון דעסטוועגן אין דעם לאַנד געבוירן קינדער, געקומען צו פאַרמעגן. הגם געצנדינער, זענען נישט אַלע רוימער שולדיק אין דעם וואָס דאָס רוימישע מלכות האָט געטון צו אונדז".

דניאל האָט אַ קוק געטון אויף פלאַוויאַן. זי איז געווען אויפגערודערט פון איר מאַנס ווערטער. זייט זי קען אים האָט זי נאָך פון אים אַזאַ טאָן נישט געהערט. און זי האָט געוווּסט, אַז אַרטאַפּאַנוס וואַרפט זיך נישט מיט שטימונגס־ווערטער.

„ביסט זייער אָפּגעשוואַכט, אַרטאַפּאַנוס, — האָט זי געזאָגט איינגעהאַלטן — ווען מען איז אין אימפּעט, פילט מען דאָס נישט. איצט האָסטו עס דערפילט".

„דאָ, אין רוים, איז נישטאָ קיין אַנדער לעבן פאַר יידן, ווי אַ לעבן אין אימפּעט. תמיד אין אימפּעט. שווער, זייער שווער..."

„איך מיין, אַז ווען אייער זאָסימוס וועט זיין פאַר־זיך, וועט ער אייך זיין אַ גרויסע הילף, סיי אין אייערע געשעפטן, גערוסיאַרך, און סיי בכלל... קענט איר מיין יינגסטע טאָכטער אסתר, מאַטראָנאַ פלאַוויאַ?" — האָט זיך דניאל געווענדעט צו איר און סוף־כל־סוף צוריקגעקומען צו דעם, וועגן וואָס ער האָט געוואָלט שמועסן.

„איך האָב זי געזען מיט אַ צוויי יאָר צוריק — האָט פלאַוויאַ געזאָגט — דעמאָלט איז זי נאָך געווען אַ קינד. געדענקסט, אַרטאַפּאַנוס, ווען מיר זענען געווען צו גאַסט ביים גערוסיאַרך דניאל?"

אַרטאַפּאַנוס האָט העפלעך צוגעגעבן:

„אַזאַ פֿרייַנטלעכע אויפֿנאַמע, ווי מיר האָבן געהאַט בײַם געוויסן גערוסיאַרך, קען מען נישט פֿאַרגעסן".

„אַ יישר כוח אייך פֿאַר די שבחים. אָבער הײַנט וואָלט איר מײַן ייִנגסטע טאָכטער נישט דערקענט, — האָט זיך דניאל צעוואָרעמט — זי איז אַ צירונג אין שטוב. און צניעותדיק, ווי אַ טויב. ערשט ווי זי פֿירט דאָס הויז!"

אין קאַמער איז אַרײַן זאָסימוס. אין דעם אופֿן ווי ער איז אַרײַן, מיט אימפּעט און געבליבן צוריקגעהאַלטן, ווי אַ הירש, וואָס פֿאַרהאַלט זיך אין לויפֿן און בלײַבט געוועקט, האָט אַרטאַפּאַנוס דערזען זיך, ווען ער איז געווען אין דעם עלטער פֿון זאָסימוס. זײַן קערפּערלעכע פֿעסטקייט און יוגנטלעכקייט האָט אַרטאַפּאַנוסן דערפֿרייט דאָס האַרץ. מיט דער פֿאַלע פֿון דער טאָגע אויפֿן אָרעם און מיט דעם קורץ־געשוירענעם קאָפּ האָט ער אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע פֿון ווײַסן מאַרמאָר. דער צאַרטער קינדערשער שמייכל אויף זײַן פּנים האָט אָנגעפֿילט די קאַמער מיט יונג לעבן. פֿלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך אַ שפּיגל־געטאָן אין איר זון און געזאָגט צו אים:

„דו קענסט גערוסיאַרך דניאל?"

„זיכער קען איך דעם גערוסיאַרך" — האָט זיך זאָסימוס עלעגאַנט פֿאַרנייגט מיט דעם זעלבן קינדערשן שמייכל אויפֿן פּנים און איז צוגעגאַנגען נענטער צום בעט פֿון פֿאָטער.

דניאל האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט:

„שלום עליכם, זון פֿון אַרטאַפּאַנוס און פֿלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, אויסגעוואַקסן אַ שיינער מאַן. געהערט פֿון דיר נאָר גוטס".

„שלום עליכם, גערוסיאַרך דניאל, — האָט זיך זאָסימוס ווידער פֿאַרנייגט — איך דאַנק אייך פֿאַר דעם שבח; שבחים און ווײַן הייבן דעם מוט".

„טרינקסטו שוין אַזוי פֿיל ווײַן? — האָט דניאל זיך געוווּנדערט.

„דערפֿאַר דאַנק איך אייך, גערוסיאַרך, פֿאַר דעם שבח. שבחים זענען דער־ווײַל דאָס איינציקע וואָס דערמוטיקט מיך".

„עס איז אויף וואָר דערגאַנגען צו מיר, אַז דו ביסט אַ חכם, זאָסימוס" — האָט דניאל אַ צופֿרידענער געשמייכלט.

זאָסימוס האָט מיט אַ רחבותדיקער באַוועגונג אָנגעוויזן אויף זײַן פֿאָטער און מוטער:

„אויב דאָס איז ריכטיק, איז דאָס די שענסטע מתנה, וואָס איך האָב באַ־קומען פֿון מײַנע עלטערן".

פֿלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט געשטראַלט פֿון גליק. אירע ברוין־גרינלעכע אויגן זענען געוואָרן גרעסער און גלאַנציקער און אירע זאַפֿטיקע ליפּן האָבן לײַכט, לײַכט וויברירט, ווי זי וואָלט געגאַרט אויסקושן די וועלט. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט איר אַ צוק געטאָן בײַם האַרצן פֿון בענקשאַפֿט. דער מאַן, וואָס זיצט דאָ בײַם בעט פֿון איר מאַן, וויל צונעמען איר זון פֿאַר זײַן טאָכ־טער. און באַלד האָבן זיך איר פֿאַרדרייט טרערן אין די אויגן און זי האָט

זיך געשעמט דאָס צו ווייזן... זי האָט זיך דיסקרעט אויסגעדרייט און אומבאַמערקט מיט אַ פינגער אָפּגעווישט די טרערן איידער זיי זענען איר אַראָפּגערונען אויפן פּנים.

„איך גיי איצט אַוועק אין דער סטודיע אויף עטלעכע שעה. קאָן איך עפּעס טאָן פאַר דיר אין שטאָט?" — האָט זיך זאָסימוס געווענדעט צום פאָטער.

אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן שטערן:

„איך האָף, אַז מנשה־ניקאָדעמוס וועט זיין ביי מיר. די ענינים, וואָס ער האָט געדאַרפט וועגן זיי זאָרגן מאַכן מיך אומרואיק".

„זאָל איך צופאָרן צו אים?" — האָט זיך זאָסימוס איינגעבויגן צום פאָטערס בעט.

דניאל האָט זיך אַריינגעמישט:

„אויב אין שייכות מיט די געפאַנגענע, דאַרפט איר זיין רואיק. גערוסיאַרך מנשה איז אַ פלייסיקער מאַן".

אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגעצויגן די האַנט צו זאָסימוסן און אים אַנגענומען ביים אָרעם:

„אויב אַזוי, מיין זון, גיי און זיי מצליח". — ער האָט פאָטערלעך אַ דריקגעטאָן דעם אָרעם פון זיין זון.

זאָסימוס האָט זיך פאַרנייגט פאַר דעם גערוסיאַרך דניאל און יענער האָט מיטביידע אָפענע הענט אַנטקעגן דעם יונגנמאַן געזאָגט:

„אויב דאָס געזונט פון דיין פאָטער וועט דאָס דערמעגלעכן, וועל איך זיין גליקלעך, צו האָבן ביי מיין טיש ווי געסט דיינע עלטערן און דיך, מיין זון, דעם נאָענטסטן שבת".

„דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ כבוד, אויב דאָס וועט נישט שווער זיין פאַר מיינע עלטערן" — האָט זאָסימוס צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרבייגייענדיק אַ קוש געטאָן זיין מוטער און איז אַוועק.

דניאל האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיינע גרויסע געשעפטן, מיט וועלכע ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן און, ווידער אַ מאָל, ווי גליקלעך ער וואָלט געווען צו האָבן זאָסימוסן פאַר אַן איידעם. ער פילט, אַז דאָס איז טאַקע מן השמים. וואָרום נישט אַזוי סתם אין דער וועלט אַריין האָט אים גאָט געשענקט אַזאַ שיינענדיקע, געזונטע, צניעותדיקע טאָכטער. און דערצו זאָל זיין בהבודיק פאַרמעגן זיין אין באָדן־שטחים, מיט ווייַן־קעלטערס און הונדערטער מענטשן, וואָס דאָס אַלץ דאַרף האָבן צען מוחות. איז געקומען דער רבונו של עולם און געשענקט צו אַרטאַפּאַנוסן אַ בכור, וואָס ער, דניאל, האָט שוין באַמערקט, אַז ער איז אַ חכם מופלג, און דערצו גייט ער נאָך ווערן אַ סניגור. זעט מען שוין פון דעם אַליין, אַז דער זיווג איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין הימל. דניאל האָט צערטלענדיק געגלעט זיין לאַנגע ווייסע באָרד, ווי ער וואָלט וועלן דערמיט ווייזן, אַז אויסער אַלעמען איז ער אַליין אויך פון גרויסער חשיבות: גערוסיאַרך פון דער סובוריעזער סינאַגאָגע, פון די זעלטענע יידן אין רוים,

וואָס האַלטן אויף באָרד־און־פּיאות און די מנהגים פון בבל. און אַז דניאל האָט געפילט, אַז אַרטאַפּאַנוס און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ זענען צעוואָרעמט, און בעיקר טאַקע פלאַוויאַ, וואָס איר פּנים איז פאַררויטלט און אירע אויגן זענען פייכטלעך־צעגלאַנצט פון אינערלעכער אויפרודערונג, איז ער אַרויס מיט דעם שווערן כלי־זיין:

„אין דער הייליקער תורה ווערט דערציילט, אַז ווען משה האָט אַריבער־געפירט די יידן איבערן געשפּאָלטענעם ים און גאָט האָט געוויזן זיינע אותות ומופתים מיט זיינע קינדער, האָבן משה און די בני ישראל געזונגען שירה צו גאָט. איז מיט וואָס הייבט זיך אָן דאָס לויב־געזאַנג? עס הייבט זיך אָן מיט דעם וואָרט 'אז'. און וואָס איז דאָס וואָרט 'אז'? דאָס איז דער ערשטער אות פון דעם נאָמען פון מיין טאָכטער אסתר און דער ערשטער אות פון דעם נאָמען פון אייער זון זאָסימוס, אַזוי צו זאָגן 'אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לד׳', דעמאָלט האָבן משה און די בני ישראל געזונגען דאָס דאָזיקע געזאַנג צו גאָט". און דאָס איז נישט דער איינציקער סימן טוב פאַר אונדזערע קינדער אין דער הייליקער תורה: בעת די יידן זענען אַרומגעגאַנגען דורשטיקע אין דער מדבר, האָט זיי גאָט געפירט קיין בארי, צו דעם ברונעם, וווּ גאָט האָט געזאָגט צו משה: 'זאַמל איין דאָס פאָלק און איך וועל זיי אָנטרינקען מיט וואַסער', איז ווידער פאַראַן דער 'אז', אסתר און זאָסימוס, ואז ישיר ישראל את השירה הזאת: עלי, באר, ענו לה, באר, חפרוה שרים, כרוה נדיבי העם — און דעמאָלט האָט ישראל געזונגען דאָס דאָזיקע געזאַנג: 'קוואַל־אויף, ברונעם, זינגט־צו צו אים דער ברונעם וואָס געגראָבן האָבן אים אַדללייט און אויסגעהאַקט האָבן אים די ווילטעטיקע פון פאָלק'. זעט איר שוין, מיינע האַרציקע, אַז אויך אין דעם 'אז' איז אויסער וואָס עס זענען פאַראַן די סימנים פון אונדזערע קינדער, זענען אויך פאַראַן אונדזערע אייגע־נעם סימנים, אייערע און מיינע, דער קוואַליקער ברונעם, אַדללייט און וויל־טעטיקע פון פאָלק".

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט געפּיבערט מיט הייליקער היץ. דאָס וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס לשון, אין וועלכן עס איז געשריבן די הייליקע תורה און געדרוסיאַרך דניאל איז אין דעם לשון פריי געשווומען ווי אין אַ טייך, האָט נאָך מער געשטאַרקט דעם כישוף פון די ווערטער. איצט זעט זי איין, אַז עס איז ריכטיק, וואָס יידן זאָגן: די געטלעכע תורה איז טיפער פון אַ ים און אַלץ איז אין איר פאַראַן — אַפילו דער צייכן פון אַ זיווג פאַר איר בכור און בן־יחיד און די אַנדערע סימנים, וואָס זענען אַזוי אָנגעמאָסטן פאַר איר אייגענער משפּחה. מיט אַ פלאַטערנדיק האַרץ און מיט אַ שמייכל, פול מיט זיסע טרערן, האָט זי געקוקט אויף אַרטאַפּאַנוס און מיט אַלע כוחות פון אירע אינגעוויידן האָט זי געוואָלט איבערגיסן אין אים כאָטש אַ טייל פון דעם ים פון אירע געפילן, וואָס האָט איר אינגאַנצן פאַרפלייצט. אויך אַר־טאַפּאַנוס איז געווען אויפגערודערט. די פסוקים, וואָס דניאל האָט ציטירט, האָבן

אים צוריקגעבראַכט אין דער לאַנדשאַפט פון זיין היים, אין די לופטיקע בלאָע און גינגאָלדיקע בערג פון מואב און צום זיסן טעם פון דעם וואַסער פון אַ קוואַליקן ברונעם אין דעם מדבר. און אין שייכות צו זיין זון האָט דניאל ציטירט די פסוקים. און הגם די באַרעדעוודיקייט און צודרינגלעכקייט פון דעם גערוסיארך זענען נישט אין זיין געשמאַק, דאָך וווילקלינגענדיקע טענער פאַר דעם אויער און האַרץ פון אַ פאָטער זענען פאַראַן אין זיי. אָבער עפּעס שטערט אים, וואָס זיינע געפילן זענען פאַרדעקט מיט אַ לייכטן וואָלקן פון ספקות. אָט דער געדאַנק, מיט וועלכן ער איז אויפגעקומען פון פיבער, אַז ער וועט ווייטער נישט קענען לעבן אין רוים, צווישן דעם פאָלק, וואָס האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון זיינע ברידער און חרוב געמאַכט זיין אַלטע היים — דער געדאַנק לאָזט אים מער נישט צו רו. ער עקבערט אין אים פון באַגינען און מאַכט אים אומרואיק.

דער אומרואיקער געדאַנק האָט אים נישט צוריקגעלאָזט אויך ווען דניאל איז אַוועק און אַנדערע געסט זענען געקומען אים מבקר־חולה זיין. אויך זיי זענען אַוועק. און ער האָט במשך דעם טאָג אויסגעהערט אַזוי פיל גוטע ווערטער און אַזוי פיל אויסדרוקן פון פריינטלעכקייט. און מנשה־ניקאָדעמוס איז געקומען דערפרייען זיין האַרץ מיט דער בשורה, אַז דאָך שניידט גאָלד קייטן: ער האָט איבערגעקויפט רופוסן, דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער פאַר געפאַנגענע, און מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז קיינער פון די זיבן הונדערט גע־פאַנגענע וועט נישט גיין אויף דער אַרענע. דערווייל זענען אַלע אַזוי אָפּגע־שוואַכט פון דעם לאַנגן וועג, אַז דער קיסר, וואָס האָט ליב צו זען אַן אמתן געראַנגל צווישן מענטשן און אַ ווילדער חיה, וועט נישט מסכים זיין אויף חוזק־ספּעקטאַקלען, אַז געפאַנגענע זאָלן אַן ווידערשטאַנד זיך לאָזן צערייסן פון די חיות. דאָס וואָלט אויך אויסגעטייטשט געוואָרן פון דעם פּלעבס, אַז נישט קיין גבורים פון יהודה האָט טיטוס געבראַכט, נאָר אפילו נישט קיין געוויינלעכע קעמפער. און דער אימפּעראַטאָר און זיינע צוויי זין זענען דאָך קראַנק אויף צו באַזיגן נאָר העלדן, כדי זיי אַליין זאָלן אויסוואַקסן פאַר גע־טער. דאָס וועט ער, רופוס, שוין זאָרגן דערפאַר, אַז די געפאַנגענע זאָלן בלייבן שוואַך וואָס לענגער. און דער וויקטיקסטער פון זיי, וואָס אויף אים רעכנט דער אימפּעראַטאָר, אַז ער וועט אין זיין געראַנגל מיט לעמפּערטן געבן אַ גוטן ספּעקטאַקל פאַר רוים — יוחנן פון גוש חלב — ער וועט „שטאַרבן" אין אַ פאַר טעג אַרום. די יידן וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט אויסצוקויפן זיין „טויטן" גוף און אים באַגראָבן אין זייער בית־הקברות־קאַטאַקאָמב.

„ווי אַזוי מיינט ער דאָס צו מאַכן?" — האָט זיך אַרטאַפּאַנוס אָנגעצונדן פון נייגער.

מנשה־ניקאָדעמוס האָט אַ קלאַפּ געטון אין די הענט און זיך הילכיק צע־לאַכט:

„רופוס איז דורכגעטריבן מער ווי צען גריכן. אויף אַלץ האָט ער איינ־

פאַלן. און וואָס גרעסער דער שוחד, אַלץ בעסער דער איינפאַל. איינער פון די, וואָס שטאַרבן סיי־ווי אין לאַגער פון געפאַנגענע, וועט דערקלערט ווערן ווי דער טויטער יוחנן. מיר וועלן אויסקויפן דעם גוף און אין אַ צינערנעם אָרון וועלן מיר פון לאַגער אַרויספירן דעם לעבעדיקן יוחנן. איז עס נישט פשוט, געוואַלדיקער אַרטאַפאַנוס?"

„דאָס איז זייער פשוט, — איז אַרטאַפאַנוס מסכים געווען — אָבער הונדער־טער געפאַנגענע וועט דאָך רופוס נישט קענען מאַכן פאַר מתים".

ניקאָדעמוס האָט זיך אָנגעבויגן צו אַרטאַפאַנוסן און אים געזאָגט שטיל:

„פאַר געלט וואָלט רופוס אפילו פון דעם קיסר געמאַכט אַן אמתן מת. נאָך אַ פּאָר טעג פון געבן די געפאַנגענע קאַרגע שפּייז וועט רופוס איבער־צייגן דאָמיציאַנען, וואָס ער האָט די קאָנטראָל איבער די געפאַנגענע פון יהודה, אַז עס איז גלייכער צו פאַרקויפן צו די רוימישע יידן וואָס מער געפאַנגענע — האָט ניקאָדעמוס געריבן די הענט פון סאַטיספאַקציע — ווארום אויף וויפל די רוימישע יידן וועלן גרייט זיין צו צאָלן פאַר לעבעדיקע געפאַנגענע, אויף אַזוי פיל וועלן זיי נישט גרייט זיין צו נעמען אומזיסט קיין טויטע געפאַנגענע. און מיט יעדע צען לעגאַל אויסגעלייזטע וועט רופוס אונדז אַרויסגעבן אַנדערע צען פאַר שוחד".

„אויב איר וועט דאָס באַווייזן, ניקאָדעמוס, קויפט איר זיך דאָס אייביקע לעבן ביי יידן" — האָט אַרטאַפאַנוס צו אים אויסגעצויגן אַ פרייַנטלעכע האַנט.

„מיט גאָטס הילף וועל איך דאָס באַווייזן, — איז ניקאָדעמוס געווען זיכער — אָבער דערווייל, פאַרשטייט זיך, דאַרף דאָס אַלץ בלייבן אַ סוד".

„עס וועט בלייבן אַ סוד, — האָט אים אַרטאַפאַנוס פאַרזיכערט אַזוי שטילער, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, האָט ער צוגעגעבן: — „אויב דאָס זאָל זיך איינגעבן, וועל איך רואיק קענען מאַכן מיינע פּלענער אויף ווייטער".

אויס דרך ארץ פאַרן געוואַלדיקן האָט ניקאָדעמוס נישט געפרעגט, וואָס פאַר אַ פּלענער אַרטאַפאַנוס מיינט און ער האָט געקוקט אויף אים מיט אַ הכנעהדיקן בליק.

נאָך מיטאָג, ווען אַלע געסט זענען זיך שוין צעגאַנגען, האָט זיך אַרטאַ־פאַנוס דערפילט מיד. ער וואָלט איצט גערן איינגעשלאָפן, אָבער די אויגן האָבן זיך נישט געקלעפּט. ער איז געווען צו פיל אויפגערודערט אין געמיט. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף זיין בעט און אים איינגעריבן די נאַקעטע ברוסט:

„האָסט היינט געהאַט אַ שווערן טאָג, ווי אין די טעג פון אַרבעט. און דו דאַרפסט האָבן רו".

„זעלישע רו דאַרף איך" — האָט ער געזאָגט.

„צי האָסטו נישט די זעלישע רו? מיר האָבן היינט געהערט אַזוי פיל שב־חים אויף אונדזערע קינדער. און גוטע בשורות האָסטו געהערט וועגן דעם וואָס באַאומרואיקט דיך".

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אירער, וואָס איז געלעגן אויף זיין ברוסט, און קוקנדיק איר אין די אויגן, האָט ער געזאָגט פאַרזיכטיק:

„צי גויטיקן מיר זיך אין שבחים פאַר אונדזערע קינדער? דו האָסט מיר געגעבן קינדער, וואָס קיינער קען מיר גאָרנישט אַנטפּלעקן וועגן זייער פיינ־קייט און שיינקייט און איידלקייט. נאָר וויטיקן וויטיקט מיר דאָס האַרץ, וואָס זיי דאַרפן בויען זייערע היימען אין רוים...״

„אַרטאַפּאַנוס!״ — האָט זי זיך מיט אַן אויסגעשריי אַריינגעריסן אין זיינע רייד.

ער האָט זיך פון שרעק אויפגעזעצט:

„וואָס איז געשען, פלאַוויאַ?!״

„פון סאַמע באַגינען הער איך אַ טאָן אין דיין לשון, וואָס איך האָב ביז איצט נישט געהערט — האָט זי אָנגעהויבן — האָסט געוואָרפן אַן אומחן אויף רוים. וואָס פאַראַ שלעכטס האָט אונדז רוים געטון פערזענלעך? מיר האָבן אויסגעהאָ־דעוועט דאָ די פיינסטע קינדער, מיר האָבן אַ גרויס פאַרמעגן, און כבוד און אַלץ וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן. זאָסימוס דאַרף איצט אַריינגיין אין לעבן און מיר דאַרפן טראַכטן וועגן אַ שידוך פאַר סאַבינען. דאָ איז זייער היים, דאָ איז זייער צוקונפט. צי מיינסטו, אַז אין דעם חרובן און אומעטיקן יהודה וואָלט דיר בעסער געווען? עפּעס איז דיר צושטאַנדגעקומען, אַרטאַפּאַנוס. זאָג מיר, אפשר וועל איך דיר קענען באַהילפיק זיין אין דעם וואָס מאַכט דיך אומרואיק. דניאל האָט דאָך דיינע ווערטער נישט געקענט פאַרשטיין און קיינער וואָלט דיר נישט פאַרשטאַנען!״

„זיי נישט אויפגעבראַכט, פלאַוויאַ, — האָט ער זיך באַמיט צו רעדן רואיק — דו ווייסט, אַז איך האָב ליב געהאַט רוים. צי האָב איך געקענט נישט ליב האָבן די שטאָט, אין וועלכער דו ביסט געבוירן און דערצויגן געוואָרן פאַר מיינעטוועגן? און צי איז דען פאַראַן עמעצער אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל אים אַזוי ליב האָבן, ווי איך האָב דיך ליב, מיין פלאַוויאַ? אָבער איך וויל דו זאָלסט וויסן, פלאַוויאַ, און איך בין זיכער, אַז דו ווייסט דאָס: איך בין אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס לעבט אויף דער וועלט, נישט בלויז כדי אָפּצוועקסלען דורות, ווי עס איז דער שטייגער ביי בעלי־חיים און געוויקסן — געבוירן ווערן און שטאַרבן, אויפגיין אויף די פעלדער און וועלקן, און אַזוי כסדר און כסדר, וואָס קיינער אויסער גאָט ווייסט נישט דעם זין און דעם ציל פון דעם. אונדזער פאָלק איז געשיקט געוואָרן פון גאָט נישט בלויז אויף מבשר צו זיין דער וועלט וועגן דעם, אַז ער איז פאַראַן און אַז ער איז דער הערשער איבער טויט און לעבן. אונדזער פאָלק האָט אַ שליחות, צו פאַרשפרייטן צווישן פעלקער אויף דער וועלט דעם זין פון מענטשלעכער אויסדערוויילטקייט, ער זאָל נישט זיין אַ לעמפּערט אין אַ טאָגע, אַ שאַקאַל מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, אַ היענע אין אַ רייטוואָגן, אַ וואָלף מיט קאָדעקסן, אויפצופרעסן מענטשן און פעלקער לויטן געזעץ. די שליחות פון אונדזער פאָלק איז צו דערהייבן דעם מענטש אין

זיינע אייגענע אויגן, אַז ער איז באַשאַפן אין געשטאַלט פון גאָט און אַז איינער דאַרף שעצן דעם צווייטן, ווי דער מענטש שעצט גאָט. מיט אָט דעם איז געקומען אונדזער פאָלק און דאָס איז דער זין פון אונדזער לעבן. האָט זיך רוים פאַרנומען אויף אונדז און דערטרינקט אין בלוט אונדזער פאָלק, צוזאַמען מיט זיין שליחות, אַז אויף דער וועלט זאָלן ווייטער הערשן די לעמפּערטן אין טאָגעס, שאַקאַלן מיט קרוינען אויף די קעפּ און וועלף, וואָס זאָלן פאַרצוקן פעלקער לויט אַ קאָדעקס. קען איך אין רוים נישט לעבן! איך קען נישט מער, פּלאַוויאַ. איך קען נישט מער פאַרטראָגן די דערנידערונג פון דעם אין וואָס איך גלייב, אַז עס איז דאָס געדעכטסטע און עס איז דער ווירקלעכער ווילן פון גאָט... קום, פּלאַוויאַ, מיר וועלן פאַרקויפן אונדזער אייגנטום, די שיפן און די הייזער, און מיר וועלן אַוועק פון רוים. אַוועק וואָס ווייטער. זאָלן אונדזערע קינדער נישט איינזאַפּן אין זיך דאָס בילד פון רוימישן בייז".

אַרטאַפּאַנוס האָט אָפּגעהאַקט און שווער געאָטעמט. ער האָט זיך באַמיט צו רעדן רואיק און דאָך אַרויסגעפּלאַמט זיינע ווערטער, וואָס האָבן אָנגעיאָגט בהלה אויף פּלאַוויאַן. אַ ווײַלע איז זי געבליבן ווי דערשלאָגן. זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן. דורך דער האַנט וואָס זי האָט געהאַלטן אויף דער נאַקעטער ברוסט פון אַרטאַפּאַנוסן, האָט זיך זיין שווערער אָטעם איבערגעטראָגן אויף אויף איר. זי האָט געאָטעמט מיט דעם זעלבן ריטם. זי וואָלט איצט אויסגעבראָכן אין אַ דערלייזערישן געוויין, אָבער אַלץ אין איר פּלאַמט און איז אין בהלה און זי קען אפילו נישט וויינען.

אין קאַמער איז געוואָרן טונקל, עפּעס אַזוי ווי דער טאָג וואָלט אַנטלאָפן פלוצים, זיך דאָס מאָל צוגעאיילט. פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך שטאַרק פאַרקוקט אין דעם גרוי־בלאָען ליכט וואָס אין פענצטער און געזאָגט מיט אַ נידעריקער שטים, ווי זי וואָלט דורך דעם זיך געוואָלט באַהערשן:

„עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דיר, אַרטאַפּאַנוס. איך דערקען דיך נישט. מיט וואָס איז די ערד פון רוים שולדיק אין דעם וואָס עס האָט געטון צום יידישן פאָלק דער רוימישער אימפּעראַטאָר און זיינע לעגיאָנען? מיט וואָס איז אין דעם שולדיק דאָס רוימישע פאָלק? אויך אין מיין לייב פליסט רוימיש בלוט, צי בין איך שולדיק אין דעם חורבן פון בית המקדש? אָדער איז שולדיק מיין מוטער, מיין פאָטער, וואָס דו ווייסט, אַז אַפילו ווען זיי זענען געבליבן געצנדינער, האָבן זיי אַכטונג פאַר יידן? צי זענען אין דעם שולדיק די אַלע רוימער, וואָס האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן? צי זענען אין דעם שולדיק די חברים פון זאָסימוס, וואָס הגם געצנדינער, האָבן זיי אַכטונג פאַר אים און פאַר אונדז? און די רוימישע פריינדינס פון סאַבינאַ? און אונדזערע בשותפותדיקע פריינט? פאַר וואָס זעסטו נישט די נאָבעלע מענטשן צווישן די רוימער, נאָר די שלעכטע און אכזריותדיקע צווישן זיי? דו האָסט דאָך מיר אַליין דערציילט, וויפל צער און אומגליקן הערשער פון יהודה האָבן פאַרשאַפט צו זייער אייגן פאָלק? נאָר דאָס געפיל פון אומבאַהאָל־

פנקײט קעגן די, וואָס האָבן חרוב געמאַכט ירושלים און דעם בית־המקדש, טרײבט דיך דו זאָלסט האַסן אפילו די ערד פון רוים. און דערמיט ביסטו אומ־גערעכט, אַרטאַפּאַנוס. זײער אומגערעכט, אפילו צו זיך אַלײן. און אומגערעכט צו אונדזערע קינדער און אויך צו מיר. צעברעכן אַלץ נאָר צוליב אומבאַהאָלפֿנ־קײט? און ווו וועסטו גײן? אין דעם חרוב געוואָרענעם ירושלים, אין דעם חרוב געוואָרענעם יהודה פון וואַנען ײדן אַנטלויפן, אָדער אין אַן אַנדער געצנדינעריש לאַנד, ווו מיר וועלן זײן פרעמד און אײנזאַם? אַרטאַפּאַנוס, באַדענק זיך. לײדן פאַרהײלן זיך, ווי ווונדן, און אויך דײנע ווונדן וועלן זיך פאַרהײלן״.

„דײנע ווערטער זענען שכלדיקע, מײן פלאַוויאַ, — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט שטיל — אָבער צו דיר איז נישט דערגאַנגען דאָס וואָס איך האָב דיר געזאָגט״.

„דערגאַנגען, דערגאַנגען. איך האָב גוט פאַרשטאַנען וואָס דו האָסט געזאָגט, און איך ווײס, אַז דו ביסט גערעכט, ווען דו רעדסט וועגן אונטערשײד פון דעם זין אין ײדישן לעבן און דעם זין פון געצנדינערישן לעבן — האָט פלאַוויאַ צוריק באַקומען איר נאַטירלעכן, רואיקן טאָן — דאָך, קײן שײכות צו דײן וועלן אַנטלויפן פון רוים האָט עס נישט״.

„גאָט איז פאַראַן אומעטום און ער וועט אונדז העלפן אומעטום״ — איז אַרטאַפּאַנוס באַשטאַנען אויף זײנס.

„פאַר וואָס זאָלן מיר זיך אַלײן צעשטערן אין אונדזער הײם און גײן זיך אויפבויען אין דער פרעמד?!״ — האָט פלאַוויאַ אויסגערופן.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך באַהערשט. ער האָט אויף דעם נישט רעאַגירט. פאַר איר איז רוים די נאַטירלעכע הײם און ער טאָר עס נישט באַצווײפלען און נישט שטעלן זי פאַר נסיונות. זײן שווײגן האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אָנגענומען, ווי ער וואָלט געוואָרן איבערצײגט אין איר לעצטן אַרגומענט. דאָך, כדי צו זײן אינגאַנצן זיכער אין דעם וואָס איר האָט זיך געדאַכט — איז זי ווײטער געזעסן שטיל און געוואַרט, ער זאָל זיך אָפּרופן. ער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

דער צוגעפאַלענער אָוונט האָט די שטילקײט נאָך טיפער געמאַכט און זי האָט געהויערט, ווי ערגעץ ווײט, ווײט וואָלטן געגרוישט גרילן. אויף דער טונקע־לער פלאַך פונעם שטיק הימל, וואָס אין פענצטער, איז אויפגעגאַנגען אַ שטערן און נעבן אים — נאָך אײנער, אַ קלענערער, און האָבן שטיל געצאַפּלט, ווי די הערצער פון פלאַוויאַ און אַרטאַפּאַנוס האָבן געצאַפּלט אין זײער שטילקײט.

קאַפּיטל אבע

דניאל האָט זיך צו שפּעט דערמאָנט אין דעם ווערטל, אַז נאָך ברויט דאַרף מען שיקן דעם הונגעריקן. נאָך אַלע שידולים צו געווינען די הערצער פון אַרטאַפּאַנוסן און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ פאַר דעם שידוך צווישן זאָסימוס און אסתּרן, און אפילו נאָך דעם ווי ער האָט אונטערגעמויערט דעם ווערט פון דער כלה מיט אַ דריטל פון זיין פאַרמעגן, איז ער נאָך נישט געווען זיכער, צי דער חתן זאָסימוס וועט מסכים זיין. עס איז טאַקע ריכטיק, אַז אין רוים זענען נישטאָ געוויינלעך ייִדישע טעכטער פאַר כלות און אוודאי איז אַזאַ מיידל ווי אסתּר אַ זעלטנקייט, אָבער דערפאַר קוואַפּען זיך אויסגעאיידלטע און אויס־געצערטלטע רוימישע טעכטער פון דער העכערער געזעלשאַפט, צו געפינען פאַר מענער ייִדישע יונגעלייט און אָננעמען דעם ייִדישן גלויבן. וואָרום פון אַלטע צייטן איז באַוווּסט, אַז ייִדן זענען די געטרייסטע מענער, זיי ווייסן נישט פון דעם שטייגער פון אויסגעלאַסנקייט, צו האָבן געליבטע ביי דער זייט פון זייערע פרויען, און זיי שטרעקן דאָס לעבן פאַר זייערע פאַמיליעס. און זאָסימוס איז אַ געלערנטער יונגערמאַן. ער איז צו גאָט און צו לייט. ווי אַמאָל די ייִדישע פּרינצן פון יהודה, קומט ער אַריין אין די הייזער פון דער העכסטער רוימי־שער געזעלשאַפט און ער איז דאָרט אָנגענומען ווי אַן אייגענער. וואָרום אוי־סער וואָס ער איז געבילדעט אין לאַטיין און אין גריכיש, קען ער אויך די הייליקע ספרים, פון וועלכע די געלערנטע רוימער ווילן וויסן וואָס מער. ווייל עס ציט זיי צום גלויבן אין איינציקן גאָט און עס לאָקן זיי די ייִדישע שב־תים און יום־טובים. אויב אַזוי — צי האָט זיך זאָסימוס נישט פאַרהעקלט מיט אַ רוימישער טאָכטער און צי וועט ער נישט גיין אין דעם דרך פון זיין פאָטער, וואָס האָט געפונען אַ פרוי אַן אבן־טוב — פון רוימישן אַפּשטאַם און דאָך אַ צדקנית?

פון אָנהייב איז אויך אַרטאַפּאַנוסן געווען דערווידער דער געדאַנק צו קו־מען צו זאָסימוסן און אים זאָגן, אַז ער האָט געפונען פאַר אים אַ פרוי. דאָס איז קעגן זיין אייגענער טבע. און וואָס שייך אים גופא, וואָלט ער דאָס גע־האַלטן ווי אַ באַליידיקונג פאַר זיין מענערישן שטאָלץ. אַ מאַן דאַרף דעראָבערן פאַר זיך אַ פרוי, כדי ער זאָל זי שעצן. דעריבער, אפילו ווען דניאל האָט שוין אַרויסבאַקומען די הסכמה פון די עלטערן, האָט אַרטאַפּאַנוס זיך באַוואָרנט:

„מיין פרוי און איך וועלן אוודאי זיין גליקלעך צו האָבן אייער טאָכטער

פאַר אַ שנור און אייך פאַר אַ מחותן. אָבער צי קענען מיר אַריינקוקן און זען, וואָס עס טוט זיך אין האַרצן פון אונדזער זון? לאָמיר אים העלפן און ער וועט אַליין אויסגעפינען זיין זיווג".

דניאלן איז נישט געווען צום האַרצן די באַוואָרעניש. קינדער דאַרפן הערן די דעה פון עלטערן און טון וואָס זיי הייסן. דאָס איז אַ דין אין דער הייליקער תורה. די זיבן קינדער, וואָס ער האָט ביז איצט אויסגעגעבן, האָבן געפונען זייערע זיווגים דורך אים. ער האָט געזאָרגט פאַר די שידוכים און — אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן! אַזוי האָבן זיך יידן געפירט אין בבל און אַזוי פירט ער זיך דאָ, אין רוים. דאָך, דניאל האָט געקענט אַרטאַפּאַנוסן און ער האָט געוווּסט, אַז צו פיל עקשנות וועט דאָ גאָרנישט העלפן. יעדער פאָטער קען דאָך זיינע קינדער און מסתמא וועט גאָט העלפן.

ווי דער שטייגער פון אַרטאַפּאַנוסן, נישט אָפּצולייגן דעם היינט אויף מאָרגן, האָט ער זיך אָפּגעשמועסט מיט זאָסימוסן אויף דעם נאָענטסטן פריי־טיק צו מאַכן אַ רייט־שפּאַציר איבער די קאַמפּוסעס פון רוים. זאָסימוס האָט ליב געהאַט די רייט־שפּאַצירן צוזאַמען מיטן פאָטער. אפילו אַ ווילד פערד איז אונטער זיין זאָטל געוואָרן מילד און געהאָרכזאַם. דער פאָטער האָט גע־צוימט אַ ווילד פערד מיט אַ קלאַפּ איבערן קאַרק און מיט אַ גלעט איבער דער נאָז. דעמאָלט האָט דאָס פערד באַקומען שטילע אויגן און האָט פאַררונדיקט זיין קאַרק, ווי עס וואָלט געווען שטאָלץ מיטן רייטער. זאָסימוס איז נישט געווען אַזוי געניט אין רייטן, ווי זיין פאָטער, אָבער אין גאַלאָפּ האָט ער אים תמיד נאָכגעהאַלטן. ער האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס זיין פערד ווערט שנעל מיד, בעת דער פאָטער קען שעהן נישט אַראָפּגיין פון זאָטל און זיין פערד פילט דאָס קוים.

אויך דאָס מאָל איז בעת דעם רייט־שפּאַציר אַזוי געשען. אויף צוריקוועגס איז שוין דאָס פערד פון זאָסימוס געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיין פעל איז געווען נאַס פון שווייס. און גראָד האָבן זיי זיך געפונען נישט ווייט פון דעם האַנדלס־קוואַרטאַל סובורא. האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט גוט־געמאַכטער גלייכגילטיקייט, אַז אַזוי ווי אין דער געגנט וווינט דער געראָס־יאַרק דניאל און ער דאַרף סיי־ווי ביי אים עפּעס געוווּיר ווערן, איז כדאי צוצורייטן צו זיין בחלה און ביי דער געלעגנהייט לאָזן די פערד אַ ביסל זיך אָפּרוען.

דניאלס הויז האָט זיך געפונען אין דער זייט פון דעם רוישיקן האַנדלס־קוואַרטאַל סובורא.

ווי אינגאַנצן זיך אָפּצוטיילן פון דעם קוואַרטאַל, איז דאָס הויז געווען אַרומגענומען מיט אַ רחבותדיקן, בונטן בלומען־גאָרטן. געבויט פון בלאָקן פון ווייסן מאַרמאָר, האָט עס פון דער ווייטנס, צווישן דעם פאַרביקן בלומען־פעלד, אויסגעזען מער ווי אַ קליינע פעסטונג, איידער אַ הויז פאַר אַ פּאַטריציער־פאַ־מיליע. אויך דער אַרויפשטייג איבער אַ קליינעם טאָל צום שווערן אייזן־באַש־

מידטן טויער פון גאָרטן האָט דערמאָנט דעם אַרויפשטייג צו אַ פעסטונג. זאָסימוס האָט קוים געגלייבט, אַז דאָס דאָזיקע הויז געהער צו דניאלן און ער האָט זיך אָנגעצונדן מיט נייגער.

עס איז געווען פאַר מיטאָג. די זון האָט נאָך נישט געהאַט אויסגעטריקנט די פייכטקייט פון די בייטן, און ווען זיי זענען צוגעריטן צום טויער, איז זיי אַנטקעגנגעקומען דער זיסלעכער האָניק־ריח פון בלומען, אויסגעמישט מיט דעם דופט פון דעם פייכטער ערד.

„דניאל קען מאַכן, אַז נישט בלויז זיין ווייַן זאָל האָבן א גוטן ריח״ — האָט זאָסימוס באַמערקט.

„דאָס איז ריכטיק, — האָט אַרטאַפאַנוס אָפגעענטפערט — דער ייד האָט אַ גוטן חוש־הריח און גוטן געשמאַק״.

זאָסימוס איז אַראָפגעשפרונגען פון פערד און אָפגעלענט אַ האַלבן טויער. דער פאָטער איז אַריינגעריטן און זאָסימוס האָט געפירט דאָס פערד נאָך זיך. די פאַרביקייט פאַר זיי איז געווען אַ שלאָגנדיקע: דער וועג אויסגעשיט מיט קליינע ווייסע קאַלך־שטיינדעלעך און באַזוימט מיט קוסטן, צעבלומטע אין פייערדיקן אָראַנזש. איבער זיי, פון ביידע זייטן, ברייטע לויפערס פון סאַמעטלעך, וואָס האָבן זיך געמיניעט אין די פאַרבן פון טונקעלן פיאָלעט ביז ראָז און רויט. וואָס טיפער אין גאָרטן, אַלץ קאָמפאַקטער און פאַרביקער זענען די בייטן און אַלץ העכער און בונטער די בלומען. ווי אַ יונגער פילבאַרער הירש דערשמעקט פון דער ווייטנס אַ קוואַל, אַזוי האָט זיך זאָסימוס פלוצים פאַרהאַלטן און קורץ־גענומען זיין פערד ביים ציימל. אויך אַרטאַפאַנוס האָט שוין באַמערקט דאָס, צוליב וואָס דער זון האָט זיך פאַרהאַלטן, און ער האָט אַ צי געטון זיין פערד, עס זאָל זיך אָפשטעלן. צווישן ברייט־צעבלעטערטע גרינע קוסטן האָט געפלאַמט דער קאָפ פון אַ יונגער צעשמייכלטער פרוי. די פרוי איז געווען אין אַ ווייסן טוניק באַזוימט אַרום האַלדז מיט גלאַנציקן פיאָלעט, ווי אויסגעזעצט מיט גראַנאַטן. די יונגע פרוי איז פריער מסתמא געווען אַראָפגעבויגן און פאַרטון צווישן די בלומען, וואָרום זי איז דערשינען אַזוי פלוצים און אַזוי נאָענט, אַז זאָסימוס האָט אויף איר פנים, אַרום איר נאָז און צווישן די ברעמען, באַמערקט געדיכטע זומערשפרענקעלעך אין דעם קאָליר פון טאָפאַז. אויך אירע רויט־צעפלאַמטע האָר האָבן דערמאָנט אין גליאיקן טאָפאַז, פונקט ווי אירע טיף־גרינע אויגן האָבן דערמאָנט אין דער גרינקייט פון מאַלאַכיט־שטיין. און אירע ליפן — רויט דורכזיכטיק, ווי ספינעל. נאָר אַלץ האָט געשמייכלט אין איר פנים: די אויגן, די זומער־שפרענקעלעך, די זאַפטיקע ליפן, און אפילו דער הויב פון אירע פלאַמענדיקע האָר האָט געשמייכלט. פונעם זאָטל אויף זיין פערד האָט זיך אַרטאַפאַנוס מיט צעשפילטן נייגער צוגעקוקט ווי זיין זון האָט זיך ייִנגלעריש פאַרלוירן. ער שטייט אַ פאַרגליווערטער, נישט פילנדיק אפילו, אַז דער שוים פון מויל פון דעם קורץ־געהאַלטענעם פערד רינט אַראָפ אויף זיין אַקסל, און ער קען נישט אָפרייסן דעם בליק פון איר פנים. און זי — זי איז צע־

שפּילט אין אַ פּרייען ווייבלעך־קינדישן שמייכל, נאָר דער טוניק הייבט זיך אויף איר פּולער, רייפער ברוסט פונעם צוגעאײַלטן אָטעם. אַרטאַפּאַנוס וואָלט איצט גערן אויסגעקערעוועט דאָס פערד און אַנטלאָפן, כדי איבערצולאָזן די צוויי קינ־דער אַליין מיט זיך, אָבער ער האָט מורא געהאַט זיי צו צעפּלאָשען, ווי זיי וואָלטן געווען צוויי טויבן.

אסתר האָט דערפילט דעם דורכדרינגלעכן בליק פון דעם עלטערן מאַן אויפן פערד און זי האָט אויפגעהויבן צו אים אירע צעשמייכלטע אויגן:

„איר ווילט מסתמא זען מיין פאָטער, גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס?" — האָט זי געפרעגט מיט אַ נידעריקער שטים, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין נישט איר נאַטירלעך קול.

זאָסימוס איז ענדלעך געקומען צו זיך און זיך אַ טרייסל געטון, ווי ער וואָלט וועלן פאַרווישן דעם איינדרוק, אַז ער איז געווען לעכערלעך.

„יאָ, טאָכטער — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט גע־שען, און ער איז אַראָפּ פון פערד — איך גלייב, אַז דער פאָטער איז נאָך נישט אַוועק. איז ער נאָך אין דער היים?"

„ער איז אין דער היים, גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס" — איז אסתר אַרויס פון צווישן די קוסטן און צוגעגאַנגען נאָענט צו די מענער.

דער פאָטער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין זון. דער תמיד זעלבסטזיכערער און באַרעדעוודיקער זאָסימוס איז ווידער געשטאַנען אַ באַרוישטער און פאַר־לוירענער, ווי אַ יינגל.

„ביסטו נישט די יינגסטע טאָכטער פון גערוסיאַרך דניאל? — האָט אַרטאַפּאַ־נוס געפרעגט און איידער ער האָט באַקומען אַן ענטפער האָט ער אָנגעוויזן אויף זאָסימוס: — דאָס איז מיין זון".

זאָסימוס האָט זיך טיף פאַרנייגט מיט דער האַנט אויף דער ברוסט און אסתר האָט ווייבלעך אַ שפּיל געטון מיט איר צעפלאַמטן קאָפּ. מיט דעם קלייען־צעגליטן שמייכל אויפן פּנים האָט זי זיך העפלעך געווענדעט צו אַרטאַפּאַנוסן:

„דאַרף איך אייך אַריינפירן צו מיין פאָטער, גערוסיאַרך?"

„נאַטירלעך, צוליב דעם זענען מיר געקומען" — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט און מיט איידעלער צופרידנקייט, ווי מען קוקט אויף אַ בלום, איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

אסתר איז געגאַנגען פאָרויס און נאָך איר — די צוויי מענער, וואָס האָבן געפירט די פערד נאָך זיך. אַרטאַפּאַנוס איז געווען אויסער זיך פון דער פריי־קייט, מיט וועלכער דאָס יונגע מיידל האָט זיך באַוועגן. סך־הכל איז זי אַלט פופצן יאָר און זי פאַרהאַלט זיך ווי אַ דערפאַרענע פרוי; זי שפּילט מיט איר קערפּער מיט אַזאַ ראַפינירטקייט, אַז ביי יעדן בויג זאָל מען אָנזען אירע רונ־דע לענדן און די וויבראַציע פון דעם רוקן. זאָסימוס איז שוין געווען אַ געפאַנ־גענער פון איר כישוף, און הגם ער האָט נאָך צו איר נישט אויסגערעדט

קיין איינציק וואָרט, איז זי אים שוין געווען אַזוי נאָענט און אייגן, ווי אַ טייל פון אים אַליין. און פּלוצים האָט ער געזאָגט אַ באַהערשטער:

„דער גאָרטן זעט אויס ווי איר אַליין וואָלט אים געפּלעגט".

אסתר האָט זיך אַ וויג געטון און אויסגעדרייט זיך צו אים:

„איך האָב ליב מיין גאָרטן, ווי איר האָט ליב אייער פערד".

„פון וואַנען אייער זיכערקייט, אַז איך האָב ליב מיין פערד?" — האָט זיך זאָסימוס אויסגעגלייכט מיט איר און אַרטאַפּאַנוס איז געבליבן אַ ביסל פון הינטן.

„איך האָב באַמערקט, אַז איר האַלט אים קורץ און אַלץ וואָס מען האָט ליב האַלט מען קורץ" — האָט זי אים פאַרפירעריש געוויזן אירע ווייסע ציין צווישן די ספּינעל־רויטע דורכזיכטיקע ליפּן.

„גוט צו וויסן פון פאָרויס, אַז איר האַלט קורץ אייער גאָרטן, אַנישט וואָלט איך געווען אומפאַרזיכטיק צו רייסן פון אים בלומען" — האָט ער געזאָגט עלעגאַנט.

אסתר איז אים נישט געבליבן שולדיק:

„זאָגט מיר וועלכע איר האָט ליב און איך וועל זיי פאַר אייך אָנרייסן".

„מיר וועלן זיי רייסן צוזאַמען, וועלן זיי זיין שענער און דופּטיקער" — האָט ער שוין געזאָגט אינגאַנצן פריי.

זאָסימוס ווערטער האָבן אויף אַרטאַפּאַנוסן אָנגעטריבן אַ בענקשאַפט. די ווער־טער פון זיין זון האָבן אים אויסגעזען נאָענט און באַקאַנט. צי האָט ער גופא זיי נישט אַ מאָל געזאָגט? ווען און וועמען האָט ער זיי געזאָגט? ער האָט מיט דער פרייער האַנט אַ וויש געטון איבערן שטערן, ווי ער וואָלט זיך ווען דערמאָנען, אָבער אויף די טרעפּ פון דעם מאַרמאָר־ווייסן הויז האָט זיך באַ־וויזן דניאל אין זיין לאַנגן ווייסן קיטל אַרומגענומען מיט אַ דיקן ברוינעם גאַרטל. דניאל האָט פון די טרעפּ אויסגעזען אַ סך העכער ווי ער איז געווען און ביים אויפהייבן די אָרעמס אין דער הויך איז ער געוואָרן נאָך העכער:

„זאָל גאָט בענטשן מיינע ליבע געסט!" — האָט ער אויסגערופן און אָנגע־הויבן אַראָפּגיין פון די טרעפּ.

„זאָל גאָט בענטשן אייך און אייער הויז, גערוסיאַרך דניאל!" — האָט אַר־טאַפּאַנוס אים געענטפערט.

„זייט באַגריסט, האַר, גערוסיאַרך דניאל" — האָט זיך זאָסימוס טיף פאַרנייגט.

„איז נישטאָ קיינער פון די שקלאַפן, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די פערד פון אונדזערע ליבע געסט?" — האָט זיך דניאל געווענדעט צו אסתרן.

„אַלע זענען פאַרנומען ביים ברונעם, פאָטער — האָט אסתר אַ טרייסל געטון מיט איר שיינעם קאָפּ — איך וועל רופן סטעפאַנוסן. זאָל איך אים רופן, פאָטער?"

„דאָס איז נישט נייטיק. איך וועל אַליין צובינדן די פערד צו די רינגען" — האָט זאָסימוס אָנגעוויזן, אַז ער האָט באַמערקט די פערד־רינגען איינגעמויערט ביים אַריינגאַנג, און ער האָט איבערגענומען ביי זיין פאָטער דאָס פערד.

„האָסטו געזאָגט אונדזערע ליבע געסט, אַז דו ביסט מיין יינגסטע טאָכ־טער ?״ — האָט דניאל געפרעגט אסתרן.

אַרטאַפּאַנוס האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט:

„געזאָגט, געדוסיאַרך. און אפילו איך זאָל נישט האָבן געפרעגט, וואָלט איך דאָס געוווּסט. מען קען גאָר קיין טעות נישט האָבן פון וועלכן בוים עס איז דער עפּל, ווען ער איז אויפן בוים״.

פרייד האָט זיך אויסגעשפּרייט אויפן פּנים פון דעם אַלטן דניאל און ער האָט מיט אַ ברייטער באַוועגונג אָנגעוויזן אַרטאַפּאַנוסן דעם וועג אַרויף צו די טרעפּ. אַרטאַפּאַנוס איז געגאַנגען פאָרויס און דניאל נאָך אים, בעת זאָסימוס איז נאָך געווען פאַרנומען מיט צובינדן די פערד צו די רינגען. דניאל איז שנעל פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט אַרטאַפּאַנוסן אין הויז, איבערלאָזנדיק בכיוון זאָסימוסן. אָבער אויך זאָסימוס האָט בכיוון זיך נישט געאיילט מיט צובינדן די פערד, און די רימענס האָבן זיך אים געפּלאָנטערט צווישן די פינגער. אסתר האָט באַמערקט ווי אומגעלומפּערט דער יונגערמאַן דרייט די רימענס און זי האָט זיך צעלאַכט:

„די רימענס זענען ביי אייך עקשנותדיקער ווי די פערד״ — האָט זי געזאָגט, צוגעגאַנגען נאָענט צו אים און, ווערלנדיק אים העלפן, האָט זי מיט אירע פינ־גער באַרירט זיינע הענט. זאָסימוס האָט אויפגעציטערט פון דעם באַריר און פון דעם אויפרייצנדיקן ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר לייב. אַ רגע זענען ביידע געבליבן שטיין און באַלד האָט זי זיך צעלאַכט מיט איר גאַנצן פּנים:

„וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר ?״

„איר זענט אַזוי שיין און איך זע אייך צום ערשטן מאָל״ — האָט ער געזאָגט מיט געוועקטער ליידנשאַפט און ערנסט.

„אָ, אונדזערע פאָטערס זענען אַריין אין הויז — האָט זי געזאָגט איצט שוין אַ ביסל אַ געמיט־אויפגערודערטע, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן פאַר זיין ערנסט־קייט. — ווילט איר נישט אַריינגיין אין הויז ?״

„ניין, איך וויל נישט, — האָט ער געזאָגט כמעט טראָציק — אונדזערע פאָ־טערס האָבן מסתמא צו רעדן איבער זייערע סינאַגאָגע־אינטערעסן... אייגנטלעך האָב איך אייך נישט געזאָגט מיין נאָמען... מיין נאָמען איז זאָסימוס. און ווי איז אייער נאָמען ?״

„אסתר״ — האָט זי זיך אַ חנדל געטאָן.

„אסתר המלכה, רעגינאַ אסתר. זייער אַ שיינער נאָמען... פאַר וואָס האָב איך אייך קיינמאָל נישט געזען ?״ — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט.

„אויב איר זענט תמיד אַזוי צעטראָגן, ווי ביים צובינדן די פערד, איז קלאָר, פאַר וואָס איר האָט מיך נישט געזען״ — האָט זי געענטפערט.

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צו די טרעפּ און זיך אַוועקגעזעצט, בעת

זי איז געבליבן שטיין נעבן אים מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און איינגעאַנצן אַ געשפּאַנטע.

אין דער זעלבער צייט ווי דער זון האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ אין דרויסן, האָט זיך דער פאָטער אַוועקגעזעצט אויף ווייכע קישנס אין דער גרויסער קילער קאַמער און געזאָגט אַ צופרידענער:

„שיינט מיר, גערוסיאַרך דניאל, אַז מיר קאָנען זיך זאָגן מזל־טוב".

„מיר שיינט נישט, נאָר איך בין זיכער אין דעם. איר ווייסט דאָך, גערו־סיאַרך אַרטאַפּאַנוס, דעם אַלטן כלל, אַז נאָך ברויט דאַרף מען שיקן דעם הונ־געריקן. ווי איך האָב אייך געזאָגט: אונדזערע קינדער זענען אַ זיווג מן השמ־מים, און לאָמיר טרינקען לחיים און פאַרן מזל פון אונדזערע קינדער און פון גאַנצן פאָלק ישראל".

דניאל איז אַריין אין דער צווייטער קאַמער און איז צוריקגעקומען מיט זיין ווייב, פירנדיק זי ביי דער האַנט:

„הייס דערלאַנגען כבוד, שרה, און לאָמיר זיך ווינטשן מזל־טוב!" — האָט ער הויך אויסגערופן.

„לאָמיר צום ערשט זאָגן שלום עליכם אונדזער פריינט אַרטאַפּאַנוס" — האָט שרה אַ שטראַלנדיקע גלייך באַגאָסן איר פנים מיט טרערן.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויפגעהויבן און זיך פאַרנייגט פאַר דער פרוי:

„זאָל אונדז זיין מיט מזל!"

שרה איז געווען אַ הויכע און ברייטע פרוי, אַ סך יינגער פון איר מאַן, מיט רויט־פלאַמיקע האָר, ווי ביי איר טאָכטער, און אין די קנייטשן פון איר פנים האָבן זיך נאָך אויפגעהאַלטן אַלע חנען פון איר שפּעדיקער ווייבלעכ־קייט. מיט איר שטורעמדיקער אימפּולסיוויקייט איז זי צוגעפאַלן צו אַרטאַפּאַ־נוסן, אים אַנגענומען ביי די אָרעמס און אים אַ פלאַמיקן קוש געטאָן:

„איך בין גליקלעך, גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס. איך זאָל זיך נישט שעמען, וואָלט איך איצט געטאַנצט מיט אייך".

דער פרומער דניאל איז געווען געערגערט פון דער פרייקייט, מיט וועל־כער זיין שרה פירט זיך אויף, הגם עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווי זי רעכנט זיך נישט מיט אים און זי לאָזט פריי אירע ווייבלעכע אימפּולסן אויף אַזאַ נישט צניעותדיקן אופן. אין קאָנטראַסט צו איר שטורעמדיקייט, האָט דניאל נאָך מער אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן און געזאָגט פייערלעך:

„טאַנצן גייט נישט אייַן פאַר כיבוד, שרה".

„אָבער טאַנצן און כיבוד גייען צוזאַמען, דניאל" — האָט שרה פאַרבראָכן די הענט פון איבערפלוס פון געפילן און מיט איר פאַרטרערט און גליקלעך פנים זיך געוואָנדן צו אַרטאַפּאַנוסן:

„מיינט איר נישט אַזוי, גערוסיאַרך?"

אַרטאַפּאַנוס האָט געענטפערט, כדי אויך צו באַפרידיקן דאָס געמיט פון דניאלן:

„זיכער איז עס אַזוי, אָבער עס איז ערב שבת און מיר וועלן דאָס מאָל איינטיילןביידע זאַכן באַזונדער, הגם גאָט איז מיר אַן עדות, אַז מיין האַרץ איז איצט צו פיל איבערפולט, איך זאָל קאָנען געניסן פון כיבוד. איך וואָלט דעם כיבוד געוואָלט געניסן צוזאַמען מיט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ".

„ווי גאָט איז מיט אייך, גערוסיאַרך, צי איז עס געהערט געוואָרן, ביי אַזאַ געלעגנהייט זאָל מען זיך אָפּזאָגן פון כיבוד?"—האָט שרה אויסגערופן מיט נייעם שטורעם—און פאַר מאַטראָנאַ פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ שיקן מיר היינט אַ פעסל פון דעם עלטסטן וויין, וואָס מיר פאַרמאָגן, און די פרישסטע בלומען פון אונדזער גאָרטן".—און זי האָט זיך ווידער באַגאָסן מיט פריידיקע טרערן.

שרה איז אַוועק ברענגען כיבוד און ביידע מענער זענען געבליבן זיצן שטיל, כדי אָפּצוטעמען פון דעם שטורעם, וואָס די פרוי האָט אויפגעהויבן אין דער קאַמער. אַרטאַפּאַנוס האָט פון אַ זייט אַ קוק געטאָן אויף דניאלן און ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „ווי אַזוי צוימט דער מאַן אַזאַ שטורעם אין הויז—צי איז נישט די טאָכטער אויך אַזאַ הוראַגאַן?"

אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געמאַכט קיין טעות. אסתר האָט איבערגענומען פון דער מוטער נישט בלויז אירע רויטע האָר און שפּעדיקע ווייבלעכקייט. אויסער די זיר־רייצן, וואָס האָבן קוואַליק עמאַנירט פון דעם יונגן מיידל, האָט זי זאַ־סימוסן פאַרטשאַדעט מיט איר האַלטן זיך. ווי אַ דערפאַרענע פרוי האָט זי געשפּילט מיט איר קערפּער: דאָ זיך אָנגעבויגן צו אים און דאָ זיך ווידער אויס־געגלייכט און אָנגעשפּאַנט, איר רייפער בוזעם זאָל זיך דאָ באַהאַלטן און דאָ ווידער בולט מאַכן אונטערן טוניק. זי האָט אים באַלד דערמאָנט, אַז ער האָט איר פאַרגעלייגט צוזאַמען צו רייסן בלומען, און זאַסימוס איז אויפגעשפּרונגען און אַוועק מיט איר צו אַ בייט פון בלוט־רויטע נעגעלעך. ביים ווייזן אים ווי מען רייסט בלומען האָט זי אַזוי טאַקע מער מיטן אינסטינקט ווי בכיוון לייכט אָנגערירט מיט איר ווייכן מיידלשן קערפּער זיין קרעפטיקן, מוסקולירטן גוף. זאַסימוס האָט דערפילט אַ זיסן ברי, און דער ריח פון די נעגעלעך איז געוואָרן ווי דער ריח פון שטאַרקן וויין.

דאָס געפיל, וואָס אסתר האָט איצט אויפגעוועקט אין אים, איז מיט גאָרנישט געווען ענלעך צו זיינע מענערישע שפּירונגען ביי באַגעגענען זיך פריער מיט אַנדערע יונגפרויען. ער איז געווען שיכור און דערהויבן, און זי איז אים געוואָרן אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז ער האָט זי מער ווי באַגערט—ער האָט זי געוואָלט האָבן אין זיין אָטעם, אין זיין בלוט.

„אָ, איך האָב!"—האָט זי פּלוצים אויסגערופן מיט ענטוזיאַזם, אויפגעצ־שפּרונגען און אָן צו באַהערשן זיך, האָט זי אַ פיר געטאָן אונטער זיין נאָז אַ צווילינג־צונויפגעוואָקסן נעגעלע. זי איז געווען אַזוי נאָענט צו אים, אַז ער האָט דערפילט איר אָטעם און דעם ריח פון איר לייב.

„וואָס איז עס?!"—האָט ער געפרעגט אַ צעטומלטער.

„אַ צונויפגעוואָקסן צווילינג־נעגעלע"—האָט זי צוריקגעצויגן די בלום און

זיך אין איר פאַרקוקט — דאָס ברענגט מזל. איך זוך אַזאַ נעגעלע, ווען נאָר איך בין אין גאָרטן, און איצט האָב איך עס געפונען״.

„אויך איך האָב געפונען״ — האָט ער זיך אָפּגערופן.

„וואָס ?״ — האָט זי געפרעגט און אים דרייסט געקוקט אין די אויגן.

ס'האָט אים פאַרפעלט כוח צו זאָגן איר, און ער האָט געשוויגן, געשוויגן, כאָטש זיינע אינגעווייידן האָבן געדופן : „דיך ! דיך האָב איך געפונען !״

ווי צוויי טויבן, וואָס ווערן צעפלאָשעט דורך אַ שאַרפן אויסגעשריי, זענען די צוויי יונגע מענטשן צעפלאָשעט געוואָרן דורך דעם רוף פון שרהן :

„אסתר ! אסתר !״

„יאָ, מאַמע״, — האָט אסתר געענטפערט און אָנגעהויבן גיין שנעל אין דער ריכטונג צו די טרעפּ, וווּ עס איז געשטאַנען די מוטער. זי איז געגאַנגען אַזוי שנעל, נישט ווי די מוטער וואָלט זי גערופן, נאָר ווי זי וואָלט געאיילט, צו דערציילן עפּעס פּלוצימדיקס און גאָר וויכטיקס...

זאָסימוס איז נאָכגעקומען מיט געמאָסטענע און געלאַסענע טריט און שטיין בלייבנדיק האַרט נעבן די טרעפּ, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרצן און זיך טיף־טיף פאַרנייגט פאַר דער עלטערער, יוסטער מאַטראָנע שרה.

מיט דעם צונויפגעוואָקסענעם נעגעלע ביי דער נאָז האָט זיך אסתר צוגע־טוליעט צו איר מוטער און פון אַ זייט, מיט פאַרזשמורעטע, תענוגדיקע אויגן געקוקט אויף זאָסימוסן. זי האָט אין דער רגע געהאַט אַלץ־אַלץ : איר מוטער, איר גאָרטן, איר הויז און נעבן איר — דעם שלאַנקן מענלעכן זאָסימוס, וואָס זיין זון־פאַרברוינט פּנים און די נידעריק געשוירענע האָר איבער דער בלאַנק־ווייסער טאָגע האָבן אָפּגעשלאָגן, ווי דאָס פּנים פון אַ סטאַטוע אויסגעהאַקט אין ברוינלעכן מאַרמאָר.

„האָסט נישט אַריינגעבעטן דעם גאַסט אין הויז ? — האָט שרה אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף די אַקסלען פון דער טאָכטער און געזאָגט מיט מוטערלעכן פאָרוואורף, שפּיגלענדיק זיך גלייכצייטיק אינעם פּנים פון זאָסימוס — צי וועסטו נישט איינלאַדן דעם ליבן גאַסט צו טרינקען אַ שערבל וויין צוזאַמען מיט געררוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס און דעם פאָטער ?״

דווקא איצט האָט זיך אסתר קינדיש געשעמט, ווי נעבן דער מוטער וואָלט זי צוריק געוואָרן קינד. האָט זי פאַרלעגן געשמייכלט צו זאָסימוסן און געזאָגט אומבאַהאָלפן :

„קום !״

און זאָסימוס איז נאָך איר נאָכגעגאַנגען אַ פאַרווירטער.

קאַפּיטל ניין

פון דער רגע אָן האָבן זיך אָנגעהויבן שמחות, וואָס אַזעלכע האָבן אפילו די עלטסטע יידן אין רוים נישט געדענקט. וואָרום כדי אונטערצושיידן זיך פון די געצנדינער און זייט דער גזירה פון טיבעריוס, צו פאַרטרייבן די יידן פון רוים, האָבן יידן געפּראַוועט זייערע שמחות שטיל און באַשיידן. אַזוי אויך האָבן די רוימער געברענט פון קנאה צו די יידן: יעדן זיבעטן טאָג אין דער וואָך רוען זיי און טוען זיך אָן אין יום־טובדיקע קליידער. און נאָך אַ סך טעג אין יאָר הייסט זיי זייער גאָט נישט אַרבעטן, נאָר זיך קליידן אין רייכע בגדים און פּראַוען רייכע סעודות. און הגם זיי לעבן אין חסד פון רוים, זענען זיי פאַרריסן און שפּאָטן פון די געטער פון דער שטאָטלעכער אמונה און זיי חוזקן פון דער געטלעכקייט, וואָס אין די אימפּעראַטאָרן. דעריבער האָבן יידן נישט אַרויסגעבראַכט זייערע שמחות אויסער די ווענט פון זייערע הייזער און סינאַגאָגעס. דאָך, ווען זאָסימוס, דער זון פון אַרטאַפּאַנוס, און אסתר, די יינגסטע טאָכטער פון דניאלן, זענען געוואָרן חתן־כלה — און דאָס איז אויסגעפאַלן אין דער זעלבער צייט, ווען עס זענען באַפרייט געוואָרן די לעצטע געפאַנגענע פון יהודה — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן:

„אויב די רוימער קוקן זיך צו צו אונדזער דערנידעריקונג און צו אונדזער צער אין דער עפנטלעכקייט, פאַר וואָס זאָלן מיר זיך אויסבאַהאַלטן מיט אונדזערע שמחות? מיר זענען קיינעם גאָרנישט שולדיק! מיר צאָלן אונדזערע חרבות און אונדזערע שטייערן פּינקטלעכער פון די געצנדינער. און אַלץ וואָס מיר האָבן דעראָבערט, האָבן מיר דעראָבערט מיט אונדזער נסיון, פלייס און אויסדויער. ווען מיר רוען דעם שבתדיקן טאָג און נעמען אָן כוחות אויף די אַנדערע זעקס טעג פון דער וואָך, זענען זיי, די געצנדינער, דריי טעג אין דער וואָך פאַרשיכורט פון וויין און זנות, און די איבעריקע פיר טעג גייען זיי אַרום ווי אין הינערפלעט. דאָס האָט זיכער אונדזער צוריקגעהאַלטנקייט דערמוטיקט די געצנדינער צו זען אונדז ווי פּחדנים, און דאָס האָט אונדזער באַגער צו שלום געמאַכט זיי גלייבן, אַז מיר זענען שוואַכע. דערום ווילן מיר פון היינט אָן נישט אויסבאַהאַלטן זיך מער מיט אונדזערע שמחות און זאָלן זיין שמחות ביי יידן!"

דניאל איז אַפילו נישט מסכים געווען מיט דעם אויספיר פון אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ ייד דאַרף זיין צוריקגעהאַלטן אין אַלץ, נישט צו

פיל אַרויסשטעלן זיך ס׳״ פּאָר אייגענע און סיי פּאָר פרעמדע, וואָרום, האָט ער געזאָגט, דאָס שענסטע וואָס דער מענטש פאַרמאָגט — אמונה אין איינציקן גאָט אין הימל — טראָגט אויך דער מענטש טיף אין האַרצן און ער שרייט נישט דעריבער אויף די גאַסן און מערק. דאָך, אַזוי ווי ער גיט אויס די לעצטע טאָכטער און מער אַזאַ פרייד דערוואַרט אים נישט, האָט ער גאָרנישט קעגן דעם, אַז אויף דער חתונה פון זיין אסתרן מיט זאָסימוס זאָלן יידן אפילו טאַנצן אין די גאַסן.

אויף דעם ערשטן שבת, נאָך דעם ווי זאָסימוס און אסתר זענען פאַרקנסט געוואָרן, איז דער חתן פאַרבעטן געוואָרן צו דער כלה. כדי די משפחה פון אַרטאַפּאַנוסן זאָל צוליב שבת נישט דאַרפן גיין צו פוס אַזאַ וויטן מהלך, וואָס צווישן דעם הויז פון אַרטאַפּאַנוסן אין טראַסטעווערע, וואָס אויף יענער זייט טיבער, און דעם הויז פון דניאל, אויבן, און דעם סובוראַ־קוואַרטאַל, איז זי געקומען צו פאָרן ערב שבת.

דניאל האָט פאַר די געסט אָפּגעגעבן אַ האַלבן פליגל פון זיין הויז, דאָרט ווו עס האָבן פריער געוווינט זיינע זיבן קינדער, וואָס ער האָט אויסגעגעבן מיט מזל. דריי טעג פאַר דעם ווי די געסט זענען געקומען האָט שרה איינגעשפּאַנט אַלע קנעכט צו רייבן און שייערן די קאַמערן, אויסצוקלאַפּן די טעפּיכער, אויס־צופּוצן די געלעגערס און אַנצוגרייטן פון אַלדאָס גוטס, אַז וואָס די געסט וועלן פאָדערן, זאָל זיין פאַר זיי צוגעגרייט. מער פון אַלץ האָט שרה נישט ליב, אַז אַן אַנדער באַלעבאָסטע זאָל באַמערקן ביי איר א שטויבעלע, אָדער אַז דאָס עסן איז נישט ווי געהעריק צוגעגרייט, אָדער דאָס זילבער שיינט נישט ווי אַ שפּיגל־טאָץ. און איצט וועט זיין ביי איר פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, דאָס ווייב פון אַרטאַפּאַנוסן, וואָס וועגן איר זאָגט מען, אַז ביי איר אין הויז איז ציכ־טיק ווי אין הימל, און די שפּייזן, וואָס זי דערלאַנגט, זענען איידל, ווי בלומען־האָניק. און הגם פלאַוויאַ איז אַ צאַרטע נשמה און קיינער האָט נישט גע־הערט, זי זאָל חלילה עמעצן באַרעדן, פון דעסטוועגן איז שרה אומרואיק, דעם גערוסיאַרכס ווייב זאָל עפּעס נישט געפעלן ביי איר...

אַז די געסט זענען אָנגעקומען, זענען אַלע געווען פריידיק אויפגערודערט. אַ יום־טובדיקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן הויז, איבער די קאַמערן, איבערן בלומען־גאָרטן און אין די הערצער. שרה האָט געוויינט פון פרייד, ווי זי וואָלט צום ערשטן מאָל איבערגעלעבט דאָס פאַרקנסן אַ טאָכטער. און די קליינע קאַקאַטיאַ האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרשנדיקע אייגעלעך און גע־פרעגט דער מוטער:

„פאַר וואָס וויינט זי? צי וויל זי אונדז נישט האָבן ביי זיך אין הויז?״

„וואָס פעלט דיר איין, קאַקאַטיאַ? — האָט פלאַוויאַ פאַרבראָכן די פינגער, — זאָלסט דאָס נישט איבערחזרן. די מומע שרה וויינט, ווייל זי איז זייער צופרידן, וואָס מיר זענען געקומען צו איר״.

„אַז מען איז צופרידן, לאַכט מען — האָט קאַקאָטיאַ פֿאַרצויגן דאָס נעזל — און זי וויינט. זאָל זי לאַכן!"

„דערוואַקסענע קענען אַ מאָל אויך וויינען, ווען זיי זענען גאָר צופרידן" — האָט די מוטער איר אויפגעקלערט און די קליינע האָט אַ טרייסל געטון מיטן קעפל:

„די דערוואַקסענע זענען אויסטערלישע מענטשן".

פון אַלע איז קאַקאָטיאַ געווען אַמערסטן צעטומלט. צום ערשטן מאָל וועט זי זיין בייזאַכט אויסער איר שטוב און נישט אויף איר געלעגער. סאַבינאַ איז אַוועק מיט אסתרן און זיך ערגעץ־ווו באַהאַלטן אין גאָרטן. זאַסימוס איז צוזאַמען מיט איר פֿאָטער און דעם אַלטן דניאל. די מוטער הערט אויס וואָס עס ר'עדט די מומע שרה, און זי רעדט זייער אַ סך און וועגן זאַכן וואָס זי, קאַקאָטיאַ, פֿאַרשטייט נישט. פֿאַר וואָס זענען זיי געקומען אַהער? זי האָט געהערט, אַז זאַסימוס וועט חתונה האָבן מיט אסתרן. וואָס הייסט עס חתונה האָבן? צי וועט זאַסימוס מער נישט זיין אין שטוב?

אַז עס איז צוגעפֿאַלן דער פֿאַרנאַכט און די מאַמע האָט געבענטשט ליכט, האָט זיך דער קליינער געדאַכט, אַז דער מאַמעס הענט ציטערן, און די תפילה איז אומעטיקער ווי אין דער היים. די מאַמע בענקט מסתמא אַהיים, וואָרום אויך זי בענקט אַהיים. און ווען די מוטער האָט געענדיקט די תפילה און אַראָפּגעבויגן זיך אַ קוש טון קאַקאָטיאַן, זענען אין די אויגן פון דער קליינער געשטאַנען טרערן.

„פֿאַר וואָס טרערעלעך אין די אויגן?" האָט די מוטער געפרעגט.

„איך וויל אַהיים" — האָט דאָס קינד געזאָגט און באַלד נאָך דעם געפרעגט:

„צי וועט זאַסימוס מער נישט זיין אין דער היים, מאַמאַ?"

פלאַוויאַ האָט אַ קוש געטון דאָס קינד:

„זיכער וועט ער זיין. נאָר דערוואַקסענע האָבן חתונה און זענען באַזונדער. זאַסימוס וועט זיין צוזאַמען מיט אסתרן און זיי וועלן אָפט קומען צו אונדז".

„אָ, מאַמאַ, אויך דו האָסט טרערן אין די אויגן" — האָט דאָס קינד אָנגעוויזן מיט אַ פינגערל.

פלאַוויאַ האָט מיט אַ ברעג פון איר טיכל אָפּגעווישט פון די אויגן די טרערן און דאָס קינד צוגעדריקט צו זיך. אויך פלאַוויאַן איז געווען אומעטיק, זייער אומעטיק. אפשר האָט דער אומעט עמאַנירט פון איר און געווירקט אויף דער קליינער קאַקאָטיאַן? זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז נאָר וואָס איז זאַסימוס געווען אַ ייִנגל, אַזוי האַרציק צוגעבונדן צו דער מוטער און צו דער היים בכלל, און שוין גרייט ער זיך פֿאַרשווינדן צו ווערן — אָפּרייסן זיך פון דער היים, ווי אַ טויב רייסט זיך אָפּ פונעם טויבנשלאַק און שוועבט אַוועק מיט אַ פרעמדער לאַקנדיקער „זי". אַזוי וויטיקלעך שנעל און פלוצים איז דאָס געשען, אַז פלאַוויאַ פילט אין האַרץ אַ קלעמענדיקן ווייטיק... און זי קען נישט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס איז ער, אַרטאַפּאַנוס, גראָד אויפגעלייגט. עס שלאָגט פון אים

מיט שמחה און אויף זיין פנים איז אויסגעגאָסן אַ קינדערשער שמייכל, ווי תמיד, ווען ער איז פריילעך. ער זעט אויס ווי א בעל־נצחון, ווען ער הערט זיך צו צו דעם געלערנטן שמועס צווישן דעם אַלטן דניאל און זיין זאָסימוס.

דניאל האָט מסתמא נישט שטאַרק געהאַלטן פון אָרטאָפּאָנוסעס פרומקייט אַנטקעגן דער פרומקייט, וואָס ער אַליין האָט געבראַכט מיט זיך פון בבל. ער ווייסט טאַקע, אַז דער גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע היט אָפּ אַלע מנהגים און פירט אַ שיינעם יידישן שטייגער אין זיין הויז. אָבער זיין קליי־דונג, זיין קליידונג... ער איז אָנגעטון ווי אַ רוימער, גאָלט די באָרד און לאָזט נישט איבער אויף זיין נידעריק געשוירענעם קאָפּ קיין פיאה. אויסער דעם איז ער פאַרליבט אין פערד, האָט ליב צו גיין אויף ספּאָרט־פאַרמעסטונגען און ער קוואַפּעט זיך נישט מגייר צו זיין זיינע קנעכט. אפילו צר־גאַסט צו אים, צו דניאלן, איז ער געקומען אויסגעפּוצט ווי אַן אַריסטאָקראַטישער רוימער, מיט סאַנדאַלן פאַרשנורעוועט ביז אונטער די קני. און הגם דניאל האָט געוווסט, אַז סאָסימוס האָט איבערגענומען די גאַנצע תורה פון יונתן פון בבל, איז ער אָבער אויך געבילדעט אין גריכיש און לאַטיין און גרייט זיך ווערן אַ סניגור. האָט דניאל אין דעם שמועס, ווי דרך־אגב, געוואָלט דערגיין, ווי ער קלערט אָנצוגיין מיט זיין יידישקייט, אם־ירצה־השם, נאָך דער חתונה. און אַזוי ווי עס איז שבת, האָט דניאל אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף דער הייליקייט פון אָט דעם טאָג, וואָס שטעכט אין די אויגן פון די געצנדינער.

„ווי אַזוי, — האָט דניאל געזאָגט אין דער פאָרם פון א פראַגע — קען מען פאַרשטיין דאָס, וואָס פאַר אַלע געבאָטן, ווי נישט צו הרגענען, נישט צו גנבע־נען, נישט צו טון קיין שלעכטס צו פריינט, האָט גאָט געבאָטן צו הייליקן דעם שבת? ציי שטייט דער שבת העכער ווי דאָס לעבן פון אַ מענטש, אָדער העכער ווי די אומבאַרירלעכקייט פון עמעצנס פאַרמעגן? אין דעם שבת ליגט דער סוד פון דער וועלט. און גאָט באַהאַלט דעם סוד פאַר זיך, ווי ער האָט באַהאַלטן דעם סוד פון בריאת־העולם".

מיט דרך־ארץ האָט זאָסימוס אויפגעהויבן די האַנט. דניאל האָט אַ גלעט געטון זיין לאַנגע באָרד און צום סוף פאַרהאַלטן צוויי פינגער ביי די לעצטע האָר, וואָס ער האָט געקאָלערט צווישן די פינגער, ווי ער וואָלט וועלן דער־גיין זייער זיידיקייט. ער האָט געוואַרט אויף דעם ענטפער פון זאָסימוס. זאָסימוס האָט אַ קוק געטון אויף זיין פאָטער און אויפגעכאַפּט זיין פריילעכן בליק.

„רבן יונתן האָט מיך געלערנט, אַז נישט אַלץ וואָס אין דער תורה קען מען פאַרשטיין מיטן שכל — האָט זאָסימוס פאַרלייגט איין האַנט אויף דער צווייטער, ווי ער וואָלט געגאַנגען האַלטן אַ רעדע פאַר אַ געריכט. — ער האָט דאָס אפשר געזאָגט, ווייל נישט אַלץ האָט ער געוואָלט נעמען אויף זיך. אָבער אויב גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין זיין געשטאַלט, האָט ער אים אויך איבערגעגעבן אַ טייל פון זיין געטלעכקייט און דער מענטש דאַרף יאָ פאַרשטיין מיט זיין שכל די געבאָטן פון גאָט. פאַר מיר איז דער שבת נישט קיין סוד,

נאָר פונקט אַזוי קלאָר און שכלדיק, ווי עס זענען די געבאָטן אָפּצוגעבן כבוד די עלטערן און נישט באַגיין פאַרברעכנס קעגן מענטש".

„אַזוי גאָר?!" — האָט דניאל אויסגערופן — „קען מען עס באַנעמען מיטן שכל?"

„זיכער, געוויסיאַרך! אַ מענטש דאַרף ליב האָבן מיטן האַרץ און באַגרינדן מיטן שכל. דעריבער האָט אים גאָט אויסגעוויילט פון אַלע באַשעפענישן. דאָס וואָס גאָט האָט ווי דעם ערשטן געבאָט געגעבן אָפּצוהיטן שבת און אים הייליקן, איז דאָס דערפאַר, ווייל אָט דער טאָג איז געווען דער יום־טוב פון דעם באַשעפער פון דער וועלט. און גאָרנישט איז שענער פון דעם וואָס גאָט האָט באַשאַפן. ווען עס קומט אַ נייער קיסר צו דער מאַכט, נאָך מלחמות און בלוט־פאַרגיסונג, שטעלט ער איין יום־טובים אין טאָג פון זיין געבוירן, אין טאָג פון זיין קומען צו דער מאַכט און דאָס פאָלק יום־טובט, אפילו ווען דער קיסר איז אַן אכזר. גאָט איז דער פרידלעכער מלך פון דער וועלט. ער האָט באַשאַפן אַלץ אין גוטס און אין שיינקייט — שיינקייט אין מענטש, שיינקייט אין דער פאַרב פון הימל, אין דער פאַרב פון אַ בלום, שיינקייט אינעם געזאַנג פון אַ פויגל און שיינקייט אַפילו אין דער נאַכט. דאַרף דער טאָג, ווען גאָט האָט פאַרענדיקט שאַפן די שיינקייטן פון דער וועלט, זיין אַ יום־טוב פאַרן מענטש און ער זאָל גאָרנישט טון, נאָר באַוואונדערן די שיינקייט פון באַשאַף און די גרויסקייט פונעם באַשעפער. דערפאַר איז דער געבאָט צו הייליקן דעם שבת דער ערשטער און דערנאָך ערשט קומען די געבאָטן, וואָס זענען שייך די מענטשן צווישן זיך, כדי איינער דעם אַנדערן נישט צו פאַרמיאוסן די שיינקייטן און גליקזעליקייטן פון דער וועלט".

אַרטאַפאַנוס האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו זיין זון און, אַרויפּ־לייגנדיק אַ האַנט אויף זיין אַקסל, געזאָגט:

„קיינער וואָלט דאָס בעסער נישט באַגרינדעט, מיין זון. אויב דו וועסט אַזוי פאַרטיידיקן גערעכטיקייט אויך אין געריכט, וועסטו נישט האָבן צו פיל פריינט צווישן די קאָרופּטע שופטים, דערפאַר וועסטו זיך דערווערבן אַ סך פריינט ביי אונדזער פאָלק".

דניאל האָט געקוקט אויף זיין קומענדיקן איידעם מיט פאַרזשמורעטע אויגן און זיין מויל צווישן דער באָרד און געדיכטע וואָנסעס האָט זיך אויסגעברייטערט אין אַ נחתדיקן שמייכל.

אויפצומאָרגנס, שבת פאַר מיטאָג, האָט דאָס שטאָטפערטל סובוראַ געזען עפּעס אַזעלכעס, וואָס רוים האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען: פון אונטער די זיילן פון דער גרויסער סינאַגאָגע, געבויט אין זילבער־גרוילעכן מאַרמאָר, זענען אַרויס אַ הונדערט יידן איינגעוויקלט אין טליתים. די יידן זענען געגאַנגען אין מיטן דער גאַס, וואָס האָט געטומלט מיט הענדלער און סוחרים. מיט דעם גאַנג פון די יידן אין טליתים אין געוואָרן שטיל, און דער געצנדינערישער המון האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, לאָזנדיק פריי דעם וועג פאַר דעם אויסטער־לישן פייערלעכן צוג. פאָרויס איז געגאַנגען זאָסימוס צווישן זיין פאָטער און

דניאלן. דער שטאָלצער גאַנג פון די יידן, וואָס די טליתים האָבן אויף פאַר־דעקט זייערע קעפּ, האָט מיטגעטראָגן מיט זיך דעם יידישן שבת און אויף אַ רגע יום־טובדיק געמאַכט דעם צערוישטן האַנדלס־קוואַרטל פון רוים. הינטער די מענער זענען געגאַנגען אַ צווײ צענדליק פרויען מיט ברייטע פעלערינעס, מיט קאַפּטורן אַריבערגעוואָרפן איבער זייערע קעפּ. ווי פאָרויס פון די מענער איז געגאַנגען זאַסימוס, אַזוי האָט דעם פרויען־צוג געפירט אסתר, פון ביידע זייטן באַגלייט דורך איר מוטער און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, וואָס האָט ביי דער האַנט געפירט די קליינע קאַקאַטיאַ, און פון דער צווייטער זייט, נעבן שרהן, איז גע־גאַנגען סאַבינאַ. אין דער מילך־ווייסער פעלערינע האָט אסתר אויסגעזען אַ סך העכער און אַ סך שלאַנקער ווי זי איז געווען. אירע רויטע האָר האָב אַרויסגעפלאַמט פון אונטער דעם קאַפּטור און באַלויכטן איר פּנים מיט אַ גינ־גאָלדן ליכט. די סוחרים און קרעמער זענען געשטאַנען, ווער מיט אַ צעעפנט מויל און ווער מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן און, פאַרבליפטע, געקוקט אויף דער יונגער פרוי, וואָס ווערט געפירט דורך עלטערע פרויען. וואָס געשעט דאָ אין דעם טומלדיקן סובוראַ? צי פירן די יידן אַ יידישן מלך און אַ יידישע מלכה? צי איז היינט אַ פעסטיוואַל אין רוים און זיי, די סוחרים און קרעמער, האָבן אין זייער צעטומלטקייט פאַרגעסן, ווו זיי האַלטן אין דער וועלט?

די יידן זענען געגאַנגען לענג־אויס דער גאַס און מיט זייער שטילקייט און שלווהדיקייט האָבן זיי פאָרויסגעטראָגן פאַר זיך זייער שבת און זייער שמחה. און ווי רואיק זיי אַליין זענען געווען, זענען נאָך מער צעטומלט געוואָרן די קרעמער און דער המון, וואָס האָבן אפילו נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן, וואָס ס׳איז דער מער אין היינטיקן טאָג. אַזוי זענען די יידן געגאַנגען מיט דער הויפּט־גאַס, דערנאָך אַריין אין די קליינע האַנדלסגעסלעך, ווו צוליב דער שמאָלקייט זייערער און כדי צו מאַכן פריי דעם וועג פאַר דעם אויסטערלישן צוג, האָבן זיך די געצנדינער אויסגעשטעלט ביי די ווענט.

אַזוי זענען זיי אָנגעקומען צום טויער פון גאָרטן, וואָס אַרום דניאלס הויז. דער אייזערנער טויער איז געווען צעעפנט און די קנעכט זענען געווען אויס־געשטעלט אין צוויי רייען מיט בוקעטן בלומען אין די הענט. און בעת דער צוג האָט זיך דערנענטערט, האָבן די קנעכט דערלאַנגט די בלומען, זאַסימוסן, זייער האַר און אַרטאַפּאַנוסן, און דערנאָך אסתרן, שרהן און פלאַוויאַ־אַנטאָני־נאַן. ביי די טרעפּ פון הויז האָבן די לייט אַראָפּגענומען פון זיך די טליתים און אין זייערע ווייסע אַרומגעגאַרטלטע קיטלען זענען זיי אַרויף צום אַריינ־גאַנג. אַזוי האָבן אויך די פרויען אַראָפּגעוואָרפן פון זייערע קעפּ די קאַפּטורס און אַרויפגעפירט אסתרן.

ווי נאָר שרה איז אַרויף אויף די טרעפּ, האָט זי צוזאַמען מיט דער פּע־לערינע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פייערלעכע שטייפקייט און אַריינגעפאַלן אין איר שטורעמדיקער באַוועגלעכקייט און אָנגערופן יעדע פרוי באַזונדער ביים נאָמען: „מאַטראָנאַ אַפּראָדיסיאַ, וואָס שטייט איר?“, „מאַטראָנאַ יוליאַ־לאה, איך

האָב אייך אַרומגעזוכט און נישט געזען", „מאַטראָנאַ קריספּינאַ, ביטע, קומט אַריין, די מענער זענען הונגעריק און מיר שטייען דאָ". יעדער פרוי האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריבערגעפירט איבער דער שוועל אין איר הויז און געווונטשן איר און זיך און יענערס קינד און אירע אייגענע קינדער, אַז איינע צו דער אַנדערער זאָלן קומען נאָר אויף שמחות.

דניאל האָט פאַר זיינע מחותנים, אַרכאָנטן פון זיין סינאַגאָגע און חשובע מתפללים צוגעגרייט אַן איבערראַשונג: אַ פּאַס פופצניעריקן וויין. דער וויין איז געשטעלט געוואָרן בעת די כלה אסתר איז געבוירן געוואָרן און איצט איז די פּאַס געלעגן אויף קאָזלעס אין דעם גרויסן עס־זאַל. אויף לאַנגע טישן, אין ריזיקע זילבערנע בעקנס, זענען געלעגן שטויסן פלייש, וואָס יעדער מין איז געווען באַשאָטן מיט אַן אַנדער פאַרביקן געווירץ און באַצירט מיט בלומען. פוןביידע זייטן פון די פליישן־שטויסן האָבן זיך אויף זילבערנע טאַצן געהויבן שמעקעדיקע געבעקסן — זיסע און געזאַלצענע, געפילטע און באַלייגטע מיט פרוכטן. אויף אָפּצוגעבן כבוד זיינע געסט, איז דניאל אַליין געשטאַנען ביי דער פּאַס און פאַר יעדן אָנגעגאָסן דעם ערשטן בעכער וויין. ווי אין דעם עס־זאַל פאַר די מענער, אַזוי זענען אין דער צווייטער, דערנעבנדיקער גרויסער קאַמער, געשטאַנען ענלעכע פולע טישן פאַר די פרויען. נאָר דאָ זענען די שטויסן פליישן געווען נידעריקערע און די געבעקסן נישט אין אַזאַ צאָל ווי פאַר די מענער. צו די פרויען זענען אויך אַוועק קליינע בעכערס וויין, בלויז אויף צו באַנעצן די ליפּן לכבוד דער שמחה. דערפאַר האָבן די מענער געגעסן און געטרונקען אויפן שטייגער פון די רוימער און דניאל האָט דערמוטיקט זיינע געסט צו קוויקן זיך מיטן וויין, וואָס איז אַ שמחה פאַרן גומען און אַ דער־פרייאונג פאַרן מאָגן.

שרה איז געווען פול אין ביידע קאַמערן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז גלייכצייטיק אי דאָ אי דאָרט, און איר פּנים האָט געפלאַמט, ווי עס האָבן געפלאַמט אירע רויטע האָר. דער אויפגעלייגטער דניאל, וואָס בלויז פון טרינ־קען מיט יעדן אַ שלוק וויין איז ער געוואָרן בגילופין, האָט שוין איצט נישט געלייגט קיין אַכט, וואָס זיין ווייב איז אַזוי אויסגעמישט מיט די מענער, און אָט ווייַנט זי און אָט לאַכט זי ביים איינבעטן זיך ביי די געסט, זיי זאָלן עסן פון די זעלטענע פלייש־מאכלים וואָס זי אַליין האָט געקאָכט.

פלוצים האָט אַרטאַפּאַנוס אַ קלאַפּ געטון אין ביידע הענט און אויסגערופן:

„צי ווילן זיך היינט יידן פרייען אָן געזאַנג? אַרכאָנט יאָסיפוס, פאַרשעמט נישט אייער שיינע שטים!"

„ריכטיק!" — האָט דניאל אויסגערופן — ווו איז יאָסיפוס? אַרכאָנט יאָסיפוס, מיר ווילן זינגען צוזאַמען".

אויפן פרייען פּלאַץ, פאַר די טישן, איז אַרויסגעטרעטן אַ מאַן פון אַן אויסטערלישן געבוי — ווי אַ פאַררונדיקטער דרייעק, און איבער אים אַן אָנגע־בלאָזענער קאָפּ. זיינע אַקסלען זענען געווען אומהיימלעך ברייט און דאָס פּנים,

מיט אויפגעבלאָזענע באַקן, איז געווען אַפּאָפּלעקטיש רויט. עס איז געוואָרן שטיל, פון דער ווייבערישער קאַמער האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטון אין עס־זאַל און געבליבן שטיין ווי אַ באַזונדערע מחנה. אַרכאָנט יאָסיפוס האָט אויפ־געהויבן זיינע אָנגעלאָפענע אויגן צו דער סטעליע, אָפּגעהוסטלט און אַ קלונג געטון מיט זיין שטים, ווי מיט אַ לויטערן גלאָק:

„שיר המעלות אשרי כל ירא,
גליקלעך איז יעדער, וואָס פאָרכט פאַר גאָט,
וואָס גייט אין זיינע וועגן —
גליקלעך ביסטו, וואָס עסט פון מי פון דיינע הענט
און עס איז דיר גוט!
ווי אַ פרוכפּערדיקער וויינשטאָק איז דיין ווייב
אין די ווינקלען פון דיין הויז.
דיינע קינדער ווי זיתים־קוסטן זענען אַרום דיין טיש.
אָט אַזוי ווערט געבענטשט אַ מאַן, וואָס פאָרכט פאַר גאָט.
זאָל דיך גאָט בענטשן פון ציון
און זע דאָס גוטסקייט פון ירושלים
אַלע טעג פון דיין לעבן,
און זע קינדער ביי דיינע קינדער,
און שלום זאָל זיין צו ישראל!"

דער עולם איז געשטאַנען פאַרגאַפט, ווען אַרכאָנט יאָסיפוס האָט געזונגען. פון זיין ברוסט האָבן זיך געטראָגן טיפע לויטערע און צאַרטע קלאַנגען, אַ מאָל העכער און אַ מאָל נידעריקער. אָט קלינגען גלעקער און אָט גרימט אַ שטורעם און באַלד — אַ מילדער ווינט איבערן שפּיגל פון אַ רואיקן טייך און אַ שיפל, וואָס איז צוגעבונדן צום ברעג, פלעטשקעט לייכט אויף די זייטן: פליר־פליר, פליר־פליר, און ער דערציילט סודות פון דעם וואָס איז געווען אַמאָל און פון דעם וואָס עס וועט זיין. און אויסטערליש מילדע ריחות, צום ערשטן מאָל געפילטע און געקומענע פון ווייטע ווייטקייטן, פילן אָן די הערצער מיט בענק־שאַפט. ביים רעפריין „זאָל דיך גאָט בענטשן פון ציון" דאַרפן אַלע אונטער־כאַפּן און אַלע הייבן אָן זינגען, אָבער גלייך ווערט שטיל, כדי ווייטער צו הערן די שטים פון יאָסיפוס, די שטים פון אַ ווייטער, ווייטער וועלט, אין וועלכער נאָר ער קען אַריינפירן, צו וועלכער נאָר ער האָט די שליסלען. און יאָסיפוס, וואָס האָט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער איבערמעכטיקט דעם עולם, זינגט אַליין נאָך אַ מאָל דעם רעפריין, צעשאָקלענדיק אַ וואַלד פון דינע גלעקעלעך, וואָס הייבן זיך צוזאַמען מיט דעם דין־דין, העכער, העכער אונטער די וואָלקנס און אַלע שוועבן־מיט אַרויף, אַרויף צו די וואָלקנס, אָנצוכאַפּן די גלעקעלעך, ביז עס פאַרפעלט אָטעם „און שלום זאָל זיין צו ישראל!"

דאָס אויסטערלישע אָנגעבלאָזענע פּנים פון יאָסיפוס שמייכלט צופרידן, אַזוי

ווי ער וואָלט דעם עולם צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, און די פרויען פּאָר אים שטייען מיט פאַרטרערטע אויגן און שרה קען זיך מיט די טרערן נישט קיין עצה געבן און אירע הענט זענען נאַס.

אַרטאַפּאַנוס איז צוגעגאַנגען צו יאָסיפוסן און, אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויף זיין אַקסל, געזאָגט:

„אַרכאָנט, ווען מיר זאָלן אַמאָל אין ירושלים געווען האָבן צען אַזעלכע ווי איר, וואָס וואָלטן אויסגעזונגען קאַפּיטלעך תהלים, ווי איר זינגט, וואָלטן זיך קיין פרעמדע לידער צו אונדז נישט אַריינגעריסן און ירושלים וואָלט נישט חרוב געוואָרן".

יאָסיפוס האָט נישט פאַרשטאַנען די ווערטער פון אַרטאַפּאַנוסן, ווי עס האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען די אַרומיקע. און ווייל דער בליק פון אַרטאַפּאַנוסן איז אויך געווען אַ בלענדנדיקער און ווייטער, האָבן אַלע אָנגענומען, אַז גע־רוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס איז שיכור פון דעם וויין, און דאָס געזאַנג האָט דעם וויין צעוואַרעמט אין זיינע געדערעם, און דעריבער רעדט ער ווערטער, וואָס קיינער פאַרשטייט זיי נישט. און מסתמא פאַרשטייט ער זיי אַליין אויך נישט. וואָס פאַר אַ שייכות האָבן שיין־געזונגענע קאַפּיטלעך תהילים צום חורבן ירו־שלים? אַרטאַפּאַנוס איז צוגעגאַנגען צו דער פּאַס, אָנגעגאָסן צוויי בעכערס וויין און איינעם דערלאַנגט דעם אַרכאָנט יאָסיפוס:

„טרינקט מיט מיר, אַרכאָנט! — האָט ער אויסגערופן — לאָמיר דערלעבן צו הערן אייער געזאַנג אין אָפּגעבויטן ירושלים!"

קאַפּיטל צען

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט דעמאָלט נישט באַנומען, וואָס עס געשעט מיט איר מאַן. זייט זי האָט אים דערקענט, און ביז יענע טעג, איז ער געווען אַ צוריק־געהאַלטענער. נאָר איצט, צו דער חתונה פון זאָסימוס, האָט זיך אין אים צע־וויכערט אַן אומגעצוימטער לוסט צו שמחה. אויב רוים האָט צום ערשטן מאָל געזען איבער די צערוישטע האַנדלס־גאַסן אַ שבתדיקן צוג פון יידן אין טלי־תים, וועט אויך די געצנדינערישע שטאָט פון דער רוימישער אימפּעריע זען אַ יידישע חתונה, וואָס אַזאַ האָט זי נאָך נישט געזען. פלאַוויאַ האָט מיט איר ווייבלעכער אינטואיציע פאַרגעפילט, אַז אַרטאַפּאַנוס ווערט דאָס מאָל מער גע־טריבן פון אַ געהיימען כוח, פון וועלכן ער אַליין גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון. זי האָט געפּרוּווט אים אָפּרעדן:

„איז נישט גלייכער אויסצוטרינקען אַ קריגל ריינעם וויין, איידער אַ פאַס וואַסער אויסגעמישט מיט אַ קריגל וויין? אונדזער אייגענע חתונה איז געווען אַ באַשיידענע... געדענקסט? בלויז צוויי צענדליק מענטשן, און דאָס גליק איז געווען אונדזערס. איז עס נישט געווען? הלוואי זאָלן אונדזערע קינדער לעבן מיט נישט ווייניקער גליק ווי מיר. פאַרוואָס זאָלן מיר אויפרייסן די אויגן פון מענטשן?...‟

אַרטאַפּאַנוס האָט געענטפערט עקשנותדיק:

„דו מיינסט — נישט אויפרייסן די אויגן פון די געצנדינער, פון דער רוימי־שער מאַכט. יאָ? דווקא דערפאַר! זאָלן זיי זען, אַז די וואָס גלייבן אין דעם איינציקן גאָט פילן זיך אויף דער גאַנצער וועלט, ווי ביי זיך אין דער היים. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט פאַר די, וואָס טראָגן אים אין זייער האַרץ. און גאָט וועט זיך פרייען, ווען ער וועט זען, אַז מיר באַטראַכטן זיין וועלט פאַר אונדזערע‟.

„ביסט דאָך ביי זיך אין שטוב אויך צוריקגעהאַלטן‟ — האָט פלאַוויאַ אים געפּרוּווט איבערצייגן.

„פאַראַן אַ צייט צו זיין צוריקגעהאַלטן און פאַראַן אַ צייט זיך אָנצושיכורן. איצט איז די צייט זיך אָנצושיכורן! — האָט ער אויסגערופן — אונדזער זון האָט חתונה‟.

און ס'איז געבליבן ווי אַרטאַפּאַנוס האָט געוואָלט.

אַ גאַנצע וואָך האָט ער פאַרבראַכט מיט דניאלן, כדי אַרומצורעדן וועמען פון די יידן אין רוים און אויך וועלכע רוימער צו פאַרבעטן צו דער חתונה.

דעם אַלטן דניאלן האָט זיך פּאַרדרייט דער קאָפּ ביי די ערשטע ווערטער פון אַרטאַפּאַנוסן. אַלע אויסגעלייזטע געפאַנגענע פון יהודה, וואָס טיטוס האָט געבראַכט מיט זיך? זיי זענען דאָך אַליין אַ זעקס־זיבן הונדערט. הלוואי וואָלטן זיי געווען אַכט הונדערט. אַ טייל זענען אויסגעשטאָרבן, אַ טייל האָבן פאַר־לאָזט רוים. עס וועט זיין אַ זעקס־זיבן הונדערט. און אַ חשובער גאַסט וועט זיין יוחנן פון גוש חלב. זאָל די יידישע יוגנט פון רוים זען אַ יידישן העלד פון יהודה. און דער שליח פון יבנה, אפרים בן־אליעזר, וועט זיין פון די עדות ביי חופּה וקידושין. אַלע גערוסיאַרכן, אַרכאָנטן, אַרכיסינאַגאָגאָס און גאַמאַמאַ־טעסעס מוזן זיין. קיינער פון די מנדבים טאָר נישט פעלן.

נאָך דעם ווי אַרטאַפּאַנוס האָט אויסגערעכנט וועמען אַלץ ער וויל פאַר־בעטן אויף דער חתונה, האָט דניאל אַ חשבון געטון, אַז איידער וואָס־ווען האָלט ער שוין ביי אַ טויזנט לייט. און ערשט די פרויען און די קינדער? מ'ײנט ער נישט, דער מחותן, אַז דאָס איז צו פיל?

אַרטאַפּאַנוס האָט פון געלט־גאַרטל אַרויסגענומען אַ זעקל מיט גאָלדענע מטבעות און עס אַוועקגעלייגט פאַרן אַלטן דניאל. דניאל האָט זיך דערפילט שלעכט און דאָס זעקל אַוועקגעשאַרט פון זיך. חלילה, נישט אין קיין געלט גייט אים. מיט דעם וויין פון זיינע קעלטערס קען ער אָנטרינקען האַלב רוים. אויף דעם האָט געזאָגט אַרטאַפּאַנוס מיט אַ טאָן, וואָס נאָך דעם איז שוין נישטאָ וואָס מער צו רעדן, אַז אויב אין איטאַליע וועלן אויספעלן קעלבער און גענז, וועט ער אַרויסשיקן אַ ספּעציעלע שיף קיין סיציליע. אגב, האַלט ער, אַרטאַפּאַנוס, אַז דאָס פלייש פון די סיציליאַנער קעלבער איז אַ סך געשמאַקער. דניאל האָט שוין טאַקע נישט געהאַט קיין ברירה און מסכים געווען מיט אַלץ וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט פירגעבראַכט.

זעקס וואָכן האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה. דאָס הויז פון דניאל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאַסט־קאַמערן. הינטערן הויז, אין גאָרטן, האָט מען אויפגעבויט ריזיקע קיכן און רושטן און אויוונס אויף צו קאָכן, באַקן און בראָטן. די קעלערן אונטערן הויז זענען אָנגעפּראָפּט געוואָרן מיט שפּייז און גרינסן אין אַזעלכע מענגעס, ווי מען וואָלט זיך געגרייט צו באַשפּייזן אַן אַרמיי אין לאַנגער באַלאַגערונג. דער גאַנצער גראָז־שטח אין גאָרטן איז אַרומגע־שטעלט געוואָרן מיט טישן, וואָס זענען ספּעציעל געבויט געוואָרן צו דער חתונה, און נעבן יעדן טיש זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דאָפּלטע קאָזלעס פאַר וויין־פעסער.

אַ טאָג פאַר דער חתונה האָבן קצבים געבראַכט אָנגעפּראָפּטע וועגענער מיט פלייש, און די מענטשן פון מנשה ניקאָדעמוס האָבן געבראַכט פעסער ים־פיש. אויפן פּלאַץ, אויסערן גאָרטן, אונטער אויפגעצויגענע געווענדער, צו שיצן זיך קעגן דער זון, האָבן די קצבים געטרייבערט די זייטן פלייש, אויסגעטיילט די טיילן פון די קעלבער, וואָס מען מעג יאָ עסן און די כשרע טיילן ווידער געשניטן אין באַזונדערע שטיקער אויף צו באַקן און בראָטן, און באַזונדער

אויף צו קאָכן. נעבן די קצבים האָבן פישער צוגעגרייט די פיש. צוליב דעם וואָס אין גאַנץ רוים זענען נישט געווען קיין יידישע קוכערס, זענען אָנגעשטעלט געוואָרן קוכערס געצנדינער. צוויי נאָמאַמאָטעסעס, געלערנטע אין יידישע דינים, האָבן אַכטונג געגעבן אויף די קוכערס און קצבים, הגם גאָרנישט, וואָס האָט צו טאָן מיט מילכיקס, איז צוגעלאָזט געוואָרן צום טויער פון אַריינגאַנג אין דניאלס נחלה.

ווי אַ מאַרק פון פליישן, פיש און גרינסן האָט אויסגעזען דער פּלאַץ נעבן די ריזיקע קיכן, און די ריחות פון מאכלים האָבן זיך געטראָגן העט ווייט, ביז צו די געסלעך פון דעם געדיכטן סובוראַ און פון ווייטע שטאָט־פּערטלען אַהערגעלאָקט אַלע הונגעריקע הינט פון רוים.

אין דעם טאָג פון דער חתונה איז אַרטאַפּאַנוס מיט זיין פּאַמיליע אָנגעקומען צו דניאלן אין הויז אין פּרימאָרגן. אסתר איז מער נישט אַרויס פון איר קאַמער, צו זען זיך מיט איר חתן. לויט דעם מינהג האָט אויך זאָסימוס נישט געדאַרפט זיך באַווייזן, כדי שפּעטער צו זיין יום־טובדיק. זאָסימוס האָט דעם מינהג אָפּגעפּטרט מיט אַ וויץ, אַז ער איז שוין נישט קיין קינד, צו שפּילן זיך אין באַהעלטעניש, און זאָלן זיך באַהאַלטן די, פּאַר וועלכע ער דאַרף דערשייַנען אַ יום־טובדיקער... איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן די קוכערס, געשמועסט מיט די נאָמאַמאָטעסעס און אַרומגעגאַנגען אין גאָרטן, טאָמער וועט ער פון אַ פענצטער דערזען אסתרן. בעת פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ איז געווען פאַרנומען — צוזאַמען מיט שרהן, וואָס האָט געהאָט צו דערציילן אַזוי פיל זאַכן, ווי זי וואָלט געקומען פון אַ ווייטער רייזע — מיט פאַרזוכן די פליישׁ־ און פישׁ־שפייזן, האָבן די מענער זיך פאַרמאַכט אין אַ קאַמער, כדי אַרומצורעדן ווי אַזוי אויפצונעמען די געסט.

אַרטאַפּאַנוס איז געווען געמיט־אויפגערודערט. די חתונה פון זיין זון האָט ער איבערגעלעבט מיט מער אומרו ווי ער האָט אַמאָל איבערגעלעבט זיין אייגענע חתונה. אין דעם שמועס האָט דניאל באַמערקט דעם אומרו פון זיין מחותן און צומאָל געזען, אַז אין מיטן רעדן צו אים פאַרלירט ער דעם פאָדעם און טראָגט זיך אַוועק מיט די געדאַנקען ערגעץ אַנדערש־ווו. צוליב העפלעכקייט האָט דניאל געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט דאָס נישט. וואָס טראַכט ער, אַרטאַפּאַנוס? וואָס אַזעלכעס פאַרנעמט איצט זיינע געדאַנקען, בעת אָט באַלד וועט זיין זון גיין צו דער חופּה? נאָך אַלע זיינע דערפאַרונגען מיט אים, האָט דניאל נישט געקענט דעם גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע.

אין דעם וואָס זאָסימוס האָט געבראָכן דעם מינהג נישט צו ווייזן זיך פאַר די געסט אין טאָג פון דער חתונה, ביז צו דער חופּה, האָט אַרטאַפּאַנוס געזען זיין אייגענעם כאַראַקטער: נישט לאָזן פאַרדעקן דעם עיקר מיט אויסערלעכע אָנוווקסן, פון וועלכע מען זעט אים מער נישט אַרויס. איז אויב זאָסימוס האָט געירשנט פון אים דעם כאַראַקטער און דעם טעמפּעראַמענט, צי וועט אסתר זיין ביי אים די איינציקע פרוי? דאָ, זיצנדיק אַנטקעגן דעם אַלטן גערוסיאַרך,

האָט פֿאַרן דמיון פֿון אַרטאַפֿאַנוסן אַ פֿלייץ געטאָן זיין ערשטע יוגנט מיט דעם אימפּעט פֿון אַ וואַסערפֿאַל. און אין דעם פֿלייץ האָבן פֿאַרבייגעשווען די געשטאַלטן פֿון די פּרויען, וואָס יעדע פֿון זיי איז פֿאַר אים געווען ערשטמאָליק און שטורעמדיק, און די געשטאַלטן זענען צעשפּריצט געוואָרן אין דעם שוים, ווי עס ווערט צעשפּריצט אַ וואַסערפֿאַל ביים אָנשלאָגן זיך אין פֿעלדזן.

איבעריקנס, די געסט, וואָס האָבן זיך געפּעדערט, האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין צייט — נישט פֿאַר דניאלן צו פּרווון ענדלעך אַדורכדרינגען אַרטאַפֿאַנוסן, און נישט פֿאַר אַרטאַפֿאַנוסן, אויסצופֿיבערן איצט זיינע אייגענע שטימונגען...

די ערשטע זענען געקומען די עלטערן, צוויי ברידער און דריי שוועסטער פֿון פּלאַוויאַ־אַנטאַנינאַ. סאַבינאַ האָט באַמערקט זייערע וועגנער פֿאַרן טויער און אַלאַרמירט זאַסימוסן. זענען זיי אַנטקעגנגעלאָפֿן מיט פֿריידיקע אויסגעשרייען. און זעענדיק זיי לויפֿן, האָט יוליוס, דער פֿאָטער פֿון פּלאַוויאַן, צעשפּרייט זיינע לאַנגע אָרעמס און אין זיי געפֿאַנגען זיינע אייניקלעך. הגם זאַסימוס איז געווען אַ געוווקסיקער און גוט אַנטוויקלטער און אויך סאַבינאַ איז געווען אַנטוויקלט אַ סך מער ווי פּרויען אין איר עלטער, האָט יוליוס ביידע אייניקלעך ווי באַהאַלטן נעבן זיין ברייטן גוף און רחבותדיקער טאָגע. ער האָט אַראָפּגעבויגן זיין פֿעסטן קאָפּ מיט אַ ברוינלעך צעגלאַנצטן פֿליך און זיינע אייניקלעך אַ קוש געטאָן אין די קעפּ:

— „ווו איז די, וואָס וועט דיך גליקלעך מאַכן?" — האָט יוליוס געפֿרעגט זאַסימוסן.

„איך האָב זי אויסבאַהאַלטן ביז זי וועט זיין רעכטלעך מיינע און קיינער וועט זי ביי מיר נישט קאָנען צונעמען" — האָט זאַסימוס געענטפֿערט מיט מענלעכער זיכערקייט וואָס דערלויבט אים אויף אַ וויץ.

זאַסימוס האָט זיך אַרויסבאַקומען פֿון זיין זיידנס הענט און אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס די באָבע, אוירעליאַ, וואָס איז געווען ווי אַ קאָפּיע פֿון זיין מוטער, נאָר עטוואָס עלטער און אירע האָר זענען געווען דורכגעשיט מיט זילבער־גרויקייט. ער האָט געקושט דער באָבען אין די באַקן, אין שטערן און איבער די הענט, ווי די צוויי פֿעטערס זיינע, ביידע הויכע קרעפֿטיקע יונגע מענער, האָבן געלאַכט פֿון זיין סענטימענטאַלקייט:

„איר לאַכט תמיד פֿון יידישער סענטימענטאַלקייט, אָבער איך האָב הנאה" — האָט ער זיי צוגעוואָרפֿן און אויסגעשטרעקט צו זיי אַ באַפֿרייטע האַנט, וואָס איינער נאָכן אַנדערן האָט זי געדריקט.

„איך וויל זען דיין כלה" — האָט אוירעליאַ אַריינגענומען זאַסימוסעס פּנים אין אירע הענט און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

„פֿאַר דיר, באָבע, וועל איך זי נישט באַהאַלטן און אויך נישט פֿאַר מיינע מומעס. ווילט איר זען די שענסטע פֿון די טעכטער אין רוים?" — האָט ער זיך געווענדעט צו די צוויי פּרויען.

אַלע זענען אַריין אין גאָרטן אין דער ריכטונג צום הויז. אויפן וועג האָט יוליוס, וואָס האָט געהאַלטן זיין אָרעם איבער סאַבינאַן, געפרעגט דעם מיידל אין האַלב־וויץ און האַלב־ערנסט:

"און דו — וואָס איז מיט דיר? איך האָב פאַר דיר אַ חתן... אַ, פאַרגעסן... די מאַמע וועט דיר נישט לאָזן חתונה האָבן מיט אַ פאַגאַן... און ער איז אַ פאַגאַן".

סאַבינאַ האָט זיך פאַררויטלט און נישט געענטפערט. זי האָט זיך איינגע־ביסן מיט איר האַנט אין זיינער. ער האָט זיין אייניקל נאָך מער צוגעדריקט צו זיך.

אויף די טרעפּ האָבן שוין געוואַרט אַרטאַפּאַנוס און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. די קליינע קאַקאָטיאַ איז שנעל אַראָפּ און אַנטקעגנגעלאָפן דעם זיידן מיט דער באָבען. יוליוס האָט באַפרייט סאַבינאַן און ווען קאַקאָטיאַ איז צו אים צוגעלאָפן, האָט ער זי געכאַפּט אויף די אָרעמס ווי אַ קעצל:

„אָט דאָס איז מיין ליבלינג!" — האָט יוליוס אויסגערופן.

„אַ, זיידע, דיין פליך גלאַנצט ווי וואַסער" — האָט די קליינע אויסגערופן, ווען זי האָט מיט די הענטלעך אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ.

„ער האָט נישט וואָס צו טאָן, גלאַנצט ער" — האָט דער זיידע נחתדיק אַ קיצל געטאָן קאַקאָטיאַן און זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

אויך פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ איז אַראָפּ פון די טרעפּ און אַנטקעגנגעגאַנגען אירע עלטערן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס. ביים טויער האָבן זיך באַוויזן פרישע געסט און פון הויז איז אַרויסגעקומען דניאל, דער אַלטער איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן מיט אַ שמייכל צווישן באָרד און וואָנסן און באַגריסט די געסט ביי די טרעפּ.

„אונדזערע עלטערן — האָט אַרטאַפּאַנוס זיי פאַרגעשטעלט פאַר אים — און די פעטערס און מומעס פון זאָסימוס: יוליוס, מאַטראָנאַ אוירעליאַ, יוליוס דער יינגערער, מאַרקוס, די שוועסטער פון אונדזער פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ — מאַרטאַ, מאַר־קעלאַ און לוקרעציאַ".

דניאל האָט מיט דער האַנט אויפן האַרץ זיך טיף פאַרנויגט:

„איך בין גליקלעך צו זען אייך אין אונדזער הויז. קומט אַריין און זייט ווי אין אייער אייגענער היים.

נישט דניאל און נישט אַרטאַפּאַנוס האָבן געהאַט צייט מער צו פאַרנעמען זיך מיט די געסט, וואָרום אַנדערע זענען אָנגעקומען. ביידע מענער זענען אַוועק צום טויער. פון אַלע זייטן זענען געגאַנגען געוועסיאָרכן מיט אַרכאָנטן און מנד־בים און רייכע סוחרים — אַלע אין פייערלעכע קליידער, און די פרויען האָבן אַרום זיך צעטראָגן ריחות פון בשמים און איילן, ווי עס וואָלטן אויפגעגאַנגען נישט־געזעענע רויכן פון קטורת.

אַרום דעם ריזיקן גאָרטן זענען פון די נאָענטסטע געסלעך זיך אָנגעלאָפן נייגעריקע פרויען, קינדער און מענער און אַריבערגעקוקט איבער די קוסטן צו

זען וואָס דאָרט קומט פאָר. הינטן, ביי דער זייט, וווּ עס זענען די קיכן, האָבן אָרעמע און בעטלער אויסגעשטרעקט די הענט איבער די שטאַכעטן און געבעטן, די קוכערס זאָלן זיי צוּוואַרפן אַ פעטן ביסן.

מנשה־ניקאָדעמוס איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט יוחנן פון גוש־חלב און מיט אַ האַלבן וואָגן מתנות. פון אָנהייב האָט קיינער נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם מאַן, מיט וועלכן ניקאָדעמוס איז געקומען, וואָרום ער איז געווען פון נידעריקן וווּקס, מיט געדיכטע שוואַרצע האָר, וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, און פאַרזשמורעטע אויגן. זיין קורצער טונקעלער קיטל האָט אים געמאַכט נאָך נידעריקער. אָבער ווען דער אַטלעטישער ניקאָדעמוס האָט פאַר זיך געפירט יוחנן צווישן דעם געפּראָפּטן עולם אויף דעם וועג צווישן טויער און הויז, און געזאָגט אויפן קול צו אַ באַקאַנטן, אַז דאָס איז יוחנן, דער העלד פון יהודה, איז אַ שטילער פליסטער דורכגעלאָפן און דער וועג האָט זיך געעפנט פאַר אים ביז אַרויף צו די טרעפּ.

„יוחנן... דער העלד פון יהודה... אָט גייט ער... דער פון גוש־חלב?" — האָט זיך דער פליסטער פון פאַרערונג און באַוווּנדערונג געטראָגן.

אין פאַרלעגנהייט און צעשמייכלט, האָט יוחנן פון אַ זייט געקוקט אויף ניקאָדעמוסן און געגאַנגען פאָרויס מיט וואָס אַ מאָל מער זיכערע טריט. די שמועה איז אַריין אין הויז נאָך איידער יוחנן איז אַהין אָנגעקומען און אַנט־קעגן אים איז אַרויס אַרטאַפּאַנוס. ער האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָ־רעמס, גענומען אים אונטערן אָרעם און אים אַריינגעפירט אין הויז ווי אַ גאָר חשובן גאַסט. מיט אַזאַ כבוד איז אויך אויפגענומען געוואָרן דורך אַרטאַפּאַנוסן אפרים בן־אליעזר.

בעת אַלע געסט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט, איז זאָסימוס אַריין אין אַ באַזונדער צימער, באַגלייט דורך זיין רבין יונתן, דעם נאָמאַמאַטעס פון דער סובורער סינאַגאָגע, אַרטאַפּאַנוסן און דניאלן. פּונקט אַזוי איז אין צימער פון אסתרן אַריין שרה און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, און באַלד האָבן זיי פון דאָרט אַרויסגעפירט די כלה און זי באַגלייט צו דעם כלה־טראָן, וואָס איז געשטאַנען הויך אויף אַ פּאָדיום אין דעם גרויסן עס־זאַל. אסתר האָט איצט אויסגעזען אַ סך רייפער און עלטער, ווי בעת זאָסימוס האָט זי געזען צום ערשטן מאָל. פון אונטער דעם בלאָען דעק אויפן קאָפּ האָבן מיט גלאַנץ אַרויסגעפלאַמט אירע רויטע האָר און באַלויכטן איר פּנים. אַ פייכטער פינקל האָט אַרויסגעע־שטראַלט פון אירע אויגן און צוזאַמען מיט די אויפגעגליטע זון־שפּרענקעלעך און אירע פולע אָנגעקוועלטע ליפּן, איז איר פּנים געווען ענלעך צו אַ צעשט־ראַלט אינקרוסטירט צירונג. די קלינגענדיקע שטים פון אַרכאָנט יאָסיפוס האָט אַ הילך געטון איבערן זאַל:

„דער חתן יעקב־זאָסימוס, דער זון פון אַרטאַפּאַנוס און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ!"

דער עולם האָט געמאַכט אַ וואַרע. צווישן דניאלן און אַרטאַפּאַנוסן איז מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ געגאַנגען זאָסימוס. הינטער זיי — יונתן און דער

נאַמאַמאַטעס. פלאַוויאַ און שרה האָבן אויפגעהויבן אסתרן פון דעם כלה־טראָן און זי אַראָפּגעפירט אַנטקעגן דעם חתן. ביידע האָבן זיך פאַרהאַלטן אין מיטן פון זאַל. אויף אסתרס פנים האָט זיך צעשפילט אַ שעלמישער שמייכל פון נאָכמאַכן די ערנסטקייט, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף זאַסימוסן, און אויך ער האָט זיך צעשמייכלט. פון גאַרטל הינטער דער טאָגע האָט ער אַרויסגענער־מען אַ רינגל, אַ ווײַלע אַ קוק געטון אויף דעם, ווי ער וואָלט געזוכט פון וועלכער זייט אָנצוטון עס און דאָס רינגל אַרויפגעזעצט אויף אסתרס אויסגעשט־רעקטן פינגער. דער אַלטער יונתן איז צוגעגאַנגען, דערלאַנגט זאַסימוסן אַ געראָלטן פּאַפּירוס און פייערלעך געזאָגט:

„אסתר, טאָכטער פון שרהן, פון איצט אָן ביסטו געהייליקט צו זיין דאָס ווייב פון יעקב־זאַסימוס, דעם זון פון פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, כדת וכדין בישראל און לויט די מנהגים פון אונדזער הייליקער עדה אין דער שטאָט רוים".

זאַסימוס האָט דערלאַנגט אסתרן דעם געראָלטן פּאַפּירוס און ווי ביידע יונגע מענטשן וואָלט פלוצים פאַרפעלט געדולד, זענען זיי צוגעפאַלן צו איינ־אַנדער און זיך געקושט.

„מזל טוב! מזל טוב און שלום צווישן דעם יונגן פּאָרפּאָלק!" — האָבן אָפּגעהילכט ווונטשן.

אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעהויבן די האַנט און אין אַן אויסטערלישער אומ־געריכטער שטילקייט, האָט ער געזאָגט:

„זון מיינער, בכור פון דעם חשמונאים־שטאַם. פון איצט אָן וועסטו גיין דיין וועג לויט דיין אייגענעם ווילן און באַשלוס, באַגלייט פון גאָט פון יש־ראל און זיינע חסדים. אָט דער וועג איז פול מיט אחריות, ווייל דו ביסט אַ ייד, אפילו ווען דו וואָלסט נישט געווען פון דעם חשמונאים־שטאַם. אָבער אויך דיין אָפּשטאַם גיט צו וואָגיקייט, אַז דיין וועג זאָל זיין אין די געבאָטן פון גאָט, אין ערלעכקייט, ליבשאַפט, פרידן און מיט דעם ציטער אין האַרץ פאַר אונדזער הייליק לאַנד, וואָס ליגט צעשטערט. אָבער אויך אומעטום, ווו דו וועסט זיין און אומעטום, ווו דו וועסט פירן דיינע קינדער און קינדס־קינדער, ביז די לעצטע טעג, זאָל פאַר דיר גיין ליבשאַפט צום מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין געשטאַלט פון גאָט, פרידן און ערלעכקייט, ווי עס האָבן געלערנט די נביאים אין אונדזערע הייליקע שריפטן. זאָג עס מיר צו, מיין זון, איצט, ווען דו שטייסט פאַר דיין ווייב און זי וועט גיין מיט דיר אין די וועגן וואָס דו וועסט גיין".

„איך זאָג עס דיר צו, מיין פאָטער און האַר" — האָט געענטפערט זאַסימוס, האַלטנדיק אסתרן ביי דער האַנט.

דער אָטעם פון דעם געפּאַקטן עולם אין זאַל איז באַפרייט געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צעוויגטן טומל. בעת די מענער האָבן געוואָלט דער־גרייכן דאָס פּאָרפּאָלק, כדי צו ווינטשן די יונגע מענטשן, האָבן די פרויען זיך געשטופּט, זיך איינצוקוקן אין פנים פון אסתרן און באַלד אויסגעדריקט זייערע

באַמערקונגען פאַר אַנדערע פרויען, הלמאי זי, אסתר, האָט נישט פאַרקריידלט אירע זומער־שפּרענקעלעך, הלמאי זי האָט געלאָזט, מען זאָל איר אונטערפאַרבן די אויגן־לעדלעך, הלמאי זי האָט נישט באַהערשט איר שמייכל; פון דעסטוועגן איז זי אַ שיינע כלה און עס האָט איר אָפּגעגליקט, וואָס זי האָט באַקומען זאַסימוס פאַר אַ מאַן...

און באַלד האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטון אין דרויסן, צום גאָרטן, פון וואַנען עס זענען דערגאַנגען לאָקנדיקע ריחות פון געבראָטענע און גע־קנאָבלטע פליישן. קנעכט, אָנגעטון אין לאַנגע קיטלען, האָבן פונאַנדערגע־טראָגן בעקנס פלייש, קריגלעך ווײַן און געזיײַערטע גרינסן. ווי פריער איז געווען אַ כוואַליקער געוויש פון רעדן, אַ טומל פון איבעררופן זיך, אַזוי איז איצט דער טומל געוואָרן אַ געדעמפּטער — יעדער איז מיט די הענט און מיט די ציין געווען פאַרטון אין זײַן שטיק פלייש און אין דעם קריגל ווײַן. אַנדערע קנעכט האָבן אַרומגעטראָגן בעקנס מיט וואַסער אויף אָפּצוואַשן די הענט פון איין מין פלייש, כדי צו קענען נעמען זיך צו אַ צווייטן מין.

אין דעם גרויסן עס־זאַל האָט איצט געשפּילט אַ קאַפּעליע, אויף ציטרעס און פלייטן. דאָ זענען געבליבן בלויז די גאָר חשובע געסט, וואָס האָבן געגעסן ווייניק און נאָך ווייניקער געטרונקען. צווישן די חשובע געסט איז אויך געווען יוחנן, אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט האָט אים מנשה־ניקאָדעמוס געגעבן אַ צייכן, ער זאָל אים נאָכגיין און זיי זענען אַרויס אין גאָרטן, צו די גרויסע בעקנס מיט שטיקער פלייש און קריגלעך ווײַן.

יוחנן איז דאַנקבאַר געווען ניקאָדעמוסן פאַר אַרויספירן אים פון דער גע־זעצטער געזעלשאַפט, מיט וועלכער ער האָט נישט געהאַט קיין בשותפותדיק לשון. דאָ, אויף דער פרייער לופט, איז ער אַוועק צו זײַנע גורל־חברים, די אויסגעלייזטע געפאַנגענע פון יהודה, וואָס האָבן זיך אַלע צוזאַמענגענומען אויפן גראָז און געבראָטן שעפּסן אויף זייער אייגענעם שטייגער. דער רויך פון דעם פלייש האָט זיי פאַרשיכורט נישט ווייניקער ווי די מענגעס ווײַן, וואָס זענען צו זיי דערגאַנגען. דערזען יוחנן, האָבן זיי אים אַרײַנגענומען אין דער מיט און אים דערלאַנגט אַ קריגל ווײַן. ער האָט זיך דערפילט פרייער, היימישער און לעבעדיקער, און אויסלײדיקנדיק דאָס קריגל, האָט ער אַ פּאַטש געטון אין די הענט:

„צי וועלן מיר אויף אַ חתונה נישט זינגען אונדזערע חתונה־לידער?" — האָט ער געפרעגט.

„לאָמיר זינגען ווי דער חתן איז געלאָפן איבער ווײַנגערטנער!" — האָט עמעצער אויסגערופן, און דער זעלבער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ פאַרבענקטן, אויסגעצויגענעם ניגון, וואָס באַלד האָבן אים אַנדערע אונטערגעכאַפּט און ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען צווישן אַלע זיצנדיקע אויפן גראָז אַרום די צעהאָנגענע שעפּסן איבערן פייער.

די זון, אַ פלאַם־צעגליטער דיסק האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אין דער זייט

צום ים און אַ פּיאַלעטע טונקלקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער רוים. דאָס טונקל־פּיאַלעטע ליכט האָט זיך געביטן אין בלאָ און אין גרוי און ווען אַרום דעם גאָרטן פון דעם גערוסיאַרך דניאל האָבן זיך צעצונדן פעך־פאַקעלן, איז דער הימל פּלוצים געוואָרן אַזוי נידעריק, ווי ער וואָלט געווען אַ חופה איבער דעם שטח, ווו די יידן פון רוים האָבן געפּראַוועט די חתונה פון זאָסימוס און אסתר.

אויבן, אין אַ טונקעלן קאַמער, זענען געווען מיט זיך אַליין זאָסימוס און אסתר. פאַרשפּינט און פאַרפלאָנטערט אין דעם סוד פון זיך אַליין, האָבן זיי קוים געהערט דעם שיכורלעכן טומל אין גאָרטן, קוים דעם אָפּהילך פון דעם גערויש אין די קאַמערן, קוים דעם קלאַנג פון די ציטערס און פלייטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט דורך די פענצטער פון גרויסן עס־זאַל; זיי האָבן געהערט בלויז זיך אַליין, דאָס בענקשאַפטלעכע איבעררופן זיך פון זייערע יונגע לייבער און דעם ריזל פון זייער אייגן בלוט אין די אָדערן. אָבער ווען דער אָוונט האָט איינגעדעקט דאָס פענצטער פון זייער קאַמער, האָבן זיי דער־הערט דאָס געזאַנג, וואָס ס׳האָבן געזונגען די באַפרייטע געפאַנגענע פון יהודה, און דער בענקשאַפטלעכער ניגון האָט זיי אַראָפּגעטראָגן פון זייער געלעגער צום פענצטער. אין דעם רויטלעכן שיין פון פאַקעלן און שייטערס זיצן אין געדיכטע רייען יונגע מענער און זינגען אַריין אין דער נאַכט ווערטער, ווי זאַלבן:

פון ווייַן און ליבשאַפט איז דער פּאַסטעך געשלאָפן;
די כלה איז אַוועק זיך באָדן אין טוי,
און ער האָט געזוכט זי אין חלום דעם זיסן
אָט דאָ נעבן זיך, אין געצעלט אויפן שטרוי.
ווו ביסטו, מיין כלה? ווו ביסטו אַנטרונען? —
שרייט ער פון חלום און עס ענטפערט אַ בת־קול:
אין די ווייַנגערטנער ועסטו דיין כלה געפינען,
אפשר ביים סטויג און אפשר ביים ברונעם.
לויפט ער, דער פּאַסטעך, פייל אויסן בויגן
איבער די ווייַנגערטנער, צום ברונעם און סטויג:
קום צו מיר, ליבסטע, קום צו מיר, כלה,
קום צו מיר, אָטעם, שוואַרצאַפּל פון אויג.
קומט אים די כלה אַנטקעגן אויסן טוי:
וואָס רופסטו, מיין ליבסטער, איך בין נאָר מיט דיר
און ליג ביי דיין זייט אין נעפּל אויפן שטרוי.
און ער פאַרזיגלט איר מויל מיט קושן —
ער פאַרזיגלט פון זיין אוצר די טיר.

אַ פאַרחלשטע פון ליבשאַפט האָט זיך אסתר געקלאַמערט מיט אירע אָרעמס

אַרום דעם האַלדז פון זאַסימוס, בעת ער אַליין איז געווען פאַרפלאָנטערט אין דעם נעפּל פון זיסער נאַענטקייט צום הייסן רופנדיקן לייב.

„פאַר אונדז זינגען זיי" — האָט זי געזאָגט, זוכנדיק מיט אירע ליפּן זיינע ליפּן, ווי אַ בלינד היהלע זוכט דעם ברוסטוואַרצל פון דער מוטער.

ער האָט גענומען איר הייס פּנים אין זיינע הענט און פאַרזיגלט אירע ליפּן מיט קושן:

„פאַר אונדז, נאָר פאַר אונדז זינגען זיי. נאָר דו זאָלסט נישט אַנטרינען פון מיר אפילו אין חלום" — האָט ער זי געהאַלדזט און מיט זיין פּנים זיך געבאָדן אין איר לייב.

„ווי קען איך אַנטרינען פון דיר, אויב דו ביסט שוין אַ טייל פון מיין לייב. און ווי קענסטו אַנטרינען פון מיר, ווען איך האָב דיך ליבער פון מיין אייגן לעבן?" — האָט זי געשעפּטשעט ווי פון שלאָף.

די חתונה האָט געדויערט ביז אין די אָוונט־שעהן, ווען דער עולם איז אַ שיכורלעכער און איבערזעטיקטער פון די פיל מאכלים מיד געוואָרן. עס האָבן זיך געענדיקט די געזאַנגען, די שמועסן און די סודות פון געמיינזאַמע באַקאַנטע, עס האָט זיך געענדיקט די נייגעריקייט וועגן דער יונגער כלה, ווי זי האָט אויסגעזען און אין וואָס פאַר אַ קליידער זי איז געווען אַנגעקליידעט. אויך דער חתן זאַסימוס האָט זיך מער נישט באַוויזן און מען האָט נישט געקענט זוכן אין זיינע אויגן, צי ער האָט שטאַרק ליב אסתרן. עס איז מער נישט געווען אינטערעסאַנט און די מידקייט האָט געטריבן אַהיים.

אַרום די זיצנדיקע באַפרייטע געפאַנגענע האָבן זיך אַרומגעשטעלט די יונגע מענטשן און זיך צוגעהערט צו זייערע לידער, וואָס זיי האָבן געהאַט אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז יעדעס מאָל,ביים פאַרענדיקן אַ ליד, האָבן זיי זיך איבערגערופן וועלכעס ווייטער צו זינגען.

די שמחה האָט זיך פון זיך אַליין געלאָשן, ווי עס לעשט זיך אויס אַ שייטער, וואָס מען לייגט נישט צו צו אים קיין צווייגן. בלויז די גאָר חשובע געסט זענען ביז שפּעט אין אָוונט געבליבן אין גרויסן עס־זאַל, וווּ עס איז געוואָרן היימיש־געמיטלעך, נאָך דעם ווי אין גאָרטן איז מער קיינער נישט געבליבן פון די געסט. אויך דאָס אָרעמקייט און די בעטלער זענען אַוועק, נאָך דעם ווי די קוכערס האָבן פאַר זיי אויסגעליידיקט די קעסלען. אַרום איז געוואָרן שטילע נאַכט.

אין זאַל זענען די מענער געזעסן באַזונדער אין אַ ברייטן קרייז אויף נידעריקע קאָשעטן, און באַזונדער זענען געזעסן די פרויען.

ביי די מענער האָט געפירט דאָס געשפּרעך יוליוס, דער פאָטער פון פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. מיט זיין ברייטן גוף און צעלייגט באַקוועם, האָט ער פאַרנומען די גאַנצע קאָשעטע. צוליב דער וואַרעמקייט אין זאַל איז ער געזעסן בלויז אין אַ לייכטן טוניק מיט אַ טיף־אויסגעשניטענעם האַלדז און קורצע אַרבל.

פון דער מענגע ווייַן, וואָס ער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען, איז זיין פנים און אויך דער פליך געווען רויט־צעגלאַנצט, אָבער זיין מוח איז ווייטער געווען קלאָר. ער האָט גערעדט הויך און אָפּט געלאַכט. אַלץ האָט אים דאָ אויסגעזען עקזאָטיש. הגם אַרטאַפּאַנוס, דער ייד, איז געווען זיין איידעם, און ער האָט גוט געוווסט וועגן די געמיט־ענדערונגען ביי זיין טאָכטער פלאַוויאַ, נאָך דעם ווי זי איז געוואָרן דאָס ווייב פון אַ ייד, איז נאָך אַלץ פאַר אים די וועלט פון יידן געווען נישט דורכצודרינגען. גאַרנישט אויף דער חתונה פון זיין איי־ניקל איז געווען באַהאַלטן פון אים. ער האָט זיך צוגעקוקט צום צערעמאָניאַל, צום שטייגער פון די געסט און דאָך איז אַלץ געבליבן פאַר אים פאַרהוילן. צום סוף האָט ער געפרעגט זיין איידעם:

„איז עס נישט אויסטערליש, אַרטאַפּאַנוס, וואָס יידן זענען אין רוים, לעבן אין שכנות פון רוימער און דאָך טיילן זיי זיך אויס מיט זייער יידישער באַ־זונדערקייט ?"

„מיט ערגערער אָדער בעסערער באַזונדערקייט ?" — האָט אַרטאַפּאַנוס איבער־געפרעגט.

יוליוס האָט מיט די הענט אונטערגעשפּאַרט זיין גרויסן קאָפּ און געזאָגט מיט אַ נידעריקער שטים:

„איך קען נישט ענטפערן, צי ערגער אָדער בעסער. אַנדערש. און אַ ביסל אומפאַרשטענדלעך פאַר רוימער".

„פּונקט ווי אַ סך זאַכן פון רוימער זענען פאַר אונדז אַנדערש און צו מאָל אַ סך אומפאַרשטענדלעך — האָט אַרטאַפּאַנוס אויפגעהויבן דעם קאָפּ — חתונות ביי רוימער זענען באַקאַנטישע פייערונגען נישט בלויז פאַר די יונגע פאַר־פעלקער, נאָר אויך פאַר די באַטייליקטע, און דאָס איז פאַר אונדז אומפאַר־שטענדלעך".

„דאָס טאַקע האָב איך געמיינט, — האָט אויסגערופן יוליוס — ביי יידן איז פאַראַן ווינציק פרייד".

„אפשר ווינציק אויסערלעכע פרייד ? — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט — איבע־ריקנס ווייס איך נישט, צי עפנטלעכע זנות איז פרייד. מיט וואָס איז באַקאַנטיזם מער פרייד, ווי געזאַנג ? אויסער דעם איז זנות, לויט דער יידישער אויפפאַסונג, די פאַרשוועכונג פון אַ געטלעך געבאָט".

אפרים בן־אליעזר, וואָס האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך און נישט פאַר־שטאַנען פון דעם קיין וואָרט, וואָרום שווער און איידעם האָבן גערעדט צווישן זיך לאַטיין, האָט געפרעגט ביי אַרטאַפּאַנוס וועגן וואָס עס פירט זיך דער שמועס, און ווען אַרטאַפּאַנוס האָט אים אויפגעקלערט אין וואָס עס גייט האָט ער געזאָגט, אין גריכיש, קורץ:

„אונדזערע געלערנטע זאָגן : גאָרנישט טוט אַ מענטש אָן דער השגחה פון גאָט. דעריבער דאַרף זיך אַ ייד אין יעדן מצב פאַרהאַלטן אַזוי, ווי עס דאַרפן זיך פאַרהאַלטן קינדער אין דער אָנוועזנהייט פון זייערע עלטערן".

דער רוימער האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט פאַרשטאַנען, און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געענטפערט אפרימען אין אַ פעלערהאַפטן גריכיש:

„זייער אַ שווערער גלויבן, דער יידישער. און איר ווילט, אַז אַנדערע זאָלן אָננעמען דעם יידישן גלויבן?"

אַרטאַפּאַנוס האָט געענטפערט אָנשטאָט אפרימען:

„אַ סך מער ווי אַנדערע זאָלן אָננעמען דעם יידישן גלויבן, ווילן מיר אַנ־דערע זאָלן אונדז לאָזן זיין ווי מיר זענען. גאָרנישט מער, פּאָטער. צי איז דאָס אַ סך?"

יוליוס האָט געהויבן זיינע ברייטע אַקסלען:

„איך פאַרשטיי נישט, פאַר וואָס עמעצער זאָל זיין קעגן אַזוי ווייניק".

קאפּיטל עלף

אַ וואָך נאָך דער חתונה פון זאָסימוס און אסתר, אַ וואָך נאָך דעם ווי אַרטאַפּאַנוס האָט געפּרעגט זיין שווער, צי עס איז אַ סך, וואָס יידן ווילן — אַנדערע זאָלן זיי לאָזן זיין ווי זיי זענען — איז אַרטאַפּאַנוס אַרויסגערופן געוואָרן צו דעם מוניציפּאַלן סענאַט פון רוים, ער זאָל עדות זאָגן קעגן דעם גערר־סיאַרך פון דער סובורער סינאַגאָגע, דניאל. עס איז דערגאַנגען אַן אַנקלאַגע, אַז דניאל האָט קעגן די געזעצן פון רוים איינגעאָרדנט אַ רעליגיעזע פּראָצעסיע אויף די גאַסן פון דעם שטאָט־קוואַרטאַל סובורא און דערמיט האָט ער פאַר־שוועכט דעם אָפיציעלן גלויבן פון דער רוימישער אימפּעריע.

נאָך די וואָכן פון פריידיקע איבערלעבונגען האָט זיך אַרטאַפּאַנוס קוים דערמאָנט, אַז מסתמא מיינט מען דאָ דעם שבתדיקן מאַרש פון דער סינאַגאָגע צום הויז פון דניאלן, און ער האָט געלייקנט, אַז דאָס איז געווען אַ רעליגיעזע פּראָצעסיע. דאָך האָט ער דערציילט, ווי אַזוי עס איז געווען, אַז נאָכן פאַר־קנסן זיין זון מיט דער טאָכטער פון דניאלן, זענען די קינדער אויפגענומען געוואָרן אין דער סינאַגאָגע. און ווייל עס איז געווען שבת, ווען יידן טאָרן נישט פאָרן און אַלע באַטייליקטע אין דער פייערונג אין דער סינאַגאָגע זענען פאַרבעטן געוואָרן צו דניאלן, זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען מיט די גאַסן פון סובורא. די ווערטער פון אַרטאַפּאַנוסן זענען פאַרשריבן געוואָרן און ער איז געווען זיכער, אַז מיט דעם איז אַלץ אויפגעקלערט געוואָרן. אַרטאַפּאַנוס האָט געמאַכט אַ טעות. ער האָט נישט געוווסט, אַז נישט קעגן דניאלן, נאָר דווקא קעגן אים איז צוגעטראַכט געוואָרן אַ מזימה.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דניאל גערופן געוואָרן אין דער רוימישער מוניציפּאַליטעט, ער זאָל עדות זאָגן קעגן אַרטאַפּאַנוסן, אַז קעגן דעם פאַרבאָט פון די רוימישע געזעצן איז ער באַגאַנגען צוויי פאַרברעכנס: ער האָט אַרויס־געפירט גאָלד פון רוים קיין יהודה און ער האָט אַ שליח פון יהודה איבער־געגעבן די יידישע באַשטייערונגען פאַרן בית־המקדש, וואָס איז מער נישטאָ, באַשטייערונגען, וואָס דאַרפן איינגעצאָלט ווערן דער רוימישער מאַכט.

דניאל איז דערצאָרנט געוואָרן: ער קען נישט עדות זאָגן קעגן אַרטאַפּאַנוסן, ווייל דאָס איז שקר. אַרטאַפּאַנוס איז אַ סאָלידער מאַן און בכלל איז נאָך דעם יאָר נישט צוזאַמענגענומען געוואָרן דער שטייער. דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן.

כדי אָנצורייצן דניאלן אויף אַרטאַפּאַנוסן, האָט דאַן דער באַאַמטער אַרויס־געגומען אַ פּאַפּירוס און איבערגעלייענט, אַז ער, דניאל, ווערט באַשולדיקט אין פּראָפּאַגירן דעם שטאָטלעכן גלויבן פון רוים דורך איינאָרדענען אויף די גאַסן פון סובורא אַ יידיש־רעליגיעזע פּראָצעסיע און אַז אַרטאַפּאַנוס זאָל דאָס האָבן באַשטעטיקט. דניאל האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט מיט שטאָלץ:

„דאָס איז איינע פון יענע שקרים, וואָס זענען שוין אַמאָל צוגעטראַכט געוואָרן אויף יידן דורך רוימישע באַאַמטע, כדי צו קאָנפיסקירן דאָס יידישע פאַרמעגן און צו פאַרטרייבן די יידן פון רוים. איך ווייס נישט, ווער עס האָט צוגעטראַכט דעם איצטיקן בלבול און וואָס ער וויל דערגרייכן דערמיט, אָבער צי מיינט עמעצער חרוב מאַכן די יידן אין רוים, ווי מען האָט זיי חרוב געמאַכט אין יהודה?"

„נישט קיין בלבול — האָט דער באַאַמטער געענטפערט — נאָר דער ייד אַר־טאַפּאַנוס איז באַגאַנגען פאַרברעכנס קעגן די געזעצן פון רוים. אויב דו וועסט באַשטעטיקן, אַז דו ווייסט וועגן דעם, אַז אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויסגעשמוגלט גאָלד פון רוים אין דער פּאַלעסטינעזער פּראָווינץ און אַז ער האָט אויך איבער־געשיקט באַשטייערונגען פון די רוימישע יידן פאַרן בית־המקדש, וועט בטל ווערן די באַשולדיקונג קעגן דיר, אַז דו האָסט פּראָפּאַגירט די שטאָטלעכע רעליגיע".

„איך וואָלט דאָס נישט באַשטעטיקט, אַפילו ווען אַרטאַפּאַנוס זאָל זיין מיין פיינט, וואָרום די באַשולדיקונגען קעגן אים זענען צוגעטראַכט, בפרט, אַז ער איז דער פאָטער פון מיין איידעם און ער איז פון די געשעצטע און אָנגעזעענ־סטע יידן אין רוים" — האָט דניאל געזאָגט מיט זעלבסטווירדע.

באַלד נאָך דעם איז דניאל איינגעזעצט געוואָרן אין אַ תפיסה־קעלער, ווי אַ באַשולדיקטער אין פּראָפּאַגירן די שטאָטלעכע רעליגיע, אָבער געפּאָרשט איז ער געוואָרן אויף צו באַשטעטיקן די פאַרברעכנס, וואָס ווערן פאָרגעוואָרפן אַרטאַפּאַנוסן.

אויף צו פאָרשן דעם גערוסיאַרך דניאל איז באַשטימט געוואָרן דער אַלטער סענאַטאָר דעמעטריוס, וואָס האָט אַנומלט אָנגעזאָגט אַרטאַפּאַנוסן, אַז די יידן פון רוים וועלן מקבל פּנים זיין דעם אימפּעראַטאָר און זיינע צוויי זין, ווי די באַזיגער פון יהודה.

דעמעטריוס האָט גוט געקענט דניאלן. ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער ווייַן־טרינקער און דניאל האָט אים במשך פון אַ סך יאָרן צוגעשטעלט אַ קרעפטיקן געצערטן ווייַן, וואָס ער האָט געקעלטערט פאַר מבינים. הגם דעמעט־ריוס האָט נישט געמאַכט קיין שום סוד דערפון, אַז ער איז אַ פיינט פון יידן און ער האָט די יידישע רעליגיע אָנגערופן „די רעליגיע פון באַשניטענע באַרבאַרן", האָט ער פאַר דער אויספאָרשונג פאַרזיכערט דעם גערוסיאַרך אין זיין פּריוואַט־שאַפט. ס'איז טאַקע ריכטיק, אַז די יידן זענען אַ שווער און עקשנותדיק און פאַלש פאָלק, אָבער ער, דניאל, איז אַן אויסנאַם. אויך איצט, פאַר דער אויס־

פֿאַרשונג, האָט דעמעטריוס אָנגעהויבן מיט דניאלן פֿרייַנטלעך. ער באַדויערט שטאַרק, וואָס אויף אים איז אויסגעפֿאַלן צו זיין דער אויספֿאָרשער אין אַזאַ ענין, ווו ער, דניאל, איז אַ וויכטיקער עדות און עס איז דערגאַנגען ביזן פֿאַרמאַכן אים אין תפיסה. און וואָס שייך דער באַשולדיקונג אין פֿראַפֿאַנירן די מלוכה־רעליגיע, קאָן מען געפֿינען אַן אויסגאַנג, אויב דער באַשולדיקטער אין האַרבערע פֿאַרברעכנס קעגן דער רוימישער מאַכט וועט דערפֿירט ווערן צום געריכט.

„איר ווייסט, אַז דאָ איז געווען אַ מאַן פֿון יהודה, וואָס האָט די טעג פֿאַרלאָזט רוים און מיטגענומען מיט זיך גאָלד, ווייסט איר דאָס?" — האָט דעמע־טריוס געפֿרעגט.

אָנשטאָט צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, האָט דניאל געזאָגט:

„פֿאַר וואָס זאָלן מיר, אַלטע לייט, חשובער סענאַטאָר, שפּילן זיך ווי קינ־דער אין באַהעלטעניש? אויב די רוימישע מאַכט האָט קעגן מיר, אַז איך זאָל כלומרשט האָבן פֿראַפֿאַנירט די מלוכה־רעליגיע, בין איך גרייט דערפֿאַר צו שטיין פֿאַרן געריכט און באַווייזן די זינלאָזיקייט פֿון אַזאַ באַשולדיקונג. דאָס רוימישע געזעץ גיט אונדז די פֿולע רעכט צו היטן אונדזער גלויבן און זיך פֿירן לויט די דינים פֿון אונדזער גאָט. אויב עס איז אונדז דערלויבט צו היטן דעם הייליקן טאָג פֿון דער וואָך, שבת, און צו גיין אין סינאַגאָגע, האָבן מיר רעכט צו גיין אויף די גאַסן ווי אַזוי מיר ווילן, ווייל פֿאַרן טאָרן מיר נישט אום שבת. און די פּראָצעסיע, וואָס ווערט מיר זינלאָז פֿאָרגעוואָרפֿן, איז נישט געווען קיין רעליגיעזע פּראָצעסיע, נאָר אַ שפּאַציר פֿון דער סינאַגאָגע מיט דעם חתן פֿון מיין טאָכטער".

„און דער מאַן פֿון אייער טאָכטער איז דער זון פֿון אַרטאַפּאַנוס".

„ריכטיק" — האָט דניאל באַמערקט.

„דערפֿאַר ווילט איר נישט מודה זיין אין דעם פֿאַרברעך פֿון אַרטאַפּאַנוסן" — האָט אים דעמעטריוס פּראָוואָצירט.

„נישט ריכטיק — האָט דניאל אויסגערופֿן — איינס מיטן אַנדערן האָט גאָר נישט וואָס צו טאָן".

„און איך וועל אייך באַווייזן, אַז עס האָט יאָ אַ שייכות. דער לעגאַט פֿון יהודה איז געווען אָנוועזנד אויף דער חתונה פֿון אייער טאָכטער מיט דעם זון פֿון אַרטאַפּאַנוס".

„ער איז געווען" — האָט דניאל באַשטעטיקט.

„צי איז ער געווען אייער גאַסט, אָדער דער גאַסט פֿון אַרטאַפּאַנוס?"

„עס איז ריכטיק, אַז אַרטאַפּאַנוס האָט אים פֿאַרבעטן" — האָט דער געזוכטער צוגעגעבן.

„זעט איר שוין, אַז צווישן דעם לעגאַט פֿון יהודה און אַרטאַפּאַנוסן איז געווען אַ נעענטערע פֿאַרבינדונג. האָט דער לעגאַט מיט זיך מיטגענומען גאָלד ביים פֿאַרלאָזן רוים? — האָט דעמעטריוס אָנגעגריפֿן — זאָגט מיר אַלץ און איר

ווערט פּטור פון דעם עקלהאַפטן תּפיסה־קעלער, וואָס איז נישט פאַר אייער געזונט״.

„חשובער סענאַטאָר, — האָט דניאל געזאָגט, צײלנדיק די ווערטער — צוויי מאָל אָדער דריי מאָל האָב איך געזען דעם שליח פון יהודה. צוויי מאָל אין מיין סינאַגאָגע און איין מאָל אויף דער חתונה פון מיין טאָכטער. ער איז געקומען קיין רוים נישט איינצוזאַמלען די באַשטייערונגען פון יידן פאַרן בית־המקדש, נאָר אויף צו זאַמלען געלט פאַר אַ רעליגיעזער אַקאַדעמיע אין יהודה. די באַשטייערונגען פאַרן בית־המקדש פלעגן מיר אַ מאָל אָדער אַוועק־שיקן מיט אונדזערס אַ מענטש, אָדער עס פלעגט קומען צו אונדז אַ פאַר־שטייער פון דעם העכסטן פּריסטער פון אונדזער הייליקטום. אָבער נאָך דעם ווי דאָס הייליקטום איז צעשטערט און עס איז מער נישטאָ קיין פּריסטער, זאַמלען מיר נישט קיין געלט אויף דעם צוועק. דאָס איז אַלץ״.

„דאָס איז נישט אַלץ! — האָט דעמעטריוס אויסגערופן — איר זאָגט נישט דעם אמת. דער לעגאַט פון יהודה האָט אַוועקגעפירט גאָלד. איר קענט דאָס נישט לייקענען! אַרטאַפּאַנוס האָט אים געהאָלפן אַרויסשמוגלען דאָס גאָלד מיט איינער פון זיינע שיפן״.

„אויב דאָס איז ריכטיק, איז נישט געווען עפּעס לייכטערס ווי צו רעווי־דירן די שיף, מיט וועלכער דער לעגאַט איז אַוועקגעפאָרן פון רוים און דאַן וואָלט איר, הער סענאַטאָר, פאַרשפּאָרט מיך צו פאָרשן״ — האָט דניאל געזאָגט מיט שטאָלץ.

„מיר וואָלטן דאָס געטון, ווען די אָנקלאַגע זאָל האָבן אַריינגעפלאָסן צו אונדז איידער די שיף איז אָפּגעגאַנגען, אָבער מיר האָבן זיך וועגן דער אָפּ־נאַרעריי דערוווסט, ווען די שיף איז שוין געהאַט אַוועק״ — האָט דעמעטריוס געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט דניאלן אָנפאַרטרויט אַ סוד.

אין זעלבן טאָן פון פאַרטרויען אַ סוד האָט זיך אָפּגערופן דניאל:

„הערט, הער סענאַטאָר, אַן עצה פון אַ דערפאַרענעם מענטש: שיקט אַרויס צו דער רוימישער מאַכט אין יהודה אַן אייליקן שטאַפעט, אַז ווען און וועלכע עס איז שיף פון אַרטאַפּאַנוסן וועט צושלאָגן צום ברעג, זאָל מען רעווידירן די שיף און אויך דעם שליח. אויב איר וועט געפינען גאָלד, וועט איר האָבן סיי אַ באַווייז פאַר אייער באַשולדיקונג און סיי דעם ווערט פון גאָלד. אויב אָבער איר וועט קיין גאָלד נישט געפינען ביי דעם שליח, וועט אויך דע־מאָלט נישט ליידן די קאַסע פון דעם אימפּעראַטאָר, ווייל איך, דער געוו־סיאַרך פון דער סובורער סינאַגאָגע, וועל באַצאָלן די הוצאות. האָלט איר נישט, הער סענאַטאָר, אַז מיין עצה האָט אַ זין?״

„זינלאָז! — האָט זיך דעמעטריוס אויפגעקאָכט. — יידן זענען צו קלוג און צו פיל דורכגעטריבן, זיי זאָלן געשמוגלט גאָלד האַלטן ביי זיך, אָדער פאַר־שטעקן אין אַ יידישער שיף, ביז צום באַשטימונגס־פּלאַץ. די שיפן פון רוים

קיין יהודה שטעלן זיך אָפּ אין סיציליע און אין קרעטאָס און אויך דאָרט זע־נען פֿאַראַן יידן!״

דניאל האָט זיך אַ רייץ געטון מיטן אַלטן סענאַטאָר:

„אָ, מיין האַר, ווי אויסגעצייכנט איר קענט די וועגן, ווי אַזוי צו שמוג־לען גאָלד!״

דעמעטריוסעס פּנים האָט זיך אָנגעפילט מיט בלוט. דער ייד חוזקט פֿון אים. דער ייד פֿאַרהאַלט זיך חוצפּהדיק. נישט אַנדערש, נאָר מען דאַרף אים האַלטן אין תּפֿיסה־קאַמער, אַזוי לאַנג, ביז די חוצפּה וועט זיך אים אָפּגלוסטן און דעמאָלט וועט ער זיין אַ געהאָרכזאַמער עדות.

דער אַלטער דניאל איז נישט געוואָרן קיין געהאָרכזאַמער עדות. אַ חודש צייט האָט מען אים געהאַלטן געפֿאַנגען אין דעם תּפֿיסה־קעלער און ער האָט זיך נישט איינגעבראָכן אויף צו ווערן אַ פֿאַלשער עדות קעגן אַרטאַפּאַנוסן. דורך איבערגעקויפֿטע תּפֿיסה־וועכטער האָט זיך אַרטאַפּאַנוס דערוווּסט וועגן אַלץ וואָס דעמעטריוס פֿאָדערט פֿון דניאלן און דער אַלטער גערוסיאַרך האָט באַ־פֿוילן אַרטאַפּאַנוסן, ער זאָל אַנטרינען פֿון רוים.

די עצה פֿון דעם גוטווינטשנדיקן דניאל האָט דערשיטערט אַרטאַפּאַנוסן. אַנטלויפֿן פֿון רוים? פֿאַר וועלכע זינד און פֿאַר וואָס אַנטלויפֿן? צי צאָלט ער נישט קיין שטייערן? צי היט ער נישט די געזעצן פֿון רוים? אויב ער זאָל אַנטלויפֿן פֿון רוים בלויז דערפֿאַר, ווייל עס איז צוגעטראָכט געוואָרן קעגן אים אַ פֿאַלשע באַשולדיקונג, וועט ער דערמיט גורם זיין צרות אַלע רוימישע יידן. וואָרום די באַשולדיקונג איז אויך, אַז דעם שליח פֿון יהודה זענען איבער־געגעבן געוואָרן די באַשטייערונגען פֿון רוימישע יידן פֿאַרן בית המקדש. דערי־בער קען יעדער איינער פֿאַרשפּאַרט ווערן אין תּפֿיסה אונטער דער באַשולדי־קונג, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין ברעכן דאָס רוימישע געזעץ. וועט ער, אַרטאַפּאַנוס, נישט אַנטלויפֿן פֿון רוים און נישט לאָזן זיין כבוד זאָל דערנידע־ריקט ווערן.

ער איז אַליין אַוועק צום סענאַטאָר דעמעטריוס און אַוועקגעשטעלט דעם ענין אָפֿן:

„שוין אַ חודש צייט ווי איר האַלט אין תּפֿיסה דעם גערוסיאַרך דניאל צוליב אַ פֿאַלשער באַשולדיקונג וואָס איז געווענדעט קעגן מיר. איז דאָס ריכ־טיק, גנעדיקער סענאַטאָר?״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געפֿרעגט.

דעמעטריוס האָט שלעכט באַהאַלטן זיין צעטומלונג, וואָס אַרטאַפּאַנוס אַליין איז געקומען צו אים, און ער האָט אים געענטפֿערט אָן שום בושה:

„נישט ריכטיק, גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס. דער גערוסיאַרך פֿון דער סובורער סינאַגאָגע זיצט אין תּפֿיסה פֿאַר זיין אייגן פֿאַרברעך, דערפֿאַר וואָס ער האָט עפֿנטלעך געמאַכט אַ יידיש־באַרבאַרישע רעליגיעזע פּראָצעסיע און דערמיט באַ־ליידיקט די מלוכה־רעליגיע״.

„חזרט איר איצט איבער די זעלבע באַשולדיקונג, וואָס אייער גנעדיקער פאָטער האָט אַמאָל געמאַכט קעגן די יידן אין רוים?״

„שוין הונדערט און דרייסיק יאָר ווי יידן חזרן איבער די פאַרשווערונג פון דער מלוכה־רעליגיע״.

„נישט אמת, סענאַטאָר דעמעטריוס! — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן — נישט די יידן זענען שולדיק, וואָס פּאָמפּייאוס האָט זיי מיט הונדערט און דרייסיק יאָר צוריק געבראַכט קיין רוים. און אויב זיי זענען געבראַכט געוואָרן, האָבן זיי ווי פרייע מענטשן באַקומען די רעכט צו גלייבן אין זייער אייגענעם גלויבן און זיך פירן לויט זייער אייגענעם שטייגער. דערמיט ווערט מיט גאָרנישט פאַרשווערט די רעליגיע פון דער מלוכה און נישט דער שטייגער פון נישט־יידן. אויך דער אימפּעראַטאָר וועספּאַסיאַן האָט באַשטעטיקט די רעכט פון די יידן אין רוים, צו לעבן לויט זייער רעליגיע״.

„אָבער נישט אויף איינצוואָרדענען רעליגיעזע פּראָצעסיעס אין די גאַסן פון רוים!״ — איז דעמעטריוס געוואָרן אומגעדולדיק.

„קיין שום פּראָצעסיע מאַכן מיר נישט. אויב עס איז אונדז פאַרבאָטן צו פאָרן אום שבת, און קיין פליגל צו פליען האָבן מיר נישט, מעגן מיר גיין פון אונדזערע סינאַגאָגעס צו פוס צו אונדזערע היימען. איז עס נישט אַ נאַ־טירלעך געזעץ פאַר יעדן מענטש?״

סענאַטאָר דעמעטריוס האָט זיך אויפגעשטעלט. דער ייד האָט אים שוין אינגאַנצן אַרויסגעפירט פון געדולד:

„אייגנטלעך וואָלט איך וועלן וויסן, צי זענט איר געקומען ווי דער אַד־וואָקאַט פון דעם גערוסיאַרך דניאל. וואָרום אויב נישט — מיט וועלכע רעכט טענהט איר, גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס, אין אַן ענין, וואָס איז נישט אייך נוגע?!״

„דאָס האָב איך געוואָלט הערן, גנעדיקער הער סענאַטאָר דעמעטריוס — האָט אויך אַרטאַפּאַנוס זיך אויפגעשטעלט. — איך בין נישט דער אַדוואָקאַט פון דעם גערוסיאַרך דניאל, אָבער איר האַלט אים אין תפיסה־קעלער, ווייל ער וויל נישט ווערן אַ פאַלשער עדות קעגן מיר אין אַ שולד, וואָס איז אויסגעזויגן פון פינגער און איז צוגעטראַכט געוואָרן ווי אַ נקמה־אַקט קעגן מיר. אויב עס איז אַזוי — באַשולדיקט מיך, און לאָזט פריי דעם גערוסיאַרך דניאל. וואָרום ווי אַ ייד, וואָס איז גרייט צו שטאַרבן פאַר די געבאָטן פון גאָט, וועט ער ליבערשט אויסגיין אין תפיסה איידער פאַלש עדות־זאָגן. און איר, גנעדיקער סענאַטאָר דעמעטריוס, דאַרפט נישט נעמען אויף זיך די מאָראַלישע אחריות, אַז צוליב אייך זאָל אַ מענטש אומשולדיק אויסגיין אין תפיסה. דאָס איז נישט ריטערלעך, הער סענאַטאָר!״

דעמעטריוס האָט אַ זייטיקן קוק געטון אויף אַרטאַפּאַנוסן. ער איז געשטאַ־נען אין אַן אַרויסרופערישער פּאָזיציע, ווי נאָך אַ מינוט, און ער וועט אויפ־נעמען אַ פיזישן פאַרמעסט. איז ער צוגעגאַנגען צו אים נאָענט און, האַלטנ־

דיק אַן אויסגעשטרעקטן פינגער אונטער דער אונטערשטער ליפּ, אַרויסגע־זידט צווישן די ציין:

„עס איז נאָך מער נישט ריטערלעך צו פאַרנעמען זיך מיט אַרויסשמוג־לען גאָלד פון רוים און מיט צורויבן די שטייערן, וואָס עס קומט דעם רוי־מישן קיסר. און אין דעם ווערט איר באַשולדיקט, געהוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס!"

„דאָס איז אויסגעטראַכט פון אָנהויב ביזן סוף! — האָט אַרטאַפּאַנוס פעסט געזאָגט — און איך בין גרייט עס צו באַווייזן פאַרן געריכט, אויב איך וועל קומען פאַרן געריכט".

„איר וועט קומען פאַרן געריכט, גערוסיאַרך!" — האָט דעמעטריוס אויס־גערופן.

פון דער פעסטקייט, מיט וועלכער דער סענאַטאָר האָט געוואָרפן די ווערטער, אַז ער וועט קומען פאַרן געריכט, האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרשטאַנען, אַז קעגן אים איז פאַרטראַכט געוואָרן אַ מזימה, אין וועלכער אויך דער אימפּעראַטאָר אַליין איז אַ צד. אַנדערש וואָלט דעמעטריוס נישט געווען אַזוי זיכער. אָבער אַרטאַפּאַנוסן איז געוואָרן אויפפאַלנדיק די סיבה, פאַר וואָס מען האָט אים נאָך ביז איצט נישט פאַרשפאַרט אין תפיסה. די, וואָס האָבן פאַרטראַכט דעם בלבול קעגן אים, האָבן דאָך זיכער אַ מיין דערמיט, וואָס זיי לאָזן אים אַרומגיין פריי, בעת דווקא אַן עדות, וואָס ווערט געצווונגען צו פאַלשע דערקלערונגען — ער איז פאַרשפאַרט אין תפיסה. צי מיינט עס, אַז ער, אַרטאַפּאַנוס, דאַרף זיך שטעלן פאַר דעם אימפּעראַטאָר און אים פאַר־שלאָגן זיין דינסט, כדי זיך צו ראַטעווען? אויב דאָס איז דער מיין, קענען זיי נאָך אַלץ נישט, די רוימער, דעם ייד אַרטאַפּאַנוסן.

דאָך, צוליב דעם וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט געפילט, אַז דאָס מאָל איז ער אַרויסגערופן געוואָרן אין אַ שווערער, נישט גלייכער מלחמה — האָט ער גע־טיילט זיינע מחשבות מיט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, כדי גאָרנישט זאָל פאַר איר קומען פלוצים. ווי אַ טאָכטער פון רוים, וואָס האָט געקענט די פאַרדאָר־בנקייט פון דער מאַכט, האָט זי געעצהט איר מאַן, אַזוי ווי יעדע פאַר־נונפטיקע און פּראַקטישע פרוי אין רוים וואָלט געעצהט אין אַזאַ פאַל:

„מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז מיט גערעכטיקייט וועלן מיר פאַרשפילן קעגן די פאַרדאָרבענע לייט, וואָרום טאָמער וואָלטן זיי נישט געווען פאַרדאָרבן, וואָלטן זיי אַזאַ עקלהאַפטן בלבול נישט צוגעטראַכט. דעריבער מוזסטו אין דער מלחמה קעמפן מיט דעם זעלבן געווער פון פאַרדאָרבנקייט — מיט שוחד".

„שוחד דעם אימפּעראַטאָר? האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט — לעכערלעך. נישט מיין זעקל גאָלד זוכט ווספּאַסיאַן; ער זוכט מיין הילף צו באַרויבן גאַנצע פעלקער און זיי צעברעכן; ער זוכט צו פאַרוואַנדלען מיך אין אַן ענלעכן מכשיר, אין וועלכן ער האָט פאַרוואַנדלט דעם אכזר דעמעטריוס. ער וויל, איך זאָל ווערן זיין בייטש אין דער אימפּעריע און איך וועל דאַן

ציען אויף זיך דעם צאָרן פון די, וואָס ער וועט דורך מיר פּאַראומגליקן. פאַרשטייסט דאָס, פלאַוויאַ?"

„איך פאַרשטיי עס, — האָט זי פאַרבראָכן די פינגער — איך פאַרשטיי עס. אָבער דאָס איז דאָך דער שטייגער פון מעכטיקע. צי קענסטו ענדערן די וועלט? צי קען אַ שווימער ענדערן די ריכטונג פון טייך, אָדער ער מוז שווימען מיט דער ריכטונג פון טייך, כדי נישט אומצוקומען? ענטפער מיר אויף דעם, ווי אַזוי ווילסטו אייגער אַליין ענדערן די ריכטונג פון אַ טייך?"

ער האָט געקוקט אויף דעם פאַרזאָרגטן פּנים פון זיין פרוי און ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון זאָגן איר, וואָס ער טראַכט. און געטראַכט האָט ער, אַז אַנומלט, אין אַ שווערער שעה, האָט ער איר פאַרגעשלאָגן זיי זאָלן פאַרלאָזן רוים; אַנטלויפן פון די באַצווינגער פון זיין פאָלק און פון די, וואָס האָבן חרוב געמאַכט זיין היים. זי האָט דעמאָלט נישט גע־וואָלט און איצט ווערט ער געשטראָפט דערפאַר.

דאָס אַלץ האָט ער איר איצט נישט געזאָגט. ער האָט נישט געוואָלט דערשלאָגן איר אַזוי אויך פאַרקלעמט האַרץ. און פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, ווי אַ מאַמע, ווי אַ פרוי, וואָס עס איז איר טייער דער דערגרייכטער מעמד פון איר פאַמיליע, האָט אין דער רגע פון סכנה נישט געוואָלט אַריינדרינגען אַזוי טיף ווי אַרטאַפּאַנוס און נישט שטעלן אין קאָן אַלץ וואָס זי האָט דערגרייכט. זי האָט געזאָגט צו אים:

„גיסט זיך אָפּ אַ חשבון פון אונדזער מעמד? אפילו ווען מיר וואָלטן געווען פּאַגאַנען, וואָלטן מיר לגבי דעם קיסר און זיין מאַכט געווען אומ־באַהאָלפן, בפרט ווען מיר זענען יידן. און די מאַכט איז פול מיט פאַרדאַכטן צו אונדז. אויב דער קיסר האָט צו דיר אַזוי פיל פאַרטרויען, אַז ער וויל דו זאָלסט זיין פינאַנסיעלער ראַטגעבער, פאַר וואָס זאָלסטו זיך קעגנשטעלן? טויזנטער אַנדערע אויף דיין פלאַץ טרוימען צו דערגרייכן אַזאַ פּאָזיציע אין הויף פון אימפּעראַטאָר".

אַרטאַפּאַנוס האָט אומעטיק אַ קוק געטאָן אויף זיין פרוי:

„דער כהן יאָסעפוס פלאַוויוס האָט דערגרייכט אַזאַ פּאָזיציע, צי ווילסטו, אַז אויך איך זאָל דורך יידן אָנגערופן ווערן פאַררעטער?"

פלאַוויאַ האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינער און געזאָגט אַזוי רואיק און איבערצייגנדיק, ווי נאָר מעגלעך:

„וואָס פאַר אַ פאַרגלייכן מאַכסטו, אַרטאַפּאַנוס? צי האָסטו אַליין מיר נישט דערציילט, אַז יאָסעפוס פלאַוויוס האָט פאַרראַטן דערמיט, וואָס ער איז פון דער יידישער אַרמיי איבערגעגאַנגען צו די רוימער און זיי געהאָלפן באַצווינגען יהודה און אָפּשוואַכן דעם קעמפערישן גייסט פון די יידן? דו ביסט אין רוים און נישט אין יהודה. ווייספּאַסיאַן וויל, דו זאָלסט זיין זיין פינאַנסיעלער ראַטגעבער דאָ, אין רוים, און נישט אין יהודה, וואָס איז מער נישטאָ. דערמיט וואָס דו וועסט אים דינען מיט דיינע עצות, וועסטו

קיינעם נישט פאַרראַטן און קיינער וועט אין דיר נישט זען קיין פאַררעטער".

„און איך אַליין? — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן אין אויפרעגונג — צי בין איך אַליין אין מיינע אייגענע אויגן קיינער? צי וועל איך אויף זיך אַליין נישט קוקן ווי אויף אַ פאַררעטער, וואָס דינט דעם בלוט־שונא פון מיין פאָלק? איך וועל נישט קענען אַנדערש, ווי טראַכטן וועגן זיך, אַז איך בין אַ פאַררעטער; אַז נאָך דעם אַלץ, וואָס רוים האָט געטון צו מיין היימלאַנד און מיין פאָלק בין איך געוואָרן זיין דינער, צו טראַכטן פאַר אים, ווי אַזוי ווייטער אויסצוזאַפּן דאָס בלוט פון פעלקער און אויך דאָס בלוט פון די איבערגעבליבענע יידן אין מיין חרוב היימלאַנד. נאָר אַ מענטש, וואָס וואָלט אַליין געקענט זיין אַן אכזר קעגן זיין אייגן פאָלק און טון דערמיט וואָס דער שונא האָט געטון, קען דינען אַ שונא פון זיין פאָלק און פאַרגעסן זיין רשעות. איך קען נישט, פלאַוויאַ. איך וועל בעסער אויס־ווילן דעם טויט, איידער דינען דעם שונא פון מיין פאָלק".

„ביסט אַ פאָטער פון קינדער" — האָט זי געזאָגט שטיל.

„מיינע קינדער וועלן פאַרשטיין!" — האָט ער צוריקגעענטפערט.

„ס'האַרץ זאָגט מיר, אַז דו האָסט אונטערגענומען אַ פאַרשפּילטע מלחמה. פאַרטראַכט זיך, אַרטאַפּאַנוס" — האָט זי זיך געבעטן ביי אים.

אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגענומען איר האַנט מיט ליבשאַפט און געזאָגט צו איר:

„איך זאָג עס דיר אויף צו פאַרגעדענקען, ווי אַזוי און וואָס עס זאָל נישט געשען: זיין אַ ייד הייסט מקריב זיין זיך אַליין פאַר צילן, וואָס זענען אַ סך העכער און אַ סך שענער ווי איך קען זיי אויסדריקן אין ווערטער. אויב אַ ייד איז נישט גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אָט די צילן, איז אַ שאָד יעדע מינוט פון ווידערשטאַנד: דאַרף ער ווערן אַ געצנדינער און אויפגעבן אַלע יידישע צילן; זיך באַפרייען איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון אַלע לאַסטן און לעבן אַזוי ווי אַלע געצנדינערישע פעלקער לעבן: פרעסן, בואפן, פירן מלחמה און רויבן. איך האָב אויסגעוויילט דעם שווערן וועג. דו ביסט מסכים געווען צו גיין מיט מיר אָט דעם שווערן וועג — לאָמיר אים גיין ביזן סוף פון מיינע יאָרן!"

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אין די אויגן פון איר מאַן דערזען אַן אויסטער־ליש בליציק פייערל און זי האָט רעזיגנירט. זי האָט מער נישט געוואָלט אים באַאיינפלוסן. בלויז פאַר איר אייגענער באַרואיקונג האָט זי געזאָגט:

„אַ מענטש דאַרף טראַכטן פאַר דער צוקונפט".

„און דאָס איז וואָס איך טו און וואָס באַשטימט מיין האַנדלונג. אויב איך וועל דינען דעם שונא פון מיין פאָלק און פאַרגעסן וואָס ער האָט געטון צו מיין פאָלק, וועל איך, אמת, האָבן אַ זאַטע צוקונפט, אָבער דאָס וועט זיין אַ צוקונפט פון אַ הונט. און ווי אַ הונט, וואָס לעבט פאַרן ביין, וויל איך נישט לעבן!"

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט מיט איר ווייבלעכער אינטואיציע געפילט, אַז דער

בלבול, וואָס איז צוגעטראַכט געוואָרן קעגן איר מאַן, איז צו ערנסט, מען זאָל זיך אים קעגנשטעלן בלויז מיט פּרינציפּן און גלייבן אין גערעכטי־קייט. זאַסימוס האָט נאָר־וואָס חתונה געהאַט. ער איז אָנגעזען אין דער רוימישער געזעלשאַפט מיט זיין געלערנטקייט, און אוודאי שטייט אים פאָר אַ קאַריערע פון אַ פּרקליט. סאַבינאַ שטייט אין שידוכים. פלאַוויאַס פאָטער, יוליוס, איז געקומען פאַרשלאָגן אַן ערנסטן מאַן פאַר סאַבינאַן — אַ זון פון אַ רייכן רעפּובליקאַנישן סענאַטאָר. ער איז אַ פּאַגאַן, אָבער ער איז גרייט אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן. פלאַוויאַ קען די פאַמיליע און זי וואָלט גע־וועזן גליקלעך צו האָבן אַ זון פון אַט דער פאַמיליע ווי אַן איידעם. אויב דער בלבול קעגן אַרטאַפּאַנוסן זאָל געלינגען — דעמאָלט איז פאַרשפּילט אויך די צוקונפט פון אירע קינדער. און צו דעם וועט זי, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, נישט דערלאָזן.

אַן דעם וויסן פון אַרטאַפּאַנוסן האָט פלאַוויאַ וועגן אַלץ פאַרטרויט סיי איר פאָטער און סיי מנשה־ניקאָדעמוסן און ביידע האָבן צוגעזאָגט, יעדער אויף זיין באַזונדערן וועג, צו העלפן איר. יוליוס האָט נאָך געמאַכט אַ וויץ, אַז די גערעכטיקייט איז אַ זייער קאַפּריז באַשעפעניש: בעת אַפילו אַ מענטש באַגנוגנט זיך צו רוען אויף אַ שטרוי־זאַק, האָט די גערעכטיקייט ליב צו רוען דווקא אויף אַ געלט־זאַק. און פלאַוויאַ האָט צוגעשטימט צו יעדער סומע שוחד, וואָס וועט נייטיק זיין. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען אַרטאַפּאַנוס איז שוין געווען אַריינגעזעצט אין תפיסה, איז יוליוס גע־קומען צו זיין טאָכטער און אַן אָפּהענטיקער פונאַנדערגעפּירט זיינע אַרעמס:

„איך זע נישט קיין מעגלעכקייט צו ווירקן דורך באַציאונגען מיט מענטשן פון הויף, אָדער פון סענאַט. און וואָס שייך שוחד, איז פאַראַן דאָ בלויז איין איינציקער, וואָס קען פאַר שוחד צונישט מאַכן דעם בלבול. דאָס איז דער קיסר אַליין. אָבער ער איז נישט להוט נאָך דעם פאַרמעגן פון אַרטאַפּאַ־נוסן. דאָס איז נישט אימפּאָנירנדיק פאַר אים. אים קען מען איבערקויפן מיט אַ לאַנד, און דאָס, מיין טאָכטער, פאַרמאָגסטו נישט. דעריבער איז דער איינציקער וועג: דינגען גוטע פאַרטיידיקער, וואָס זאָלן אין געריכט באַוויי־זן די זינלאָזיקייט און די בייזוויליקייט פון דער באַשולדיקונג".

אויך מנשה־ניקאָדעמוס איז געקומען מיט דער זעלבער בשורה, אַז די פעדעם פון דעם בלבול קעגן אַרטאַפּאַנוסן ציען זיך פון וועספּאַסיאַנוסן אַליין און קיינער פון די הויפלייט, אָדער פון סענאַט וועלן נישט וועלן ריזיקירן מיט זייער קאַריערע און איינשטעלן זיך ביים קיסר.

די יידן אין רוים האָבן דערפילט, אַז דאָס באַשולדיקן אַרטאַפּאַנוסן אין אַרויסשמוגלען גאָלד פון רוים קיין יהודה און אַז ער האָט אַ שליח פון יהודה איבערגעגעבן די באַשטייערונגען פון יידן פאַרן בית־המקדש, איז אַ בלבול נישט בלויז קעגן דעם גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע, נאָר קעגן אַלע יידן אין רוים. אויב די אינטריגע זאָל געלינגען די שונאים פון יידן, וועט יעדער איינציקער ייד אין רוים ווערן אַ מיטבאַשולדיקטער,

ווי בעת דעם בלבול פון סעיאַנוסן אין די צייטן פון קיסר טיבעריוס. וואָ־רום יעדער ייד האָט דאָך געצאָלט דעם שטייער, במילא איז יעדער ייד פאַרמישט אין אָפּנאַרן דאָס גזעץ פון רוים.

אין הויז פון דעם גערוסיאַרך פון דער קאַמפּעניעזער סינאַגאָגע, גמלי־אל־ניקידעס, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די אָנפירער פון אַלע סינאַגאָגעס אין רוים, אויסער אַרטאַפּאַנוסן און דניאלן, וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט אין תפיסה. די באַמיאונגען פון פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ זענען פאַר די יידישע פירער פון רוים נישט געווען גענוג, און עמעצער האָט פאָרגעלייגט, אַז אין אַן עת־צרה דאַרף מען פאַרבייגיין דעם כבוד און אַוועקשיקן אַ דעלעגאַציע צו יאָסעפוס פלאַוויוס, דעם ליבלינג פון וועספּאַסיאַן און טיטוס. דער, וואָס איז געגאַנגען מיט די רוימער קעגן זיין פאָלק אין יהודה, זוכט איצט אַ געלעגנהייט נושא חן צו זיין אין די אויגן פון יידן, נישט ווייניקער ווי ער וויל ווייטער נושא חן זיין אין די אויגן פון זיינע רוימישע האַרן. דאַרף מען אים איצט געבן אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז ער איז אויף אַן אמת צוגעבונדן צו זיין פאָלק. אויב ער וועט אויספועלן די באַפרייאונג פון אַרטאַפּאַנוסן און דניאלן, און די בלבולים קעגן זיי זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן, וועט מען אויסער אַלעמען האָבן צוריקגעוווּנען אַ געלערנטן ייד, וואָס געפינט זיך אין זכות פון דעם קיסרלעכן הויף.

אייגנטלעך האָט דעם געדאַנק צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו יאָסעפוס פלאַוויוס צוגעטראַכט גמליאל־ניקידעס. ער האָט געהערט צו די רייכסטע יידן אין רוים. זיינע האַנדלס־באַציאונגען האָבן זיך אויסגעשפּרייט פון די ווייטע מזרח־לענדער, פון וואַנען ער האָט אימפּאָרטירט געווירצן און איידעלע איילן, ביז גאַליע, וווּ ער האָט דערגרייכט מיט זיינע סחורות. אויף צו דעראָבערן די ווייטע מערק האָט ער אַוועקגעגעבן אַ סך יאָרן פון אַרבעט און געפערלע־כע רייזעס. האָט ער איצט מורא געהאַט פאַר יעדער גזירה, אָדער שטערונג, וואָס וואָלט געקענט צונישט מאַכן זיינע גרויסע געשעפטן. און אפשר נאָך מער ווי פאַר דער שטערונג אין זיינע געשעפטן האָט ער סתם מורא געהאַט פאַר ענדערונגען. אָבער נישט ווייניקער האָט ער מורא געהאַט, דער פאָרש־לאָג וועגן שיקן אַ דעלעגאַציע צו יאָסעפוס פלאַוויוס זאָל קומען דירעקט פון אים. ער האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר אַרטאַפּאַנוסן און ער האָט געוווּסט, אַז אַרטאַפּאַנוס האַסט דעם דאָזיקן מאַן מיט אַ נאָך גרעסערער שנאה ווי ער האַסט די געצנדינערישע פיינט פון יידן. און אַרטאַפּאַנוס וואָלט אים קיינמאָל נישט מוחל געווען, ווען עס זאָל ווען עס איז דערגיין צו אים, אַז גמליאל־ניקידעס האָט געעצהט זיך איינשטעלן פאַר אים ביי יאָסעפוס פלאַוויוס. אַזוי האָט גמליאל געטראַכט און דעריבער אונטערגעשטעלט, אַז עמעצער אַנדערש זאָל געבן די עצה. און זי איז געווען אַלעמענס. און ווי אַן אומפּערזענלעכע איז זי פון אַלעמען אונטערשטיצט געוואָרן. ווי דער פירער פון דער דעלעגאַציע איז אויסגערופן געוואָרן גמליאל־ניקידעס.

קאפיטל צוועלף

אין איינער פון די שענסטע געגנטן פון רוים, אויף אַ הויכקייט מיט אַן אַראָפּבליק צום אויסגוס פון טיבער, אין אַ הויז פון ברוינלעכן מאַרמאָר, ווי עס וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון דעם באַרג־רוקן פון דער זעלבער פאַרב, האָט געוווינט יוסף בן מתתיהו הכהן. דאָ, אין רוים, האָ ער נישט ליב געהאַט צו הערן זיין יידישן נאָמען און זיך גערופן יאָסעפוס פלאַוויוס. צוזאַמען מיט דעם טיטל „רוימישער בירגער", האָט וועספּאַסיאַן געשענקט יוספן דאָס הויז און אים באַשטימט אַ יערלעך געהאַלט פאַר זיינע באַזונדערע פאַרדינסטן פאַר דער רוימישער אימפּעריע אין קאַמף קעגן די „יהודייאישע רוצחים". פאַר וועספּאַסיאַן און זיינע צוויי זין — די קומענדיקע אימפּעראַטאָרן — איז יאָסעפוס פלאַוויוס געווען אַ מוסטער, ווי אַזוי אַ ייד דאַרף דינען מיט זיין וויסן און נסיון דער רוימישער אימפּעריע. דאָס האָט די דינסט־גרייטקייט פון פלאַוויוסן נאָך מער אויפגערייצט דעם גייציקן וועספּאַסיאַן קעגן דעם עקשנותדיקן אַרטאַפּאַנוס, וואָס איז אַ רוימישער בירגער פון אַלע צייטן און דאָך איז ער פרעמד און פאַרביסן, ווי אַ זעלאָט פון יהודה... הגם די דעלעגאַטן, וואָס זענען דאָס מאָל געקומען צו יאָסעפוס פלאַוויוס, האָבן אים שוין איין מאָל געהאַט געזען בעת ער איז געגאַנגען אין טריאומף־צוג מיט דעם אימפּעראַטאָר און זיינע זין, דאָך האָבן זיי אים איצט נישט דערקענט. אָנגעטון בלויז אין אַ טוניק פון דיקן לייוונט, מיט אַ שוואַרצער קורץ־געשוירענער באָרד און מיט די האָר אַראָפּגעלאָזט איבערן שטערן, האָט ער אויסגעזען ווייט פון צו זיין אַ מיליטערמאַן. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס מער פון אַ נזיר, מיט פרום־צעגלאַנצטע אויגן און מיט אַ שאַרפן קין. זיין לינקער מוילווינקל האָט פון צייט־צו־צייט געציטערט נערוועז.

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט די געסט אַריינגעבעטן אין אַ ריזיקן אַרבעט־צימער, ווו עס האָט זיך מער נישט געפונען ווי א גרויסער טיש און עטלעכע זעסלען. צוליב דעם וואָס עס זענען געקומען מער מענטשן ווי עס זענען געווען זעסלען, האָט ער באַפוילן זיינע קנעכט זיי זאָלן אַריינברענגען נאָך אַ פּאָר זעסלען און ער האָט געוואַרט מיטן זעצן זיך, ביז עס וועלן זיין גענוג פלעצער פאַר אַלע. ערשט נאָך דעם ווי אַלע זענען שוין געזעסן, האָט ער אויך פאַרנומען אַ פּלאַץ, זיך אָנגעלענט מיט ביידע אָרעמס

אָן די זעסל־זייטן און אַרויסשיקנדיק פאָרויס דעם קאָפּ, האָט ער געפרעגט אויף העברעאיש:

„וואָס קען איך טון פאַר מיינע ברידער?"

פון אַלע זיבן דעלעגאַטן האָט בלויז גמליאל־ניקידעס גוט פאַרשטאַנען העברעאיש, אָבער געווען נישט געאיבט אין רעדן אין דעם לשון. גמליאל־ניקידעס האָט געוואָרפן אַ באַהאַלטענעם בליק איבער זיינע פריינט און זוכנדיק ווערטער אין העברעאיש האָט ער איבערגעבעטן יאָסעפוסן, אַז נישט אַלע דעלעגאַטן זענען געניט אין דעם לשון און באַלד איבערגעגאַנגען אויף גריכיש:

„עס איז ליב צו געפינען אַ ברודער אין רוים אין אַזאַ הויכן מעמד, ווי דו, האַר, וואָס דו האָסט געפונען חסד אין די אויגן פון אונדזער אימ־פעראַטאָר וועספּאַסיאַן" — האָט גמליאל־ניקידעס זיך אונטערגעהויבן פון דרך־ארץ וועגן.

„שיין פון אייער זייט, וואָס איר זענט געקומען דאָס מיר זאָגן, — האָט יאָסעפוס אַוועקגעשאַרט די האָר פון איבערן שטערן — קען איך עפּעס טאָן פאַר אייך אין מיין מעמד?"

„ווי געוויינלעך, מיין האַר — האָט גמליאל אויפגעהויבן די האַנט און מער געקוקט אויף זיינע חברים ווי אויף יאָסעפוסן — נישט־יידן פאַרשטייען אונדז שלעכט. די אָנגעזעענסטע פון צווישן יידן אין רוים, געגרוסיאַרך אַרטאַ־פּאַנוס און דער חשובער געגרוסיאַרך דניאל זענען פאַרשפּאַרט אין תפיסה אונטער אַ באַשולדיקונג, וואָס איז פון אָנהייב ביזן סוף צוגעטראַכט גע־וואָרן, כדי שפּעטער די שולד צו וואַרפן אויף אַלע יידן אין רוים".

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קין און אַראָפּקוקנדיק צום דיל, ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט, געזאָגט שטיל:

„געהערט דעם נאָמען אַרטאַפּאַנוס. איז דאָס דער זעלבער, וואָס שטיצט די פאַרברעכער אין יהודה?"

מנשה־ניקאָדעמוס וואָס האָט זיך געפונען צווישן די דעלעגאַטן, האָט זיך אַ שאָקל געטון אויף זיין זעסל, ווי ער וואָלט זיך וועלן אויפשטעלן. פון דער באַוועגונג האָט יאָסעפוס פלאַוויוס אַ קוק געטון צו אים מיט אַ פאַרשערישן בליק. אויף אַ רגע איז געוואָרן הייס די לופט. גמליאל־ניקידעס האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און ער האָט מער נישט אָפּגעפונען זיין לשון.

„איז עפּעס געשען אומאָנגענעמלעכס?" — האָט יאָסעפוס פלאַוויוס געפרעגט.

מנשה־ניקאָדעמוס האָט זיך אויפגעשטעלט און זיין אַטלעטישע, פעסטע פיגור איז געוואָרן נאָך העכער און נאָך ברייטער ווי זי איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. יאָסעפוס האָט צו אים אַרויפגעקוקט מיט זיין אויסגעצויגענעם קאָפּ אין דער הויך.

„מיין נאָמען איז מנשה־ניקאָדעמוס. איך בין אַ רוימישער בירגער פון

מיין זיידן נאָך. איך וויל זאָגן, אַז דער גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע, אַרטאַפּאַנוס, איז פון די אָרנטלעכסטע און אָנגעזעענסטע יידן אין רוים. ער האָט קיינמאָל נישט אונטערשטיצט קיין פאַרברעכער...״

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אָפּגעהוסט טומלדיק, ווי אויף צו פאַרטויבן דאָס וואָס ער האָט געהערט, געפאָכעט מיט דער האַנט און אין מיטן הוסטן געוואָלט עפּעס זאָגן. צום סוף האָט ער אַרויסגעהוסט:

„וואָס־זשע האָט איר געוואָלט זאָגן וועגן די צוויי גערוסיאַרכס? זיי ווערן באַשולדיקט...״

מנשה־ניקאָדעמוס האָט זיך צוריקגעזעצט, בעת ער האָט באַמערקט, אַז גמליאל האָט זיך באַהערשט.

„זיי ווערן באַשולדיקט — גערוסיאַרך דניאל, אַז ער האָט באַליידיקט די מלוכה־רעליגיע דורך איינאָרדענען אַ פּראָצעסיע אין די גאַסן פון סובור־רא. דאָס איז שקר! — האָט גמליאל אויסגערופן — דאָס איז שקר. אויך איך בין דעמאָלט געווען אין אָט דער „פּראָצעסיע״. מיר זענען שבת צוריקגעגאַנגען פון דער סינאַגאָגע אויף אַ חתן־פייערונג ביים גערוסיאַרך דניאל אין הויז און מיר האָבן אַלע געטראָגן אויף זיך די טליתים״.

„דאָס איז אַ נאַרישקייט״ — האָט פלאַוויוס אויסגעבויגן דעם קאָפּ פאָר־רויס.

„מיר ווייסן, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט, — האָט זיך אָפּגערופן מנשה־ני־קאָדעמוס — מיט אָט דער נאַרישקייט וויל מען פון אים אַרויסבאַקומען פאַלש עדות־זאָגן אויף דעם גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס. דערווייל זיצט ער אין תפיסה און ער איז שוין קראַנק געוואָרן אין תפיסה־קעלער״.

„דער יידנפיינטלעכער סענאַטאָר דעמעטריוס וויל, אַז גערוסיאַרך דניאל זאָל פאַלש עדות זאָגן, אַז אַרטאַפּאַנוס האָט אַרויסגעשמוגלט גאָלד פון רוים קיין יהודה און אַז ער האָט מיט אַ שליח פון יהודה מיטגעגעבן אונדזערע באַשטייערונגען פאַרן בית־המקדש״ — האָט גמליאל־ניקידעס צוגעגעבן — איר ווייסט, גנעדיקער ברודער, וואָס אַזאַ באַשולדיקונג באַדייט פאַר אונדז אַלעמען״.

„דער רוימישער קיסר איז אַ קלוגער מאַן און ער באַשולדיקט נישט אַ גאַנצע עדה פאַר אַ פאַרברעך פון אַ יחיד״ — האָט יאָסעפוס פלאַוויוס זיך צוגעאיילט צו זאָגן.

„אויך דער קיסר טיבעריוס איז געווען אַ קלוגער מאַן און ער איז נוטה געווען צו גלייבן אין דעם בלבול, וואָס עס האָט צוגעטראָגט דער פאָטער פון סענאַטאָר דעמעטריוס, אַז דערמיט וואָס יידן האַלטן זיך ביי זייער גלויבן באַליידיקן זיי די מלוכה־רעליגיע פון רוים״.

„קיסר וועספּאַסיאַן איז אַ קלוגער מאַן און ער וועט נישט מאַכן אַזעלכע אויספירן״ — האָט פלאַוויוס ווייטער געזאָגט.

„אָבער די באַשולדיקונג קעגן גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס איז נישט ריכטיק.

זי איז אַ פֿאַלשע!" — האָט מנשה־ניקאָדעמוס אויסגערופֿן אָן אויפֿגערעגטער.

דער מויל־ווינקל פֿון יאָסעפֿוס־פֿלאַוויוס האָט געציטערט און ער האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטון אויף ניקאָדעמוסן:

„פֿאַר וואָס זאָגט איר דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט, מיט אַזאַ אויפֿרעגונג, ווי איר וואָלט זיך באַמיט אָפּלייקענען אָן אמת. אַ גערעכטע זאַך פֿאַרטיידיקט מען רואיק און נאָר מיט רואיקייט וועט איר איבערצייגן".

„שוין אַ חודש צייט, ווי מיר באַמיען זיך רואיק און געלאַסן צו איבערצייגן די רוימישע מאַכט, אַז די באַשולדיקונגען זענען אומזיניק און אויסגעטראַכט. און דאָס האָט נישט געהאָלפֿן. דערפֿאַר זענען מיר געקומען צו אייך, וואָס איר האָט חסד אין די אויגן פֿון קיסר און זיינע צוויי זיגערישע זין, איר זאָלט אונדז העלפֿן! — האָט מנשה־ניקאָדעמוס געזאָגט פּשוט — איר קאָנט אונדז העלפֿן. ביידע גערוסיאַרכס דאַרפֿן באַפֿרייט ווערן און איר מוזט זען, איר מוזט זען, זיי זאָלן באַפֿרייט ווערן!"

„יאָסעפֿוס פֿלאַוויוס האָט אויפֿגעהויבן די האַנט ווי אַ צייכן פֿון אומגעדולד און געזאָגט:

„איך מוז נישט טון זאַכן, וואָס זענען נישט אין מיין קאָמפּעטענץ. איך קען זיך בלויז באַמיען אויפֿקלערן דאָס, וואָס איך האָב געהערט. וואָס שייך דער באַשולדיקונג אין מאַכן אַ פּראָצעסיע קעגן דער מלוכה־רעליגיע, נעם איך אָן, אַז דאָ איז געשען אַ מיספֿאַרשטענדעניש. דער קיסר וועספּאַסיאַן איז אַ טאָלעראַנטער הערשער בנוגע דעם יידישן גלויבן. ערגער איז מיט דער צווייטער באַשולדיקונג, ווייל צו פֿיל אומשולדיק בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן אין יהודה צוליב רוצחים און באַנדיטן, וואָס נישט ווייניקער ווי זיי זענען שולדיק אין פֿאַרגיסן יידיש בלוט, זענען זיי אויך שולדיק אין פֿאַרגיסן נישט־יידיש בלוט, אויסער דעם חורבן, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויפֿן יידישן פֿאָלק און זיין לאַנד. און איר ווייסט, אַז אפֿילו נאָך דעם אַלעמען ווי ירושלים און דער בית־המקדש זענען צעשטערט, האָבן זיך די רעשטלעך פֿון די פֿאַרברעכער נישט באַרואיקט. די אַנטלאָפֿענע פֿון דער האַנט פֿון גערעכטיקייט באַפֿאַלן סיי יידן און סיי נישט־יידן אויף די וועגן און הרגענען זיי אויס. איר ווייסט דאָס? איר דאַרפֿט דאָס וויסן! ביי אַזעלכע אומשטענדן דאַרפֿט איר פֿאַרשטיין די פֿילבאַרקייט פֿון דעם קיסר צו גאָלד־שמוגלער און צו אַזעלכע, וואָס שטיצן די פֿאַרברעכער אין יהודה מיט געלט פֿון די שטייערן פֿאַרן בית־המקדש, וואָס געהערן דעם קיסר לויט די געזעצן".

„אָבער דאָס איז דאָך שקר! אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געשמוגלט קיין גאָלד און נישט אַרויסגעשיקט קיין שטייערן פֿאַרן בית־המקדש. וואָס ער האָט יאָ געטון, איז דאָס וואָס ער האָט געזאַמלט געלט פֿאַר דער אַקאַדעמיע אין יבנה און דאָס געלט מיטגעגעבן מיט דעם שליח. און דאָס איז לעגאַל!" — האָט מנשה־ניקאָדעמוס כמעט אויסגעשריגן.

„אייער אויפרעגונג איבערצייגט מיך נישט! — האָט פּלאַוויוס אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף ניקאָדעמוסן — דאָס וואָס מיינע אויערן האָבן איצט גע־הערט פון אייערע אויפגערעגטע ווערטער, באַווייזט, אַז אַ קערן פון אמת איז יאָ פאַראַן אין דער באַשולדיקונג, אַלנפאַלס, אַזאַ קערן, וואָס קען באַרעכ־טיקן אַ פאַרדאַכט".

„נישט ריכטיק. נאָר דאָס וואָס איך זאָג איז אמת!" — האָט מנשה־ניקאָ־דעמוס נישט געקאָנט זיך באַהערשן און ווידער אויסגעשריגן.

די שליחים האָבן זיך דערפילט שלעכט און אומבאַקוועם און עס וואָלט געענוג געווען עמעצער זאָל בלויז אָנדייטן זיך אויפצוהייבן און זיי וואָלטן פאַרלאָזט דאָס הויז, אָבער ניקידעס האָט אַ פאָכע געטון מיט דער האַנט אויף מנשה־ניקאָדעמוס און געזאָגט צו אים מיט פאַרוואורף:

„פאַר וואָס זאָלן מיר צווישן זיך לאָזן פאַלן ווערטער פון אויפרעגונג? מיר זענען דאָ אַלע יידן און מיר זענען געקומען וועגן אַ וויכטיקער יידי־שער אָנגעלעגנהייט. זאָל יעדער פון אונדז זען די זאַך, ווי אַזוי ער וויל און ווי אַזוי ער פאַרשטייט. אָבער אַלע צוזאַמען דאַרפן מיר זוכן אַ וועג פון רעטונג, אַז יידן זאָלן נישט ליידן. און דערפאַר זענען מיר געקומען צו אונדזער ברודער, וואָס איז אין חשיבות און אין חסד ביים קיסר, און ער וועט אונדז העלפן, מיט דער שטיצע פון גאָט".

„זאַכלעכע ווערטער — האָט יאָסעפוס פלאַוויוס זיך אויפגעשטעלט און אָוועקגעשאַרט די האָר פון שטערן. — איך וועל נאָכזען די זאַך. ווי הייסן די גערוסיאַרכן? אַרטאַפּאַנוס און...?"

„דניאל" — האָט גמליאל־ניקידעס געזאָגט און זיך אויך אויפגעשטעלט און נאָך אים האָבן זיך אויפגעשטעלט די איבעריקע באַטייליקטע אין דער דעלעגאַציע.

„דניאל... — האָט איבערגעחזרט יאָסעפוס פלאַוויוס — גוט. איך וועל בעטן איינעם פון אייך, איך מיין: איר — האָט ער אָנגעוויזן אויף גמליאלן — ווי הייסט איר?"

„גמליאל־ניקידעס, גערוסיאַרך פון דער קאָמפעניעזער סינאַגאָגע" — האָט גמליאל געענטפערט.

„וועל איך אייך בעטן, איר זאָלט זיין ביי מיר אין צוויי טעג אַרום אין דער זעלבער צייט, — האָט יאָסעפוס געריבן איין האַנט אין דער צווייטער און ביים געזעגענען זיך, שוין ביי דער שוועל געזאָגט: — „איר מוזט נישט קומען צו מיר וועגן דעם מיט דער גאַנצער דעלעגאַציע. איר קענט זיין ביי מיר אַליין..."

שוין זייענדיק ווייט פון דעם הויז האָט מנשה־ניקאָדעמוס זיך אומגעקוקט און געזאָגט מיט אויפרעגונג:

„וואָס לענגער, אַלץ מער זע איך איין, אַז דער גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס איז אַן אויסערגעוויינלעכער מאַן. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן אַפילו

דעם נאָמען פון אָט דעם מאַן, דעם פאַררעטערישן כהן. איצט האָב איך זיך נאָך מער איבערצייגט, ווי גערעכט ער איז געווען. אָט, ווען נישט די וויכטיקייט פון דער זאַך, ווייס איך נישט, צי איך וואָלט זיך איינגעהאַלטן נאָך זיינע אויפרעגנדיקע ווערטער״.

גמליאל האָט מיט פאָרוואורף אַרויפגעקוקט צו ניקאָדעמוסן:

„איך האָב פאַר דעם מורא געהאַט, און איך ווייס נישט, צי עס איז פון גרויס חכמה קעגנרעדן דעם, פון וועלכן איך וויל טובות״.

„זאָל ער דאַנקען גאָט, וואָס יידן ווילן פון אים טובות! — האָט ניקאָדע־מוס אויסגערופן — יידישע קעמפער רופט ער אַן באַנדיטן און רוצחים. און יידן דאַרפן דאָס אויסהערן רואיק און עס אַראָפּשלינגען. הע... שווער אַראָפּ־צושלינגען״.

„אויב מיר וועלן עס נישט אַראָפּשלינגען, איז געווען אַ שאָד אונדזער גאַנג צו אים״ — האָט גמליאל אַ ביסל אַ באַליידיקטער געזאָגט און זיך אָפּגעשטעלט, כדי זיך צו געזעגענען מיט די איבעריקע שליחים.

מנשה־ניקאָדעמוס האָט אָנגענומען פולע לונגען מיט לופט און שווער אַרויס־געעטעמט:

„און איך זאָג אייך, אַז ס׳איז באמת געווען אַ שאָד אונדזער גאַנג. יאָסעפוס פלאַוויוס וועט אונדז נישט העלפן. ער גלייבט מער זיין רוימישן האַר ווי ער גלייבט זיינע יידישע ברידער, און ער האַסט דעם גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס. דאָס האָב איך געפילט״.

ער איז אַוועק פון דער גרופּע אַן אויפגערעגטער און מיט פאָרוואורף צו זיך אַליין, פאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדן צו באַטייליקן זיך אין דער דעלעגאַציע.

דאָך איז מנשה־ניקאָדעמוס נישט געווען אינגאַנצן גערעכט. בעת גמ־ליאל איז מיט צוויי טעג שפּעטער געקומען צו יאָסעפוס פלאַוויוס, האָט ער אים מיט העפלעכקייט און פריינטשאַפט אַריינגעבעטן אין זיין אַרבעטס־קאַמער, זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים און געזאָגט מיט אַ צופרידענעם שמייכל:

„איך קען אייך אָנזאָגן די בשורה, אַז גערוסיאַרך דניאל וועט היינט באַפרייט ווערן, אויב ער איז נאָך נישט באַפרייט, ווען מיר זיצן און רעדן צווישן זיך. און ווי איך האָב אייך געזאָגט, גערוסיאַרך ניקידעס, איז דער קיסר וועספּאַסיאַן אַ קלוגער מאַן און ער וועט נישט באַשולדיקן אַן עדה פאַר דעם פאַרברעך פון אַ יחיד״.

גמליאל־ניקידעס איז בלייך געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

„זאָל איך פאַרשטיין דערמיט, אַז דניאל ווערט דאָך באַשולדיקט אין באַליידיקן די מלוכה־רעליגיע?״

„איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, גערוסיאַרך״ — האָט פלאַוויוס אויס־געשטרעקט אַ האַנט צו ניקידעסן, — איך האָב אייך געזאָגט, אַז דניאל ווערט באַפרייט און דערמיט ווערט אויך די באַשולדיקונג קעגן אים בטל. דאַקעגן,

די באַשולדיקונג קעגן דעם גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס איז אַ באַשולדיקונג קעגן אַ יחיד און נישט קעגן דעם כלל יידן פון רוים. דאָס קען איך אייך זאָגן, אַזוי ווי איך האָב דאָס געהערט פון דעם מויל פון קיסר וועספּאַסיאַן. איך גלייב, אַז דאָס וועט צופרידנשטעלן די אַלע, וואָס זענען געווען מיט אייך ביי מיר. זענט איר צופרידן?"

גמליאל־ניקידעס איז געווען אַ ביסל צעטומלט. ער האָט געוואָלט יאָסע־פוסן דאַנקען און, פון דער צווייטער זייט, האָט ער געהאַט אַ שלעכט גע־פיל, וואָס עס פעלט אים מוט אַרויסצוזאָגן די ווערטער, וואָס ער האָט גע־וואָלט איצט זאָגן און נישט געקענט זיי אַרויסברענגען. יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אָבסערווירט דאָס צעטומלטע פנים פון דעם גערוסיאַרך און דער מויל־ווינקל האָט אים אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט פאַרשטאַנען זיין געמיט און געפילט, אַז ער לעבט איצט איבער אַן אינערלעכן קאָנפליקט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און פון אַ קריגל אויפן טיש אָנגעגאָסן צוויי בעכערס ווייַן און איינעם דערלאַנגט דעם גערוסיאַרך.

גמליאל איז ווי אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ שווערן חלום און באַלד ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטן חלום. יאָסעפוס פלאַוויוס איז אים מכבד מיט ווייַן? ער, וואָס איז געקומען פון יהודה צו באַטייליקן זיך אין טריאומף־צוג אויף דער זייט פון די רוימישע זיגער, דערלאַנגט אַ בעכער ווייַן אַ רוימישן ייד? גמליאל האָט פאַרזיכטיק אויסגעצויגן די האַנט, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, אַז דאָס וואָס געשעט איז אין דער ווירקלעכ־קייט. דאָך האָט ער דערפילט דעם בעכער אין זיין האַנט און דעם שאַרפן געשמאַקן טעם פון ווייַן.

„שווער איז דער גורל פון אַ ייד, — האָט זיך פלוצים און אין אַ טאָן פון פאַרטרויאונג אָפּגערופן יאָסעפוס פלאַוויוס, נאָך דעם ווי ער האָט אַראָפּ־געשלונגען אַ שלוק ווייַן — איך וואָלט אַ ייד פאַרגליכן צו אַ פאַראייבצלטן ברויט־זאַנג, וואָס איז אַרויסגעוואָקסן אין דער מדבר. די זאַנג טראָגט מיט זיך אַלע טעמען און זאַפטן פאַר דעם ווייל פון מענטשלעך לעבן, נאָר זי וואַקסט איינזאַם און אין אַ מדבר און זי מוז זיך צופּאַסן צו די הייסע פאַרניכטנדיקע זאַמדן. טאָמער וועט די זאַנג שטיין צו הויך פאַרריסן, וועלן זיך אירע קערנער אויסשיטן און זיי וועלן פאַרברענט ווערן אין דער היץ פון די זאַמדן. און טאָמער וועט זי זיך צו פיל אַראָפּבייגן, וועט זי פאַר־טריקנט ווערן, נאָך איידער די קערנער וועלן רייף ווערן. דעריבער מוז זי זיך האַלטן נישט צו פיל פאַרריסן און נישט צו פיל געבויגן, כדי זי זאָל קענען געניסן פון דער פייכטקייט, וואָס זעצט זיך אָפּ ביינאַכט אויף די זאַמדן. און נאָר אַזוי קען זי וואַרטן אויף אַ נס, צו קענען געדייען און רייפן און ווערן מער און געשטאַרקט..."

גמליאל־ניקידעס האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען פון די רייד פון יאָסעפוס פלאַוויוס. גמליאל איז געווען אַ געניטער און קלוגער סוחר און אין מסחר

איז אים שווער געווען צו דעריאָגן אין זיין שנעלער אָריענטאַציע. אָבער אין די ווערטער פון יאָסעפוס פלאַוויוס האָט ער זיך געפילט פאַרלוירן, ווי מען פילט זיך פאַרלוירן אין די געסלעך און געמאַרקן פון אַ גרויסער שטאָט צום ערשטן מאָל. דאָך, כדי צו פּראָווישן זיין אומוויסן, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן אין דער הויך און געזאָגט אין דעם זעלבן פאַרטרוי־לעכן טאָן וואָס יאָסעפוס:

„וואָס קען מאַכן אַ ברויט־זאַנג אין דער מדבר? אַ קעמל קען גיין צו אַן אָזע זיך אָנטרינקען, אָבער אַ ברויט־זאַנג?"

איצט, ווידער, איז פאַר יאָסעפוס פלאַוויוס געווען שווער צו דערגיין, וואָס דער גערוסיאַרך וויל זאָגן מיט זיין משל. צוליב דעם אָבער, וואָס דער טאָן איז געווען אַזאַ ערנסטער, האָט ער דעם משל אָנגענומען ווי אַן אַלגעמיינעם און נישט ווי געווענדעט דירעקט צו אים. יאָסעפוס איז דע־ריבער געוואָרן קלערער:

„פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן צו מיר טענות פאַר מיינע מעשים. ס'הייסט, איך זאָל כלומרשט האָבן געהאַנדלט קעגן דער יידישער זאַך און קעגן דער זאַך פון יהודה. נאַרישקייטן. איך חזר איבער: נאַרישקייטן! איך וועל נאָך באַ־ווייזן, אַז איך בין געווען דער גערעכטער. דאָס האָבן די רוצחים און באַנ־דיטן אַריינגעשלעפּט יהודה אין אַ פאַרשפּילטער מרידה און גורם געווען צום חורבן. זיי האָבן געהאַט סיקיס, אָבער גאָרנישט אין די קעפּ, און זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אַ קליין פאָלק קען זיך נישט פאַרמעסטן מיט אַ מעכטיקער אויפגייענדיקער אימפּעריע, ווי מענטשן קענען זיך נישט פאַרמעסטן מיט אַ פאַרפלייצונג אָדער מיט אַן אַנדערער סטיכיע. איך האָב דאָס באַצייטנס געזען און געוואָלט עס פאַרמיידן, כדי דאָס פאָלק זאָל ווי עס איז קענען איבער־לעבן דעם אָנלויף פון דער פאַרפלייצונג און שפּעטער קומען צו זיך. אָבער די פאַרברעכער האָבן גענומען די אויבערהאַנט איבער דעם פאַרנונפט פון די חכמים. און הגם זיי, די רוצחים, זענען געווען די גורמים פון שלעכטס — ווער איך שלעכט פאַרשטאַנען. דאָך וועל איך נאָך באַווייזן, ווער עס איז דער גע־רעכטער! איך וועל באַווייזן!"

ניקידעס, כאָטש ער האָט איצט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט פלאַוויוסן, האָט ער זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין דער זאַך וואָס ער האָט געפילט, אַז זי איז פול מיט סכנות פאַר אים. ער איז דעריבער פּלוצים צוריקגעגאַנגען צום אָנהייב און געזאָגט מיט געמאַכטער האָפערדיקייט:

„זאָל עס הייסן, אַז אונדז, כ'מיין די יידן פון רוים, דראָעט נישט קיין געפאַר פון דעם וואָס עס האָט צוגעגרייט דעמעטריוס? קען איך דאָס איבער־געבן די לייט, מיט וועלכע איך בין געווען ביי אייך?"

„ווי איך האָב אייך געזאָגט: גערוסיאַרך דניאל וועט באַפרייט ווערן, אָדער ער איז שוין באַפרייט, און די באַשולדיקונג קעגן אים ווערט בטל", האָט יאָסע־פוס געזאָגט.

„און וואָס מיט גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס?״ — האָט גמליאל געפרעגט און אָנ־געשטעלט די אויגן אויף פלאַוויוסן.

„ער ווערט באַשולדיקט אין אַ שווער פאַרברעך. און נאָר ער און מער קיינער נישט״ — האָט פלאַוויוס געענטפערט שנעל און געהאַפּט דערמיט צו פאַר־ענדיקן דעם שמועס. גמליאל האָט נישט אָפּגעלאָזט און ווייטער געפרעגט:

„וואָס הייסט, 'ער ווערט באַשולדיקט אין אַ שווער פאַרברעך'? ווי קען מען ווערן באַשולדיקט אין אַ פאַרברעך וואָס מען איז נישט באַגאַנגען?״

„ער וועט דאָס קענען באַווייזן פאַר די ריכטער — האָט פלאַוויוס ווידער גע־זאָגט שנעל — איבעריקנס, פון רמזים האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז גלייכער די זאַך איבערצולאָזן צו פּרקליטן, איידער צו שתדלנים, וואָס קענען פאַר־שטאַנען ווערן, אַז זייערע באַמיאונגען פאַר אַרטאַפּאַנוס קומען דערפאַר, ווייל זיי אַליין האָבן אַ האַנט אין דעם, אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט. האָט איר מיך פאַרשטאַנען, גערוסיאַרך ניקידעס?״ — האָט פלאַוויוס פאַרענדיקט מיט אַ פייערל אין בליק.

איצט האָט גמליאל־ניקידעס גוט פאַרשטאַנען. אַ קליינע אַרטיקע שריפה דאַרף יעדער לעשן פאַר זיך, סיידן די שריפה שפרייט זיך אויס און באַדראָעט אַנדערע. און דאָ הערט ער פון דעם קרוב למלכות, אַז ער קען זיין רואיק. דאָס איז סוחריש און פאַרשטענדלעך. גמליאל־ניקידעס האָט אַנגעדייט, אַז פאַר דער גרויסער פריינטשאַפט, וואָס ער, יאָסעפוס פלאַוויוס, האָט אַרויסגעוויזן צו אים, וועט ער נישט פאַרזוימען אויסצודריקן די אָפּשאַצונג, ווי עס געהער צו זיין...

גמליאל־ניקידעס האָט ווי געהעריק די זאַך פאַרגעשטעלט פאַר די אַנדערע חברים פון דער דעלעגאַציע און מיט אַ טיפן זיפץ באַדויערט, וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן צו העלפן דעם אָרעמען און אומגליקלעכן אַרטאַפּאַנוסן. מסתמא איז עס אַזוי באַשערט פון הימל, און וואָס עס ווערט באַשטימט פון הימל קען דער מענטש נישט מאַכן אַנדערש. מען דאַרף, פאַרקערט, דאַנקען גאָט, וואָס די שריפה ברענט נישט ביי אַלע יידן פון רוים און מען קען לעבן רואיק, ווי ביז איצט.

מנשה־ניקאָדעמוס און נאָך איינציקע זענען אַוועק נישט רואיק. פון דער האָפערדיקייט, מיט וועלכער גמליאל האָט איבערגעגעבן דעם ענטפער פון יאָ־סעפוס פלאַוויוס, האָט ניקאָדעמוס פאַרדעכטיקט, אַז גמליאל האָט נישט אַלץ דערציילט. אין זיין אימפּולסיוויקייט האָט ער חושד געווען, אַז דער גערוסיאַרך פון דער קאַמפּעניעזער סינאַגאָגע איז אַפילו צופרידן פונעם אויסגאַנג פון דער שליחות. אָבער ווי פריער, בעת זיינע פרוון צו העלפן אַרטאַפּאַנוסן, אַזוי איז אויך איצט ניקאָדעמוס געווען אומבאַהאָלפן. אויב מיט שתדלנות קען מען גאָר־נישט אויפטון און אויך נישט מיט שוחד — איז די האַנט פון הימל אין דעם. פון דעסטוועגן האָט ער זיך אַנגעמאָלדן צו פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ דערמיט, אַז ער

איז גרייט איר צו העלפֿן מיט אַלץ וואָס עס וועט זיין אין זיינע כוחות און אין זיין פֿאַרמעגן.

פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט איינגעהאַלטן איר רואיקייט און אויפֿגערוימטקייט. בלויז גאָר נאָענטע האָבן געקאָנט באַמערקן, אַז זייט אַרטאַפּאַנוס איז פֿאַרשפּאַרט אין תּפיסה איז דער גלאַנץ פֿון אירע אויגן שוואַכער געוואָרן.

נאָך דעם ווי עס איז דערגאַנגען צו איר, אַז דניאל איז באַפֿרייט געוואָרן און אַז די באַשולדיקונג קעגן איר מאַן בלייבט ביז אַ משפּט, האָט זי מנשה־ניקאָדעמוסעס הילפֿגרייטקייט אָנגענומען בלויז אויף אַזוי פֿיל, אַז ער זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט פֿאַרקויפֿן איינע פֿון אַרטאַפּאַנוסעס שיפֿן, וואָס האָט געאַנקערט אין פּאָרט.

„ווי אַ שיף שווימט לייכט אויף טיפֿע וואַסערן, אַזוי האָבן פּרקליטן ליב צו שווימען אויף אַ סך געלט — האָט זי געזאָגט צו ניקאָדעמוסן מיט אַ בלייכן שמייכל און באַמערקנדיק זיין אויפֿגערודערטקייט, האָט זי אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און ווייטער געזאָגט: — איך ווייס אין וואָס פֿאַר אַ סכּנה עס געפֿינט זיך מיין מאַן, אויב דעם פּרקליט זאָל נישט געלונגען צו באַווייזן פֿאַר די ריכטער זיין אומשולד. עס איז אַ פֿאַרשווערונג אויפֿן לעבן פֿון מיין מאַן און גאָרנישט וועט זיין פֿאַר מיר טייער אים צו ראַטעווען".

„אויף דעם מוזט איר נישט פֿאַרקויפֿן אַ שיף. וויפֿל געלט איר וועט דאַרפֿן, וועל איך געבן. און איך מיין, אַז זאָסימוס דאַרף איצט איבערנעמען די געשעפֿטן. די שיפֿן ברענגען פּראָפֿיטן". — מנשה־ניקאָדעמוס האָט פֿון געלט־גאַרטל אַרויסגענומען אַ שווער זעקעלע גאָלד־מטבעות און עס אַוועקגעלייגט פֿאַר פּלאַוויאַן, ווי אַ צייכן פֿון זיין דינסט־גרייטקייט.

„איך דאַנק אייך, ניקאָדעמוס — האָט זיך פּלאַוויאַ געוועדט — איר זענט אונדז אַן אמתער פֿריינט. איך וועל ביי אייך נישט נעמען קיין געלט, און בעת מיין מאַן איז פֿאַרשפּאַרט אין תּפיסה וועל איך נישט מאַכן קיין שולדן. און וואָס שייך זאָסימוס, האָט ער איצט זיין אייגן לעבן און ער האָט זיין אייגענעם וועג און זיין אייגענעם ציל. צוליב איין אומגליק וועל איך נישט גורם זיין אַ צווייטן אומגליק, דערמיט וואָס איך וועל מיין זון ווענדן אויף אַן אַנדער וועג, וואָס ער האָט פֿאַר זיך מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט אָפּגעקליבן".

ווי אַ קינד, וואָס איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַן אומגעריכטער סיטואַציע, האָט ניקאָדעמוס איצט נישט געוווסט ווי צו האַנדלען. ער האָט געפֿילט, אַז דאָס וואָס פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ גייט טון, איז נישט קיין גוטע זאַך און ער האָט געוואָלט מיט עפּעס אָפּהאַלטן איר פֿונעם געדאַנק צו פֿאַרקויפֿן די שיף. אָבער אין דער מינוט האָט אים אויסגעפֿעלט דאָס ריכטיקע וואָרט, וואָס ער וואָלט געוואָלט איר זאָגן. אויך צוריקנעמען דאָס זעקעלע גאָלד־מטבעות האָט ער נישט געוואָלט. איז ער אַ לענגערע ווײַלע געשטאַנען שטיל און אין פֿאַרלעגנהייט, און נישט געוווסט, צי זאָל ער אַוועקגיין אָדער ער זאָל בלייבן. צום סוף האָט

זי גענומען דאָס זעקעלע און עס אים דערלאַנגט און ווי זי וואָלט אים גע־דאַרפט העלפן, האָט זי אים געטרייסט:

„זאַכן וואָס מען קען דעראָבערן פאַר געלט דאַרף מען נישט באַדויערן, ווען מען פאַרלירט זיי פאַר אַ ציל, וועלכן מען קען נישט דערגרייכן מיט געלט. וואָס איך וואָלט אייך געבעטן, איז בלויז דאָס, אַז ווען איר ווילט זיך פאַרנעמען מיטן פאַרקויפן די שיף, זאָלט איר דאָס מאַכן אַזוי, אַז דער קוי־פער זאָל נישט מיינען, אַז מיר זענען באַנקראָט. פשוט, איך האָב נישט ווער עס זאָל זיך איצט פאַרנעמען מיט די געשעפטן און דערפאַר וויל איך זי פאַר־קויפן".

„איך וואָלט גאָרנישט געטראַכט אַנדערש צו האַנדלען" — האָט ער זיך אָפּ־גערופן און צוריק אַריינגעלייגט דאָס זעקעלע אין געלט־גאַרטל.

אין קאַמער איז מיט אַ געוויין אַריינגעלאָפן קאָקאָטיאַ, צוגעפאַלן צו דער מוטער און זיך געטוליעט צו איר טוניק:

„שוין ווידער די קינדער?" — האָט זיך פלאַוויאַ אַראָפּגעבויגן.

„זיי לאָזן מיך נישט צו רו, מאַמאַ" — האָט די קליינע נישט געקענט זיך באַרויקן.

„איך האָב דיר געזאָגט, דו זאָלסט נישט אַרויסגיין פון שטוב אַליין — האָט פלאַוויאַ געשטראָפט דאָס קינד — וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן דאָס זעל־בע?" — און מיט אַ רואיקער שטים האָט זי זיך געווענדעט צו מנשה־ניקאָדעמוס: „די קינדער רייצן זיך מיט איר, אַז איר פאָטער איז פאַרשפאַרט אין תפיסה. שרעקלעך, ווי אכזריותדיק עס זענען קינדער".

„און אַז זיי ווערן עלטער ווערן זיי נאָך גרעסערע אכזרים" — האָט ניקאָ־דעמוס געזאָגט.

„איר זענט אפשר גערעכט — האָט פלאַוויאַ מסכים געווען — ווען די עלטע־רע זאָלן נישט רעדן אין שטוב, וואָלטן די קינדער נישט געוווסט איבערצו־חזרן אין גאַס".

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קעפל פון קינד, וואָס האָט זיך נעבן דער מוטער באַרויקט, און געזאָגט מיט קלעמעניש:

„איר ווייסט, ניקאָדעמוס? איך האָב תמיד געהאַלטן פון דער קלוגשאַפט פון מיין מאַן. אָבער איצט, נאָך די אַלע איבערלעבונגען און ביי דעם וואָס עס דערוואַרט נאָך מיך און מיין פאַמיליע, זע איך, אַז זיין חכמה איז אַ סך אַ טיפערע ווי ביי קלוגע מענטשן. ער איז וויזיאָנעריש קלוג. אַ מאָל, אין אַ מינוט פון פיזישער שוואַכקייט, האָט ער געזאָגט צו מיר, אַז עס וואָלט געווען רעכט מיר זאָלן פאַרלאָזן רוים. איך האָב זיך דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק צו פאַרלאָזן מיין היים און אַלץ וואָס מיך בינדט מיט מיין שטאָט, און אים דערפון אָפּגערעדט. איצט שרעקט מיך מיין לייכטזיניקייט פון קעגנשטעלן זיך דעמאָלט זיין ווילן. אָ, גאָט אין הימל, ווי אומרואיק עס זענען איצט מיינע טעג און מיינע נעכט".

„נעמט נישט דאָס אַלץ אַזוי שווער — האָט ניקאָדעמוס זי געטרייסט — סוף־כּל־סוף גייט נישט אונטער די וועלט, און דערפאַר זענען פאַראַן ריכטער און פּרקליטן, אַז נישט תּמיד זאָל אומגערעכטיקייט נעמען די אויבערהאַנט. איך, פון מיין זייט, וועל זאָרגן, אַז כּל זמן דער גערוסיאַרך וועט זיין פאַרשפּאַרט אין תּפיסה זאָל זיין געפאַנגענשאַפט זיין אַ לייכטע. אויף אַזוי פיל האָט נאָך געלט אַ ווירקונג".

„רעדט נישט וועגן דעם אַזוי הויך" — האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אַרויפגעלייגט די פינגער אויף איר מויל.

„דאָס קען מען זאָגן אָפן, — האָט ניקאָדעמוס אַ טרייסל געטון מיט זיין פעסטן קאָפּ — לויט מיר, מאַטראָנאַ פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, טיילט זיך די וועלט אויף צוויי: איין טייל, וואָס נעמט שוחד און די צווייטע, וואָס גיט שוחד. כּל זמן די מענטשן וועלן אַזוי זיין איינגעטיילט, וועט מען נאָך קענען לעבן אויף דער וועלט. די קאַטאַסטראָפע פאַר מענטשן וועט קומען דעמאָלט, ווען די תּאוה צו טון שלעכטס וועט איבערשטייגן די תּאווה פון שוחד. דעמאָלט וועט פאַר דעם שוואַכן נישט זיין קיין פּלאַץ אויף דער וועלט".

„איז דאָס נישט שרעקלעך?" — האָט פלאַוויאַ אויסגערופן.

„אַזוי לאַנג ווי די וועלט איז געטיילט אויף מעכטיקע און אונטעריאָכטע, אויף באַצווינגער און באַצוווּנגענע, איז דאָס נישט שרעקלעך, נאָר אַ גליק. פאַרקערט וואָלט געווען שרעקלעך. שוחד איז אַ גרויסע דערפינדונג, מאַטראָנאַ פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ!"

ניקאָדעמוס האָט אַ קלאַפּ געטון מיט צוויי פינגער, אַ צופרידענער פון קענען אַזוי ברייט אַרויסזאָגן פאַר פלאַוויאַן זיין פילאָזאָפיע.

„וואָס איז דאָס שוחד, מאַמאַ?" — האָט קאַקאַטיאַ געפרעגט.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרלוירן און זיך איינגעקוקט אין די אייגעלעך פון איר קינד. זי האָט נישט געענטפערט. דאָס קינד האָט אַרויפגעקוקט צו איר פרעגנדיק און זי האָט נישט געענטפערט. מנשה־ניקאָדעמוסן האָט פאַרשלאָגן דער אָטעם: אַזאַ פּשוטע זאַך, אָט דער שוחד, נאָר אַ מאַמע קען דאָס נישט דערקלערן איר קינד. האָט די מוטער איבערגעטראָגן איר בליק צו ניקאָדעמוסן, ווי זי וואָלט געזוכט, ער זאָל דאָס דערקלערן. נאָר אַז ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט זי זיך דערשראָקן, טאָמער וועט ער עפּעס זאָגן דעם קינד. האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט און געקוקט צו אים מיט אַן אומעטיקן בעטנדיקן בליק.

„איך גלויב, ניקאָדעמוס, אַז איר וועט נישט פאַרזוימען צו העלפן מיר וועגן דעם וואָס מיר האָבן גערעדט" — האָט זי געזאָגט שטיל.

„ניין, מאַטראָנאַ פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, איך וועל נישט פאַרזוימען" — האָט ער זיך טיף פאַרנייגט מיט דער האַנט אויפן האַרץ, און באַמערקנדיק די גרויסע פאַרוווּנדערטע אויגן פון קאַקאַטיאַ, האָט ער אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף איר ראָזיק שטיפּ בעקעלע און געפרעגט:

„נו, און דיר, קאַקאָטיאַ, וואָס זאָל איך ברענגען, ווען איך וועל קומען אַ צווייט מאָל?״

„מיין פאָטער״ — האָט די קליינע געענטפערט אָן צו פאַרטראַכטן זיך.

„איך וועל זיך באַמיען״ — האָט ער קוים אַרויסגעזאָגט צוליב געריִרטקייט, און איז אַוועק.

קאַפּיטל דרייצן

נאָך דעם ווי אַלע באַמיאונגען צו באַפרייען אַרטאַפאַנוסן פון תפיסה דורך שתדלנות האָבן נישט געהאָלפן, האָט זיך מנשה־ניקאַדעמוס יאָ באַמיט צו האָבן אַ פאַרבינדונג מיט אַרטאַפאַנוסן און זאָרגן, זיין געפאַנגענשאַפט זאָל נישט זיין קיין שווערע. דורך זיין גוטער באַקאַנטשאַפט מיט דעם קאָמענדאַנט פון דער תפיסה און מיט דעם גלאַנץ פון גאָלד־מטבעות איז ניקאַדעמוסן געלונגען לייכ־טער צו מאַכן דאָס לעבן פון אַרטאַפאַנוסן און אויך מעגלעך מאַכן, ער זאָל אַרויסשרייבן אַ בריוו צו פלאַוויאַן, זי זאָל נישט פאַרקויפן די שיף. אַרטאַפאַ־נוס האָט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען די פאַרלייכטערונגען, אָבער אויף דעם פאַפּירוס, וואָס ער האָט אַריינבאַקומען צו שרייבן דעם בריוו, האָט ער באַפוילן פלאַוויאַן מיט אַ שבועה:

„גאַרנישט איז הייליק אויסער גאָט, דאָס לעבן און דער כבוד פון מענטש" — האָט ער געשריבן — „פאַרקויף אַלץ וואָס מעגלעך און וואָס איז דיר נויטיק אויף צו האָבן אַזוי פיל פרייע מיטלען, אַז מענטשן זאָלן אויף אונדז נישט האָבן רחמנות. גאָט וועט אונדז נישט פאַרלאָזן אין דער שווערער שעה און ער וועט מיר העלפן באַווייזן די וואונדער פון גערעכטיקייט. פון אונדזערע גוטע פריינט נעם אָן בלויז אַזוי פיל טובות, וויפל עס זענען דיר אומבאַדינגט נויטיק, אָבער נישט צו פיל, כדי זיי זאָלן אויך ווייטער בלייבן אונדזערע פריינט. זאָרג נישט וועגן דעם וואָס איך לייד אין געפאַנגענשאַפט; מיט דעם געדאַנק וועגן דיר און וועגן אונדזערע קינדער בין איך תמיד אויסער די מויערן פון דער תפיסה".

די ערשטע וואָכן אין תפיסה האָבן אַרטאַפאַנוסן דערשלאָגן. פון דעם באַ־צווינגען אים מיט כוח, אָן דער מעגלעכקייט זיך קעגנשטעלן מיט כוח, האָט ער זיך געפילט באַליידיקט, פערזענלעך געטראָפן. זייט ער איז אַליין געשטאַנען נאָענט צו מאַכט־האָבער האָט ער געוווּסט דעם סוד, אַז די מערהייט געזעצן ווערן צוגעטראַכט פון די מעכטיקע, נישט כדי צו דינען דער גערעכטיקייט, אָדער דעם וווּיל פון מענטשן, נאָר כדי צו קענען אָנווענדן כוח און צונעמען ביים צווייטן די רעכט צו ענטפערן מיט דעם זעלבן. די גראָע, טונקעלע שטיינער פון די תפיסה־ווענט האָבן מיט זייער אומעט אים צוריקגעוואָרפן אין דער ווײַ־טער, ווייטער פאַרגאַנגענהייט און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז פון יענער צייט, ווען ער איז געזעסן אין תפיסה ווי אַ געפאַנגענער קעמפער פון דער קע־

ניגלעכער משפחה, איז נישט מער ווי אַ קאַצנשפּרונג. ערשט נעכטן־אייער־
נעכטן איז עס געווען. און אַלץ וואָס איז געשען אין דער צווישנצייט איז
אין דער ווירקלעכקייט נישט געשען, נאָר ער האָט געחלומט אַ חלום. איצט,
אין תפיסה־קאַמער, איז ער ווידער אין דער וואָר. פון דער גאַנצער חשמונאים־
משפחה איז ער דער איינציקער אָנגעהעריקער צו דעם בלוט. אַריסטובול איז
דערמאָרדעט געוואָרן, הורקנוס איז אַ צעקאַליעטשעטער, מיט אָפּגעשניטענע
אויערן, פאַרשיקט געוואָרן אין גלות בבל און שפּעטער צוריקגעקומען, כדי אויס־
צוגיין אין פאַרגעסנקייט. מיט דעם איבערבלייב פון אַריסטובול און הורק־
נוס האָט זיך אויסגעמישט דאָס בלוט פון דעם פרעמדן אַנטיפּאַטערן, כדי ער
זאָל זיך אויפשטעלן הערשער־דורות — מענער צו פאַרקנעכטן דאָס פאָלק פון
יהודה, און פרויען צו דינען ווי געליבטע פאַר די רוימישע הערשער. נאָר ער
איינער איז געבליבן לעבן און זיך נישט אונטערגעוואָרפן דער רוימישער מאַכט!
ער, אַרטאַפּאַנוס, האָט איבערגעלעבט די רוימישע רעפּובליק, ער האָט איבער־
געלעבט איין קיסר נאָכן אַנדערן, איין פּראָקוראָר נאָכן אַנדערן, איינער האָט
אומגעבראַכט דעם צווייטן; ער אַליין לעבט, נאָר ער איז פאַרשפּאַרט אין תפיסה
פאַר נישט וועלן דינען דעם רוימישן מאַכטהאָבער — היינט אַזוי ווי אַמאָל. און
ער וועט זיי נישט דינען, קיינמאָל נישט! ער וועט זיי איבערלעבן!

אַזוי האָט אַרטאַפּאַנוס אַפּעלירט צו זיך, כדי די טונקעלע שטיינערנע תפיסה־
ווענט זאָלן נישט דריקן אַזוי שווער אויף אים אין זיין איינזאַמקייט. ער איז
געווען אַליין אין אַ קליינער קאַמער, אין אַ פאַרוואָרפענעם עק פון דער תפי־
סה, וווהין עס איז נישט דערגאַנגען קיין מענטשלעכע שטים און אפילו נישט
דער אָפּהילך פון מענטשלעכע טריט. דער אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט
אין דער קאַמער איז געווען אַזאַ קליינער, אַז דאָס אַרויספירן אים פון צייט־צו־
צייט אויף דער ליכטיקער שיין האָט אים פאַרשאַפט ווייטיק אין די אויגן, און
ער איז געגאַנגען ווי אַ בלינדער, אָנרירנדיק די קליידער פון דעם וועכטער.
אַזוי, ביז ער אַליין האָט זיך איינגערעדט, אַז זיינע ליידן מיינען נישט אים
פערזענלעך, נאָר ער טראָגט זיי אויס פאַר עפּעס העכערס, פאַר עפּעס, וואָס איז
גאָר אוממעגלעך איינגאַנצן צו באַגרייפן; ער קען עס בלויז אָנען. און ער אַנט
עס! און זיין געמיט איז געוואָרן רואיק, אַזוי רואיק, ווי דאָס געמיט פון
אַ נזיר, וואָס האָט אויף זיך אַליין גוזר געווען אָפּצושיידן זיך פון דער וועלט.

דעריבער איז די פאַרלייכטערונג, וואָס עס האָט מיט שוחד־געלט געקויפט
פאַר אים מנשה־ניקאָדעמוס, געקומען ווי איינער פון די ניסים פון גערעכטי־
קייט, אויף וועלכע ער האָט געוואַרט. און אַ פרישע כוואַליע פון האָפענונג
האָט אים פאַרגאָסן. דער גאָט פון ישראל, זיין גאָט, פאַרלאָזט אים נישט און
וועט אים נישט פאַרלאָזן. כאָטש הינטער דיקע מויערן און אַ געפאַנגענער, האָט
ער זיך געפרייט מיט דער ליכטיקייט פון די טעג, וואָרום ער האָט די טאָג
פאַרבראַכט אונטערן פרייען הימל, און ער האָט זיך געפרייט מיט די נעכט,
וואָס האָבן געמאַכט פאַרגעסן אין דער געפאַנגענשאַפט. און מיט אָט דעם גע־

מיט פון האָפענונג האָט ער אַרויסגעשיקט דעם בריוו צו פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ און אויך איר געמאַכט גלייבן, אַז דער נס פון גערעכטיקייט איז נאָענט.

דער נס פון גערעכטיקייט האָט זיך נישט געאײַלט צו קומען. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך נאָך געקלאַמערט אין דער האָפענונג אויף אַ נס, אָבער נישט אויף גערעכטיקייט. דאָס, האָט זי שוין געוווּסט, איז נישט פאַראַן. און איר אַנטוישונג איז געווען נאָך גרעסער דערמיט, וואָס די אומגערעכטיקייט איז געקומען פון איר לאַנד און פון דעם פאָלק, פון וועלכן זי אַליין שטאַמט — פון דעם רוימישן הערשער. און קיינער פון איר אייגענער פאַמיליע און פון אירע אַלטע פריינד האָבן איר נישט געקענט העלפן. דער קיסר איז גורל און זיין גערעכטיקייט איז גורל. און אַנטקעגן גורל איז דער מענטש אוממעכטיק, ווי ער איז אוממעכטיק אַנטקעגן קראַנקייטן, פאַרפלייצונגען און אַנדערע אַנשיקענישן פון הימל.

מיט אַרטאַפּאַנוסן איז זי, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, געווען שטאַרק און זיכער מיט זיך. און זייט מען האָט אים אַוועקגענומען אין תפיסה, איז פונקט ווי מען וואָלט אַוועקגענומען אירע כוחות. דאָס איינציקע וואָס זי האָט געקענט אָפּראַטעווען, איז איר רואיקייט. נישט מער.

פון זאָסימוסן, וואָס זי האָט אַ מאָל געטראַכט, אַז ער וועט זיין אַ שטיצזייל פאַר איר, האָט זי גאָרנישט געקענט פאָדערן, און ער האָט איר גאָרנישט געקענט געבן. זייט ער איז נאָך דער חתונה אַריבער אין הויז פון דניאל, האָט אים אסתר, זיין יונג ווייב, אינגאַנצן צוגענומען פאַר זיך. זי האָט אים אַרומגעוועבט מיט אַ תאוותדיקער נעץ פון ליבשאַפט, אַז ער האָט צו מאָל נישט געקענט און אויך נישט געוואָלט אַרויספּלאָנטערן זיך פון איר. מיט זיין גאַנצער יוגנטלעכער בענקשאַפט האָט ער געשעפּט פון איר הייס לייב אַלע גליקזעליקייטן און פון זיי גאָרנישט זאַט געוואָרן. ער האָט קוים באַוויזן זיך אָפּצורייסן אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג פאַר זיין בילדונג, מער אויס פליכט־געפיל, ווי פאַר דעם ער זאָל טראַכטן, אַז ער דאַרף דאָס. ער האָט גאָרנישט מער געדאַרפט ווי די הייסע צערטלעכקייטן פון אסתרן.

פון אָנהייב, נאָך דעם ווי מען האָט זיין פאָטער אַוועקגענומען אין תפיסה, איז ער צו דער מוטער אין הויז געקומען יעדן טאָג. אַריינגעכאַפּט זיך, געשמועסט מיט דער מוטער, געפונען פאַר איר אַ גוט וואָרט און געהאָלפן איר טראַכטן וועגן דעם און יענעם. אָבער וואָס ווייטער אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן דורכלאָזן זיינע וויזיטן ביי דער מוטער און געהאַט ווייניקער געדולד פאַר איר, אפילו ווען זי האָט גאָרנישט געפאָדערט פון אים. און ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז מען קען דעם פאָטער נישט העלפן און אַז דעם ענין דאַרף איבערנעמען אַ פרקליט, וואָס זאָל צוגרייטן די פאַרטיידיקונג אויף דער צייט פון משפט, האָט ער אויפגעהערט קומען צו דער מוטער.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט דעם זון נישט געמאַכט קיין פאָרוווּרפן. מער ווי יעדער איינציקער אויף דער וועלט האָט זי געקענט איר זון. זי האָט געטראַכט

וועגן אים, אַז ער איז אינגאַנצן גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט, נאָר ער קען זיין גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט נישט טיילן. ער געהער איצט אינגאַנצן צו אסתרן, און ביז ער וועט נישט זאָט ווערן מיט איר, וועט איר געשטאַלט אים פאַרבלענדן. צי איז זי, פלאַוויאַ, געווען אַנדערש? אַרטאַפּאַנוס האָט זי אָפּגעריסן פון איר היים, ווי מען רייסט אָפּ אַ רייפע פרוכט פון אַ בוים, וואָס אין קיין שום פאָרם קערט זי נישט צוריק צום בוים. עס האָט כלומרשט געהייסן, אַז זי האָט איבערגעריסן מיט איר היים, ווייל זי איז אַוועק פון געצנדינערישקייט, אָבער אין דער אמתן האָט זי נישט געהאַט קיין שום באַדאַרף פאַר אירע עלטערן — אַרטאַפּאַנוס האָט אינגאַנצן אויסגעפילט איר לעבן. ערשט נאָך אַ יאָר צייט האָט זי זיך אויפריכטיק פאַרבענקט נאָך דער היים ביי דער מוטער. און אפשר נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט געשוואַנגערט מיט זאָסימוס און געהאַט טעג פון גרויסן אינערלעכן פחד פאַר דעם אומבאַקאַנטן. האָט זי גוט פאַרשטאַנען איר זון, פאַר וואָס ער האָט נישט מער פאַר איר דאָס וואַרעמע געפיל און די צוגעבונדנקייט, וואָס ער האָט געהאַט פאַר איר, איידער ער האָט באַקענט אסתרן. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ איז געווען איינזאַם, אָפּט ביז פאַרצווייפלונג.

נאָך מער ווי פריער האָט סאַבינאַ פאַרבראַכט ביי אירע פריינדינס אויסער דער היים. סאַבינאַ איז געווען פילבאַר, ווי איר מוטער, און דערצו האָט נאָך איר פולע ווייבלעכע רייפקייט געהאַלטן זי אין כסדרדיקן אומרו. זי האָט געהאַט אַ באַדערפעניש צו לאָזן זיך לויפן ערגעץ אין דער אומענדלעכקייט און אַנטקעגנלויפן גרויסע, צופעליקע איבערראַשונגען. און איר היים איז איצט געווען אַן אומעטיקע. וויפל די מוטער זאָל זיך נישט באַהערשן צו זיין ווי פריער און אָנהאַלטן דעם פריערדיקן שטייגער אין דער היים, האָט סאַבינאַ געפילט, אַז דאָס איז קינסטלעך, אַז די מוטער שטרענגט זיך אָן. און איר איז נאָך אומעטיקער געוואָרן. אָ, ווי גליקלעך איז זאָסימוס, וואָס ער האָט זיין אייגן לעבן און דאַרף נישט זיין אין דער היים, נישט עסן ביי דעם אומעטיקן טיש און נישט איבערלעבן די דריקנדיקע שטימונג אין דער צייט פון גיין צו־בעט.

פלאַוויאַ האָט אָנגעהאַלטן שטרענג די צייטן פון עסן און שלאָפן, כדי די היים זאָל זיך נישט צוזאַמענברעכן. ווי פריער, זענען די מאָלצייטן ביים טיש געווען מיט דער זעלבער פייערלעכקייט פון אויפשטעלן זיך פאַרן עסן און זאָגן אַ תפילה און בלייבן שטיין אַ רגע שטיל צום אָנדענק פון חורבן בית־המקדש. אַזוי אין די וואָכנטעג און אַזוי אין די שבתים. אָבער אַן אומענדלעכער און נישט דערמאָנטער צער האָט געשוועבט איבערן ריזיקן טיש, ווו עס זענען געזעסן דריי פרויען און געגעסן מיט פייערלעכער אָפּגעהיטנקייט. פון צייט־צו־צייט פלעגט בלויז קאָקאָטיאַ איבעררייסן די שטילקייט מיט עפּעס אַ ווענדונג צו דער מוטער, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אַזוי טון, כדי נישט צו וויינען ביים עסן.

אויסטערליש רייף איז געוואָרן די קליינע קאָקאָטיאַ. עפּעס אַזוי פּלוצים

איז ביים קינד געקומען די רייפקייט, און אירע ווענדונגען און איר פאַרהאַלטן זיך צו דער מוטער איז געווען ווי פון אַ דערוואַקסענעם מענטש. בלויז ווען זי פלעגט זיך געפינען פאַרן הויז און זיך געשפּילט מיט קינדער פון די שכנים, איז זי צוריק געוואָרן קינד, געשטיפט פריי, געלאַכט מיט איר קלינגענדיק שטימעלע און זיך פאַרגעסן. ווי נאָר אָבער זי איז אַריבערגעטרעטן די שוועל — האָט זי פאַרשלאָסן איר קינדערישקייט און זיך אויפגעפירט ווי אַ רייפער מענטש.

פון אָנהייב האָט קאָקאָטיאַ נישט אויפגעהערט רעדן וועגן פאָטער. ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי עס געטון: ביים עסן, ביים שלאָפן גיין, ווען עמעצער פון די פריינד פלעגט קומען, אָדער ווען זאָסימוס איז געקומען. די ענטפערס, וואָס זי האָט באַקומען פון דער מוטער, זענען תמיד געווען באַרואיקנדיקע און געזאָגטע מיט אַזאַ טראַפּאַרעט, אַז זי פלעגט זיך אויפרעגן און פרעגן מיט אַ טענה:

„פאַר וואָס זאָגסטו מיר, מאַמאַ, וואָס דו האָסט מיר שוין געזאָגט? איך וויל, דו זאָלסט מיר זאָגן אַנדערש".

די מוטער האָט איר נישט געקענט זאָגן אַנדערש. זי האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס איר צו זאָגן. ביז קאָקאָטיאַ האָט געפרעגט זעלטענער און לסוף איינגאַנצן אויפגעהערט פרעגן, ווען דער פאָטער וועט צוריקקומען אַהיים.

אַזוי האָבן זיך אַלע ווי־עס־איז צוגעפּאַסט צום מצב, ווי צו אַ באַשטימונג פון גורל. בלויז זי אַליין, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, האָט מיט דעם גורל נישט מסכּים געווען. זי איז אָפט געגאַנגען צום פאַרטיידיקער אוירעליוס, און הגם ער האָט יעדעס מאָל מיט אַ סך אימפּעט געהאַלטן פאַר איר אַ רעדע וועגן די געזעצן פון רוים און וועגן די געוווינהייטן פון די ריכטער, לויט וועלכע עס איז אויסגעקומען, אַז אַרטאַפּאַנוס האָט אַ פאַרטיקן באַפרייאונגס־ווערדיקט, האָט זי געוואַרט בלויז אויף אַ נס. נאָר דורך אַ נס וועט איר מאַן באַפרייט ווערן. אוירעליוס שמט טאַקע אין רוים ווי אַ גרויסער פּרקליט און קיינער קען זיך נישט פאַרגלייכן צו אים אין דער שיינקייט און אין דער לענג פון זיינע רעדעס פאַר ריכטער, דאָך גלייבט זי קוים, אַז דורך אים וועט אַרטאַפּאַנוס באַפרייט ווערן. נאָך יעדער רעדע, וואָס ער האַלט פאַר איר, פאָדערט ער, זי זאָל אים איינצאָלן נאָך אַ סומע אויף הוצאות ביים צוגרייטן זיך צום משפּט. נישט אַנדערש, נאָר דאָס וועט זיין אַ משפּט, וועגן וועלכן די גאַנצע רוימישע אימפּעריע וועט רעדן. דערפאַר דאַרף ער שיקן אַ שליח קיין פּאַלעסטינאַ, און אויך קיין אַלעקסאַנדריע פון מצרים דאַרף ער שיקן אַ מענטש און דערגיין געוויסע זאַכן. דאָס קאָסט אַ סך געלט און זי דאַרף באַצאָלן, אויב זי וויל איר מאַן זאָל באַפרייט ווערן. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט שטיל און פול מיט ציטער אין איר שטים געבעטן:

„צו וואָס זאָל די גאַנצע רוימישע אימפּעריע רעדן וועגן דעם משפּט? דאָס

איז פאַר מיר און פאַר מיין מאַן אינגאַנצן אומנייטיק. איך וויל נאָר מיין מאַן זאָל אַרויס פון תפיסה — דאָס איז אַלץ וואָס איך וויל".

„פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ — האָט אוירעליוס אויסגערופן, אויסשטרעקנדיק די האַנט פאַר זיך אין אַ פּאָזע, ווי ער וואָלט געקליבן זיך פעכטן מיט אַ צווייטן אומ־געזעענעם פאַר אים — באַרבאַרן פירן מלחמה אומגעלומפערט און אָן שום רע־געלן. דאָס איז עקלהאַפט. ערשט מיר, רוימער, האָבן מלחמה דערפירט צו אַ קונסט. און פירן אַ משפט הייסט קעמפן אַ מלחמה. ווער איר נישט פאָדערן פון מיר איך זאָל פירן דעם משפט ווי אַ באַרבאַר. דאָס איז קעגן מיין געשמאַק. איך וועל פירן דעם משפט פון אַרטאַפּאַנוס אין גייסט פון קונסט, אַז אפילו די געטער זאָלן שטוינען פאַר דעם נצחון פון דער געטלעכקייט פון גערעכטיקייט".

„אָ, גאָט דער איינציקער! — האָט פלאַוויאַ צעפירט די הענט אין אומבאַ־האָלפנקייט — דאָס אַלץ דאַרף מען, כדי צו באַווייזן, אַז מיין מאַן איז ריין פון יעדן חטא? צי וועט די אומשולדיקייט פון מיין מאַן נישט פאַרפאַלן ווערן צווישן דער קונסט, מלחמה און דער גרויסער צאָל געטער?"

אוירעליוס האָט געקוקט אויף דער פרוי מיט מיטלייד, נישט צוליב אירע ליידן, נאָר צוליב דעם, וואָס זי האָט אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען אין דער קונסט פון יוסטיץ און נישט אַריינגעדרונגען אין טיפקייט פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט. וואָס איז דען פאַראַן וואָס צו רעדן מיט לאַיקער? זיי קענען זיך קיינ־מאָל נישט דערהייבן העכער פון זייערע קליינלעכקייטן און טאָגטעגלעכקייט. אַזוי אויך, ווען עס איז געקומען צו דעם, אַז פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ זאָל אים איינ־צאָלן נאָך געלט, איז ער געוואָרן אויפגערעגט, פאַר וואָס זי איז אויך דאָ קליינלעך און גיט אים נישט גלייך די סומעס, וואָס ער פאָדערט.

דורך זיין גרויסמוטיקייט און פאַרנעם ביים צוגרייטן זיך צום משפט האָט אוירעליוס אויסגעפּרעסט די כוחות פון פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, און כדי זאָט צו מאַכן זיין געלט־גייציקייט, האָט זי געמוזט פאַרקויפן איין שיף נאָך דער צוויי־טער. און ער האָט איר כסדר געדראָט, אַז ער וועט לסוף מיד ווערן און מוותר זיין אויף צו זיין דער פאַרטיידיקער.

אַזוי איז פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ ביסלעכוויַיז פאַראָרעמט געוואָרן. דאָס וואָס זי האָט נישט פאַרקויפט האָט זי פאַרזעצט. און וואָס זי האָט פאַרזעצט, האָט זי נישט געהאַט קיין האָפענונג מער, ווען עס איז אויסצוקויפן עס. פלאַוויאַ האָט הײַגן איר מצב אפילו נישט פאַרטרויט איר אייגענעם זון, כדי נישט צו פאַר־לירן איר אָנזען אין זיינע אויגן; דער זון, דער בכור, זאָל נישט זאָגן, אַז די מוטער האָט פאַרטאַכלעוועט, וואָס דער פאָטער האָט אָנגעזאַמלט דורך לאַנגע יאָרן פליַיס. דער איינציקער מענטש, וואָס האָט געוווּסט ווי פאַראָרעמט פלאַוויאַ איז געוואָרן, איז געווען מנשה־ניקאָדעמוס. אָבער פאַר האַלטן אים פאַרטרויט אין איר אָרעמקייט, האָט ער איר געמוזט צוזאָגן, אַז קיינער פון די אַרכאָנטן אין דער ירושלימער סינאַגאָגע, וווּ אַרטאַפּאַנוס איז דער גערוסיאַרך, וועט זיך

נישט דערוויסן וועגן איר ירידה. און מנשה־ניקאָדעמוס האָט איר פּייערלעך צוגעזאָגט צו האַלטן דעם סוד, אָבער אויך מיט אַ תנאי, זי זאָל נעמען ביי אים הלוואות, כּדי זי און אירע טעכטער זאָלן נישט ליידן הונגער און איר הויז זאָל זיך נישט איינברעכן.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט איר אָרעמקייט געטראָגן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און שיינקייט. אפילו אירע צוויי קינדער אין הויז האָבן נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז זיי שפּייזן און קליידן זיך שוין נישט פון דעם פאַרמעגן פון זייערע עלטערן, נאָר פון הלוואות, וואָס זענען נדבות. אפילו פלאַוויאַס פאַרמעגלעכע עלטערן וואָלטן זיך קיינמאָל נישט דערוווסט ווי טיף זייער טאָכטער איז געפאַלן אין אָרעמקייט און אין נויט, ווען נישט דער פּלוצימער צוזאַמענבראָך, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַרטאַפאַנוסעס פאַמיליע.

עס איז געשען סך־הכּל עטלעכע וואָכן איידער עס האָט זיך ענדלעך געדאַרפט אָנהויבן דער משפּט פון אַרטאַפאַנוס. עס איז געווען נאָך אַ שווערן, הייסן און דומפּיקן זומער, וואָס אַלטע לייט האָבן אַזעלכן נישט געדענקט פאַר זייער צייט. ביי טאָג האָט דער הימל געאָטעמט און אויסגעהויכט פלאַמען; ביינאַכט האָט די ערד צוריקגעגעבן הייסע דומפּיקע פייכטקייט. בעיקר זענען די איינוווינער פון די ענגע און שמאָלע געסלעך אין טראַסטעווערע אויסגעדייוועט געוואָרן פון היץ און פייכטקייט. די אויסדעמפונגען פונעם טיבער האָבן באַדעקט די ענגע געסלעך מיט נאַסע וואָלקנס. צוליב די שווערע היצן איז אויך דער צופיר פון שפּייז געווען אַ שוואַכער און די אכזריותדיקע קרעמער האָבן אַזוי אויפגעשרויפט די פּרייזן, אַז די אָרעמע באַפעלקערונג האָט געהונגערט און זיך דערנערט מיט דעם אויפבריי פון וואָרצלען און גרעזער. אָבער אויך די וואָרצלען און גרעזער זענען געוואָרן זעלטענער, וואָרום דער נאַכטיקער טוי האָט נישט באַוויזן אַריינצודרינגען טיפער אין דער ערד, ווי די גליאיקע זון אין באַגינען האָט אים אויסגעדעמפט און די פעלדער נאָך מער פאַרשרפעט.

כּדי צו פאַרשפּאָרן כּוחות און זיך איינברענגען עסן, איז דאָס אָרעמע פאָלק אין טראַסטעווערע גאַנצע טעג געלעגן אין שאָטן פון די הייזלעך און געדרימלט אין שווייסיקער אָפּצערונג. קינדער, וואָס זענען געלעגן נעבן זייערע פאַרשמאַכטע מאַמעס, האָבן געוויינט פון הונגער, און די גאָר קליינע האָבן ווי חיהלעך זיך צוגעכאַפּט צו די ליידיקע ברוסטן פון זייערע מוטערס און געצויגן פון זיי, ווי פון ליידיקע זעקלעך.

נישט ווייניק פון די הונגעריקע אין טראַסטעווערע זענען געשטאָרבן פון דעם לאַנגן דרימלען אין שווייס און אין אוממאַכט, אָבער ווי נאָר פון ים האָט אָנגעהויבן יאָגן אַ קילער ווינט צום סוף פון זומער, און די אָפּגעשוואַכטע פון הונגער זענען אַריין אין די הייזער, איז אויסגעבראָכן אַן אויסטערלישע מגיפה.

פון אָנהייב, ווען די טויט־פאַלן פון דער מגיפה זענען געווען ווייניקע, האָט זיך קיינער אין אויבערשטן רוים נישט געקימערט, ווי דאָס אויבערשטע רוים

האָט זיך נישט געקימערט ווען מענטשן זענען פון לאַנגן הונגער איינגעשלאָפן אויף אייביק אין די געסלעך פון טאָל. אָבער ווען די קראַנקהייט האָט אָנגע־הויבן באַפּאַלן מענטשן אויך אין דעם אויבערשטן רוים, האָט די שטאָטישע מאַכט צונויפגערופן די רופאים, זיי זאָלן אויספאָרשן און באַריכטן, ווער און וואָס עס איז שולדיק אין דער קראַנקהייט. אַזוי אַרום זענען די רופאים אַראָפּ אין טראַסטעווערע, ווו די קראַנקהייט האָט אָנגעקלאַפּט אין דער מערהייט הייזער און אַרויסגערופן אַ בהלה. אָבער דאָס אַרומגיין פון די רופאים איבער די הייזער פון די קראַנקע אָן צו קענען העלפן און אָן צו קענען זאָגן ווי אַזוי צו ראַטע־ווען די קראַנקע, האָט די בהלה נאָך מער פאַרגרעסערט. דאָס פאָלק, וואָס איז געוווינט געווען צו היילן אַלע קראַנקהייטן מיט קרייטעכצער, מיט אויסבריאונ־גען פון וואָרצלען און שוועמלעך, איז געווען אומבאַהאָלפן, וואָרום די הייסע זומער־זון האָט פאַרברענט די קרייטעכצער אויף די פעלדער, די הונגעריקע האָבן די וואָרצלען אויסגעריסן, כדי פון זיי זיך צו שפּייזן, און קיין רפואה־שוועמלעך האָט מען נישט געפונען.

די נאָך נישט געטראָפענע זענען אַרויס פון זייערע הייזער, ווו אין שכנות האָבן זיך געמערט די קראַנקהייטן און זיי זענען געלאָפן ווו די אויגן האָבן זיי געטראָגן — ווער צום אויבערשטן טייל פון רוים און ווער אויסער דער שטאָט. אָבער דאָס האָט ווייניק געהאָלפן, וואָרום אויך צווישן די אַנטלאָפענע האָבן זיך געמערט די קראַנקהייטן. און דאָרט ווו זיי זענען אָנגעקומען האָבן זיך געמערט די קראַנקהייטן. האָט די שטאָטישע מאַכט פון רוים אַרויסגעשיקט זעל־נער נישט צו לאָזן די מענטשן אַנטלויפן. זאָל שטאַרבן, ווער עס איז פאַר־משפּט פון די געטער, און וועמען די געטער האָבן ליב וועט בלייבן לעבן.

אין שכנות פון אַרטאַפּאַנוסעס הויז איז די אויסטערלישע קראַנקהייט אָנ־געלאָפן ערשט דעמאָלט, ווען אין די שמאָלע געסלעך האָט זי שוין געהאָט פאַרשניטן גאַנצע משפּחות. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אַפילו שוין פריער געטראַכט, אַז זי דאַרף מיט די קינדער אַוועק פון דער געגנט, אפשר צו אירע עלטערן, אָדער אפשר גאָר אין סובוראַ, צו זאָסימוס, אין הויז פון דניאלן. אָבער זאָסימוס, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געווען צו גאַסט ביי דער מוטער און געוווסט, אַז אין טראַסטעווערע הערשט די שוואַרצע פּלאָג, האָט איר נישט פאַרגעלייגט, זי זאָל זיך אַריבערקלייבן צו אים צוזאַמען מיט די מיידלעך. מסתמא איז אים שווער געווען דאָס צו טון, און אויך איר פערזענלעכער שטאָלץ האָט איר נישט געלאָזט זיך אָנוואָרפן אירע עלטערן. איז זי געבליבן אין איר הויז און מת־פלל געווען צו גאָט, ער זאָל היטן איר שוועל און באַשירמען אירע קינדער און איר פון דער פּלאָג. אָבער ווי גאָט האָט נישט אויסגעהערט אירע ביזאַיצ־טיקע תפילות און זיך אין די לעצטע יאָרן אָפּגעקערט פון איר הויז, אַזוי אויך האָט ער זי פאַרלאָזן דאָס מאָל.

אין איינעם אַ טאָג, ווען פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט צוזאַמען מיט אירע טעכ־טער געגעסן מאָלצייט, האָט סאַבינאַ איבערגעריסן דאָס עסן און זיך געקלאָגט,

אַז עס טוט איר ווײ דער קאָפּ און עס שטעכט איר אין די פּלײצעס. די מוטער האָט אַרײַנגעקוקט דער טאָכטער אין די אויגן, צוגעלײגט אירע ליפּן צו דעם מײדלס שטערן און געפרעגט:

„ווידער געגעסן בײַ אַ חברטע?"

„ניין, מוטער, דאָס מאָל האָב איך דווקא געאײַלט אַהײם צוליב הונגער" — האָט סאַבינאַ אויסגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זײַט און אומעטיק געקוקט אויף דער מוטער.

„מסתמא איבערגעהונגערט. און אַז מען לויפט בעת מען איז הונגעריק טוט תמיד ווײ דער קאָפּ" — האָט פּלאַוויאַ געזאָגט מיט אַ געוואַלדיקער רואיקייט. זי האָט אַלײן נישט געגלייבט אין דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, אָבער דאָס איז געווען איר ווּנטש. אין דער ווירקלעכקייט האָבן די ווערטער פֿון סאַבינען איר אָנגעפּילט מיט שרעק. און זי האָט געהאַט אַ גרונט צו זײַן דערשראָקן. וואָרום פֿון דעם וואָס עס איז צו איר דערגאַנגען הייבט זיך אָן „יענע קראַנק־הייט" מיט די זעלבע סימנים ווי פֿון אַ שווערער צוקילונג. כדי נאָך מער צו באַהאַלטן איר שרעק האָט פּלאַוויאַ געפּרוּווט ווייטער עסן, אַזוי נאָרמאַל ווי פֿריער, אָבער דאָס עסן איז איר נישט אַדורך דורכן האַלדז.

פּלוצים האָט זיך סאַבינאַ צעוויינט:

„מאַמאַ, מיר איז נישט גוט, אַזוי נישט גוט. וואָס איז מיט מיר? פֿאַר וואָס איז מיר אַזוי אויסטערליש נישט גוט?"

„מאַמאַ, סאַבינאַ איז קראַנק" — האָט זיך אָפּגערופֿן קאָקאָטיאַ, מײנענדיק, אַז די מוטער איז נישט גענוג אויפֿמערקזאַם צו די רייד פֿון סאַבינאַ, וואָרום זי האָט זיך פֿאַרהאַלטן מיט איבערטריבענער רואיקייט.

„עס וועט איר איבערגיין, קינד מײַנס — האָט פּלאַוויאַ איבערגעריסן דאָס עסן און זיך אויפֿגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו סאַבינאַן — דו דאַרפֿסט זיך לײגן און זיך אויסרוען, מײַן טאָכטער. קום, איך וועל דיר מאַכן דאָס געלעגער" — האָט זי איר געגלעט איבער די האָר. דאָך האָט סאַבינאַ נישט אויפֿגעהערט וויינען. בעת די מוטער האָט איר באַגלייט צום געלעגער איז זי געגאַנגען ווי אַ שיכּורע און מיט די הענט צוגעדריקט איר שטערן.

דאָס האַרץ פֿון פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ איז געווען פֿאַרקלעמט. „גאָט איז ווידער קעגן מיר" — האָט זי געטראַכט און מורא געהאַט דעם געדאַנק צו ברענגען פֿאַרן מויל. „אפֿשר איז עס בלויז אַ צוקילונג?"

ביים געלעגער איז שוין פּלאַוויאַ געווען זיכער, אַז דאָס אומגליק האָט איר געטראָפֿן. סאַבינאַ האָט זיך געקלאָגט, אַז זי פֿילט ווי די הענט און פֿיס ווערן איר אָפּגענומען, און צוזאַמען מיט דער שטײפֿקייט פֿון די ענדגלידער איז זי געוואָרן אומרואיק און טרויעריק. אין אָוונט האָט שוין סאַבינאַ געפֿלאַמט אין פֿיבער און צו דער מוטער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

אַ גאַנצע נאַכט איז פּלאַוויאַ געזעסן ביים בעט פֿון איר קראַנק קינד. פֿון צײַט־צו־צײַט האָט זי, פֿילנדיק דעם שווערן פֿיבער־אָטעם, צוגעלײגט די ליפּן

צום שטערן פון דער קראַנקער און נאָר ווי אַ מאַמע קען פילן, האָט זי אָפּ־געפילט די שטייגערונג פון פיבער.

באַגינען האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ געשיקט רופן דעם רופא. זי האָט געוווּסט, אַז די רופאים קענען גאָרנישט העלפן אין דעם אומגליק פון גאָט. זי האָט אָבער געדאַרפט האָבן עמעצן, וואָס זאָל איר זאָגן אַ וואָרט פון טרייסט און געבן כאָטש אַ צייכן פון האָפענונג.

דער רופא איז געקומען און זי האָט פון אים באַקומען דאָס וואָס זי האָט געוואָלט — אַ וואָרט פון טרייסט און אַ צייכן פון האָפענונג:

„מיין ליבע פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, — האָט ער געזאָגט, אויפשפּאַרנדיק די אויגנ־לעדלעך פון דער קראַנקער און זיך איינקוקנדיק אין די רויטלעך־צעפּיבערטע ווייסלעך פון אירע אויגן — מער קראַנקהייטן דראָען דעם מענטש, ווי ער האָט אברים, און אין אַ גרויסער צאָל קראַנקהייטן זענען די סימנים די זעלבע. דאַרף דער מענטש תמיד טראַכטן, אַז די סימנים זענען פון אַ לייכטער קראַנקהייט״.

„און רופאים?״ — האָט פלאַוויאַ געפרעגט און אָנגעשטעלט אויף אים אירע פאַרשערישע אויגן.

„איר זענט אַ קלוגע פרוי, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. רופאים דאַרפן, פאַרקערט, צולאָזן די מעגלעכקייט, אַז די סימנים זענען פון אַ שווערער קראַנקהייט״ — האָט דער רופא איצט אָפּגעדעקט דאָס לייב פון דער קראַנקער און זיך איינגע־קוקט אין איר שיינעם, געשניצטן מיידלשן גוף, וואָס איז פון פיבער געוווען ראָז־לעך און ווי דורכזיכטיק, ווי ראָזלעכער אַלאַבאַסטער.

„אין דאָס די קראַנקהייט?״ — האָט פלאַוויאַ געפרעגט און פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

„איר וועט דער קראַנקער געבן אַ גאָר שטאַרק אָפּפירמיטל און במשך פון צוויי טעג נישט געבן איר צו עסן, אויסער לעשן איר דורשט מיט דעם וואַסער פון אויסגעקאָכטע טייטלען. און שפּעטער וועט מען זען״.

דער רופא האָט אַליין נישט געגלייבט, אַז פלאַוויאַ וועט באַקומען די צוויי מיטלען און ער האָט אַליין אויך נישט געגלייבט, אַז די פאַרשריבענע מיטלען קענען העלפן. דערמיט האָט ער פון פלאַוויאַן געוואָלט אַראָפּנעמען די באַלאַס־טונג פון איר געוויסן. אויב זי וועט די מיטלען נישט באַקומען, וועט זי נישט טראָגן אויף זיך די שולד אין פאַל, אויב די קראַנקע וועט נישט איבערלעבן. פלאַוויאַ האָט אָבער יאָ באַקומען די מיטלען. מנשה־ניקאָדעמוס האָט ביי די גריכישע שיפסלייט אין פּאָרט באַקומען אַלע רפואות, וואָס דער רופא האָט גע־הייסן געבן דער קראַנקער און אויך טרוקענע טייטלען. צוריקגייענדיק פון מנ־שה־ניקאָדעמוס האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אָפּגעטרעטן ביי זאָסימוס, כדי אים אָנ־צוזאָגן, אַז זיין שוועסטער אין קראַנק און זי אַליין, פלאַוויאַ, דאַרף זיין הילף. אָבער, ווען פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט מיט אַ טאָג פריער געטראַכט, אַז גאָט איז ווידער קעגן איר, האָט זי נישט געוווּסט, אַז גאָט האָט זי אינגאַנצן פאַר־לאָזן. וואָרום ווען זי האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דניאלס הויז, איז איר

אַנטקעגנגעלאָפן אסתר מיט אַ ביטער געוויין, אַז זאַסימוס און איר מוטער זע־נען ביינאַכט קראַנק געוואָרן און ביידע ליגן אין זייערע קאַמערן און פיבערן דעם שרעקלעכן פיבער.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך אַ וואַקל געטון, פאַרלוירן די גלייכגעוויכט, און זי איז צוריקגעפאַלן צו דער וואַנט. דער קלאַפּ מיט די פּלייצעס אין דער וואַנט, אָדער אפשר מער דאָס טיפע באַוווסטזיין פון מוטערלעכקייט, האָט איר באַלד צוריקגעבראַכט צום באַוווסטזיין און, אָפּשטופּנדיק אין אַ זייט אסתרן, איז זי געלאָפן אין קאַמער פון איר זון. זאַסימוס האָט געפלאַמט אין פיבער. דאָך, ווען ער האָט אין דער עפענונג פון דער קאַמער דערזען דאָס צעשראָקענע פּנים פון זיין מוטער און אירע רויטלעכע אויגן פון שלאָפלאָזיקייט, האָט ער זיך אויפגעזעצט מיט אַ פרישקייט, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס זיך אויפגעוועקט פון אַ נאָך מיטאָג־שלאָף:

„געשען עפּעס, מוטער?" — האָט ער געפרעגט מיט אַן איינגעבראָכן קול, וואָס ער האָט בשום אופן נישט געקענט באַהערשן.

„וואָס איז דיר צושטאַנד־געקומען, מיין זון" — האָט זי אַריינגעכאַפּט זיין פּנים אין אירע הענט.

זיין פּנים האָט אַ ברי געטון אירע פינגער. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און זיך צוגעזעצט אויף זיין געלעגער, נישט אַרויסלאָזנדיק זיין פּנים פון אירע הענט און זיך איינגעקוקט אין זיינע אויגן. אויגן, צעגלאַנצטע פון פיבער און מיט דעם טיפן אומעט, וואָס זי האָט שוין נעכטן באַמערקט אויך ביי סאַבינען. ביידע, מוטער און זון, האָבן נישט געקענט רעדן. ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען און ווערטער זענען געווען איבעריק. צום סוף, כדי דאָך איבערצוברעכן די שווע־רע און פיינלעכע שטילקייט פון וויסן, האָט זאַסימוס געזאָגט:

„אויך אסתרס מוטער איז קראַנק געוואָרן".

„אויך דיין שוועסטער סאַבינאַ איז קראַנק" — האָט זי אַרויסגעקרעכצט. — איך בין געקומען דיר דאָס זאָגן..."

„און זיך דערוווסט, אַז אויך דער זון איז קראַנק? — האָט ער געפרעגט און צוגעלענט די אויגן פון דער פּלוצימער מידקייט, וואָס איז אים באַפאַלן. — אָ, ווי מיר איז נישט גוט, מוטער. די כוחות אַנטגייען. אסתר איז איצט געבליבן אַליין, מוטער".

„אויך איך בין אַליין, מיין זון. אַליין, אַליין" — האָט זי איבערגעחזרט.

זיין קאָפּ איז געוואָרן שווער. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט באַפרייט די הענט פון זיין פּנים און ער איז צוריקגעפאַלן צום געלעגער, ווי אַ מידער פאַלט צו צום שטרוי־זאַק נאָך אַ לאַנגן אויסמאַטערנדיקן וועג. און זאַסימוס האָט מער נישט רעאַגירט. זיין אָטעם איז געוואָרן אַ שנעלער, אַ כמעט העשענדיקער, מיט אַ זויערלעכן ריח פון פיבער.

אין דער קאַמער איז אויף די שפּיץ פינגער און אין פאַרלעגנהייט אַריין

אסתר. זי האָט געקוקט אויף איר שוויגער מיט אַ שולד־בליק און באַלד דעם בליק איבערגעטראָגן אויף זאַסימוס.

זי האָט איצט נישט געקענט פאַרטראָגן די בהלה־צעשראָקענע אויגן פון דער פרוי. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך געוואָלט מיט אַלע כוחות באַהערשן און באַהאַלטן איר שרעק. איז אסתר צוגעפאַלן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר פלאַוויאַן, און אויסשטרעקנדיק צו איר דאָס פּנים, האָט זי געבעטן אַזוי שטיל, ווי נאָר אַ תפילה קען זיין שטיל:

„העלף מיר, מאַמע, איך בין אַזוי אומגליקלעך און פאַרצווייפלט".

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט איר אַ גלעט געטון מיט אַ ווייכער און צאַרטער האַנט איבערן קאָפּ:

„איך, מיין טאָכטער, ווי קען איך דיר העלפן? גאָט דאַרף אונדז ביידע העלפן, נאָר ער און מער קיינער קען אונדז העלפן. איך בין ווי אַ שטיין איינזאַם, טאָכטער. גאָט האָט מיר קראַנק געמאַכט צום ערשט די טאָכטער און איצט דעם זון און ער הערט נישט מיינע תפילות! איז ער טויב צו מיינע רופן?!"

„ווער איז קראַנק, מוטער?" — האָט אסתר זיך געקלאַמערט צו אירע קני.

„סאַבינאַ איז איינגעפאַלן — האָט פלאַוויאַ געענטפערט, אַנגענומען אסתרס הענט און ביידע האָבן זיך אויפגעשטעלט — די רופאים הייסן די קראַנקע לאָזן אין רו און מיר שטערן זיי מיט אונדזערע ווערטער, וואָס קענען זיי נישט העלפן. איך וועל דיר זאָגן, וואָס דער רופא האָט מיר געזאָגט: וועסט געבן דעם קראַנקן אַ שטאַרק אָפּפיר־מיטל, אָט פון דעם, וואָס איך האָב איצט איינגעהאַנדלט פאַר סאַבינאַן. צוויי טעג וועסטו אים נישט געבן צו עסן, אויסער לעשן זיין דורשט מיט דעם וואַסער פון אויסגעקאָכטע טייטלען, אָט פון די, וואָס אונדזער גוטער פריינט מנשה־ניקאָדעמוס האָט מיר פאַרשאַפט פאַר סאַבינאַן. דאָס איז אַלץ, וואָס איז אין די הענט פון מענטשן און דאָס איבעריקע איז אין רצון פון גאָט דעם איינציקן אין הימל".

פלאַוויאַ האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר פיבער־צעפלאַמטן זון און בלויז אַ שמעק געטון צו זיין הויט און זיך נישט פאַרגונען צו שטערן זיין רו מיט אַ באַרירונג פון אירע ליפּן. ביידע פרויען זענען אַרויס פון דער קאַמער. און דאָ האָט זיך אסתר צעוויינט און אַרומגעכאַפּט איר שוויגער און געטוליעט איר קאָפּ צו איר בוזעם:

„מאַמע! וואָס גייט ווערן?"

„בעט צו גאָט, מיין טאָכטער. מיינע תפילות, זעט אויס, העלפן נישט מער" — האָט פלאַוויאַ געזאָגט טרוקן און איז אַריין אין קאַמער פון שרהן, אסתרס מוטער.

שרה איז אינגאַנצן געווען פאַרזונקען אין פיבער, מיט אַנגעשוואָלענע אויגן, און אַזוי שטאַרק דערשלאָגן, אַז זי האָט אַפילו נישט רעאַגירט אויף דעם, וואָס די צוויי פרויען זענען אַריין אין איר קאַמער.

„דאָס טויג נישט — האָט פלאַוויאַ אויפמערקזאַם געמאַכט — אַ דערוואַקסענער

מענטש טאָר נישט אַזוי איינגאַנצן איבערגעבן זיך אַ קראַנקהייט. ווו איז דער פאָטער?״

„ער איז אַוועק אין דער פרי ברענגען אַ רופא און ביז איצט איז ער נאָך נישט צוריקגעקומען״ — האָט אסתר געזאָגט.

„זאָל גאָט אין הימל העלפן אונדז אַלעמען״ — האָט פלאַוויאַ אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און זיך געקליבן אַוועקצוגיין אַ רעזיגנירטע.

ביי די שטיינערנע שטיגן פון אַריינגאַנג זענען געשטאַנען עטלעכע פון די דינערינס, פאַרנומען אין אַ סודען זיך, און ווען זיי האָבן דערזען פלאַוויאַן זענען זיי זיך צעלאָפן, ווי איבערגעשראָקענע הינער.

מיט דעם קערבל אויפן אָרעם האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ געאיילט אַהיים. זי איז כמעט געלאָפן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז אין מיטן קען זי זיך מישב זיין און צוריק לויפן צום זון. וואָרום צעריסן איז געווען איר האַרץ. זי פילט, אַז איר איינציקער זון דאַרף איר איצט האָבן נעבן זיך, אָבער סאַבינאַ איז געבליבן אין דער היים, בלויז אונטער דער שמירה פון דער קליינער קאַקאָט־יאַ. און נעבן איר טאָכטער איז איר אָרט. וועלכער טייל האַרץ איז שטאַר־קער — דער וואָס איז געבליבן אין דעם קאַמער פון זאָסימוס, אָדער דער, וואָס איז געבליבן מיט סאַבינאַן? פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ ווייסט נישט. זי ווייסט בלויז אַז די לופט איז פייכט און שטיקנדיק. נידעריק אונטערן הימל הענגען ציינער־נע רעגן־וואָלקנס און לאָזן נישט דורך קיין ביסל פרייע לופט. די קליידער קלעפּן צו איר לייב. בלויז די פיס טראָגן — מער פון אימפעט ווי פון כוח.

אַז זי איז אַריבער די בריק קיין טראַסטעווערע זענען איר אַנטקעגנגע־גאַנגען עטלעכע לוויות. אייגנטלעך זענען עס אפילו קיין לוויות נישט גע־ווען. בלויז די טרעגער פון די מתים האָבן געטראָגן די טויטע אָן שום צערע־מאָניע. מסתמא זענען עס די לעצטע פון משפחות, וואָס זייערע נאָענטסטע זענען שוין פריער געשטאָרבן פון דער מגיפה. פלאַוויאַ האָט נאָך שנעלער אָנגע־הויבן לויפן. זי האָט געוואָלט זען וואָס שנעלער אירע טעכטער, די קראַנקע סאַבינאַ און קאַקאָטיאַ. זי האָט אַפילו מורא געהאַט מתפלל צו זיין צו טרעפן איר קליין טעכטערל אַזוי געזונט, ווי זי האָט זי איבערגעלאָזט אין דער היים אין דער פרי, ווען זי איז אַוועק צו מנשה־ניקאָדעמוס.

זי האָט די קליינע קאַקאָטיאַ געפונען אויפן בעט פון איר קראַנקער שוועס־טער. תמיד, בעת פלאַוויאַ פלעגט עפענען די טיר, איז קאַקאָטיאַ איר אַנט־קעגנגעלאָפן ווי אַן אויסבעקענט הינטל. זי האָט פון ווייטע קאַמערן דערפילט, אַז די מוטער גייט. דאָס מאָל איז זי נישט אַנטקעגנגעלאָפן. זי האָט בלויז די מוטער באַגעגנט מיט אַ ליכטיק געלעכטערל, ליגנדיק צופוסנס אויפן גע־לעגער פון איר שוועסטער. די מוטער האָט באַלד דערפילט, אַז דאָס ליכטיקע געלעכטערל איז פול מיט אָנשטרענג און נישט נאַטירלעך. קאַקאָטיאַ האָט אויף זיך אויפגעצווונגען דאָס געלעכטערל, כדי נישט מצער זיין די מוטער און נישט

אַרויסצווייזן, אַז זי פּילט זיך שלעכט, און דער קאָפּ טוט איר ווײ, און עס גלוסט זיך איר ליגן.

ווי אַ בליץ וואָלט אין איר איינגעשלאָגן, איז פלאַוויאַ געבליבן שטיין בײַם בעט און מיט אַ פאַרשעררישן בליק געקוקט אויף קאַקאַטיאַן. דאָס פּנימל פון קינד איז געווען רויט, די אייגעלעך פולע מיט פיבער. די מוטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן מיט די ליפּן צו איר שטערן און קאַקאַטיאַ האָט זיך צעוויינט:

„מיר איז גאָרנישט, איך בין געזונט. איך בין אינגאַנצן געזונט, מאַמאַ״ — האָט דאָס קינד זיך געבעטן און די מוטער האָט צוגעשטימט מיט גוט באַהאַלטענעם צער:

„זיכער ביסטו געזונט, קאַקאַטיאַ. דו היטסט נאָר דײַן קראַנקע שוועסטער״.

און פלאַוויאַ־אַנטאַנינאַ האָט אַלע אירע דרײַ קינדער געהאַט אין די פלאַמען פון דער מגיפה. אין איר היים האָבן געברענט אירע צוויי טעכטער, און דאָרט, אין דעם הויז פון דניאל, האָט געברענט איר איינציקער זון. און ווי אַן אומבאַהאָלפענע אין אַ שריפה, איז פלאַוויאַ געלאָפן פון טראַסטעווערע אויבן־אַרויף צו סובוראַ און צוריק, כדי צו זען, אפשר וועלן די פלאַמען פאַרטריבן ווערן פון אַ נס און אויב נישט — צי ווערט אַלץ פאַרברענט.

אויפן דריטן טאָג איז סאַבינאַן לײַכטער געוואָרן. דער פיבער איז געפאַלן און איר בליק איז געוואָרן קלאָרער. אַ שטראַל פון גלויבן אין דער הילף פון גאָט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין פלאַוויאַס געמיט. זי האָט געוואָלט עמעצן דערציילן וועגן דעם און אין טראַסטעווערע קיינעם נישט געפונען. צו פיל טויטן זענען דאָרט געווען אין די טעג און אין די נעכט, מען זאָל קענען פאַר עמעצן דערציילן, אַז אַ שטערן פון האָפענונג האָט אויפגעליכטן אין איר הויז. איז זי געלאָפן אין סובוראַ, צו דעם אַלטן דניאל, כאָטש אים דערציילן, און אפשר אויך געפינען זאָסימוסן אונטערן צייכן פון גענעזונג. אָבער פלאַוויאַ האָט נישט געוווסט, אַז די דערלייכטערונג אין פיבער אויפן דריטן, צי אויפן פערטן טאָג נאָך דעם אָנפאַל פון דער חולאת, איז נישט מער, ווי דער אָנהייב פון יענע פינצטערע סימנים, וואָס שרייען אַרויס, אַז דאָס איז אַ פאַל פון דער בייזער מגיפה. פלאַוויאַ האָט קוים באַוויזן אָנצוקומען אין הויז פון דניאלן, אָפּגעבן זאָסימוסן אַ גרוס, אַז סאַבינען איז בעסער, און דאַן צוריקקומען אַהיים — ווי זי האָט פאַרלוירן איר טאָכטער. אין דעם זעלבן אָוונט איז זי אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ פיבער, אַז פלאַוויאַ האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז איר קינד ברענט. זי האָט מער נישט געענטפערט און נישט אָנגענומען אפילו קיין וואַסער צו טרינקען. די צונג איז איר געוואָרן שטייף און ברוין. און אין דעם פלאַם פון פיבער איז זי פאַרברענט געוואָרן.

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אפילו קיין טרער נישט געלאָזט, און אפילו קיין קרעכץ נישט געטון. אין דער צווייטער קאַמער איז געלעגן קאַקאַטיאַ, און הגם אין פיבער, איז דאָס קינד געווען אין פולן באַוווסטזיין און נאָך אַלץ געטרייסט די מוטער, אַז זי איז נישט אינגאַנצן קראַנק, נאָר בלויז אַ קליין

ביסעלע. באַלד, באַלד וועט דאָס ביסעלע קראַנקהייט אַוועק און זי וועט ווידער קענען היטן איר שוועסטער. האָט פּלאַוויאַ געוואָלט פאַרמיידן, קאַקאָטיאַ זאָל זיך דערוויסן, אַז איר שוועסטער לעבט נישט מער. איז זי אַרויס אויפן מאַרק, וווּ עס האָבן זיך געפונען די גרופּן קברנים, און געזאָגט צו איינעם:

„קומט, נעמט אַרויס פון מיין הויז דעם טויט; ער האָט זיך פאַרקנסט צו מיין טאָכטער".

די קברנים, וואָס זענען שוין געווען צוגעוווינט צו די רויע און פאַרבי־טערטע באַמערקונגען פון די געטראָפענע קרובים, האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, וואָס פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט געזאָגט. אַן אויסצורעדן אַ וואָרט זענען צוויי מיט איר מיטגעגאַנגען און מיטגעטראָגן מיט זיך דאָס שמאָלע טראָגבעטל. שטיל, גייענדיק אויף די שפּיץ פינגער, עס זאָל נישט דערגיין צו דער קאַמער, וווּ עס פיבערט קאַקאָטיאַ, האָט פּלאַוויאַ די קברנים אַריינגע־פירט צו סאַבינאַן, און אָנווייזנדיק אויפן טויטן גוף פון איר טאָכטער, האָט זי געזאָגט:

„אָט דאָ. טראָגט אַוועק מיין האַרץ און באַערדיקט עס, גוטע מענטשן, אין דעם יידישן טייל פון קאַטאַקאָמב".

זי האָט אויפגעהויבן די הענט איבער איר אייגענעם קאָפּ און מיטן גאַנצן כוח צוגעדריקט אירע שלייפן מיט די אָרעמס און אויבן פאַרקרעמפּט די פינ־גער, און פון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן שטילע טרערן, בעת די קברנים האָבן אַרויסגעטראָגן סאַבינאַס גוף, וואָס איז אויף דעם טראָגבעטל געווען אַזוי קליין, ווי זי וואָלט מיטן טויט צוריק געוואָרן אַ קינד.

בלויז עטלעכע טריט האָט פּלאַוויאַ באַגלייט איר טאָכטער, וואָרום עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט דעם רוף פון קאַקאָטיאַ און זי איז צוריק־געלאָפן צום לעבן.

קאַקאָטיאַ איז געווען פאַרזונקען אין אַן אומרואיקן פיבער־שלאָף. האָט זיך פּלאַוויאַ איבערגעבויגן איבער דעם קינד און איינגעזאַפּט אין זיך איר ריח און געשעפּטשעט:

„גרויסער גאָט אין הימל, איך האָב אַזוי פיל אומבאַגרענעצטע אמונה אין דיר. לאָז מיר איבער די צוויי קינדער, וואָס זענען מיר געבליבן; פאַראָרעם מיך נישט מער, וואָרום דו האָסט מיך שוין אַזוי אויך פאַראָרעמט. ווענד דיין צאָרן פון איצט אָן צו די שלעכטע און באַשירעם די תמימותדיקע, וואָס טוען קיינעם קיין שלעכטס נישט".

אַן אויסגעלאָשענע, ווי זי וואָלט דאָס לעצטע פון אירע כוחות אַוועקגעגעבן פאַר דער תפילה, האָט זי זיך אַוועקגעשאַרט אין דעם גרויסן צימער, וווּ עס איז געשטאַנען דער לאַנגער מאַרמאָרנער טיש און דאָס צימער האָט אויסגעזען נאָך גרעסער ווי עס איז געווען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם פּלאַץ, וווּ זי פלעגט תמיד זיצן ביי די סעודות מיט דער גאַנצער משפחה, און זיך אַרומגעקוקט אין דער ליידיקייט. זי האָט קיינעם נישט. זי איז איינע אַ־

ליין. אַט דאָ איז געזעסן איר אַרטאַפּאַנוס; דאָ, פון זיין רעכטער האַנט, איז געזעסן זאַסימוס; נעבן אים — סאַבינאַ, און נעבן איר אַליין — קאַקאַטיאַ. און איצט? ליידיק, ליידיק. זי האָט זיך אָנגעבויגן און מיט דער האַנט אַ וויש געטון דעם פּלאַץ, ווו עס איז תמיד געזעסן אַרטאַפּאַנוס. זי האָט צו אירע אויגן צוגעטראָגן די פינגער מיט דעם געדיכטן שטויב. אַט דאָס איז געבליבן פון אַלץ?

פּלוצים איז זי אויפגעשפּרונגען. וואָס זיצט זי דאָ?! דאָרט ברענט איר איינציקער זון, און זי רוט!

זי האָט געכאַפּט איר אויבערשטן בגד מיט דעם קאַפּטער, וואָרום עס האָט זיך געקליבן אויף אַ שטורעם, אַריין אין דער קאַמער פון קאַקאַטיאַן און געזען אַז זי שלאָפט, איז געלאָפן איבער דער בריק, אַרויף, אַרויף, צו סובוראַ, צום הויז פון דניאלן, צו איר זאַסימוס. זי איז געלאָפן פייל אויסן בויגן, ווי עמעצער וואָלט זי געיאָגט. עס האָט איר דעריאָגט אַ שלאַקסרעגן. איבער איר קאָפּ האָבן דונערס געברומט און בליצן האָבן אירע אויגן פאַרבלענדט. זי האָט אפילו דעם קאַפּטער פון דעם אויבערמאַנטל נישט אַרויפגעטון אויף איר קאָפּ. די רעגן־בייטשן האָבן געשמיסן איבער איר פּנים, איבער אירע האָר, געכליעפּעט און דורכגעווייקט איר מאַנטל, איר טוניק; מיט אירע סאַנדאַלן האָט זי געשניטן דאָס וואַסער ביי אירע פיס. און זי איז געלאָפן, זיך געטראָגן באַרג־אַרויף.

געהערט, אַז ביים בעט פון איר זון געפינט זיך אַ רופא, האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אפילו נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איר דורכגעווייקטן אויבער־מאַנטל, נאָר מיט דעם זעלבן אימפּעט, מיט וועלכן זי איז געלאָפן, איז זי אַריין אין דער קאַמער. ערשט דאָ איז זי געבליבן שטיין, בעת דאָס וואַסער האָט אַראָפּ־גערונגען פון אירע קליידער. זי האָט זיך אָנגעטראָפן מיט דעם צעפּיבערטן בליק פון זאַסימוס, וואָס איז געלעגן אַן אָפּגעדעקטער און אַנטבלויזטער. דער רופא, ווי ער וואָלט אפילו נישט באַמערקט, אַז עמעצער איז אַריין אין דער קאַמער, האָט געלאָזן, ווי ער וואָלט געהאַט צו טון מיט אַ ברעכבאַרער כלי, געפירט זיינע הענט איבער דעם קראַנקנס גוף און לייכט אָנגעדריקט אויף דעם געשווילעכץ אין די געלענקן און פאַכעס.

„פילסטו זיך אַ ביסל בעסער, מיין זון?" — האָט פלאַוויאַ געפרעגט.

דער רופא האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

„דאָס געשווילעכץ אין די געלענקען איז שוין אַרויסגעטרעטן".

„איך בין קראַנק, מוטער" — האָט זאַסימוס געזאָגט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים.

דער רופא איז אַרויס פון דער קאַמער. פלאַוויאַ האָט שנעל צוגעדעקט דאָס אַנטבלויזטע לייב פון איר זון און נאָכגעגאַנגען דעם רופא.

„האָט איר אַ טרייסט פאַר אַ מאַמען, רופא?" — האָט זי אים געקוקט אין פּנים אַריין און געזוכט אַן ענטפער.

„איך דאַרפֿט זיך היטן, איר זאָלט נישט קראַנק ווערן אין אייער שטאַנד" — האָט ער אָנגעוויזן אויף אירע דורכגעגעצטע האָר און קליידער.

„וואָס איז מיט מיין קינד, רופא?" — האָט זי ווידער געפרעגט, נישט רעאַגירנדיק אויף זיין ווענדונג וועגן איר.

„מען דאַרף וואַרטן אויף די פיבער־פלעקן און ווי זיי וועלן אָפּבליען. ערשט דעמאָלט וועט מען קענען עפּעס וויסן" — האָט דער רופא אויסגעמיטן אַ דירעקטן ענטפער.

פלאַוויאַ האָט אים אַ דערשראָקענע אָנגעכאַפּט ביי די אָרעמס:

„איך בין זיין מאַמע; זאָגט מיר דעם אמת!"

„אַלץ איז אָפּהענגיק פון די געטער" — האָט ער געענטפערט, און דער אַלטער דניאל, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, האָט אויסגעבעסערט:

„אַלץ איז אָפּהענגיק פון דעם איינציקן גאָט אין הימל און ער וועט העלפן!"

„וועט ער העלפן?!" — האָט פלאַוויאַ צאַרנדיק געפרעגט און געקוקט דאָ אויף דניאלן און דאָ אויפן רופא, ווי ביידע וואָלטן פאַר איר אויסבאַהאַלטן אַ סוד. און מיט אָט דעם געפיל, ווי אַלץ, אַלץ אויף דער וועלט וואָלט זיך אָפּגערעדט קעגן איר, האָט זיך פלאַוויאַ אָפּגעריסן פון פּלאַץ און אַרויסגעלאָפן פון הויז. דניאל האָט אויסגעשטרעקט דעם אָרעם און זי גערופן, אויך אסתר האָט זי גערופן אַ פאַרצווייפלטע.ביידע זענען אַרויס אויף די טרעפּ און גערופן:

„פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, מאַמאַ!"

זי האָט זיך אָבער אפילו נישט אומגעקוקט, נאָר געלאָפן מיטן וועג אין גאָרטן, געשפרונגען איבער די קאַלוזשעס וואַסער, פונעם העפטיקן רעגן, און אַוועק.

פלאַוויאַ איז געלאָפן אַרויף צו, צום הויז פון ברוינלעכן מאַרמאָר, וווּ עס האָט געוווינט יוסף בן־מתתיהו. זי איז געלאָפן שנעל, מיט אַ געפיל, אַז אויב זי וועט פאַרלאַנגזאַמערן אירע טריט, וועט זי חרטה באַקומען און זיך אומקערן פון איר וועג. זי וועט רעזיגנירן, ווי זי האָט ביז איצט רעזיגנירט. האָט זי אָפּגעלעגט די פאָלעס פון איר נאָסן אויבערמאַנטל, וואָס האָבן באַשווערט אירע קני, און געלאָפן. איצט וועט זי פועלן, אָדער דאָס וועט זיין דער סוף. און ווי זי איז געלאָפן שנעל און אין בהלה, אַזוי האָט זי אויך מיט ביידע פויסטן געקלאַפּט אין דער אייזן־באַשמידטער טיר פון דעם הויז.

די טיר האָט געעפנט אַ ריזיקער נעגער־שקלאַף, וואָס האָט ווי אַ שוואַרצער שטורעם־וואָלקן אויסגעפילט כמעט די גאַנצע עפענונג. דאָס פּלוצימע דערשיינען פון אַזאַ שוואַרצן ריז האָט פלאַוויאַן דערשראָקן צום טויט. איז זי געפאַלן מיט דער פלייצע אויפןביישטידל פון שטיין און אויפגעהויבן ביידע הענט אין דער הויך, איבער איר קאָפּ, און געזוכט אין וואָס צו קלאַמערן זיך.

„יאָסעפוס פלאַוויוס!" — האָט איר שטים אַרויסגעציטערט — „איך וויל רעדן מיט יאָסעפוס פלאַוויוס. קען איך צו אים רעדן?!"

יוסף בן־מתתיהו איז אַרויסגעקומען פון דער טונקלקייט און זיך פאַרהאַלטן אַ פּאָר טריט פאַר דער טיר. ער איז דערשיטערט געוואָרן פון דעם, וואָס זיינע

אויגן האָבן דערזען. אָנגעלענט אין שטיינערנעם ביישטידל שטייט אַ פרויען־פיגור, ווי אויסגעהאַקט אין טונקעלן מאַרמאָר, מיט די הענט איבערן קאָפּ, ווי די סקולפּטור וואָלט אויסגעדריקט אַ רוף פון פאַרצווייפלונג. די נאַסע קליידער, וואָס האָבן געקלעפּט צו איר לייב, האָבן נאָך מער בולט געמאַכט די ענלעכקייט צו אַ סקולפּטור און אויסגעדריקט די פאָרמען פון איר לייב, ווי זי וואָלט געווען דאָס ווערק פון אַ גריכישן מייסטער.

אָן ווערטער, נאָר מיט אַ באַוועגונג, האָט דער נעגער־שקלאַף אָנגעוויזן אויף דער פרוי ביים ביישטידל און זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. פלאַוויוס האָט זיך דערנענטערט און זיך באַגעגנט מיט די צעגליטע און גלייכצייטיק דער־שראָקענע אויגן פון פלאַוויאַן.

„דאַרפט איר עפּעס צו מיר?" — האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק מיט אַ פינ־גער אויף זיין אייגענער ברוסט.

„צו אייך, מיין האַר" — האָט פלאַוויאַ אַראָפּגעלאָזט די אָרעמס פון איבער איר קאָפּ — אויב איר זענט יאָסעפוס פלאַוויוס".

„איך בין עס. וואָס ברענגט אייך צו מיר? נאָר פריער קומט אַריין. איז עס אַזוי וויכטיק, אַז איר האָט געמוזט גיין אין שלאַקס־רעגן?" — האָט ער גע־פרעגט און געגאַנגען פאָרויס, נאָך אים פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ און פון הינטן האָט זיי באַגלייט דער נעגער־שקלאַף.

יאָסעפוס האָט פלאַוויאַן אַריינגעפירט אין זיין ריזיקן צימער, ווו אויף אַ גרויסן טיש זענען געווען אָנגעהויפט פּאַפּירוסן־ראָלן. ער האָט זי פאַרבעטן צו זעצן זיך אויף אַ זעסל נעבן צום פענצטער און ער האָט זיך געזעצט אַנטקעגן איר. אַ ווייַלע האָט ער באַטראַכט איר מיד, בלייך פּנים מיט די רויטלעכע אויגן, און נאָך אַלץ האָט ער געזען אין איר די סקולפּטור. מילדקייט, ווי ביים אויסגעפינען די האַרמאָניע אין אַ קונסט־ווערק, איז אים אָנגעפלאָסן אַרום האַרץ און אַ רואיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים.

„קען איך אייך מיט עפּעס באַהילפיק זיין? אייער אויבערמאַנטל איז נאַס און מסתמא אויך די טוניק" — האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט אין דער נאָענט פון זיך געזוכט קליידער.

„איך בין דאָס ווייב פון אַרטאַפּאַנוסן! — האָט זי זיך אָפּגערופן און ער האָט שנעל אויפגעהויבן דעם קאָפּ — דער טויט איז אַריין אין מיין הויז און היינט אין דער פרי אַרויסגענומען מיין עלטערע טאָכטער, בעת מיין יינגערע טאָכטער ברענט אין פיבער פון דער טויטלעכער מגיפה, און אויף מיין איינ־ציקן זון בליען די פלעקן. עס וואָלט ליבער געווען דער טויט זאָל מיך צונע־מען און לאָזן מיינע קינדער ביים לעבן, וואָרום צוזאַמען, ווי מיין מאַן איז באַגראָבן געוואָרן אין די קעלערס פון דער תפיסה, בין איך אויך לעבעדיק באַגראָבן געוואָרן. אָבער נישט צוליב דעם איך זאָל אייך דאָס דערציילן און דערמיט אַרויסרופן ביי אייך רחמנות, בין איך געקומען צו אייך. איך האָב ביז איצט ביי קיינעם נישט געבעטן און וועל אויך ווייטער נישט בעטן קיין

רחמנות. געקומען בין איך צו אייך, ווי צו אַ ייִד וואָס איז געלערנט אין די שריפטן, און איר זענט ווילגעפעלן אין די אויגן פון דעם קיסר און זיגער. אַנומלט, ווען מיין מאַן און האַר האָט מיר דערציילט וועגן דעם, מיט וואָס ייִדן שטייען העכער פון געצנדינער, וואָרום אַ געצנדינערין בין איך געבוירן און אַרטאַפּאַנוס האָט מיך גענענט צום ייִדישן גאָט, וואָס אין הימל — האָט ער געזאָגט צו מיר, אַז פונקט ווי גאָט טראָגט די אחריות פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק, אַזוי טראָגט איין ייִד די אחריות פאַר אַ צווייטן ייִד. איר, נאָבע־לער יאָסעפוס פלאַוויוס, זענט אַ כהן, אַ פּריסטער ביי ייִדן, און איר טראָגט זיכער די אחריות פאַר אַנדערע ייִדן — צי איז דאָס די אחריות פון איין ייִד פאַר אַ צווייטן, אַז אַרטאַפּאַנוס, וואָס איז אַ גליד פון ייִדישע מלכים, זאָל שמאַכטן אין די קעלערן פון דער תפיסה, בעת זיינע קינדער שטאַרבן? צי וועט איר, ווי אַ ייִדישער פּריסטער, קענען לעבן רואיק, ווען אַרטאַפּאַנוס וועט נאָכן משפט אַרויס אויף דער פריי און קיין איינס פון זיינע קינדער וועט מער נישט לעבן?״

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט פּלוצים אָפּגעהאַקט און אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן, ווי זי וואָלט פאַרלוירן דעם פאָדעם פון איר מחשבה.

„פון מלכים, זאָגט איר, שטאַמט אַרטאַפּאַנוס? פון וועלכע מלכים?״ — האָט יוסף בן־מתתיהו זיך געוווּנדערט און באַמערקט די דינע איידעלע האַנט פון פלאַוויאַן.

„פון די לעצטע, פון די חשמונאים״ — האָט פלאַוויאַ מיט שוועריקייט אַרויס־געזאָגט.

איצט האָט יוסף בן־מתתיהו פון אַ זייט גוט באַטראַכט די פרוי און אַ געדאַנק איז אים אַדורך דורכן מוח, אַז זי אַליין זעט אויס ווי פון אַ קעניגלע־כער משפחה.

„איז אייך נישט קאַלט? — האָט ער פּלוצים געפרעגט — איר זיצט אַזוי אין די נאַסע קליידער״.

„ניין, מיין האַר. הייס איז מיר פון צער און צרות״ — האָט זי געענט־פערט שטיל.

„קענט איר מיר זאָגן ווי אַזוי אייער מאַן איז פון השמונאישן אָפּשטאַם? — האָט ער צוריקגעקערט צו דעם אין וואָס ער איז פאַראינטערעסירט — איך שרייב די געשיכטע פון ייִדן, און איר האָט זיכער געהערט, אַז דער לעצ־טער פון די חשמונאים איז דורך די רוימער פאַרשיקט געוואָרן קיין גאַליע. לאָזט דער רוימישער קיסר אַן אָפּשטאַמיקן פון די חשמונאים אין רוים?!... מה... אינטערעסאַנט״.

„איך קען זיך נישט אויס אין דעם״ — האָט זיך פלאַוויאַ דערשראָקן און די שרעק נישט געקענט אויסבאַהאַלטן.

„אייער מאַן האָט געהאָלפן די זעלאָטן אין יהודה״ — האָט פלאַוויוס פאַר־ביסן אַ זאָג געטון.

„וואָס האָט מײַן מאַן געטון? װעמען האָט ער געהאָלפן?״ — האָט זיך פּלאַוויאַ אונטערגעהויבן פֿון פּלאַץ און צוריקגעפֿאַלן אָן כּוח.

„די באַנדיטן און רוצחים אין יהודה, וואָס זיי האָבן גורם געווען צום חורבן פֿון בית־המקדש און פֿון גאַנצן לאַנד״.

„דאָס איז שקר!״ — האָט פּלאַוויאַ אויסגערופֿן צאָרנדיק און מיט אַלע כּוחות זיך אויפֿגעשטעלט, פֿאַרקרעמפּנדיק אירע הענט אין פֿויסטן.

אויך יאָסעפֿוס פֿלאַוויוס האָט זיך אויפֿגעשטעלט, פֿאַרריכט דעם גאַרטל פֿון זײַן טוניק, און אויסשטרעקנדיק די אָרעמס צו פּלאַוויאַן האָט ער איר אָנגעוויזן זי זאָל זיך צוריקזעצן:

„איך האָב נישט געמיינט אײַך צו טרעפֿן — האָט ער געזאָגט באַרואיקנדיק. — ווי איז אײַער נאָמען? איר האָט מיר נישט געזאָגט אײַער נאָמען, איידעלע פֿרוי״.

זי האָט זיך צוריקגעזעצט אַן אומרואיקע, אירע ליפּן האָבן זיך אַ ביסל אויפֿגעבלאָזן, ווי זי וואָלט אײַן מויל דערשטיקט ווערטער, וואָס ווילן זיך אַרויס־רײַסן, און צום סוף האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים:

„מײַן נאָמען איז פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, די ווײַבלעכע פֿאָרם פֿון דעם נאָמען וואָס איז אויך אײַערער... מײַן מאַן האָט ליב יהודה מער ווי זײַן אייגן לעבן... ער וואָלט ליבערשט אויסגעוויילט דעם טויט, איידער צו שטיצן וועמען עס איז, וואָס האָט געוואָלט שלעכטס טון זײַן באַליבט לאַנד... בלבולים זענען צוגעטראַכט געוואָרן קעגן דעם ערלעכסטן מאַן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מײַן לעבן, פּונקט ווי שקר און פֿערפֿידיע איז דאָס אויסטראַכטעניש, אַז מײַן מאַן האָט זיך פֿאַרנומען מיט שמוגלען גאָלד קיין יהודה. שקר, שקר, שקר. איך שווער בײַ דעם טויטן גוף פֿון מײַן טאָכטער, וואָס איז הײַנט אַרויסגע־טראָגן געוואָרן פֿון מײַן היים, אַז דאָס איז שקר!״ — האָט פּלאַוויאַ אויסגערופֿן מיט היץ.

אַ רגע איז געווען שטיל אין צימער. יאָסעפֿוס פֿלאַוויוס האָט באַקוקט די נעגל פֿון זײַנע בײדע הענט און איבער זיי געווישט מיט די גראָבע פֿינגער.

„ווירקלעך, מיר טראָגן ענלעכע נעמען, — האָט ער לסוף געזאָגט לאַנגזאַם, כּמעט פֿליסטערנדיק — המ... איר זאָגט מיר עס אַנדערש... פֿון אײַער מויל קלינגט עס אַנדערש, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן און...״ — ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, געמאַכט אַ פּאָר טריט פֿאָרויס, פֿאַרבײַגײַענדיק די שטול, אויף וועלכער עס איז געזעסן פּלאַוויאַ, און שטיין־בלײַבנדיק הינטער איר, האָט ער געזאָגט העכער ווי פֿריער:

„און איך האָב געגלייבט אין דעם, וואָס מען האָט מיר צוגעטראָגן, וואָר־שײַנלעך, מיט גוזמא״.

„מיט בייזוויליקייט און מיט פֿערפֿידיע האָט ווער גערעדט וועגן מײַן מאַן פֿאַר אײַך״ — האָט אויך זי זיך אויפֿגעשטעלט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים.

אין אָט דער רגע האָט ער ווידער פאַר זיך געזען אין פלאַוויאַן די שלאַנ־קע סקולפּטור, ווי אויסגעהעמערט אין טונקעלן מאַרמאָר, נאָר אַ געוואַלדיקער צער, אַ צער, וואָס קאָן אַרויסקוקן נאָר פון די אויגן פון אַ לעבעדיקן מענטש, האָט איצט געשלאָגן נישט פון אירע אויגן, נאָר פון אירע הענט, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרלייגט אונטער איר בוזעם.

פלאַוויוס איז געוואָרן אומרואיק, און אפשר כדי צו פאַרשטעלן די פלר־צימע פאַרלוירנקייט, האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג צום טיש און גענומען אַ פּאַרמעט־ראָל אין די הענט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, און דעם פאַר־מעט גלייך צוריק אַוועקגעלייגט.

„המ... אייערע קינדער, זאָגט איר... די מגיפה מאַכט חרוב רוים... די רופ־אים זענען אומבאַהאָלפן...— האָט ער געזאָגט נערוועז און ווידער געמאַכט אַ טריט צום טיש און ווידער צוריק.— פאַרוואָס זענט איר נישט אַוועקגעפאָרן פון רוים, ווען די מגיפה איז אויסגעבראָכן?‟ — האָט אַ טאָן פון היימישקייט און זאָרג געקלונגען אין זיין שטים.

„זאָל איך אייך זאָגן, ווען קיינער הערט נישט, אַז זייט דער קיסר האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אויף מיין מאַן, איז מיין הויז פון רייכטום געבליבן אַן ברויט? — האָט זי געזאָגט שטיל און כדי עס זאָל דערגיין צו זייע אויערן האָט זי אַ ביסל זיך אָנגעבויגן אין זיין זייט און באַלד זיך צוריקגעצויגן און פאַרבראָכן די הענט: — אַ גאָט, וואָס האָב איך געבראַכט פאַר מיינע ליפּן? ווען מיין מאַן זאָל וויסן, אַז איך פאַרטרוי אַזאַ זאַך צו אַ פרעמדן מענטש! דאָס איז דאָך ווי אויסטאָן זיך נאַקעט פאַר די אויגן פון אַ פרעמדן‟.

„אַ ייד בין איך און נישט קיין פרעמדער — האָט פלאַוויוס געזאָגט מיט אַ שטראָם וואַרעמקייט — פאַרוואָס זענט איר צו מיר נישט געקומען פריער?‟

„מיין האַר! — האָט פלאַוויאַ געפּרוווט אויפהויבן דעם קאָפּ און נישט גע־קענט — ווען איך וואָלט געוועזן גאַנץ, וואָלט איך צו אייך אויך איצט נישט געקומען, נאָר צעבראָכן בין איך, ווי אַן ערדענער טאָפּ, און די שאַרבנס זענען געפאַלן צו אייער שוועל. ווייל איך וועל נישט האָבן וואָס צו ענטפערן מיין מאַן, ווען ער וועט אַרויס פריי און באַפרייט פון יעדער שולד — וואָס איך האָב געטאָן מיט זיינע דריי קינדער, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין מיינע הענט אין דער שווערסטער שעה פון זיין לעבן. נאָר דערפאַר בין איך, אַ צעבראָכענע אויף שטיקלעך, געקומען צו אייך, איר זאָלט זיך משתדל זיין אים צו באַפרייען, כדי ער זאָל זיינע צוויי קינדער, וואָס ראַנגלען זיך נאָך פאַר זייערע יונגע לעבנס, זען איידער ער ווערט אַ פאַראַבלטער פּאַטער אינ־גאַנצן. וואָרום ווען נישט, דערשלאָגט מיך דאָ, אויף דעם אָרט, ווו איך שטיי. ווייל דער טויט איז מיר ליבער ווי מיין לעבן אין דער איצטיקער שעה...‟

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אויפגעהויבן די אָרעמס, ווי אין אַ באַוועגונג פון אוממאַכט, און דאַן די אָרעמס צעעפנט אין דער ברייט, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

„אייגנטלעך איז יעדער מענטש געפאַנגען דורך אַ צווייטן, אַ שטאַרקערן פון אים, און יעדער איז פאַרשפאַרט אין אַ וועלכער עס איז תפיסה און ער וואַרט אויף זיין משפט. דאָס איז דער גורל פון דעם מענטש אויף דער ערד. איינער זיצט פאַרשפאַרט אין אַ קעלער־תפיסה און אַ צווייטער זיצט פאַרשפאַרט אין אַ פּאַלאַץ־תפיסה... איינער איז אַוועקגעריסן פון זיינע קינדער און זיין ווייב און אַ צווייטער איז אַוועקגעריסן פון זיין לאַנד און פון זיין לאַנד־שאַפט... איינעם וואַרפט מען פאָר, אַז ער האָט געשמוגלט גאָלד קיין פּאַלעסטינע און דעם צווייטן וואַרפט מען פאָר, אַז ער האָט פאַרראַטן זיין היימלאַנד און זיינע ברידער... דאָס געפיל פון עמעצן, אַז ער איז פריי — איז אילוזאָריש, אילוזאָריש. קיינער איז נישט פריי... פאַר וואָס זאָג איך עס אייך? — האָט ער אָנגעשטעלט די אויגן אויף דער בלייכער פּרוי און די הענט פאַרלייגט אויף הינטן — פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, איך האָב אייך אויסגעהערט און איך פיל אייער צער. מיר אַלע זענען אין די הענט פון גאָט און נאָר ער באַשטימט אונדזערע טעג פון לעבן און די צייט, ווען ער נעמט אונדז צוריק צו זיך... דאָך איז מיר שוין היינט שווער צו זאָגן וועמען עס איז ערגער — צי דעם, וואָס האָט געצויגן אויף זיך די האַנט פון גאָט, אָדער דעם, וואָס איבער אים הענגט די האַנט פון מענטש? איך, יוסף בן־מתתיהו הכהן, ווייסט דאָס נישט מער!”

ער איז צוגעגאַנגען צו איר נעענטער, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל און געזאָגט פאַרטרווילעך:

„אַזוי שנעל ווי מעגלעך וועל איך זיין ביי מיין האַר דעם קיסר און פּרווון אים איבעררעדן לטובה. איך וועל רעדן צו אים... אויך מעכטיקע האָבן מינוטן, ווען זיי דערמאָנען זיך, אַז זיי זענען שטערבלעכע. איך האָף אים צו טרעפן אין אַזאַ מינוט”.

„זאָל איך קומען צו אייך, אויב איך וועל נאָך האָבן עפּעס אין מיינע הענט?”

„מיין טיר שטייט תמיד פאַר אייך אָפן, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. איך וועל מתפלל זיין, אַז אייערע הענט זאָלן בלייבן פול”.

קאַפּיטל פערצן

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אויסגעפועלט ביים קיסר, ער זאָל באַפעלן צו באַפרייען אַרטאַפּאַנוסן אָן אַ משפט. מיט זיין בילדעריש און פליסיק לשון האָט ער געזאָגט צום קיסר, אַז אפילו אַ שונא אויפן שלאַכט־פעלד טויט מען נישט צוויי מאָל און אוודאי באַשטראָפט מען נישט אַ פאַרברעכער צוויי מאָל פאַר דעם זעלבן אָפּגעטוענעם פאַרברעך. און אויב אַרטאַפּאַנוס איז ווירקלעך באַגאַנגען די געמיינהייט און געשמוגלט גאָלד אין דעם באַצוווונגענעם יידן־לאַנד — איז ער האַרב באַשטראָפט געוואָרן פון גורל, נאָך האַרבער ווי וועלכעס עס איז געריכט וואָלט אים פאַרמשפט: די שלעכטע מגיפה האָט ביי אים צוגענומען אַלע דריי קינדער, וואָס ער האָט געהאַט. און צי איז פאַראַן אַ גרעסערע שטראָף פאַר אַ פאָטער ווי די, אַז ער לעבט־איבער דעם טויט פון אַלע זיינע קינ־דער?

וועספּאַסיאַנוס דער אכזר, וואָס איז גראָד געווען נאָך אַ פעטער סעודה און שטאַרק באַרוישט פון צו פיל וויין, האָט פון דער סאָפע, אויף וועלכער ער האָט גערוט, אויסגעצויגן זיין נאַקעטן אָרעם און געזאָגט צו פלאַוויוסן:

„ביסט אַליין אַ שלאַכט־קעמפער, צי האָסטו קיינמאָל נישט געפילט, אַז עס וואָלט געווען גוט מען זאָל קענען אַ שונא טויטן צוואַנציק מאָל?"

„מיין האַר — האָט פלאַוויוס געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי עס וואָלט אים פון עפּעס געעקלט — וואָס שייך מיר, וואָלט איך נישט געוואָלט עסן נאָך אַ מאָל דעם זעלבן שעפּס, וואָס איך האָב שוין איין מאָל צעקייט און פון אים הנאה געהאַט".

דער רוימישער אימפּעראַטאָר, דער מענטשן־גאָט, האָט אַ ווולגאַרן און הויכן גרעפּץ געטון:

„ביסט גערעכט, פלאַוויוס. מיך עקלט אַפילו, צו פאַרנעמען זיך מיט אַ געבראָטענעם שעפּס ביזן סוף".

און ער האָט באַפוילן צו באַפרייען אַרטאַפּאַנוסן און פאַרשיקן אים.

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן די אָרעמע פרוי זאָל נאָך אַ מאָל קומען צו אים, כדי איר אָנצוזאָגן די פרייד, אַז איר מאַן ווערט באַפרייט ווערן אָן אַ משפט. און ווייל ער האָט דאָך געוואָלט מען זאָל וויסן וועגן זיין גענאָד פאַר דעם גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע, האָט ער געשיקט זיין נעגער־שקלאַף, דעם ריז, ער זאָל איילן צו דער פאָרשטאָט

טראַסטעווערע און אָנזאָגן דער פרוי פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, אַז אַרטאַפּאַנוס וועט באַפרייט ווערן אָן אַ משפט.

דער נעגער־שקלאַף האָט געטראָפן פלאַוויאַן איינע אַליין אין איר הויז, וואָס איז געווען פּוסט און קאַלט. אַן איינגעשרומפּענע איז זי געזעסן אויף איר געלעגער איינגעהילט אין איר אויבערמאַנטל און זי האָט אויסגעזען אַ סך, אַ סך קלענער ווי ער האָט זי געזען מיט אַ פּאָר טעג צוריק ביי זיין האַר אין הויז, ווען זי האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ דורכגענעצטע פון דעם שלאַקס־רעגן. איר פּנים איז איצט געווען נאָך בלייכער און די אויגן נאָך טיפער, און ער האָט זי מער דערקענט פון איר טונקעלן אויבערמאַנטל, ווי לויט איר געשטאַלט. זי האָט אים יאָ דערקענט און איצט, אָן יעדן פּחד און איבעראַשונג, אויסגעשטרעקט צו אים דעם קאָפּ און געפרעגט אָן ווערטער.

„מיין האַר יאָסעפוס פלאַוויוס אייך זאָגן... אייער האַר פריי...״ — האָט דער נעגער געזאָגט מיט אַ פּאַרכטיקע שטים און איר דערלאַנגט אַ ראָל.

די ווערטער פון דעם נעגער־ריז זענען נישט דערגאַנגען צו איר באַוווסט־זיין. זיין שטים האָט אָפּגעקלונגען אין אירע אויערן, ווי אַ שטים געהערט דורך אַ דיקער וואַנט — נישט אַרטיקולירט. זי איז געווען אינגאַנצן פּאַרגלייווערט אין איר אומגליק, און אַלץ אַרום איר איז געווען נישט־דאָיק און נישט רעאַל. זייט זי האָט אַרויסבאַגלייט פון דניאלס הויז דעם טויטן גוף פון איר איינציקן זון, אַ פאַרברענטן אין פיבער־פלעקן און אין אויסבלוטיקונג, האָט זי נאָך פון איר מויל קיין איין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. זי האָט נישט באַגלייט זאַסימוסן ביזן קאַטאַקאָמבּ, ווו ער האָט געדאַרפט קומען צו קבורה, וואָרום אין שטוב ביי איר האָט געברענט די קליינע קאָקאָטיאַ. איז זי פון מיטן וועג געלאָפן אַהיים מיט אַ בהלהדיקן אימפּעט, צי וועט זי נאָך קאָקאָטיאַן טרעפן אַ לעבעדיקע. קאָקאָטיאַ האָט נאָך געלעבט, אָבער געלעבט אין אַ הינער־פלעט. זי איז געווען טיף־פאַרזונקען אין פיבער. פון דער געשווילונג אין די געלענקען און אין די פּאַכעס איז איר גוף געווען אויסטערליש דעפאָרמירט און איר צעהיצט לייב איז געווען צעבליט מיט טונקעלע פלעקן. בלויז דער שוואַכער אָטעם איז געווען דער צייכן, אַז זי לעבט נאָך. פלאַוויאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן געלעגער פון דעם קינד און געוואָלט אַריינגיסן אין איר מויל אַ ביסל וואַסער, אָבער די צונג איז געווען ברוין און פאַרהאַרטעוועט און דאָס צעעפנטע מיילכל האָט מער נישט אָנגענומען די קילע פליסיקייט.

אויב פריער, ביים בעט פון זאַסימוס, האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ נאָך געקענט מיט פאַרבראַכענע הענט בעטן צו גאָט ער זאָל טון אַ נס און נישט צונעמען ביי איר דאָס איינציקע אויג פון איר קאָפּ, איז זי ביים בעט פון קאָקאָטיאַן געווען אומבאַהאָלפן, און איינזאַם אויך פון גאָט. אַלץ האָט אויפגעהערט זיין, נישט געוואָרן אין אַ תוהו ובוהו. בלויז איין איינציקער פּונקט איז געבליבן פאַר איר — דאָס קליינינקע מיילכל מיט די פאַרטרוקנטע ליפּעלעך פון קאָקאָטיאַן.

ווי לאַנג איז זי געזעסן אויפן ראַנד פון דעם געלעגער? אויך די צייט איז נישט־געוואָרן. ביז פלאַוויאַ האָט דערזען ווי פון ווינקל צווישן די ליפּע־לעך פליסט אַרויס אַ דין שלענגעלע בלוט. זי האָט מיט דער האַנט אַ וויש געטון דאָס בלוט. קאַקאָטיאַ האָט פּלוצים געעפנט די אייגעלעך און אַ קוק געטון אויף דער מוטער מיט אַ בליק, ווי אָט־אָט און זי וועט אָנהייבן רעדן, ווי עס וואָלט געשען דער גרויסער נס, און צו גלייך מיט פלאַוויאַס פאַרבליפונג פון דעם נס, איז קאַקאָטיאַ שטיל און פּלוצים פאַרלאָשן געוואָרן, ווי דאָס פלעמל פון אַן אייל־לעמפּל.

אַז פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט זיך צוריקגעקערט פון קאַטאַקאָמב, וואָס האָט פאַרשלונגען אירע דריי קינדער, און בלויז דאָס לעצטע באַגלייט ביז צום קבר, האָט זי, אייגנטלעך, נישט באַגריפן, פאַר וואָס איז זי אַהיימגעקומען און וואָס האָט זי צו טון אין דער היים? האָט זי זיך אין אויבערמאַנטל אַוועקגעזעצט אויף איר בעט, זיך איינגעשרומפּן און נישט געזען, אַז דער טאָג גייט אויס און עס ווערט נאַכט, די נאַכט צעדריוולט זיך און עס ווערט טאָג — און זי האָט אויך דעמאָלט נישט באַגריפן, אַז עפּעס־וואָס געשעט, ווען פאַר איר איז גע־שטאַנען דער נעגער־ריז, דער שקלאַף פון יאָסעפוס פלאַוויוס. אויך דער נעגער האָט נישט באַגריפן, פאַר וואָס די פרוי נעמט נישט אויף זיינע ווערטער. זיין האַר האָט אים געזאָגט, אַז די ווערטער, וואָס ער וועט איר איבערגעבן אין זיין נאָמען, וועט דער פרוי דערפרייען. און אָט האָט ער געזאָגט, וואָס זיין האַר האָט אים געהייסן זאָגן און זי פרייט זיך נישט. צי האָט ער אַ מאָל נישט פאַרדרייט די ווערטער און געזאָגט נישט דאָס, וואָס זיין האַר האָט אים געהייסן זאָגן? דאַכט זיך אים, אַז ער האָט איבערגעחזרט גענוי די ניין ווערטער, וואָס ער האָט זיי אויפן וועג עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט, כדי נישט צו פאַרגעסן: „מיין האַר יאָסעפוס פלאַוויוס, אייך זאָגן אייער האַר פריי". אַזוי האָט ער אויך געזאָגט און זי איז געבליבן זיצן ווי פריער. זי איז אויך גע־בליבן זיצן, ווען ער האָט איר דערלאַנגט דעם פּאַפּירוס־ראָל. זי האָט דעם ראָל איבערגענומען אַן דער באַטייליקונג פון באַוווסטזיין, מעכאַניש, ווי אויס־געלערנט, אַז מען דערלאַנגט עפּעס, שטרעקט מען אויך אויס די האַנט אַנט־קעגן.

ערשט ווען דער נעגער־שקלאַף איז אַוועק און די שטילע פוסטקייט האָט ווידער געהויערט אַרום איר, האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אויפגעוויקלט דעם פּאַפּי־רוס־ראָל און איבערגעגאַנגען מיטן בליק איבער דעם געשריבענעם, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז איר אויפמערקזאַמקייט האָט זיך פאַרהעקלט אין אַ וואָרט, וואָס זי האָט נישט געקאָנט איבערלייענען און זי האָט באַגריפן דעם גאַנצן אינהאַלט: אַרטאַפּאַנוס ווערט באַפרייט פון תפיסה און פאַרשיקט פון רוים. די ידיעה האָט איר אויסגעזען פרעמד און אומגלויבלעך — איצט? איצט ווערט ער באַפרייט, ווען אירע הענט זענען ליידיק? ווי קען ער צוריקקומען אַהיים, ווען ער האָט אַלע און אַלץ פאַרלוירן? ניין, עמעצער מאַכט חוזק פון איר! אַר־

טאַפּאַנוס טאָר איצט נישט אַהיימקומען. זי האָט אים נישט וואָס צו זאָגן. זי האָט נישט פאַר אים קיין שום פאַרענטפערונג. וואָס האָט זי געטון מיט זייַנע קינדער? פאַר וואָס זענען זיי אַראָפּ אין קאַטאַקאָמבּ, ווען ער איז נישט געווען נעבן זיי, און ער האָט די קינדער אָנפאַרטרויט איר, זי זאָל זיי אים היטן? און זי האָט זיי נישט געהיט און געלאָזט זיי פאַרברענט ווערן פון דער מגיפה. זי, נאָר זי אַליין איז שולדיק אין דעם, וואָס ער וועט זייַנע קינדער נישט טרעפן מער לעבעדיקע. טאָר ער נישט קומען צוריק אַהיים. נישט איצט!

זי איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און זיך געדרייט אין אַ קרייז, געזוכט איר אויבערמאַנטל, הגם זי איז געווען אין אים אייַנגעוויקלט, און אַוועק צו דער טיר אָן צו געפינען דעם מאַנטל. ערשט ווען זי האָט די טיר געעפנט האָט זי דעם מאַנטל באַמערקט אויף זיך. האָט זי אים פעסטער געמאַכט אַרום זיך און געלאָפן. זי האָט געהאַט איין וועג — צו מנשה־ניקאָדעמוס, דעם אייַנ־ציקן אמתדיקן פרייַנט. איילנדיק צו דער בריק איבערן טיבער האָט זי אויסגע־מיטן דרייַ לוויהס און אפילו נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיי. זי האָט שוין דעם טויט אַוועקגעגעבן אַלץ. מער קיין שליטה אויף איר האָט ער נישט. האָט זי פאַרשנעלערט דעם טריט און אַרויפשטייַגנדיק מיט דער ברייטער גאַס אַנטקעגן דעם טיבער־אינדזל, רעכטס פון קאַפּיטאָל, איז זי אַרויפגעפאַלן אויף מנשה־ניקאָדעמוס.

„פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ! — האָט ער אויסגערופן און אויסגעשפּרייט די אָרעמס, כדי זי זאָל אים באַמערקן — איך אייל טאַקע צו אייך".

„צו מיר, פרייַנט ניקאָדעמוס? — האָט זי אַרויפגעקוקט צו אים און אויפ־געהויבן די האַנט, אין וועלכער זי האָט געהאַלטן דעם פּאַפּירוס־ראָל — און איך גיי צו אייך... איר זעט... איצט, ווען איך בין לײדיק, ווי אַן אויסגע־טריקנטע קאַן, ווערט אַרטאַפּאַנוס באַפרייַט... העלפט מיר, פרייַנט, ווי איר האָט מיר ביז איצט געהאָלפן. ווי קען איך אויפנעמען מיין מאַן, ווען אַלץ וואָס ער האָט מיר אָנפאַרטרויט האָב איך פאַרלוירן?"

ער האָט אַרויסגענומען דעם פּאַפּירוס־ראָל פון אירע הענט און נישט רעאַ־גירנדיק אויף אירע פראַגן איז ער שנעל דורכגעלאָפן די שורות און צום סוף אַ ווײַלע געבליבן שטיין מיט דעם אָפענעם בריוו און געמורמלט צו זיך אַליין:

„אויף די שטראָף האָבן זיי צוגעטראַכט, די... איצט אים באַפרייַען, כדי אים צו דערשלאָגן און דערנאָך פאַרשיקן..."

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט צוזאַמענגעקלעמט אירע הענט:

„ניין, ניין, ניקאָדעמוס... נישט זיי... איך בין שולדיק אין דער שטראָף... דאָס האָב איך געבעטן יאָסעפוס־פלאַוויוס ער זאָל זיך משתדל זיין ביים אימ־פעראַטאָר צו באַפרייַען אַרטאַפּאַנוסן, כדי ער זאָל באַווייַזן צו זען זייַנע קינדער איידער זיי שטאַרבן... איך בין שולדיק... איך האָב פאַרלוירן זייַנע קינדער און איצט ברענג איך אים אַהיים, ווען די היים איז אויסגעליידיקט פון אַלץ!"

מנשה־ניקאָדעמוס האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט דער פרוי גורם געווען צער,

בעת זי איז אַזוי אויך דערשלאָגן. ווי אַ קינד, וואָס האָט געמאַכט אַ שאָדן און קען זיך קיין עצה נישט געבן, האָט ער געוויקלט דעם בריוו אין זײַנע גרויסע הענט.

„איר טאָרט זיך נישט מאַכן קיין פאָרווורפן, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ — האָט ער געשטאַמלט — נישט מיר פירן, נאָר גאָט פירט דעם מענטש... מיר וועלן עפּעס צוטראַכטן... איך האָב געאײַלט צו אײַך, ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר עפּעס געזאָגט".

„ניקאָדעמוס, איצט טאָר מײַן מאַן נישט אַהיימקומען!... אוי, גאָט דער אײנציקער אין הימל, וואָס האָב איך געטון?! — האָט פלאַוויאַ ענדלעך זיך צע־וויינט און די באַפּרײַטע טרערן זענען איר געפלאָסן איבערן פּנים — פאַר וואָס בין איך געגאַנגען צו יאָסעפוס בעטן אויף זיך אַליין נאָך אַן אומגליק? וואָס וועט אַרטאַפּאַנוס זאָגן, ווען ער וועט דאָס הערן? זאָגט מיר, פרײַנט! ענט־פערט מיר!"

„אַרטאַפּאַנוס וועט זיך וועגן דעם נישט דערוויסן, אויב איר אַליין וועט אים דאָס נישט דערציילן — האָט ניקאָדעמוס געפּרוווט זי באַרואיקן, אָנגעמענ־דיק קרעפטיק איר אָרעם — און וואָס שייך אַלדאָס אַנדערע וועט מען פּרוון אים צוגרייטן דערצו. צי נאָר דערפאַר, ווייל גאָט איז געווען אכזריותדיק צו אײַך וואָלט איר וועלן, אַז אַרטאַפּאַנוס זאָל ווייטער בלײַבן אין תּפיסה, וואָס דאָס איז אַליין אַ שטראָף פון גאָט? פאַרטראַכט זיך, פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, און איר וועט באַנעמען, אַז אײער צער האָט פאַרמיטן פון אײַך צו זען זאַכן, ווי זיי זענען".

איצט, ווען פלאַוויאַ האָט געקאָנט וויינען, זענען צו איר אויך לײַכטער דערגאַנגען ווערטער. זי האָט באַנומען, אַז אײגנטלעך רעדט מנשה־ניקאָדעמוס צו דער זאַך. ער איז אַזאַ גוטער מענטש, אַז אין יעדן געשעעניש זעט ער נאָר די גוטע זײַט. זי, פלאַוויאַ, איז פאַרטעמפּט געוואָרן פון צרות און זי איז נישט פעאיק געווען צו פאַרשטיין, אַז זי רעדט נאַרישקייטן דערמיט, אַז אַרטאַפּאַנוס דאַרף איצט בלײַבן אין תּפיסה. אויך דאָס וואָס לײַטן זאָגן, אַז אין אומגליק ווערט אפילו דער קליגסטער מענטש צו־נאַר, האָט זי געלערנט אויף איר אײגן לײַב. אָך, ווי אויסגעליידיקט זי איז געוואָרן פון אַלץ, אפילו פון דעם לעצטן פונק פאַרנונפט. איז וואָס זאָל זי טון? די גאַנצע וועלט זעט דאָס, אַז זי איז געשלאָגן געוואָרן פון אַלע זײַטן און אַלץ וואָס זי וועט איצט טאָן וועט זײַן מתוך פאַרלוירנקייט.

מנשה־ניקאָדעמוס איז געווען ענלעך צו אַ צאַרטן פאָטער, וואָס די לײַדן פון זײַן קינד מאַכן פון אים אַן אומבאַהאָלפענעם מענטש. אויך איצט, שטייענ־דיק אַנטקעגן דער צעבראָכענער פרוי, איז ער געווען אומבאַהאָלפן און פאַר־לוירן. ער, וואָס איז פול מיט אײַנפאַל און איניציאַטיוו, ווייסט נישט איצט, וואָס מען הייבט אָן צו טון. זענען ביידע, פלאַוויאַ און ניקאָדעמוס, געשטאַנען

אַנטקעגן זיך אין אַזאַ אויסטערלישער אומרואיקייט, ווי עס איז פלוצים געשען עפּעס, וואָס נאָר דער בלינדער גורל קען צוזאַמענשפּילן:

אַ שטורמישער געבראַזג פון רעדער, אויסגעמישט מיט דעם קלאַפּן פון פערדישע פּאָדקאָוועס, און אַ בהלהדיק געשריי פון מענטשן האָט זיך אָנגעטראָגן פון נישט ווייטן פאָרום. מנשה־ניקאָדעמוס האָט שנעל באַגריפן, אַז אַ פּאָר פערד האָבן זיך צעלאָזט און דער מענטש, אָדער די מענטשן אין רייטוואָגן קענען די פערד נישט באַהערשן. אָט טראָגן זיך די צעווילדעוועטע חיות אין אַ גלייכער ליניע. זיי זענען אַראָפּ פון וועג און אַרויף אויף דעם שטיינערדיקן פעלד. ניקאָדעמוס האָט בלויז באַוויזן צו באַמערקן ווי דער רייטוואָגן שלעפּט זיך נאָך די צעיושעטע פערד ווי אַ קינדעריש שפּילכל, וואָס באַלד וועט עס צעשפּרינגען ווערן אויף שפּענדלעך. ער האָט אַ שטופּ געטון פלאַוויאַן און אויסגערופן: „אין אַ זייט!" און אַליין האָט ער, לויפנדיק אַנטקעגן די פערד, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טאָגע. ער איז געלאָפן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און מיט אַ געברילל, ווי ער וואָלט דערמיט זיך אַליין געוואָלט דערמוטיקן. אָט־אָט און די פערד וועלן אַרויף אויף אים און אים צעטרעטן. אָבער וואָס נענטער צו די פערד, אַלץ העכער, דאַכט זיך, ווערט ניקאָדעמוס. די פאַרבייגייער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו זען ווי דער מענטש וועט צעטרעטן ווערן פון די צעווילדעוועטע פערד, זענען דערשיטערט געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען ווי דער מאַן האָט, ווי אַ געאיבטער גלאַדיאַטאָר אין צירק, אַ שפּרונג געטון אין דער הויך, דאַן צוריקגעפאַלן כמעט ביי די פערדישע פיס, און דאַן ווידער האָבן די פערד, דורך פאַררייסן זייערע קעפּ, דעם מאַן מיטגעשלעפּט מיט זיך אין דער הויך. פון דעם שטויס צוריק האָט זיך דער רייטוואָגן איבערגעקערט און אַרויסגעשאָסן פון זיך דעם אָנטרייבער, וואָס האָט ביים פאַלן אויפגעהויבן אַ שטויב. די פערד זענען געוועזן פאַרהאַלטן.

בעת מנשה־ניקאָדעמוס האָט מיט זיינע מעכטיקע הענט, ווי מיט צוויי שטיקער אייזן, געצוימט די פערד, זענען פאַרבייגייער צוגעלאָפן און אויפגעהויבן דעם מאַן, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דעם איבערגעקערטן רייטוואָגן. דער מאַן האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען איינגעבויגן, אַ צעטומלטער פון דעם שאָק, ווי ער וואָלט אַליין נישט געגלייבט, אַז ער שטייט אויף דער ערד, דערנאָך האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו ניקאָדעמוסן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט נאָך נישט געהאַט צוריקגעפונען דאָס לשון.

ניקאָדעמוס איז געווען אין זיין פאָרם. איצט האָט ער געקענט באַווייזן זיין אונטערנעמערישקייט. ער האָט געהייסן די אַרומיקע אויפשטעלן דעם רייטוואָגן און אַריינזעצן אין אים דער פאַרוואונדעטן מאַן. ער האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסן אין פלאַוויאַן, וואָס ער האָט אָפּגעפונען, און אויך זי אַריינגעזעצט אין וואָגן. דער פרעמדער מאַן איז געווען אַזוי צעקלאַפּט און צעטראָגן,

אַז ער האָט בלויז געקענט אָנווייזן מיט דער האַנט אין וועלכער ריכטונג מען זאָל אים פירן, וואָרום די ווערטער האָבן זיך אים געפּלאָנטערט.

ערשט בעת מנשה־ניקאָדעמוס האָט דערגרייכט דעם ציל, לויט דעם ווי דער פרעמדער מאַן האָט אים אָנגעוויזן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער גע־טראָפענער איז דער אַלטער סענאַטאָר דעמעטריוס. ניקאָדעמוס האָט צונויפגע־נומען די פינגער אין אַ פויסט און מיטן גאַנצן כוח האָט ער אַ קלאַפּ געטון איינעם פון די פערד אין בויך, אַז די חיה איז פון ווייטיק אונטערגעשפרונ־גען, און ער האָט אויסגעשפּיגן. בעת ער האָט געהאַלפן פלאַוויאַן אַראָפּגיין פון רייטוואָגן האָט ער נישט געקוקט אין אירע אויגן. האָט זי געהערט? ער האָט אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט דעם געמיינעם דעמעטריוס, דעם וואָס האָט אַנומלט דערנידעריקט די יידן פון רוים און וואָס ער האָט געמאַכט ווע־פּאַסיאַנוסעס חשבון מיט אַרטאַפּאַנוסן. „פאַר וואָס האָט מיך גאָט אויסגעשטעלט אויף דעם נסיון, צו ראַטעווען גראָד דעם מאַן, וואָס איך וואָלט געוואָלט פאַר אים דריי טויטן?" — האָט ניקאָדעמוס זיך געמאַכט פאַרוואָרפן.

דעמעטריוס איז געווען שטערבלעך פאַרוואונדעט אין גוף און דערשיטערט אין גייסט. אָבער בעת זיינע קנעכט האָבן אים אויף די הענט אַריינגעטראָגן אין זיין היים, האָט ער פונדעסטוועגן געדענקט צו הייסן באַלוינען דעם מאַן, וואָס האָט פאַרהאַלטן די פערד, מיט יעדער באַלוינונג, וואָס ער וועט באַגערן. מנשה־ניקאָדעמוס האָט אפילו נישט נאָכגעטראַכט ווי זיינע ליפּן האָבן אַרויס־געוואָרפן:

„גנעדיקער סענאַטאָר, די גרעסטע באַלוינונג פאַר מיר וועט זיין, ווען דו וועסט מיט דיין חסד באַווירקן אונדזער אימפּעראַטאָר וועספּאַסיאַנוס, אַז מיין פריינט, דער רוימישער בירגער אַרטאַפּאַנוס, וואָס דאַרף אַרויסגעלאָזט ווערן פון דער תפיסה און פאַרשיקט ווערן, זאָל נאָך היינט באַפרייט ווערן אָן דער גזירה פון פאַרשיקונג".

דער סענאַטאָר האָט געעפנט די אויגן, אַ קוק געטון אויף ניקאָדעמוסן מיט אַ בלענדנדן בליק פון ווייטיק און מיט שווערער אַרטיקולאַציע געזאָגט:

„אָ, געטער! אָט בין איך געפאָרן אין דער תפיסה מיט דעם באַפעל פון דעם אימפּעראַטאָר צו באַפרייען אַרטאַפּאַנוסן און אים פאַרשיקן קיין לוגונדום, וואָס אין גאַליע, און איך בין פאַרוואונדעט געוואָרן".

„באַפרייט אים, גנעדיקער סענאַטאָר דעמעטריוס!" — האָט ניקאָדעמוס אויס־געשריגן.

מיט שוועריקייטן האָט דעמעטריוס געגרייכט צו זיין בוזעם, אַרויסגעצויגן דעם צעקנייטשטן ראָל פון דעם אימפּעראַטאָרס באַפעל און אויסגעשטרעקט די האַנט צו זיין זון, וואָס איז געשטאַנען נעבן געלעגער.

„באַלוין אים, דעם גוטן מאַן..." האָט ער אַרויסגעזאָגט צוזאַמען מיט אַ ספּאָנטאַנעם קרעכץ פון פיזישן ווייטיק.

דעמעטריוסעס זון, אַ הויכער באַאַמטער אין מאַגיסטראַט פון רוים, איז גע־

שטאַנעןביים געלעגער אַ דערשיטערטער פון דעם פּלוצימען פאַל מיט זיין פאָ־טער. דאָס וואָס זיינע אויערן האָבן איצט געהערט פון דעם פּאַטערס מויל האָט ער נישט קלאָר פאַרשטאַנען. וואָס פאַר אַ מיסטעריע האָבן די געטער איצט צוגעטראַכט? און וואָס דאַרף דאָס זיין פאַר אַ באַלוינונג, אויב דער באַפעל צו באַפרייען עמעצן פון תפיסה איז אַ לעגאַלער — אונטערגעשריבן פון אימפּעראַטאָר? אָבער מנשה־ניקאָדעמוס האָט גראָד גוט פאַרשטאַנען, אַפילו דאָס, וואָס דער פאַרווונדעטער דעמעטריוס האָט נישט אַרויסגעזאָגט, און ער האָט געהאַנדלט אַזוי פלינק, ווי נאָר מעגלעך: ער האָט אַרויסגענומען דעם ראָל פון דעם סענאַטאָרס הענט און אים דערלאַנגט דעם זון, זאָגנדיק פּאַטעטיש:

„הייליק איז דער ווילן פון אייער גנעדיקן פאָטער אין אָט דער מינוט. איך וועל אייך באַגלייטן, כדי איר זאָלט קענען אויספירן דעם סענאַטאָרס ווילן, אַזוי שנעל ווי דאָס איז מעגלעך!"

„דיין וואָרט — דיין באַפעל, פאָטער!" — האָט דער רוימער אויסגערופן אויך אַזוי פּאַטעטיש אין דעם זעלבן טאָן וואָס ניקאָדעמוס, און ער איז מיט שנעלע טריט אַוועק צום אַרויסגאַנג.

ניקאָדעמוס איז אים פאַרויסגעלאָפן. ער האָט אָנגעכאַפּט פלאַוויאַן ביי דער האַנט און אָן צו זאָגן איר עפּעס, אַרויפגעזעצט זי אין וואָגן. דער רוימער, ווי ער וואָלט געווען אין אַ סאָמנאַמבולישן טראַנס, איז מיט גרויס וויכטי־קייט איינגעשטיגן אין געשפּאַן און אַפילו נישט געפרעגט, וואָס עס טוט דאָ די פרעמדע פרוי. און כדי אָנצוהאַלטן דעם טראַנס האָט מנשה־ניקאָדעמוס אַ יאָג געטאָן די צוויי פערד, ווי אַ וויכער וואָלט זיי אָפּגעריסן פון פּלאַץ. פלאַוו־יאַ האָט זיך אָנגעהאַלטן אין אים, אַרומנעמענדיק זיין פעסטן גוף מיטביידע הענט, און דער רוימער האָט מיט גרויס וויכטיקייט אָנגעשטעלט זיין פּנים קעגן דעם ווינט.

די פערד, וואָס האָבן פריער צעקלאַפּט דעם גוף פון דעמעטריוסן, האָבן איצט געטראָגן דעם לייכטן געשפּאַן צו דער תפיסה, וואָס נעבן דעם קאַפּיטאָל.

און ביידע — פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ און מנשה־ניקאָדעמוס — זענען נישט אַוועק פון הינטער דעם ריזיקן אייזן־באַשלאָגענעם טויער, ביז איינער פון די פליגלען האָט זיך אָפּגעלענט מיט אַ קרעכץ, ווי מען וואָלט דעם פליגל פון טויער שוין לאַנג־לאַנג נישט געעפנט, און אַרויסגעלאָזט צוויי מענטשן, דעם רוימער און אַ צווייטן פרעמדן מענטש. און ווען ביידע זענען געווען זיכער, אַז עס איז געשען אַ טעות, אַנשטאָט אַרטאַפּאַנוסן איז באַפרייט געוואָרן אַן אַנדערער, איז דער פרעמדער מאַן אַרויפגעפאַלן אויף פלאַוויאַן מיט אַן אָכץ פון פרייד:

„אָך, פלאַוויאַ!"

אין דעם ברי פון זיינע ליפּן אויף אירע באַקן האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ דערקענט איר מאַן, אים דערפילט מיט איר לייב־און־לעבן און זי איז פאַר־שטיינערט געוואָרן אין זיינע אָרעמס. ניקאָדעמוס האָט קוים געקענט איינהאַלטן

זיינע טרערן, אָבער דערקענט אַרטאַפּאַנוסן האָט ער נישט. די לאַנג־אָנגעוואַק־סענע האָר פון קאָפּ האָבן זיך אויסגעמישט מיט די האָר פון זיין לאַנגער באָרד, און אויסטערליש צעריסן זענען געווען זיינע קליידער, ווי די קליידער פון די בעטלער־קאַליקעס אויף די מערק. און כדי דער רוימער, וואָס האָט אים איצט אויסגעזען שרעקלעך פרעמד און איבעריק, זאָל נישט צוזען זיין גערירט־קייט, האָט ניקאָדעמוס געזאָגט צו אים:

„זאָל אייך גאָט העלפן איר זאָלט נאָך באַוויזן אָנצוזאָגן אייער פאָטער, אַז איך האָב דעם לוין באַקומען...”

דער רוימער האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט זיך פלוצים געכאַפּט, אַז ער איז דאָ איבעריק. דער יודייער האָט זיינס באַקומען. מיט זעלבסט־דאַנקבאַרקייט פאַר האָבן אָפּגעטון אַ וויכטיקן אַקט, איז דער רוימער איינגעשטיגן אין געשפּאַן און פאַרשווונדן. ניקאָדעמוס איז איבערראַשט געוואָרן. צי איז אַרטאַפּאַנוס אינגאַנצן פריי? צי איז בטול געוואָרן דער באַפעל פון אימפּעראַטאָר אויף צו פאַרשיקן אים פון רוים? אָדער אפשר איז דער זון פון דעמעטריוסן אויף אַזוי פיל צעטראָגן, אַז ער האָט פאַרגעסן אַרטאַפּאַנוסן צוצושטעלן צום מאַגיסטראַט?

מיט פאַרזשמורעטע אויגן, נאָך אַלץ נישט אַרויסלאָזנדיק פלאַוויאַן פון זיינע אָרעמס, האָט אַרטאַפּאַנוס געקוקט אויף ניקאָדעמוסן און מיט אַ טיפער געפיל־באַהערשטער שטים געזאָגט:

„מנשה־ניקאָדעמוס, דער פריינט אין פרייד ווי אין לייד”.

ניקאָדעמוס איז אַרויפגעפאַלן אויף אַרטאַפּאַנוסעס אַקסל און קושנדיק זיין באָרד געהעשעט מיט טרערן, ווי אַ קינד נאָך אַ צעוויגטן געוויין:

„גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס, גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס, גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס”.

אַרטאַפּאַנוס האָט אים געקלאַפּט אין דער פלייצע און אים באַרואיקט, ווי מען באַרואיקט אַ קינד...

פון דעם ווי פלאַוויאַ איז געווען אויסגעלאָשן און איר גוף איז ווי קלענער געוואָרן, האָט אַרטאַפּאַנוס שוין געוווסט, אַז אירע שווייגנדיקע טרערן זאָגן אים אָן נישט קיין גוטע בשורות. פאַר וואָס וואָרט אים נישט אָפּ זאָסימוס? פאַר וואָס איז מיט דער מאַמען צום תפיסה־טויער נישט געקומען סאַבינאַ און זיין קעצל קאָקאָטיאַ? פלאַוויאַ האָט מיט איר גאַנצן כוח זיך איינגעגראָבן אין זיין גוף. זי האָט דערפילט, וואָס ער האָט אין דער רגע געטראַכט.

פאַרבייגייענדיקע האָבן זיך צוגעקוקט צו די דריי מענטשן אונטערן טויער פון דער תפיסה און דער ערשטער האָט זיך אויפגעוועקט אַרטאַפּאַנוס:

„לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען און זאָלן די לייט נישט זען אונדזער פאַר־לוירנקייט!”

„גערעכט, גערוסיאַרך — האָט ניקאָדעמוס אים גענומען אונטערן אָרעם — איר וועט גיין צו מיר אַהיים”.

באַמערקט ווי אַרטאַפּאַנוס באַטראַכט אים מיט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן, האָט מנשה־ניקאָדעמוס שנעל אויסגעבעסערט זיין פאָרשלאָג:

„אין דער ירושלימער סינאַגאָגע".

אַרטאַפּאַנוס האָט שטיל געפרעגט:

„צי האָב איך נישט קיין היים?"

ווי דער שאַרפער ריס פון לייוונט, האָט אַ שנײַדט געטון פלאַוויאַס אויסגעשריי אָן ווערטער. מנשה־ניקאָדעמוס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגעכאַפּט מיט זײַנע שטאַרקע הענט ביידע אָרעמס פון פלאַוויאַן און מיט דער פרוי אַ טרייסל געטון:

„צי איז דאָס אמת?"

פלאַוויאַ האָט געקוקט אויף אים דורך טרערן, ווי זי וואָלט געקוקט דורך אַ פאַררעגנטער שויב, און גאָרנישט געענטפערט. דאָס לשון איז איר אָפּגענומען געוואָרן און אירע גלידער זענען געווען ווי פאַרשטאַרט.

מנשה־ניקאָדעמוס האָט געשטאַמלט אַ פאַרענטפערונג:

„דער גורל האָט געטראָפן אַ סך אין אונדזער שטאָט... אין הונדערטער און הונדערטער משפחות און..."

„טרייסט מיך נישט מיט דעם, וואָס עס האָט אויך געטראָפן אַנדערע, פרייַנט ניקאָדעמוס, וועסט מיך דערמיט נישט טרייסטן".

„גערוסיאַרך..." — האָט ניקאָדעמוס געשטאַמלט.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אָנגעלענט אויף אים, מיט פאַרזשמורעטע אויגן געקוקט אין דער ווייטקייט און ער האָט גאָרנישט געזען.

פון דעם אויסזען פון זיין פלאַוויאַ האָט אַרטאַפּאַנוס פאַרצוואַגט זײַנע געדערעם נישט אַרויסצוווייזן זיין שוואַכקייט, וואָס איז אים באַפאַלן. דער אָרעם פון ניקאָדעמוסן האָט אים געשטיצט נישט מער, ווי אַן אָפּגעבראָכענע צווייג אויפן וואַסער שטיצט אַ טרינקענדיקן, וואָס ראַנגלט זיך מיטן טויטלעכן ווירבל. און ווי ער וואָלט עס געוווסט אויף זיכער האָט ער שטיל געגרימט פון ווייטיק:

„איצט ווייס איך. דאָס האָט מיין שונא אויס רחמנות צו מיר מיך באַפרייט פון תפיסה, און נישט צוליב מיין אומשולדיקייט".

„ניין, ניין!" — האָט פלאַוויאַ היסטעריש אויסגעשריגן און אים אַרומגעכאַפּט. אַרטאַפּאַנוס האָט זי צוגעטוליעט צו זיך.

קאפּיטל פופצן

אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אויסגעוויינט פאַר אַרטאַפּאַנוסן איר צעווייטיקט האַרץ און נישט איבערגעלאָזט גאָרנישט, וואָס זאָל זיין פאַר אים פאַרהוילן. און ער, אַרטאַפּאַנוס, האָט געמאָנט ביי איר, זי זאָל דערציילן נאָך און נאָך, כדי איר זאָל ווערן וואָס לייכטער און ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צום געפיל פון רחמנות צו איר, אַ געפיל, וואָס ער האָט געהאַסט מער ווי אַלץ אין דער וועלט. און אויסגיסנדיק איר האַרץ האָט זי זיך אויך מודה געווען, אַז זי איז געווען ביי יאָסעפוס פלאַוויוס. זי איז אָבער זיכער, אַז אויב זי האָט געפּועלט ביי אים ער זאָל ווירקן אויפן אימפּעראַטאָר וועס־פּאַסיאַנוס צו באַפרייען אַרטאַפּאַנוסן, האָט ער דאָס געטון נישט אויס רחמנות פאַר דעם וואָס עס האָט איר געטראָפן, נאָר צוליב דעם וואָס זי האָט געזאָגט, אַז אַרטאַפּאַנוס איז דער לעצטער פון די חשמונאים.

„אַ מענטש, וואָס האָט געקענט אין אַ שווערער שעה פאַר זיין פאָלק איבער־גיין צום שונא פון פאָלק, אַזאַ מענטש האָט נישט קיין רחמנות אויף אַ פרוי, וואָס גאָט האָט ביי איר צוגענומען די פרוכטן פון איר בויך. לייקן עס נישט, אַרטאַפּאַנוס, איך ווייס עס, וואָרום דאָס וואָס מענער דאַרפן לערנען, כדי צו וויסן, ווייסן פרויען מיט זייער געפיל. אָ, אַרטאַפּאַנוס, מענער אָנען נישט אפילו, דורך וואָס פאַר אַ דיקע מויערן פרויען קענען דורכקוקן און דורכפילן. און אויב דו האָסט מיר אַ מאָל געזאָגט מיר זאָלן אַוועק פון רוים און איך האָב דיך פון דעם אָפּגערעדט, האָב איך עס געטון נישט דערפאַר, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז דו ביסט נישט גערעכט, נאָר דערפאַר, ווייל איך בין געווען עגאָיסטיש, איך האָב נישט געוואָלט פאַרלירן די נאָענטקייט פון מיינע עלטערן, וואָס האָבן מיר מער גאָרנישט געגעבן, און איך האָב נישט געוואָלט פאַר־לאָזן די שטאָט פון מיין קינדהייט, וואָס האָט יעדן טראָפן פון גליק אין דער קינדהייט אין מיין עלטער אויסגעטוישט אויף ימים צער...״

„און איצט וועסטו גיין מיט מיר?״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

„איך וועל גיין בלינד. הלוואי וואָלט איך דעמאָלט מיט דיר געגאַנגען, וואָלט מיך דער גורל אַזוי נישט געשטראָפט״ — האָט פלאַוויאַ זיך געשאָקלט מיט פאַרבראָכענע הענט און אין איר שטים האָט אַרטאַפּאַנוס געהערט עפּעס פון דעם ניגון, מיט וועלכן יידן זאָגן קינות אין טאָג פון חורבן בית־המקדש.

אויף צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי אַרטאַפּאַנוס איז באַפרייט געוואָרן, האָבן

אָנגעהויבן גיין צו אים די גערוסיאַרכס און אַרכאָנטן פון די רוימישע סינאַגאָגעס אויף אויסצודריקן אים מיטגעפיל צום טויט פון זיינע קינדער און צו זען אים אַ באַפרייטן פון תפיסה. וואָרום הגם די אָנפירער פון די סינאַגאָגעס און פּראָסוי־כעס אין רוים האָבן געוווּסט, אַז אַרטאַפּאַנוס ווערט באַשולדיקט אין עובר זיין אויפן געזעץ פון רוים ווי אַ יחיד, האָבן זיי ביז צו זיין באַפרייאונג נאָך אַלץ מורא געהאַט, אַז די באַשולדיקונג וועט איבערגעטראָגן ווערן אויף אַלע יידן.

אַ שווער האַרץ האָט אַרטאַפּאַנוס געטראָגן אויף זיינע פריינט, וואָס אויסער דעם איינציקן מנשה־ניקאָדעמוס, האָבן זיי אַלע אויסגעמיטן זיין היים, צו מאָל נישט געקומען פרעגן פלאַוויאַן, צי מען קען איר מיט עפּעס העלפן. אפילו די אַרכאָנטן פון זיין אייגענער סינאַגאָגע, דער ירושלימער, האָבן, זעט אויס, נישט געריכט זיך, אַז זיי וועלן זען אַרטאַפּאַנוסן אַ באַפרייטן און זיי זענען זעלטן געקומען צו פלאַוויאַן זיך נאָכפרעגן אויף אים. זיי האָבן מורא געהאַט. עס האָט געלויערט דער אַלטער סענאַטאָר דעמעטריוס, וואָס גאַנץ רוים האָט איצט איבערדערציילט, ווי אַזוי דער אַטלעטישער ייד מנשה־ניקאָדעמוס האָט באַ־צווּנגען זיינע צעווילדעוועטע פערד און אים אָפּגעראַטעוועט פון טויט.

אַרטאַפּאַנוס האָט געוווּסט, אַז בלויז פּחד האָט אָפּגעהאַלטן אַלע זיינע פריינט צו בלייבן פריינט פון זיין הויז און איצט זוכן זיי אַ וועג צוריקצוגעווינען אים. ער האָט דעריבער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן זיינע שבחים פאַר דעם אמתן מאַן, מנשה־ניקאָדעמוס, וואָס פאַר זיין גרויסמוטיקייט האָט אים דער גורל באַלוינט מיט דעם זכות, אַז דער צורר דעמעטריוס זאָל דאַרפן דעם יידן דאַנ־קען פאַר די מינוטן, וואָס זענען אים געבליבן צו לעבן...

האָבן די געסט נישט געפילט זיך אַזוי גרויסמוטיק צו הערן אָט די ווער־טער, און אויף די פראַגן ווי ער האָט איבערגעטראָגן דעם פּיין פון דער תפי־סה, האָט ער געענטפערט דעם און יענעם:

„תפיסה איז ווי גלות; אויב מען האָט נישט דעם גלות אין האַרץ — איז מען אויך אין גלות אַ ווירדיקער און פרייער מענטש. און ווער עס איז פון דער נאַטור אַ פּחדן — איז אין תפיסה, אפילו ווען ער איז אויף דער פריי...״

אַרטאַפּאַנוס האָט אין זיין פאַרביטערטקייט, וואָס ער האָט אַזוי זאָרגפעלטיק אויסבאַהאַלטן, געצאָלט חובות. מנשה־ניקאָדעמוס האָט אים צוגעהאָלפן. ער האָט נישט פאַרמיטן צו דערציילן אַרטאַפּאַנוסן וועגן דער האַלטונג פון גמליאל־ניי־קידעס, דעם גערוסיאַרך פון דער קאָמפּעניעזער סינאַגאָגע, בעת זייער שתדלנות ביי יאָסעפוס פלאַוויוס. און אַרטאַפּאַנוס האָט סאַרקאַסטיש באַמערקט:

„ער, ניקידעס, האָט זיין גרויס פאַרמעגן דעראָבערט נישט מיט פלייס, נאָר מיט קריכערישקייט; ער קריכט אין מצרים, ווי ער קריכט אין סיריע און אויך דאָ, אין רוים, קריכט ער אויף אַלע פיר. אויך מיך האָט ער געחנפעט אויף יעדן פאַל״.

מנשה־ניקאָדעמוס האָט באַוווּנדערט אַרטאַפּאַנוסן: אַזוי לאַנג איז ער געווען

פאַרשפּאַרט אין דער תּפיסה און אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט, און דאָך ווייסט ער אַלץ. מיט די לאַנגע האָר אַראָפּגעוואַקסן ביז צו די אַקסלען און מיט דער ברייטער געדיכטער באָרד, האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגעזען אַזוי ווי מען דערציילט, אַז עס האָבן אויסגעזען די יידישע נביאים. צי איז נישט אַ מאָל אַרטאַפּאַנוס אַ נביא? ניקאָדעמוס וואָלט זייער געוואָלט אַרטאַפּאַנוס זאָל זיין אַ נביא. אָבער ער איז עס נישט געווען. זיין צערעדטקייט מיט די וואָס זענען געקומען צו אים אין זיין אָרעמער שטוב, איז געווען בלויז צוליב דעם, ער זאָל נישט צולאָזן, דער צער צוליבן טויט פון זיינע קינדער זאָל אים דער־שלאָגן. דערפאַר האָט ער אויך קיין רו נישט געגעבן פלאַוויאַן: זאָל זי באָר נישט זיצן און טראַכטן; זאָל זי באָר זיין אין באַוועגונג. און פלאַוויאַ האָט אים נאָך אַלץ נישט דערקענט. זי האָט געוווסט, אַז ער איז איר מאַן, אָבער ער איז נישט דער, וועלכן זי האָט געקענט פריער. איצט איז ער אַנדערש. ער פאָדערט פון איר זאַכן מיט אַן אַנדער טאָן ווי פריער, אַמאָל, און אַליין רעדט ער שנעלער און היציקער ווי ער פלעגט רעדן פריער, אַמאָל. און איר האַרץ איז ווי אַן אָפענע ווונד, וואָס בלוטיקט. צי בלוטיקט אויך זיין האַרץ?

ס'האָט געבלוטיקט, נאָר אַרטאַפּאַנוס האָט זיין געמיט פאַרבאָרגן פאַר די וואָס זענען געקומען אים טרייסטן. וואָרום ווען עס איז געקומען דער אַלטער דניאל, וואָס האָט געפירט ביי דער האַנט זיין טאָכטער, די יונגע אלמנה אס־תּר, איז אַרטאַפּאַנוס אים אַרויפגעפאַלן אויפן אַקסל און אַזוי לאַנג האָט ער דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן, ביז ער האָט באַהערשט די טרערן, וואָס האָבן זיך געשטופּט פון האַלדז, און ער האָט זיי באַצוווּנגען. דערנאָך האָט ער אויס־געשטרעקט די הענט צו אסתּרן און טוליענדיק זי צו זיך האָט ער געזאָגט:

„ויין, טאָכטער, וויין, טרערן מאַכן לייכטער. אַ מאַן טאָר נישט וויינען! אַ פרוי מוז וויינען! אַזוי האָט גאָט באַשאַפן דעם מאַן און אַזוי האָט ער באַשאַפן די פרוי פאַר דער צייט פון צער".

האָבן אַלע געוויינט: אסתּר, און פלאַוויאַ און די מענער, נאָר נישט אַר־טאַפּאַנוס.

און אין דעם געוויין האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט, גלעטנדיק דעם קאָפּ פון אסתּרן:

„וואָס מאַכט דיין מוטער? עס איז דערגאַנגען צו מיר, אַז אויך זי איז געווען קראַנק אויף דער שלעכטער קרענק".

„גאָט אין הימל האָט זי מיר פאַרשפּאָרט — האָט אַנשטאָט אסתּרן געענט־פערט איר פאָטער — נאָר זי איז נאָך שוואַך און זי איז צו־בעט".

„אָ, גוט, גאָט איז אויך מיט רחמים!" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט, האַלטנ־דיק דעם קאָפּ פאַרריסן צום באַלקן. און דאָס געוויין איז איבערגעריסן גע־וואָרן.

„ביסט פאַרביטערט, ברודער אַרטאַפּאַנוס, — האָט דניאל געזאָגט — אָבער אַ ייד דאַרף געדענקען, אַז ווען דער מאַן פון עוץ האָט אויסגעהערט די בשורות

פון די שליחים, איז ער אויפגעשטאַנען, צעריסן זיין מאַנטל, האָט אָפּגעשוירן דעם קאָפּ און איז געפאַלן צו דער ערד און זיך געבוקט און ער האָט געזאָגט, ווי אין די הייליקע שריפטן שטייט געשריבן: נאַקעט בין איך אַרויס פון מיין מוטערס בויך און נאַקעט וועל איך זיך צוריקקערן אַהין. גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען; זאָל געלויבט זיין גאָטס נאָמען".

„איך האָף צו אים, אַז ער וועט מיך נישט פּרוּוון ווייטער ווי ער האָט געפּרוּווט איובן. נישט יעדער ייד האָט דעם כּוח צו זיין אַ צדיק" — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט מיט אַ טאָן פון אויפגעבראַכטקייט, וואָס האָט געדאַרפט באַהאַלטן זיין צעטומלונג.

פלאַוויאַ־אַנטאַנינאַ איז צוגעגאַנגען צו אַרטאַפּאַנוסן, און אַרויפגעלייגנדיק אירע ביידע צאַרטע הענט אויף זיין ברוסט האָט זי געזאָגט צו אים אַלע זאַלן הערן:

„איך קען נישט די הייליקע שריפטן און איך ווייס נישט ווער עס איז געווען דער, וועגן וועמען איר רעדט, אָבער איינס ווייס איך, אַז גאָט האָט אַזאַ מאַן ווי דו נישט געדאַרפט שטראָפן אַזוי האַרב, ווי ער האָט דיך געשטראָפט, אַרטאַפּאַנוס. אַ צדיק ביסטו!"

אַרטאַפּאַנוס האָט אירע הענט אויף זיין ברוסט צוגעדעקט מיט זיין האַנט און מיט דער צווייטער געמאַכט אַ באַוועגונג צו די אַנוועזנדיקע:

„צי איז פאַראַן אַ צווייטע אין רוים און אין דער גאַנצער וועלט, ווי עס איז פלאַוויאַ־אַנטאַנינאַ?"

און נאָך איידער די אַנוועזנדיקע האָבן באַוויזן צו ענטפערן, האָבן זיך אין דער עפענונג פון דער טיר באַוויזן דריי מענער, וואָס האָבן מיט דעם אופן פון זייער אַריינקום און מיט זייער פרעמדקייט, איבערגעריסן די הויערנדיקע שטימונג אין דער קאַמער. דער ערשטער פון די אַריינגעקומענע איז געווען יאָסעפוס פלאַוויוס. זיין קורץ־געשוירענע באָרד און די האָר, וואָס זענען אים נאַכלעסיק אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, זענען געווען אין אַ שטיפערישן קאַנטראַסט צו דער עלעגאַנטער גוט־געטראָגענער טאָגע, ווי ער וואָלט געשפּילט אַ רוימער, אָדער ווי אַ רוימער וואָלט געשפּילט אַ יהודייער. די צוויי מענער הינטער אים, יונגע און קרעפטיקע, זענען געווען טיפּישע רוימער פון די סאָנדאַלן ביז זייערע נידעריק געשוירענע קעפּ.

פלאַוויוס האָט גוט געדענקט די אַרגומענטן פון פלאַוויאַ־אַנטאַנינאַ, פאַר וואָס זי איז געקומען צו אים בעטן ער זאָל זיך באַמיען ביים אימפּעראַטאָר צו באַפרייען אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַריינגעקומען אין הויז פון אבלים. אָבער ווי ער וואָלט דאָס אַלץ פאַרגעסן, האָט ער זיך באַגריסט פריי און מיט דער רוימישער מאַניערע, און ווענדנדיק דאָס פּנים צו פלאַוויאַן האָט ער געזאָגט צו אַרטאַפּאַנוסן:

„דאָס זענט איר זיכער אַרטאַפּאַנוס, אויב אַזוי באָענט צו אייך שטייט די טרעגערין פון דער ווייבלעכער פאָרם פון מיין נאָמען. מאַך איך נישט קיין טעות?"

„דאָס איז ריכטיק״ — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט און באַפרייענדיק זיך פון פלאַוויאַן האָט ער געמאַכט אַ טריט פאָרויס צו די אָריינגעקומענע.

„איך בין צופרידן צו זען אייך אַ פרייען״ — האָט אויך פלאַוויוס געמאַכט אַ טריט צו אַרטאַפּאַנוסן און די צוויי יונגע מענער הינטער אים האָבן זיך פאַרנייגט.

„יאָסעפוס פלאַוויוס!״ — האָט שטיל אויסגערופן פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האַלטנ־דיק די פינגער אויף די ליפּן.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי אַ מענטש וואָס ווערט פלוצים אַטאַקירט און גרייט זיך צו פאַרטיידיקונג. בלויז פלאַוויאַס ווערטער האָבן אים אַלאַרמירט, ווארום פלאַוויוסן האָט ער נישט דערקענט. ער האָט אים געזען בלויז איין מאָל, דעמאָלט, ווען ער האָט מאַרשירט אין טריאומף־צוג צוזאַמען מיט דעם אימפּעראַטאָר און זיינע צוויי זין, טיטוס און דאָמיציאַן. דעמאָלט האָט ער אויסגעזען אַ סך עלטער און אויך קרעפטיקער ווי איצט.

פלאַוויוס האָט באַמערקט ווי זיין נאָמען האָט אַלאַרמירט אַרטאַפּאַנוסן און ער האָט מיט נאָך מער פרייקייט און אַרומפירנדיק זיין בליק איבער די אַנ־ווענדיקע, וואָס זענען אַלע געשטאַנען פאַרגליווערט ווי די סקולפּטורן אויף די פאָרומס, געזאָגט:

„ווי איר ווייסט, בין איך געשיכטע־שרייבער פון אונדזער לאַנד און אויך מיינע צוויי יונגע פריינט זענען געשיכטע־שרייבער און פאָעטן״.

„און איך בין געווען זיכער, אַז יאָסעפוס פלאַוויוס איז אַ קריגסמאַן פון אונדזער לאַנד״ — האָט אַרטאַפּאַנוס באַמערקט מיט אַ ציטער אין דער שטים.

„דער לעצטער פון די חשמונאים ווייסט זיכער, וואָס עס זאָגט אין אונדזערע הייליקע שריפטן דער פילאָזאָף קהלת וועגן די ענדערונגען פון צייטן און סיטואַ־ציעס — אַ צייט צו זיין אַ קריגסמאַן און אַ צייט צו שרייבן געשיכטע. און נאָך האָט ער געזאָגט — פלאַוויוס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום באַלקן, אַוועקגע־שאַרט די האָר פון שטערן און ווייטער געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען דעם פּינקטלעכן טעקסט: — כי מי יודע מה טוב לאדם בחיים מספר ימי חיי הבלו ויעשם כצל. פאַרשטייט דער לעצטער פון די חשמונאים די שפּראַך פון דער הייליקער שריפט?״

„זיכער פאַרשטיי איך און רעד די שפּראַך, — האָט אַרטאַפּאַנוס גע־זאָגט נישט אָן שטאָלץ — אָבער פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין דער לעצ־טער פון די חשמונאים?״

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט געענטפערט דיפּלאָמאַטיש:

„יידן האָבן טענות צו די רוימער. אָבער נישט די רוימער האָבן אויסגע־מאָרדעט די חשמונאים, נאָר דאָס האָט געטון זייער אייגענער מלך, הורדוס. מיט אַלעקסאַנדרען האָט ער אומגעבראַכט דעם שטאַם פון די חשמונאים. אַנ־דערש האָבן געהאַנדלט די רוימער. אפילו דער אימפּעראַטאָר קאַיוס קאַליגולאַ, בעת ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער טעטראַרך פון גליל און פּערעא האָט

אים פֿאַרראַטן, האָט ער אים נישט געטויט, נאָר פֿאַרשיקט קיין גאַליע. ווי הייסט די שטאָט, ווו הורדוס־אַנטיפּאַס איז פֿאַרשיקט געוואָרן?" — האָט ער זיך געוואָנדן צו די צוויי רוימער.

לוגדונום" — האָט איינער באַמערקט.

„יאָ, לוגדונום, אין גאַליע" — האָט פֿלאַוויוס איבערגעחזרט.

„הורדוס־אַנטיפּאַס האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט די חשמונאים!" — האָט אַרטאַפּאַנוס באַמערקט, ווי צו אים וואָלט די דערציילונג וועגן פֿאַרשיקן נישט דערגאַנגען.

„איך האָב דאָס נישט געזאָגט" — האָט פֿלאַוויוס אויסגעצויגן די האַנט אין אַ באַרויִקנדיקער באַוועגונג — הורדוס־אַנטיפּאַס איז געווען דער זון פֿון דער שומרונישער פֿרוי פֿון הורדוסן, מאַלטאַקע. ווארום וואָס שייך זיינע זין, וואָס ער האָט געבוירן מיט מרימען, דער חשמונאיערין, האָט ער צום ערשטן זי אַליין אומגעבראַכט און שפּעטער געהייסן אויך אומברענגען די פּרינצן, אַלעקסאַנדער און אַריסטאָבול. דער טויט־אורטייל דורך דערשטיקן די פּרינצן איז אויסגעפֿירט געוואָרן אין שומרון־סעבאַסטאַ".

„איך באַוואונדער אייער וויסן" — האָט איצט מיט דרך־ארץ געזאָגט אַרטאַפּאַנוס.

יאָסעפֿוס פֿלאַוויוס איז אַריבערגעגאַנגען דעם קאָמפּלימענט און ווייטער דערציילט:

„הורדוס האָט אומגעבראַכט נישט בלויז דעם שטאַם פֿון די חשמונאים, נאָר האָט פֿאַרטיליקט אויך די אָפּצווייגן. צוועלף יאָר האָבן זיך אין אַ באַהעלטעניש אין מדבר יהודה אויסבאַהאַלטן די משפּחה בני־בבא. די בני־בבא זענען געווען קרובים פֿון די חשמונאים. זייער שיצער איז געווען דער הויפּט פֿון הורדוסעס וואַך, קאָסטאָבאַרוס, וואָס איז אויך געווען דער שוואָגער פֿון הורדוסן, ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין שוועסטער שלומית. אָבער... — פֿלאַוויוס האָט אויפֿגעהויבן די הענט און זיין פּנים האָט זיך צעשמייכלט — גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט און זי איבערגעגעבן דעם מאַן ער זאָל זי פֿירן. איז פֿון מאַן געבוירן געוואָרן די פֿרוי און זי האָט איבערגענומען די הערשאַפֿט איבערן מאַן. נאָך דעם ווי קאָסטאָבאַרוס האָט חתונה געהאַט מיט הורדוסעס שוועסטער, האָט ער אין נדן באַקומען דעם אַמט פֿון פֿאַרוואַלטער איבער אדום. ער אַליין האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה פֿון אדומישע פּריסטער און ער האָט געטרוימט אָפּצורייסן אדום און זי פֿאַרוואַנדלען אין אַן אומאָפּהענגיקער מדינה. שלומית וואָלט זיכער גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, זי אַליין זאָל זיין קעניגין. אָבער כדי דורכצופֿירן זיינע פּלענער האָט קאָסטאָבאַרוס געפֿירט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דער קעניגין קלעאָפּאַטרע. קלעאָפּאַטרע האָט געהאַט אַ גוט אויסגעפּרוווטן סיסטעם פֿאַר לייכטע פּאָליטישע נצחונות — זי האָט די נצחונות אָפּגעהאַלטן אין בעט..."

אין קאַמער האָט אויפֿגעריסן אַ געלעכטער, וואָס איז גלייך שאַרף אָפּגע־

שניטן געוואָרן. דאָך, אויך אין דעם פּיינלעכן מאָמענט, ווען אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך דערפילט שלעכט צוליב דעם נישט ווילנדיקן ספּאָנטאַנישן אומטאַקט, האָט פּלאַוויוס נישט באַהאַלטן זיין אויפגעלייגטקייט, און ווי עס וואָלט גאָר־נישט געשען, האָט ער ממשיך געווען:

„קאָסטאָבאַרוס איז געפאָרן צו קלעאָפּאַטרען אין בעט אַריין. זי האָט פון דעם נאָר געקענט געווינען, וואָרום, ערשטנס איז קאָסטאָבאַרוס געווען פון די שענסטע און קרעפטיקסטע מענער אין הורדוסעס הויף, און צווייטנס, וואָלט זי געהאָט די לאָיאַליטעט פון דעם זעלבשטענדיקן אדום. אָבער נאָך דעם ווי קאָס־טאָבאַרוס איז צוריקגעקומען פון קלעאָפּאַטרען, האָט שלומית באַמערקט אַן ענ־דערונג אין דער באַציאונג פון אים צו איר. ער האָט אויסגעמיטן איר בעט. און אַ פרוי קען איר מאַן אַלץ מוחל זיין און אַפילו באַרעכטיקן זיינע פאַר־ברעכנס, זי וועט אים אָבער נישט מוחל זיין דאָס, וואָס ער האָט אויסגעמיטן איר בעט. האָט זי אים פאַרמסרט פאַר איר ברודער הורדוס, אַז שוין צוועלף יאָר ווי ער שיצט די אויסבאַהאַלטענע בני־בבא און אַז ער האָט באַשלאָפן קלעאָפּאַטרען, כדי זי זאָל אים צוהעלפן אָפּרייסן פון זיין מלוכה — אדום. אַזוי אַרום האָט קאָסטאָבאַרוס געצויגן אויף זיך דעם טויט און אויך די בני־בבא זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון זייער באַהעלטעניש און ביז דעם לעצטן זענען זיי געקעפּט געוואָרן. איצט, ווען אייער ווייב האָט מיר דערציילט, אַז איר זענט אַן אָפּשטאַמיקער פון די חשמונאים, איז עס פאַר מיר אַ היסטאָרישע אַנטדעקונג. רוים האָט פון תמיד אָן געוואָלט ליבערשט די לאָיאַליטעט פון חשמונאים איידער די דינסט פון אוזורפּאַטאָרן. יוליוס צעזאַר האָט גערן אָנ־גענומען די דינסט פון אַריסטאָבולן. און הגם די שיינע און איידעלע מרים, נישט געקוקט וואָס זי איז געווען די באַליבטסטע פרוי פון הורדוסן, איז זי געווען אַ גרויסע יידישע פּאַטריאָטין און זי האָט געהאַסט די רוימער, האָבן אירע צוויי זין, די פּרינצן אַלעקסאַנדער און אַריסטאָבול, באַקומען זייער דערצי־אונג און אויסבילדונג אויפן הויף פון דעם אימפּעראַטאָר אויגוסטוס. ער האָט אין אָט די חשמונאים געזען די נאַטירלעכע יורשים פון דער מאַכט איבער יהודה. און נישט די רוימער זענען שולדיק דערין וואָס הורדוס האָט אומגעבראַכט סיי די מוטער און סיי אירע צוויי זין. הורדוס, וואָס איז געשטאָרבן מיט דער זיכערקייט, אַז ער האָט פאַרניכטעט די חשמונאים ביזן וואָרצל, וועט זיך דער־פילן אין קבר זייער אומאָנגענעם איבערראַשט, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז אין רוים לעבט נאָך אַן אָפּשטאַמיקער פון די חשמונאים. נישט אין יהודה, נאָר דווקא אין רוים! אָבער איצט איז זיין האַנט קורץ דעם לעצטן פון די חשמונאים צו דערגרייכן...״

„דערפאַר איז די האַנט פון רוים יאָ לאַנג אים צו דערגרייכן״ — האָט אַרטאַפּאַנוס האַסטיק אַ זאָג געטאָן.

אויף אַ רגע האָט זיך אָנגעשפּאַנט די אַטמאָספער אין דער קאַמער. די אָנוועזנדיקע האָבן זיך איבערגעקוקט. גמליאל־ניקידעס, דער גערוסיאַרך פון דער

קאַמפּאַניעזער סינאַגאָגע, האָט זיך אַ דערשראָקענער צוגעשאַרט צום אַרויס־גאַנג און געקוקט ווי אַזוי אַנטרונען צו ווערן. דניאל האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין פאַראָבלטער טאַכטער, ווי ער וואָלט זי געוואָלט שיצן פון נאָך אַן אומגליק. בלויז מנשה־ניקאָדעמוס איז געווען פול מיט פריידיקער שפּאַ־נונג און באַוווּנדערונג פאַר דעם שטאָלצן אַרטאַפּאַנוסן. די צוויי יונגע רוי־מער האָבן געשמייכלט אין פאַרלעגנהייט. בלויז יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אויפ־געהאַלטן זיין שטימונג און, ווי ער וואָלט נישט געפילט דעם סאַרקאַזם פון אַרטאַפּאַנוסן, געענטפערט אים:

„רוים איז אַ וועלט־מאַכט און זי האָט איר שטרייט מיט יהודה אויף אייביק פאַרענדיקט. אַלדאָס אַנדערע איז איצט נישט מער ווי געשיכטע, וואָס דאַרף פאַרשריבן ווערן ביז צום לעצטן וואָרט".

„איר זענט אַ געלערנטער מאַן, יוסף בן־מתתיהו — האָט אַרטאַפּאַנוס אַק־צענטירט זיין יידישן נאָמען — און איר ווייסט עס אויך ווי אַ קריגסמאַן, אַז אַ לאַנד קען מען באַהערשן מיט כוח און באַצווינגען; מיט כוח קאָן מען אָבער נישט באַהערשן און נישט באַצווינגען די געפילן פונעם מענטש. די קלוגע רוי־מער זאָגן דעריבער, אַז זיי האָבן באַצוווּנגען יהודה, זיי זאָגן אָבער נישט, אַז זיי האָבן באַצוווּנגען די יידן. ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס וואָלט געווען נישט ריכטיק. די יידן קאָן מען נישט באַצווינגען, און ווי לאַנג עס וועט לעבן אַפילו איין ייד אויף דער וועלט, וועט דער נצחון פון די רוימער נישט זיין קיין פולשטענדיקער און דערפאַר זענען מעגלעך אַלע אַנטוויקלונגען".

„איר גלייבט אין דעם וואָס איר זאָגט?" — האָט פלאַוויוס אָנגעשטעלט אויף אים פאַרוווּנדערטע אויגן.

„ווי איך גלייב אין גאָט!" — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט.

„אויב אַזוי, זענט איר ווירקלעך אַן אָפּשטאַמיקער פון די חשמונאים".

„איך בין עס!" — האָט אַרטאַפּאַנוס באַשטעטיקט.

„אויב אַזוי, איז מעגלעך צו לאָזן אייך בלייבן אין רוים — האָט יאָסעפוס געזאָגט מיט אַ גאַר פריינטלעכן טאָן און ווענדנדיק זיך צו די צוויי רוימער, גע־פרעגט: — צי זענט איר נישט ביי דער זעלבער מיינונג, מיינע יונגע פריינט?"

די פראַגע איז געווען בלויז אַ רעטאָרישע, וואָרום פלאַוויוס האָט אַפילו נישט געוואַרט ביז די יונגעלייט וועלן ענטפערן. מיט דער רגע ווי אַרטאַפּאַ־נוס האָט באַשטעטיקט, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון די חשמונאים, איז דער היסטאָריקער אינגאַנצן אַריין אינעם שטויב פון געשיכטע און גאָרנישט מער האָט אים אינטערעסירט: זאָל אים נאָר אַרטאַפּאַנוס דערציילן גענוי, ווי אַזוי ער איז קרוביש צו דער חשמונאישער דינאַסטיע, ווי אַזוי און דורך וועלכע אומשטענדן איז ער געקומען קיין רוים? ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פאַר־שערישער היץ, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף פלאַוור־יאַ־אַנטאָנינאַ און געזאָגט, זוכנדיק אין איר פּנים אַ באַשטעטיקונג:

„עס זעט מיר אויס, ווי אויך אייער פרוי וואָלט געשטאַמט פון יידישע אַדעליקע״.

מיט דער פולער ערנסטקייט האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט אַרומנעמענדיק פלאַוויאַן:

„זי שטאַמט נישט פון יידישע אַדעליקע. זי האָט איר אייגענעם יחוס: פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ איז די אַדעליקסטע פרוי, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן״.

יאָסעפוס־פלאַוויוס האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר איר און מיט דרך־ארץ געזאָגט:

„איך האָב די איידלקייט פון פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ באַמערקט נאָך איידער איך האָב געהערט איר שטים, און אירע ווערטער האָבן עס באַשטעטיקט״.

„אָ! — האָט אַרטאַפּאַנוס איצט אויסגערופן — איך האָב אייך נישט געבעטן זיך זעצן״.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. זייט ער איז אין דער היים האָט ער נאָך נישט גענוג באַמערקט, אַז במשך זיין אָפּוועזנהייט איז זיין הויז אַזוי אויסגעליידיקט געוואָרן, אַז עס איז נישטאָ וווּ אַוועקצוזעצן אַ גרעסערע צאָל געסט. די וואָס זענען ביז איצט געזעסן האָבן זיך פאַרלוירן פון אַרטאַפּאַנוסעס אַרומזוכן פלעצער פאַר יאָסעפוס פלאַוויוס און זיינע פריינט, און זיי האָבן שנעל די פלעצער באַפרייט. פלאַוויוס האָט געדאַנקט און באַרואיקט אַרטאַפּאַנוסן, אַז עס איז אים אָנגענעם צו שמועסן שטייענדיק, וואָרום נישט קיין פאַרבעטענער גאַסט איז ער, נאָר ער איז געקומען ווי אַ שריפטשטעלער, וואָס זוכט פאַרלוירענע פעדעם פון פאַרגאַנגענע צייטן און ער זעט שוין איצט, אַז ער וועט דאַרפן בעטן דער קיסר, ער זאָל באַוויליקן צו לאָזן אַרטאַפּאַנוסן אין רוים און אים נישט פאַרשיקן, כדי פון אַרטאַפּאַנוסן אַרויסצובאַקומען און פאַרשרייבן די געשיכטע פון זיין שטאַם.

אַרטאַפּאַנוס, וואָס האָט פריער געמאַכט זיך פאַרביילאָזן פאַרן אויער די באַמערקונג, אַז דער קיסר זאָל באַוויליקן צו לאָזן אים בלייבן אין רוים, האָט איצט מיט באַהאַלטענעם סאַרקאַזם, אָבער זייער העפלעך, געדאַנקט פאַר די חסדים, אָבער ער וועט די חסדים נישט אָננעמען. ער וועט אַפילו נישט וואַרטן דער קיסר זאָל אים באַפעלן צו פאַרלאָזן רוים, אָדער אים אַרויסשיקן מיט אַ מיליטערישער באַגלייטונג. ער וועט אַוועק פרייוויליק אַהין, וווּ די אימפּעראַטאָרן זענען זיך נוהג צו פאַרשיקן די, וואָס האָבן פאַרלוירן די לייטזעליקייט אין זייערע אויגן — קיין לוגדונום אין גאַליע.

אַ ציטער איז אַדורך איבער די לייבער פון די אַנוועזנדיקע פריינט פון אַרטאַפּאַנוסן. וועט טאַקע דער גערוסיאַרך פון דער ירושלימער סינאַגאָגע פאַרלאָזן רוים? אויך יאָסעפוס פלאַוויוס האָט באַהאַלטן זיין פאַרוואונדערונג, הלמאי אַזאַ מאַן, ווי אַרטאַפּאַנוס, נעמט אויף זיך פרייוויליק דעם גלות קיין גאַליע. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט די יונגע רוימער און צעפירנ־

דיק די הענט, ווי אַ מענטש, וואָס איז הילפֿלאָז, האָט ער העפֿלעך געזאָגט צו אַרטאַפּאַנוסן:

„צי וועט איר באַוויליקן צו שענקען מיר גענוג צייט אויף אויסצודערציילן פֿאַר מיר די געשיכטע פֿון אייער פֿאַמיליע, אויף וויפֿל איר געדענקט זי?"

אַרטאַפּאַנוס האָט מיט ביידע הענט אַ גלעט געטאָן איבער זיין באָרד און זיך איינגעקוקט אין די שפּיצן פֿון די באָרד־האָר:

„אויף צו דערציילן אייך די געשיכטע פֿון מיין משפּחה דאַרף מען האָבן אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן. וואָרום כדי דאָס בילד זאָל זיין פֿול, דאַרף מען אויך דערציילן וועגן דעם, וואָס מיין שטאַם האָט געדאַרפֿט טון און נישט געטון!..."

„אַזוי לאַנג קלייב איך זיך נישט לעבן, — האָט פֿלאַוויוס פֿאַרריכט די פֿאַלע פֿון דער טאָגע אויף זיין אָרעם — פֿאַר מיר וועט גענוג זיין, ווען איר וועט באַוויליקן צו זיצן מיט מיר אַ האַלבן טאָג, כדי איך זאָל האָבן צו שרייבן אַ גאַנץ יאָר. וואָרום די געשיכטע פֿון יידישער הערשאַפֿט איז ענלעך צו אַ קרוג, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף אַ שטיינערנעם דיל; אַלע ברעקלעך זענען פֿאַראַן, מען דאַרף אָבער האָבן געדולד זיי צוזאַמענצוקלייבן און צו רעסטאַוּרירן די קרוג".

„אַ צעבראָכענע קרוג, זאָגט איר, — האָט אַרטאַפּאַנוס צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט טרויעריקע אויגן געקוקט אויף יאָסעפֿוס פֿלאַוויוס — אַ צעבראָכענע קרוג פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט געקאָנט האָבן די וועלט און איז געבליבן אַפֿילו אָן אַן אייגן לאַנד".

אַרטאַפּאַנוס האָט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער. פֿלאַוויוס האָט אויף זיינע ווערטער נישט געוואָלט ענטפֿערן. ער איז צוגעקומען צו אַזאַ פּונקט אין שמועס, וואָס עס איז בעסער אָפּצוהאַקן אים אין דער קעגנוואָרט פֿון אַזוי פֿיל אויגן און אויערן. פֿלאַוויוס האָט דעריבער פֿאַרבעטן זיין מיטשמועסער צו זיך אַהיים און אַרטאַפּאַנוס האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, ווייל אין אים האָט זיך צעגליט דער לוסט צו זאָגן אים, וואָס ער האָט שוין לאַנג געוואָלט אים זאָגן, נאָר נישט געהאַט קיין געלעגנהייט.

הגם נישט פֿאַרבעטענע זענען זיי געווען, פֿלאַוויוס און זיינע צוויי יונגע פֿריינט, האָט זיי אַרטאַפּאַנוס באַגלייט צום אַרויסגאַנג. פֿאַרביי דער גאַס האָבן זיך געצויגן עטלעכע לוויהס, וואָס זייער אומצערעמאָניאַלקייט האָט עדות געזאָגט, אַז די מתים זענען קרבנות פֿון דער שוואַרצער קרענק. יאָסעפֿוס פֿלאַוויוס איז שנעל אַריבער די גאַס און אַריבערגערופֿן איבער די לוויהס צו אַרטאַפּאַנוסן:

„איך פֿאַרהאָף, אַז איר וועט זיכער קומען צו מיר!"

אַרטאַפּאַנוס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך איינגעקוקט אין דעם מתים־קאַראַוואַן:

„רוים שטאַרבט אויס און מיר שטאַרבן אויס מיט איר" — האָט ער געשעפּטשעט און געקוקט בלענדיק.

קאפיטל זעכצן

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז שוין אַרטאַפּאַנוס געווען גרייט צו פֿאַר־לאָזן רוים. ער האָט פֿאַרהאַנדלט דאָס לעצטע, וואָס ער האָט נאָך געקענט פֿאַרהאַנדלען, בלויז כדי נישט אַוועקצוגיין אָן אַ פּאָר גאָלדענע מטבעות אין גאַרטל. און כדי נישט צו בלייבן שולדיק קיין שום חוב, איז ער אויך אַוועק צו יאָסעפוס פלאַוויוס, ווייל ער האָט אים צוגעזאָגט צו קומען.

ווי אין זיין שטייגער, נישט צו געדענקען, אָבער אויך נישט צו פֿאַרגעסן, האָט אַרטאַפּאַנוס נישט געהאַט בדעה צו שטראָפֿן יאָסעפוס פלאַוויוס. ס'האָט אים אינטריגירט דאָס, וואָס פלאַוויוס וויל פֿאַרשרייבן זיין אָפּשטאַם פֿון די חשמונאים. ער וועט פֿאַרשרייבן זיין שטאַם נישט צום פֿאַרגעסן. ווער אפשר דאָס געשריבענע אַמאָל דערגיין אין די הענט פֿון אַ שטאַרקן יידישן שטאַם, וואָס וועט פּרווון אָנהייבן נאָך אַ מאָל, דאָס וואָס זיין אייגענער שטאַם האָט אַמאָל געפּרווט און לסוף פֿאַרשפּילט. אָבער גלייך ווי אַרטאַפּאַנוס איז אַריינגעקו־מען אין הויז פֿון פלאַוויוסן, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן פֿון צו זאָגן, אַז עס האָט אפשר נישט קיין זין יידן אין גלות זאָלן פֿאַרבלייבן מיט פֿאַרשריבענע פּאַרמעטן אָנשטאָט אָן אייגענע היים. אויב יידן אין ארץ־ישראל האָבן פֿאַרשריבן די אייטלקייטן פֿון זייערע מלכים און הערשער, האָבן זיי עס געטון אפשר, כדי די נאָכקומענדיקע זאָלן אַוועקשטעלן איבער זיך בעסערע מלכים. צו וואָס פֿאַרשרייבן די אייטלקייטן פֿון יידישע מלכים, בעת עס איז מער קיין יידיש לאַנד נישטאָ און במילא קענען יידן נישט אַוועקשטעלן איבער זיך בעסערע הערשער?

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט אַ שמייכל געטון, ווי אַ פֿאָטער טוט אַ שמייכל, ווען זיין אומוויסנדיק קינד רעדט אַ נאַרישקייט:

„אַ רופא שניידט אינעם לייב פֿון אַ קראַנקן נישט נאָר כדי צו ראַטע־ווען דעם קראַנקן, נאָר אויך לשם נסיון פֿאַר די קומענדיקע רופאים, ווי פֿאַר די קומענדיקע קראַנקע. שרייבן געשיכטע הייסט אויך שניידן אינעם לייב פֿון אַ פֿאָלק, כדי די ווייטערדיקע דורות פֿון דעם פֿאָלק זאָלן קענען זיין אייגע־נעם גוף, זיינע אייגענע שוואַכע איברים אום צו וויסן ווי צו היילן, וואָס עס דאַרף געהיילט ווערן, און צו קרעפּטיקן, וואָס עס דאַרף געקרעפּטיקט ווערן"

„קען איך מיט אייך רעדן אָפֿן?" — האָט אַרטאַפּאַנוס פּלוצים געפֿרעגט.

„איך בין אַ ייד פונקט ווי איר און איר קענט מיט מיר רעדן ווי מיט אַן אײגענעם, — האָט פלאַוויוס אָנגענומען ביים זוים פון אַרטאַפּאַנוסעס צעדריווּל־טער טאָגע — בלויז ווען איך בין געקומען צו אייך אַהיים, האָב איך געהאַלטן פאַר געזונטער מיטצונעמען צוויי יונגע רוימישע היסטאָריקער פון דעם קיסרס סביבה, כדי אויסצומיידן אינטריגעס קעגן מיר".

„אינטריגעס קעגן אייך ?..." — האָט ספּיקותדיק געפרעגט אַרטאַפּאַנוס.

פלאַוויוס האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און אָנגעהויבן אַרומגיין איבער דער גרויסער קאַמער :

„איך ווייס, אַז יידן טראַכטן וועגן מיר ווי וועגן אַ פאַררעטער און זיי ווייכן פון מיר... עס איז מיר אויך נישט פרעמד דאָס, וואָס איר האָט גע־זאָגט וועגן מיר זייט איך בין געקומען מיט טיטוסן קיין רוים... בוגד... וואָס דען ?... אַ מאַן פון מלחמה פאַרלאָזט די מחנה פון די קעמפער פון זיין פאָלק און רופט צו קאַפּיטולירן פאַרן שונא... אַ בוגד..."

פלאַוויוס האָט זיך פלוצים פאַרהאַלטן אַנטקעגן אַרטאַפּאַנוסן און אים דורכ־דרינגלעך אַריינגעקוקט אין די אויגן :

„אויך אין אייערע אויגן בין איך אַ פאַררעטער... ניין, ניין, לייקנט עס נישט. צום אומגליק, ווערן הערשער געמשפט נאָר דורך אַנדערע הערשער, אָבער נישט דורך זייערע פעלקער. און פעלקער פאַרזעען, אַז אָפט זענען איי־גענע הערשער מער שולדיק אין זייערע אומגליקן, ווי פרעמדע, וואָס קומען בלויז אויסנוצן פאַר זיך דאָס שלעכטס, וואָס די אייגענע מנהיגים זענען גורם געווען. אונדזערע נביאים האָבן דאָס געזען. אָבער ווער האָט געהערט אונדזערע נביאים ? זייערע שיינע ווערטער און די שטראָף־רייד באַשיינען בלויז אונדזערע הייליקע ספרים, אָבער די הערשער האָבן ווייטער זייערס געטון... נאָר אַזעל־כער ווי איך, וואָס האָט געזען דעם תהום, וואָס די הערשער האָבן פריער גע־שאַפן פאַרן פאָלק און געמיינט מיט זיינע מעשים אָפּצוראַטעווען דאָס לעצטע... איך בין דער פאַררעטער !"

„איר האָט זיך געזעגנט מיטן פנים צו אונדזער שונא, ווען דאָס פאָלק האָט געבלוטיקט" — האָט אַרטאַפּאַנוס הארט געזאָגט.

„ווייל איך האָב געזען, אַז די מלחמה קעגן די רוימער איז פאַרשפּילט, נישט אַזוי צוליב דער שטאַרקייט פון די רוימער, ווי צוליב דער אויסבלוטי־קונג אין דער מלחמה, וואָס יידן האָבן געפירט צווישן זיך... צי וועט עמעצן איצט איינפאַלן צו טראַכטן שלעכט וועגן יוחנן בן־זכאי, וואָס האָט מיט דער הילף פון די רוימער זיך אַרויסבאַקומען פון באַלאַגערטן ירושלים און צוזאַמען מיט זיינע תלמידים אָפּגעראַטעוועט דעם קערן פון דעם גייסט פון פאָלק ? ווען די סיקאַריער זאָלן האָבן דערשטאָכן יוחנן בן־זכאי, בעת זיינע תלמידים האָבן אים אַרויסגעטראָגן ווי אַ טויטן פון די טויערן פון ירושלים, וואָלט איצט מער קיין איין ייד נישט געבליבן אין אונדזער לאַנד און יידן אין גלות וואָלטן

נישט געהאַט וווהין צו ווענדן זייערע אויגן... לייקנט דאָס נישט! דאָס איז דער אמת!"

„איך לייקן דאָס נישט" — האָט אַרטאַפּאַנוס שטיל געזאָגט.

„פאַר וואָס זאָלט איר נישט גלייבן, אַז איך און מיינס גלייכן האָבן געצילט צו פאַרמינערן די פיזישע קרבנות, ווי דער רבי האָט געצילט אָפּצוראַטעווען דעם גייסט פון יידן? צי נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז מיר נישט געלונגען, בין איך אַ פאַררעטער?"

„די שטים פון פאָלק איז די שטים פון גאָט. אַזוי זאָגן די רוימער. ריכטיק?" — האָט אַרטאַפּאַנוס געפרעגט.

„וועלכעס פאָלק? פינף יאָר פאַר דעם חורבן פון ירושלים האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין פאָלק, נאָר צעריסענע פיינטלעכע שטיקער, וואָס האָבן אייננאַנדער געוואָלט אומברענגען. און נאָך דעם ווי דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אויך מיט דעם אויסערלעכן פיינט, מוז מען געפינען דעם שולדיקן. און שולדיק זענען, נאַטירלעך, די, וואָס האָבן געוואָלט כאָטש טיילווייז פאַרמיידן די פולשטענדיקע פאַרניכטונג. קיינער האָט נאָך זיך אַליין נישט באַשולדיקט פאַר אייגענע זינד, דעריבער זוכט ער די שולדיקע אין דער נאָענטסטער סביבה, און וואָס עמעצער איז נעענטער, אַלץ מער וואַרפט ער אויף אים אַרויף זיינע זינד. נאַטירלעך, שולדיק זענען נישט די, וואָס האָבן אויף יהודה אויפגעבראַכט הערשער פון אַ פרעמדן שטאַם, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָט געלאָקט אַלץ וואָס איז פרעמד. און שולדיק זענען נישט די, וואָס מיט דער הילף פון די רוימער האָבן זיי אויסגעצאַפּט דאָס בלוט פונעם פאָלק, נאָר שולדיק זענען די, וואָס האָבן די לעצטע געוואָלט אָפּראַטעווען, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז עס לאָזט זיך אָפּראַטעווען. און דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיין פון די לעצטע און פון די פאַרשפּילטע... דעריבער בין איך דער פאַררעטער... צי האָט נישט אַ זון פון די חשמונאים, דער מלך אַריסטאָבול, זיך פאַרבונדן מיט יוליוס צעזאַר, מיט דער האָפענונג דורך אים צו ראַטעווען יהודה?..."

אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעציטערט, ווי די ווערטער פון פלאַוויוסן וואָלטן אויפגעריסן זיינע אַן אַלטע ווונד. אויף אַ רגע האָט ער פאַרגעסן וווּ ער געפינט זיך און עס זענען אויף אים אָנגעלאָפן אויסטערלישע ריחות, אַמאָל געפילטע, פאַרבונדענע מיט געשעענישן, וואָס זייער ריי האָט ער איצט נישט געדענקט. יאָ, ס'איז ריכטיק... דמשק... די רוימער... אַריסטאָבול און הורקנוס ביי פּאָמפּייאוסן אין פּאַלאַץ... קלאַודיאַ... קלאַודיאַ... מלחמה... געפאַנגענשאַפט...

„זענט איר נישט מסכים מיט מיר?" — האָט פלאַוויוס געפרעגט.

אַרטאַפּאַנוס איז געווען ווייט, ווייט, אין אַנדערע צייטן און אין אַנדערע וועלטן און ער האָט די פראַגע נישט דערהערט, ביז פלאַוויוס האָט זי איבערגעחזרט העכער און צודרינגלעכער און אַרטאַפּאַנוסן אַרויסגעוועקט:

„הע? יאָ. איר פרעגט, צי איך בין נישט מסכים מיט אייך? איך בין מסכים

מיט די רוימער אין זייער פּראַקטישער חכמה, אַז זיגער ווערן נישט געמשפּט און ווײ איז צו די באַזיגטע".

„איר האָט פון די רוימער אויך געלערנט צו ענטפערן אויף אַ פראַגע, נאָר נישט אויף דער, וואָס איז געפרעגט געוואָרן" — האָט פלאַוויוס געזאָגט מיט אַ גערייצטן טאָן.

„דאָס גוטע מעג מען לערנען אויך פון פיינט" — איז אַרטאַפּאַנוס נישט געבליבן שולדיק.

„איר זענט גערעכט, — האָט פלאַוויוס אַ קלאַפּ געטאָן מיט צוויי פינגער, איינעם אין אַנדערן, און ווידער אָנגעהויבן אַרומגיין איבער דער קאַמער מיט די הענט אויף הינטן — ווי נאָר די רוימער האָבן זיך באַוויזן אַרום אונדזער לאַנד, זענען דעלעגאַציעס און קעניגלעכע שליחים געפאָרן קיין רוים און געבעטן, ווער שטיצע און ווער רחמים, און קיינער פון זיי איז נישט געווען קיין פאַר־רעטער... נאָר איך... נישט די גלילער באַנדיטן זענען פאַררעטער, וואָס האָבן געבראַכט צום חורבן, נאָר איך, יוסף בן־מתתיהו..."

אין דעם אופן ווי יאָסעפוס פלאַוויוס איז געגאַנגען איבער דער קאַמער, מיט דעם קערפּער פאָרויס, און געדריקט די פויסטן פון די פאַרלייגטע הענט, האָט אַרטאַפּאַנוס אַרויסגעפילט, ווי שטאַרק עס אַרט אים די מיינונג, וואָס יידן האָבן וועגן זיין ראָל אין דער יידישער מלחמה אויף דער זייט פון די רוימער. ער אַליין האָט דאָך אים אַנומלט אָנגערופן נישט אַנדערש ווי בוגד. איצט, אונטערן דרוק פון זיינע אייגענע ליידן, וואָלט אַרטאַפּאַנוס אפשר נישט אָנגערופן אים בוגד, וואָרום אַ געפיל פון רחמנות וועקט זיך אין אים צו דעם מאַן, וואָס גייט פון וואַנט צו וואַנט, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעשלאָסן אין אַ שטייג.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך פלאַוויוס פאַרהאַלטן ביי זיין גרויסן טיש און אויסשטרעקנדיק די האַנט מיט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט אין איר געהאַלטן אַ שווערד, האָט ער אָנגעוויזן אויף די פּאַרמעט־ראָלן:

„דאָ ליגן אַלע רינגען פון דער קייט פון יידישע מלחמות. דער קיסר וועספּאַסיאַנוס גיט מיר מעגלעכקייטן צו פאַרבינדן די רינגען אין דער לאַנגער קייט, און זי וועט דערציילן דעם אמת. דאַרפט אויך איר מיר דערציילן דעם אמת, ווי אַזוי זענט איר אַ גליד אין דעם שטאָם פון די חשמונאים. אַ גאַנץ לעבן קאָן מען זאָגן שקר און אפילו דערפאַר באַלוינט ווערן מיט שבח פון חכמה, פּאָליטישן פאַרנונפט און שטאַטלעכער גרויסקייט, אָבער פאַר דער גע־שיכטע טאָר מען נישט זאָגן שקר. געשיכטע איז אַן אַדורכגעטריבענער קאָנ־פראָנטאַנט".

פלאַוויוס האָט אָפּגעהאַקט זיינע אַ ביסל פּאַטעטישע ווערטער, צוגעגאַנגען נעענטער צו אַרטאַפּאַנוסן און געזאָגט צו אים מיט אַ טאָן פון פאַרטרוילעכ־קייט, ווי ער וואָלט אים דערציילט אַן אינטימע רכילות:

„הערשער האָבן מזל, וואָס זיי לעבן נישט אַזוי לאַנג, ביז די געשיכטע

פון זייער רעגירן וועט זיך אויסזייערן און זייערן שקרים וועלן אַרויפשווימען מיטן פערמענט. ווען יאָ — וואָלט קיין איינציקער פון זיי נישט געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. מען וואָלט זיי אַלע געקעפּט".

„ווען איר וואָלט דאָס געזאָגט עפנטלעך, — האָט זיך אָפּגערופן אַרטאַפּאַנוס — וואָלט מען אויך אייך געקעפּט".

„איר ווייסט? איינער פון די הענקער, אַ געצנדינער, האָט זיך באַקענט צום קריסטנטום נאָר דערפאַר, ווייל די קריסטן גלייבן אין אַ גאָט, וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטש, און אין זיין ערשטער תפילה האָט ער געדאַנקט דעם באַשעפער פון מענטש דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט, אַז צווישן קאָפּ און גוף זאָל זיין אַ דינער האַלדז, כדי ער, דער הענקער, זאָל זיך נישט דאַרפן צו פיל אָנשטרענגען ביים אָפּהאַקן קעפּ..."

יאָסעפוס פלאַוויוס האָט זיך פריי און הויך צעלאַכט פון זיין אייגענער דערציילונג, אָבער ווען ער האָט באַמערקט, אַז זיין גאַסט לאַכט נישט מיט, איז ער אויך געוואָרן ערנסט און אַריבער צו דעם אייגנטלעכן שמועס, צוליב וועלכן אַרטאַפּאַנוס איז געקומען צו אים.

זיי האָבן פאַרבראַכט אין שמועס ביז די שיין אין דרויסן איז געוואָרן געלבלעך און זייערע אייגענע געמיטער — האַרבסטיק. ביידנס וועגן קיין רוים זענען געווען אַנדערע, פאַרשיידנאַרטיקע, אין אַנדערע צייטן, און הגם ביידע זענען געווען זין פון איין פאָלק, האָבן זיי זיך נישט פאַרשטאַנען. דאָס איינציקע פון דעם שמועס איז געווען, וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט מער נישט געהאַסט פלאַוויוסן. ער האָט צו מאָל באַוואונדערט זיין אויסקענען זיך אין דער געשיכטע פון יידישע הערשער, ווי ער וואָלט אויף יעדן קעניגלעכן הויף געלעבט אַ באַזונדער לעבן און ווי ער וואָלט אין יעדער מלחמה מיטגעקעמפט. אין שמועס האָט פלאַוויוס אַפילו אים דערמאָנט זאַכן, וואָס זענען געשען אין דער סביבה פון אים אַליין, אַרטאַפּאַנוסן, אין ירושלים, נאָר זיי זענען פאַרהילט געוואָרן אין אַ נעפּל און בלויז זייערע קאָנטורן האָבן זיך ערגעץ־ווו אין זכרון באַהאַלטן.

ביים געזעגענען זיך האָט דער אויפריכטיקער אַרטאַפּאַנוס נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן פון צו זאָגן אים:

„איצט פאַרשטיי איך, פאַר וואָס טיטוס האָט אייך נישט פאַרשטויסן, נאָך דעם ווי ער האָט צוריקגעקערט קיין רוים ווי דער זיגער. ווער נאָך וועט קאָנען באַשרייבן זיין זיג אַזוי ווי איר? אָבער פאַרוואָס אונדזער פאָלק? פאַר אונדזער פאָלק וועט אייער באַשרייבן אָנפילן יעדן ייד מיט אייביקער בענקשאַפט צו דעם, וואָס איז געווען און וועט מער נישט זיין. מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער היים! און מער ווי בענקשאַפטן זענען אונדז נישט געבליבן. און ווער נאָך, אַזוי ווי איך, קאָן פילן דעם צער פון קוקן אויף אַן אייגענער היים, ווי אויף אַ קבר, און לעבן ווייטער מיט דעם געדעכעניש פון דעם וואָס איז געווען?"

אויסציִענדיק צו אַרטאַפּאַנוסן די האַנט, ביי דער שוועל, האָט פּלאַוויוס שטיל געזאָגט:

„און דערפאַר איז מיר לייכטער, ווען איך לעב מיטן המשך פון געשיכ־טע. איך האָב דאָס געפיל, אַז איך לעב אין דער אייביקייט — גאָרנישט הייבט זיך אָן און גאָרנישט ענדיקט זיך...״

אַ צעקלעמטער איז אַרטאַפּאַנוס אַראָפּ פון די טרעפּ. דער הימל איבער אים, אַ באַלויכטענער פון דער שפּעטער זון, איז געווען ווי באַפּלעקטער קר־פּער און האָט אָפּגעשלאָגן אויף דער ערד מיט אַן אומהיימלעכער לעצטער ליכ־טיקייט. אין זיינע אייגענע טריט האָט ער געזען זיינע לעצטע טריט אויף דער ערד פון רוים: דעם זעלבן וועג וועט ער שוין מער קיינמאָל נישט דורכגיין. אַלץ, די ביימער, די מאָנומענטן, די טורעמס און טעמפּלען וועלן אַוועקגיין פון אים אין אַן אומבאַקאַנטער ווייטקייט. און אַנטקעגן וואָס וועט ער אַליין גיין? בלויז זיך אַליין וועט ער פירן מיט זיך, זיין אייגענעם זכרון און זיין איי־גענע באַשטימונג. באַשטימונג? אַ מאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער ווייסט און קען די באַשטימונג פון צו זיין אַ ייד. ער האָט געפילט די באַשטימונג. איצט ווייסט ער גאָרנישט. ער איז ווי אַ בוים, וואָס מען האָט אָפּגעריסן פון אים אַלע זיינע צווייגן און קיין גרין בלעטל איז אויף אים נישט געב־ליבן. בלויז איין צווייג איז נישט דערריסן געוואָרן — פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ — און ער ווייסט, אַז ווי ער טראַכט, אַז אַן דער פאַרוואונדעטער צווייג קען ער נישט לעבן, אַזוי טראַכט אויך די צווייג, אַז אָן דעם שטאַם וועט זי אָפּטריקענען.

בעת ער איז צוגעקומען צו זיין הויז איז שוין געווען טונקל און פאַר דער טיר האָט געוואַרט פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ. ער האָט זיך פאַרענטפערט, הלמאי ער האָט זיך אַזוי לאַנג געזוימט און געלאָזט זי אַליין, און ער האָט זי אָנגע־נומען ביי דער האַנט און אַריינגעפירט אין הויז, וווּ עס איז שוין געווען גוט פינצטער. זיי האָבן אפילו קיין אייל־לעמפּל נישט אָנגעצונדן און, ווי זיי וואָלטן געהאַט איין האַרץ און איין מחשבה, האָבן זיי געפילט, אַז אַזוי איז בעסער: אין דער פינצטער זעט מען נישט די פּוסטקייט. דאָס הויכע און געדיכטע גע־רעדעריי פון פאַרבייגייער הילכט אָפּ מיט דעם לעצטן ביסל היימישקייט.

עס איז געווען די לעצטע נאַכט פון זייער זיין אין רוים.

אויפצומאָרגנס גאַנץ פרי זענען זיי אַוועק אין דער ירושלימער סינאַגאָ־גע, וווּ דער גערוסיאַרך האָט זיך געדאַרפט געזעגענען מיט זיין קהילה. פריער, פאַר אים, זענען געקומען די אַרכאָנטן, די מנדבים, די סוחרים און בעל־מלא־כהס פון טראַסטעווערע. בעת אַרטאַפּאַנוס און פּלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ זענען אָנ־געקומען, האָבן די אָנוועזנדיקע געמאַכט פאַר זיי אַ וואַרע. פּלאַוויאַ האָט זיך אָפּגעטיילט, כדי אַרויפצוגיין אין דעם טייל פאַר פרויען, אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און אַ צי געטאָן צו זיך:

„גענוג ביסטו געווען אַליין״ — האָט ער געזאָגט שטיל און זי ווייטער גע־פירט מיט זיך. מיט דער פרייער האַנט האָט זי טיפער אַראָפּגערוקט דעם קאָפּ־

טור איבער אירע אויגן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַרטאַפּאַנוס האָט זי אַרויפֿגעפירט אויף דעם פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען די שטול פֿאַר דעם גערר־סיאַרך, און ער האָט אויף איר אַוועקגעזעצט פּלאַוויאַן, בעת אַליין האָט ער זיך געשטעלט פֿון איר רעכטער זייט.

אַ מורמל איז אַדורך איבער דער סינאַגאָגע: יאָסיפּוס, וואָס האָט באַזונגען מיט אַ שיר המעלות די חתונה פֿון דעם גערוסיאַרכס זון, זאָסימוס, וועט איצט געזעגענען מיט אַ תפֿילה דעם גערוסיאַרך אין אַבילה. אָבער ווען די תפֿילה האָט זיך אָנגעהויבן האָט דעם אַרכאַנטס שטים נישט געקלונגען מיט דעם קלאַנג פֿון לויטערע גלעקלעך, ווי זיין שטייגער פֿון זינגען, נאָר ער האָט געזאָגט מיט אַ בעטנדיקער שטים די תפֿילה פֿון קדיש, וואָס דערהייבט די גרויסקייט פֿון גאָט אויף אייביק און פֿאַר אַלע צייטן. און אַלע האָבן געוווּסט, אַז די טרייסט פֿאַר ציון, וואָס אין דער תפֿילה, איז איצט די טרייסט פֿאַר אַרטאַפּאַנוסן און פּלאַוויאַן. און ווען יאָסיפּוס האָט אויסגערופן „ואמרו אמן!" האָט זיך דער „אמן" ביי אַלע אַרויסגעריסן מיט טרערן.

פּלוצים, ווי פֿאַרשפּעטיקטע, זענען אין דער סינאַגאָגע אַריין מנשה־ניקאַ־דעמוס און דער אַלטער דניאל. זיי האָבן געוווּסט, אַז איידער זיי קומען, קאָן דער גערוסיאַרך נישט אַוועקפֿאָרן. דאָס האָבן זיי צו דער סינאַגאָגע געבראַכט אַ געשפּאַן מיט צוויי פֿערד און מתנות צום געזעגענען זיך, אָבער אין דער סינאַגאָגע זענען זיי אַריין מיט אַזאַ אימפּעט, ווי זיי וואָלטן זיך נישט גע־ריכט מער צו טרעפֿן אַרטאַפּאַנוסן. זענען זיי געבליבן שטיין אין האַלבוועג פֿאַרלוירענע, און זיך מער נישט גערירט פֿון פּלאַץ, ביז דער לעצטער אויס־קלאַנג פֿון דער תפֿילה אויף אַ סך שלום פֿון הימל און לעבן אויף אונדז און אויפֿן גאַנצן פֿאָלק ישראל „אמן!" — האָט אַ הילך געטון איבער דער סינאַ־גאָגע.

עס איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן זיך אַ שטופּ געטאָן נעענטער. אַרטאַ־פּאַנוס איז צוגעגאַנגען צום פּלאַץ אויפֿן בעלעמער, פֿון וועלכן ער פֿלעגט רעדן, און אָנגעמענדיק מיט די הענט ביידע זייטן פֿון זיין אָפּגעטראָגענער טאָגע, האָט ער געזאָגט מיט אַ טיפֿער און איינגעהאַלטענער שטים:

„אַרעם איז מיין לשון איך זאָל קענען זאָגן מער ווי עס זאָגט די תפֿילה, און פֿאַרקלעמט איז מיין האַרץ. מיר זענען אַלע באַשעפֿענישן פֿון אונדזער גאָט און נישט מיר ווייסן זיינע וועגן און מחשבות, נאָר ער צייכנט אָן וועגן פֿאַר אונדז און באַשטימט אונדזער גורל; ער שטעלט אונדז פֿאַר נסיונות, וואָס מיר קענען זיי קוים ביישטיין, און אפֿשר פּרווט ער אונז אַזוי אַרום, צי מיר זענען ווערט צו זיין פֿון אים די אויסדערוויילטע. ער האָט אונדז באַשטימט צו טראָגן זיינע געזעצן און זיין נאָמען אין דער וועלט, און מיר טוען דאָס מיט ליבשאַפֿט, ווייל מיר זעען פֿאַרט, אַז מיר טראָגן ליבשאַפֿט און שלום פֿאַר דער גאַנצער וועלט. דערום איז מיר שווער צו לעבן אין דעם לאַנד, וואָס האָט געבראַכט האַס און מלחמה, וואָרום פֿילן פֿיל איך, אַז האַס

איז גורם האָס און מלחמה איז גורם מלחמה. און מיר, יידן, קענען לעבן נאָר אין אַ וועלט פון פרידן. איך בין זיכער, אַז איר זענט שטאַרקער פון מיר, אָבער איך פיל, אַז אויב איך וועל נישט אַוועק, וועל איך ווערן שלעכט און איך וועל פאַרלירן דעם וועג פון אונדזערע אבות. דערום דאַנק איך אייך פאַר דעם כבוד, וואָס איר האָט מיר אַלע יאָרן אָפּגעגעבן, און איך געזעגן זיך מיט אייך אַלע מיט דעם ווונטש, אַז יעדער אויף זיין פּלאַץ און אין דעם אָרט ווו ער לעבט זאָל טראָגן דאָס ליכט פון אונדזער גרויסן גאָט און זיין גלייבן. טראַכט גוט וועגן מיר און וועגן פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, וואָס אפילו ווען גאָט האָט אויף איר אויסגעלאָזט זיין צאָרן, איז זי אין איר גלויבן נישט געבראָכן געוואָרן".

אין אַ שטילקייט, אין וועלכער מען האָט אפילו נישט געהערט דאָס אָטע־מען פון מענטשן, האָט אַרטאַפּאַנוס אָנגענומען אַ גרויסן האַנט פלאַוויאַן און צוזאַמען מיט איר אַראָפּ פון בעלעמער. איצט איז שוין די סינאַגאָגע געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן און בלויז אַ שמאָלער וועג האָט געקענט געמאַכט ווערן, דער געזעגנונג מיט זיין ווייב זאָלן קענען אַדורכגיין, אַדורכגיין און אַוועקגיין אויף אייביק פון דער סינאַגאָגע, וואָס ער האָט געבויט און ווו ער איז געווען אַלע יאָרן איר געזעגנונג.

דער עולם האָט זיך אַרויסגעשטופּט נאָך זיי. פאַר דער סינאַגאָגע איז געשטאַנען אַ המון אויך פון געצנדינער, וואָס זענען פון מאַרק און פון די זייטיקע געסלעך געקומען זען, וואָס עס טוט זיך פלוצים ביי די לייט, וואָס גלייבן אין איין גאָט און צוליב וואָס זיי האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אַזאַ פריער שעה ביי זייער טעמפּל. און בעת אַרטאַפּאַנוס און פלאַוויאַ זענען אַרויס פון דער סינאַגאָגע, האָט זיך צווישן עולם דורכגעריסן אסתר און מיט אַ געכליפּ אַרויפגעפאַלן אויף פלאַוויאַן:

„לאָזט מיך נישט איבער! נעמט מיך מיט מיט אייך! איך וויל זיין מיט אייך!"

פלאַוויאַ האָט מיטביידע הענט אַרומגענומען אסתרן, זי צוגעדריקט צו זיך און גערעדט צו איר, ווי מען רעדט צו אַ קינד:

„פאַר וואָס זאָלסטו פאַרלאָזן דאָס הויז פון דיין פאָטער, ווען איך האָב נישט וואָס מער דיר צו געבן? איך בין אינגאַנצן ליידיק, מיין קינד, און דו ביסט יונג. טאָ גיי און קוש דיין מוטער, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין כוח צו גיין איר זאָגן מיין וואָרט פון געזעגענונג".

דניאל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרלירן זיין טאָכטער, איז צוגע־קומען מיט אויסגעשטרעקטע הענט. אַרטאַפּאַנוס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און גענומען אין זיינע פעסטע הענט די שמאָלע אָרעמס פון אסתרן. ווי זיינע הענט וואָלטן אין איר אַריינגעאימפּט אַ שטראָם פון כוח האָט זיך אסתר אויס־געגלייבט און אים אַ קוק געטון אין די אויגן:

„פאַרטרייבט מיך נישט פון זיך!" — האָט זי אויסגערופן.

„ניין, איך פֿאַרטרייב דיך נישט, אסתר. ביסט מיר נאָענט, ווי מיין האַרץ, נאָר מיין האַרץ קען איך נישט אַרויסרייסן פֿון זיך. אין דיין פֿאָטערס הויז וועלן זיך פֿאַרהיילן דיינע וווּנדן און מיט אונדז וועלן זיך דיינע וווּנדן נישט פֿאַרהיילן". ער האָט געגומען איר פּנים איןביידע זיינע הענט, ווי מען נעמט אַריין אין די הענט אַ גרויסן בלומען־בעכער, און איר אַ קוש געטון אין שטערן: „מיט גאָט, טאָכטער!" — און ער האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פֿון דניאלן.

שטראָמענדיקע טרערן זענען געפֿלאָסן איבער אירע באַקן, ווי עס פֿליסן שטראָמענדיקע רעגן אויף שויבן. און כדי קיינער פֿון די זייטיקע זאָלן נישט באַמערקן, אַז אויך אין זיינע אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן, איז אַרטאַפּאַנוס צוגעגאַנגען מיט אויסגעצויגענע הענט צו מנשה־ניקאָדעמוס און ביידע מענער האָבן זיך אַרומגענומען: „דיר זאָג איך גאָרנישט" — האָט אַרטאַפּאַנוס שטיל געפֿליסטערט.

„מיר דאַרפֿסט איר גאָרנישט זאָגן, גערוסיאַרך — האָט מנשה־ניקאָדעמוס געענטפֿערט און גוט אויסבאַהאַלטן זיין געררירטקייט.—איך זאָל נאָר דערלעבן צו זען אייך און מאַטראָנאַ פֿלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ ווידער גליקלעכע".

„זאָל גאָט העלפֿן, איך זאָל דיר קענען וועגן דעם מיטטיילן און הערן פֿון דיר, אַז דו ביסט גליקלעך, מיין גוטער פֿריינט".

מנשה־ניקאָדעמוס האָט זיך טיף פֿאַרנייגט, און מיט דער האַנט אויפֿן האַרץ, פֿאַר פֿלאַוויאַן. ווי ער איז געשטאַנען פֿאַרנייגט, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט מיט די הענט אַרום האַלדז און באַדעקט זיינע באַקן מיט טרערן און אים געקושט:

„ביסט מיר מער ווי אַ פֿאָטער געווען. מער ווי די וואָס האָט מיך געבוירן און מער ווי מיין פֿאָטער. ביזן טויט וועל איך דיך נישט פֿאַרגעסן, ניקאָדעמוס טייערער".

מנשה־ניקאָדעמוס האָט געקושט אירע הענט און דורך די הענט אַריינגעקושט אין איר זיין גרויס האַרץ. ער האָט קיין וואָרט נישט געפֿונען איר צו זאָגן. אָבער אירע ווערטער, אַז ביזן טויט וועט זי אים נישט פֿאַרגעסן, האָבן אים דערוועקט אומרו. אירע אויגן זענען געווען אַזוי פֿאַרדעמערט, ווי צוויי געדעמפֿטע פֿלעמעלעך אין אַ לעמפּל, וווּ דער אייל האָט שוין אויסגעברענט. זאָל איר גאָט געבן אַ לאַנג לעבן...

דער אַלטער דניאל האָט אויסגעבראָכן אין אַ כליפּענדיק נישט־מענעריש געוויין און מיט דעם אָרעם איבערן אַקסל פֿון אסתרן האָט ער זיין פֿאַראַלמנהטע טאָכטער געדריקט צו זיך. אויף זיין געוויין האָבן זיך אויך די ווייבער צעכליפּעט אויף אַ קול. אַרטאַפּאַנוס האָט פֿאַרביסן די ליפּן, אַ קוק געטון אויף דעם ריזיקן עולם, און נעמענדיק אויף די הענט פֿלאַוויאַן, ווי ער וואָלט גענומען אַ קינד אויף זיינע הענט, האָט ער זי אַרויפֿגעזעצט אויפֿן וואָגן, באַלד אַליין אַרויפֿגעשפּרונגען און גלייכצייטיק אַ פֿעסטן צי געטון די לייצעס. די צוויי שוואַרצע, גוט געפּאַשעטע פֿערד האָבן דעם לייכטן געשפּאַן אַ צי געטון פֿאָרויס און צוזאַמען מיטן געשפּאַן, ווי זיי וואָלטן אויך אַ צי געטון נאָך זיך דעם גאַנצן עולם. דאָס געוויין איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן און דער

המון פאַרזאַמלטע יידן, נייגעריקע געצנדינער, ווייבער און קינדער זענען ווי פאַרבליפט געוואָרן פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער דער געשפאַן האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט. די צום נאָענטסטן שטייענדיקע זענען נאָכגעלאָפן, דער עולם האָט געשריגן: „זייט מצליח אויף אייער וועג, גערוסיאַרך אַרטאַפּאַנוס!" אָבער נישט אַרטאַפּאַנוס און נישט פלאַוויאַ האָבן געהערט די רופן. די פערד האָבן זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ און געקלאַפּט מיט די פּאָדקעוועס אין דעם שטיי־נערנעם באָדן, און די רעדער האָבן אויסטערליש געווערבלט.

ביים ערשטן אַריינדריי צום הויפּט־וועג, לענגאויס דעם טייך, איז שוין נישט געווען צו זען קיין איינעם פון די באַגלייטער, דאָך האָט אַרטאַפּאַנוס דעם גאַלאָפּ פון די פערד נישט איינגעהאַלטן און ער האָט זיי נאָך מער צו־געאיילט, ווען זיי זענען אַרויף אויף דעם נישט געפלאַסטערטן הויפּט־טראַקט. אַ וואָלקן שטויב האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטער די רעדער און פאַרשטעלט אַלץ, אַלץ הינטער זיי. און ער האָט געטריבן די פערד, זיי זאָלן נישט אַרויס פון גאַלאָפּ־טעמפּאָ, ווי ער וואָלט מיט דעם איצטיקן געאייל געוואָלט אָניאָגן די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרלוירן אין רוים...

קאפיטל זיבעצן

שווער איז געווען זייער וועג. הגם זיי זענען געפאָרן מיט דעם אַלטן טראַקט, מיט וועלכן עס זענען געפאָרן סוחרים און מיליטער פון רוים קיין גאַליע, זענען וואָס טיפער, אַלץ זעלטענער געוואָרן די ישובים פון מענטשן און אַלץ זעלטענער איז עמעצער פאַרבייגעפאָרן. אָפט פלעגט געשען, אַז ערשט נאָך צוויי טעג פאָרן האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ קליינעם ישוב פון מענטשן, וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען זייער אויסטערליש לשון און נישט זייערע מנהגים. דאָך גאַסטפריינטלעכע מענטשן זענען עס געווען. זיי האָבן זיך גע־פרייט מיט פאַרבייפאָרנדיקע, און אויך פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ, ווי אַרטאַפּאַנוס, האָט זיך געפרייט אפילו בלויז מיט די פנימער פון מענטשן. די מענטשן האָבן זיך מיט די פאַרבייפאָרנדיקע געטיילט מיט זייער שפייז, וואָס איז געווען אַזוי אָרעם, ווי עס זענען געווען אָרעם זייערע הייזער און זייער קליידונג. אין אַט אַזעלכע ישובים האָט אַרטאַפּאַנוס איינגעהאַנדלט שפייז אויפן וועג, וואָרום צו־ליבן נישט קענען דאָס לשון פון די מענטשן האָט ער קיינמאָל נישט געקענט דערגיין, וויפל טעג ער וועט דאַרפן פאָרן ביז אַ צווייטן ישוב.

דאָך — ווי גרויס עס איז געווען זייער שמחה ביים דערנענטערן זיך צו אַ מענטשלעכן ישוב, אַזוי שווער איז געווען דאָס אַוועקפאָרן. אַרטאַפּאַנוסן האָבן גראָד געצויגן די מרחקים. ער האָט געהערט, אַז אַ מאָל, אַ מאָל האָט מיט דעם זעלבן וועג געפירט זיינע לעגיאָנען יוליוס צעזאַר, און אַז אויך ער וועט ערגעץ־ווו, אויבן, אויף דער גרענעץ פון גאַליע, אַדורכגיין דעם רובי־קאָן־פלוס, וואָס האָט געהאַט דערשיטערט רוים. דער מאַן פון קאַמף און ספּאָרט האָט אויפגעלויכטן מיט בייגער און גלוסטונגען אין אַרטאַפּאַנוסן. אַ, ווי גערן וואָלט ער אויסגעשפּאַנט איינעם פון זיינע צוויי פעסטע פערד און זיך אַוועק־געלאָזט אין די מרחקים רייטנדיק, דערפילן דעם טרייבנדיקן ווינט אין רוקן, אויפנעמען סכנות, און די סכנות איבערמעכטיקן. אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט שטיל געליטן. ווי אין די ערשטע טעג פון דער נסיעה זענען פון פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ אַראָפּגעפאַלן די שלייערן פון טרויער, אַזוי איז דער טרויער און אומעט שפּעטער געקומען נאָך שאַרפער. זי האָט ווייניק גערעדט, אָבער אַרטאַפּאַנוס האָט גע־פילט, אַז איר טרויער איז איצט פאַרשאַרפט געוואָרן דורך בענקשאַפט צו איר היימשטאָט.

במשך איר גאַנץ לעבן איז זי קיינמאָל נישט אַרויסגעפאָרן פון דער רייזי־

קער שטאָט מיט אירע צעגרינטע פּאַרקן און מאַרקן, מיט די רווישיקע גאַסן און געסלעך. און איצט פּאַרט זי אין אַ ליידיקער וועלט, ווו דאָס טשווי־טשערן פון פייגל און דאָס פּאַרסקען פון די פערד זענען אָפּט דער איינציקער סימן פון לעבן. ווערט זי שוואַכער פון טאָג צו טאָג אין זי שווייגט אומ־היימלעך. אַ מאָל, ווען די פערד שטייגן אַרויף אויף אַ באַרגיקן וועג, ווערט זי איינגעוויגט דורך דעם געלאַסענעם טאַקט פון די פערדישע פּאַדקעוועס און זי דרימלט איין, כדי פּלוצים אויפצוכאַפּן זיך מיט אַ געשריי פון פחד, און טראָפּנס שווייס טרעטן אַרויס אויף איר צעקנייטשטן שטערן. דעמאָלט אַנט־פּאַלט ביי אַרטאַפּאַנוסן דאָס האַרץ און ער וואָלט דעם הימל צו דער ערד אַראָפּגעבויגן, כדי איינצושטילן איר וויי.

„האָסט אַ שלעכטן חלום געהאַט, פלאַוויאַ? דערצייל מיר דער חלום און דיר וועט לייכטער ווערן" — האָט ער זי אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך.

„איז עס דען אַ חלום?" — פלעגט זי קרעכצן.

בעת אַרטאַפּאַנוס פלעגט זי אַרומנעמען, האָט ער תמיד געהאַט דאָס גע־פיל, אַז זי איז נאָך דאַרער און קלענער געוואָרן. בעיקר אויף די פּאַרנאַכ־טיקע סעודות אין די אָנגעטראָפענע ישובים פלעגט ער צושטיין צו איר, זי זאָל עסן וואָס מער. און תמיד אין אַזאַ פאַל פלעגט ער אַ קלאַפּ־טון אין געלט־גאַרטל:

„מיר זענען שוין אַזוי לאַנג אין וועג און קיין איין גאָלדענע מטבע האָב איך נישט אויסגעגעבן".

„ווילסטו איך זאָל דאָס אַלץ אויפעסן?"

„איך וויל דו זאָלסט אויפעסן דעם ווערט פון אַ מאָס לייוונט — האָט ער געזאָגט גוזמאדיק — דו זאָלסט ווערן צוריק די פלאַוויאַ, וואָס אַנומלט".

פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט אפילו אין קיין וואָך נישט אויפגעגעסן שפּייז אי־נעם ווערט פון אַ מאָס לייוונט. און אַרטאַפּאַנוס האָט נישט געהאַט קיין טעות, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי ווערט מאָגער פון טאָג צו טאָג, פּונקט ווי עס איז געווען באַרעכטיקט דער אומרו פון מנשה־ניקאָדעמוס ביים געזע־געגען זיך. פלאַוויאַ איז געגעסן געוואָרן פון אַ קראַנקהייט, וואָס האָט אַרויסגע־שפּאַרט מיט הויכן פיבער נאָך דריי וואָכן ווי זיי זענען געווען אין וועג. עס איז געווען נאָך אַ טאָג נסיעה פון אַ ישוב, בעת זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אין וועג אויף איבערצושלאָפן אויף אַ פעלד. פלאַוויאַ האָט אָפּגעפיבערט די נאַכט, צום ערשט אין קעלט־פיבער און שפּעטער אין צעגליטקייט. אַרטאַפּאַנוס האָט אָנגעצונדן אַ שייטער פון צווייגן האַרט נעבן דער קראַנקער און קוקנדיק אין איר פּנים האָט ער מתפּלל געווען פאַר איר געזונט. ער איז די נאַכט נישט געשלאָפן. די תפילות האָבן נישט געהאָלפן.

באַגינען איז פלאַוויאַ צוגעשטאַנען, ער זאָל זי אַרויפנעמען אויפן וואָגן און זיי זאָלן פאָרן ווייטער. אַרטאַפּאַנוס האָט זי געפּרוווט אָפּרעדן דערפון. דער

טראַקט איז אַ האַרטער און די רעדער קלאַפּן זיך איבער שטיינער. דאָס פֿאָרן וועט איר דעריבער פֿאַרשאַפֿן ווייטיק. בעסער איז בלייבן דאָ ביז דער פּיבער וועט אַריבער. אין וואָגן האָט ער געגוג שפּייז און וואַסער, און אַרום זענען פֿאַראַן אַ סך ביימער צו מאַכן שייטערס, און גראָזן פֿאַר די פֿערד זענען אויך פֿאַראַן גענוג. אָבער פּלאַוויאַ האָט אים געבעטן:

„נעם מיך אַוועק פֿון דער דאָזיקער ערד. נעם מיך אַוועק. וועסטו דאָס נישט טון פֿאַר מיר?"

„פּלאַוויאַ" — האָט ער נאָך אַמאָל געפּרוווט.

און זי: „וועסטו דאָס נישט טון פֿאַר מיר... אַזוי פֿיל האָסטו געטון פֿאַר מיר, נאָר איצט ווילסטו נישט זיין גוט צו מיר?"

ער איז געווען גוט צו איר. ער האָט זי אַריינגעזעצט טיפֿער אין וואָגן, אַרומגעלייגט מיט געוועגדער און שטרוי, אָבער אַ פּיין איז דאָס פֿאָרן גע־ווען פֿאַר איר און אויך פֿאַר אים. ער איז געזעסן צו איר מיט דער זייט און פֿון איר דעם בליק נישט אַראָפּגעלאָזט. די אַמאָליקע איידעלע אַליוון־גרינקייט פֿון איר פּנים איז איצט געווען ווי די גרינקייט פֿון אַלטן פֿאַרמעט, ווי מיט איין מאָל וואָלט איר אָנגעגריפֿן טיפֿע אַלטקייט. איר מויל איז גע־ווען פֿאַרקלעמט, אַז מען האָט קיין צייכן פֿון אירע ליפּן נישט אָנגעזען.

אַזוי זענען זיי געפֿאָרן דעם גאַנצן טאָג. און אַפֿילו ווען ער האָט דעם וואָגן פֿאַרהאַלטן, כּדי מיט אַ ביסל וואַסער איר מויל צו באַנעצן, האָט זי קיין וואַסער נישט געוואָלט נעמען. פּלאַוויאַ האָט געצאַנקט.

און ווידער איז געקומען דער אָוונט: אַרטאַפּאַנוס האָט די קראַנקע אַראָפּ־גענומען פֿון וואָגן, אויסגעבעטן פֿאַר איר אַ געלעגער אויף דער ערד און ווידער אָנגעצונדן אַ שייטער, כּדי צי באַוואַכן איר אין דער נאַכט. אָבער באַגינען האָט שוין פּלאַוויאַ נישט געבעטן אַרויפֿצונעמען זי אויפֿן וואָגן. זי האָט נאָר פֿון צייט צו צייט געעפֿנט די אויגן, ווי צו זען, צי אַרטאַפּאַנוס זיצט נעבן איר. ער איז פֿון פּלאַץ נישט אָפּגעטרעטן, נאָר איר באַוואַכט, ווי מען באַוואַכט אַ קראַנק קינד אין וויגל: מיט דער פּאָלע פֿון זיין בגד געפֿעכערט פֿאַר אַ ביסל לופֿט און אָפּגעטריבן די פֿליגן פֿון איר פּנים. אין דעם טאָג האָט ער באַמערקט, וואָס פֿאַר אַ כמאַרעס פֿליגן עס זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט — זלידנע, צושטייענדיקע און בייזע, וואָס פֿאַלן צו פֿון פֿלי צו די פֿייכטע אויגן־ווינקלען און צו די ווינקלען פֿון מויל. זיי, די פֿליגן, האָבן פֿאָרן טויט קיין מורא נישט געהאַט. וואָס מער ער האָט זיי אויסגעהרגעט, אַלץ מער איז פֿון זיי אָנגעפֿלויגן. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל — דער הימל איז געווען פֿאַרוואָלקנט מיט קנוילן רעגן־וואָלקנס. און ערשט איצט האָט ער דער־פֿילט די דעמפּיקייט פֿון פֿאַר אַ רעגן. און אַרטאַפּאַנוס האָט געפֿאָכעט איבער איר פּנים מיט דער פּאָלע און זיך געטרייסט, אַז מיטן אַראָפּפֿאַלן פֿון רעגן וועט פּלאַוויאַן לייכטער ווערן.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך צוגעגרייט צום רעגן. ער האָט איבער דער קראַנ־קער אויפגעשטעלט זיין געצעלט, די שטריק אָנגעצויגן און פאַרפעסטיקט מיט קליינעס און שטיינער. די פערד, צוגעבונדענע נעבן וואָגן, האָט ער געפּענטעט די פאָדערשטע פיס, אַז טאָמער וועט דונערן זאָלן זיי נישט אַנטלויפן פון שרעק. ווי ער וואָלט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס גאָר וויכטיקס פאַר־געסן, האָט ער פון וואָגן אַרויסגענומען אַ דייזשע האָניק און זיך צוריק צו־געזעצט נעבן פלאַוויאַן. מיט איין האַנט האָט ער אָפּגעלענט אירע ליפּן און מיט אַ פינגער פון דער צווייטער האַנט האָט ער איינגעטונקען אין האָניק און די גאָלדענע מאַסע אַרויפגעשמירט אויף אירע ציין. פלאַוויאַ האָט געעפנט דאָס מויל און אָנגענומען די שפּייז. און ווי ביי אַ מאַמען פליסט־אָן צערט־לעכע וואַרעמקייט און פרייד אַרום האַרץ, ווען איר פאַרעקשנט קינד עפנט דאָס מויל צו עסן, אַזוי איז צערטלעכע וואַרעמקייט אָנגעפלאָסן אין האַרץ פון אַרטאַפּאַנוסן. און ער האָט גערעדט:

„שלינג אַראָפּ פּאַמעלעך, פלאַוויאַ, דער האָניק זאָל דיר נישט אַריין אין דער לינקער קעל. באַלד וועל איך דיר אויך געבן אַ ביסל וואַסער, וועט זיך דער האָניק אַראָפּשווענקען... אַזוי איז גוט... אָט נאָך אַ ביסעלע און עס וועט זיין פאַר דיר גענוג... עפן נאָך אַ מאָל דאָס מויל... נאָר איין מאָל... איך ווייס עס מאַכט דיך מיד...״

פלאַוויאַ האָט אים אויסגעפאָלגט. זי האָט אים תמיד אויסגעפאָלגט און אַפילו ווען זי האָט איצט, אין פיבער, נישט געהאַט קיין באַדאַרף פאַר שפּייז, אין זי אינסטינקטיוו אים נאָכגעקומען.

דער רעגן האָט זיך פאַרזוימט. ער איז אָנגעלאָפן ערשט אין מיטן דער נאַכט מיט אַ געקנאַל פון דונערס און רויטצעצונדענע, צעאָדערטע בליצן, וואָס האָבן דורכגעשניטן דעם הימל און צעעפנט אַ ים איבערן קאָפּ. און די וואַ־סער־מאַסן אין דער לופטן האָבן גערוישט, ווי עס רוישן כוואַליעס אָן אָנצער־שלאָגן זיך אין אַ ברעג. ווי שטאַרק אַרטאַפּאַנוס האָט נישט אָנגעצויגן די געוועטנדער פון געצעלט, האָט דער רעגן דורכגעזעצט. האָט ער אַריבערגעצויגן איבער זיך אַלע געוועטנדער, וואָס ער האָט געהאַט אין געצעלט און מיט זיין גוף פאַרדעקט פלאַוויאַן, קיין טראָפּן רעגן זאָל אויף איר נישט פאַלן. אין דער פינצטערניש האָט ער מיט די שפּיצן פינגער געטאַפּט איר פּנים, כדי צו פילן איר וואַרעמקייט, איר לעבן, און ער האָט דערפילט שווייס אויף איר פּנים. האָט ער אָפּגעווישט דעם שווייס און געמאַכט אַן עפענונג אין די געוועטנדער זי זאָל האָבן גענוג לופט. אַזוי איז ער ווי געהאַנגען איבער איר גוף, ביז צוזאַמען מיטן אָנקומען פון טאָג האָט אויך דער רעגן אויפגעהערט. ערשט דעמאָלט איז ער אַפּער פון אונטער די געוועטנדער און אַרויס פון געצעלט.

די לופט איז געווען פייכטלעך־פריש און דער הימל יונג און די זון ראָז־לעך, ווי דאָס לייב פון אַ געבאָדן קינד. און אַ צוואַנציק טריט פון אים, נידעריקער פון דעם פּלאַץ וווּ עס איז געשטאַנען דער געצעלט, האָט זיך גע־

שאַפֿן אַ שמאָלער טייך. האָט אַרטאַפּאַנוס צעשפּרייט די הענט און אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און אויסגערופֿן מיט יונגע כּוחות: „איך דאַנק דיר, גאָט, פֿאַר דעם חסד! נאָר מאַך, אַז אויך מיין פּלאַוויאַ זאָל געזען ווערן, און דעמאָלט וועל איך זען אין פֿולן דיין חסד, אין וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געספֿקט!"

אַ צושטראָם פֿון נייע כּוחות האָט אָנגעפֿילט זיינע גלידער. און אַז ער האָט דערזען ווי די פֿערד קוקן אויף אים מיט אומעטיקע אויגן פֿון די אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ, האָט ער זיי באַפֿרייט פֿון די פּענטעס, דערנאָך האָט ער פֿון וואָגן אַרויסגענומען שטרוי און זיך אַוועקגעשטעלט אויסרייבן זיי די פֿעלן. די באַשעפֿענישן האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ און פֿאַרריסן די וויידלען.

„ס'איז גוט, האַ? — האָט ער גערעדט צו זיי — באַלד וועט אייך ווערן וואַ־רעם. אָט אַזוי... שטיי רואיק!"

פֿון די צעוואָרעמטע פֿערדישע פֿעלן איז אויפֿגעגאַנגען אַ שאַרפֿער ריח, אַ ריח, וואָס האָט תּמיד געווירקט אויף אַרטאַפּאַנוסן זינלעך און בענקשאַפֿטלעך, און האָט אים צוריקגעוואָרפֿן אין זיין יינגסטער יוגנט. וואָלט ער אין דער מינוט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף איינעם פֿון די פֿערד און זיך געלאָזט לויפֿן איבער די צעעפֿנטע פֿרייע און דורכגעווייקטע פּליינען אין אַ גאַלאָפּ. ער האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט אָן פּלאַוויאַן. האָט ער אַוועקגעוואָרפֿן דאָס שטרוי פֿון דער האַנט און אַוועק צום געצעלט.

אַזוי איז ער דריי טעג דאָ געווען אין אויסוואָרטונג פּלאַוויאַ זאָל געזונט ווערן און זיי זאָלן זיך קענען ווייטער נעמען אין וועג אַריין.

אין איינעם אַ טאָג האָבן שקלאַפֿן־הענדלער מיט דעם וועג געטריבן אַ מחנה שקלאַפֿן אין צוויי באַזונדערע גרופּן — יונגע מענער און יונגע פֿרויען — און הינטער זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ טאַבאָר פֿון אָנגעלאָדענע מויל־אייזלען. מיט דעם קאַראַוואַן איז מיטגעגאַנגען אַ מאַן, וואָס האָט זיך אויסגעקענט אין רפֿואה. וואָרום די שקלאַפֿן, ווי אַ טייערע סחורה אויף די מאַרקן פֿון גאַליע, האָט מען געדאַרפֿט היטן, זיי זאָלן נישט פֿאַלן אין וועג. מיט יעדן חלק שפּייז, וואָס יעדער שקלאַף האָט אויפֿגעגעסן יעדן טאָג, איז ער טייערער געוואָרן. בעיקר האָט מען געדאַרפֿט אָפּהיטן די יונגע פֿרויען־שקלאַפֿן, זיי זאָלן נישט פֿאַרלירן די פֿרישקייט פֿון זייערע לייבער און די געזונטקייט פֿון זייערע פֿיס.

בעת אַרטאַפּאַנוס האָט דערהערט דעם טומל פֿון די פֿאַרבייגייענדיקע, איז ער אַרויס פֿון געצעלט און זיך געשטעלט אויפֿן וועג.

„צי איז פֿאַראַן צווישן אייך אַ רופֿא?" — האָט ער געפֿרעגט אויף גריכיש דעם מאַן, וואָס איז געריטן פֿאָרויס אויף אַ מויל־אייזל.

דער קאַראַוואַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אפֿילו אָן צו באַפֿעלן, האָט זיך די גאַנצע מחנה אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד און בלויז די סוחרים און די שומ־רים זענען געבליבן אויף זייערע פֿיס. דער מאַן, וואָס האָט געריטן פֿאָרויס, איז אַראָפּ פֿון מויל־אייזל, באַטראַכט אַרטאַפּאַנוסן, וואָס אין זיין לאַנגער וואָלענער טוניק מיט אַ קינזשאַל אין גאַרטל און מיט דער באָרד ביז צום גאַרטל, האָט ער

אויסגעזען אַ סך העכער, ווי ער איז געווען, און געפרעגט אָן צו ענטפערן אַרטאַפּאַנוסן אויף זיין פראַגע:

„פון וואַנען נעמט זיך אין דער פּאַרוואָרפענער געגנט אַזאַ מאַן, וואָס רעדט גריכיש? אַנטלאָפן פון עמעצן?"

„איך בין אַ רוימישער בירגער — האָט אַרטאַפּאַנוס געענטפערט — און נישט אַנטלאָפן פון קיינעם. צי זע איך דען אויס ווי אַן אַנטלאָפענער? איך בין אויפן וועג קיין גאַליע מיט מיין ווייב. און זי איז קראַנק געוואָרן".

„די קרענק פון שוואַרצע קרעץ?" — האָט דער מאַן געקוקט אין דער ריכטונג צום געצעלט.

אַרטאַפּאַנוס האָט אויפגעציטערט.

„די קרענק האָט ביי מיר צוגענומען מיינע קינדער. איז נישטאָ מיט אייך אַ רופא, וואָס זאָל זיך אויסקענען און העלפן מיין ווייב?" — האָט אַרטאַפּאַנוס ווידער געפרעגט.

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט דער מאַן גערופן איבער די קעפּ פון די זיצנדיקע שקלאַפן: „סטעפאַנוס! סטעפאַנוס!"

מיט אייליקע טריט איז צוגעקומען אַ מגושמדיקער פּאַרשוין, אָנגעטאָן אין שוואַרצע בגדים און מיט אַ גרויסן הויב אויפן קאָפּ, מיט אַ רויט פּנים, וואָס האָט זיך קוים אונטערשיידט פון די צוויי באַזונדערע געדיכטע האָר־קנויל, וואָס זענען אים געוואַקסן אויףביידע באַקן און אין דער מיט אַ פּירעקיקע גאָמבע, נאָך מער רויט ווי זיינע האָר, ווי דאָס לייב וואָלט געווען אָפּגעבריט.

דער מאַן, וואָס האָט גערופן, און סטעפאַנוס האָבן צווישן זיך גערעדט אין אַ פרעמד אומבאַקאַנט לשון, גערעדט אַ סך, מער ווי אויף אַן אויפקלערונג, און דערנאָך האָט סטעפאַנוס גוט באַטראַכט אַרטאַפּאַנוסן. ער האָט זיך געקראַצט מיט אַלע פינגער אין אַ רויטן האָר־קנויל אויף דער באַק.

„קראַנק — האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין — קראַנק. אין וועג דאַרף מען אָדער זיין געזונט אָדער פאַלן און שטאַרבן. לאַנג קראַנק?"

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און אַוועק צום געצעלט. אַרטאַפּאַנוס האָט אָפּגעדעקט אַ פאַלע פון געצעלט, דערנאָך אַראָפּגענומען די געוואַנדער פון פלאַוויאַן, און סטעפאַנוס האָט זיך איינגעקוקט אין פּנים פון דער קראַנקער: „זי איז אַלט; זי וועט שטאַרבן", — האָט דער רופא זיך ווידער געקראַצט אין דעם קנויל האָר אויף דער באַק.

„זי איז נישט אַלט און זי וועט נישט שטאַרבן — האָט אַרטאַפּאַנוס געזאָגט — זי איז קראַנק און אויסגעמאַטערט פון וועג".

„זי וועט נישט אויסהאַלטן" — האָט דער רופא דערווידערט.

סטעפאַנוס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, צוגענענט זיין אויער צו פלאַוויאַס מויל און נאָז און זיך איינגעהערט אין איר אָטעם. דערנאָך האָט ער מיט צוויי דיקע, קורצע פינגער אויפגעהויבן אירע אויגנלעדלעך, זיך איינגעקוקט אין די ראַנדן פון די ווייסלען און זיך אויפגעשטעלט.

„אַז איך זאָג שטאַרבן, וועט זי שטאַרבן — האָט ער הילכיק אָפּגעקלאַפּט איין האַנט אין דער צווייטער — דאָס בלוט אין איר איז אויסגעטרוקנט און איר אָטעם הענגט ווי אויף שפּינוועבס". ער האָט איין האַנט אויפגעהויבן אין דער לופטן, ווי ער וואָלט אַנגעצויגן אַ פאָדעם און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי דער פאָדעם וואָלט זיך אָפּגעריסן.

„זי וועט לעבן! — האָט מיט עקשנות אויסגערופן אַרטאַפּאַנוס — קאָנט איר מיר פאַרקויפן אַ רפואה צו שטאַרקן איר אָטעם?"

„אַ רפואה דאַרף מען אויסקאָכן. אַ שאָד די מי און אַ שאָד די צייט — האָט סטעפּאַנוס אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — איר זעט די אַלע? — האָט ער מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון די זיצנדיקע שקלאַפן — זיי קאָסטן זייער טייער. זיי פרעסן ווי היישעריקן. נאָר ווי אין בעסערן צושטאַנד ווי אייער ווייב לאָזט מען איבער אַזאַ איינעם אויפן פעלד צו שטאַרבן".

אַרטאַפּאַנוס האָט געמאַכט זיך נישט הערן און געפרעגט:

„וויפל דאַרף קאָסטן אויסקאָכן אַ רפואה?"

סטעפּאַנוס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל. אַ כמאַרע פייגל איז געפלויגן גאָר הויך, ווי איינער וואָלט געוועז צוגעבונדן צום צווייטן מיט נישט־געזעענע פעדעם. אויף אַרטאַפּאַנוסעס פראַגע האָט ער נישט געענטפערט און פאַרנומען זיך אַוועקצוגיין. אַרטאַפּאַנוס איז אים נאָכגעגאַנגען און איבערגע־חזרט די פראַגע און ער האָט ווידער נישט באַקומען קיין ענטפער. און ווידער האָט סטעפּאַנוס גערעדט מיט דעם, וואָס איז געריטן פאָרויס, אין דעם פרעמדן אומבאַקאַנטן לשון. און דער האָט אַ געשריי געטון צו דער מחנה אויפצושטיין, און אַן אויסצורעדן מער אַ וואָרט האָט דער קאַראַוואַן גערירט פון אָרט.

„זענען מענטשן צו מענטשן וועלף?!" — האָט אַרטאַפּאַנוס אויסגערופן.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט. די פאַרביימאַרשירנדיקע האָבן געקוקט אויף אים מיט מאַטע פּנימער און אויסגעלאָשענע אויגן — שוואַרצע פּנימער מיט רויטלעכע אויסגעלאָשענע אויגן, ווייסע פּנימער מיט ברוינלעכע אויסגעלאָשענע אויגן און יונגע פּרויען מיט נייגעריקע פּנימער. די מחנה איז אַוועק, ווי די מחנה פייגל מיט אַ מינוט פריער...

אַרטאַפּאַנוס האָט פונעם ראַנד פון וועג נאָכגעקוקט די מחנה. פון דער ווייטנס האָבן זיך אויסגעמישט די מענטשן מיט די מויל־אייזלען אין איין מאַסע און אַרטאַפּאַנוס האָט גערעדט, ווי עמעצער וואָלט געשטאַנען נעבן אים:

„מיט גאָרנישט אונטערשיידט זיך די באַוועגלעכע מאַסע מענטשן פון דעם באַוועגלעכן זאַמד אין דער מדבר. מיט וואָס זשע איז דער מענטש אויסגעטיילט געוואָרן פונעם באַשעפער פון דעם זאַמד אין דער מדבר, אפילו ווען גאָט האָט אים באַשאַפן אין זיין געשטאַלט? און אויב ער האָט נישט געקאַרגט זיין געשטאַלט פאַרן מענטש, פאַר וואָס האָט ער אים גאָרנישט געגעבן פון זיינע געטלעכע חסדים? צי זענען נישט מענטשן אַן די געטלעכע חסדים עלנ־טער פון חיות אין וואַלד? דער באַשעפער האָט אונדז אויסגעזאָגט אַלע סודות

פון תאוות און שלעכטס, נאָר דעם סוד פון פאַרשטיין דעם זין פון זיין באַשאַף האָט ער באַהאַלטן פון אונדז. אוי, ווי אומוויסנדיק איך בין און ווי אומבאַהאָלפן איך קען זיין!"

ער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פנים מיט ביידע הענט. צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט פון זיינע הענט האָט ער איינגעהויכט אַן אויסטערלישן ריח פון זיין הויט, אַ ריח וואָס האָט אים דערשראָקן. ער האָט פלוצים דערפילט סכנה. דער טויט איז נאָענט פון אים. ער האָט פון גאַרטל אַרויסגעכאַפּט דעם קינזשאַל, ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט קעגן עמעצן שיצן און קיינעם נעבן זיך נישט דערזען. אַרום אים איז בלויז דאָס ליידיקע פעלד, דער נידעריקער געצעלט, דער וואָגן מיט די פערד, און אונטן, נידעריקער, איז שוין דאָס רעגן־טייכל געווען פאַרזונקען אין דער ערד. מיט דעם קינזשאַל אין דער האַנט איז ער צוגעגאַנגען צום געצעלט. ערשט דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פלאַוויאַן איבערגעלאָזט אַן אָפּגעדעקטע פון די געווענדער. האָט ער זי צוריק צוגעדעקט ביז איבערן האַלדז און זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר אַנטקעגן, ער זאָל קענען קוקן אין איר פנים. אין שפּעטן נאָכמיטאָג איז ווי געשען אַ נס: פלאַוויאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון היגערפלעט און אַ קוק געטון מיט צעגלאַנצטע אויגן אויף אַרטאַפּאַנוסן, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איר. אַזוי ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן שלאָף, פאַרפּלאָנטערט אין חלומות, האָט זי געפרעגט מיט אַ מאַטער שטים:

„ווי לאַנג זענען מיר געפאָרן און פאַר וואָס שטייען מיר?"

„פלאַוויאַ, פלאַוויאַ — האָט זיך אַרטאַפּאַנוס געשטעלט אויף די קני פאַר איר געלעגער — שוין דריי טעג ווי מיר געפינען זיך דאָ, דו ביסט געווען קראַנק און מיר האָבן נישט געקענט פאָרן. אָ, גאָט, ווי איך האָב געבעטן אויף דער מינוט!"

„דריי טעג, זאָגסטו? און דו ביסט געבליבן מיט מיר, אַרטאַפּאַנוס?" — האָט זי געפרעגט מיט דער זעלבער מאַטער שטים אָן יעדן ניואַנס. זי איז ווייטער געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי פריער, ווי איר ליכטיקער בליק און איר לשון וואָלטן נישט געהערט צו איר.

„זיכער בין איך נעבן דיר, פלאַוויאַ. עס וועט דיר נאָר בעסער ווערן וועלן מיר ווייטער פאָרן. דאָס וועטער איז שיין. ווי אויף דער צייט איז אפילו וואַרעמלעך" — און רעדנדיק אַן איבערפולטער מיט פרייד, און אין דער זעלבער צייט מיט אומרו, האָט ער אָפּגעבונדן די צודעק־פּעל פון דער דייזשע, מיט אַ פינגער אָנגענומען האָניק און מיט דעם האָניק באַשמירט פלאַוויאַס ליפּן:

„פון נעכטן אָן האָסטו גאָרנישט אין דיין מויל גענומען. נעם, פלאַוויאַ, דו וועסט צו פיל אָפּגעשוואַכט ווערן, און דאָס איז נישט גוט, זייער נישט גוט" — האָט ער גערעדט צו איר, ווי מען רעדט צו אַ קליין קינד.

פלאַוויאַ האָט קוים געקענט אויפנעמען דעם ווייניקן האָניק און ער האָט לסוף צוריק פאַרבונדן די דייזשע.

„איך וועל דיך מער נישט מאַטערן. איך זע דו ביסט זייער שוואַך און מיד. מאָרגן אינדערפרי וועסטו שוין זיין געשטאַרקט און אַלץ וועט זיין גוט, עס וועט זיין גוט, פלאַוויאַ".

פלאַוויאַ האָט נישט געענטפערט. זי האָט בלויז נאָכגעקוקט די באַוועגונגען פון אַרטאַפּאַנוסן, אויף וויפל זי האָט דאָס געקענט טון נישט באַוועגנדיק זיך. און ער — ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער נעבן איר און אַראָפּגעלאָזט די פאָלע פון געצעלט.

פון דער געמיט־אויפרודערונג צוליב דער פלוצימער ענדערונג אין פלאַוויאַן האָט ער לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט ווי אַזוי ער וועט ווידער איינשפּאַנען די פערד און ווי לאַנגזאַם ער וועט פון אָנהייב פאָרן, כּדי דער וואָגן זאָל זיך נישט צו פיל טרייסלען איבער די שטיינער. נאָך דעם ווי ער וועט אָנקומען אין אַ ישוב, וועט ער די רייזע איבעררייסן אויף אַ וואָך צייט, כּדי פלאַוויאַ זאָל קענען קומען צו זיך. דאָס ערשטע וואָס ער וועט טון, וועט ער קוילען אַ שעפּס — דאָס פלייש וועט זיין פאַר פלאַוויאַן און דעם חלב וועט ער באַהאַלטן אויף אָנצושמירן דאָס לייב פון פלאַוויאַן. וואָרום נאָך אַ פּאָר טעג פאָרן און ער וועט אָנקומען אין אַ בערגיקער געגנט. און אין די הויכע בערג, האָט מען אים געזאָגט, פאַלט אַ שניי אין דער צייט און עס הערשט פראָסט. ווי זעט אויס שניי? צו וואָס איז עס ענלעך? ער האָט נאָך קיינמאָל קיין שניי נישט געזען. וויפל וווּנדער עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט!

עס קען זיין, אַז דאָס וואָס אַרטאַפּאַנוס האָט געטראַכט איז שוין געווען אַ טייל פון דעם חלום, וואָס האָט אים באַגלייט אין דעם שווערן שלאָף, אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן האַרט פאַר טאָג. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שפּעטן באַגינען, ווען אַ שאַרפער פאַס זון־ליכט האָט זיך אַריינגעגאָסן דורך דער שפּאַרע אין דער פאָלע פונעם געצעלט, און געפאַלן אויף זיין פּנים. ער האָט זיך שנעל אויפגעזעצט, ווי ער וואָלט גאָר וויכטיקס פאַרשלאָפן, און אַ קוק געטון אין דער זייט פון פלאַוויאַן.

איר פּנים איז געווען פאַרשטיינערט און אויסגעצויגן. פלאַוויאַ־אַנטאָנינאַ האָט מער נישט געלעבט.

אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויפגעהויבן אויף די קני, זיך אָנגעבויגן צו פלאַוויאַן און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. זיינע ליפּן האָבן דערפילט אַזאַ אויסטערלישע קאַלטקייט, אַז ער האָט אויפגעציטערט, ווי די קאַלטקייט פון דעם טויטן גוף וואָלט אין אים אַריינגעפלייצט דורך די ליפּן. און אין אָט דער איינציקער רגע האָט ער דערפילט, אַז ער איז אומענדלעך ווייט פון אָט דעם נאָענטן גוף, ווי זיי ביידן וואָלטן צעטיילט הונדערטער יאָרן...

ווי ער האָט דריי לאַנגע טעג באַוואַכט פלאַוויאַן אין איר קראַנקהייט, אַזוי האָט ער דריי טעג, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אַראָפּפאַל, געגראָבן אַ קבר. כּדי נישט צו לאָזן דעם טויטן גוף אַליין, האָט ער דעם קבר געגראָבן האַרט נעבן

געצעלט. מיטן קינזשאַל האָט ער דעם באָדן צעגראָבן און מיט די הענט אַרויס־געשופּלט די ערד. מיט אַלע זיינע שווייסן האָט ער געגראָבן, וואָרום וואָס טיפער אַלץ האַרטער איז די ערד געוואָרן, און פון קראַצן מיט די נעגל אין באָדן זענען אים די פינגער פאַרשטייפט געוואָרן. ער האָט אויפגעהערט פילן זיינע פינגער. אַלע שווייסן האָבן אַרויסגעזעצט פון זיין לייב, נישט ווי ער וואָלט אין זאַמד און אין שטיינדלעך געגראָבן, נאָר ווי ער וואָלט פעלדזן מיט די פינגער געגריזשעט. האָט ער ביז אין דער העלפט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע קליידער און צוגעדעקט זיין לייב ערשט דעמאָלט, ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער אַ דערשעפּטער, אַ פאַרצווייפלטער, אַז ער וועט דעם קבר קיינמאָל נישט אויסגראָבן.

„זעסט, פלאַוויאַ, נישט נאָר איז שווער דאָס לעבן, ווי עס וואָלט געווען אַ שטראָף פאַרן מענטש, נאָר אויך דער טויט איז שווער, און נאָך שווערער איז צו קומען אין דער ערד״ — האָט ער גערעדט צום טויטן גוף און מיטן נאַקעטן אָרעם אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן.

ערשט נאָך דעם דריטן זון־פאַרגאַנג האָט ער ביים ליכט פון אַ שייטער גענומען פלאַוויאַס גוף אויף די הענט — זי איז געווען אַזוי קליין, ווי ער וואָלט זיין פערט קינד געגאַנגען באַגראָבן — אים אַריינגעלייגט אין דער טיפעניש פון דער ערד און אָנגעהויבן פאַרשיטן דעם קבר. און ווען ער האָט פאַרענדיקט אַרויפשיטן דעם לעצטן הויפן ערד, איז ער געפאַלן אויפן בערגל מיט אַן אומ־געצוימטן יאָמער, וואָס האָט זיך צעטראָגן אין דער נאַכט, ווי דער געבריל פון אַ ליידנדיקער חיה. ערשט איצט, אין דער פוסטקייט און אויסזיכטלאָזיקייט פון דער נאַכט, האָט ער דערפילט זיין ליידיקייט, זיין איינזאַמקייט, ווי בלויז ער אַליין וואָלט געבליבן אויף דער גאַנצער וועלט, און גאָרנישט איז צו זען אין דעם פאַרוועלטיקן חושך, נאָר בלויז דעם איינציקן קבר אינעם רויטלעכן שיין פון שייטער.

די שאַרפע קאַלטקייט פון דער נאַכט האָט פאַרפראָסטיקט דעם שווייס אויף זיין נאַקעט לייב. די גלידער זענען אים געווען פאַרשטייפט, אַז ער האָט זיך נישט געקענט אויפשטעלן. די געלענקען האָבן אָפּגעזאָגט, זיין אייגן לייב איז אים געוואָרן שווערער ווי פריער דער טויטער גוף. איז ער אויף אַלע פיר קוים דערקראָכן צום געצעלט און געפאַלן אויפן געלעגער, וואָס איז געווען פראָסטיק, קאַלט און פוסט און נישט דאַ־וועלטיק. ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די געוואַנדער און נאָך נישט באַוויזן זיך איינצודעקן, ווי זיינע חושים האָבן זיך אויסגעלאָשן.

אַרטאַפּאַנוס האָט אַליין נישט געוווּסט, ווי לאַנג ער איז געשלאָפן — אפשר ביז האַלבן טאָג אויף צו מאָרגנס און אפשר איז ער איבערגעשלאָפן נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ האַלבן טאָג. אויפגעוועקט האָט אים אַ ווייטיקדיקער הונגער און צוזאַמען מיט דעם הונגער נאָך שפּייז האָט ער דערפילט אַ הונגער

נאָך שטח — אַן אויסטערליש געפיל פון וועלן זיין ערגעץ־ווו ווייט־ווייט, ווייט אפילו פון זיך אַליין...

ער איז אַרויס פון געצעלט. די פערד זענען געווען אָפּגעריסן פון וואָגן און זיך געפּאַשעט אַ הונדערט טריט ווייטער. גאַרנישט האָט אים איצט געאַרט און אויך דער בונד מיטן קבר, וואָס האָרט נעבן געצעלט, איז מער נישט געווען אַזאַ שאַרפער. האָט ער זיך צו ערשט אָנגעגעסן און אויסגעטרונקען דאָס לעצטע ביסל וואַסער פון דער פעל אוןביים טרינקען געקוקט דאָ אויפן ברווינלעכן בערגל פונעם קבר און דאָ אויפן הימל — צי וועט זיין רעגן? צי וועט ער קענען האָבן וואַסער פאַר זיך און פאַר די פערד, אָדער וועט נישט זיין רעגן און קיין וואַסער וועט נישט זיין? ער האָט אויסגעטרונקען ביז צום לעצטן טראָפּן. נישט וויכטיק איצט. די גלידער האָבן אים ווי געטאָן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט כדי איבערצוווינדן דעם ווייטיק אין לויפן.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך די פערד און ביים יאָגן זיך נאָך זיי, ביי זיין אַלטן קונציקן שטייגער צו פאַרלויפן אַ פערד פון אַ זייט, ער זאָל אים אַריינפאַלן מיטן קאָפּ אין די אָרעמס, זענען אים אָנגעפלאָסן כוחות אין די גלידער. דער ריח פון די פערד, דער מילדער תמימותדיקער גלאַנץ פון זייערע אויגן, האָבן אים געמאַכט פילן זיין אייגן לעבן.

נאָכן צוזאַמענעמען דעם געצעלט און איינשפּאַנען די פערד, איז ער אַראָפּ נידעריקער אין טאָל אויף צו זוכן אַ שטיין, אַ שטיקל פעלדז. און אַז קיין גרויסן שטיין האָט ער נישט געפונען, האָט ער אין דער פּאָלע אָנגעקליבן אַ צענדליק פעלד־שטיינער, אויסגעלייגט זיי אין אַ שטויס אויף פלאַוויאַס קבר, און שטייענדיק איינגעבויגן האָט ער געזאָגט שטיל, ווי עמעצער וואָלט אונ־טערגעהערט און ער שעמט זיך עס צו זאָגן:

„איך האָב געוואָלט פאַר דיר אַראָפּציען דעם הימל צו ערד. דו ווייסט עס, פלאַוויאַ. אָבער מער ווי פאַר שטיינער אויף דיין איינזאַמען קבר איז מיר נישט געגעבן געוואָרן צו טון פאַר דיר. איך האָב געוואָלט אַזוי פיל און גיב דיר אַזוי ווייניק. זיי מיר מוחל, פלאַוויאַ. זיי מיר מוחל״.

ער איז אַרויף אויפן וואָגן און אַ שמיץ געטון די פערד. די אויסגערוטע און אָנגעפרעסענע חיות האָבן אַ צי געטון דעם לייכטן וואָגן און אַוועק אין אַ גאַלאָפּ, לאָזנדיק נאָך זיך אַ וואָלקן שטויב. און בעת אַרטאַפּאַנוס האָט זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט, נאָך אַ מאָל צו זען דעם קבר פון פלאַוויאַ, האָט ער שוין אַפילו נישט געזען דעם פלאַץ פונעם קבר און נישט דאָס ערד־בערגל. פאַר אים האָט זיך, ווי דער געלעגער פון אַן אויסגעטרוקנטן טייך, אויסגעשפּרייט אַ לאַנגער וועג באַרג־אַרויף, באַרג־אַרויף, ביז צום האָריזאָנט, וואָס איז געווען פאַרווישט, נעפּלדיק פאַרווישט...